STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00375

BAY DER VAYSL

Mendel Mann

Permanent preservation of this book was made possible by
Rabbi Alan & Jean Loeb Lettofsky
in memory of
Phillip Lettofsky

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדל מאַן * ביי דער ווייסל

מענדל מאַן

ביי דער ווייסל

פאַרלאַג
י. ל. פּרץ
ביבליאָטעק
תל-אביב, ישראל

ביי דער מיטהילף פון ייִדישן וועלט-קאָנגרעס אין ישראל

1958

Mendel Mann

BY THE VISTULA

©
by Mendel Mann
Printed in Israel, 1958

נדפס בישראל

דפוס קואופ׳ „אחדות״, ת״א

קאַפּיטל איינס

אין די מיטאָג־שעהן האָט דער שניי געטייעט. דער נאַקעטער סטעפּ האָט אויפגעלעבט. פון אַן אַלטער ווערבע האָבן געטריפט טראָפּנס אויף אַ ניט־געטראָטענעם שניי און אים אין אַ קרייז, אַרום בוים געשטופּלט מיט געלע פּאָקן־גריבלעך. ערגעץ־ווו האָט זיך געשוואַרצט דער רוקן פון אַ פלאַך בערגל. אַ צעקנאַדערטער קוסט מיט פּאַראייזיקטע צווייגן האָט אַ בלענד־געטאָן אין דער זון. די שניישפּורן פון פייגלטריט זענען פאַרפולט געוואָרן מיט זונזילבער. זיי האָבן געוווּנקען צו די ליכטיקע הימלען.

נאָר פון יענער זייט טאָל, ווו עס זענען געלאָפן די טעלעגראַפן־סלופּעס, האָבן זיך געטונקלט שיפּע דעכער, שוואַרצע קוימענס און באַראַקן. טונקל־ברוינע, זשאַווערדיקע רעלסן האָבן צעשניטן אַ שטיק שנייפלאַך און זענען אָפּגעהאַקט געוואָרן ביי אַ בלינדער צוים. ערגעץ צווישן קוימענס און דעכער איז געהאַנגען אַ טויטער נעפּל, אַ געדיכטער, אַ פאַרגליווערטער, אַ ווייס־בלאָלעכער ווי אַ בעלמע.

ווען עס האָט זיך צעשריִען די סירענע, האָט פון די נידעריקע, האַלב־אָפענע געביידעס געזעצט אַ פייכטע פּאַרע. זי האָט זיך געקנוילט, צווישן די שמאָלע דורכגענג, געוויקלט זיך אויף די מויערן און צוימען און דער־גרייכט צום נעפּל איבער די דעכער.

די שאַכטעס זענען איצט פאַרהילט געווען אין אַ טומאַן און פון דעם טומאַן אַרויס האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג, אַ טונקעלער קנויל — דאָס איז געווען אַ געזעמל מענטשן, איינגעפּאַלענע, איינגעיאָזשעטע, מיט וואַטענע שפּענצערס שוואַרץ־גרויע, מיט אויגן פאַרלאָשענע, ווי מאַטע קויל־שפּליטערס. אַז די מענטשן זענען אַריבער דעם צוים אין דער ריכטונג

צו די באַראַקן, האָט זיך די זון נאָך ניט געהאַט געזעצט. דער סטעפּ האָט איצט זיך געגאָלדיקט אין דער זון און דער אייבערשטער שניי וואָס האָט געטייעט איז מיט אַ מאָל פאַרגלאָזיקט געוואָרן און זיך געמיניעט ווי געשליפענער קרישטאָל.

אַז ס׳איז שטיל געוואָרן, איז שוין די נידעריקע פאַרע געשווומען איבער די שנייפלאַכן און האָט זיך געפלאָנטערט ביי די קוסטעס נעבן די ווייטע בערגלעך. געבליבן איז נאָר דער פאַרגליווערטער נעפּל איבער די טונקעלע דעכער און קוימענס.

ביים אַריינגאַנג צו די באַראַקן, אויפן שניי, איז געזעסן אַ פויערטע און לעבן איר איז געלעגן אַ גרויסע טאָרבע. די פויערטע האָט אומרויִק געזוכט מיטן בליק און אירע ליפּן האָבן עפּעס געמורמלט. ווייזט אויס, אַז זי איז געקומען פון גאָר ווייט. מען האָט דאָס געזען לויט די קליידער, לויטן קאָליריקן מיזרח־שפּענצער. איר אָליוו פּנים האָט געלויכטן מיט מילדקייט, מיט זוניקער גוטסקייט. ווי נאָר זי האָט דערזען דאָס געזעמל מענטשן וואָס איז אָנגעקומען פון דער שאַכטע, האָט זי זיך אויפגעהויבן. אַרום די שיפע אויגן אירע זענען געוואָרן ציטערנדיקע קאַרבן.

אַ מענטש האָט זיך האַסטיק אָפּגעטיילט פון קרענצל און אַראָפּגעזעצט זיך אויף די פיס. די פויערטע האָט זיך איבער אים איינגעבויגן און מיט וואָרצל־פינגער געפירט איבער זיין פּנים.

— העי, שאַריפּין, זשינקאַ!... — כאַראָש!... — האָט עמעצער פון געזעמל מענטשן אויסגערופן.

— וואָט, באַבאַ... כאַראָש... — האָט מען געשעפּטשעט.

שאַריפּין איז אַזוי געזעסן אויף די קני אַ שוויגנדיקער. פון די אויגן־ווינקלען האָבן זיך געקייקלט טרערן און זענען פאַרשווונדן אין די פּנים־קאַרבן.

מנחם האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן. ער האָט געזען ווי די פויערטע גלעט מיט ציטערנדיקע, פאַרפרוירענע פינגער דעם טאַטערס קינבאַקן, די שיפלעכע אויגן, די ברעמען, דעם רוקן. זי האָט צו אים קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, צו שאַריפּינען, נאָר געזוכט מיט די פינגער, ווי זי וואָלט פּלוצעם געשלאָגן־געוואָרן מיט אַ בלינדקייט. שאַריפּין האָט לייכט גע־

ציטערט מיט די שמאָלע ליפּן און מיט די נאָזלעפלעך, עס האָבן געבליאַסקעט זיינע צוויי גרויסע פעדערשטע ציין.

אין באַראַק איז געווען וואַרעם און פייכטלעך. מנחם האָט צעקניפּלט די אָניטשעס און זיי צעשפּרייט אויף דער פּריטשע. פון דער אונטערשטער נאַרע האָט אַרויסגעלויכטן דער געגאָלטער קאָפּ פון קודאַדאַטאָוון מיט די גרויסע אָפּשטייענדיקע אויערן.

אין דער צעעפנטער טיר האָט זיך באַוויזן שאַריפּין מיט זיין ווייב. ער האָט געשלעפּט אונטערן אָרעם אַ פאַרבלאָטיקטן זאַק. אַרום די קליינע אייזערנע אייוועלעך האָבן זיך געזאַמלט מענטשן און געטריקנט אָניטשעס אויף נידעריקע אָנגעצויגענע דראָטן. אַלעמענס בליקן זענען געווענדט געווען צו שאַריפּינען. מען האָט אים אָפּגעטראָטן פּלאַץ אויבן אָן און פאַרבעטן זיין באַבע צום פייער.

— קום באַלעבאָסטעטשקע... וואַרעם זיך אָן די ביינדעלעך... אָנגעמוטשעט זיך... געשלעפּט זיך איבער ראָסיי?... אין די וואַגאָנעלעך...

דאָס האָט גערעדט אַנטיפּ צו דער טאָטערין. ער איז אומרו:ק געווען, דער דאָנער קאַזאַק, אין די שאַכטעס פון אוראַל. אַן אָדלער מיט אונטערגעבראָכענע פליגל אין אַ וויסטן טאָל, האָט ער זיך איצט געשלאָגן מיט זיינע גרויסע האַנטפלאַכן פאַר אַן אָרט ביים אייזערנעם אייוועלע.

— לאָז, זונעלע, לאָז די באַביאָנקע זיך אָנוואַרעמען...

אַנטיפּס נאָזלעכער האָבן געעטעמט, ווי ער וואָלט געוואָלט דערשפּירן דעם ריח פון די רוסישע רחבותן, וואָס אָט די יונגע טאָטערקע האָט מיט זיך געבראַכט אין די פאַלדן פון אירע קליידער. אַנטיפּ האָט זיך אין דער שאַכטע פאַרלאָזט אַ באָרד, ניט געשוירן דעם שוואַרץ־קודלאַטן קאָפּ. קיינער האָט ניט געקענט דערגיין זיין עלטער. אויפן ערשטן בליק האָט ער אָפּגעשראָקן מענטשן מיט זיין נאָכלאָזיקן אויסזען. ערשט ווען דו האָסט אַריינגעקוקט אין זיינע גרינע סאַזשעלקע־אויגן האָסטו זיך דערמאָנט אָן וויגנדיקע טייכבלעטער, וואָס לאָקן צו זיך, און אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט האָט דיך אַרומגענומען און דו האָסט ניט געוווסט נאָך וואָס און נאָך וועמען, אַן אומרו האָט זיך געוועקט נאָך ווייטקייטן, צו גרינע לאָנקעס, צו איינזאַמע כוטאָרעס און צו פרייע אָפענע שליאַכן, שליאַכן אָן גרענעצן,

צעשניטענע פון רעדער־פאַסן, ווו יעדער אָנטרייבער האָט זיך געהאַט זיינע רעדער־אָפּדרוקן.

פון די פריטשעס האָט מען זיך מיט אַ מאָל אַ לאָז־געטאָן צו די טירן, קלימפּערנדיק מיט די בלעכערנע טעפּלעך. דאָס איז מען געגאַנגען אָפּנעמען די פּאָרציע זופּ.

מנחם האָט געקוקט אויף דער טאָטערין. עס האָבן געקוקט אויף דעם טאָטערישן פּאָר די באַראַק־תּושבים. מנחם האָט געזען אירע שיפּלעכע אויגן, די שאַרפע קינבאַקן, די טונקל־גערונצלטע אויגן־ווינקלען און ער האָט אויפגענומען אַ טיף־אָטעמדיק פרעמד געשעפּטש פון מאַן און פרוי.

עמעץ האָט אים אַ שטויס געטאָן.

— נו, טשעהאַ...

די געשטופּלטע מאַרפע האָט געגאָסן זופּ פון אַ גרויסן קעסל. אַ קאַזאַך, אַ נידעריקער, אַ פליכצוואַטער, מיט עטלעכע שוואַרצע האָר אויף דער גאָמבע, האָט הייזעריק געלאַכט צו דער געשטופּלטער און הכנעהדיק אונטערגעטאַנצט אויפן אָרט. עמעצער האָט בייז אַ קלאַפּ געטאָן מיט די לאַפּטשעס אינעם קעסלבלעך, אַ צווייטער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן דורכגאַנג און מיט איין שלונג אַ זופּ־געטאָן דאָס ביסל שיטערס. דער־נאָך איז מען געזעסן אויף די נאַרעס. מען האָט פאַרראַכטן די שפּענצערס, צוגענייט קנעפּ, געלייגט לאַטעס אויף אויסגעריבענע הויזן. אַנטיפּ האָט ניט געקענט אויסהאַקן קיין פייער פון זיין שטיינדל. ער האָט געוואָלט פאַררייכערן און געפּוילט זיך אַראָפּצוקריכן פון דער פּריטשע. טייל מאָל האָט אַ שפּרונג־געטאָן אַ פונק ווי אַ שטערן וואָס פאַלט אין דער פינצ־טערניש אַריין. די קנויט האָט זיך ניט אָנגעצונדן. ער איז געווען ניט־אויפגעלייגט, אַנטיפּ.

— דו זאָלסט פּגרן... זאָלסט קראַפּירן... אין דיין מאַמעס מאַמען אַריין... חזיר־אויער... דו פאַראַדע פאַהאַנע...

דאָס האָט אַנטיפּ אַזוי אַריינגעלייגט דעם קרעמען. ער האָט אים אַ וואָרף־געטאָן און זיך אויסגעצויגן, געלעגן מיט דער ניט־אָנגעצונדענער פייקע און געסאָפּעט.

די געשטופּלטע מאַרפע האָט אויפגעהערט זיך חנדלען צו אַנטיפּן.

ווען ער איז היינט פאַרבייגעגאַנגען לעבן קעסל, האָט זי אויפגעדעקט די שטאַרץ און געלאָזט אַ וואָלקן פּאַרע. ער האָט ניט געזען איר פּנים. זי האָט קוויטשיק אויסגערופן — ווייטער! ניט געשטאַנען! — אַזוי איז שוין אַ גאַנצע וואָך.

דער קאַזאַך האָט זיך צוגעשאַרט מיט זיין שטיל געגנגעלע צו אַנטיפּן און אים אונטערגעטראָגן אַ טליִענדיקע האָלאָווע שקע.

— אַנטיפּ... קיריל?... ניע קיריל... כאַ־כאַ־כאַ...

אַז ס'האָט זיך געטראָגן דער רויך פון אַנטיפּס פּייקע, איז דער קאַזאַך אויפגעלייגטער געוואָרן. ער איז אַרויף אויף דער פּריטשע און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד.

— עך, אַנטיפּ... טי כאָראָש טשעלאָוויעק... מאָרפאַ ניע כאָראָש...

— דו, אייזל קאַזאַכישער! — האָט אַנטיפּ געזאָגט.

ביי דעם אייוועלע איז געזעסן דאָס טאָטערישע פּאָרפאָלק. אין באַראַק איז שוין געווען פינצטערלעך. פון די פּריטשעס האָבן זיך אויסגעטיילט די פונקען פון פּייקעס און פון די געוויקלטע „ציגנפיסלעך". אַ געדיכטער טיטון־רויך האָט זיך געקנוילט אין דער האַלב־פינצטערניש און איז געבליבן הענגען אַרום די אויסגייענדיקע אייזערנע אייוועלעך. דער קאַזאַך האָט זיך איינגעקנוילט און אַריבערגעצויגן איבער זיך זיין לאַנגן מאַנטל. ער האָט ניט פאַר ווען עמען צו דערציילן וועגן זיין היים, וועגן די שיינע טאָלן, וווּ עס געפינט זיך דער הירשן־מעד, וועגן די זאַמד־דיונעס, וווּ דו זעסט די זמיִע־פּעטלעס — סימנים פון שלאַנגען וואָס שלייכן זיך דאָ דורך אין די לבנה־נעכט. ער וועט שוין מער ניט נייען סאַנדאַלן מיט אָקסענע אָדערן אין די קילע פאַרנאַכטן און ניט באַנעמען דאָס געזאַנג פון די מידבר־ווינטן.

יעדעס מאָל האָט זיך עמעצער איבערגעוועקט, חידושדיק געקוקט צום ניט־אויסגעגאַנגענעם אייוון און געזען אין קליינעם ליכטקרייז די פאַרמירמלטע פּנימער פון טאָטערישן פּאָרפאָלק. זיי זענען איצט געזעסן אויף די פאַרלייגטע פיס און געוויגט זיך צום ריטעם פון אַ געמיינזאַמער שעפּטשעריי.

די טאָטערין האָט אַלעמען אומרויִק געמאַכט. מען האָט ניט געקענט איינשלאָפן. באַלד וועט אַ רעוועַ־טאָן די סירענע. מען וועט זיך ווידער

שפּאַרן צו די טירן, אויפשטעלן די קעלנער און מיט איינגעצויגענע אַקסלען טראָגן זיך צו די שאַכטעס. דאָרט וועלן קלימפּערן די קייטן. מען וועט זיך אַראָפּלאָזן אין אַ קלעפּיקער געדיכטעניש. עס וועט ווערן איבלדיק און אין די שלייפן וועט זיך הוידן דאָס קליינע אָדערל אַזוי ווי אַן אומרו. דערנאָך וועט מען טרעטן איבער קויל־שטיינער, פאַרפּלאָנטערן זיך אין אַן אַלייע פון סלופּעס, בלינד טאַפּן מיט די הענט און אַרום וועלן ווידער ברענען אָרעמע, בלאָנדזשענדיקע פלעמלעך. עמעצער וועט שעלטן אַלע הייליקע און אַ הירזשעריי, אַ האַרצשניידיקס פון אַ פערד וועט זיך רייסן אין דעם שוואַרצן חלל. אָ, גאָט, לאָז די נאַכט זיך הייגט לענגער ציִען. פאַרהאַלט זי... — האָט מנחם געשעפּטשעט און אַ קוק־געטאָן צום קליינעם נעבעכדיקן ליכטקרייז אַרום אייוועלע. באַלד, באַלד, וועלן קומען צו לויפן די בריגאַדירן מיט געשרייען. זייערע קולות וועלן זיך אויסמישן מיט דער אומהיימלעכער סירענע. שאַריפן וועט אויפשפּרינגען און אויסמישן זיך מיט דעם געזעמל און פאַרשלונגען ווערן. דערנאָך וועט די טאַטערין אַוועק איבערן צעטראָ־טענעם שנייוועגל צום וואָקזאַלעכל. לאָז עס אַזוי דויערן ווי איצט. גוט איז צו קוקן פון דער פּריטשע אַראָפּ אויף דעם קליינעם היים־אינדזעלע לעבן אייוועלע.

— אַנטיפּ, שלאָפסט ניט? — האָט מנחם געפרעגט.

מנחם האָט איצט ניט געקענט שווייגן. ער האָט געוואָלט ריידן, אַנטיפּ האָט ניט געענטפערט, נאָר אַ וואָרף געטאָן זיך אויפן געלעגער און געקרעכצט.

שוין חדשים ווי מנחם געפינט זיך אין דער פאַרוואָרפענער העק פון אוראַל. ווען ער איז אַהער געקומען פון מאָסקווער פּראָנט, האָט ער געגעכטיקט אין די ערדשטיבלעך. ער האָט זיך אויפגעהאַלטן צוזאַמען מיט פאַרשיקטע פון טשיטאַ. מען האָט זיי געבראַכט אין די שאַכטעס אַריין אויפן אָרט פון די מאָביליזירטע שאַכטיאָרן. אין די ערדשטיבלעך איז געווען ניט אויסצוהאַלטן. יעדן טאָג האָט מען פון דאָרט אַרויסגעטראָגן קראַנקע.

די טשיטאַ־מענטשן האָבן געטראָגן אָנשטאָט לאַפּטשעס שטיקער

צעשניטענע אויטאָ־אַפּאַנעס, צוגעבונדן מיט עלעקטרע־דראָטן צו די פֿאַר־וויקלטע אָניטשעס. אין די אָונטן האָט מען געהייצט דאָס ערדשטיבל מיט שטיין־קוילן, און אַז די לייז זאָלן פֿאַרשווינדן, האָט מען פֿאַרהאַמערט די טיר און געלאָזט טשאַדן די שטיינקוילן — אַזוי האָבן געעצהט די אַלטע בערדיקע שאַכטיאָרן. — דאָס איז אַ גוט מיטל פּטור צו ווערן פֿון לייז, די בעסטע דיזנפֿעקציע. דערנאָך האָט מען זיך געוואַלגערט פֿאַרטשאַדעטע, פֿאַרחלשטע אויפֿן שניי.

מנחם האָט געטראָגן אויף די פֿיס שטיקער אויטאָ־אַפּאַנעס, געוואַשן דאָס העמד אין צעלאָזענעם שניי, ער האָט געזען ווי זיין הויט ווערט אויסטאַטויִרט פֿון שוואַרצע קוילן־שפּליטערס. די ערשטע וואָכן האָט ער געקרענקט, ניט געקענט זיך האַלטן אויף די פֿיס. אָבער שוין אויפֿן דריטן טאָג האָט ער געבעטן, אַז מען זאָל אים מיטנעמען אין די שאַכטעס. אין דער פֿינצטערניש פֿון די שמאָלע טונעלן האָט זיך אים פֿאַרדרייט דער קאָפּ און ער איז געבליבן זיצן ביי אַ סטאָלב. ער איז אַזוי אָפּגעלעגן ביז אַ וואַגאָ־נעטקע האָט אים אויפֿגענומען און צוזאַמען מיט די שיכט־אַרבעטער האָט ער זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער שאַכטע. אויף דער אייבערפֿלאַך האָט ער געעטעמט מיט אַן אָפֿן מויל און אין די שלייפֿן האָט אים געפּרעסט, ווי מען וואָלט זיי איינגעקלעמט אין אַן אייזערנעם רינג. דערנאָך איז ער געקומען צו זיך. פֿאַרטאָג האָט ער זיך צונויפֿגעדריקט מיטן געזעמל מענטשן, וואָס האָט געשפּאַנט צו דער שאַכטע. ער האָט געעטעמט מיטן ריח פֿון מענטש־לעכן שוויס, מיט טיטון־רויך. פֿון קורצן שלאָף איז ער פֿרישער געוואָרן. עס האָבן אים געהיילט די פֿאַרשנייטע סטעפּעס, די אומענדלעכע, מיט די טיפֿע הימלען איבער זיי. די טשיטאַ־מענטשן זענען גוט־געווען צו דעם שמאָל־אַקסלדיקן יידישן בחור פֿון פּוילן. זיי האָבן אים דערציילט וועגן די היימען, די ליכטיקע, די וואַרעמע, וואָס עמעצער האָט זיי פֿון דאָרט פֿאַר־טריבן ערגעץ ווייט, ווייט און דערנאָך איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיטן גערמאַניעץ. מנחם האָט זיי אויסגעהערט. מיט אויגן פֿיבערדיקע האָט ער געקוקט אויף זיי און אַן אָפֿן האַרץ האָט ער זיי אַנטקעגן געטראָגן — אַ האַרץ וואָס האָט אַריינגענומען אין זיך דעם גרויסן טרויער פֿון אומ־גליקלעכע, און זייבע אויערן האָבן אויפֿגענומען דאָס שטומע געוויין.

און דערציילט האָבן זיי וועגן די קליינע היימען מיט אַלטע ווערבעס בײַ די גאַניקלעך, מיט אַ גערטנדל אויף דער צווייטער זײַט פּלויט, מיט אַ זשוראַוו־ברונעם און טריפנדיקן עמער, וואָס שפּיגלט זיך אין גרינעם ברונעם־וואַסער... און אין איינער אַ נאַכט — טריט אויף די גאַניק־ברעטער און אַ שטיל קלאַפּן אין טיר... און אויס. אויס היים... שלאָגט זיך דער ברייט־פּנימדיקער, ביינערדיקער אַבילעוו אין דער צעכראַסטעטער ברוסט אַרײַן:

— דאָס האָט דער שיף־אויגיקער און הינקעדיקער פּרעדסעדאַטעל פון קאָלכאָז געטאָן... ער איז צו מײַן באַביאַנקע געקראָכן... געשיקט מיך אין די נעכטעלעך אין סטעפּ אַרײַן און אַליין בײַ מײַן כאַטע זיך געדרייט, געזוכט אַ חנדעלע צו מאַכן צו מײַן באַלעבאָסטעטשקע... דערנאָך מיך פֿאַרמסרט, אַז איך בין אַ ווראַג,* אַ ווראַג פון פאָלק...

— וואָס איז זי דיר אַ שאַד געווען... האָסט געדאַרפט לאָזן... איצט פּאָפּט זי מיט אים סיי ווי סיי... דאַ־דאָ... טשיסטאַיאַ פּראַוודאַ... — האָט דער קאַזאַך זיך געוויגט. זײַן פּנים האָט געגלאַנצט און די ליפּן זענען אים פייכט געוואָרן.

— דו, טשאָרט געלער! — האָט עמעצער בייז אויסגעשריִען.

דער איינגעשרומפּענער מוסאַ האָט זיך געדרייט אונטער די פּיס, געזוכט די רעשטלעך פון מאַכאָרקע, וואָס די רייכערער האָבן אַרויסגע־קלאַפּט פון די פּייקעס און זיי צונויפגעזאַמלט אויף דער האַנטפלאַך. די באַקן זײַנע זענען געווען פאַרוואַקסן מיט אַ האָר־מעך און די באַקעטע גאָמבע האָט געציטערט. פון אָפּענעם מויל איז ניט אַרויס קיין קלאַנג, ער איז תמיד געווען אַ פאַרשלאָסענער, אַ זייטיקער. אויף דער אונטערשטער פּריטשע, — ווו ער האָט זײַן געלעגער געהאַט, איז ער אין די נעכט געזעסן, געוויגט זיך און געדרימלט.

ווען מוסאַ האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען מנחמען איז ער געבליבן אַ פאַרחידושטער. מנחם האָט געקוקט אויף מוסאַס שוואַרצע ברעמען, אויף די טיף־אַרײַנגעזעצטע מאַנדל־אויגן און לאַנג געדריקט מוסאַס געלע פינגער.

---

* וורַאג — שונא.

ביי דער ווייסל

— טי טשעלאָוויעק ניע רוסקי, דאַ, ניע רוסקי... — האָט מוסאַ געשעפּטשעט.

— ניע רוסקי — האָט מנחם געשמייכלט.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך מוסאַ אַפּט אַוועקגעלייגט ביי מנחמס פּריטשע און שווייגנדיק געקוקט אויף די קליינע פאַרקראַטעוועטע פענצ־טערלעך. דאָס לעבן אין די ערדשטיבלעך און באַראַקן איז געוואָרן מיט יעדן טאָג שווערער. אין די קוילן־שאַכטעס איז מען אַריבער אַרבעטן אויף נאַרמעס און לויט די אויסגעאַרבעטע נאָרמעס האָט מען באַקומען די ברויט־צוטיילונגען. דאָס ברויט איז געווען פייכט און קלעפּיק, געמישט מיט אָפּפאַל, מיט קאַרטאָפל־שאָלעכץ. די שוואַכע האָבן געהונגערט, די וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן די וואַגאָנעטקעס, געדרייט זיך איבער די טונעלן, האָבן געזוכט אַרבעט אַרום די קאַשאַרן, אין די באַראַקן. עטלעכע טאָטערס האָבן זיך אַרויסגעגנבעט צום וואָקזאַל און פאַרקויפט פון זיך די העמדער, פאַרהאַנדלט די לעצטע אָניצעס און זיך אָנגעשיכורט. מיליציאַ־נערן האָבן זיי פון דאָרט געבראַכט און מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ וואַך ביים טויער. איצט איז מען שוין געגאַנגען צו דער שאַכטע אונטער אַ וואַך.

אין די שכבותדיקע קאַשאַרן זענען געווען ייִדן. מנחם האָט זיי זעלטן באַגעגנט. געווען דאָרט אַ ייִד פון קראָקע, אַ ייִד פון אַ וואָלינער שטעטל, אַ דייטשישער ייִד פון דרעזדען. זיי זענען געווען דערשלאָגן. זיי האָבן אויסגעמיטן צו ריידן וועגן זיך, געפּרעגט זיך נאָר אויף אייגענע און ווו מען קען צוקויפן אַ פּענעץ ברויט.

אין יענע טעג איז אַנטיפ פריילעכער געוואָרן. ער האָט אין די אָוונטן געזונגען לידער פון דאָנער קאָזאַקן, פון העלהאַריקע דיוושינעס. די גע־שטופּלטע מאַרפאַ האָט זיך מיט אים איבערגעבעטן. אין אַ זונטיק איז ער געקומען אַן אונטערגעשוירעגער. ער ווערט אַ בריגאַדיר און וועט זיך אַליין צוקלייבן אַ קליינע בריגאַדע. ער האָט איבערגענומען אונטער זיין קאָמאַנדע די מענטשן פון די שכבותדיקע פּריטשעס. אויך מנחם איז אַריין אין אַנטיפס בריגאַדע.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן טעג פון שווערער אַרבעט און פון הונגער.

אַזוי ווי בלינד־געוואָרענע שאַכטע־פערד זענען די מענטשן געגאַנגען אין דער נאַכט־פינצטערניש צו די באַראַקן. מען האָט געטאָפּטשעט אין אַ בלאָטיקן שניי, געוויגט זיך אויף די צעיוירענע לאַפּטשעס, אויף די שטיקער גומי און אָוועקגעפאַלן אויף די קאַלטע נאַרעס. צווישן דעם געזעמל איז געווען עמעצער וואָס האָט בייז געשריִען:

— העי, מוזשיקעס, אָדלערלעך, לאָזט די פליגעלעך ניט אַראָפּ! האַלט זיך, זונעלעך!

מנחם האָט געריסן זיך פון דעם מיד־און־מאַטן דרימל, צעקניפּלט די אָניטשעס, געטריקנט די פיס, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם צעצויטלטן וואַטענעם שפּענצער און געהאַלטן צינדן פייערלעך אין די אייזערנע אייוועלעך. דערנאָך איז ער געזעסן אויף די פאַרלייגטע פיס מיט מוסאַן, מיט אַנטיפן און שאַריפינען און געקוקט אין דעם קוילן־זשאַר אַריין. ער האָט געשפּירט די וואַרעמקייט אויף זיינע באַקן, אויפן שטערן, ער האָט געשטרעקט די הענט צום פייער. געוואָרן נאָך שמעלער אין די אַקסלען. זיין אָדלער־נאָז איז שאַרפער געוואָרן און די גרויסע שוואַרצע אויגן זענען טיפער אַריין אין די לעכער, נאָר די קינבאַקן, די אָפּגעברענטע פון סטעפּ־זון און צעפּאַטשטע פון די שניי־וויוגעס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט און דערמיט נאָך מערער אונטערגעשטראָכן די איינגעפאַלנקייט פון די באַקן.

טייל מאָל האָט ער זיך אויפגעריסן פון קורצן און האַרטן שלאָף און צעעפנט פאַרחידושטע אויגן. ער האָט געזען: שוואַרצע שאָטנס אויף גאָרנדיקע פּריטשעס, פאַרקנוילטע ווי קוסטעס ביי פאַרפרוירענע נאַכטיקע טייכן, אַ פאַרקראַטעוועט פענצטערל וואָס שווימט אַרום און אין מיט פון דער חשכות גליִט אַ גרויס, רויט אויג. ער איז געפאַנגען געוואָרן פונעם רויטן אויג און געוואָלט זיך צוטוליען צו דעם לאָקנדיקן זשאַר, וואָס טליִעט אין מיט פון אַ שוואַרצן תּהום. ווער האָט אים אַריינגעשליידערט אַהער, אינעם תּהום אַריין? וואָסער געוויטער האָט אים פאַרטראָגן פון ווייסל־לאַנד און טראָגט אים אַזוי אָן אויפהער? אָט איז ער אין דאָרף טענגושיי. איוואַניטש און מאַריאַ פּעריפּעראָוונאַ באַגלייטן אים... ליאָסקאַס הענט שענקען אים אַזאַ מיידלשע וואַרעמקייט... אָט גייט ער איבער די חורבות פון נאַווילקאָווע... יאָהאַן שטימלמייער דער געפאַנגענער און

סוזייעוו דער שעף פון דער באַזע... וואָס איז ווייטער געשען? וואָס איז געשען? ווער איז דאָס גאַלינקאָוו מיט די קליינע אַקוואַריום־אויגן? פאַר וואָס שטייט פּיעטראָוו אַזוי גלייכגילטיק מיט אַ פאַרשטיינערט פּנים? העי, פּיעטראָוו, פּיעטראָוו, דו לעבינגראַדער, דו פּוטילאָוויעץ, דו דערפאַרענער רוס! דערקענסט מיך ניט?... דאָס בין איך, מנחם... מיכאַיל איסאַקאָוויטש... דערקענסט מיך ניט?... גיב מיר דיין האַנט... דו קענסט דאָך מיך... דערצייל זיי וועגן מיר, דערצייל דעם נאַטשאַלניק פון דער שאַכטע... סוזייעוון... עס איז געשען אַ טעות... איך דאַרף איצטער זיין מיט דיר... אויפן פראָנט... גיט מיר אָפּ מיין אויטאָמאַט. לאָזט מיך מיט אייך גיין אויף סמאָלענסק, אויף ווייסרוסלאַנד... דו הערסט, פּיעטראָוו?...

ער האָט געוואָלט אַ זעץ־טאָן דעם צעגליטן קאָפּ אָן די באַראַק־ווענט — און אָנגעטראָפן אַ חלל. אַרום דער ברוסט האָט אים געקלעמט, ווי ער וואָלט איינגעשלאָסן געווען אין צוואַנגען.

עמעצער האָט זיך צעהוסט. דאָס איז געווען אַ טרוקענער הוסט, ווי מ'וואָלט געבראָכן פאַרפרוירענע שפענער. ערגעץ נאָענט האָט מען גע־קרעכצט און לאַנג געכאָרכלט. און אין דער נידער האָט זיך מיטגעוויגט מיט מוסאַן אויך זיין שאָטן, אַ קוים־אָנזעעוודיקער שאָטן אויף דער באַראַק־פאָדלאָגע.

אין איינער פון אַזעלכע נעכט איז מנחם אַראָפּ פון דער פּריטשע און זיך אַוועקגעזעצט ביים אויסגייענדיקן פייער פון אייוועלע. ער האָט צוגעוואָרפן שפענער און קוילן און עס איז ליכטיק געוואָרן פון אַן אויפ־גייענדיק פייערל.

דער קאַזאַך האָט זיך דערנענטערט מיט קעצישע טריט.

— פּאָליאַק אומנאַי... פּאָליאַק כאַראַש...

דעם קאַזאַכס שטערן איז פול געוואָרן מיט קנייטשן און די נאָז־לעכער האָבן זיך צעשפּרייט. ער האָט געוויזן צוויי גרויסע פאָדערשטע ציין ווי ווידלעס. דאָס האָט ער אַזוי פריינדלעך געשמייכלט. זיי זענען געזעסן ביים פייער און שטיל געשמועסט. גערעדט האָט דער קאַזאַך. דאָס איז געווען אַ געמיש פון קאַזאַכיש און רוסיש. אַלץ האָט ער געוווסט דער „געלער טשאָרט". ער האָט געוווסט, אַז אויפן וואָקזאַל דרייען זיך אַרום

„פּאָליאַקן”, ביי זיי קען מען קריגן געקויפט אַ פּענעץ ברויט און אַ גלאָז מאַכאָרקע; אַז דער גערמאַניעץ האַלט זיך פעסט; אַז ס'איז געקומען אַ מיליטערישע קאָמיסיע אין די שאַכטעס אַריין אויסצוקלייבן די געזונטע. — אונדזערע לייגן איצט די קעפּעלעך די אומגליקלעכע — האָט ער זיך איבערגעבויגן איבער מנחמען און געוויזן מיט דער האַנטפּלאַך אויף דער פּאַדלאָגע, — אָט אַזוי, קאָפּ אויף קאָפּ פאַלן אונדזעריקע... יעי באָגו, פּאָליאַק... עך, אָט אַזוי ביי דעם פייערל איבערזיצן ביזן סוף פון דער מלחמהלע און דערנאָך צוריק אין קישלאַק אַריין קומען... איי, דו פּאָליאַק שוואַרצאויגיקער... מ'זאָגט אַז איר זענט אַ קלוג פאָלק... פאַר וואָס ביסטו אַ דוראַק... אַזאַ גראַמאָטנער... יעי באָגו... געדאַרפט אין קאַנטאָר זיצן... אַלע אייערע זיצן אין קאַנטאָרן... עך, אָרעמער...

פון דער אייבערשטער פּריטשע האָט זיך עמעצער צעשריען, דאָס איז אַנטיפּ.

אַנטיפּס קול האָט אומהיימלעך אָפּגעהילכט אין דעם שטיל־געוואָרענעם באַראַק. מנחם איז אויפגעשטאַנען און אויסגעקערעוועט זיך מיטן רוקן צום קאַזאַך. ער איז שוין מער ניט איינגעשלאָפן. אַ מיליטער־קאָמיסיע איז דאָ אין די שאַכטעס! זי איז געקומען פון דער קרייז־שטאָט! — העי, קאַזאַך! דו ווייסט עס אויף זיכער? איז דאָס אמת?

— זיכער... זיכער פּאָליאַק... אַליין געזען... אַניט זאָל איך איינגעטריקנט ווערן ווי בהמישער אָפּפאַל אין סטעפּ...

אַנטיפּ האָט זיך הייזעריק צעלאַכט. זיין געלעכטער האָט זיך אויסגעמישט מיטן געוואָי פון דער סירענע.

אין דרויסן איז נאָך שטאַרק פינצטער. נאָר ווייט־ווייט אין סטעפּ גראָט שוין.

מנחם איז דעם טאָג ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט. ער איז געבליבן אויף דער נאַרע און לאַנג געקניפּלט די אָניטשעס; פאַרקניפּט מיט שטריק די גומענע טרעטערס, איינגעצויגן דעם שפּענצער, פאַרוואָרפן איין פּאָלע אויף דער צווייטער, אָנגעטאָן דעם פוטערנעם הוט מיט די צעפלאַטערטע לאַפּן. ווען ער איז אַרויס פון באַראַק האָט שוין געליכטיקט, דער נעפּל איבער די שאַכטע־קוימענס איז געוואָרן דורכזעעוודיקער. אין קאַנטאָר איז

קיינער ניט געווען. די געשטופלטע מאַרפע, אין אַ לאַנגן גרויען שינעל און דער קאַפּ פאַרהילט אין אַ ווייסן וואָלענעם שאַל, איז פון ערגעץ אָנגעקומען. דער גרוזינישער אויפזעער האָט זיך בייז צעשריִען.

— ראַבאָטאַט נאַדאָ! פּאָנימאַיעש, יעוורעי!...

דאָס איז געווען כאַטשאַפּורידזע, דער אויפזעער איבער אַנטיפּס בריגאַדע, דער פאַרטיימאַן און אָנפירער פון ספּעצאַפּטייל. מען האָט אים גערופן פאַרקירצט: כאַטשאַפּ. אומעטום איז ער אויסגעוואַקסן אומגעריכט ווי אַ שאָטן. אין די באַראַקן האָט ער געהאַט זיינע אייגענע מענטשן וואָס האָבן אים אַלץ צוגעטראָגן.

מנחם האָט אים געוואָלט אויסמיידן און ער איז אַריין אין דער געביידע פון שאַכטע־נאַטשאַלניק.

— אַוודאי קראַנק! ווילסט צום דאָקטאָר? — ער האָט זיך אומהיימלעך צעלאַכט. די פאַרבייגייענדיקע מאַרפע האָט זיך פאַרהאַלטן און מיטגעלאַכט.

— אַ שוואַך האַרץ...

— וואָס שווייגסטו? גיי צו דער אַרבעט!

מנחם איז נאָענט צוגעגאַנגען צום גרוזינער, אַזוי נאָענט, אַז יענער האָט זיך צוריקגעצויגן אויף אַ פּאָר טריט.

— כ'וויל צו דער מיליטערישער קאָמיסיע! איך וויל אין דער אַרמיי...

מאַרפע האָט אַ וווּנק־געטאָן מיט די וואַסער־אויגן. דער גרוזינער האָט זיך פאַרלאָרן און עפּעס געשטאַמלט. דער שאַכטע־נאַטשאַלניק האָט געקוקט אויף מנחמען און ניט געלייגט קיין אַכט אויף זיינע רייד. מנחם איז אָבער ניט אָפּגעטראָטן אַ גאַנצן טאָג פון דער קאָנטאָר. נאָך מיטאָג זענען געקומען עטלעכע מיליטער־לייט. זיי האָבן שוין געהאַט צוגעגרייטע צעטלען: מען האָט גערופן אַנטיפּן, מוסאַן, שאַריפּינען און אַבילעוון.

— האָסט ניט מורא פאַר אַ ביקס? — האָט עמעצער געכיקעט אין מנחמס אויערן אַריין.

פאַר נאַכט האָט מען אים גערופן צו דער קאָמיסיע.

— סעמיאָנאָוו! אָט איז דער פריוואָליקער!

מנחם איז געשטאַנען אַן אויסגעגלייכטער פאַר די מיליטער־לייט.

— געווען אין דער אַרמיי?

— געווען.

— ווי אַזוי ביסטו אַזש אַהער פאַרקראָכן?

— כ׳ווייס ניט ווי אַזוי. מען האָט מיך געשיקט. כ׳בין געווען לייכט פאַרוווּנדעט. איצט בין איך געזונט.

צו ערשט איז מנחמס שטים געווען אַ געבראָכענע, אָבער מיט יעדער רגע איז זי קרעפטיקער געוואָרן. ער האָט הויך געהאַלטן דעם קאָפּ און אַלעמען געקוקט אין די אויגן.

דער שאַכטע־נאַטשאַלניק האָט זיך געשושקעט מיט דעם גרוזינער כאַטשאַפּורידזע. דער גרוזינער האָט פאַרקוועטשט דאָס רעכטע אויג און פון לינקן אויג האָט אַרויסגעקוקט אַ שמאָל, גרין פּאַסיקל. איבער זיינע אויגן זענען געלעגן שווערע, געדיכטע ברעמען. מיט אַ מאָל האָבן זיך די שוואַרצע ברעמען אויפגעהויבן און כאַטשאַפּ האָט שפּאָטיש אַ פרעג געטאָן:

— ווּעסט שיסן אויף גערמאַנצעס?

מנחמען האָט דאָס בלוט אַ שלאָג־געטאָן אין פּנים אַריין. ער האָט באַמערקט עמעצנס אַן איינגעהאַלטן געלעכטערל. דערנאָך איז שטיל געוואָרן. די מיליטער־לייט האָבן לאַנג געבלעטערט פּאַפּירלעך. ער האָט זיך פאַר־האַלטן ביים לאַנגן טיש קעגן איבער דעם גרוזינער:

— דו האָסט ניט קיין רעכט צו ריידן... דו האָסט דאָך קיין שאָס ניט געהערט און אַפילו אין דער שאַכטע זיך ניט אַראָפּגעלאָזט! דו ביסט עס דער פאַראַנטוואָרטלעכער?... דו העלד צו דער געשטופּלטער מאַרפּע...

עמעצער האָט אָנגענומען מנחמען פאַר די אַקסלען. דאָס איז געווען אַנטיפּ. פון וואַנען נעמט זיך אַנטיפּ אין קאַנטאָר?

— מיכאַיל... מיכאַיל...

מיט אַ מאָל האָט זיך מנחם צעלאַכט מיט אַ בייז און טרוקן געלעכטער.

— כאַטשאַפּ! ווילסט וויסן צי איך האָב מורא פאַר אַ ביקס? העי, אָפיציר, גיט מיר אייער אויטאָמאַט, וועל איך אים ווייזן אַז איך קען טרעפן אין ציל!

מנחם איז געשטאַנען אַנטקעגן די אָפיצירן פון דער קאָמיסיע אַן אויסגעצויגענער, אויף דער ערד איז געלעגן זיין וואַטענער שפּענצער. ער

ביי דער ווייסל

האָט אים אַ שאַר געטאָן מיט די פיס און אויסגערופן:

— שיקט מיך אויפן פראָנט! וואָס האַלט איר מיך דאָ? איך וויל אין דער אַרמיי!

— לאַדנאָ... לאַדנאָ... — האָט זיך אָנגערופן איינער פון דער קאָמיסיע. — קענסט גיין. מיר וועלן באַטראַכטן.

די מיליטער־קאָמיסיע איז געקומען מאָביליזירן דעם איבעריקן אַדמיניסטראַטיוון פערסאָנאַל פון די שאַכטעס. עס האָבן זיך דאָ אָנגעזאַמלט אַלערליי דירעקטאָרן, אויפזעערס, פּאַרטיי־פונקציאָנערן, בוכהאַלטאָרן, פּלאַנאָוויקעס און סתם מענטשן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון מיליטער־דינסט. דער קאָמיסיעס אויפגאַבע איז ניט געווען קיין לייכטע. יעדער קאָמיסאַריאַט האָט געהאַט רעכט צו „פּאַרבראָנירן" זיינע מענטשן. כאָטש געזונטע און מיליטעריש־צוגעגרייטע, זענען זיי אַרויסגענומען געוואָרן פון מאָביליזאַציע־געזעץ. אַזוי האָט דער קאָמיסאַריאַט פאַרזיכערט דעם דירעקטאָר פון דעם שאַכטע־אָפּטייל און זיינע געהילפן פון דער סכנה מאָביליזירט צו ווערן. די פּאַרטיי האָט געהאַט איר פאַרשטייער — כאַטשאַפורידזן. די זיכערהייטס־אָרגאַנען האָבן געהאַט זייערע „בראָנירטע" פאַרשטייער. כדי אָבער צו דעקן דעם אַדמיניסטראַטיוון פערסאָנאַל, האָט מען געזוכט מענטשן פאַר דער מאָביליזאַציע צווישן די כלערליי געהילפן. דאָך האָט דער שאַכטע־אָפּטייל ניט געקענט אויספילן דעם באַשטימטן קאָנטיגענט. און ווייל מען האָט מורא געהאַט פאַרן צענטער, אַז מען באַהאַלט אויס אייגענע מענטשן, האָט דער דירעקטאָר אויסגעזוכט קאַנדידאַטן פאַר דער קאָמיסיע צווישן די שאַכטע־אַרבעטער, וואָס דאָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. די שאַכטע־מענטשן זענען אַהער געשיקט געוואָרן מיט ספּעציעלע טראַנספּאָרטן, ווי ניט־זיכערע עלעמענטן וואָס דאַרפן אינטערנירט ווערן. זיי זענען דערפאַר מאָביליזירט געוואָרן אין די שאַכטעס אַריין. איצט איז אַ גרופּע פון די דאָזיקע מענטשן צוגעטיילט געוואָרן צו דער מיליטער־קאָמיסיע דורכן דירעקטאָר פון דער שאַכטע, מיט דער שטילער הסכמה פון פּאַרטיי־פאַרשטייער. מנחם איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער קאָמיסיע און ער האָט באַקומען אַ מאָביליזאַציע־בילעט. דעם אַנדערן טאָג איז אויך אַוועק צוזאַמען מיט מנחמען אַנטיפּ, דער האַלב רוס האַלב טאָטער אַבילעוו און מוסאַ. ביים

וואָקזאַל האָט זיך אַרומגעדרייט די געשטופּלטע מאַרפע, זי האָט געטראָגן דאָס זונטיקדיקע קאָפּטיכל, מיט לאַנגע געלע פראַנדזן, וואָס זענען געפאַלן אויף איר סאַלדאַטסקן שינעל. זי האָט באַגלייט אַנטיפּן און געווישט זיך די אויגן מיט אירע גרויסע מענערישע דלאַניעס.

אַנטיפּ האָט פאַרכמורעט געקוקט אויף איר און הייזעריק געשעפּ־טשעט:

— נו דאָוואָלנאָ... דאָוואָלנאָ... מאַרפּ...

מוסאַ האָט זיך איינגעיאָזשעט ביי די קיפּיאַטאָק־קראַנען און געוואָלט דערוואַרעמען זיין בלאָ פּנים ביי דער פּאַרע, וואָס האָט געזעצט פון קאָכעדיקן וואַסער. אַבילעוו האָט זיך אַרומגעדרייט אַן אויפגעלייגטער. ער האָט איינגעהאַנדלט אַ ביסל מאַכאָרקע.

— מאַרפאַ באַגלייט שוין אין דער מלחמה דעם צוואַנציקסטן. ווי גאָט איז מיר ליב... כ׳האָב געוווּסט אַז אַנטיפּ וועט אָפּגעשיקט ווערן... כאַטשאַפּ זאָרגט זיך שוין, אַז דער, וואָס מאַרפאַ וואַרפט אויף אים אַן אויג, זאָל אָפּגעשיקט ווערן אין דער אַרמיי... זי וויל ניט דעם פאַרזשאַווערטן גרוזינער מיט דער איינגעשרומפּענער ראָזשע, און ער קריכט צו איר און קריכט... דערפאַר ווײנט זי איצט... זי באַוויינט אַנטיפּס דאָליע...

די מאַכאָרקע איז שאַרף. דער רויך האָט מנחמען אויפגעהייטערט. כאָטש ס׳איז אַ פראָסט, האָט ער ניט געשפּירט די קעלט. דער געדיכטער נעפּל איבער די שאַכטע־קוימענס האָט זיך געוויקלט און איז ניט צערונען געוואָרן. אַ ביסל ווייטער, ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, זענען געלעגן די פאַרשנייטע פעלדער און איבער זיי אַ טיפער בלאָער ווינטער־הימל מיט דורכזעעוודיקע וואָלקנדלעך. ערגעץ אין פאַלד פון אַ טאָל האָבן זיך אָנגעזען די סאָסנע־שפּיצן פון אַ וועלדל. אין דער נידער ליגט אַ קליין דערפל. אַ פויער גייט פאַמעלעך, טריט ביי טריט. די וואָלקנדלעך שווימען נאָך דעם פויער. די וואָקזאַל־פענצטער זענען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. אַ מיליציאָנער אין אַ רויט־היטל דרייט זיך אַרום. ער איז אָנגעטאָן אין אַ שובע פון ציגנפעל.

אין וואַגאָן איז ניט געהייצט, אַ פאַרקנאָדערטער מענטש רופט הייזעריק ביי די וואַגאָנען און פאָכעט מיט אַ ברודיק געל פענדל. מוסאַ

האָט זיך פאַרקליבן אויף דער אייבערשטער פּאָליצע און וויינט. ער האָט אַריינגעצויגן דעם קאָפּ אין דער וואַטענער פּופּייקע אַריין און וויינט. דאָס איז אַ פאַרטויבט העשען ווי פון ווילדע סטעפּ־ציגן אין ווינטערדיקע נעכט. אַנטיפּ איז אומרויִק און אויפגערעגט.

— סטופּיי, מאַרפאַ... — האָט ער אַ זאָג געטאָן און איז אַריין אין וואַגאָן. זי האָט אים געגלעט מיט ציטערנדיקע פינגער.

— הער אויף, מוסאַ, מען קען פון זינען אַראָפּ! — האָט אַנטיפּ געזאָגט און זיך אַוועקגעלייגט מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זיין גוף אויף דער באַנק.

אין דרויסן, ביי די פאַרשנייטע רעלסן, איז נאָך אַלץ געשטאַנען די געשטופּלטע.

מנחם האָט געלאָזט קנוילן רויך און געקוקט צו די פעלדער. ווען דער צוג האָט גערירט, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס טראָגט ער זיך נענטער צו דער היים, צו דער ווייטער היים ביי דער ווייסל. ער וועט פאַרבייפאָרן פּאָטמע און דאָרט איז ניט ווייט צו טענגושיי — — — ווי קומט ער אָבער צו טענגושיי — ווו איז איצט ליאָסקאַ? — —

— העי, אַנטיפּ, הייב זיך אויף, מאַרפאַ שטייט אין דרויסן! זי רופט דיך!

אַנטיפּ האָט זיך איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט און עפּעס געמורמלט. מנחם האָט מיטן האַנט געגעבן אַ צייכן מאַרפאַן. דורכן געדיכטן נעפּל איבער די קוימענס האָט זיך דורכגעשניטן אַ וועג אַן איינזאַמער פויגל. ער איז אַרויס פונעם נעפּל און געבליבן הענגען מיט צעשפּרייטע פליגל איבערן ליכטיקן הימל.

פון וואָקזאַל־טיר איז אַרויס כאַטשאַפּ. ער איז געשטאַנען לעבן מיליציאָנער און געקוקט צום צוג וואָס האָט זיך גערירט פון אָרט. מנחם האָט געוואָלט אויפפּראַלן דאָס פענצטער און אַ לעצט מאָל איינקוקן זיך אין דעם גרוזינער. ער האָט אים געוואָלט אַריינלאַכן אין פּרצוף אַריין. דאָס פענצטער איז אָבער געווען צוגעפרוירן.

ער האָט געזען פאַרביילויפן אַ פּלויט פון טונקעלן געהילץ,ביימער — נאַקעטע, צעבראָכענע, כאַטעס פאַרלאָזטע, הפקרדיקע, אַ סטויג אַ פאַר־

שנייטן, אַ באַפּעלצטן מוזשיק מיט אומגעלומפּערטע ווילאָקעס, אַ פערד איינגעשפּאַנט אין אַן איינגעפּאַלענעם שליטן און אויפן שליטן אַ קנויל איז דאָס אַ פרוי אָדער אַ מאַן? ווידער כאַטעס פון רויע קלעצער, ניט געטעסעטע מיט מאָך־צויטן וואָס פלאַטערן אין ווינט.

מנחם האָט אַרויסגעלאָזט אַ געדיכטן רויך.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט? בענקסט נאָך דער שאַכטע? לעבן אים איז געשטאַנען אַבילעוו.

— גוטע מאַכאָרקע... שטאַרקע... — האָט מנחם געזאָגט סתם אַזוי, וועלנדיק איבעררייסן דאָס שווייגן. מוסאַ האָט זיך באַרוּיקט. ער איז געלעגן אַן אויסגעלאָשענער. אויף די בענק זענען געזעסן מידע מענטשן און זיך געוויגט האַלב־וואַכעדיק און האַלב־דרימלדיק.

מנחם האָט אויפגעבונדן דאָס קליינע רענצל. ער האָט דערפילט הונגער. דאָס שוואַרצע ברויט האָט אים געשמעקט. ער האָט עס איינגעביסן מיט די ציין אַזש זיי האָבן אַ סקריפּע געטאָן. אַבילעוו האָט פון בוזעם אַרויסגענומען אַ פלאַש סאַמאָגאָן. ביידע האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע און געטרונקען.

— עס איז פון בוראַקעס, דער סאַמאָגאָן — האָט אַבילעוו געזאָגט.

זיי האָבן פאַרביסן מיט ברויט און זיך גוטברודעריש געקלאַפּט אין די פּלייצעס.

ניט ווייט פון קאַזאַן, אין דאָרף שאַרינינאָוו, שטייט זיין כאַטע. דאָס איז די דריטע כאַטע פון אָנהייב דאָרף. זי האָט אַ בלעכערנעם דאַך און אַ גאַנעק מיט געשניצטע אוזאָרן. פאַר דער כאַטע איז פאַראַן אַ פּאָדוואָל, אַן ערדאָנשניט מיט אַן אייזערנער טיר. זומער איז דער פּאָדוואָל באַוואַקסן מיט גרינעם גראָז. אין הויף איז דאָ אַ טיפער ברונעם מיט קאַלט קוואַליק וואַסער. די באַלעבאָסטע איז אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, אַזעלכע טיפע, אַן אַ דנאָ, ווי דער ברונעם פון הויף. אין זיין שטוב איז נאָך קיין פרעמדער מאַן ניט אַריינגעקומען. מען קלאַפּט אין טירל און זיין ווייב רעדט צו די פרעמדע דורך דעם טשולאַן־פענצטערל, פאַרהאַנגען מיט אַ טונקעלן פאַרהאַנג. זי האָט איין מאָל אַנטפּלעקט איר פנים פאַר אַ פרעמדן מאַן, אַ שטאָטישן, איז יענער חדשים־לאַנג אין דאָרף פאַרבליבן

און ניט־אָפּגעטראָטן פון גאַניק. ער האָט זיך געוואָלגערט אַ שיכּורער אין די זאַמדגעסלעך און געוואָיעט: זי האָט מיך פאַרכּישופט, דעם אומגליקלעכן. אַבּילעוו האָט דעמאָלט איינגעשפּאַנט זיין פערד אין טאַראַנטאַס, אַרויפֿגעוואָרפן דעם שיכּור און אים אַרויסגעפירט פון דאָרף, אַזש ביז די ווינטמילן. דאָס איז געווען פאַר דער גערמאַנסקער מלחמה. איצט ווייגט זי זיך אויס די אויגן נאָך אַבּילעוון, און אַוודאי אויך נאָכן פרעמדן שיכּור. איר פּנים איז צעקנייטשט און די אויגן — אויסגעלאָשן.

— געדענק, מיכאל, אַז דו וועסט אַמאָל זיין אין קאָזאַן, טרעט אָפּ אין דאָרף שאַרינינאָוו, מיין כאַטע איז די דריטע פון עק... זאָלסט איר זאָגן, אַז אַבּילעוו האָט דיך געשיקט, אַז אַבּילעוו וויינט אין די נעכטעלעך... זי וועט דיך אַריינלאָזן אין דער כאַטע, אַוועקזעצן אויפן יום־טובדיקן טעפּעך און באַקן פאַר דיר בלינעס... נאָר טו איר ניט קיין שלעכטס, ווייל מיין קינזשאַל וועט דיך אָפּזוכן אַפילו אויף יענער וועלט... פאַרגעס ניט מיין נאָמען... אַבּילעוו הייס איך... און דאָס דאָרף איז שאַרינינאָוו... און די באַלעבאָסטע זיצט אין דער דריטער כאַטע פון עק...

ער האָט אויף ס'ניי אַרויסגעשלעפּט פון בוזעם אַ האַלב־ליידיקע פלאַש און לאַנג געזשלאָקעט. ער איז שוין איצט געווען שיכּור און די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט. אַבּילעוו איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט פון וואַגאָן און פון מויל האָט אים געזעצט אַ שוים.

אין וואַגאָן זענען די מענטשן געלעגן איינגעוויקלט און האָבן זיך מיטגעטרייסלט מיט די רעדער־שטויסן. איינער נאָר האָט ניט געקאָנט איינרוען, דאָס איז געווען מנחם. דאָס פראָסט־ווינטל, וואָס האָט זיך אַריינבאַקומען דורך די פענצטער־שפּאַלטן, האָט אים אויפגעפרישט. פון סאַמאַגאָן איז ער געוואָרן מונטערער. ער האָט דערפילט אַ לויזקייט אין די שלייפן און דער ברוסטקאַסטן איז ברייטער געוואָרן. ער האָט געוואָלט ריידן, שרייען, סתם אַזוי זיך, צו די פאַרשנייטע פליינען, צו די דרימלענדיקע כאַטעס, צו די מידע מענטשן אינעם וואַגאָן, ער האָט חשק געהאַט צו זינגען, צוצולייגן דעם הייסן שטערן צו דער קאַלטער פראָסטיקער שויב.

דער צוג איז געלאָפן פאַרביי קליינע וואָקזאַלעכלעך. זיי האָבן דורכגעשווינדלט מיט די רויטע ציגל־געביידעס, מיט דעם טונקעלן מענטשן־

געזעמל פון גרוי־שוואַרצע און ברודיק־גרינלעכע פלעקן — און אַרום דעם אַלעם פאַרשנייטע פעלדער, פאַרשנייטע דערפער און טיפע אויסגעפרוי־רענע הימלען.

אויף די בענק ליגט אַ קופּע מענטשן. ס׳דערוואַרט זיי איין גורל. נעבעכיקע שאַכטיאָרן, איצט מאָביליזירטע צום פראָנט.

העי, דו מוסאַ, שטיי אויף! גלייך אויס דיינע אַקסלען! ווייז דיין צורה. שרעק זיך ניט, דו מיזרח־מענטש, פאַרן גרויליקן מערב! און דו, שאַריפין, וואָס טראַכטסטו איצט אין דיין דרימל? חלומט זיך דיר דיין שטיל ווייב? די וואָס האָט אַזוי צאַרט געפירט אירע פינגער איבער דיין קאַנטיק פּנים און עס אַזוי אויסגעאיידלט מיט אירע ציטערנדיקע הענט? און דו אַנטיפּ, דו דאָנער קאָזאַק, וואָס וועט פון דיר ווערן אויפן פראָנט, — אַ לייב אָדער אַ הי׳ענע? ביידע חיות דרימלען אין דיר. פון דיינע אויגן קוקן זיי אַרויס. פון רעכטן אויג — דער לייב און פון לינקן — די הי׳ענע, דו טראַכטסט אַוודאי וואָס דו זאָלסט ווערן? העי, אַנטיפּ דו דרימלדיקער! וואָס פאַר אַ פּרצוף וועסטו אָננעמען, אַז דו וועסט זיך אויפכאַפּן פון דרימל? און איר, שאַכטיאָרן און באַאַמטע, קליינע, אָרעמע, פאַרהונגערטע און מיד־מאַטע מענטשן; איר אַלע, וואָס וואַרפט זיך מיט אויסגעהונגערטע מיילער אויפן ברויט, וואָס איז געבאַקן פון קלייען און פּלעווע; איר, וואָס אייער חלום איז אַ הייסע קאַרטאָפל; וואָס גייט אויס אין שלאָפלאָזע וואָגל־נעכט נאָכן זידן פון היימישן סאַמאָוואַר, — וואָס שלאָפט איר אַזוי ווי דערהרגעטע, ווי שעפּסן דערוואָרגענע, ווי אָדלער דערשטיקטע, ווי סטאַדעס פאַרלענדטע? איצט איז די צייט אויפצושטיין! מיר פאָרן צום פלאַקערנדיקן מערב! צום גרויסן פייער פאָרן מיר! שרעקט אייך ניט, ברידער!...

די שיכּרות האָט מנחמען געשלאָגן אין פּנים אַריין, אין די אויגן. עס איז אים מיט אַ מאָל אַלץ פאַרנעפּלט געוואָרן. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט און זיך אָנגעהאַלטן אָן אַ שטאַנג ביי די בענק. די קני זענען לויז געוואָרן. און ס׳האָט זיך אים געדוכט אַז ער שוועבט...

אַנטיפּ האָט זיך אויפגעזעצט און אָנגענומען מנחמען פאַר די הענט.

— מיכאַי׳ל... מיכאַי׳לאַ... וואָס פלאַפּלסטו? וואָס פלאַפּלט דיין נאַרישע צונג?... אָנגעזויפן זיך אַליין ווי אַ טערק... און אין אַנטיפּן פאַרגעסן...

בײַ דער ווײַסל

אויף דער פאַדלאָגע איז שוין אַ צײַט לאַנג געלעגן אַבילעוו און געשאָקלט דעם שיכּורן קאָפּ מיט יעדן וויג פון וואַגאָן.

— ניט צוגעווױנט... ניט געווױנט זענען די שטאָטישע... נאָר אַ שמעק געטאָן פון פלעשל... — האָט אַנטיפּ געמורמלט.

דער צוג האָט זיך געשניטן דורך בלאָלעכע שנייפעלדער. אויף טייל ערטער, פלאַכע און אָפענע, זענען אויפגעשטעלט געוואָרן לענגאויס די רעלסן קעגנשניי־צוימען. די צוימען האָבן זיך געטונקלט אין דעם פאַר־נאַכט, ביז זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט די הימלען. נאָר די לאָקאָמאָטיור־פונקען האָבן געשוועבט אין ווינט און באַלויכטן די געדיכטע וואָלקנס רויך און פאַרע וואָס האָבן באַגלייט די וואַגאָנען. דאָס איז געווען אַ צוג מיט געמישטע וואַגאָנען: אַ שלאָף־וואַגאָן מיט פאַרהעמערטע פענצטער און טירן, אַן אָפּגעשלאָסענער, נאָך אים אַן אָפענע פלאַטפאָרמע, אַ פאַרשנייטע מיט סטערטשענדיקע שטאַנגען צו וועלכע עס זענען געווען צוגעפעסטיקט קייטן. די קייטן האָבן געקלימפּערט טעמפּ, אומהיימלעך. נאָך דער פלאַט־פאָרמע זענען געלאָפן דרײַ לאַסט־וואַגאָנען מיט פאַרקראַטעוועטע פענצ־טערלעך און גרויסע אײַזערנע טירן. פון אַ שפּאַלט בײַ די טירן האָבן אַרויסגעקוקט קעפּ באַוואָקסענע, אויגן דערשראָקענע. פון די קליינע קראַטך־פענצטערלעך האָבן אַרויסגעשטעקט פאַרקאָפּטשעטע טרובעס, פון וועלכע עס האָט זיך געוויקלט אַ רויך־שלייערל. און נאָך די דרײַ וואַגאָנען — ווידער אָפענע פלאַטפאָרמעס, לאַסט־וואַגאָנען מיט הויכע ווענט אָן דעכער, פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען פון דריטן קלאַס מיט אויסגעזעצטע שויבן, פאַרקלאַפּטע מיט ברעטער, מיט בלעכן. פון אַזאַ האַלב־אויסגעהאַקט פענצטער קוקט אַרויס אַ מיליטער־מאַן. דאָס באַגלייט ער אַוודאי די מאָביליזירטע. ווידער אַן אָפּגעשלאָסענער וואַגאָן מיט פאַרהאַנגענע פענצטער און נאָך אים — אַ קייט פון פלאַטפאָרמעס מיט לאָדונג, פאַרדעקט מיט ברעזענטער און אין די ברעזענט־פאַלבן אַ ניט־גערירטער שניי־פּוך.

מיט אַזאַ צוג איז מנחם אָנגעקומען קיין גאָרקי. אין מיטן נאַכט האָט ער דערפילט, אַז דער וואַגאָן האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן אויף צוריק און די טירן האָבן זיך צעפּראַלט. אַ שאַרפע קעלט האָט זיך אַרײַנגעריסן אין וואַגאָן.

עמעצער האָט אים געטרייסלט. אין דרויסן איז פינצטער. נאָר וואַנדערנדיקע געלע שיינדלעך שווימען אַרום אין דער פינצטערניש. לאָקאָמאָטיוון פייפן גאָר נאָענט. דאָס איז אַ יאָמערלעך געוויין וואָס נעמט דורך דעם מענטש דורך־און־דורך. מנחם פלאָנטערט זיך צווישן רעלסן. לעבן אים שאַרט זיך מוסאַ. אַנטיפּ איז בייז און שעלט גאָטס מאַמען. ער זידלט אַלע הייליקע פון דער פעטשאַרסקאַיאַ לאַווראַ אין קיעוו — פאַר וואָס זיי האָבן זיך ניט געמיט פאַר אַנטיפּן, אַז ער זאָל קענען איבערשלאָפן די נאַכט אין וואַגאָן בייז אין דער פרי, ניט אַרויסטרייבן מענטשן אין מיטן דער נאַכט אין אַ ביטערן פראָסט.

— אַנטיכריסטן אַזעלכע... אַנהערנערדיקע ביעסן...*

דער וועג צום וואָקזאַל איז פאַרשטעלט מיט עשאַלאָנען. לאַנגע עשאַלאָנען פון הונדערטער וואַגאָנען. מען קריכט אונטער די וואַגאָן־רעדער.

— בייגט אייך איין, אָדלערלעך, מיט די אונטערגעבראָכענע פליגעלעך!

מען קריכט אויף די הענט. גאָר נאָענט האָט זיך בייז צעשריִען אַ לאָקאָמאָטיוו און פון צווישן די רעדער זעצט אַ וואָלקן פאַרע און רויך. עטלעכע וואַגאָנען האָבן זיך אַ טרייסל־געטאָן. דער שטויס גיט זיך איבער פון וואַגאָן צו וואַגאָן.

— טשערעפּאַכעס! גיכער! איר'ט צעמאַרשטשעט ווערן פון די רעדער! — שרייט דער מיליטער־מאַן.

מוסאַ איז אַריינגעפאַלן אין אַ שנייגרוב און וואָיעט. זיין געוואָי ווערט צעשניטן פון אַ שאַרף געפייפעריי. באַלד וועט דער צוג רירן — און מוסאַ ליגט אונטער די רעלסן. מנחם האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און אַרויסגעשלעפּט אויף דעם אָפענעם וועג. צום וואָקזאַל איז געבליבן אַ פּאָר טריט.

פון דער פינצטערניש טיילן זיך אויס טונקעלע געביידעס.

— מוסאַ! מוסאַ! — שרייט אים מנחם אַריין אין אויער. האַלט זיך!

— און אַליין שפּירט ער ווי די לאַפּטשעס זינקען אין שניי און ער קען פון

---

* ביעס — שד, טייוול.

דאַרט ניט אַרויסשלעפּן די פיס. אַ פייכטע קעלט שניידט אים די אברים. די פאַרקניפּלטע שטריק שלעפּן זיך נאָך און דער שניי בריט זיינע פינגער. אין האַלדז איז טרוקן, פּראַסטיק. ער קען ניט אָטעמען. נאָך אַ טריט — און מען וועט אַריין אין וואָקזאַל.

אין די גרויסע טונקעלע זאַלן פון וואָקזאַל האָבן זיי קיין אָרט ניט געפונען. אַלע ווינקלען זענען פאַרלייגט מיט מענטשן, אַפילו די פּאָדלאָגעס און די דורכגענג.

די מאָביליזירטע פון די שאַכטעס האָבן זיך געפּלאָנטערט אין וואָקזאַל, געשטופּט זיך צווישן די פּעק און די דרימלענדיקע מענטשן. מענער אין מיליטערישע שינעלן האָבן זיך געוויגט אויף זייערע הילצערנע רענצלעך, פרויען זענען געזעסן אויף די פּעק און קינדער זענען געשלאָפן ביי זיי אויף די הענט. אין וואָקזאַל האָט אָנגעהאַלטן אַ מאָנאָטאָנער מענטשן־געזשום. טייל מאָל איז ער איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ בייז קול, טייל מאָל דורך אַ פלוצעם צעפּלאָקערט קריגעריי און אָפט דורך אַ שניידיק געוויין פון אַן איבערגעוועקט קינד. דעמאָלט האָט אַ באַפּעלצטע פרוי אומרויִק גענומען אָפּקניפּן דעם פּעלץ, דעם וואַטניק, אַרויסגענומען איר וואַרעמע ברוסט און געגעבן דעם וויינענדיקן קינד.

מנחם איז געבליבן שטיין און געקוקט אויף דעם זייגנדיקן קינד. ער האָט אַ ציטער געטאָן. איז דער ציטער געקומען פון בענקשאַפט אָדער פון דעם געפיל, אַז ערגעץ זענען נאָך דאָ היימען, מאַמעס, קינדער? ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע און אַוועקגעלייגט אויף דער אייגענער שויס דאָס אָרעמע קליינע קלומעקל. לעבן אים האָט זיך עמעצער הייזעריק צעשריִען. שטימען אומהיימלעכע האָבן זיך געטראָגן אין דעם דעמפּיקן חלל און דער מאָנאָטאָנער ריטעם פון וואָקזאַל־געזשום איז צע־שטערט געוואָרן. און אַז ס'האָט זיך באַרויִקט אַרום אים, האָט ער פלוצעם דערהערט אַ שטיל פרויען־קול:

— סאַשאַ, גיב אַכטונג אויף דעם פּאַרשוין... ער זעט אויס ווי אַ שפּאַנאַ...* וועט נאָך עפּעס אַוועקגנבענען און נעלם ווערן...

---

* שפּאַנאַ — אַ גנב.

מנחם איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן. ער האָט געהערט יעדעס וואָרט, אָבער ניט געוואָלט אויפמאַכן די אויגן. עס איז אים געוואָרן ענג אין האַלדז. ער האָט אַ שלונג געטאָן טרערן. זענען דאָס טרערן פון באַ־ליידיקונג אָדער טרערן פון האָפענונג? זענען דאָס טרערן פון פרייד וואָס ער שלאָגט זיך דורך אַ וועג קיין מערב, אָדער אפשר זענען עס טרערן פון דעם אומצוטרוי וואָס די וואָקזאַל־מענטשן האָבן צו אים?

פאַר טאָג האָט עמעצער אים געטרייסלט ביי די אַקסל.

— אויפשטיין! דאָקומענטן!

דער וואַטענער שפּענצער האָט זיך צעקנעפּלט און עס האָט אַרויס־געקוקט אַ נאַקעטע ברוסט. פון אונטער דעם פוטערהוט איז אַראָפּגעפאַלן אַ שוואַרצע קוטשמע האָר ביזן רעכטן קינבאַק. די אָניטשעס זענען געווען צעוויקלט און צוויטן האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס.

— אַוודאי אַוועקגעגנבעט?... האַ?... מיר קענען זיך שוין, גאַלוב־טשיק!...

אַ מיליציאָנער האָט פאַרקוועטשט דאָס רעכטע אויג און פול מיט שפּאָט, פאַרדאַכט און איבערגעשפּיצטקייט געקוקט אויף מנחמען.

— כ׳בין אַ מאָביליזירטער... די דאָקומענטן?... כ׳האָב ניט קיין דאָקומענטן... מען האָט זיי מיר צוגענומען ביי דער מיליטער־קאָמיסיע... אין וואָקזאַל איז דאָ אונדזער באַגלייטער... ער קען זאָגן...

מנחם האָט דערווייל פאַרראָכטן אויף זיך די קליידער, צונויפגע־קניפּלט די שטריקלעך ביי די לאַפּטשעס און אַרונטערגעשאַרט די קוטשמע האָר אונטערן פוטערהוט.

ער איז אַוועק מיט די מיליציאָנערן.

די פרוי, וואָס האָט אים ביינאַכט חושד געווען אַז ער איז אַ שפּאַנאַ, האָט געערופן צו אים:

— העי, דו האָסט פאַרגעסן דיין רענצל!

מען האָט עס אַ שאַר־געטאָן מיט די פיס צו מנחמען. ער האָט זיך איינגעבויגן און עס אויפגעהויבן. דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין פון באַליידיקונג.

— וואָס היט איר מיך? איך בין ניט קיין דעזערטיר!

ביי דער ווייסל

ביי די וואָקזאַל־טירן האָט שוין געוואַרט דער מיליטער־באַגלייטער מיט אַ לאַנגן צעטל אין דער האַנט.

— אָט איז אַן אונדזעריקער... אָט איז מיכאַיל...

די מיליציאָנערן זענען אַוועק. מנחם איז געבליבן מיט די מאָביליזירטע. דערנאָך האָבן זיך אַלע אויסגעשטעלט צו פיר אין אַ ריי און זענען אַוועק דורך זייטיקע גאַסן פון דער שטאָט גאַרקי.

מיט אַ טאָג שפּעטער איז שוין די גרופּע מאָביליזירטע געשטאַנען אין הויף פון אַן איבערשיקונגס־פּונקט. זיי זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביי אַ בלינדער ציגל־וואַנט און געקוקט צו די פאַרהעמערטע טירן און פאַרקראַטעוועטע פענצטער פון די קאַזאַרמעס. מיטאָג־צייט זענען געקומען עטלעכע סערזשאַנטן און איינגעאָרדנט די מענטשן אויף דרייגאָרנדיקע נאַרעס. דאָס זענען געווען נאַקעטע ברעטער, ניט געהובלטע. מען האָט זיך אַפילו ניט באַוויזן אויסצורוען, איז געקומען די צייט פון גיין אין סטאָלאָווע נאָך אַ ביסל וואַרעמס. אויף ס'ביי האָבן די סערזשאַנטן אויסגעשטעלט אין הויף די מאָביליזירטע און ווידער איז מען געגאַנגען דורך די שמאָלע געסלעך.

— זינגט! דאַוואַי, זאַפּיוואַלאַ! — האָט אַ באַגלייטער אויסגערופן. עמעצער האָט הייזעריק פאַרצויגן:

קרעפּקאַ דראַליס נאַשי רעביאַטאַ
וו׳גראַזשדאַנסקאַי וואַינע
פּאַד גאָראָדאָם וואַרשאַוואַי — — — —

דאָס קול איז געקומען פון אַן עלטערן מענטש מיט גרויע וואָנצעס. אַוודאי אַ סאָלדאַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. איצט איז ער מאָביליזירט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. און אז ס'איז שטיל געוואָרן, האָט מען געהערט דאָס ניט־רעגלמעסיקע טאָפּטשען פון פיס אין אַ פייכטן, בלאָטיקן שניי.

ביי דער סטאָלאָווע איז נאָך אויסגעקומען צו וואַרטן. אינעווייניק איז פול געווען מיט סאָלדאַטן. מען האָט זיך ווידער געשאַרט ביי די ווענט, איינער נאָענט צום אַנדערן. אין סטאָלאָווע איז מען געשטאַנען ביי די

טישן און געזופּט פון בלעכערנע שיסלען אַ הייס, שיטער געטראַנק.

מנחם איז געזעסן אויף דער פּריטשע און געוויקלט אין אַ שטיק צייטונג מאַכאָרקע.

אין דעם שמאָלן און לאַנגן קאַזאַרמע־בלאָק איז פרי צוגעפאַלן די נאַכט. אין דער אָפענער טיר האָט זיך באַוויזן אַ גוט־געקליידטער מיליטער־מאַן. ער האָט הויך אויסגערופן:

— זענען דאָ צווישן אייך סאָלדאַטן מיט מיליטער־ראַנגעס? אָפיצירן?

קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן.

מנחם האָט אומרויק פאַרצויגן דעם רויך. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן רוקן. עס איז שוין פינצטער אויף דער אייבערשטער פּריטשע. איבער דער טיר ברענט אַ פאַרשטויבט עלעקטרע־לעמפּל און באַלייכט נאָר דעם אַריינגאַנג מיט אַ געל ליכט. ניין, ער וועט ניט אויפרודערן דאָס וואָס ס'איז געווען הינטער מאָסקווע. ער וועט זיך ניט מעלדן. ער וויל אָנהייבן אויף ס'ניי. וואָס פאַר אַן אָפיציר איז ער, אַז ער האָט דערויף ניט קיין שום דאָקומענטן, אַפילו אַ פּערזענלעכן דאָקומענט האָט ער ניט. אַלץ איז גע־בליבן ביי כאָטשאַפּן. דער מיליטער־באַגלייטער האָט ניט מער ווי אַ רשימה מיט נעמען פון די מאָביליזירטע. ער איז דאָך סיי ווי דעגראַדירט געוואָרן באַכן מישפּט. ניין, ער איז איינער פון די שאַכטיאָרן... אַ שאַכטיאָר און ניט מער. עס איז אים געווען דערווידער דאָס אויסטיילן זיך פון אַזאַ שטילער מאַסע מאָביליזירטע. ער וואָלט געדאַרפט אַראָפּ פון דער פּריטשע און זיך מעלדן צום מיליטער־מאַן. הונדערטער אויגן וואָלטן אים נאָכגעקוקט. אָט גייט אַן אָפיציר... אָט איז ער... דוכט זיך ניט קיין רוסישער... אַ פּאָליאַק... ניין, ברודערל, ניט קיין פּאָליאַק... אַ יעוורעי... אַ יעוורעי... האַ־האָ, אומעטום קריכן זיי... אַפילו אין אָפיצירסטווע...

ער איז געלעגן שטיל אָן באַוועגונג. דער פונק פון זיין ציגאַר האָט שאַרף זיך אויסגעטיילט. ניט ווילנדיק איז אים געקומען אין זינען דער אַלטער מאָביליזירטער רוס מיט די גראָע וואָנצעס. „פּאָד גאָראָדאָם וואַרשאַ־וואָי"... ער האָט די ווערטער איבערגעחזרט עטלעכע מאָל און אַליין זיך געחידושט פאַר וואָס ער טוט דאָס. ער האָט זיך פון די דריי ווערטער ניט געקענט באַפרייען. אפשר איז דאָס געווען דערפאַר ווייל וואַרשע איז זיין

היים, דאָרט שווימט די ווייסל, דער וווּנדערלעכער טייך וואָס טייל מאָל זענען די וואַסערן בלאָ און דורכזעעוודיק, בלאָער ווי דער לויטערסטער הימל און דורכזעעוודיקער ווי די לופט. טייל מאָל זענען די ווייסל־וואַסערן געל, מוטנע און שוימיק. אַ קראַנקע געלקייט פון צעלאָזענעם ליים, כאָטש די ברעגן זענען שטיל, גרין. איצט זענען אַוודאי די וואַסערן פון דער ווייסל צאָרנדיק און געל. און דער צאָרן שפּיגלט זיך אין די פּנימער פון די ביי־ווייסל־תּושבים. און אַרום דער טרויעריקער און אומרו‌יִקער ווייסל טוליען זיך ייִדישע שטעטלעך... פּאָד גאָראָדאָם וואַרשאַוואָי — — —

מנחם איז אומרויִק געוואָרן. ער איז אַראָפּ פון דער פּריטשע. אין אַ ווינקל זענען געזעסן עטלעכע מענטשן און געשמועסט. זיי זענען פּאַר־שאָטנט. מנחם זעט נאָר איינגעבויגענע רוקנס און אַנטבלויזטע קעפּ. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון אַ ברעט און זיך איינגעהערט. איינער האָט שטיל גערעדט:

— ...די אָזערעס זענען פול מיט ווילד־געפליגל. אוי, זענען דאָס אָזערעס... דאָס אויג האָט זיך ווו אויסצורוען... דאָ — אויף אַ בעריאָזע אַ קראַסאַוויצע מיט געפלאָכטענע צווייגן ווי צעפּ מיידלשע, דאָ — אויף אַ זילבערטאָפּאָליע, דאָ — אויף דעם שפּיגלפלאַך פון אַ גרינער אָזערע, אַזאַ גרין ווי פון די ערשטע בלעטער־ראַנדן וואָס קוקן אַרויס פון קנאָספּן אין וויעסנע, ניט ווי אין סטעפּ דעם וויסטיקן. קוקסט און אַ מידקייט נעמט דיך אַרום, אַ לאַנגווייליקייט און ס׳האַרץ קלעמט פּאַר נודנעקייט. ס׳איז ווי דו וואָלסט געלאָפּעט די אויגן אויף אַ באַבע אַ פּאַרוועלקטע, אַן איינ־געסאָכנעטע...

עטלעכע האָבן זיך צעלאַכט. אויך מנחם האָט געשמייכלט.

— קום צו נענטער, מאָלאָדאָי טשילאָוויטשע — האָט מען געזאָגט צו אים אויף אוקראַ‌יִניש. מען האָט געמאַכט פּלאַץ. און דער זעלביקער מיטן שטילן קול האָט פּאָרגעזעצט:

— ...און דאָס אויער נעמט אויף פייגלשע געזאַנגען און דעם גע־פּלאַטער פון ווילדע קאַטשקעס. און ווילדע קאַטשקעס זענען דאָ ביי די אָזערעס מענגעס גאַנצע. נאָר קלוג זענען זיי! אַן כיטרעקייט וועסטו זיי ניט פאַנגען! ווי נאָר זיי דערשמעקן פּולווער, ווערן זיי נעלם, ווי אין זומפּן

פּאַרזינקען זיי. פּאַראַיאָרן, איידער מיין קו האָט זיך געקעלבט. האָב איך צייט געהאַט. און ענג איז געווען אין כאַטע, פּאַר דער אייגענער מילך איז עס געווען... טראַכט איך, ס׳וועט צו נוץ קומען אַ פּאָר ווילדע קאַטשקעס. מען וועט מאַכן אַ זונטיקדיקע פּאַטראַווע. גיי איך אַוועק צום אַלטן זאַכאַר און זאָג אים: קומאַ זאַכאַר, ליי מיר אויס דיין ווילדע קאַטשקע וואָס איז ביי דיר אין הויף צוגעוווינט געוואָרן... כ׳וועל זי נעמען צום יאַגד... בין איך אַוועק מיט זאַכאַרס קאַטשקע צו די אָזערעס, האָב זי צוגעבונדן צו אַ לאַנג שטריקל און פּאַרקניפּט דעם צווייטן עק ביי אַ בוים און געלאָזט אַרומשווימען אויף דער אָזערע. איך האָב זיך פּאַרטייעט און אין אַ שעה אַרום האָט זי אָנגערופן אַ גאַנצע טשאַטע ווילדפייגל. איך האָב אויסגעשאָסן און ניט געטראָפן. אַזאַ פּעך! די טשאַטע איז נעלם געוואָרן. זעט אויס דער שרויט האָט ניט געטויגט, אפשר מיין האַנט איז שוין ניט יונג, זי ציטערט? איך קוק אויף דער אָזערע און זע: זאַכאַרס קאַטשקע איז ניטאָ. זי האָט זיך אָפּגעריסן פון שטריקל און איז אַוועקגעפלויגן מיט דער טשאַטע. גיי איך אַהיים אַ טרויעריקער. עד, וואָס וועל איך זאָגן זאַכאַרן? און ווו נעמט מען אים אָפּצוגעבן אַ קאַטשקע? מיין באַלעבאָסטע וועט וואָרטשען: אָט אַ סטרעלאָק, אַ מוזשיק, אַ שאַנדע צו דערציילן! גיי איך פּאַמעלעך אַזוי צום שכן און זאָג: זאַכאַר גאַווריליטש... האַ, זאַכאַר... דו ווייסט, איך האָב... באָר זאַכאַר לאַכט... האָסט אַ סך אַוועקגעלייגט? ניין, קומאַ, ניט אַוועקגעלייגט... אויך דיינע איז ניטאָ... און ווי נאָר איך רייד אַזוי אַרויס די ווערטער, זע איך ווי אין הויף דרייט זיך אַרום די ווילדע קאַטשקע מיט אַ שטיקל שטריק אויף איין פיסל...

בשעת דער פּויער האָט גערעדט איז געווען אַזוי שטיל אַזש מען האָט געהערט ווי די מענטשן עטעמען.

— אוי, ווען מען לאָזט אונדז אָפּ און מען זאָגט: גיי זיך, זונעלע, וווהין דיינע אייגעלעך וועלן דיך פירן, וואָלט איך ווי די ווילדע קאַטשקע אַ פלאַטער געטאָן...

אויף אַן אַנדער פּריטשע האָט עמעצער הויך גערעדט:

— ...ליג איך אַזוי אויפן פעלד און עס קומט אָן דער בריגאַדיר און זאָגט: סטיאָפּקאָ, גיי אין דאָרף אַריין און ברענג אַ לאָמטער... מ׳טאָר ניט

אַן אַ לאַמטער היטן דאָס דרעשפעלד... גיי איך און באַהאַלט זיך דערנעבן... זע איך, ער שלעפּט זעק קאָרן צו זיך אין דער בריטשקע, און היידאַ... אַט ווי מען נאַרט אָפּ אַן אונדזעריקן...

און אויף דער איבערשטער פריטשע לאַכט מען.

— ...און ווי אַזוי ביסטו אַרויס פון דער כאַטע?

— ווי אַזוי? זי האָט אים אַרויסגענאַרט... עך איז דאָס געווען אַ נקבהלע... איך ליג איבער דעם אויוון אויף די הילצערנע פּאַלאַטן און הער ווי דער טויער סקריפּעט. אויפן גאַנעק טריט... האַ־הא, דאָס איז ער... ער... — צאַפּלט זינעטשקאַ... מיין מאַן, דער כראַמאַי טשאָרט! אוי, מיין אָרעם קעפּעלע, וואָס וועט זיין? ער וועט מיר די צעפּ אויסרייסן... ער וועט מיר די ביינדעלעך צעברעכן... די טיר עפנט זיך האַסטיק. ער שטייט אויף דער שוועל, און איבער דער שוועל, אויבן, אויף די ברעטער ליג איך. זינעטשקאַ שטייט אין מיטן דער כאַטע און העלפט אים אויסטאָן דעם טולופּ... מיר זעצט דאָס האַרץ ווי אַ דרעשמאַשין...

מנחם זעט פינקלדיקע אויגן.

— צי ניט אַרויס דאָס נשמהלע... צי ניט אַרויס, האַרציקער... דער־צייל... דערצייל... וואָס איז געוואָרן? — האָט מען זיך געבעטן ביים מענטש וואָס איז געזעסן אין דער מיט און געשמייכלט מיט גליענדיקע אייגעלעך.

— נו, טראַכט איך, אַריינגעפאַלן. דער כראַמאַי וועט מיך מיט אַ ווידלע דערשטעכן. נאָר זינעטשקאַ איז קלוג, אוי איז זי קלוג! אַ געזונט איר אין די ביינדעלעך די זיסע. זאָגט זי צום מאַן: די בהמה איז קראַנק... זי שטייט שוין ניט אויף די פיס... גיי, נשמהלע, גיי ליבינקער... נעם מיט דעם פאַנאַר... גיב אַ קוק אפשר איז זי שוין געפאַלן... — דער אַלטער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער כאַטע און מיטגענומען דעם לאָמפּ. און איך — דאַוואַי דורך דעם גאַנעקל, דורך די טרעפּלעך. דער אַלטער האָט זיך אומ־געקוקט און געזען נאָר אַ שאָטן: — פרעמדע הינט נעכטיקן, דוכט זיך, אין פאָדערהויז! — האָט ער אויסגעוואָרטשעט. — ניט קיין פרעמדע — האָט געזאָגט זינעטשקאַ, ס'איז אַוודאי דעם שכנס...

אַלע האָבן אויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געלעכטער.

— גיט קינדערלעך, צו פאַררייכערן.

עטלעכע הענט מיט זעקלעך מאַכאָרקע האָבן זיך געשטרעקט צו אים.

— כ׳האָב ליב שטאַרקע מאַכאָרקע. גוט געשניטענע. לאָזט, כ׳וועל פאַררייכערן.

— דער גערמאַניעץ כאַפּט קלעפּ.

— זיי קענען ניט מלחמה־האַלטן אין ווינטער.

— ניט צוגעוווינט צו די רוסישע פרעסטעלעך.

— פון מאָסקווע האָט מען זיי פאַריאָגט, אַזש ביז סמאָלענסק.

— סמאָלענסק איז שוין באַפרייט? — האָט מנחם אַ פרעג געטאָן.

— נאָך ניט.

— אויב מ׳וועט זיי ווינטער ניט פאַרטרייבן, וועט מען דאָס זומער ניט קענען טאָן, — האָט עמעצער אַריינגעמישט זיך אין געשפרעך.

די מענטשן זענען מידע אָוועקגעפאַלן אויף די האַרטע געלעגערס און האָבן געשוויגן. דאָס געשעפּטשעריי, וואָס האָט נאָענט אָנגעהאַלטן, איז אויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט די ציגאַרן־פונקען. אין האַלבע נאַכט האָט מנחם דערהערט אַ שיסעריי ווי פון זעניט־האַרמאַטן. דאָס שיסעריי איז געקומען פון די שטאָט־ראַנדן. ער האָט לויטן אָפּקלאַנג געקענט אונטערשיידן דעם קאַליבער פון האַרמאַט און די ווייטקייט פון וואַנען עס קומט. אפשר גייט איצטער אָן אַ שלאַכט ביי די פאַרשטעט פון גאָרקי מיט דייטשישע „יונ־קערס״ אָדער דאָס זענען געוויינטלעכע מאַנעוורעס? אַרום אים זענען שוין אַלע געשלאָפן... עמעצער האָט גערעדט פון שלאָף, אַן אַנדערער האָט דעמפּיק־פאַרהוילן געהוסט ווי אין אַ ווייטער אַזערע וואָלט זיך אָפּגערופן אַ ראָפּוכע. די ברעטער זענען האַרט, נאָר ער פילט ניט די האַרטקייט. מיט אַן איבערגעצויגענער פאַלע פון זיין מאַנטל איבערן קאָפּ איז מנחם געלעגן און געשפּירט די וואַרעמקייט פון זיין לייב. עס איז אים גוט געווען צווישן די דאָזיקע מענטשן. עס האָט אים דערמאָנט אינעם רוסישן דאָרף טענגושיי, אין די פאַרנאַכטיקע רוסישע שטיבער, צווישן בערדיקע פויערים ביי די נאַקעטע טישן, ביי די קליינע פענצטערלעך מיט ווייסע פאָרהאַנגלעך. ער האָט דערשפּירט דעם ריח פון זשיוויצע וואָס טריפט פון די ניט־געטעסטעטע בעלקעס פון די ווענט. ליאָסקאַ, די מאַמע מאַלקינאַ, די אַלטיטשקע מאַריאַ

פעריפעראָווגאַ, דאָס געוויין פון אַ שעפּסיכע... דאָס געוויין פון ליאָסקאַן ביים געזעגענען זיך... פּאַד גאַראָדאָם וואַרשאַוואַי... פון וואַנען נעמען זיך צו אים די ווערטער דאָ, ביי דער שטאָט גאַרקי? — — שיסן ווערסטו?... האָסט ניט קיין מורא פאַר קיין ביקס?... עך! דו זשאַוועדיקער כאַטשאַ־פּורידזע!... דו, אויך?... דו העלד!... העי, אַנטיפּ, פּאַר וואָס זענען דיינע אויגן ניט קיין קלאָרע? דו קאַזאַק דאָנער!... סאַשאַ, גיב אַכטונג, אַ שפּאַנאַ, ער וועט עפּעס אָוועקשלעפּן... דאָקומענטן!... שטיי אויף, ווייז דיינע דאָקו־מענטן!... אַ צוג פייפט לאַנג — — —

ער האָט זיך געוואָרפן אויף די ברעטער און געשטאַמלט, געקרעכצט. דערנאָך איז ער רויק געוואָרן.

דער לאָמפּ ביי דער טיר איז אויסגעגאַנגען. אין קאַזאַרמע איז געוואָרן שטאָק פינצטער. די שיסעריי פון זעניטקעס איז איינגעשטילט געוואָרן. ניט ווייט האָבן געפייפט לאָקאָמאָטיוון. דאָס פייפעריי איז געווען מאָנאָטאָן און צעצויגן. עס האָט זיך אַזוי געוויקלט ווי פעדעם פון אַ שפינוועבס וואָס פּלאָנטערן זיך און וויקלען זיך אַזוי לאַנג ביז עס וויקלט זיך אויס אַ פּאָדעם־נעץ. אין האַלבשלאָף איז מנחמען אויסגעקומען, אַז די לאָקאָמאָטיוו־פייפע־רייען וועבן אויס אַ פאַרפּלאָנטערטן געוועב, אין וועלכן ער צאַפּלט זיך און קען זיך פון דאָרט ניט אַרויספּלאָנטערן.

ווען ס׳האָט נאָר געגרויט זענען אַריינגעפאַלן עטלעכע סערזשאַנטן און געשריִען:

— פּאָדיאָם!

זיי זענען געלאָפן לענגאויס די פּריטשעס און געטריבן אַלעמען אויפצוהייבן זיך. אין אַ האַלבער שעה שפּעטער זענען געשטאַנען די ביי־געקומענע אין הויף ביי דער הויכער מויער שווייגנדיקע און איינגעיאָ־זשעטע.

עס איז געווען פּראָסטיק. די פּאַרע פון די נאָזלעכער און פון די מיילער האָט זיך געטראָגן אין פּראָסטיקן חלל.

מוסאַ איז געבליבן אויף דער פּריטשע אַ פאַרקנאָדערטער ווי אַ בייגל. ער האָט געוואָיעט:

— באָלנאָי!... מאָיאַ באָלנאָי!... מאָיאַ פּאָמיראַיעט!...

איינער פון די סערזשאַנטן האָט זיך צוגעהאַלטן דעם בויך און געקייכט. ער האָט זיך אַזש אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד ווי ער וואָלט פּלוצעם באַקומען בויך־קראַמפּן.

— טאַטאַרין... ווערסט געזונט ווערן... ווערסט באַקומען אַ פערדישן הינטערחלק... ווערסט זיך אַזש באַלעקן...

די מאָביליזירטע האָבן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

מוסאַ איז אָפּגעלעגן אַזוי אַ גאַנצן טאָג, ערשט פאַרנאַכט האָט אים אַבילעוו אָוועקגעפירט צום דאָקטאָר.

אין אַ ליידיקן זאַל איז געהאַנגען סטאַלינס בילד. ביי אַ נאַקעטן טיש איז געזעסן אַ מענטש אין אַ ווייסן כאַלאַט און לעבן אים אַ יונגער פיסאַר מיט אַ געגאָלטן קאָפּ. ביי דער אָפענער טיר האָבן זיך אַרומגעפּאָרעט מיליטער־לייט אין לאַנגע שינעלן. דער דעזשורנער האָט אַריינגעלאָזט צו צען מענטשן אין פוסטן חדר אַריין.

— אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די באַראַכלאָ!

דער מענטש אין ווייסן כאַלאַט איז פאַרבייגעגאַנגען די צען אויס־געשטעלטע נאַקעטע און יעדן אַריינגעקוקט אין פנים, געקוקט אויפן ברוסט־קאַסטן און געשוויגן. דער שרייבער מיטן נאַקעטן שאַרבן האָט געשריבן די נעמען פון די מאָביליזירטע אין קליינע מיליטער־ביכעלעך. נעבן מנחמען האָט זיך דער דאָקטאָר פאַרהאַלטן. ער האָט געקוקט אויף רויט־בלאָלעכן געקניפּ אויף מנחמס אַקסל און געפרעגט:

— עס טוט דיר ווײ?

דער דאָקטאָר האָט דערביי אַרויפגעלייגט זיינע ביינערדיקע פינגער און אַ דריק געטאָן.

— ניין.

— המ... ניין? — האָט זיך דער דאָקטאָר געחידושט.

— פון וואַנען האָסטו דאָס?

— פון וואַנען? — האָט מנחם איבערגעחזרט — דאָס איז שוין לאַנג... שוין פאַרהיילט. כ׳שפיר שוין גאָרניט... אַפילו אין קעלט... ס׳איז פון אַ שפליטער... הינטער...

ער האָט אָבער ניט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט מאָסקווע.

ביי דער ווייסל

איינער פון די מיליטער־לייט איז צוגעקומען און געפרעגט:

— ביסט געווען אויפן פראָנט?

— יאָ...

— פאַרווונדעט געוואָרן?

דער דאָקטאָר האָט אַ קלאַפּ געטאָן מנחמען איבער דער באַקעטער פּלייצע. — נו, כאָטש איינער צווישן זיי אַ דערפאַרענער.

דער פיסאַר האָט זיך עטלעכע מאָל פאַרהאַקט ביים שרייבן די נעמען אין די מיליטער־ביכעלעך.

— מע—נאַ—כעם?

מנחם האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געקוקט אויף דעם סריסישן פּרצוף פון שרייבערל.

דעם זעלבן טאָג האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם צעריסענעם וואַטענעם שפּענצער, דעם אומגעלומפּערטן פוטער־הוט, די גומענע רעדער־לאַפּטשעס מיט די אָניטשעס, ער האָט דאָס אַלץ אַוועקגעוואָרפן ערגעץ ביי דער גרויסער באָד ווו דער גאַנצער פריש־באַקליידטער אָפּטייל מאָב־ביליזירטע האָט באַקומען מיליטער־מלבושים. מען האָט זיך געבאָדן אין אַ קאַלטער באָד. פון צעפּלאַצטע רערן האָט געזעצט אַ פּאַרע, און דערנאָך האָט מען אָנגעטאָן צעקנאָדערטע הויזן, אַלטע זעלנערישע רובאַכעס, שיך אויף לעדערנע זוילן — וואָס דאָס איז געווען מנחמס חלום — און שוואַרצע וויקלערס. ביים פאַרלאָזן די באָד האָט ער באַקומען אַ גרויסן שינעל, אַ לאַנגן, אָן קנעפּ, מיט אַ שפּאַלט פון הינטן און ניט געזיימטע, צויטלדיקע פּאָלעס.

פון באָד איז מען שוין צוריקגעגאַנגען מיט געזאַנג.

מנחם האָט געשפּירט ווי די פיס טרעטן אויפן ברוק און פון האַרץ אַרויס האָט זיך געטראָגן אַ פרייד, און אַז עס איז שטיל געוואָרן, האָט ער דער ערשטער פאַרצויגן אַ ניי ליד.

פּראָשטשאַי מאָי מילי גאָראָד — — —

צענדליקער שטימען האָבן אונטערגעכאַפּט זיין געזאַנג. שטימען הייזעריקע און שטימען שאַרפע וואָס האָבן זיך געריסן פון קעל אַרויס. אַ טייל האָט נאָר באַוועגט מיט די ליפּן.

גוט איז צו שפּאַנען איבער די פאַרפרוירענע גאַסן, די פאַרשנייטע, צווישן אַ המון און זיין אַ טייל פון אים. אָט גייט מען צו פיר אין אַ ריי. מנחם איז הויך און שלאַנק. ער גייט אין דער דריטער ריי, רעכטס. ער פאַרנעמט אַן אָרט אין דער מחנה מאַרשירנדיקע. עס מוז דאָך זיין אַ פערטער אין דער רייע. הייסט עס, אַז ווען ער איז איצט נישטאָ וואָלט עמעצער דאָ געפעלט. ער פילט אויס אַ חלל. און אַז ער האָט דערהערט איבער די גאָרקי־גאַסן זיין אייגן קול איז עס אים אויסגעקומען פרעמד, דערנאָך האָט ער זיך אַליין דערקענט. ער האָט דערקענט זיין אייגענע שטים. זיינע טריט זענען שטייפער געוואָרן. דאָס איז שוין ניט ס'צעיוירענע וויגן זיך אויף די לאַפּטשעס. ער האָט טיפער געעטעמט און די קעלט איז צו אים ניט צוגעשטאַנען. די אַקסל האָבן זיך אויסגעגלייכט, זיי זענען שוין מער ניט געווען צונויפגעצויגן און דער רוקן איינגעפאַלן. איצט גייט אַ הויכער סאָלדאַט, מיט אַן אָפן פּנים, אַ צעפּאַטשט פון ווינטער־ווינטער מיט אַ שאַרפן בליק, מיט שוואַרצע ברעמען, געדיכטע, אַראָפּגעלאָזטע איבער די אויגן. און דאָס געפיל, אַז ער פאַרנעמט אַן אָרט אין דעם קליינעם אָפּטייל ביי־מונדירטע, אַז ער פאַרנעמט אַן אָרט מאַרשירנדיק איבער די גאַסן — דאָס דאָזיקע געפיל האָט אים פלוצעם אויפגעהויבן אין די אייגענע אויגן, אויפגעהויבן אים צו דער הייך אין וועלכער עס געפינט זיך אַ מענטש וואָס האָט צוריקגעפונען, נאָך אַ לאַנגער שלאַפקייט, זיין פיזישע קראַפט.

אַפילו דעם הונגער וואָס ער האָט דערשפּירט איז שוין ניט געווען דער הונגער פון פריִער, אַ הונגער וואָס האָט אים געליימט, אַ הונגער וואָס האָט אים גענידערט אַלץ מער און מער צו דעם באָדן, צו דער פריטשע, אַ הונגער וואָס האָט אים געבראָכן די קני און געצוווּנגען אַז ער זאָל אין די נעכט צעעפענען זיינע אָרעמס און זיי זענען שלאַבעריק געפאַלן פון די ברעטער, נידעריק, נידעריק צו דער ערד. דעם הונגער וואָס ער האָט איצטער דערשפּירט איז געווען גאָר אַן אַנדערער. אַ הונגער וואָס האָט וואַך־געמאַכט זיינע גלידער. ער האָט זיך דערפילט לייכטער, באַוועגלעכער, אומגעדולדיקער. ער האָט דערשפּירט דעם ריח פון פראָסט. און די פינגער פון די הענט האָבן זיך צונויפגעשלאָסן אין אַ פויסט. ער האָט דערשפּירט ווי זיין גוף ציט זיך אָן אַזוי ווי אַ בויגן.

מנחמס שטים איז הילכיק געוואָרן.

אַנטיפּן איז שווער געווען צו דערקענען. דער קורצער שינעל איז אים געווען צעפּאַטלט, דאָס פּוטערהיטל איז אים געזעסן אויפן שפּיץ קאָפּ. ער האָט בייז געוואָרטשעט. דאָס איז געווען אַ געמיש פון אוקראַיִנישע און רוסישע קללות. ער האָט זיך ערשט באַרויִקט אין די קאַשאַרן, ביים ערשטן סאָלדאַטסקן אָונט־עסן.

— קאָרמיאַט... ניטשעהאָ... מיכאַילאָ...

מנחם איז לאַנג געזעסן אין אַ ווינקל מיט דער בלעכענער שיסל און געזופּט דאָס שיטערס. ער האָט הנאה געהאַט פון יעדן שלונג. אַ וואַרעמקייט איז זיך צעגאַנגען איבער זיינע גלידער. די געדיכטע הירזשענע קאַשע האָט אים זאַט געמאַכט.

ווען ס׳האָבן זיך אָנגעצונדן די ליכט, האָט מען זיך צעזעצט אויף די בעטלעך.

דער ערשטער טאָג איז געווען אַ פּרייער. מאָרגן גייט מען אַרויס אין פעלד אויף איבונגען. היינט דאַרף מען זיך פאַרגרייטן; צונייען קנעפּ, פאַרריכטן די פּאָלעס פון די שינעלן, אויסטוישן די ענגע שיך.

דער קאַזאַך האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט צוויי לינקע שיך און געזוכט איינעם פון די סערזשאַנטן. ער האָט אַרומגעהיפּט אַ באָרוועסער איבער די קאַשאַרן און געשאָלטן אויף קאַזאַכיש מיט טויטע קללות.

אַנטיפּ האָט אָוועקגעגעבן זיין שינעל, צוגעצאָלט מאַכאָרקע, אַז מען זאָל אים טוישן אויף אַ גרעסערן. צווישן די פּריטשעס איז אָנגעגאַנגען אַ טויש־האַנדל. מנחם האָט ערגעץ באַקומען אַ נאָדל מיט פּאָדעם און צוגענייט די קנעפּ, פאַרראָכטן די פּאָלעס. איינער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בויך, און ליגנדיק געשריבן אַ בריוול. אַ צווייטער האָט צעוויקלט אַ פּאַטשיילע, לאַנג איר געוויקלט ביז ער האָט פון דאָרט אַרויסגעוויקלט אַ שטיקל סאַלע. ער האָט פון איר געשניטן קליינע פּירקאַנטיקע שטיקעלעך און זיי געטראָגן מיטן שפּיץ־מעסער צום מויל. פון דער אייבערשטער פּריטשע האָט זיך אַראָפּגעשאָטן זאַמד. דאָרט האָט זיך געפּאָרעט אַ סאָלדאַט מיט זיין טאָרבע. עס איז אויסגעבראָכן אַ בייז זידלעריי.

— וואָס קריכסטו אויף אַלע פיר? זעסט ניט אַז מען עסט?

מען האָט זיך געטוישט אין אַ ווינקל מיט מאַכאָרקע. מכבד געווען מיט אַ שלונג בראָנפן, צונויפגעמען געוויקלט פון צייטונגען גרויסע ציגאַרן.

געווען אַזעלכע וואָס האָבן אײנגעגראָבן זייערע קעפּ אין צונויפ־געוויקלטן שינעל און זענען געלעגן פאַרשטומטע, און געווען אַזעלכע וואָס זענען פול געווען אין אַלע ווינקעלעך. אַלץ האָבן זיי שוין געוווּסט. ווער ס׳איז דער פּאָלקאָווניק און ווי אַזוי מען קאָרמעט, און ווי לאַנג מען וועט דאָ האַלטן אין דער קאַזאַרמע און אַז די איבונגען זענען שווערע, גאַנצע טעג און אַפילו נעכט אין די פעלדער און וועלדער.

— נשמהלעך אָרעמע, קעפּעלעך ניעשטשאַסטנע...

— הע־הע, באַטשיש, ווי דאָס גאָרויעט — האָט אַ דריבנער, קליינ־וווּקסיקער אוקראַינער געזאָגט — לאָזט מיך אַזוי ביז דער פּאָביעדע, וואָלט איך אַלע נעכטעלעך וויאָרסטן געמאַכט, אין די גרעסטע זאַווייעס און שטורעמס... עך... דורניע לודי... איר וועט נאָך בענקען אַמאָל צו די קאָשאַרן... איר וועט נאָך דערמאָנען די האַרטע ברעטעלעך...

און געווען אײנער פון די שאַכטיאָרן וואָס האָט זיך אַ שטעל־געטאָן.

— כאָכאָל! האָסט ניט קיין אָכאָטע צו שלאָגן זיך? דאָס זעט מען! איצט איז קלאָר פאַר וואָס די דייטשן האָבן פאַרנומען קיִעוו און כאַרקאָוו, גאַנץ אוקראַיִנע! ווען ניט די רוסן וואָלט איר שוין לאַנג קיין כאָכאָלעס ניט געווען... די פּאָלסקע פּאַנעס און די טאָטערן וואָלטן אייך צעמאָרש־טשעט... בלינעס געמאַכט פון אייך... ראָסיע האָט אייך אויפגעהאַלטן... די סאָוועטסקע וולאַסט האָט אייך אָפּגעהיטן און די שפּראַך געפּלעגט...

מנחם האָט מיט גרויס חידוש געקוקט צום שאַכטיאָר.

דאָס איז געווען אַ רוס, אַ הויכער, מיט שיפּלעכע אויגן, טיף אַריינ־געזעצטע, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר און אַ צעשמייכלטן פּנים. כאָטש ער האָט זיך געבייזערט איז אויף אים נאָך קענטיק געווען דער שמייכל.

און געווען איז צווישן די מאָביליזירטע אײנער, אַן עלטערער, האָט ער זיך גוטמוטיק געבעטן:

— קינדערלעך, וואָס פּלאַפּלט איר? אַלץ איז אַ יערונדאַ, אַ נאַרישקייט! גיט בעסער אַ זשלאָקע צו טאָן...

— פאָטערל, פאָטערל, אָט האָסטו...

דער אַלטער האָט אויסגעטאָן דעם הוט ווי צו אַ תּפילה.

— זדראַוו.

— זדראַוו, קינדערלעך...

ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער נאַרע און געשטאַמלט. — אוי, האָט דאָס דערוואַרעמט ס'אָרעמע נשמהלע. — ער איז געפאַלן אויף אַ סאָלדאַטס אָרעם און געוואָלט זיך האַלדזן און קושן.

אין אַ דאָרף ביי פּערם האָט ער זיין היים. אַ הילצערן הויז מיט אַן אַמבאַר, מיט אַ באָד וואָס שטייט זיך אין מיטן עפּל־סאָד. ער האָט אַמאָל געטריבן טאַבונען פערד. ווער האָט דען זיי געקענט איבערציילן? זיי האָבן זיך געהאָדעוועט אויף די גרויסע פּאַשע־פעלדער און אין די ווינטערס האָט מען זיי פאַרטריבן צווישן די ריזיקע שטרוי־סטאָגעס, און צווישן די סטאָגעס שטרוי האָבן זיך די פערד אויפגעהאַלטן דעם גאַנצן ווינטער. זיי האָבן אַליין אונטערגעבעט אונטער זיך פרישן שטרוי, געריסן פון די סטאָגעס מיט די מאָרדעס, מיט די פאָדערשטע פיס. מען האָט ערשט אין פרילינג געוווּסט וויפל זשרעבאָקעס עס זענען צוגעקומען אין ווינטער, און די פערד זענען אַלע געווען געזונטע, אויסגערוטע, מיט גלאַנציקע פעלן, און אַ הירזשעריי האָט זיך געטראָגן איבער די ברויט־סטעפּעס און דאָס הירזשעריי האָט דערפרייט די נשמהלעך. ס'וועלן קומען די קופּצעס, די פערד־אויפקויפער פון גאַנץ ראָסיי. און איצט — אויס טאַבונען, אויס סטאָגעס שטרוי, אויס פערדישער נאַוואָז, די טראַכט פון דער ערד איז פאַר־שלאָסן. עטלעכע קאָלכאָזנע פערד, אויף גאָטס געלעכטער, שלעפּן זיך איבער די פאַרווילדעוועטע בוריאַן־פעלדער. רייגע פון בהמה־אָפּפאַל זענען די וועגן, און די פערד זעען אויס ווי די צעלעכצטע רייפן פון איינגעטריקנטע פעסער, מען קען ציילן די רעבערעס. פגירות.

דער אַלטער האָט געקלאַפּט זיך אין האַרץ אַריין.

— סינאָק, נאָך אַ טראָפּנדל... סיי ווי...

און ווידער איז צוגעפאַלן דער אַלטער צום פלעשל.

— פאָיעט אים ניט אָן! — האָט גוטמוטיק געזאָגט דער הויכער רוס — מ'דאַרף ניט. די צונג וועט אים נאָך ווייט פאַרפירן. גאָר ווייט...

אין דער אָפענער טיר האָט זיך באַוויזן דער סערזשאַנט און אַ

געשריי־געטאָן. דאָס איז געווען אַ ניט־קלאָרער אויסרוף. עטלעכע האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער. אין די קאַשאַרן איז אַריינגעקומען דער פּאָלקאָווניק יעפימאָוו.

— אויפשטיין!

פון די פּריטשעס זענען אַראָפּ די סאָלדאַטן צום שמאָלן דורכגאַנג און זיך אויסגעשטעלט אין אַ רייע. טייל זענען געשטאַנען צעשראָקענע, מיט צעקנעפּלטע רובאַשקעס, מיט ניט־פאַרשנאָרוולטע שיך.

דאָס סערזשאַנטל איז געלאָפן פאָרויס און געשטויסן מיט די הענט.

— אויסגלייכן זיך, פאַרריכטן די קליידונג, לאָדירעס!

דער אַלטיטשקער האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דער געוועזענער שאַכטיאָר האָט אים אַ שלעפּ־געטאָן פאַרן אַרבל.

דער פּאָלקאָווניק יעפימאָוו איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין דער אָפענער טיר אומבאַוועגלעך. ער האָט שטאַר געקוקט פאַר זיך. זיין ברייט פּנים, דאָס געקאַרבטע מיט די צוויי שאַרפע שטריכן, וואָס האָבן געפירט פון די נאָזווינקלען ביז צו די מוילווינקלען האָט גאָרנישט אויסגעדריקט, ניט כּעס, ניט שטרענגקייט, ניט קיין מילדקייט. פון דער וויטנס האָבן זיך אויסגעטיילט די צוויי טיפע שטריכן און דאָס ברייטע מויל דאָס פאַר־שלאָסענע שאַפנדיק אַזוי אַרום אַ דרייעק.

וואָס מער מנחם האָט געקוקט אויפן פּאָלקאָווניק יעפימאָוו אַלץ בולטער איז אים געוואָרן דער האַרטער דרייעק פון פּאָלקאָווניקס פּנים און נעפּלדיקער דער איבעריקער טייל, ביז ער איז זיך צעשוווּמען. מנחם האָט געהאַט דאָס געפיל אַז ער קוקט אַריין אין אַ צילער פון אַ ביקס. די וועלט וועלכע גייט ניט אַריין אין דעם קליינעם צילער איז קיין וועלט ניט, זי פאַרשווינדט, צערינט. די שטאָלענע ראָם פון דרייעק וואַקסט אויס יעדער רגע גרעסער און דאָס אַריינגעפּאַסטע אין דער ראָם ווערט די וועלט.

יעפימאָוו איז געווען אַן אַלטער מיליטער־מאַן, נאָך פון דער ניקאָ־לייעווסקער אַרמיי. נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע איז ער אַריבער אין דער רויטער אַרמיי און געווען אַ קאַדראָווער גאַרניזאָן־קאָמאַנדיר לאַנגע יאָרן ביז ער האָט אָפּגעטראָטן זיין אָרט פאַר יונגערע פון אים. האַרט פאַר דעם אָנפאַל פון די דייטשן איז ער געווען אַ דירעקטאָר פון אַ טראַקטאָר־

סטאַציע אין אַ טשוואַשן־ראַיאָן. ער האָט זיך טעג אַרומגעדרייט צווישן די טראַקטאָר־סקעלעטן וואָס האָבן באַלייגט דעם גרויסן הויף פון „מ.ט.ס.״. דאָס זענען געווען שאַרבנס וואָס יעדן טאָג האָט מען פון זיי אַרויסגעשלעפּט די לעצטע רעשטלעך פון זייערע געדערעם, ביז עס איז געבליבן אַן אומגעלומפּערטער סקעלעט, אַ זשאַווערנדיקער, מיט ציין־רעדער טיף איינגעזונקענע אין דער ליימיקער ערד און פון די געדערעם־אויסהוילענישן האָבן אַרויסגעשפּראָצט הויכע גרינע גראָזן. צווישן די טראַקטאָרן האָבן זיך אַרומגעדרייט טראַקטאָריסטן, פאַרשוואַרצטע, פאַרריסטע. פון נאָענט האָבן אָפּגעהילכט טעמפּע קלעפּ אין זשאַווער־בלעכן. פון זעכציק טראַקטאָרן און צוואַנציק קאָמביינען זענען דורך עטלעכע יאָר כמעט אַלע אַרויס פון נוץ. גאָר אָפט האָבן אויסגעפּעלט טיילן האָט מען זיי דערווייל אויסגעבאָרגט ביי אַ צווייטן טראַקטאָר וואָס איז געשטאַנען אויף רעמאָנט. קיין נייע טיילן זענען ניט געקומען. שטענדיק האָבן געפּעלט די נייטיקסטע זאַפּאַס־טיילן. האָט מען גערופן יעפימאָוון אין פּאַרטיי־צענטער און אים געזידלט, געדראָט, געקלאַפּט אין טיש אַריין, און ער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געשוויגן.

— ניטאָ קיין טיילן... שווער מיט זאַפּאַסנע טיילן... — האָט ער געפּרווט איינמאָל זיך פאַרטיידיקן.

— מען דאַרף זיך דערשלאָגן אַליין... דו ביסט אָן איניציאַטיוו... ניט אויפן אָרט...

צוריקוועגס פון ראַיאָן־צענטער האָט ער געממיתט דאָס פערד, פאַרפאָרן צו דער אלמנה מאַקאַראָוונאַ, געשיכורט, געשלאָגן זיך אין דער ברוסט אַריין, געוויינט, געזידלט זיך און דערמאָנט די גוטע סאָלדאַטסקע יאָרן ווען יעדעס וואָרט זיינס איז געווען אַ באַפעל. דווקא צוליב זיין שיכּורן און דאָס קריכן צו מאַקאַראָוונען האָט מען אים אָנגענומען פאַר אַ ניט־געפּערלעכן, פאַר אַ מענטש וואָס האָט ניט קיין בייזע כּוונות קעגן דער וולאַסט פון די סאָוועטן.

— יעפימאָוו? אַ, יעפימאָוו האָט זיך נאָר זיינס אין זינען... די באַביאָנקע... אַזאַ אַלטער... — אַזוי האָט ער זיך דורכגעשלאָגן שיינע יאָרעלעך. ער האָט זיך לענגער געהאַלטן ביי די טראַקטאָר־שאַרבנס ווי די

אַנדערע. זיי האָט מען געטוישט, פאַרשיקט, געמישפּט. גיי און מישפּט יעפימאָוון, דער וואָס דרייט זיך אַרום צווישן דעם בית־הקברות פון טראַקטאָרן, זידלט די טראַקטאָריסטן און אין רגעס שפּעטער שמייכלט ער און דריקט צו אַ זשאַווערדיקן שאַרבן איינע פון די טראַקטאָריסטינס ווען ס'איז שווער צו דערקענען אויב דאָס איז אַ מוזשיק אָדער אַ באַבע — אַזוי געקליידט זענען זיי.

און אַז ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה איז יעפימאָוו גערופן געוואָרן אויסצושולן רעזערוו־סאָלדאַטן. ערשט איצט האָט ער ווידער אויפגעלעבט.

— סמירנאָ! — האָט געשריִען דאָס סערזשאַנטל.

איצט זענען די סאָלדאַטן געשטאַנען אומבאַוועגלעך און געזען ווי עס שפּאַנט פּאַמעלעך דער פּאָלקאָווניק מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים הויכן שאַכטיאָר, דער וואָס האָט זיך נאָר וואָס דורכגערעדט מיטן כאָכאָל.

— ווי רופט מען דיך?

— לאַטישעוו גריגאָרי אַפאַנאַסאָוויטש.

— פון וואַנען קומסטו?

— פון אוראַל. אַ מעכאַניקער אין די שאַכטעס.

יעפימאָוו האָט געמאַכט אַ טריט און אָפּגעשטעלט זיך ביים קאַזאַך.

— און דו?

— קאַזאַכסטאַן... קאַזאַך... כאָראָש סטראַנאַ...

דער פּאָלקאָווניק האָט געשמייכלט.

דער שיכּורלעכער פויער פון פערם, דער אַלטיטשקער, האָט זיך אויסגעגלייכט, אַרויסגערוקט זיך פאָרויס און געזאָגט:

— קאַזאַך, זאָג דיין נאָמען... דער פּאָלקאָווניק פרעגט...

דער קאַזאַך האָט געוויזן אַ שורה פערדישע ציין; גרויסע, געלע. ער האָט געמרוזשעט די אויגן. ס'איז אויסגעקומען ווי ער וואָלט שפּאָטיש געלאַכט.

דער אַלטיטשקער איז דרייסטער געוואָרן, זעענדיק אַז דער פּאָל־קאָווניק קוקט אויף אים האָט ער אויסגערופן:

— קאַזאַך, דיענגי יעסט, ביערי סערי! דיענגי ניעט — סערי נאַזאַד!

די סאָלדאַטן זענען אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. אויך דער פּאָלקאָווניק האָט זיך צעלאַכט. דער דרייעק פון זיין פּנים איז זיך צעפאַלן.

מנחם איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַן אָנגעשפּאַרטער און געקוקט פאַר זיך. ער האָט חשק געהאַט אָנצונעמען דעם גוטמוטיקן אַלטיטשקן פערמער ביי דעם אָרעם און אים אָפּהאַלטן פון פּלאַפּלען. ער האָט דאָס אָבער ניט געטאָן ווייל ער האָט דערפילט אויף זיך דעם פּאָלקאָווניקס בליק.

— ווו האָסטו וואָדקע גענומען?

— ניט גענומען... ס׳איז באַך פון מיין כאַטע... פון פערם... ס׳איז סאַמאָגאָן פון בוראַקעס...

— געדענק! ס׳לעצטע מאָל!

יעפימאָווס קול האָט זיך געטראָגן מיט אַזאַ שאַרפקייט אַזש ס׳האָט פאַרהאַקט די אָטעמס.

— איך וועל אייך מאָרגן אַ יאָג־טאָן דערפאַר! דאָס איז אַ קאַזאַרמע! שיכּורן זענט איר געקומען?

ער איז איצט געלאָפן הין און צוריק אַ בייזער, אַן אָנגעצונדענער. דאָס סערזשאַנטל האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט, צוגעדריקט זיך צו דער וואַנט און בלייך געוואָרן, באַר די קליינע אייגעלעך זיינע האָבן געפינקלט דאָ אַהין און דאָ צוריק, זיי זענען באַכגעלאָפן באַך דעם פּאָלקאָווניקס באַוועגונגען.

— און דו ווי הייסט?

— אַבילעוו.

— און דו?

— שאַריפּין?

— אַ טאַטאַרין? — האָט חידושדיק איבערגעפרעגט יעפימאָוו.

— פון קאַזאַן.

שאַריפּינס אונטערשטרייכן זיין אָפּשטאַמונג פון קאַזאַן האָט געהאַט פאַר אים אַ באַזונדערע וויכטיקייט. ער ווייס אַז די טאָטערן פון קרים האָבן פאַרראַטן אין דער מלחמה, אַז זיי האָבן אויפגענומען די דייטשן. דעריבער האָט ער שטענדיק צוגעגעבן זיין אָפּשטאַם־אָרט. די קאַזאַנער טאָטערן זענען געטרייע בירגער, סאָוועטישע פּאַטריאָטן.

דער פּאָלקאָווניק איז געשטאַנען נאָענט ביי מנחמען. ער האָט אים עטלעכע מאָל איבערגעהיפּט, געריידט מיט אַנטיפּן און אומגעריכט, ביים סאַמע סוף געוואָנדן זיך צו מנחמען.

— און אייך, ווי רופט מען?

מנחם האָט זיך פאַרוואונדערט וואָס דער פּאָלקאָווניק איז מיט אַ מאָל אַריבער אויף „איר". צו אַלעמען האָט ער זיך געוואָנדן אויף „דו".

— מנחם איסאַקאָוויטש.

דער פּאָלקאָווניק האָט גלייכגילטיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צום סערזשאַנט.

— אַן אמתער אינטערנאַציאָנאַל... צום קאָמפּלעט...

— סמירנאָ! — האָט זיך געריסן מיט אַלע כּוחות דאָס סערזשאַנטל.

דער פּאָלקאָווניק איז אַוועק און געלאָזן נאָך זיך אַן אָפענע טיר. אַ קאָלטער פּראָסטיקער ווינט האָט זיך אַריינגעריסן אין דער טויט־שטילער קאַזאַרמע.

נאָך האַלבער נאַכט האָט מען געטריבן פון דער קאַזאַרמע, מען איז געלאָפן איבער די בלאָע שנייפעלדער, געלאָפן איבער דעם טאָל צווישן די פאַרשנייטע דאָרן־קוסטעס, געקראָכן אויף אַלע פיר צום ברעג פון אַ באַקעטן טייך און אַראָפּגעלאָזט זיך צו די שוואַרצע וואַסערן, די פאַר־פרוירענע. דערנאָך איז מען געלעגן אין אַ סאָסנע־וועלדל און געשפּירט ווי דער שווייס פון לייב פרירט.

— ניט רייכערן! ניט ריידן!

ביים וואַלד־ראַנד איז געריטן אויף אַ ווייס פערד דער פּאָלקאָווניק יעפימאָוו.

אויף יענער זייט טייך האָט שוין געגרויט. דער קליינער אָפּטייל איז פאַרבייגעגאַנגען נעבן דעם פּאָלקאָווניק און אים הויך באַגריסט. יעפימאָווס פּנים איז געווענדט געווען צום האָריזאָנט. ווען מנחם איז נאָענט פאַרביי־געגאַנגען האָט ער דערשפּירט ווי פון פערדס נאָזדרעס שלאָגט אַ וואַרעמע פאַרע. די פיס־מוסקלען פון שיין־געבויטן פערד ציטערן פון אומגעדולד. ער, וואָלט זיך איצט דאָס פערד אַ טראָג־געטאָן צו די פאַרטאָגיקע רחבותן,

אַנטקעגן דעם אויפוואַכנדיקן טאָג און זיך אַריינרייסן אין סאַמע מיט פון האָריזאָנט וואָס ליכטיקט.

מנחמען איז אויסגעקומען אַז דער אומרו פון פערד האָט זיך איבער־געגעבן דעם אַלטן רוסישן סאָלדאַט — איליאַ אַלעקסאַנדראָוויטש יעפימאָוון, און עס איז געוואָרן איינס רייטער און פערד. אין דעם רוס יעפימאָוו האָט דערוואַכט דער מלחמה־מענטש פון דער דאָזיקער רוסישער ערד. ער האָט געוואַרט אויף דער דאָזיקער שעה און זי איז געקומען. ער האָט איר ניט אַרויסגערופן. זי איז אַליין געקומען. ער וואָלט מסתמא ביזן סוף פון זיין לעבן אַרומגעדרייט זיך צווישן די טראַקטאָר־שאַרבנס, צווישן די טראַקטאָ־ריסטן, עס וואָלט געוואַרט אויף אים די אלמנה מאַקאַראָונאַ מיט אַ גע־גרייטן סאַמאָוואַר, ער וואָלט געשיכּורט און אויסגעהערט שטראָף־רייד — אַזוי וואָלט עס זיך געצויגן ביזן סוף פון זיינע טעג ווען ניט די מלחמה.

ווען די סאָלדאַטן האָבן זיך געשלעפּט מיד און מאַט צוריק צו די קאַשאַרן איז שוין ליכטיק געווען.

דער פּאָלקאָווניק יעפימאָוו איז געשטאַנען מיט זיין פערד אויף אַ בערגל אין סאַמע מיט פון פעלד. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך יעדע רגע געגרייט אַ שפּרונג צו טאָן אין די בידעריקע וואָלקס אַריין וואָס אויף יענער זייט טייך.

קאַפּיטל צוויי

אַנהייב יאַנואַר 1942, ווען די סאָוועטישע אַרמייען ביי מאָסקווע זענען אַריבער אין אַ קאָנטראָפּענסיווע, האָבן גרויס הילף געגעבן די פּאַרטיזאַנער פון טולער, בראַנסקער און סמאָלענסקער געגנטן. זיי האָבן באַומרויִקט די דייטשישע קאָנצענטראַציעס מיט די נאַכט־איבערפאַלן, מיט בלאָקירן וועגן, זיי האָבן צעשניטן די קאָמוניקאַציע־אָדערן און צעשטערט דייטשישע גאַרניזאָנען.

אין מיטן יאַנואַר האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנגריף פון די רוסן אויף באַרווענקאָווא און אין פעברואַר האָבן די דייטשן געליטן אַ שווערע מפּלה אין ראַיאָן פון דעמיאַנסק.

אין פעברואַר זענען די סאָוועטישע אַרמייען געגאַנגען פאָרויס מער ווי אויף פיר הונדערט קילאָמעטער און באַפרייט די געגנטן פון מאָסקווע, פון טולע, ראַיאָנען פון קאַלינין, פון לענינגראַד און אַריין אין סמאָלענסקער קרייז.

דער שונא האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם דרוק פון סאָוועטישן מיליטער. די דייטשן זענען אָפּגעטראָטן אין אומאָרדענונג וואַרפנדיק דאָס געווער.

עלף טויזנט באַפעלקערטע פונקטן זענען באַפרייט געוואָרן, אין דעם 60 שטעט, צווישן זיי קאַלינין, קלין, קאַלוגע, מאָזשאַיסק.

אין יענע טעג האָבן זיך טייל פּאַרטיזאַנער־איינהייטן אַריינגעגאָסן אין דער סאָוועטישער אַרמיי. דאָס זענען געווען די איינהייטן וואָס האָבן זיך געפונען אין די וועלדער אַרום סמאָלענסק. אַ צווייטער טייל פון די דאָזיקע פּאַרטיזאַנער־גרופּן האָט באַקומען אַ באַפעל פון דער סאָוועטישער הויפּט־קאָמאַנדירונג אַריינצודרינגען טיפער אין דייטשישן הינטערלאַנד, אַזש ביז ווייסרוסלאַנד, ביז צו די וועלדער און זומפּן ביי מינסק. דעם

באַפעל האָבן באַקומען די פּאַרטיזאַנער־איינהייטן וואָס האָבן, טראָץ אַלע שלאַכטן, אויפגעהאַלטן זייער קאַמפּס־פּאָרעם און זענען געווען גוט באַוואָפנט.

אין איינער פון די דאָזיקע איינהייטן האָט זיך געפונען די יונגע דאָקטאָרין פון מאָסקווע אַננאַ סאַמועלאָוונאַ קאָרינאַ.

זי איז אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אין די סמאָלענסקער וועלדער אין די לעצטע טעג פון דעצעמבער 1941 אויף אַן אָפענעם או2־עראָפּלאַן.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט זיך אין דער זעלבער פּאַרטיזאַנער־איינהייט געמאָלדן דער ניי־באַשטימטער פּאָליט־קאָמיסאַר. דאָס איז געווען ניקאָליי פּיאָדאָראָוויטש זשילין. גראָד האָט זיך אַננאַ געפונען אין שטאָב פון דער איינהייט ווען עס האָט זיך געמאָלדן זשילין. זי האָט געקוקט אויף דעם יונגן העל־פּנימדיקן רוס, געזען ווי ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם שינעל און רייסט אויף פון אונטער דעם קאָלנער אַ נאָט און נעמט פון דאָרט אַרויס אַ פאַרוויקלט ווייס לייוונטל.

— דאָס איז דער באַפעל פון הויפּשטאָב וועגן מיין נאָמינאַציע.

אַננאַ האָט דערקענט זשילינען. זי איז געזעסן אין ווינקל אַ פּאָר־שאָטנטע און געפּאָרעט זיך אין איר דאָקטאָר־רענצל.

זי האָט ניט געוואָלט ציִען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט ניט פון זשילינען און ניט פון קאַפּיטאַן מיכאַילאָוו און ניט פון די דעזשורנע סאָלדאַטן.

מיט דריי חדשים צוריק.

דער „או2־עראָפּלאַן" וויגט זיך איבער וואָלקנס, איבער וועלדער. דער פראָסט שרפהט. אַ שטורעמווינט רייסט שטיקער וואַלד. איר פּנים ווערט ווי גלאָז, ווי בלעך און אַ האָגל פּאַלט אויף דעם בלעך און עס הילכט דער האָגל־געפּויק. די עראָפּלאַן־פליגל רייסן זיך אָפּ. אָט זענען זיי געבליבן הינטער איר. זיי שוועבן באַזונדער. דער גוף פון עראָפּלאַן באַזונדער. אַננאַ פאַלט... דערנאָך האָט אַ ווייסער חלף געשניטן די שוואַרצע קנוילן וועלדער, צעשניטן דעם הימל און געפאַנגען דעם וויגנדיקן עראָפּלאַן... זי הענגט אין דער לופט און שפּאַרט זיך אָן אָן דעם רעפלעקטאָרס שאַרף ליכט.

דערנאָך איז דער עראָפּלאַן פאַרזונקען געוואָרן אין אַן אָפּגרונט פון חשכות. די פליגל ברעכן די ביימער־שפּיצן. אונטן ברענט. דריי שייטערס. איין שייטער נעבן דעם אַנדערן. דער עראָפּלאַן נידערט. ער איז שוין ביים ערשטן שייטער. די רעדער פאַרטשעפּען זיך אָן קוסטעס. שאָטנס באַוועגן זיך, זיי ווימלען. עמעצער בינדט אָפּ די פּאַסן צו וועלכע זי איז באַפעסטיקט. שטאַרקע אָרעמס נעמען איר אַרום. מען טראָגט איר. ווער זענען די מענטשן? ווו איז זי? זי האָט געעפנט די אויגן אין שטאַב פון דער פאַרטיזאַנער־איינהייט.

— מיר האָבן געוואַרט אויף אייך, דאָקטאָרין.

דאָס איז געווען איר ערשטע באַגעגעניש מיטן קאַפּיטאַן מיכאַילאָוו, דעם קאָמאַנדיר פון דער וואַלד־איינהייט.

מיט אַ שעה שפּעטער האָט זי שוין דורכגעפירט די ערשטע אָפּעראַציע. — — —

ביי דעם קליינעם הילצערנעם טיש איז געזעסן זשילין מיטן רוקן צו אַננאַן. ער איז שנעל היימיש געוואָרן מיט די שטאַב־מענטשן. מען האָט געטרונקען צו גלעזלעך בראָנפן.

— עס גייען שווערע טעג.

— די דייטשן האָבן צובאַקומען נאָך פערציק דיוויזיעס. זיי זענען שוין אויפן פראָנט, אַנדערע זענען נאָך אויף די וועגן.

— מיר וועלן זיי אַנטקעגן גיין מיט פּאַראַד... — האָט געזאָגט זשילין. — דערצו זענען מיר דאָ. דאָס איז אונדזער אויפגאַבע...

אַננאַ האָט געוואָלט אַוועקגיין. זי דאַרף זיין אין סאַנאַפּטייל. זי האָט זיך ניט געקענט אויפהייבן פון אָרט.

פאַרוואָס איז זשילין געקומען אין דער דאָזיקער איינהייט? איז עס אַ צופאַל? אין מאָסקווער שפּיטאָל האָט ער זיך געוואָלט מיט איר זען, געוואָלט זיך מיט איר געזעגענען נאָר זי איז ניט אַרויס פון חדר. זי איז געלעגן אין דער האַלב־פינצטערניש און געהערט זיינע טריט. דאָס איז געווען נאָך דעם געשפּרעך וועגן מנחמען און זיינע צייכענונגען. „אַננאַ סאַמועלאָוונאַ" — האָט ער דעמאָלט גערופן. „אַננאַ סאַמועלאָוונאַ". איר איז אויסגעקומען אַז ער שטרייכט מיט אַ כוונה אונטער דעם פאָטערס

באַמען „סאַמועל‟. דערנאָך איז געקומען דער אומגעריכטער מישפּט איבער מנחמען און זיין פאַרשווינדן. אַננאַ האָט ניט געוווּסט אַז מנחם איז געשיקט געוואָרן אין די קוילן־שאַכטעס פון אוראַל. זי האָט געוווּסט אַז שולדיק איז מנחמס פאַרשווינדן איז געווען זשילין, אַז שולדיק איז אויך סוזייעוו.

זשילינס שטים איז איר באַקאַנט. ער רעדט אַנגענעם, רויִק, אַקצענטירט יעדעס וואָרט.

— איר האָט מיך, דוכט זיך, ניט מיט אַלעמען באַקענט, חבר מיכאַילאָוו?

אין דער רגע האָט זיך אויפגעשטעלט אַננאַ און פאַרקנעפּלט דעם שינעל. זי האָט לויט זשילינס רייד דערשפּירט אַז די ווענדונג צו מיכאַילאָוון האָט אַ שייכות צו איר.

— אָט איז אונדזער דאָקטאָר.

זשילין האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט.

אַננאַ האָט געזען ווי זיין פּנים איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטקייט. דאָס האָט אָבער געדויערט נאָר איין רגע. ער האָט זיך צעשמייכלט.

— כ'האָב געוווּסט, אַז איך וועל אייך דאָ טרעפן, אַננאַ סאַמועלאָוונאַ.

אַננאַס בליק, פול מיט חידוש און פאַרווונדערונג האָט אים אומרויִק געמאַכט. זשילין האָט גענומען פון טיש אַ גלעזל בראָנפן און עס צוגעטראָגן אַננאַן.

— לאָמיר אויסטרינקען צו דער באַגעגעניש.

ער האָט געציטערט און פאַרגאָסן עטלעכע טראָפּנס. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעקערעוועט צו די מענטשןביים טיש. אַננאַ האָט געפילט אַז דאָס איז נאָר כּדי צו פאַרדעקן פאַר איר די צעטומלעניש זיינע.

— אַדאַנק. איך מוז גיין צו די פאַרוווּנדעטע...

— איר האָט ניט געוואָלט מיט מיר זיך געזעגענען אין מאָסקווע און איצט ווילט איר ניט טרינקען צו דער באַגעגעניש...

כאָטש זשילינס ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן האַלב־שמייכלענדיק האָט אַננאַ אַרויסגעפילט אין זיי פאַרביטערונג.

— אָ, ווי איר געדענקט קלייניקייטן?

ווען זי איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר האָט זשילין זיך אָנגערופן.

— דערלויבט מיר אייך צו באַגלייטן... איך וויל אויך זען די פּאַר־וואַנדעטע...

— איר וועט זיך פאַרפּלאָנטערן, חבר פּאָליט־קאָמיסאַר, איר זענט דאָ אַ פרעמדער. איר קענט ניט די וועגן. אַחוץ דעם דאַרפט איר רוען נאָך אַזאַ פלי...

אַננאַ האָט צוגעמאַכט די טיר פון דער כאַטע און געלאָזט זיך גיין איבער דעם קוסט־וועגל. זי איז געגאַנגען שנעל ווי זי וואָלט פון עפּעס זיך געוואָלט דערווייטערן וואָס פריער.

מיטאָג־צייט האָט אויף טייל ערטער דער שניי געטייעט. פאַר טאָג זענען די צעטייעטע קאַלוזשעס פאַרצויגן געוואָרן מיט פראָסט־נאָדלען. זי איז געלאָפן איבער די האַלב־פאַרפרוירענע קאַלוזשעס און דאָס דינע אייז־גלאָז האָט זיך געבראָכן אונטער אירע טריט. די אייז־שפּליטערס האָבן געקלימפּערט ווי גלאָז. אויך אין איר האָט זיך עפּעס אויפגעבראָכן, אַזוי ווי ס׳ברעכט זיך אויף אַ שפּיגלדיקער פאַנצער־שאָל פון אַ זומפּ און מען דערזעט דעם ברוינעם תהום — אַזוי האָט זי דערשפּירט אין זשילינס דער־שיינען סכנה.

אַננאַ האָט געבלאָנדזשעט. זי איז אַרויס אויף אַ זייטן־וועג און דער־גרייכט צו די ערד־שטיבלעך וווּ עס האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ רעזערוו־אָפּטייל פון פאַרטיזאַנער וואָס זענען געניצט געוואָרן נאָר צו באַוואַכונגס־דינסט. עס איז איר מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן אַז דאָס פּלוצעמדיקע אַריבערוואַרפן איר אין דעם פאַרטיזאַנען־אָפּטייל איז געשען צוליב זשילינען. נאָך דעם ווי ער האָט באַקומען דעם באַפעל איבערצונעמען די קאָמאַנדירונג פון דעם פאַרטיזאַנער־אָפּטייל, האָט ער אויסגעפּועלט אַז אַננאַ זאָל אַהין איבערגעשיקט ווערן. ער האָט דאָס צוגעגרייט, נאָך זייענדיק אין מאָסקווע.

איצט איז אַננאַן קלאָר געוואָרן זיין זאָג: „איר האָט זיך ניט געוואָלט געזעגענען אין מאָסקווע״. ווי ער געדענקט יענע קליינע און צופעליקע באַגעגעניש? זי האָט פאַרקערעוועט אויף רעכטס און געלאָזט זיך לויפן צום סאַנאָפּטייל. עס איז איר אַנטקעגן־געקומען אַ סאַניטאַר.

— מיר וואַרטן שוין אויף אייך, אַננאַ.

דער זעלנער איז געגאַנגען פון פאָרנט און נאָך אים אַננאַ. זי איז געווען גוט געקליידט, אין אַ וואַרעמען שינעל, אין קליינע שטיוול, גע־פאַלדעוועטע. איר פּנים איז פריש, צעפלאַמט, דער גרויסער שטערן — ליכטיק, קלאָר ווי מירמל, אַ דין־געשניטענע נאָז מיט קליינע נאָז־לעפלעך און אַ שיין געפאָרעמט מויל מיט פייכטע ליפּן, נאָר די גוטמוטיקע גרויסע אויגן זענען פאַרוואָלקנט.

אין סאַנאַפּטייל איז איר אַלץ געפאַלן פון די הענט. זי האָט ניט דערהערט די באַגריסונגען, ניט געענטפערט אויף פראַגן פון קראַנקע. זי האָט זיך לאַנג געפאָרעט ביי די קליינע שאַפקעס און גענישטערט צווישן פלעשלעך און שאַכטלעך. דער סאַניטאַר איז געשטאַנען ביי דער טיר אַ צעטומלטער און ניט געוווסט וואָס ער האָט צו טאָן. אַ קראַנקער האָט גערופן. דאָס רופן איז ענלעך געווען צו אַ געוויין.

— דאָקטאָר... דאָקטאָר... — האָט געשטאַמלט אַ קראַנקן־שוועסטער וואָס איז פלוצעם אַריין אין צימער.

אַננאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט. זי איז געלאָפן צו די קראַנקע.

— סעמיאָניטש, סעמיאָניטש. וואָס מאַכט איר?...

זי האָט אָנגענומען דעם קראַנקנס האַנט.

— זייט רויק... סעמיאָניטש... עס וועט ווערן בעסער... איר וועט געזונט ווערן...

זי איז צוגעגאַנגען צום קליינעם פענצטערל און געשעפּטשעט צו דער קראַנקן־שוועסטער:

— גיב אים אויף צו באַרויקן... כ׳קען ניט הערן זיין רופן... מיך שוידערט...

אַננאַ האָט געציטערט. זי איז געווען נאָענט צו טרערן. ביינאַכט קומען צוויי עראָפּלאַנען. זיי וועלן אַוועקנעמען די שווער־פאַרוווּנדעטע. מאָרגן גייט מען אַוועק פון דאַנען. מען גייט טיפער אין הינטערלאַנד פון שונא.

די קראַנקן־שוועסטער האָט זיך געחידושט. זי האָט געזען ווי אַננאַס ברעמען זענען זיך צונויפגעלאָפן און די אונטערשטע ליפּ האָט אַ צוק־געטאָן.

— איר זענט קראַנק, אַננאַ סאַמועלאָווגאַ...

זי האָט ניט געענטפערט. אַננאַ האָט נאָר שאַרף אַ קוק־געטאָן אויף דער שוועסטער.

ביינאַכט איז אַננאַ געלעגן אין דער זעמלאַנקע אויף אַ טעפּעך. דאָס איז אַ טראָפעי־טעפּעך וואָס מען האָט געפונען אין אַ דעראָבערטן דייטשן טאַנק. דערנעבן, אויף אַ קליין טישעלע האָט געברענט אַ קאַנעצל. דאָס פלעמל האָט געצאַנקט. די זעמלאַנקע איז פול געווען מיט סאָסנע־ריחות פון די געהילצער וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן די ערד־אָנשיטן. שאָטנס פון די קלעצער זענען געפאַלן אויף דעם געלעגער, אויפן דיל. צו פוסנס איז געשטאַנען דער אויטאָמאַט. נאָר דער קיילעכיקער דיסק זיינער איז באַלויכטן געווען פון קאַנעצל.

באַלד וועלן זיך צערוישן די עראָפּלאַנען אויפן געהיימען פליפעלד. דעמאָלט וועט זי אַרויס. איצט איז שטיל. אין קליינעם פענצטערל, קעגן איבער, קוקט אַריין די וואַלד־פינצטערניש. באַענט שאַרכט עפּעס. דאָס איז אַוודאי דער ווינט. ער פאַרקנוילט זיך אָפּטמאָל אין אַ סאָסנע־שפּיץ און טרייסלט אים לאַנג און אומהיימלעך. זי פירט מיט די פינגער איבערן קאַלטן שטאָל פון דיסק. די קראַנקן־שוועסטער באַטאַשע האָט היינט דיזשור. זי האָט ניט באַהייצט דאָס ערדשטיבל. אויף נאַטאַשאַס געלעגער שטייט דאָס בילדל פון איר געליבטן איינגעפאַסט אין אַ רעמל. איצט פינקלט דאָס גלאָז אין קאַרגן ליכט. זי איז לאַנג אַזוי געלעגן מיט אָפענע אויגן ביז דאָס קאַנעצל איז אויסגעגאַנגען. צו וואָס צינדן ליכט? נאַטאַשאַ האָט גאָרנישט פאַרגרייט, ניט קיין נאַפט, ניט קיין אָנגעהאַקט האָלץ. מען דאַרף ניט הייצן. סיי ווי גייט מען מאָרגן פון דאַנען אַוועק. עמעץ רופט. ניין, דאָס איז אַן עכאָ וואָס קומט פון ווייט און דער ווינט טראָגט אים אַרום. ווידער איז שטיל. ווו איז איצט זשילין? וועט סעמיאָנאָוו אויסהאַלטן דעם פלי אין אַזאַ קעלט? ער וועט אויסגיין. קען מען לאָזן די קראַנקע אָן באַגלייטונג? „איך האָב געוווּסט אַז כ׳וועל אייך דאָ טרעפן”... הייסט עס, אַז זשילין האָט צוגעגרייט מיין אָפּפאָר פון מאָסקווע... איצט איז איר קלאָר געוואָרן. אין איין צייט זענען זיי פאַרשיקט געוואָרן פון מאָסקווער

פראַנט, מנחם און אַננאַ... פאַרוואָס איז עס געשען כמעט אין איין צייט?...

אַננאַ איז געלעגן אין דער פינצטערניש מיט אָנגעשפּיצטער דער־וואַרטונג. באַלד. נאָך עטלעכע מינוטן. אַ ווינט וועט צעוויגן די ביימער־שפּיצן. נאָענט וועלן זיך צינדן פייערן און אַ רויך וועט זיך וויקלען, אַ ליכטיקער רויך איבער דער וואַלד־פּאַליאַנע. דערנאָך וועט עס רוישן ווי אומרוִיקע וואַסערן בעת זיי רייסן אויף די אייז־קרִיעס, און שאָטנס וועלן ווימלען איבערן וואַלד, מען וועט הערן דעם געקייקל פון רעדער און אַ הירזשעריי פון פערד.

זי האָט זיך ביט געקענט דערוואַרטן אויפן עראָפּלאַן־גערויש.

אַננאַ איז אַרויס פון דער זעמליאַנקע. אויפן אַקסל איז געהאַנגען דער אויטאָמאַט. זי האָט אים אָפּגעפּילט דאָס מאָל מערער ווי שטענדיק. דער וועג צום סאַנאַפּטייל פירט דורך אַ קליינער פּאַליאַנע. פּאַרטיזאַנער פּאָרן זיך ביי אַ בערגל טרוקענע צווייגן. זיי וואַרטן אויף אַ באַפעל אָנצוצינדן אַ שייטער. דאָס דאַרף זיין איינער פון די סימנים פאַר די עראָפּלאַנען וואָס וועלן דאָ לאַנדן.

סעמיאָנאָוו גוססט. די אַנדערע פאַרוווּנדעטע ליגן שוין צוגעגרייט צו דער נסיעה.

ווען אַננאַ איז אַוועק פון סאַנאַפּטייל האָט זי זיך אויף די טרעפּלעך באַגעגנט מיט זשילינען.

— כ'האָב געוווּסט אַז כ'וועל אייך דאָ טרעפן — האָט אַננאַ געזאָגט און זיך צעלאַכט. דאָס איז געווען אַ געלעכטער פול מיט שפּאָט, אַ בצחון־געלעכטער פון אַ פרוי.

זשילין האָט דאָס אָפּגעפּילט.

— איר חזרט איבער מיינע רייד פון נעכטן...

אַננאַ האָט איצט געלאַכט אויפגעבונדענער, גוטמוטיקער.

— מיר וואָלטן געדאַרפט פאַרזעצן דעם געשפּרעך וואָס מיר האָבן געהאַט אין מאָסקווער שפּיטאָל.

— וואָסער געשפּרעך?

— וועגן מאָלעריי... וועגן צייכענונגען וואָס איר האָט געזען... איר געדענקט?

ס׳איז געוואָרן שטיל. אַננאַ האָט אויסגענוצט די שטילקייט און אומ־געריכט געפרעגט:

— ווייסט איר עפּעס וועגן מנחם איסאַקאָוויטש?

זשילין איז געבליבן שטיל. אַננאַ איז געגאַנגען פאָרויס און מיט אַ מאָל זיך האַסטיק אויסגעקערעוועט. זי האָט געמאָנט אַן ענטפער אויף דער פראַגע מיט איר שווייגן, מיט דעם פּלוצעמדיקן אויסקערעווען זיך צו זשילינען.

— אָ, דער דאָלמעטשער... ער איז געמישפּט געוואָרן... עפּעס אַ געשיכטע מיט אַ געפאַנגענעם דייטש...

אַננאַ האָט געשוויגן. איר געשפּרעך האָט זיך מער ניט געבונדן.

— וווהין דאַרפט איר? — האָט אַננאַ געפרעגט — איך וועל אייך צופירן. אוודאי אין שטאַב?

— צו דער פּאָלאַנע דאַרף איך.

— זי איז אַ הונדערט מעטער פון דאַנען, רעכטס...

אַננאַ האָט אָבער ניט געקענט אַוועקגיין. זי האָט געוואָלט וויסן וואָס עס איז געוואָרן מיט מנחמען. זשילין ווייס. פרעגן אים קען זי ניט. מען טאָר ניט. עס איז שעדלעך. זי שטעלט זיך נאָר אויס אויף אַ געפאַר, אויך זשילין איז אין אַ ניט באַקוועמער לאַגע. איר רײדן וועגן מנחמען נאָך דעם ווי ער איז געמישפּט געוואָרן, באַדייט ווערן מיט זשילינען היימיש, אַריבערגיין די גרענעץ פון אָפיציעלקייט און צווינגען אים צו אַ ניט־לאָיאַלקייט, צו ברעכן די דיסציפּלין און אַליין זיין אויסגעשטעלט אויף פאַרדאַכטן.

— דוכט זיך, אַז איך הער אַ רוישן, די עראָפּלאַנען קומען אָן.

אַ שייטער האָט זיך צעפלאַקערט. דערנעבן האָט זיך מיט אַ טרוקענער טרעסקעריי אָנגעצונדן אַ צווייטער פלאַם.

צוויי עראָפּלאַנען זענען געפלויגן נידעריק. זיי האָבן אָנגעצונדן פייערלעך ביי די פליגלען און זיי געלאָשן. דאָס גיבן זיי די אָפּגערעדטע סימנים.

דאָס גערויש איז געוואָרן שטאַרקער. אַננאַ איז אַוועק. זי איז גע־גאַנגען העלפן די סאַניטאַרן.

זשילין איז איר פאַרלאָפן דעם וועג.

— איר האָט זיך געפרעגט אויף מנחם איסאַקאָוויטש? — זיינע רייד זענען פאַרשריִען געוואָרן פון אַ שווערן עראָפּלאַן־גערויש — ער לעבט! מען האָט אים איבערגעשיקט אין די „ספּעצאָפּטיילן". ער איז אַוודאי געשיקט געוואָרן קיין גאָרקי און פון דאָרט אין די שאַכטעס...

זשילין האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר עס איז ניט מעגלעך געווען. דער עראָפּלאַן־גערויש איז געווען אַזוי שטאַרק אַזש מען האָט ניט געהערט דאָס אייגענע קול.

אַננאַ האָט געזען זשילינס פּנים אַ באַלויכטנס פון די שייטער־פלאַמען. דער הימל איז איצט ווי אַש.

אַ רעפלעקטאָר בלאָנדזשעט איבערן וואַלד, בויגט זיך אָן אויפהער און טרעפט אָן שוואַרצע סאָסנע־קרוינען, שאַרפע מיט אָפּגעהאַקטע צווייגן־שפּיצן.

אַננאַס פּאַרטיזאַנער־גרופּע האָט זיך גערוקט אויף מערב. צוערשט זענען אַוועק די קליינע אויסשפּיר־גרופּן, דערנאָך די פאַרבינדלער, די רעגולערע שיסער־טיילן, דער שטאַב, און צום סאַמע סוף — די אינטענדאַנטור און דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל מיט די וואַכפּאָסטנס וואָס האָבן אָפּגעשלאָסן דעם גרויסן פּאַרטיזאַנער־טאַבאָר.

די קאָמאַנדירונג פון דער איינהייט איז געלעגן אין די הענט פון מיכאַילאָוון און זשילינען. היות אָבער זשילין האָט זיך נאָר וואָס באַוויזן פון מאָסקווע מיט נייע באַפעלן, און אויך דאָס וואָס ער איז באַשטימט געוואָרן ווי דער פּאָליט־קאָמיסאַר, האָט עס אים במילא אַוועקגעשטעלט אַלס דעם פאַקטישן אָנפירער פון שטאַב.

מיכאַילאָוו האָט געדינט ביז דעם מלחמה־אויסברוך אין בריסקער פעסטונג. ער איז דאָרט ניט לאַנג געווען, פון האַרבסט 1939 ביז יוני 1941, ווען ער איז אַריינגעפאַלן צו די דייטשן. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון אַ לויפנדיקן צוג און אויסבאַהאַלטן זיך אין די פּאָליעסער וועלדער. פון דעם פאַלן פון צוג האָט ער באַקומען אַ פעלער — ער האָט געהינקט אויפן לינקן פוס און בשעתן ריידן איז אים באַפאַלן אַ צוקעניש ביי די אויגן־

ווינקלען. ער איז געווען אַ וואַלד־אויפזעער, געבוירן געוואָרן אין קאַרעליע. צוגעווינט צו אַ שווער ווינטער־לעבן אין די פּראָסטיקע וועלדער, איז געלונגען דעם קאַפּיטאַן מיכאַילאָוו צונויפצוזאַמלען איינצלנע בלאָנדזשענ־דיקע רויט־אַרמייער, די וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וואַלד־כוטאָרן און פון זיי צונויפשטעלן אַ קליינע רעגולערע אַרמיי. אין זיין איינהייט האָט ער אַריינגענומען נאָר רוסן, אָפּשטאַמיקע פון די מיזרח־געביטן פון רוסלאַנד. זיי וועלן זיך שלאָגן מיטן דייטש און וועלן ניט דעזערטירן אַזוי ווי די אוקראַינער, ווי די ווייסרוסן און ווי די רוסן וואָס זייערע היימען זענען צייטווייליק אין דייטשע הענט. מיכאַילאָוו האָט געוווּסט אַז אַלע די האָבן היימען צו וועלכע זיי בענקען און עס שטערט זיי ניט קיין פראָנט־ליניע אַז זיי זאָלן זיך צו די היימען דערשלאָגן. זיין רוף איז געווען: דורכרייסן זיך דורכן דייטשן פראָנט, דערשלאָגן זיך צו אייגענע און אויפן וועג — שלאָגן דייטשן. אין ווייסרוסלאַנד האָט ער געהאַט אויסצושטיין צרות פון די אָרטיקע פּויערים. זיי זענען געווען אומפּריינטלעך, זיי האָבן אויסבאַהאַלטן די שפּייז, אָפּטמאָל אינפאָרמירט די דייטשן ווו די פּאַרטי־זאַנער האַלטן זיך אויף און אויך אָנטיילגענומען אין אָבלאַוועס קעגן די פּאַרטיזאַנער. מיכאַילאָוו האָט געטריבן פון זיך יעדן פרעמדן וואַלד־וואָגלער וואָס האָט זיך דערשלאָגן צו זיין איינהייט. צוערשט האָט ער אים אָנט־וואָפנט און דערנאָך אָפּגעלאָזט. ס׳האָט פּאַסירט, אַז עמעצער פון די אויס־שפּירער, וואָס האָט אַרויסבאַגלייט אַזאַ איינזאַמען וואַלד־מענטש פון דעם פּאַרטיזאַנער־אָביעקט, האָט באַרויבט דעם קרבן, צוגענומען ביי אים די שטיוול, די קליידער. די ערשטע צייטן האָט מיכאַילאָוו געשטראָפט זיינע מענטשן פאַר אַזאַ רויב. דאָס איז אָבער געשען זעלטן. אויך יידן, אַנטלאָ־פענע פון די שחיטות האָבן ניט געהאַט קיין בעסערן מזל ווי די ווייסרוסן.

מיכאַילאָוו האָט געטענהט:

— אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט אויף הפקר די אייגענע ברידער... געלאָזט זיי אויסמאָרדן... איצט קומט איר זוכן שוץ... געגאַנגען ווי די שעפסן... גייט צוריק און רייסט אויף באַן־וועגן, לייגט דינאַמיט אונטער רעלסן, באַווייזט עפּעס... דערנאָך וועלן מירריידן...

איינער נאָר פון די יידישע וואַלדמענטשן איז צוגענומען געוואָרן

אין דער איינהייט, דאָס איז געווען אַ פּוילישער ייִד, אינזשעניר גראָס. אַ נידעריקער, קרעמפּער מאַן, מיט פּעך־שוואַרצע ברעמען און שוואַרצע געקרייזלטע וואָנצעס — אַ מענטש אין די דרייסיקער. ער האָט זיך געמאָלדן אין מיכאַילאָווס איינהייט מיט אַ דייטשישן אויטאָמאַט.

מען האָט אים לאַנג געפּאָרשט. כאָטש אינזשעניר גראָס האָט גערעדט האַלב־פּויליש האַלב רוסיש האָבן זיי אים פאַרשטאַנען. ער איז געבליבן אין דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע און מען האָט אים צוגעטיילט צו די אויס־שפּירער. מיכאַילאָוו האָט זיך געהאַט דערביי אַ באַזונדער אויסרעכענונג. ער האָט געדאַרפט האָבן כאָטש איינעם וואָס קען דייטש.

גראָס איז גיך היימיש געוואָרן מיט אַלעמען. איינמאָל האָט אים אַננאַ איבערגעבונדן אַ קליינע וואונד אויפן אָרעם. דאָס איז געווען נאָך אַ שיסעריי מיט אַ טראַנספּאָרט־אָפּטייל וואָס האָט געפירט שפּייז פאַר דייטשן. די אַקציע איז ניט געלונגען. צוויי זענען געפאַלן. גראָס האָט אויפגעריסן מיט אַ גראַנאַט אַ לאַסט־מאַשין און זיך צוריקגעקערט אַ פאַרוואונדעטער. נאָך דעם ווי מען האָט אים איבערגעבונדן האָט ער זיך פרייוויליק געמאָלדן אויפצוזוכן די געפאַלענע. אַננאַ האָט דעמאָלס באַגלייט די אויסשפּירער. זי איז געגאַנגען נעבן גראָסן. ער האָט איר דערציילט וועגן זיין היים אין פּוילן. — דו ביסט אַ ייִד? — האָט זי אים געפרעגט.

— אַפילו ווען איך וויל דאָס פאַרלייקענען, קען איך עס אויך ניט.

— איר וואָלט דען דאָס געוואָלט פאַרלייקענען?

ער איז איבערראַשט געוואָרן פון אַננאַס פראַגע.

— פאַרלייקענען? דאָס איז איצט פּחדנות. איך בין ניט קיין פּחדן.

אַננאַ האָט אים אָנגעקוקט מיט חידוש און געגעבן די האַנט. ווידער האָט זי זיך דערמאָנט אָן מנחמען און ווידער איז אויפגעשווומען זשילין.

דערנאָך האָט זי גראָסן מער ניט געזען. זי האָט געוווּסט אַז ער איז אין דער איינהייט און אַז ער פרעגט זיך אָפּט אויף איר. ער האָט דורך נאַטאַשאַן געשיקט צו אַננאַן גרוסן. איין מאָל האָט ער אויסגעשניטן פון אַ סאָסנע־צווייג אַ הירשן־קאָפּ און איר געשיקט אַ מתנה. דאָס האָט ער געמאַכט בשעת ער איז אַריינגעפאַלן אין אַן אַרומרינגלונג און דריי טעג און נעכט אָפּגעלעגן צווישן טשערעט אין אַ זומפּ.

איצט גייט ער אין שפּיץ פון דער אויספּשפּיר־גרופּע. ער קען די געגנטן. אַ האַלב יאָר איז ער דאָ אַרומגעגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף, פון כוטאָר צו כוטאָר. ער איז אַ שווייגער. וויפל מאָל מען האָט אים ניט געפרעגט ווי אַזוי ער האָט באַקומען דעם אויטאָמאַט — איז קיין מאָל ניט געקומען קיין תשובה. ער האָט נאָר אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט.

— ניט כדאי צו ריידן...

די פּאַרטיזאַנער זענען געגאַנגען דורך די פאַרפרוירענע זומפּ־פעלדער. אויף טייל ערטער איז דער שניי געווען אָפּגעקערט פון די פאַר־פרוירענע אָזערעס און עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ גרינלעכער אייזשפּיגל, אָן אַ דנאָ. מען האָט געזען נאָר אַ גרינעם תהום. ביי די זייטן זענען גע־וואַקסן דערנער, פאַרשנייטע, פאַרצויגענע מיט אייז, בלושטשן אויסגע־טריקנטע וואָס האָבן זיך געבראָכן ביי יעדן באַריר. נאָענט האָבן גע־סטערטשעט גאַנצע טשערעט־וועלדלעך. דאָס איז געווען אַ הויכער טשערעט, אַ שטייפער פון אַן אויסגעלאָשענעם זילבער־קאָליר. דערנאָך האָבן זיך געצויגן די פאַרפרוירענע באַגנעס, די טאָרף־פּאָליאַנעס מיט האַרט־גע־פרוירענע בערגלעך באַוואַקסענע מיט קאָמיש. און אַרום די בערגלעך — וואַסער־אָדערן מיט אַ דינעם, ברעכעדיקן אייז.

עס איז שווער געווען צו גיין איבער אַזאַ בערגלדיק פעלד. די פיס האָבן זיך געפּלאָנטערט ביי די בערגלעך, פאַרזונקען אין די האַלב־פאַר־פרוירענע קאַלוזשעס, פאַרטשעפּעט זיך ביי די וויקלגראָזן. געגאַנגען איז מען אָפּט אין פינצטערניש פון דער נאַכט. מען איז געפאַלן, צעריסן זיך די פנימער אָן די שאַרפע בלושטשן די פאַראַיאָריקע, אָן די דערנער די נאַקעטע. טייל מאָל האָט מען אויסגעפונען קליינע זייטן־וועגלעך, די ברייט פון אַן אַקס. עס האָבן זיך אָנגעזען די רעדער־אָפּדרוקן. איצט זענען זיי געווען פאַרצויגן מיט שייבלעך אייז און אין די פינצטערע נעכט האָבן זיי געשפּיגלט דאָס קאַרגע ליכט פון די וואַנדערנדיקע וואָלקנס און די רעדער־אָפּדרוקן האָבן דערמאָנט אָן רעלסן.

די שטימונג פון די פּאַרטיזאַנער איז געווען אַ געדריקטע. אָט, אַזוי נאָענט. ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען איז דער פראָנט. אין די נעכט הערט מען שוין פון דאָרט די „קאַטיושעס" און דאָ, נאָדיר גאָר, אַזאַ צוריק־

ציִען זיך פון אייגענע, ערגעץ קיין מערב, ווידער צו די ווייסרוסן און פּאָליאַקן. מען האָט געוואַרט די גאַנצע צייט, צוגעזאָגט דורכצורייסן זיך צו די אייגענע... דער קאַפּיטאַן האַלט ניט זיין וואָרט. מיט יעדן טאָג ווערן זיי אַלץ ווייטער און ווייטער פון די היימען. זיי האָבן אַרויפגעוואָרפן די שולד אויפן פּאָליט־קאָמיסאַר זשילין.

קיינער האָט אָבער די דאָזיקע מחשבות ניט אַרויסגעבראַכט אויף די ליפּן. מען איז געגאַנגען פאַרביטערטע און דערשלאָגענע. איין גראָס איז געווען גוט אויפגעלייגט. ער האָט דאָס אָבער קיינעם ניט געגעבן צו פילן.

דער באַפעל איז געווען דורכצורייסן זיך אַ וועג ביז די וועלדער, צפונדיק פון מינסק, און ערשט ווען די איינהייט וועט זיין ביי מינסק אָנהייבן די אָפּעראַציעס. ביז דעמאָלט — אויסמיידן די דייטשן, אויסמיידן יעדער באַגעגעניש מיט דייטשישע פאַרפּאָסטנס, „אָפּרייסן זיך פון זיי" — אַזוי האָט באַפוילן זשילין.

מיכאַילאָוו האָט שווייגנדיק אַקצעפּטירט דעם פּלאַן. ווי אַ מיליטער־מאַן, האָט ער געוואָלט דערפירן זיין אָפּטייל צום פראָנט און ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט דורכרייסן זיך צו די אייגענע פּאָזיציעס פון די סאָוועטישע פראָנטלער. דאָרט וואָלט ער זיך געמאָלדן אין שטאַב. „קאַפּיטאַן מיכאַילאָוו, דער באַזע־שעף פון דער בריסקער פעסטונג האָט זיך דורכגעריסן דורכן פראָנט צוזאַמען מיט אַן איינהייט". ער וואָלט אויסגערעכנט די מיליטערישע אָפּעראַציעס קעגן די דייטשן וואָס ער האָט דורכגעפירט אין הינטערלאַנד. ער האָט ניט איין מאָל איבערגעחזרט די דאָזיקע ווערטער און ווען ער איז שוין געווען נאָענט צום ציל איז געקומען זשילין — — —

ביינאַכט זענען אומגעריכט געקומען צו רייטן זשילין און מיכאַילאָוו. זיי זענען געקומען פון די פאָדערשטע גרופּן. דער נידעריקער שליטן פון סאַנאָפּטייל איז געשפּרונגען איבער די גרודעס. נעבן שליטן איז געגאַנגען אַננאַ מיט נאַטאַשאַן. זשילין איז אַראָפּ פון פערד.

— איר דערקענט ניט קיין אייגענע?

— מיר דערקענען — האָט געזאָגט די שוועסטער.

— איר מיידט אונדז אויס? — און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער האָט ער געזאָגט: — מיר פאַרקערעווען איצט רעכטס, דאָרט איז שוין דאָס

וועגל אַ גלייכס, אָן בערגלעך. מיר וועלן רוען אין אַ נאָענטן דאָרף. געבליבן אַ פינף וויאָרסט. אונדזערע פאַרגרייטן שוין דאָרט וואַרעמע כאַטעס.

אַננאַ האָט זיך אַריינגעזעצט אין שליטן. זי האָט נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו זשילינס רייד. דער פּאָליט־קאָמיסאַר האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פעלץ און אים אַוועקגעלייגט אויף אַננאַס פיס, פאַרהילנדיק זיי ביז דער שויס. דערנאָך איז ער פאַרשוווּנדן אין דער לאַנגער רייע סאָלדאַטן.

זי האָט נאָר געהערט ווי מיכאַילאָוו האָט שטיל געזאָגט צו זשילינען:

— מען דערקענט, זשילין, אַז איר זענט ניט לאַנג פון מאָסקווע... לויט אייער העפלעכקייט... מיר זענען דאָ פאַרגרעבט געוואָרן... מ׳דאַרף זיך לערנען ביי אייך...

שפּעט ביינאַכט איז אַננאַ אָנגעקומען אין דעם קליינעם דערפל נאַדיעזשדינאַ. די וואַכפּאָסטנס זענען שוין געווען צעשטעלט. ברונעמער האָבן געסקריפּעט, טויערן האָבן זיך געוויגט, אַ הונט האָט געבילט ביי אַן איינזאַמער קלוניע. אין די קליינע פענצטערלעך האָבן געצאַפּלט פלעמלעך און שאָטנס האָבן זיך געשאַרט ביי די פּלויטן, ביי די ווערבעס וואָס לעבן די נידעריקע הייזער.

אַן אַלטער פויער, אַ בערדיקער, איז אַראָפּ אַ באָרוועסער פון אויוון אין אַ טונקעלער רובאַשקע און געפּאָרעט זיך ביים נאָפּט־קאַנעץ. גרויסע שאָטנס האָבן געטאַנצט אויף די ווענט. אַננאַ איז געזעסן ביים טיש און געקוקט צום טשולאַן ווו די פויערטע האָט געגרייט דעם סאַמאָוואַר.

— אָרעם נשמהלע, טאָכטערל, וועסט הייסן קיפּיאַטאָק טרינקען, פאַר־פאָרעטן מיט יאַגעדע־צווייגלעך... דו וועסט כאָטש די ביינדעלעך די אומ־גליקלעכע אויסרוען...

די פויערטע האָט אָן אויפהער גערעדט צו אַננאַן און געקרעכצט. זי איז בייז אויף דער וועלט און אויף גאָטס מוטערל וואָס האָט דערלאָזט צו אַזאַ מלחמהלע.

— גאָספּאָדי יסוס כריסטאָס, ניקאָליי אוגאָדניק... אוי, איר אַלע הייליקע און דו גאָטס מאַמעלע... עך־טעך־טע...

און ווי נאָר זי האָט אַרויסגערעדט די הייליקע נעמען איז איר בליק

געפאַלן אויף די איקאָנעס וואָס זענען געשטאַנען אין אַ ווינקל אויף אַ קליינער פּאָליצע.

— אַזאַ שיינע וועלט... קוקסט אַרויס איצט אין פענצטער און זעסט די שטערנדלעך, די פולע לבנה, אַזוי ווי גאָטס מוטער וואָלט פאַר וויסטע יתומהלעך כּלה־שלייערן געשפּרייט... דאָס איז אַ סימן פון אַ פּרוכטיק יאָרעלע... עך־טעך־טע... אוי מיין נשמהלע...

אַננאַ האָט זיך אויפגעשטעלט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שינעל, אויסגעטאָן דעם פוטערהוט, צעעפנט דעם רימען און אַוועקגעלייגט אויף דער אויוון־באַנק דעם נאַגאַן. נאַטאַשאַ האָט געבראַכט אַ בינט שטרוי און עס פאַרשפּרייט אין קליינעם אַלקער־ווינקל וואָס איז געווען אָפּגעטיילט מיט עטלעכע ברעטער.

די אַלטע האָט געזידלט די וועלט, דעם באַשאַף און דערהויפּט איר אַלטן מוזשיק.

— האַ, פּאָטאָפּ? וווּהין האָבן דיך די אָנהערנערדיקע שדים פאַר־טראָגן? מוזשיק מיינער... אומגליק מיינער... וואָלסט עפּעס פון פּאָדוואַל אַרויפגעבראַכט... אַליין פאַרשטייסטו ניט!... אוי מיין נשמהלע...

מען האָט געטרונקען הייסן טיי פון סאַמאָוואַר און געטונקען סוכאַרעס אין קאָכעדיקן וואַסער.

דערנאָך האָט מען זיך אויסגעבעט אויפן שטרוי און אַוועקגעלייגט צוקאָפּנס דעם רימען מיטן נאַגאַן. אַננאַ האָט געזען ווי דער מוזשיק האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט. ער האָט זיך פאַרקליבן אויפן פּיעקעליק.

אין דער דאָרף־גאַס איז שטיל געוואָרן. אַ פערד האָט זיך צעהירזשעט. מען האָט געהערט טריט וואָס זענען געקומען פון גאָר נאָענט. אַ גאַנעק האָט געסקריפּעט. אויפן אויוון האָט די באַבע געקרעכצט.

נאַטאַשאַ איז גלייך איינגעשלאָפן מיט אַ שווערן און געזונטן שלאָף. אַננאַ האָט זיך געוואָרפן אויפן געלעגער. זי האָט פון מידקייט ניט געקענט שלאָפן. דאָס איז געווען אַ מידקייט און אַן אומרו, דער אומרו זייט עס האָט זיך באַוויזן זשילין. זי האָט זיך איבערגעדעקט מיט דעם פעלץ וואָס זשילין האָט איר פאַרדעקט די פיס אין שליטן און עס האָט זיך איר געדוכט אַז זי שפּירט זשילינס אָטעם. ער איז הויך, העלאויגיק, יונג, מיט אַן אָפן פּנים

און דאָך שרעקט ער איר. זי האָט פאַר אים מורא, פאַר זיין צודרינגלעכקייט, פאַר דער אומגעריכטקייט פון זיינע מעשׂים. ווער ווייס וואָס ער האָט באַשלאָסן און צו וואָס ער צילט. אין איר היים, אין מאָסקווע, אויף מאַכאָוואַיאַ, וואַרט איר מאַמע. אין טונקעלן קאָרידאָר לויפן אַרום די אייניקלעך פון אירע ברידער. סאַשאַ... זינאַ... ווי רופט מען די איבעריקע? פאַרוואָס געדענקט זי ניט... העל־האָריקע... טונקל־האָריקע... מיט יִדישע אויגן... מיט טאַטערישע אויגן... די געגטע ווייב מיטן גרוזינער... אַ גרויסע משפּחה... ערגעץ עפענען זיך טירן פון זייטיקע חדרים... עמעץ פאַרהאַקט זיי... מען קריגט זיך... די אַלטע מאַמע וויינט... די אוקראַיִנישע שנור שרייט... אַננאַ קלאַפּט אין די פאַרהאַקטע טירן...

— אוי, מיין נשמהלע... עד־טעד־טע... — קרעכצט די אַלטיטשקע פויערטע אויפן אויוון. — אוד־טע־טע־טע...

ערגעץ שיסט מען... דאָס איז אַ געוויינטלעכער שאָס. ער איז נאָר פאַר הייטערקייטס־וועגן. אפשר איז דעם וואַך־סאָלדאַט אומעטיק געוואָרן און ער האָט זיך געוואָלט דערהייטערן. ער וויל זיך דורכריידן מיט דער נאַכט. זי פאַרשטייט ניט קיין אַנדער לשון, די נאַכט, פון די וועלדער, ווי די שפּראַך פון אַ קויל. ווידער טריט. ניין, דאָס זענען ניט קיין טריט. דאָס וויגט זיך אַ טויער... פאַרוואָס זענען די טרעפּ צו איר היים אויף מאַכאָוואַיאַ־גאַס אַזוי טונקל און ניט באַלויכטן?... זי טרעפט ניט צו דער טיר... דער טויער־היטער, זינין, פאַכעט צו איר מיט אַ סקעלעטישער האַנט... זי האָט מורא דורכצוגיין פאַרביי דעם סקעלעט... אין איר שטוב דרייט זיך אַרום זשילין אין אַ שלאַפראָק... ער עפנט איר די טיר... זי וויל צוריקלויפן און אויף די טרעפּ באַגעגנט זי מנחמען... ער גייט גלייך אין צימער אַריין... ווער איז דער פאַרדעכטיקער? — פרעגט זשילין... וואָס פּלאָנטערט ער זיך אין מאָסקווע?... ער איז אַ פרעמדער... אַננאַ פאַרשטעלט אים מיטן רוקן... אָ, איך קען אים!... שרייט אויס זשילין — דאָס איז דער געמישפּטער אויפן פראָנט... מנחם שווייגט... זינין רייסט זיך צו די טרעפּ. איצט זעט אַננאַ אַז ער האָט אָנשטאָט אַ קאָפּ — אַ טויטן־שאַרבן... אַננאַ פאַלט צו דער שוועל... מנחם וויל איר אויפהייבן... זינין פירט אַוועק מנחמען... זאָגט, וווּהין פירסטו אים?... וווּהין?...

ביי דער ווייסל

— אוי, מיין נשמהלע... אוך־טע־טע־טע... — האָט זיך געטראָגן פון אויוון דער אַלטיטשקערס קול.

ווער שעפּטשעט עס אין דער כאַטע, אַזוי שפּעט?

— אוי, דו, שד אָנהערנערדיקער... אוי, מושיק מיינער... ליכטיקט עס שוין?...

זי האָט זיך אויפגעזעצט. די אַלטע האָט געריידט פון אויוון־אַראָפּ.

— טאַכטער פּראַוואָסלאַוונע... שלאָפסט ניט? ניקאָליי אוגאָדניק זאָל דיך באַשיצן... אוי ווי עס ליידט דער נאַראָד... וואָלסט זיך אויסגערוט אויף ווייכע פּערענעס... און דו ליידסט, שיין שעפּעלע...

זי האָט לאַנג געקרעכצט און געמורמלט.

אַננאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַר טאָג. דער אַלטער איז שוין געווען אין הייפל. ער האָט אָנגעטראָגן האָלץ. די באַבע האָט געהייצט דעם אויוון און געריקט טעפּ מיט די לאַנגע קאָטשערעס.

אין דרויסן איז פּראָסטיק. אויף דער דאָרף־גאַס דרייט זיך אַרום די פּאַרטיזאַנער־וואַך. פון עק גאַס איז געקומען גראָס. ער איז שוין ראַזירט און גוט אויפגעלייגט.

— ווי אַזוי זענט איר געשלאָפן?

אַננאַ שמייכלט פון פענצטער אַרויס.

— קען איך אייך מיט עפּעס העלפן?

— וואָס קענט איר דען טאָן פאַר מיר?

ער האָט איר אָנגעקוקט און זיך פאַרטראַכט.

די וואַכלייט האָבן אין אַ כאַטע אָנגעטראָפן צוויי פרעמדע. זיי האָבן די פרעמדע צוגעשטעלט צום שטאַב אויף אַ פאַרהער.

— אָט זענען זיי! זעט ווי אויסטערליש זיי זען אויס. — האָט עמעצער פון די וואַכלייט געזאָגט.

אַננאַ האָט דערזען אין גראָס פּנים אַן ענדערונג. ער איז אומרויִק געוואָרן, גראָס, און ניט איינגעשטאַנען אויפן אָרט. דאָס פּנים האָט באַקומען טונקעלע קאַרבן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דאָס לשון איז אים ווי אָפּגענומען געוואָרן.

— דאָס זענען ייִדן. — האָט ער לסוף געזאָגט.

מענדל מאַן

— וואָס וועט מען מיט זיי טאָן?

— מ׳וועט זיי פאַרטרייבן פון דאַנען.

גראָס האָט זיך אַרומגעקוקט און שטיל צוגעגעבן — דערנאָך וועלן זיי אַריינפאַלן צו די דייטשן אין די הענט.

אַנבאַ האָט אים געלאָזט אין מיטן גאָס. זי איז נאָכגעגאַנגען נאָך די וואַכלייט.

— ווו איז דער שטאַב?

— אָט, די דריטע כאַטע. — האָט איר עמעצער אָנגעוויזן אויף אַ הויז.

זי מוז זיין בעת מען וועט אַריינפירן די צוויי פרעמדע. זי וויל זיי זען פון דער נאָענט. זי מוז זיי זען. ווי אַזוי וועט זשילין האַנדלען? זי מוז דאָס וויסן.

די אויספאָרשונג פון די פרעמדע, וואָס די וואַכלייט האָבן אַנטדעקט אין דאָרף, איז געווען אַ קורצע.

זשילין איז געזעסן ביים נאַקעטן טיש אין אַ צעקנעפּלטער רובאַשקע און געוויקלט אַ ציגאַר. ער האָט געשוויגן און פון צייט צו צייט געוואָרפן בליקן צו די צוויי פרעמדע. מיכאַילאָוו איז געשטאַנען מיטן רוקן צום פענצטערל. זיינע אַקסלען זענען געווען מיט ליכט נאָר דאָס פּנים פאַר־שאָטנט. די קליינע כאַטע איז פול געווען מיט רויך פון מאַכאָרקע.

— דאַ־דאַ — האָט זשילין איבערגעריסן זיין שווייגן — איר זענט סאָוועטישע מענטשן? איינער איז פון מינסק און איינער פון וויטעקע ביי האָמעל... געווען אין דער אַרמיי... אַריינגעפאַלן אין אַרומרינגלונג... געווען אין די וועלדער... איצט אין נאַדיעזשדינאַ...

די צוויי יידן זענען געשטאַנען ביי דער שוועל אין צעשליסענע קליידער. איינער האָט געטראָגן אַ קורץ פעלצל, אַ פאַרלאַטעטעס, צעריסענע שטיוול, דער צווייטער — אַן אַלטן צעלעכערטן שינעל מיט אַן אומגעלומ־פערטן הוט אויפן קאָפּ פון וועלכן ס׳זענען אָפּגעשטאַנען גרויסע צעפּאַטלטע פוטער־לאַפּן.ביידע זענען געווען פאַרוואַקסן מיט שטשעטשינע־בערד. איינער האָט געהאַט אַ פאַרבונדענע האַנט מיט אַ טוך וואָס איז געהאָנגען אויפן האַלדז.

— פאַרוואונדעט? — האָט זשילין אַ טייטל געטאָן מיט אַ פינגער.

— פון אַ קויל... אין קעלט טוט אַ ביסל ווײַ... אָבער כ׳קען האַלטן אַ ביקס...

דער אויסגעפּאָרשטער האָט פּלוצעם מיט דער געזונטער האַנט אַראָפּ־געריסן דאָס טונקעלע טוך פון האַלדז, אויסגעגלייכט די האַנט און פאַר־קוועטשט אַ פויסט. דאָס פּנים איז דערבײַ פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ גרימאַסע.

— ס׳איז שוין אַריבער... איך פיל זיך געזונט...

— וואַרט נאָר... וואַרט... דערלויבט אַ רגע... זאָגסט געזונט?... און דו ביסט אויך געזונט?... — האָט זיך זשילין געוואָנדן צום צווייטן.

דער אַנדערער האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ און געמאַכט אָנ־שטרענגונגען צו שמייכלען. אָנשטאָט אַ שמייכל איז אַרויסגעקומען נאָר אַ ציטערניש פון די לעפצן.

— הייסט עס, געזונטע מענטשן!... דאַ־דאַ־דאַ... געזונטע מענטשן!...

זשילין האָט זיך אַ ריס־געטאָן פון אָרט און געגאַנגען איבערן קליינעם צימערל, געשטעלט דריי טריט און זיך גלייך צוריקגעקערט.

— געזונטע מענטשן... גראַמאַטנע... סאָוועטישע מענטשן... איינער אַפילו אַ פאַרטיי־אָנגעהעריקער... און איר האָט זיך אויסבאַהאַלטן אויף אַן אויוון!... אין אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף!... אויסבאַהאַלטן, ווען אונדזער לאַנד גייט אָפּ אין בלוט... ווען מען מאָרדעט אויך אײַערע ברידער...

— דערלויבט חבר קאָמיסאַר — האָט איינער זיך אָנגערופן, דער מיט דער פאַרבונדענער האַנט. — דערלויבט...

— שווײַגט, פּחדנים, דעזערטירן!...

פּלוצעם איז עפּעס געשען. דער פאַרוואונדעטער איז אויפגעשפּרונגען. זשילין האָט גענומען זיך רוקן אויף צוריק, אָפּטרעטנדיק פאַר די אומגע־ריכטע טריט פון פרעמדן. מיכאַילאָוו האָט בײַז אַ מורמל געטאָן און אַרויפגעלייגט די שווערע האַנט אויף זײַן רימען.

אין דער רגע האָט דער פרעמדער מיט דער דורכגעשאָסענער האַנט אויפגעריסן דעם שינעל, צעעפנט די רובאַשקע און אַנטפּלעקט די נאַקעטע ברוסט און פון דאָרט האָט אַרויסגעקוקט אַ זיגזאַגישער גרויסער רויטער שראַם אַזוי ווי אַ בליץ.

— איך, אַ פּחדן? אַ דעזערטיר? אָט איז מיין פּחדנות! דאָס איז ביי גראָדנע! דאָס איז ביי האָמעל! די האַנט איז דורכגעשאָסן געוואָרן אַנטלויפנדיק פון געטאָ! דאָס איז מיין חבר... מיר האָבן מינירט וועגן... אויפגעריסן עשאַלאָנען... אַלע טרייבן אונדז, אַלע, די דייטשן, די אייגענע טרייבן אונדז אויך... פאַרוואָס קומט עס אונדז?...

מיכאַילאָוו איז אומרויִק געוואָרן.

— האָט איר געווער?

— יאָ.

— איר דאַרפט אָפּגעבן דאָס געווער.

— אַז איר וועט אונדז אַריינגעמען אין דער איינהייט וועלן מיר געבן דאָס געווער. עס איז אויסבאַהאַלטן.

זשילין האָט אַ זעץ־געטאָן אין טיש מיט דער פויסט.

— אין דאָרף נאַדיעזשדינאָ איז איצט ווידער אַ סאָוועטישע מאַכט. מיר זענען אירע פאָרשטייער און איר וואַגט אונדז צו שטעלן באַדינגונגען?

אויפן גאַנעק האָבן זיך דערהערט טריט. די וואַכלייט האָבן הויך גערעדט מיט אַ פרעמדן. עמעצער איז געבליבן שטיין האַרט ביי דער טיר.

— די דאָקטאָרין וויל אַריין. קען מען איר אַריינלאָזן?

— זאָל זי אַריין — האָט געזאָגט מיכאַילאָוו.

זשילין איז אומצופרידן געוואָרן. ער איז צוגעגאַנגען צו מיכאַילאָוון און אים עפּעס איינגערוימט. דערנאָך איז ער אַרויס אויפן גאַנעק און געוואָנדן זיך צו אַנגאַן.

— איר דאַרפט צו מיר?

— ניין. ניט דירעקט צו אייך. איך האָב נאָר געוואָלט דורכריידן זיך. מיט אייך און מיט מיכאַילאָוון.

— מיכאַילאָוו איז פאַרנומען. עס טוט מיר לייד.

— איך וויל זען די פרעמדע.

זשילין האָט איר לאַנג אָנגעקוקט. זיין פּנים איז געוואָרן קאַנטיק. אויפן האַלדז האָט געצוקט אַ דין בלאָלעך אָדערל.

— דער ענין מיט די פאַרהאַלטענע איז דאָך פאַר אייך אַ זייטיקער... איר זענט אַ דאָקטאָרין... געדענקט אָן אייערע דירעקטע אויפגאַבן... איר

ביי דער ווייסל

זענט ניט בייז, אַננאַ סאַמועלאָוונאַ? אָ, איר דאַרפט ניט בייז זיין!
אַננאַ איז אַוועק.

אַרום מיטאָג־צייט האָט מען איר גערופן אין שטאַב. זי האָט איבער־געבונדן דעם פאַרוואונדעטן.

שפּעט ביי נאַכט האָט מען פאַרלאָזט דאָס דאָרף. ווען מען איז אַריין אין די וואַלד־קוסטעס איז פון אָפענעם פעלד אָנגעריטן גראָס. ער האָט דערקענט דעם נידעריקן שליטן פון דער דאָקטאָרין. נאַטאַשאַ איז געזעסן פון פאָרנט און אָנגעטריבן.

פון שמעון גראָס האָט זיך אַננאַ דערוווּסט, אַז די צוויי ייִדן האָבן אַוועקגעגעבן דעם אויטאָמאַט וואָס זיי האָבן אויסבאַהאַלטן אין אַ שייער. מען האָט נאָר געלאָזט ביי זיי איין רעוואָלווער און עטלעכע גראַנאַטן. איצט פירט מען די צוויי אונטער אַ קאָנוואָי, מען וועט זיי נאָך פירן עטלעכע ווערסט און דערנאָך אָפּלאָזן. דער שטאַב האָט זיי באַפוילן אויפ־צורייסן די לאַדונגס־סטאַציע, דאָס איז דער באַדינג אָנגענומען צו ווערן אין דער פּאַרטיזאַנער־איינהייט. אויב זיי וועלן דורכפירן דעם אויפרייס זאָלן זיי זיך מעלדן אין נאַדיעזשדינאַ און וואַרטן דאָרט אויף אַ ספּעציעלן מענטש פון זשילינען וואָס וועט זיי פאַרבינדן מיט דער איינהייט. וועלן זיי דעם אויפרייס ניט דורכפירן — וועט מען זיי מישפּטן פאַר פאַרראַט.

שמעון גראָס האָט דאָס אַלץ דערציילט אויף זיין שלעכטן רוסיש און אַרויסגעהאָלפן זיך מיט פּוילישע ווערטער. דערנאָך איז ער געריטן אַ שווייגנדיקער. אַננאַ האָט נאָר געהערט נאַטאַשאַס רופן צום פערד:

— נו, גניעדאָי! סימולאַנט...

די אויפמערקזאַמקייט וואָס גראָס האָט אַרויסגעוויזן צו אַננאַן האָט איר געחידושט. זי האָט געוואָלט מיט אים ריידן, פרעגן וועגן זיין ווייטער היים. ער מוז אַוודאי וויסן וועגן מיין אָפּשטאַם? אויב ער ווייס עס אַפילו ניט, מוז דאָך עפּעס אַזוינס זיין אין מיר וואָס דערוועקט אין אים צוטרוי. זי האָט דאָס ערשטע מאָל געטראַכט, אַז זי טראָגט אַוודאי אין איר פּנים ייִדישן צער.

דאָס געטופּעריי פון גראָס פערד איז נענטער געוואָרן. ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן שליטן און געזאָגט:

— אַ גוטע נאַכט, אַננאַ סאַמועלאָוונאַ...

זי האָט געזען דעם אָפּשיין פון זיינע גרויסע, מידע, מילדע אויגן. פון וואַנען ווייס ער מיין פאַרנאָמען און דעם נאָמען פון מיין פאָטער? „סאַמועלאָוונאַ". ווי אַנדערש קלינגט עס אין זיין מויל.

נאַטאַשאַס פערד, דער „סימולאַנט", האָט געהאַט אַ טבע יעדע רגע זיך אָפּצושטעלן. ווי נאָר נאַטאַשאַ האָט אויפגעהערט צו פּאַכען מיט דער בייטש אָדער צו טרייסלען מיט די לייצעס.

אָט איז געפאַלן אַ לאַנגער שאָטן לענגאויס דעם שמאָלן וואַלד־וועגל פון אַן איבערגעבויגענער דינער סאָסנע — מיינט אַוודאי דער „סימולאַנט" אַז דאָס איז אַ טויער און בלייבט שטיין. ער שטעלט זיך פאַר אַ געדיכטן קוסט־שאָטן, כאָטש שנייד זיין פעל.

— דו, טייוול! דאָס איז דאָך ניט קיין גרוב, דאָס איז אַ שאָטן!

נאַטאַשאַ איז אַ ריאַזאַנערין. דאָס איינציקע וואָס איז איר געבליבן פון דער היים איז די פאָטאָגראַפיע פון איר בחור, דעם טראַקטאָריסט. ער איז פאָטאָגראַפירט מיט דער האַרמאָשקע און פון קליינעם היטל מיטן פאַר־ריסענעם דאַשעק פאַלט אַראָפּ אַ שטיק טשופרינע. זי פירט די פאָטאָגראַפיע שטענדיק מיט זיך און ווו זי נעכטיקט שטעלט זי איר אַוועק ביים בעטל.

דער וואַלד איז נענטער צוגעלאָפן. די געדיכטע ביימער וואַרפן אַ שאָטן אויף דעם שליטן, אויפן פערד. די וואַכלייט רופן זיך איבער. די איינהייט האָט זיך איצט צעצויגן אויף לאַנגע קילאָמעטערס. טייל מאָל האָט זיך אַ רייטער דורכגעשלאָגן אַ וועג אין אַ זייט, האַרט ביי די שטאַמען און געוואָלט זיך פאַרבינדן מיט די פאָדערשטע טיילן פון דער קאָלאָנע.

ווען עס האָט אָנגעהויבן צו גרויען זענען זיי אַרויס פון געדיכטן וואַלד און דערגרייכט אַ קוסט־פעלד. פאַר טאָג האָט דאָס קוסט־פעלד אויסגעזען ווי ס׳וואָלטן דאָ גענעכטיקט מידע וואָלקנס.

אַז דער „סימולאַנט" האָט זיך פאַרשלעפּט צו דער פאָלאַנגע איז שוין ליכטיק געווען. פון די טונקל־געקרייזלטע וואָלקנס וואָס זענען גע־לעגן אויפן פעלד האָבן זיך אויסגעטיילט פאַרקראַמפּטע, אייזיקע צווייגן.

די ראַדיסטן האָבן אויסגעקלאַפּט זשילינס אַ טעלעגראַם. איצט איז די שעה צו פאַרבינדן זיך מיט מאָסקווע. דאָרט וואַרט מען אויפן קול פון

דער „פּאָלאַנע". דער „טורעם" איז גרייט. דער „טורעם" הערט. זשילין האָט אויסגעטאָן די הענטשקעס און אויף שנעל אָנגעשריבן אַ פּאָר זאַצן. דער ראַדיאָ־אָפּעראַטאָר האָט זיי אויסגעקלאַפּט אין די רגעס. איינער פון די פאַרבינדלער האָט אויפגעכאַפּט אַ נאָענטע דייטשישע ראַדיאָ־סטאַציע. מען רעדט דאָרט דייטש.

— ווו איז גראָס?

זשילין האָט געשיקט אויפזוכן גראָסן.

— ווו שלאָנדערסטו זיך אַרום? דיין אָרט איז דאָ! און ער — דער שד ווייס אים!

— ער איז נאָכגעריטן דער דאָקטאָרשע...

— נו, דאָס איז פאַרשטענדלעך. זיי זוכן זיך תּמיד אָפּ... אַפילו אויפן מאַרס...

גראָס איז געקומען אַ פאַרסאָפּעטער. ער האָט זיך איינגעהערט א׳ן יעדן שאָרך פון אונטערהער־אַפּאַראַט.

זשילין איז אומרויִק געוואָרן.

דער נייער גאַנאָמעטרישער אַפּאַראַט, וואָס ער האָט אים געבראַכט פון מאָסקווע איז געווען טעטיק ווי נאָר די איינהייט האָט זיך איינלאָקירט אויף אַן אָרט. מען האָט געקענט אַדאַנק דעם אַפּאַראַט וויסן גענוי דאָס אָרט פון וואַנען די דייטשישע קורצוועלן ווערן טראַנסמיסירט, מיט אַ גע־נויקייט פון צענדליקער מעטער, ווו דאָס אָרט געפינט זיך.

— די דייטשן וויסן וועגן אונדזער נאַכט־מאַרש איבער די פאַר־פרוירענע זומפּן. זיי איז באַקאַנט דאָס אָרט פון אונדזער אויפהאַלט.

— ביסט זיכער? — האָט זשילין געפרעגט.

— דאָס איז זיכער. זיי זענען אינפאָרמירט.

— ווי ווייט זענען זיי פון אונדז?

— אַ 12 קילאָמעטער... ס׳קען זיין אַז דאָס איז אַ באַוועגלעכע איינהייט...

מיט פופצן מינוטן שפּעטער האָבן זשילין און מיכאַילאָוו זיך געלאָזט מיט אַ וואַלד־דורכהאַק אויף צפון. זיי זענען דערגאַנגען ביז אַן אָזערע. ביי דער פּאָלאַנע האָבן זיי געלאָזט אַ קליינע אויסשפּיר־גרופּע — וואָס

זאָל דעקן דאָס אָפּטרעטן פון דער איינהייט. אויב דאָס וועט זיין אַ ניט־גרויסע מיילטערישע גרופּע וועט מען אָנבינדן מיט זיי אַ שלאַכט.

גראָס איז געבליבן מיט די אויסשפּירער. זיי האָבן זיך צעשאָטן ביי די ראַנדן פון דער פּאָלאַנע. ער איז געלעגן אויף אַ שטויס צווייגן צווישן מאַזשעוויק־קוסטעס. דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ ליכטיקער. די גאַנצע פּאָלאַנע איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ לויטער בלאָ פרימאָרגן־ליכט. פון די פאַראייזיקטע קוסטעס האָבן געטריפט גרויסע זילבער־טראָפּנס. אויף דעם בלענדיקן שניי זענען געבליבן שפּורן פון טריט. אַרום דעם פרישן פערד־אָפּפאַל האָבן זיך געזאַמלט וואָראָנעס. אַ האָז האָט דורכגעשניטן דאָס פעלד פאַרוואָרפנדיק די אויערן אויפן רוקן. אים איז גוט אין דעם וואַלד, גראָסן. פריִער האָט אים געשראָקן די איינזאַמקייט, דאָס אַרום־וואָגלען איבער די וועלדער און כוטאָרעס. ער וויל ניט שטאַרבן ערגעץ ביי אַ שייער אַ דערשאָסענער פון אַ קויל פון אַ פּויער אין רוקן. זיי האָבן איצט אַלע געוואָר פאַרשטעקט אין די סטאָדאָלעס, אין די קלוניעס, אין די שטרוי־דעכער.

אין סעפּטעמבער 1939, ווען די דייטשן זענען באַפאַלן פוילן איז גראָס געווען אין וואַרשע. ער האָט פאַרטיידיקט די שטאָט. געמיינט האָט ער אַז פוילנס הויפּט־שטאָט וועט ניט קאַפּיטולירן פאַרן דייטש. ער האָט באַדינט אַ שווערן מאַשין־געווער אויף וואַליע. דערנאָך איז ער געלאָפן איבער די וואַרשעווער גאַסן, איבער דעם יידישן קוואַרטאַל, ער איז געלאָפן פון הויף צו הויף און געשריִען: בויט באַריקאַדן אין די גאַסן! רייסט אויף די טראָטואַרן! מיט צעמענט־פּלאַטן פאַרשטעלט אַלע דורכגענג! גראָבט קעגן־טאַנק גריבער! לאָמיר ניט אַריינלאָזן דעם דייטש! ער איז געווען יונג, געזונט, שטאַרק. זיין קול האָט געהילכט איבער די הייף. ער האָט אָנגעפירט מיט די ספּאָנטאַן־פאָרמירטע פאָלקס־באַטאַליאָנען. פּאָליאַק נעבן ייִד, אַרבעטער נעבן קרעמער, באַאַמטע נעבן שוסטער, פרויען אין מענער־מאַנטלען. דערנאָך איז געקומען די מערדערישע לופט־באָמבאַרדירונג. ער האָט געוואַכט אויף אַ דאַך פון לעשנאָ־גאַס און געשאָסן צו די עראָפּלאַנען. זיי האָבן זיך געטראָגן די געל־שנאָבלדיקע, נידעריק איבער דער שטאָט. זיי האָבן געצונדן די הייזער, אויפגעריסן גאַנצע קוואַרטאַלן, ביז עס איז

ביי דער ווייסל

געקומען יענער אָנפֿאַל פון הונדערטער עראָפּלאַנען אויף איין מאָל אין איין טאָג. וואַרשע האָט זיך נאָך געהאַלטן. שמעון גראָס, אַן אויסגעמאַטערטער, האָט זיך געשלעפּט איבער די גאַסן, געשאַרט זיך ביי די ווענט. אָט איז ראָג לעשנאָ און קאַרמעליצקע. אָט איז נאָוואָליפּקי. די גאַס איז פּוסט. הרוגים. הייזער אָן פראָנטיקע ווענט. הייזער ברענענדיקע. פלאַמען פון די פענצטער, פון די טויערן. לאָזט אַריין! עפנט! אַ טויער האָט זיך אָפּגעשפּאַרט. דאָס איז נאָוואָליפּקע גאַס. עמעצער שלעפּט אים אַראָפּ אין אַ קעלער. אַ קינד יאָמערט אָן אויפהער. אַ פרוי איז אַראָפּ פון זינען און רייסט פון זיך די קליידער. איר משפּחה איז פאַרשאָטן געוואָרן אונטער חורבות פון אַ פירשטאָקיק הויז. זי איז נאָר אַרויס אויף אַ ווײַלע. עמעצער קרעכצט. אַן עלטערער מאַן, אַ גראָער שרייט: פאַר וואָס לאָזט מען אַריין פרעמדע? די קינדער שטיקן זיך! שמעון שאַרט זיך אויף די טרעפּ. ער גייט צוריק צום טויער. די ווענט טרייסלען זיך. אַ האַנט האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן האַלדז. דערקענסט מיך ניט, שמעון? יוסטינע רעדט צו דיר... יוסטינע... יאָ, איצט דערקענט ער איר. ער איז דאָך געגאַנגען אויף נאָוואָליפּקי, אַהין וווּ זי וווינט. — גיב מיר דעם שליסל פון דיין צימער. איך קען דאָ ניט זיין. איך וועל זיך אָפּרוען דאָרט. דאָס איז דאָך דער העכסטער שטאָק? אַלע שטאָקן זענען ליידיק. מען מוז זיין אין די קעלערס. די אויפרייסן... איך קען דאָ ניט זיין. איך וועל אַוועק. ער האָט זיך געטראָגן איבער די טרעפּ. אומעטום שטיקער טינק, שטיקער מויער. עס פעלן טרעפּ. זיי זענען צעשטערט געוואָרן. ער שפּרינגט איבער די ליידיקע שטיגן. ער גליטשט זיך אויפן טרעפּן־אָנהאַלט. ער קוקט אין שפּיגל און גלייבט ניט די אייגענע אויגן. ווער איז דער מענטש? אַ פרעמד פּנים, אַ פאַרוואַקסנס, מיט אָנגעצונדענע אויגן, מיט צעפלאַצטע בלאָע ליפּן. צעקרימטע פון אַ ווייטיק. ער שפּאַנט איבער די חדרים. אין באָד־צימער, ביי שכנים, געפינט ער אַ ראַזיר־מעסער. ווידער אַן אויפרייס. עס ברעכן זיך די שויבן. די טירן צעפּראַלן זיך. איצט איז ער אָפּגעראַזירט, אָפּגעוואַשן. ער שטויבט אָפּ דעם שינעל. ער לייגט זיך אויפן טאַפּטשאַן פון קליינעם צימערל. יוסטינע האָט נאָך ניט אויפגערוימט: אָנגעוואָרפענע קליידער. אַן אָפן בוך. ער שמייכלט, דאָס זענען לידער! איצט פילט ער זיינע הענט און פיס. ער

רוט מיט פאַרשלאָסענע אויגן. ער שווימט אויף אַ שיף... ס׳איז אַ שטורעם... די שיף זינקט... ניין, זי וועט דערשווימען... ער איז אויפן אייבערשטן דעק... די וואַסערן פאַרפלייצן אים... ער איז אַוודאי לאַנג געשלאָפן. וויפל צייט איז אַדורך? אַ מעת־לעת? יוסטינע בייגט זיך איבער אים. שמעון... דאָס שכנישע הויז איז איינגעפאַלן... די גאַס ברענט... שמעון... ער עפנט די אויגן. יוסטינע? פון וואַנען קומסטו? אַזוי פיל יאָרן זענען אַדורך... מיך האָט געבראַכט צו דיר די מלחמה... דו ביסט נאָענט געווען פון מיין פּאָזיציע אויף לעשנאָ... כ׳האָב געדענקט דיין אַדרעס... דאָס גאַנצע הויז איז פאַרלאָזן. קיין לעבעדיקער מענטש. אַלע ליגן אין די קעלערן. אַרום — טויט און פאַרוויסטונג. זי איז אַוועק און צוריקגעקומען פון באָד־צימער אין שלאָפראָק. זי האָט אַרומגענומען זיין שוואַרצן קאָפּ. דו ציטערסט, יוסטינע?... פאַר טאָג איז שטיל געוואָרן. זיי זענען אַראָפּ אין טויער. יוסטינע איז פאַרבליבן אין קעלער און שמעון איז אַוועק. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט וואַרשע קאַפּיטולירט צו די דייטשן. ער איז געשטאַנען מיט יוסטינען איינגעשלאָסן אין אַ געסל ביים טעאַטער־פּלאַץ און געהערט דאָס ווייטע פּויקערייַ פון אַ פּאַראַד־אָרקעסטער. דייטשע גענעראַלן נעמען אָפּ דעם זיג־פּאַראַד. קאָלאָנעס... קאָלאָנעס דייטש מיליטער איבער וואַרשע. נעבן קילינסקי־פּלאַץ — אַ ריזיקער באַרג מיט געווער. דאָס גיבן די פּוי־לישע סאָלדאַטן אָפּ דאָס געווער צו די זיגער. אַרום פּלאַץ דייטשישע וואַך־סאָלדאַטן. ער איז אַוועק קיין מיזרח. יוסטינע איז געבליבן. זי וועט קומען שפּעטער. ער מוז גיין... ביאַליסטאָק... האָמעל... אַ בריוו פון יוסטינען... יוני 1941... ווידער מלחמה... מאָביליזירט אין דער סאָוועטישער אַרמיי... מען טרעט אָפּ. אַרומגערינגלט. דאָס אַנטלויפן פון דער אַרומרינגלונג. דערפער. כוטאָרן. וועלדער. פּויערים מיט ווידלעס. איינזאַמקייט. דער אויטאָמאַט פון אַ דייטשן אָפיציר. די איינהייט פון מיכאַילאָוו. זשילין. ווידער צווישן רוסישע מענטשן. ווער איז אַננאַ? אַננאַ סאַמועלאָוונאַ...

מיכאַילאָוו איז געקומען צו רייטן.

די דייטשן ציִען זיך צוריק. זעט אויס אַז זיי וואַרטן אויף פאַר־שטאַרקונג. זיי באַוועגן זיך צו דרום פון אונדזער איינהייט.

ער איז אַראָפּ פון פערד און געבעטן ביי עמעצן מאַכאָרקע. מיכאַילאָוו קען ניט פאַררייכערן, ער איז מיד און נערוועז. די אויגן־ווינקלען צוקן אים און בעתן ריידן שטאַמלט ער. די אייבערשטע ליפּ ציטערט. די טונקעלע פּנים־קאַרבן ווערן שאַרף. ער עטעמט מיט די צעשפּרייטע נאָזלעכער.

די צוויי פּרעמדע וואָס מ׳האָט זיי פאַרהערט אין שטאַב זענען אַוועק. זיי דאַרפן אויספירן דעם באַפעל. מיכאַילאָוו קוקט זיי לאַנג נאָך. זיי גייען אין דער ריכטונג צו נאַדיעזשדינאָ. דריי וויאָרסט פאַרן דאָרף וועלן זיי פאַרקערעווען צו די באַן־רעלסן און פון דאָרט בלייבט אַ 15 וויאָרסט צו דעם באַן־קנופּ. אין דער פרי האָבן זיי זיך געבעטן ביי מיכאַילאָוון און זשילינען: גיט אונדז נאָך איינעם. גראָס האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן. דער ערשטער האָט אָפּגעזאָגט זשילין. מיכאַילאָוו האָט געשוויגן. איצט זעט שמעון די לאַנגע שאָטנס פון די צוויי מענטשן איבער דער פּאָלאַנע. באַלד וועלן זיי אַריין אין קוסט־פעלד און דערנאָך אין וואַלד. ס׳איז אַזוי שטיל אַזש מען הערט דאָס פאַלן פון שניי פון די סאָסנע־קרוינען. ווען די מאָרגן־זון דערגרייכט די ביימער־שפּיצן גליטשן זיך פּלאַסטן שניי פון די צווייגן און פאַלן ווי קרישטאָל־שפּליטערס אויפן וואַלדבאָדן. טייל מאָל צעשטויבן זיי זיך אָן די פאַרטריקנטע צווייגן און אָן די שטיקער קאָרע וואָס סטערטשען נאַקעט ביי די פּרוכנעוואַטע שטאַמען.

— גראָס, ווי מיינסטו, זיי וועלן ניט אָפּנאַרן?

מיכאַילאָוו האָט געזשמורעט די אויגן איבערלאָזנדיק נאָר דינע שפּעלטעלעך ווי די שאַרף פון אַ בריטווע.

עס איז געווען אומנוציק דאָס אָפּשיקן די צוויי ייִדן אויף אַזאַ אויפ־גאַבע. אויב אויספירן דעם באַפעל אויפצורייסן די באַן־סטאַציע, האָט מען געדאַרפט באַשטימען נאָך עטלעכע גוט־באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער. — האָט געטראַכט מיכאַילאָוו. עפּעס איז זשילין אויסן געווען. מיכאַילאָוו האָט באַ־נומען זשילינס כוונה. ערשטנס האָט ער די צוויי ניט געוואָלט האָבן אין דער איינהייט, צווייטנס — וועט דאָס זיין אַן אויסרייד ניט אַריינצונעמען קיין ייִדן אין דער איינהייט ווייל זיי פירן ניט אויס קיין באַפעלן. ער וועט האָבן אַ מעגלעכקייט זיי אויסצושטעלן ווי אָפּנאַרער. דאָס איז וויכטיק גראָד איצט כדי צו דערהאַלטן די מאָראַל און צוגעבונדנקייט צום היימלאַנד. מיט

אַ צייט צוריק האָט אַ דייטשישער עראָפּלאַן געוואָרפן פלוגבלעטלעך אויף די וואַלד־פּאַלאַנעס און זייטן־וועגלעך. זיי האָבן גערופן: „איר שלאָגט זיך פאַר יידן! איר שטאַרבט פאַר יידן! פאָלגט ניט אייערע קאָמאַנדירן, ס׳רוב פון זיי זענען פאַרבאַהאַלטענע זשידעס!״ די אויפרופן זענען געווען אין רוסיש. מיכאַילאָוו האָט געלאַכט. זעט ווי אָפּנאַרעריש זיי זענען, די גערמאַנצעס. אין מיין אייגנהייט איז ניטאָ קיין איין ייד! ער האָט אויס־געמיטן די באַגעגענישן מיט יידן אין די וועלדער, ניט דערלאָזט זיי צו זיך. ער האָט אָפּגעוואָרפן גראָס פּראָיעקט צו באַפאַלן אַ קליינעם אַרבעטס־לאַגער פון יידן וואָס געפינט זיך אין אַ געוועזענעם סאָווכאָז און איז באַ־וואַכט פון אַ ניט־גרויסער צאָל עסעס־לייט. כאָטש גראָס פּראָיעקט איז געווען אַ גוט דורכגעטראַכטער און אַ גענויער האָט מען אים גלייך אָפּ־געוואָרפן.

— מיר טאָרן ניט דערשיינען ווי יידן־פּאַרטיידיקער. דער איבערפאַל אונדזערער וועט אויסגענוצט ווערן פון די דייטשן צו פּראָפּאַגאַנדע־צילן. זיי וועלן זאָגן: זעט פאַר וועמען איר שטאַרבט, רוסן. און וואָס וועלן מיר טאָן מיט די יידן? די דייטשן וועלן באַקומען זייער באַצאָלונג אויף אַן אַנדער אופן. מיר וועלן אויפרייסן עשאַלאָנען. שלאָגן זיך צוליב אַ לאַגער ווו עס געפינען זיך נאָר יידן איז געפערלעך. עס קען צעלייגן אונדזער דיסציפּלין. דאָס וועט נאָר זיין צום גונסטן פון די דייטשן.

גראָס האָט געשוויגן. ער האָט געקוקט אויף מיכאַילאָוון און געזען דאָס גלייכגילטיקע צפון־פּנים פון רוס. עס איז געווען אין דעם פּנים אַ סך עקשנות וואָס גרענעצט זיך מיט טעמפּקייט, נאָר אין די אויגן האָט ער באַמערקט אַ פאַרטייעטע כיטרעקייט.

— וואָס ווילסטו נאָך, גראָס?

— שיקט מיך מיט זיי. כ׳וועל זיי באַגלייטן.

— באַגלייטן?

איין אויג איז אים גרויס געוואָרן. דאָס צווייטע איז געבליבן שאַרף און זיך איינגעשפּיזלט אין גראָסן.

— ניט נאָר באַגלייטן, נאָר אויך אויספילן די אויפגאַבע — האָט גראָס ווי פאַרראָכטן.

— אוי גראַס, זעט אויס אַז דיר איז שלעכט מיט רוסן? ווילסט זיך אַרויסדרייען פון אונדז.

— אַרויסדרייען?

גראַס האָט זיך אויסגעגלייכט, אָפּגעשטויבט דעם שניי פון די קני. ער האָט געקוקט אויפן קאָמאַנדיר מיט גרויסע יידישע אויגן, אָפענע, ליכטיקע, אַזוי ווי איינער וואָס קוקט אַריין אין די נאַכט־וואָלקנס ערב אַ שטורעם.

מיכאַילאָוו האָט זיך צעלאַכט.

— לאַדנאָ... לאַדנאָ... ביסט אַ מאָלאָדיעץ... אַ פּאָליאַק־יעווריי... דו ביסט אַן אַנדערער... איך קען ניט קיין יידן. דאָס זענען דאָך מענטשן ווי אַלע. די מלחמה און די גערמאַנצעס האָבן אונדז פאַרדרייט די קעפּ... וועסט זיך ניט פונאַנדערקלייבן...

ער האָט געפירט דאָס פערד ביים ציימל און גערעדט.

הינטער זיי זענען געגאַנגען די אויסשפּירער. עס איז געווען צווישן זיי דער לאַנגביינערדיקער פּילין — אַ קאָלכאָזניק פון אַ דאָרף ביי סווער־דלאָווסק. ער האָט געקלימפּערט מיטן אויטאָמאַט. נעבן אים איז געגאַנגען פּיאָדאָראָוו פון בייקאַל. עס האָט געסאַפּעט דער נידעריקער און קיילעכיקער זאַדורקין — אַן אויפזועער איבער אַ קראָם אין אַ טאַמבאָווער ראַיאָן־שטאָט.

— כ׳האָב ניט געזען קיין סך יידן אין מיין לעבן... — האָט גערעדט מיכאַילאָוו — כ׳בין אַ וואָלדמענטש... פון קאַרעליע... ערשט אין בריסק... דינענדיק אין דער פעסטונג... פאַרשטייסט, גראַס?...

— כ׳פאַרשטיי, קאָמאַנדיר.

— נו, וואָס, דו פאַרשטייסט... דאָס איז גוט... כ׳האָב ליב אַז מען פאַרשטייט...

מיכאַילאָוו האָט פּלוצעם געוואָנדן זיך צו גראַסן:

— ווי הייסטו אויפן פאָטערס נאָמען? גראַס אַליין איז ניט קיין נאָמען. מיר רוסן רופן זיך אויך לויטן פאָטערס נאָמען.

— שמעון מאָיסעיעוויטש.

— הער מאָיסעיעוויטש! יידן האָב איך געזען אין בריסק פון יאָר 1940 ביז דעם טאָג פון דער מלחמה. כ׳האָב זיי געזען וואַנדערן איבער די

גאַסן פון דער שטאָט... דערנאָך האָט מען זיי געלאָדנט אין די וואַגאָנען... מען האָט זיי געמוזט אָוועקנעמען, די פרעמדע פון דער גרענעץ־שטאָט... און אַלע פרעמדע אין בריסק זענען געווען ייִדן... געקומענע פון „פּאָלשע"... זיי האָבן באַלייגט די וואָקזאַלן... זיי האָבן ניט געוווּסט וווּהין צו לויפן: אין טיפן רוסלאַנד — נאָך רו, אָדער צוריק קיין פּוילן, צו די דייטשן — נאָך דער היים, צו ווייב און קינד... ניט לייכט צו באַשליסן... מיר האָבן אָבער באַשלאָסן... געמוזט באַשליסן... נאָך סיביר!... נאָך קאָמי!... עד שמעון מאָיסעיעוויטש, דאָס האָבן דורכגעפירט די „ספּעצטיילן", ניט דאָס רעגולערע מיליטער פון דער פעסטונג.... כ'האָב דעמאָלט געזען דיינע ברידער... ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג. אויך איצט איז ניט פאַראַן קיין אַנדער וועג... דו קוק ניט אויף מיר ווי אויף אַ פיינד... איך וועל אָפּגעבן מיין לעבן צו פאַרטיידיקן דיך, ווען דו וואָלסט איצט באַפאַלן געוואָרן... אָבער מיר וועלן זיך ניט שלאָגן פאַר אייך אַלעמען... אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, לאָז איבער דיין וואַרשע... דיין פּוילן... קום מיט אונדז... איך וועל דיך מיטנעמען קיין קאַרעליע... אין אונדזערע וועלדער... אין אונדזערע דערפער... דו וועסט דאָרט אַ ווייב נעמען... מיר האָבן שיינע טעכטער... דו וועסט דיר אַליין אָנזעגן געהילצער אויף אַ כאַטע... כ'קען בויען שיינע כאַטעס מיט געטעסעטע ווענט, מיט געשניצטע גאַנבעקלעך און האָלץ־אָרנאַמענטן... כ'וועל זי דיר העלפן אויפשטעלן... נעבן מיין כאַטע וועסטו איר אָוועק־שטעלן... דו וועסט טראָגן ווינטער אַ בערן־פּעלץ... וועסט ווערן דער אינ־זשעניר אינעם טאַרטאַק...

אַז ס'איז געוואָרן שטיל האָט מען נאָר געהערט די טריט אין שניי. סקריפּנדיקע טריט אויף אַ קרישלענדיקן שניי, אַ געקלימפּעריי פון געווער, אַ פאַרשטיקט ריידן אין די הינטערשטע רייען.

— וועסט זען מיין הויז, דעם גרויסן וואַרעמען אויוון, די ריינע הילצערנע טישן און בענק... וועסט זען די מילדקייט פון אונדזערע פרויען... די שטילקייט פון אונדזערע וועלדער... די זאַטקייט פון די פעלדער... וועסט זען ווי טיף עס אָטעמט זיך אין קאַרעליע, וועסט שווימען אויף אונדזערע טייכן און שפּיגלען זיך אין זיי... דו וועסט באַקומען אַנדערע אויגן... זיי וועלן אויסגעקלאָרט ווערן ווי דער הימל...

ווען מיכאַילאָוו האָט געדערעדט וועגן זיין היים איז ער געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. ער האָט זיך ניט פאַרהאַקט, ניט געצוקט מיט די אויגן־ווינקלען. ער האָט געקוקט אויף גראָסן מיט צעעפנטע ליכטיקע אויגן.

פיאָדאָראָוו האָט אפשר צום הונדערטסטן מאָל דערציילט דעם איבער־געוואַקסענעם פילין וועגן דעם בייקאַל.

— בראַטאָק דו מיינער, גייסט איבער די סעדער אַרום בייקאַל און דער קאָפּ דיינער פאַרדרייט זיך אַזש פון שיכּרות... פאַראַן ביי אונדז אַ טאָל, איז דאָרט דאָ אַן עפּל־סאָד... נישטאָ קיין הענט אַראָפּצונעמען די רייפע עפּל... פאַלן זיי אַליין אַראָפּ ווען זיי ווערן איבערגעצייטיקט... דער גאַנצער וואַלד איז אויסגעבעטעט מיט פוילנדיקע עפּל... גייסט דורך אַזאַ וואַלד און זאַפּסט אין זיך אַריין דעם עפּל־ריח ווערסטו שיכּור פון דעם בראָנפן־טשאַד וואָס טראָגט זיך פון זיי. דער וואַלד ציט זיך אויף צענדליקער ווי־אָרסט... אָט, בראַטאָק דו מיינער, דאָס איז דער בייקאַל! און די פיש?... און די שיינקייט פון דעם גרינלעך־זילבערנעם שפּיגל?...

פילין האָט אויסגעסטערטשעט זיינע אויגן און אין מויל האָט אים געוואָסערט פון עפּל־טעם.

— עך, אין אַזאַ אָרטעלע זיך אַוועקלייגן... אָפּרוען... איינזאַפּן מיט די נאָזלעכער די ריחות...

דער פולער און קיילעכדיקער זאַדורקין האָט געלאַכט.

— ווען דאָס איז אמת, פיאָדאָראָוו, וואָלטן מיר, פון טאָרג־אָפּטייל געוווסט. מיר וואָלטן אין שליחות׳לעך געפאָרן... מען וואָלט דאָרט אַ וויינ־פאַבריק אויפגעשטעלט... בראָנפן געמאַכט, ניט געזשלאָקעט בוראַק־סאַמאָ־גאָן, אַזש ס׳קערט פון אים די גאַל. ביי אונדז אין טאַמבאָווער ראַיאָן איז געווען אַ מוזשיק, סיפּקין גרישקאָ — האָט ער בראָנפן געצאַפּט פון זיין אייגן וויינ... ברענג, דערשלאָג זיך, כאָטש אַ פּערטעלע! אויב ניט וועל איך זיך זידלען... כ׳וועל דיך טרייבן מיט דער קאָטשערע איבער דער גאַס... און זי האָט געבראַכט פון שכן דעם בראָנפן־טרייבער... ער האָט גערן געגעבן איר גוטן סאַמאָגאָן... אַז סיפּקין איז אַרויפגעקראָכן אויפן פּיעקעליק און אַ שיכּורער געכראָפּעט איז זי געלאָפן צום שכן און דער שכן איז ניכטער

געווען... יעי באַגו, גאָר ניכטער... אַזוי איז עס געווען ביז דער מלחמה... דעמאָלט האָט זיך סיפקין אויך אויסגעניכטערט... נאָר ס'איז שוין געווען שפּעט...

די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך איינגעקוואַרטירט אין עטלעכע קליינע דערפער נעבן אַ גרויס זומפּן־פעלד, אַ באַגנע וואָס איז אַפילו אין ווינטער ניט פאַרפרוירן געוואָרן. אַז מיכאַילאָוו, גראַס און די קליינע אויסשפּיר־גרופּע זענען אָנגעקומען, האָבן זיי שוין אָנגעטראָפן די וואַך־פּאָסטנס.

דאָס זענען געווען אָרעמע דערפער. ביז דער מלחמה האָבן אירע תּושבים געלעבט פון פּי־צוכט, פון אַרבעטן אויף די טאָרף־פעלדער. ברויט איז דאָ קיין מאָל ניט געווען צו זעט. נאָך ברויט זענען די פּויערים געפאָרן אין די שטעטלעך אַריין, געשטאַנען אין די רייען ביי קראָמען נאָך געבאַקן ברויט און אַהיימגעפירט אַ האַלב זעקל ברויט וואָס זיי האָבן אויפגעקויפט אין פאַרשיידענע קראָמען, ווייל מער ווי אַ ברויט האָט מען אין אַ קראָם ניט פאַרקויפט. אַ טייל פון זייער פּי איז אָוועקגעטריבן געוואָרן קיין מיזרח און אַ טייל האָבן די דייטשן רעקווירירט. דאָס דאָרף איז ליידיק געוואָרן. ניט מען הערט דאָס רעווען פון אַ בהמה, ניט דאָס קרייען פון הענער. אַפילו הינט זענען נישטאָ אין דאָרף. מען זעט דאָ ניט קיין יונגע מענטשן. אַלע זענען ווילד פאַרוואַקסן, זיי טראָגן ניט־געקעמטע בערד און די טשופּרינעס פאַלן זיי איבער די אויגן. טייל מאָל גיט אַ גלי אַ שאַרפער בליק און ווערט גלייך פאַרלאָשן. די פּויערים זענען שלעכט געקליידט, זיי טראָגן צע־צויטלטע וואַטניקעס, פעלצלעך פון ערד־קאָליר; אויסגעקראָכענע, פּליי־כעוואַטע, לאַפּטשעס און אָנשטאָט אָניטשעס — זעק געוויקלטע אויף די פיס. די מענער קוקן מיט תּמעוואַטע בליקן, שווייגן, פינטלען מיט די אויגן און לאָזן אַרויס פון צייט צו צייט אַ קרעכץ ווי אָקסן געבונדענע ביי די נאַזרינגען. און אַז מיכאַילאָוו האָט אָפּגעשטעלט אַזאַ פּויער און עפּעס געפרעגט, איז דער פּויער געוואָרן הכנעהדיק.

— וואָס ווייסן מיר, מוזשיקעס אָרעמע. נשמהלעך פאַרבלאָנקעטע. אונדזער דיעלאָ איז צו אַ פּענעץ ברויט זיך דערשלאָגן. מיר זענען מענטשן קלייניקע...

— העי, דו פּאַטערל. שפּיל ניט דעם דוראַק! רייד! ווען האָסטו געזען דאָס לעצטע מאָל געדמאַנצעס?

— מיינע אייגעלעך זעען ניט אַזוי גוט... כ׳בין אַ גאַנצן ווינטער ניט אַראָפּ פון דער פּיעטשקע. דער רוקן ברעכט מיר... אַזאַ מין ליכאָראַדקע... פון זומפּן קומט עס... איסטינגאַיאַ פּראַוודאַ...

מיכאַילאָוו האָט דעם אַלטן אַ טרייסל געטאָן פאַר די אַקסל.

— דו, פוקס פון דעם זומפּן־וואַלד! מיט דיר רעדט אַ מענטש פון דער סאָוועטסקער מאַכט!

— אוי, האַרצעלע, אוי רוסישער מענטש, בייזער זיך ניט. כ׳בין אַ שוואַך און אַלט באַשעפעניש... מיין באַביאָנקע האָט מיט צוויי טעג צוריק געזען עטלעכע דייטשן. זי איז געגאַנגען נאָך טרוקענע צווייגן... מער ווייס איך ניט...

— זענען זיי געווען אין דאָרף, די געדמאַנצעס?

— געווען עטלעכע מאָל.

— ווער איז דאָ דער סטאַרשי?

דער אַלטער איז געפאַלן אויף די קני.

— איך ווייס ניט... פרעג מיין ווייב... איך בין נאָר וואָס אַראָפּ פון אויוון... אַ גאַנצן ווינטער געלעגן... ניט געקענט אויסבייגן דעם רוקן... ס׳איז פון —

— גענוג! כ׳האָב שוין געהערט. כ׳וועל דיך דערשיסן אויב דו וועסט ניט ענטפערן!

— שיס... איך האָב ניט מורא... היינט ביסטו אין דאָרף... מאָרגן וועט ווידער קומען דער דייטש... מאָרגן וועלן די שכנים זאָגן: דאָס האָט אַפאַנאַסיעוו אויסדערציילט אַלץ די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער, וועלן מיך די געדמאַנצעס שיסן. וועל איך דיר ניט זאָגן — וועסטו מיך שיסן... אוי, אונדזער קאָפּ איז סיי ווי פאַרלאָרן... שיס, וועל איך כאָטש אומקומען פון אייגענע... פון אַ רוסישער קויל...

דער אַלטער האָט אויפגעדעקט זיין ברוסט. — שיס! — ער איז געלעגן אויף דעם שניי און געקרעכצט.

— ניקאָליי אוגאָדניק... אוי, מאַמעלע, צאַריצע הימלישע...

מיכאַילאָוו האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך און אַוועק מיט דער דאָרף־גאַס. פון צפון איז דערגאַנגען אַ ווייט גערויש פון אַן עראָפּלאַן.

— זעט אויס אַן אויסשפּירער. ס׳מוז אַוודאי זיין פון דייטשישן אָפּטייל וואָס זוכט אונדז אַרום. — האָט מיכאַילאָוו צו זיך אַליין גערעדט.

גראָס איז אַוועק צו די אויסשפּירער. זיי האָבן פאַר אים צוגעגרייט אַן אָרט אין איינער פון די כאַטעס.

די וואַכלייט האָבן באַקומען אַ באַפעל אָפּצורוימען די גאַס פון מענטשן.

אויסבאַהאַלטן זיך אין די כאַטעס, אין שייערן, פאַרמאַסקירן די וועגענער. ניט שיסן צום עראָפּלאַן.

אין געציילטע רגעס איז דאָס דאָרף געוועזן ווי אויסגעשטאָרבן. דער עראָפּלאַן־גערויש איז געוואָרן אַלץ דייטלעכער.

— אָט איז ער! ער פליט אין אַ רויך־פאַרהאַנג! דאָס איז אַ דייטשישער!

אויפן הימל איז געשוואומען אַ קליין געדיכט וואָלקנדל. טייל מאָל האָט זיך דאָס וואָלקנדל אויפגעריסן און פון זיין אינגעווייד האָט אַ זילבער־געטאָן אַן עראָפּלאַן־פליגל.

— צו וועטשערע וועלן מיר זיי ווידער האָבן.

— אַזוי מיינסטו? — האָט זשילין איבערגעפרעגט. — זיי וועלן באָמבאַרדירן די דערפער?

— זיי האָבן נאָענט אַ פליפעלד און אַ קליינעם גאַרניזאָן. זיי וועלן פּרובירן אַטאַקירן דורך נאַדיעזשדינאַ. אין רוקן האָבן מיר די האַלב־פאַר־פרוירענע זומפּן... ניט פריילעך... די צוויי וואַלד־וואַנדערער זענען זיכער אַריינגעפאַלן אין דייטשע הענט... זיי האָבן אונדז אַוודאי אויסגעגעבן... ניט געוועזן קלוג דאָס אָפּלאָזן זיי...

— פון קיין שטאַנדהאַפּטיקן פאַלק שטאַמען ניט די צוויי...

דער עראָפּלאַן האָט זיך געהאַלטן הויך איבער די צוויי דערפלעך. דאָס רויך־וואָלקנדל איז צערונען געוואָרן און עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ דייטשישער אויסשפּיר־עראָפּלאַן. ער האָט גענידערט. איצט ציטערט שוין די לופט. ער האָט נאָר געמאַכט עטלעכע קרייזן און איז אַוועק.

ביי דער ווייסל

אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָבן שוין מיכאַילאָוו און זשילינס מענטשן פאַרנומען פּאָזיציעס אַרום די צוויי דערפער.

— עס וועט זיין אַ שלאַכט. — האָט זשילין געזאָגט.

— מען מוז גלייך אַרויסשיקן די אויסשפּירער.

ווידער איז גראָס אַוועק אויף דעם זעלבן וועג דורך וועלכן ער איז געקומען. אַ פאַרבינדלער האָט זיך געפּאַרעט מיט די טעלעפאָן־דראָטן.

— פעסטשטעלן גענוי דעם דייטשישן כּוח. גלייך מיטטיילן!

עס האָט שוין געטונקלט. די אויסשפּירער האָבן זיך צעטיילט אין דריי קליינע גרופּן און זענען אַוועק אין דריי ריכטונגען.

זאַדורקין האָט גערעדט:

— מ׳לאָזט זיך ניט אויסרוען. אַלץ איז עס צוליב די צוויי וואָס מ׳האָט אַרויסגעלאָזט לעבעדיק פון אונדזערע הענט... זיי האָבן דערציילט די דייטשן וועגן אונדזער אייגהייט... דאָס איז זייער אַרבעט... געדאַרפט זיי דערשיסן... די גערמאַנצעס זענען כיטרע, זיי זוכן ייִדן וואָס זאָלן זיי העלפן... אין די געטאָס אַרבעט מען אויס פאַר די דייטשן וואַרעמע קליידער, פעלצן... זיי באַקומען פון די ייִדן אַ סך גאָלד... ווען ניט די פעלצן וואָלטן זיי ניט געקאָנט מאַכן אַבלאַוועס אין די וועלדער... ייִדן זענען גוטע פעלצן־נייער, און גאָלד האָבן זיי אָנגעזאַמלט ביי דעם גלוביקן נאַראָד, אַ גוואַלד... איצט קויפן די ייִדן אויס די קעפּעלעך זייערע פאַרן גאָלד... די גערמאַנצעס זענען כיטרע... נעמען דאָס גאָלד און דערשיסן זיי סיי־ווי. אין מינסק צאָלן די ייִדן פאַר אַ וואָך לעבן אַ פּוד גאָלד...

גראָס האָט געלאָזט זאַדורקינען גיין פאָרויס. אין וואַלד איז שוין טונקל. מען שיידט שוין באַלד ניט אונטער צווישן די שאָטנס פון שטאַמען און דעם וואַלד־באָדן. אַ גרויע נעפּלדיקע וואַלד־געדיכטעניש שפּרייט זיך האַרט ביי די פיס. גראָס זעט נאָר זאַדורקינס רוקן. ווו האָט ער זיך אָנגעגע־נומען מיט די דאָזיקע רייד? פון וואַנען קומען זיי צו דעם פאַרקויפער אין אַ קראָם אין טאַמבאָווער געגנט? אפשר הערט ער די מעשות אין די כאַטעס ווו ס׳נעכטיקן די פּאַרטיזאַנער?

זיי גייען אין דער ריכטונג צו נאַדיעזשדינאַ. דאָס איז דער איינ־ציקער וועג דורך וועלכן די דייטשן קאָנען אָנקומען צו די צוויי דערפער ווו די פּאַרטיזאַנער האַלטן זיך אויף.

פּילין גייט פאַרויס. ער איז אומרויִק געוואָרן מיט יעדן טריט. די צוויי קלענערע אויסשפּיר־גרופּעס זענען שוין אַרויס צו דער אָפענער פּאָלאַנע. דאָרט זעט מען שוין אָן נאַדיעזשדינאָ. אַלע דריי גרופּן וועלן אַרומרינגלען דאָס דאָרף. זאַדורקין האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ וואָרצל און איז געפאַלן. דער אויטאָמאַט זיינער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן האַלז און האָט אַ קלימפּער־געטאָן.

— נאָר אומגליקן האָט מען... נאָר קלאַפּאָטן... איצט שטעל איין דאָס לעבן צוליב די צוויי. געדאַרפט זיי דערשיסן... — ער האָט געקרעכצט, געפּלאָנטערט זיך אַרום שטאַם און געשאָלטן די וועלט פון די אַנטיכריסטן...

שמעון גראַס איז צוגעקומען גאָר נאָענט און אַ שטויס־געטאָן אים מיטן אויטאָמאַט.

— זאַדורקין, פאַרמאַך דיין מויל! מען וועט דיין וואָיען דערהערן אין נאַדיעזשדינאָ.

פּילין איז געשטאַנען ווי צוגעשמידט צום אָרט און זיך איינגעהערט אין דער נאַכט.

— כ'הער אַ הירזשען פון פערד... פריִער זענען אין דאָרף ניט געווען קיין פערד... דייטשן זענען אין נאַדיעזשדינאָ. מען זעט פאַרטייעטע ליכט־שפּעלטלעך פון די פאַרהאַנגענע פענצטער...

די דריי קליינע אויסשפּיר־גרופּן האָבן זיך פאַרבונדן מיטן שטאַב. מיכאַילאָוו האָט פאַראָרדנט אַרומצורינגלען דאָס דאָרף און אויב די דייטשן וועלן שטעלן אַ ווידערשטאַנד, וועט ער שיקן הילף.

אין האַלב־נאַכט זענען די אויסשפּירער אַריין אין נאַדיעזשדינאָ. זיי האָבן אַראָפּגערוימט די דייטשע וואַך־פּאָסטנס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ כאַאָטיש שיסעריי. אין עק פון דאָרף האָבן געברענט צוויי כאַטעס. די פלאַמען האָבן געזעצט פון די פענצטער אַרויס און אַ שטרוי־דאַך האָט זיך אָנגעצונדן. ווען גראַס איז פאַרבייגעלאָפן האָט ער דערזען ווי אין די וואָלקנס רויך, באַלויכטענע פון די פלאַמען, שוועבן אַרום טויבן.

עמעצער האָט גערופן. דאָס איז פּיאַדאָראָוו.

— אַ געהאַנגענער!... זעסט, גראַס!

אויף אַ נאַקעטן בוים איז געהאַנגען אַ מענטש. ער איז באַלויכטן

געווען פון פלאַמען. דער געהאַנגענער האָט געהאַט אויפן רוקן אַ שילד מיט איין און איינציקן אויפשריפט: זשיד.

— דאָס איז איינער פון די וואָס מען האָט פאַרטריבן פון אונדזער גרופּע.

די דייטשן האָבן זיך פאַרטיידיקט אין עטלעכע כאַטעס. זיי האָבן געשאָסן פון מאַשין־געווער. מען האָט זיי פון דאָרט אַרויסגעשטויסן מיט דער הילף פון גראַנאַטן.

ביי אַ באַלויכטענער וואַנט זענען געשטאַנען דריי דייטשן מיט אויפגעהויבענע הענט. קעגן־איבער, אויפן בוים, האָט זיך געוויגט דער געהאַנגענער. זיין קאָפּ איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אויף אַן אַקסל.

שאָטנס שפּרינגען איבער דער גאַס. טייל ערטער זענען באַלויכטן. טייל — שטאָק פינצטער. אַ דייטש לויפט. שמעון צילט. דער דיסק פון אויטאָמאַט ציטערט. ער שפּירט די שטויסן פון דער סעריע קוילן. דאָס שטאָל גליט. די פינגער בריִען. די דריי דייטשן האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער פאַרשנייטער פריזבע. איינער איז געפאַלן מיט פּנים אַראָפּ.

ווען זשילין איז אָנגעקומען מיט פאַרשטאַרקונג איז שוין געווען שטיל אין דאָרף. דער געהאַנגענער איז געלעגן ביים שטאַם קעגן־איבער די דערשאָסענע דייטשן. גראַס האָט אַראָפּגענומען פון טויטנס רוקן די שילד און זי אָוועקגעלייגט ווי אַ מחיצה צווישן דעם ייִד און די דייטשן.

זשילין איז פאַרבייגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער. ער האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף דער גרויסער שילד.

די אויסשפּירער האָבן זיך צוריקגעצויגן. אויפן וועג האָבן זיי אָנגעטראָפן דעם הינקענדיקן זאַדורקין.

— ווו ביסטו דאָס פאַרפאַלן געוואָרן?

— ניט פאַרפאַלן געוואָרן... אָנגעטראָפן אַנטלויפנדיקע דייטשן... געשאָסן צו זיי... און איידער איך האָב זיך נאָך באַוויזן אומצוקערן זענט איר אָנגעקומען...

שמעון האָט ניט געקאָנט איינרוען אויפן געלעגער.

די כאַטע איז געווען גוט אויסגעהייצט. ער איז געלעגן אויף אַ בינט

פרישן שטרוי. ס׳ערשטע מאָל נאָך וואָכן ווי ער טוט אויס די שטיוול, צעקנעפּלט די רובאַשקע, עפנט דעם רימען. ער האָט טיף געעטעמט, ווי ס׳וואָלט אים לופט אויסגעפּעלט. צוויי ייִדן גייען איבער דער וואַלד־פּאָלאַנע... פון אַלעמען געטריבן... פון דייטשן, פון רוסן, פון די פּויערים. די ערשטע מאָרדן, די אַנדערע פּאַרדעכטיקן, די דריטע — די פּויערים — האָבן פּיינט ייִדן ווייל די סאָוועטישע „וולאַסט״ שלאָגט זיך צוליב די יעוורעיעס מיטן דייטש. איינער וואָגלט צום באַן־קנופּ פון דער לאַדונגס־סטאַציע. דער צווייטער ליגט צו פוסנס פון בוים... און איך, דער דריטער ליג אין דער כאַטע. זאַדורקין הינקט אויף אַ פוס... ער זידלט זיך, ער זידלט די אַנטיכריסטן... זשילין לייענט דעם אויפשריפט, ער לייענט דאָס איין־און־איינציקע וואָרט פון טאָוול וואָס די דייטשן האָבן אָנגעהאַנגען אויפן טויטן... זשילין קוקט מיט גלעזערנע אויגן... אַרום די פעלדער, אַרום די זומפּן און וועלדער זענען פאַראַן שטעט און שטעטלעך, דאָרט זענען שוין נישטאָ קיין ייִדן... זיי קומען אום...

מען רעדט פון שלאָף. דאָס חלומט פּיאַדראָוו פון עפּל־וואַלד אין אַ טאָל ביים בייקאַל. פּילין וועט זיך צוריקקערן אין זיין קאָלכאָז... זאַדורקין וועט ווידער ווערן אַ פּאַרקופער אין אַ קראָם ביי טאַמבאָוו... דאָרט וואַרט מען אויף זיי... זיין היים איז פאַרברענט... שימעק... שימעק... ווער רופט עס אים? ווער שעפּטשעט זיין נאָמען?...

דאָס קאָנעצל צאַנקט.

אויף דער גאַס הערט מען טריט. געמאָסטענע טריט. אַזוי גייען סאָלדאַטן. זיי דערווייטערן זיך. אַ וואַך־פּאָסטן איז פאַרבייגעגאַנגען. ביים אויוון פּאָרעט זיך די באַבע. אַ קאַץ יאָמערט. עס טאָגט שוין. די טיר סקריפּעט. אויפן ראַנד פון פּיעקעליק זיצט דער אַלטער און וויקלט די אָניטשעס. ער פאַרקנופּט זיי מיט לאַנגע שטריק. דער פלאַם פון אויוון וואַרפט אַן אָפּשיין אויף אַ וואַנט. איצט איז גראָס איינגעשלאָפן. אין די נעכט קען ער ניט שלאָפן. אים דוכט זיך אַז מען לויערט אויף אים פון דער פינצטערניש אַרויס. דאָס איז אַן אייגענער, אַ היימישער. ער דערנענ־טערט זיך מיט אַ בלאָנקענדיק מעסער... פאַר טאָג, ווען אין דער כאַטע ווערט רעשיק דרימלט ער איין.

די טעלעגראַפישע פאַרבינדונג מיט מאָסקווע איז איינגעשטעלט געוואָרן. די באַפעלן האָבן זיך אָפּט געביטן. אַנשטאָט לאַנגע מאַרשן אין הינטערלאַנד איז איצט געקומען אַ באַפעל אויסצוברייטערן די פּאַרטיזאַנער־טעריטאָריע, איינהאַלטן זיך אויף גרעסערע שטחים, דעראָבערן זיי, באַ־פעסטיקן זיך, מאַכן ערד־אַנשיטן, וואַרטן אויף געווער וואָס וועט געבראַכט ווערן מיט עראָפּלאַנען. מאָביליזירן די לעבנגעבליבענע רוסישע מענער אין אָפּטיילונגען, שטראָפן די פאַררעטער, די וואָס דינען די דייטשן... ניט דערלאָזן צו אַנאַרכיע אין די דערפער... איר זענט די סאָוועטישע מאַכט און האַנדלט ווי אירע פאָרשטייער. אַכט־לייגן אויף די זיכערהייטס־פאַר־שטייער... זיי געהערן אויטאָמאַטיש צום שטאַב... קעמפן קעגן די רויבער־גרופן וואָס גראַסירן אַרום און באַפאַלן די פרידלעכע איינוווינער... און דער עיקר — אָפּהיטן דעם רוסישן כאַראַקטער פון די פּאַרטיזאַנער־איינהייטן און פון אירע קאַדרען.

פון דעם נאַכט־איבערפאַל אויף נאַדיעזשדינאַ זענען געווען פאַר־וווּנדעטע. אויך זאַדורקין איז געקומען אין סאַנאַפּטייל. ער האָט זיך אַוועק־געזעצט אויף דער אויוון־באַנק און אַריינגענומען דעם קאָפּ אין די קני. די ווונדן זענען געווען לייכטע. שפּליטערס פון גראַנאַטן וואָס האָבן צעריסן די הויט פון פּנים, פון די הענט. איינער האָט געהאַט אַ דורכגעשאָסענעם פוס.

אַננאַ איז געווען גוט אויפגעלייגט. זי האָט זיך געריכט אויף שווער־פאַרוווּנדעטע, אויף קרבנות און דאָ — איז אַלץ אַדורך בשלום. זי האָט איצט אַרויסגעוויזן אַ סך אויפמערקזאַמקייט צו די לייכט־פאַרוווּנדעטע.

— דאָס איז גאָרנישט... אַ נאַרישקייט... כ׳וואָלט געשוואָרן אַז דאָס האָט דיך אַ באַרישניע צעדראַפּעט מיט די שאַרפע נעגעלעך... ניט געווען פאַרזיכטיק... נו, שעם זיך ניט, זאָג אָדלערל...

זי האָט איצט געהאַט גרויסע לאַכנדיקע אויגן און מילדע הענט. אירע לאַנגע פינגער האָבן געגלעט די צעקנאָדערטע טשופּרינע פון אַ סאָלדאַט און געזען האָט זי ווי דעם קראַנקנס אויגן ווערן פייכט.

אַזאַ סאָלדאַט איז גרייט געווען אַ הייב צו טאָן זיך פון אָרט און זאָגן: דאָקטאָרין, איך בין געזונט. געזונט געוואָרן פון דיינע פינגער. איך דאַרף

שוין גאָרנישט מער. און דערנאָך וועט ער גיין אין גרעסטן פייער אַריין.

— וואָס באַהאַלטסטו דיינע אויגן, הייב אויף דיין פּנים, לאָז מיך אָנקוקן...

זי האָט געטרייסלט זאַדורקינען פּאַר אַן אַקסל.

— איז שוין מיין ריי, חבר דאָקטאָר?

— וואָס איז דיר?

— ווי זאָל איך זאָגן, דאָקטאָרין... קאָפּשווינדל...

דורך דער גאַס איז פאַרבייגעגאַנגען גראָס. אַננאַ האָט געקלאַפּט אין דער שויב אַריין און אים גערופן.

ביי דער שוועל האָט ער זיך אָנגעשטויסן מיט זאַדורקינען. ער איז פאַרביי אַ שווייגנדיקער און אים אָנגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס.

— דיר איז גאָרנישט... וועסט אַ טאָג־צוויי רוען... דערנאָך וועט מען זען...

אויפן גאַנגעק האָט מען געהערט זאַדורקינס שווערע טריט, פאַרפלאָנ־טערטע, און אַ געטופּעריי און אַ געקרעכצעריי.

גראָס איז געשטאַנען מיטן פּנים צום פענצטערל.

— וואָס איז מיט דיין וווּנד?

ער האָט ניט געענטפערט, נאָר אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט.

— דו ביסט ביין? ניט אויפגעלייגט?

אים האָט פאַרדראָסן אַננאַס אָפן געלעכטערל, דאָס זאָרגלאָזע. ער האָט געזוכט אין איר רו, קאָנצענטרירטקייט און דאָ — אַזאַ רעשיקע אויפ־געבונדנקייט.

אַננאַ האָט אַראָפּגענומען פון זיין אַקסל דעם אויטאָמאַט און אַוועק־געשטעלט אין ווינקל.

זי האָט גראָסן איבערגעבונדן.

— די וווּנד איז שוין באַלד פאַרהיילט. נאָך איין מאָל. עס היילט זיך שווער צוליב קעלט און פייכטקייט. כאַפּט זיך נאָך אַ מאָל אַריין...

גראָס איז געשטאַנען ביי דער טיר.

— איר זענט היינט אַנדערש.

איר פּנים איז איצט פול מיט זאָרג.

— ניט אַנדערש, דער זעלבער... — האָט ער שטיל געענטפערט. — מיר בלייבן שטענדיק די זעלבע. אומעטום זענען מיר יידן, צי מיר ווילן אָדער מיר ווילן ניט. איך האָב אַמאָל ניט געוואָלט, דאָס איז געווען אין די יונגע יאָרן, איצט באַדויער איך יענע טעג...

אַננאַ האָט געקוקט אויף אים און דערזען מנחמען. די זעלביקע עקשנות. איינער איז הויך, שלאַנק, שמאָל־אַקסלדיק מיט טיפע אויגן. דער צווייטער — נידעריק, קרעמפּ, מיט שוואַרץ־געקרייזלטע האָר, פולע ליפּן און ברייטע, געזונטע הענט.

אַז אַננאַ האָט זיך דערוווּסט פון נאַטאַשאַן וועגן געהאַנגענעם מיט דער שילד אויף דער ברוסט האָט זי ניט געקענט געפינען קיין רו. דאָס האָט אים זשילין אומגעבראַכט. פאַרטריבן פון וואַלד. אַריינגעטריבן אין די הענט פון די דייטשן. זי מוז זען דעם פאַרפייניקטן. זי וועט גיין קיין נאַדיעזשדינאַ. ביינאַכט איז איר באַפאַלן אַ חשד אַז דאָס איז ניט קיין פרעמדער, נאָר דאָס איז מנחם. זי האָט גערופן אַן אויסשפּירער און אויס־געפרעגט זיך איינצלהייטן. — איז ער הויך, שלאַנק, מיט קינבאַקן קאַנטיקע? ווי אַלט איז דער געהאַנגענער?

זי איז אַוועק צו מיכאַילאָון. געבעטן זיך ביי אים, אַז ער זאָל ניט לאָזן אַזוי ליגן דעם געהאַנגענעם. דערנאָך איז זי אַוועק צום וואַלד־ראַנד, זי איז געשטאַנען לעבן די וואַכפּאָסטנס און מיט זייער איינגעטענהט. אין דער כאַטע האָט זי קיין רו ניט געהאַט. נאַטאַשאַ האָט פון ערגעץ באַקומען אַ גיטאַרע און געשפּילט. אַננאַ האָט איר געשיקט רופן גראָסן. „דו מוזט אים געפינען״. דערנאָך איז זי אַרויס זוכן נאַטאַשאַן. זי האָט איר גערופן. נאָך וואָס דאַרף זי גראָסן? זי וועט ניט איינשטעלן זיין לעבן. זי וועט אַליין גיין קיין נאַדיעזשדינאַ. — היי, באַיעץ, זענען אין נאַדיעזשדינאַ דאָ אונ־דזעריקע אָדער דייטשן? דו ווייסט ניט? פאַרוואָס ווייסטו ניט? דו דאַרפסט וויסן! ניין, דאָרטן זענען נישטאָ קיין דייטשן. דאָס דאַרף איז ליידיק. גראָס וועט מיטגיין. מען דאַרף דעם געהאַנגענעם באַגראָבן. זי וויל אַריינקוקן אין יענעמס פּנים... זען נאָר דאָס פּנים, דאָס וועט איר באַרויקן.

נאַטאַשאַ איז צוריקגעקומען. זי האָט גראָסן ניט געפונען.

— גוט וואָס דו האָסט אים ניט געטראָפן. מען דאַרף אים ניט רופן.

ביינאַכט האָט זי דערפילט טרערן. זי האָט געשלוכצט. וואָס געשעט מיט מיר? היינט פרי האָט זי אַזוי געלאַכט, אויפגערעגט גראָסן מיטן געלעכטער און איצט — טרערן?

— אַננאַ, אַננאַ, וואָס איז אייך, איר וויינט?...

— גאָרנישט, נאַטאַשאַ, איך בין מיד. מיר איז גאָרנישט... אין דאָרף באַדיעזשדינאָ ליגט אַ דערמאָרדעטער. אַן אונדזעריקער. דאָס איז אַוודאי מיכאַיל... מנחם... און אפשר ניט?... מנחם איז הויך, שמאָל אין די אַקסלען... אויף דעם לינקן אָרעם האָט ער אַ וווּנד, אַ פאַרהיילטע וווּנד... עס איז געבליבן אַ שראַם... אַ געבוג קענטיקער... קיין דאָקומענטן מוזן דאָך ביי דעם געהאַנגענעם ניט זיין... פאַרוואָס בין איך אים ניט געגאַנגען זען?... פאַרוואָס בין איך ניט אַריין אין דער כאַטע בעתן פאַרהער?... איך וועל שוין קיין מאָל ניט האָבן קיין רו... קיין מאָל...

אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען האַלבער טאָג. די כאַטע איז געווען פאַרגאָסן מיט אַ סוף־ווינטערדיקער זון. ביים גאַנעק האָט זיך אַרומגעדרייט די וואַך. אין שטוב איז קיינער נישטאָ, ניט די אַלטע פויערים, ניט נאַטאַשאַ. עס קומען אויך ניט קיין קראַנקע. די שלייפן פרעסן איר. זי איז מיד. בין איך קראַנק? פאַרוואָס איז אַזוי שטיל? עמעצער גייט. די טריט זענען קליינע, אָפּגעהאַקטע. דאָס איז נאַטאַשאַ. זי דערקענט איר גאַנג.

די קראַנקן־שוועסטער איז האַסטיק אַריינגעפאַלן אין כאַטע. אַננאַ האָט איר ניט דערקענט. זי איז געווען אין בלאַטע פאַרשמירט, פאַרשנייט. עס האָט געשלאָגן פון איר אַ קעלט.

— דאָס איז ניט מיכאַיל... באַרויִק זיך, אַננאַ... דער געהאַנגענער האָט ניט קיין וווּנד אויף דעם אָרעם... איך בין געווען אין באַדיעזשדינאָ... ער האָט ניט קיין שראַם... מיר האָבן אים פאַרשאָטן מיט ערד... דאָס איז ניט מיכאַיל... מנחם...

נאַטאַשאַ איז געשטאַנען ביי דער שוועל און געקוקט אויף אַננאַ, דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום געלעגער ווו עס איז געשטאַנען דאָס קליינע בילדל פון האַרמאָניסט און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני.

קאַפּיטל דריי

דער ווינטער האָט זיך לאַנג געצויגן. אָנהויב אַפּריל זענען נאָך די פֿרעסט געווען גענוג שטאַרקע. אין די פֿאַרטאָגס פֿלעגט פֿרישען אַ דריבנער שניי און אַ שניידיקער ווינט האָט געטראָגן דעם שניי־שטויב איבער די זומפּפֿעלדער, איבער די קוסטעס און איבער די וועלדער. און אַז דו האָסט אַ קוק־געטאָן אין אַזאַ פֿאַרטאָג אויף גאַטס וועלט האָסטו געזען נאָר אַ שניי־קוזשאַווע וואָס האָט געפּרישלט די אויגן און האָסט זיי געמוזט זשמורען, און דייַנע באַקן זענען צעשמיסן געוואָרן פֿון דעם דריבנעם שניי. דאָס פּנים האָט געבריט ווי וואָלסט עס באַרירט מיט קראָפּעווע.

מיטאָג־צייַט האָט די שניי־קוזשאַווע אויפֿגעהערט. די זון איז אַרויס פֿון צווישן די לייכטע וואָלקנס און דער שניי האָט געטייעט. צוערשט האָבן זיך אַנטפּלעקט די שוואַרצע דאַרנקוסטעס, דערנאָך די שטאַמען און צום סאַמע סוף האָבן זיך באַוויזן שטיקער גרוי־ליימיקע גליבעס.

פֿאַרנאַכט איז אַלץ פֿאַרצויגן געוואָרן מיט אַ פֿראָסט־גלאָז. דער צעטייעטער שניי האָט געפֿרוירן. די זילבער־טראָפּנס זענען מער ניט געפֿאַלן פֿון די צווייגן נאָר געבליבן הענגען אויף די ריטלעך ווי אויף שנירלעך קרעלן.

אַנטאָן וואַסיליטש מיכאַילאָוו האָט איצט געהערשט איבער פֿינף דערפֿער. די דייטשן האָבן ניט געוואַגט צוקומען נאָענט צו דער זומפּיקער וואַלד־געגנט. די דערפֿער זענען זייטיקע, זיי ליגן ניט אויפֿן הויפּט־טראַקט און דערווייַל שטערן ניט די פֿאַרטיזאַנער זייערע פֿאַרבינדונגס־וועגן. אַחוץ דעם זענען די רעזערוו־אייַנהייטן פֿאַרנומען מיט אָפּשלאָגן די פֿראָנט־

אַנגריפֿן פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי וועלכע רוקט זיך אַלץ בענטער און בענטער צו די הויפּט־וועגן וואָס פֿאַרבינדן די דייטשן מיט זייער הינטער־לאַנד.

אין יענע טעג פֿון גרויסן רוסישן קעגן־אַנגריף ביי מאָסקווע, ווען די דייטשישע דיוויזיעס האָבן געזוכט נייע פֿאַרטיידיקונגס־ליניעס און זענען צוריקגעשלאָגן געוואָרן צום מערב, האָט אַ פּאַרטיזאַנער אויפגעריסן אַ באַן־בריק ביי דער לאַדונגס־סטאַציע. דער אויפרייס איז געווען אַ שטאַר־קער. דער מיטלסטער טייל פֿון דער בריק האָט זיך געזעצט אַזש ביז צום פֿאַרפֿרוירענעם טייכשפּיגל. ניט ווייט פֿון דעם אָרט זענען מינירט געווען די רעלסן, אַזוי אַז אַ צוג מיט דייטשישע זעלנער איז אַראָפּ פֿון די רעלסן.

די אַקציע האָט דורכגעפֿירט אַ ייִד פֿון באָריסאָוו, מאַרק כינאָי, אַן אַרבעטער אין אַ שוכפֿאַבריק. דאָס איז געווען איינער פֿון די צוויי פּאַרטי־זאַנער וואָס זשילין האָט זיי געשיקט אויספֿירן דעם אויפרייס ווי אַ תּנאַי אָנגענומען צו ווערן אין דער פּאַרטיזאַנער איינהייט. זיין חבר איז גלייך אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די דייטשן. עס האָט אים אויסגעגעבן אַ פּויער פֿון נאַדיעזשדינאָ צו אַ דייטשן פּאַטראָל. כינאָי איז אַנטלאָפֿן און אין דרום־ראַנד פֿון זומפּוואַלד האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קליינער גרופּע סמאָלענסקער ייִדן. זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין וואַלד־בונקערס. געווען צווישן זיי עטלעכע פֿרויען און אויך קליינע קינדער. צוויי סמאָ־לענסקער זענען אַוועק מיט כינאָיען אויספֿירן דעם באַפֿעל פֿון פּאַרטיזאַנער־שטאַב. באַלד נאָך דער אַקציע, אין האַלב־נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן דער דייטשישער לופֿט־אָנפֿאַל אויף דעם קליינעם פּאַרטיזאַנער־ראַיאָן וואָס מיכאַילאָוו און זשילין האָבן קאָנטראָלירט. עס זענען אָנגעפֿלויגן די „יונקערס 88״, צו דריי, ווי ווילדע נאַכטפֿייגל, שוואַרצע, מיאוסע. ניט ווייט האָט אַ וואָיע־געטאָן אַ ראַקעטע און געמאַכט אַ גרויסן בויגן אויפֿן נאַכטיקן הימל. דערנאָך האָט זי זיך צעשאָטן איבער די פֿאַרפֿרוירענע זומפּפֿעלדער. די דייטשן האָבן געעפֿנט אַ פֿייער. דאָס פֿייער איז געקומען פֿון זעקס־רערנדיקע מינעוואַרפֿער.

מאַרק כינאָי האָט זיך געוואָלט דורכרייסן צום וואַלד, דורכרייסן זיך מיט די צוויי ייִדן צפֿונדיקער פֿון דאָרף נאַדיעזשדינאָ און מעלדן זשילינען

וועגן אויסגעפירטן באַפעל. זיי האָבן זיך אָבער פאַרפּלאָנטערט ביי די דייטשישע וואָקזאַל־לאַגערן, אָנגעטראָפן אויף שטעכדראָטן, אויף שטויסן געהילצער. צעטומלטע דייטשישע וואַכלייט האָבן געמאַכט אַ ליאַרעם. אַ שאָס פון אַ ביקס האָט אָפּגעהילכט אַזוי ווי דער געסווישטש פון אַ בייטש. מען שיסט פון אַ פולעמיאָט־פּיסטאָלעט „שפּאַגין״־סיסטעם. זענען דאָס די סמאָלענסקער? שאָטנס שלייכן זיך ביי די וועגן, זיי קאָרטשן זיך איין און ווערן מיט אַ מאָל לאַנג. די דייטשישע רעפלעקטאָרס נישטערן איבער די פעלדער, אין די קוסטעס, צווישן דיביימער־רייען, ביי די וועגן, אין די קאַנאַוועס. אַ וואַלד־פערטל ברענט! ווער גיט עס אויף יענער זייט וואַלד גרינע סיגנאַל־ראַקעטעס? אויף די רעלסן שאַרט זיך טריט־ביי־טריט אַ שוואַרצער פאַרקנוילטער שאָטן — דאָס איז אַ לאָקאָמאָטיוו. עס ברענען צוויי רויטע פאָנאַרן ווי בלוט־פאַרלאָפענע אַרויסגעזעצטע אויגן. דער לאָקאָמאָטיוו זעט אויס אין דער נאַכט ווי אַ טויט־פאַרוווּנדעטע חיה וואָס גייט אין גסיסה־קראַמפּן צו איר נאַכט־געלעגער.

ווען מאַרק כינאַי איז אָנגעקומען אין וואַלד־פערטל, צפונדיקער פון דאָרף באַדיעזשדינאַ, האָט שוין געשאַריִעט. עס האָבן אויף אים געוואַרט די צוויי באַגלייטער. זיי האָבן זיך באַגעגנט אויף דעם אָפּגערעדטן אָרט. אין דאָרף איז שטיל. אין מיטן דאָרף איז ליכטיק אין עטלעכע כאַטעס. ס׳מוזן דאָרט זיין פרעמדע. אפשר זענען דאָס זשילינס מענטשן? פון אַן אָפענער טיר דערטראָגן זיך האַרמאָשקע טענער. עמעצער האָט צוריק פאַר־האַקט די טיר. די כאַטעס זענען פול מיט פויערים. קיין מיליטער־לייט זעט מען ניט. אין דער אָפענער טיר איז שטיין געבליבן מאַרק כינאַי.

— גוט־מאָרגן אייך, מוזשיקי.

— און ווער ביסטו דאָס? — האָט אים אַ פויער מיט שטעכיקע אייגלעך, האַלב־שיכּורע דורכגעשפּיזלט און אויפגעהויבן די קורצע שטע־כיקע באָרד.

— וואָס גייט עס דיר אָן? אַ רוסישער מענטש און דאָס דאַרף זיין גענוג פאַר דיר!

— ניט גענוג... ניט גענוג... ס׳זענען דאָ רוסן וואָס דינען דעם גערמאַניעץ...

ערשט ווען די פויערים האָבן דערזען נאָך צווײ באַוואָפנטע, וואָס שטייען אין דער טיר, זענען זיי געוואָרן הכנעהדיק.

— וואָס שטייט איר? קומט אַריין, איר געסט אומגעריכטע. עפּעס אויפן דנאָ איז נאָך געבליבן... איר וועט זיך דערוואָרעמען...

צווײ זענען אַריין אין דער כאַטע און איינער איז געבליבן אויף דער שוועל אָנשפּאַרנדיק זיך אָן דער טיר.

מאַרק כינאַי האָט זיך אַרומגעקוקט.

— איז דאָ פאַראַן מיכאַילאָווס אַ מענטש?

— מיר ווייסן ניט. דאָ קומט פאָר אַ חתונה. אַ מוזשיצקע סוואַדבע...

— האָט זיך געשטופּט פאָרויס דער מיט דער שטשעטשינע־באָרד — מיכאַילאָווס מענטשן? ביסטו דען ניט פון מיכאַילאָווס מענטשן? ביסטו אַ פרעמדער?

די באַבעס זענען געזעסן אין רויט־געפּאַלדעוועטע סאַראַפאַנען, אין קאָפּטיכלעך מיט געלע קווייטן, מיט רויטע מאָן־בלומען. זייערע גלאַנציקע און שווייסיקע פּנימער האָבן געלויכטן אין קאַרגן ליכט מיט עפּעס אַ ליכטיקייט אַזאַ ווי פון צעפּאַרעטע קופּער־סאַמאָוואַרן. די מענער — ס'רוב בערדיקע, מיט שטערנס קורצע, מיט הענט ברייטע, אומגעלומפּערטע און אויגן קליינע, שיפּלעכע, וואָסערדיקע. איינער האָט געקנייטשט דעם שמאָלן שטערן און אים אַזוי צעקנייטשט ווי מען ציט אײן אַ האַרמאָשקע. אַ צווייטער האָט געקראַצט זיך מיט אַלע פינף פינגער אין צעפּאַטלטן קאָפּ־האָר און געגענעצט — ער האָט דערביי געוויזן אַ גרויס מויל מיט אַ שורה געלע ציין. אַ דריטער האָט זיך געשאַרט ביי דער וואַנט און איינגערוימט עפּעס דעם גאַרמאָניסט. ער האָט זיך דערביי פאַרריכט די הויזן וואָס האָבן זיך ניט געהאַלטן אויפן רימען.

דער לאַנגער טיש איז געווען באַשטעלט מיט פלעשער סאַמאָגאָן, מיט בראַגע, מיט עפּעס אַ מוטנעם ברויט־קוואַס, אויף הילצערנע שיסלען שטויסן — זויערע אוגערקעס, איינגעזייערט קרויט, צעשניטענע, צעשאַטקעוועטע און גאַנצע זויערע הייפּטלעך. עס האָבן זיך געוואַלגערט האַלב־אָפּגעביסענע בלינעס, שטיקער ברויט און אַ אָנהויף פון פאַרשיידענעם עס־אָפּפאַל.

אַ הינקענדיקער פויער אין אַ קורץ פעלצל, וואָס האָט אים דער־

גרייכט ביזן פּאַסיק, איז צוגעקומען צו כינאַיען מיט אַ פלעשל אין דער האַנט.

— גיב אַ זשלאָקע. פאַרשעם ניט דעם חתן.

כינאַי האָט גלייך אין אים דערקענט דעם פּויער וואָס האָט אויס־געגעבן זיי צום דייטשן פּאַטראָל. ער האָט דעמאָלט געזען פון שטרוידאַך ווי דער הינקענדיקער האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן דייטשישן שליטן, עפּעס איינגערוימט און איז באַלד פאַרשוווּנדן. ער האָט אים איצט לייכט דערקענט לויטן הינקען.

— ווער איז דאָ דער חתן?

— ווער? אַ שיינע מעשׂה? דו דערקענסט דען ניט? דו דער־קענסט ניט דעם „זשעניך" לויט די אייגעלעך די גליקלעכע, די גלאַנציקע?... עך, דו קענסט זיך ניט אויף אונדזער נאַראָד. דו פאַרשטייסט זיך ניט אין אַזעלכע זאַכעלעך... נו, טרעף, ווייז אָן ווער פון די באַביאַנקעס איז די כלה... דערקען דאָס גאָט־געבענטשטע פּאָרל... נו, דאַוואַי, דערקען!...

דער הינקענדיקער איז שוין געווען גוט אָנגעזשלאָקעט. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן אויף די פיס און אָן אויפהער געפּלאַפּלט. פון מויל האָט אים געגאַוועט.

— נו, דערקען...

— איך דערקען. איך דערקען. איך בין שוין איין מאָל געווען אין דעם דאָרף. איך האָב דיך געזען. דו ביסט עס געווען. איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן. אַ זייער וויכטיקע זאַך. קום נאָר אויף אַ רגעלע אַרויס...

מאַרק כינאַי האָט אים אָנגענומען פאַרן אָרעם.

דער הינקענדיקער האָט זיך געווערט.

— לאָז אָפּ, דריק ניט אַזוי די האַנט.

ער האָט פאַרקרימט זיין פויגל־פּנים און היסטעריש געלאַכט. עטלעכע פויערטעס האָבן הויך מיטגעלאַכט און געפּאַכעט זיך דערביי מיט טיכלעך די פאַרשוויצטע פּנימער.

כינאַי האָט אים אַרויסגעפירט פון דער כאַטע. די טיר האָט זיך פאַרהאַקט.

פון דער גאַס איז נאָר דערגאַנגען אַן איין־און־איינציקער שאָס פון

כינאָיס מאַשין־פּיסטאָלעט. דער חתן איז געלעגן מיט אַרויסגעזעצטע שליפיעס אויף דער פאַרשנייטער פריזבע.

אַז די דריי באַוואָפנטע מענער זענען אַריין אין וואַלד איז נאָך די חתונה אָנגעגאַנגען. דער האַרמאָניסט האָט אויסגעהאַקט מיט דער הייזע־ריקער שטים אַלטע „טשאַסטושקעס".

די פּאַרטיזאַנער־דאָקטאָרין אַננאַ סאַמועלאָוונאַ האָט אויך געגעבן הילף די תּושבים פון די דערפער. זי האָט באַזוכט דאָרפישע כאַטעס, גע־האָלפן די קראַנקע קינדער, מטפּל געווען זיך מיט די שוואַכע זקנים. זיי האָבן פאַר איר אַנטבלויזט די קעפּ, געקניט און געקושט די הענט.

— אַנגעל הימלישער... דו, נשמלע אונדזערס...

— מ'דאַרף ניט, פאָטערל, מ'דאַרף ניט... — האָט זי אין פאַרלעגנהייט ניט געפונען קיין ווערטער. טייל מאָל איז זי געבליבן ביי די פויערים אויף אַן אָוונט־עסן. מען האָט איר געזעצט אויבן־אָן און פון די שכנישע כאַטעס זענען זיך צונויפגעקומען די קומעס.

גערעדט האָט מען אַז אין די וועלדער זענען דאָ שדים.

— ניט גוטע, ביעסן, הערנערדיקע, מיט לאַנגע ווידלען. אַזוי פיל יאָרעלעך אָפּגעלעבט — האָט איר איין מאָל געזאָגט אַ פויער — און ניט־געגלויבט. איצט גלייב איך... זיי פאַרשטעלן זיך פאַר אונדזעריקע... ריידן אויף אונדזער שפּראַך... אָבער מען דערקענט זיי... מען דערקענט זיי לויט די שליפיעס די ברענענדיקע, לויט די פּנימער די טאַטאַרסקע, לויט די נשמות די ציגאַנסקע, לויט דער כיטרעקייט די זשידאָווסקע...

אַ פויערטע האָט איר געפרעגט:

— איז דאָס, נשמהלע, אמת, איז דאָס, האַרציקע, ריכטיק, אַז די וואָינע האָבן די אַנטיכריסטן געמאַכט, די וואָס האָבן דאָס הייליקע קעפעלע פון יסוסן מיט דערנער אָנגעטאָן?

אַננאַ האָט געשוויגן.

עס איז אַ שטאָק־פינצטערע נאַכט. אין דרויסן איז אַ וויוגע. די לעצטע וויוגע פון אַפּריל. אַננאַ ליגט אויפן פּיעקעלעק אויסגעבעט מיט היי. די שטים פון דער פויערטע איז אַ שטילע, אַ ווייכע, כמעט אַ שעפּטשנדיקע:

— דו, טאָכטער פּראַוואָסלאַוונע, מען זאָגט אַז צוליב די זשידעס סטראַדאַיען מיר... זיי האָבן די סאָבאָרן די פּראַוואָסלאַוונע צעראַבירט... זיי האָבן אונדזערע פּאַרפּירט... געמאַכט זיי פּאַר אַנטיכריסטן, פּאַר באָל־שעוויקעס... איצט איז געקומען דער שטראָפֿער. ער קומט פֿון דער גערמאַנסקער ערד. די אַנטיכריסטן באַהאַלטן זיך אויס אין די וועלדער. אונדזערע מוזשיקעס האָבן שוין די אייגעלעך געעפֿנט. מען טרייבט זיי. מען גיט זיי איבער צו גאָטס מישפּט. אומעטום זענען זיי, די אַנטיכריסטן. זיי זענען צווישן די פּאַרטיזאַנער... טאָכטער פּראַוואָסלאַוונע, פּאַרוואָס זאָגסטו ניט דעם נאַכט־געבעט צו גאָטס־מוטערל ?...

אין מיטן נאַכט האָט זיך די טיר אויפֿגעריגלט.

אַ שאָטן האָט זיך אַרויסגעשלייכט פֿון דער כאַטע. עמעצער טרעט אין לאַפּטשעס אויפֿן גאַנעק, אויף די טרעפּ. אַ ציג מעקעט אין שטעלעכל. אַ פֿערד קלימפּערט מיטן געשפּאַן. אין אַ שכנותדיקער כאַטע צאַנקט אַ פֿלעמל. אַ פֿויערטע וויגט אַ קינד. די פֿויערטע ציט אַ ניגון, אַ וויינעדיקן. אַ טיר האָט זיך ערגעץ פֿאַרהאַקט. ניין, דאָס רייסט דער ווינט דעם איינ־געפּאַלענעם הילצערנעם פּלויט.

נעכטן איז געקומען צו אַננאַן זשילין. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין דער כאַטע און געשוויגן. נאַטאַשאַ איז געזעסן אויפֿן בעטל און קוים באַרירט מיט די פֿינגער די סטרונעס פֿון דער גיטאַרע. זשילין איז ניט אויפֿגעלייגט. אַננאַ דערקענט דאָס לויטן שטשורען די אויגן. — וואָס איז דאָ ביי אייך אַזוי ווי נאָך פּאָכאָראָנעס ? — האָט ער זיך געפֿרעגט.

נאַטאַשאַ וויל לאַכן און עס קומט אַרויס אַ גרימאַסע. אַננאַ שפּירט דעם ריח פֿון בראָנפֿן. זי האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך דעם שינעל און איינגעהילט זיך.

— נאַטאַש... נאַטאַש... — האָט זשילין געזאָגט און אַרויפֿגעלייגט אַ שווערע האַנט אויף דער גיטאַרע. די סטרונעס האָבן אַרויסגעלאָזט אַ שטילן צעצוויגענעם געיאָמער. — נאַטאַש... איך האָב דיר פֿאַרגעסן זאָגן... לויף צו צום שטאַב... דאָרט זיצט עמעצער... נעם מיט אַ ביסל בינד... אַ לייכטע וווּנד... ער וואַרט אויף דיר דער בערעזקאָוו... מ׳קאָן אים אַזוי ניט לאָזן איבער נאַכט...

זשילין האָט זיך געפּלאָנטערט אין די רייד, גערעדט מיט לאַנגע זאַצן און לסוף צוגעפירט די שוועסטער ביז דער טיר.

— די פּריצן זענען נערוועז, אַננאַ סאַמועלאָוונאַ, נערוועז, יעי באָגו, נערוועז... כ׳דערקען עס שוין... לויט די רעפלעקטאָרן איבער די הימלען, לויט דעם גערויש פון די „יונקערס״, לויט דעם צינדן די וועלדער... אונדזעריקע גיבן זיי זשאַר ביי מאָסקווע. אַננאַ... נאָך אַ טאָג, נאָך אַ וואָך און דאָ וועלן זיין אייגענע. אייגענע. דאָס מלחמהלע וועט זיך ענדיקן. גיך ענדיקן. נו, דאָקטאָר, ווען באַשטימען מיר אונדזער ערשטע ראַנדע־ווו? אַוודאי אין מאָסקווע... אויף אַרבאַט אָדער אויפן רויטן פּלאַץ?... ווו איז אייך באַקוועמער?... איר זענט דאָך אַ מאָסקווערין?... אָ, דאָס איז גוט... זייער גוט... די פּריצן זענען נערוועז... ניטשעוואָ, ניטשעוואָ...

דער בראָנפן־טשאַד האָט זיך דערנענטערט צו איר.

— אייך איז קאַלט, דאָקטאָרין? אַננאַ... פאַרוואָס שווייגט איר? איר האָט ניט גערן אַ האַלב־שיכּורן מוזשיק וואָס רעדט און קען די זאַצן ניט צעפּלאָנטערן? ניט שיכּור בין איך אַננאַ... נאָר אויף קוראַזש... מ׳קען אַנדערש ניט... מ׳וואָלט זיך געדאַרפט אויפהענגען אָן אַ טראָפּנדל בראָנפן...

אַננאַ האָט זיך געוואָלט אויפשטעלן. דער שינעל איז איר אַראָפּגעפאַלן פון אַן אַקסל. זי האָט אויפגעהויבן די האַנט און געוואָלט אַרויפוואַרפן אויף זיך דעם אַראָפּגעפאַלענעם שינעל. זשילין האָט דערזען אירע לאַנגע פינגער, די שמאָלע, ער האָט דערזען דעם רונדיקן אַקסל, דעם ווייסן האַלדז און די רונדיקייט וואָס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון אונטער דער זעלנערישער בלוזע. עס האָט זיך אים געדוכט אַז ער וויגט זיך אויף אַ שיפל וואָס דערשלאָגט זיך צו אַ באָרט. נאָר אויסציִען אַ האַנט און ער וועט דערגרייכן דעם ברעג.

— דערלויבט... דערלויבט...

ער האָט אָנגענומען דעם ראַנד פון שינעל. איצט איז ער שוין אַראָפּגעפאַלן פוןביידע אַקסל און פאַר אים האָט זיך אַנטפּלעקט די פרויִשקייט פון דער יונגער דאָקטאָרין.

— איר מיידט מיך אויס, אַננאַ סאַמועלאָוונאַ... געוואָלט שוין לאַנג מיט אייך ריידן... איר זענט צו מיר שלעכט...

זשילין האָט געפּירט מיט דער האַנט איבער איר האַלדז. ער האָט באַרירט אירע האָר און מיט אַ מאָל האָט ער איר איינגעשלאָסן אין די אָרעמס.

זי האָט זיך שטום געוועדט.

— אַננאַ... כ׳וועל אייך אויפקלערן... באַליידיקט זיך ניט...

דער בראָנפן־ריח, אויסגעמישט מיטן ריח פון אַ שווייס וואָס האָט פּלוצעם אַרויסגעשלאָגן אויף זיין פּנים און דער ריח פון טאַבאַק האָט אַ זעץ־געטאָן אין אירע שלייפן. זי האָט זיך פּלוצעם דערפילט אָפּהענטיק, מיד, געפאַלן ביי זיך. זי האָט גאָרנישט געקאָנט טאָן; ניט שרייען; ניט בייזערן זיך, ניט ריידן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געגליווערט אין אָנמאַכט. נאָר די אויגן, די גרויסע יידישע אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט אַ מאַטקייט, אַ נעפּלדיקע, אַ וואָלקנדיק־פייכטע, אַזוי ווי די קליינע דאָרף־שייבלעך אין אַ שלאָקס־רעגן.

— איך קאָן אייך ניט פאַרגעסן... פון דער ערשטער באַגעגעניש אָן. באַליידיקט אייך ניט... איז עס דען ניט מענטשלעך? אַרום איז פייער, בלוט, דייטשן — און מיר ביידע... זשילין און דו... דערלויבט מיר זאָגן „דו"... דערלויבסט? גוט...

זיינע ליפּן האָבן איר אַ ברי־געטאָן.

— עס איז שיין אַזאַ באַגעגעניש. אַזאַ ליבע וואָס איך טראָג איבער פראָנטן. איבער טראַנשייען.

ער האָט זיך איבערגעבויגן איבער איר און מיט דער גאַנצער שווערקייט פון אַ האַלב־שיכורן מענטשן וואָס פאַרלירט זיין וואָג איר אַוועקגעשליידערט אויפן בעטל.

— דו טראַכטסט אַלץ פון דעם שוואַרץ־אויגיקן... פון דעם מיכאַיל?... דאַ־דאַ־דאַ...

ער האָט איר אַריינגעלאַכט אין פּנים אַריין. — אַ, איצט איז מיר קלאָר... זייער קלאָר...

אַננאַ האָט זיך אַ ריס־געטאָן.

ער האָט הויך געלאַכט.

— דיך ציט צו אייגענע... צו אָט־די... פּאַניאַטנאַ... צו אייגענע...

אַזעלכע פּרעמדע... ניט־רוסישע... ניט סאָוועטישע...

— גענוג! — האָט אַננאַ אויסגערופן. — איך וויל אייך מער ניט זען אַ שיכּורן! איר קענט גיין!

זי האָט אים אָנגעוויזן די טיר.

אין דער רגע האָבן זיך דערהערט טריט. עס איז געקומען נאַטאַשאַ. נאָך איר איז געגאַנגען דער שטאַב־פּאַרבינדלער פּילין.

— דערוווּסט זיך אַז דו ביסט ביי דער דאָקטאָרין. אָט, ווי ער גולייעט, אונדזער זשילין. — האָט געזאָגט פּילין — מיכאַילאָוו וואַרט.

עס איז שוין פינצטער אויף דער ברייטער און פוסטער דאָרף־גאַס.

דער פּאַרוואָלקנטער הימל ליגט נידעריק. ממש אויף די דעכער, אויף די ווערבעס די צעקנאָדערטע. זשילין פילט דעם הימל אויף די אַקסל. ער האָט זיך איינגעבויגן, פּאַרוואָרפן אַ פּאָלע אויף אַ פּאָלע און גייט מיט וואַקלדיקע טריט. דער שניי איז פייכט און אויסגעמישט מיט בלאָטע. אין טייל פענצטערלעך צינדט מען פלעמלעך. פון די אָפענע גערטנער, די אָנצוימיקע, רייסן ווינטן. זיי טראָגן אָן אַ שניישטויב פון די דעכער, פון די ניט־באַטראָטענע שנייפעלדער. ער וואָלט זיך אַוועקגעלייגט אויף די אָפענע פעלדער די פאַרשנייטע און געוואָיעט. ער וואָלט זיך געטראָגן איבער די אימהדיקע נאַכט־וועלדער און צעריסן זיין פּנים אָן צווייגן דאָרנדיקע, אָן די שטאָם־סענקעס. מאָרגן פרי וועט ער בעטן אַנטשולדיקונג ביי אַננאַן. ער וועט איר זאָגן: אַננאַ סאַמועלאָוונאַ, פאַרגעסט וואָס עס איז געשען... דאָס איז באַליידיקנדיק... אַ רגע פון שוואַכקייט... פאַרגיט מיר...

דער לאַנגפיסיקער פילין איז אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן און געברומט אַ ניגון. צו מיכאַילאָווס כאַטע איז ניט ווייט. געבליבן נאָך אַ פּאָר מינוטן גאַנג. זשילין איז איצט געגאַנגען מיט אַ צעקנעפּלטן שינעל און ביידע פּאָלעס האָבן געפלאַטערט ווי פליגל פון אַ פויגל וואָס נידערט צום באָדן. דער שניי־ווינט האָט אים לופטיקער געמאַכט ביי די שלייפן.

— בלייבט שטיין!

צוויי וואַכלייט זענען נאָענט צוגעקומען און אַריינגעקוקט זשילינען אין פּנים.

ביי דער ווייסל

— אַן אייגענער.

— דאָס דאַרף מען זען. מען מוז קאָנטראָלירן.

זשילין האָט זיך פאַרקרימט פון פלוצעמדיקן כעס. ער האָט דערקענט שמעון גראָסן. ער האָט אים דערקענט לויט דעם רוסיש מיטן פרעמדן אַקצענט, ער האָט אים דערקענט לויטן געשטעל דעם ברייטן.

— אומעטום טרעפט מען זיי. נו, לאַדנאָ... לאַדנאָ... מאָלאָדצי... אָבער דו, גראָס, דיין קאָמאַנדיר דאַרפסטו אין שלאָף דערקענען, ניט ווי אַ פרעמ־דער לאָפּען מיט די שליפּיעס... איך בין דיר ניט קיין פרעמדער...

זשילין האָט נאָך עפּעס געזאָגט. ער האָט געפּלאָנטערט מיט דער צונג אַז ניט פילין און ניט די וואַכלייט האָבן געקענט פון דעם אַרויסדרינגען אויב ער איז בייז אָדער דאָס זענען סתּם געוואָרפענע ווערטער, גאָרנישט־מיינענדיקע.

אַ פלוצומדיקער כעס האָט אים פאַרכאַפּט אַזוי ווי ס'פאַרכאַפּט אַ ווערבל־ווינט. וואָס האָב איך דען שלעכטס־געטאָן אַננאַן? מיט וואָס האָב איך זי באַליידיקט? אַזויפל אויפמערקזאַמקייט. אַזאַ צוריקגעהאַלטנקייט מיינע. דאָס איז מענטשלעך. און זי? זי פאַרשטייט דאָס ניט. זי פאַרשטייט ניט מיין זאָרג פאַר איר. מיינע באַפעלן אָפּצוהיטן זי. די באַוואַכונג. די ערשטע הילף ביים איינקוואַרטירן. זי האָט מיך באַליידיקט! זי קוקט אויף מיר ווי אויף אַ נידעריקן. ווי אויף אַ געפאַלענעם! און ווידער האָט ער דערזען מנחמס פּנים אַזאַ ווי ער האָט עס געזען ביים מישפּט. שאַרף צונויפגעצויגן די ברעמען, שאַרפע אויגן. זיי קוקן דורכדרינגענדיק. שוין דעמאָלס איז אים איינגעפאַלן, אַז צווישן מנחמען און אַננאַ קומט עפּעס פאָר. אַ בלוט־בונד אַ געהיימער. איצטער דער גראָס. אומעטום איז ער דאָ. שטענדיק וואַקסט ער אויס ווו מען ריכט זיך ניט אויף אים. זי ווייזט אים ניט די טיר. אַז ער גייט פאַרביי, דער פרעמדער פאַרדעכטיקטער גראָס, רופט זי אים. זיי זיצן לאַנג און ריידן. איצט געדענקט ער אַלץ, זשילין. ער געדענקט דעם געשפרעך וועגן מאַלעריי... ער דערמאָנט זיך אַננאַס אומרויִק זוכן מיט די אויגן אין שפּיטאָל־צימערל. דעמאָלט האָט ער באַ־שלאָסן: אַרויסרייסן איר פון מאָסקווע, פון דער 316־טער דיוויזיע, אַרויס־רייסן זי פון דאָרט. ער וועט איר אַריבערטראָגן אויף דעם אָפענעם עראָפּלאַן

אין די פּאַרטיזאַנער־איינהייטן, אַהין ווו מען שיקט אים. און איצט? ער האָט אַלץ דורכגעפירט. געוואַרט. דורכגעמאַכט הונדערטער קילאָמעטער איבער פעלדער און וועלדער. זי האָט אים געדאַרפט זאָגן ביי דער ערשטער געלעגנהייט: זשילין, איך דאַנק אייך פאַר דער אויפמערקזאַמקייט, פאַר דער וואַרעמקייט מיט וועלכער איר רינגלט מיך אַרום... זי האָט געדאַרפט... און אַנשטאָט דעם — — —

אין דער ליכטיקער כאַטע זענען געווען עטלעכע אומבאַקאַנטע מענטשן. אויבן־אָן, ביים איקאָנע־ווינקל איז געזעסן אַנטאָן וואַסיליטש מיכאַילאָוו. איבער זיין קאָפּ האָט זיך געטונקלט די קליינע הילצערנע פּאָליצע מיט עטלעכע איקאָנעס פון פּראַוואָסלאַוונע הייליקע, מאַטע מיט שמאָלע אויסגעצויגענע פּנימער פון סריסים. איין איקאָנע איז געווען פון ניקאָליי אוגאָדניק, די צווייטע פון גאָטס־מוטערל און פון הייליקן ניקאָליי טשודאָטוואָרעץ. הינטער די איקאָנעס האָבן די פּויערים געהאַלטן די בריטווע, דאָס שערל, אַ שלייפשטיינדל און אַלערליי פּאַפּירלעך פון דער וולאַסט, וואָס איז שוין איצטער מער קיין וולאַסט ניט.

מען האָט געמאַכט אַ וואַרע פּאַר זשילינען. ער איז אַריין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געברומט אַנשטאָט אַ באַגריסונג און זיך אַוועקגעזעצט אויבן־אָן, נעבן מיכאַילאָוון, אויף אַ לאַנגער הילצערנער באַנק.

אַ פּויערטע מיט ברייטע קינבאַקן, טאָפּעלע, האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ פּאַרעדיקן סאַמאָוואַר.

מיכאַילאָוו האָט זיך אָנגעגאָסן אַ טעפּל טיי.

— קומט צום טיש, רוקט זיך נענטער... איר וועט עפּעס וואַרעמס אויסטרינקען... וואָס שטייט איר?...

דער ערשטער האָט זיך דערנענטערט מאַרק כינאָי און נאָך אים די צוויי סמאָלענסקער.

— חבר קאָמאַנדיר. די אויפגאַבע האָבן מיר דורכגעפירט.

ס'איז געוואָרן שטיל.

זשילין האָט זיך געריבן דעם שטערן. ער האָט געקוקט אויפן פרעמדן און אים איז ניט געפעלן געוואָרן די ווענדונג „חבר קאָמאַנדיר". צו וועמען

רעדט ער, דער פּרעמדער? צו מיכאַילאָוון אַוודאי?

— אַ רגעלע... איך פאַרשטיי ניט... וואָסער אויפגאַבע?... וואָס האָט איר דורכגעפירט? ווער זייט איר?

מיכאַילאָוו האָט זיך צעלאַכט. דאָס האָט זשילינען נאָך מער צערייצט.

— נו, ניקאָליי פּיאָדאָראָוויטש? דו האָסט פאַרגעסן?...

זשילין איז רויט געוואָרן. ער איז בייז געווען פאַר דעם פּלאָנטערן זיך. אַ קאָמאַנדיר טאָר זיך ניט פּלאָנטערן. ער דאַרף געדענקען יעדן באַפעל וואָס פאַלט פון זיין מויל. אַ באַפעל איז פאַרבונדן מיט מענטשלעכע לעבנס, מיטן גורל פון דער גאַנצער איינהייט. און דאָ, אַזאַ צעמישעניש. אוי, ווי זי האָט מיר אויפגערודערט דעם שאַרבן, די אַננאַ.

די פּרעמדע זענען געשטאַנען אין פאַרלעגנהייט.

מיכאַילאָוו האָט געבלאָזן אין דעם טיי־שיסעלע און הויך געזופּט.

— מיר האָבן אויפגעריסן די באַן־בריק ביי דער לאָדוגאַס־סטאַציע. דער מיטלסטער טייל בריק האָט זיך געזעצט און ליגט אויפן טייך־אייבער־פלאַך. די רעלסן זענען מינירט געוואָרן... ווען מיר זענען אָפּגעלאָפן אַ פּאָר הונדערט מעטער האָבן מיר געהערט אַ צווייטן אויפרייס. דער צוג וואָס גייט אַדורך אין דער באַשטימטער שעה איז אַראָפּ אין דער קאַנאַווע. דאָרט איז דער רעלסן־אַנשיט אַ הויכער... אָטאָ די צוויי האָבן מיטגעהאָלפן. זיי זענען סמאָלענסקער. ביז צו דער אַקציע האָבן זיי זיך אויפגעהאַלטן אין וואַלד. דאָרט זענען געבליבן נאָך מענטשן. אַ קליינער לאַגער פון אַנטרד־נענע...

זשילין האָט זיך איינגעהערט צו די רייד פון מאַרק כינאָי, דערנאָך, אַז כינאָי האָט פאַרענדיקט איז ער אויפגעלייגט געוואָרן.

— מאָלאָדיעץ.

ער האָט אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע. די שיכּרות איז שוין אויסגעוועפּט געוואָרן. אַ מידקייט האָט געבונדן זיין לשון.

— הם... הם... איר קענט גיין... איר זענט פריי...

עס איז שטיל געוואָרן אין דער כאַטע. די פויערים האָבן זיך פאַר־קליבן אין טשולאַן און געוויגט זיך אויף דער ברויט־באַנק אין ווינקל ביי די קאָטשערעס.

זשילין האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אויוון און שטאַר געקוקט צום קליינעם פענצטערל.

די פרעמדע האָבן אויסגעזופּט די טעפּלעך טיי און זענען אַוועק. אין דרויסן האָט געוואַרט איינער פון די וואַכלייט וואָס האָט זיי אַוועקגעפירט נעכטיקן.

מיכאַילאָוו האָט גערעדט ווי צו זיך:

— זיי האָבן באָמבאַרדירט נאַדיעזשדינאָ. פאַרנאַכט האָבן מיר געהאַט גערמאַנסקע „יעגער". עטלעכע וואַלד־פּערטלען ברענען. דאָס איז דער ענטפער אויף דעם אויפרייס פון דער באַן־בריק. געווען ביז איצט אַ ניט־געשריבענער וואָפנשטילשטאַנד צווישן אונדז און די דייטשן... זיי האָבן געוווּסט וועגן אונדז, געוווּסט פון די דערפער ווו מיר האַלטן זיך אויף און זיי האָבן געשוויגן... אָבער מאַרק כינאָי האָט דעם וואָפנשטילשטאַנד געבראָכן... וועלן מיר אַרויס אין אַ מלחמה. אַ קליינע מלחמה אין מיטן פון דער גרויסער מלחמה.

דער הימל איז נאָך אַלץ צעשניטן פון רעפלעקטאָר־זיילן. מילכיקע, שטויביקע ליכטזיילן בויגן זיך, פאַלן און גליווערן איבער די וועלדער.

נאָך האַלבנאַכט האָבן די ראַדיסטן אויפגעכאַפּט ידיעות וועגן אַ גרופּע פאַרטיזאַנער פון אַ שכנותדיק דאָרף וואָס שלאָגט זיך דורך אַ וועג פון דרום צו מיכאַילאָוון און זשילינען. מיט אַ שעה שפּעטער האָבן די וואַכלייט דערקענט, לויט די אָפּגערעדטע סימנים, צוויי אייגענע ערדאָ־פלאַנען. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּאָלאַנע. זיי האָבן געבראַכט עטלעכע קוילנוואַרפער, אויטאָמאַטן און זעק אָנגעשטאָפּטע מיט ווייסע מאַסקיר־כאַלאַטן.

פאַר טאָג איז פאָרגעקומען דער אַפּעל פון דער גאַנצער איינהייט. אין די דערפער האָט מען געלאָזן נאָר די וואַכן און פון די ווייטסטע וואַלד־פּאָזיציעס צונויפגערופן די סאָלדאַטן. עס איז געשטאַנען אויסגע־שטעלט אַ ראָטע לעבן אַ ראָטע מיט אירע קאָמאַנדירן. אַפילו די עטלעכע האַרמאַטן האָט מען געבראַכט, די 45 מילימעטערדיקע און די 122 מילי־מעטערדיקע.

מיכאַילאָוו איז אָנגעריטן פון דער וואַלד־געדיכטעניש. ער איז געקומען אומגעריכט. דאָס קורצע פּעלצל איז געווען מיט שניי, דער שווערער פּיסטאָלעט האָט געפּלאָנטערט זיך ביים רימען און אָנגעקלאַפּט זיך אָן זאָטל.

— ראַ־אַ־אַ־וניאַיס! — האָט געשריִען דער בייקאַלער.

מיכאַילאָוו איז פּאַמעלעך פאַרבייגעריטן לענגאויס דער רייע. דאָס זאַטע פערד איז געגאַנגען פאָרויס ניט מיט די פאָדערשטע פיס נאָר מיט דער גאַנצער ברייט. די פיס האָבן אומרויִק געקלאַפּט אין שניי און עס זענען אָפּגעשפּרונגען שטיקער שניי און שטיקער פאַרפרוירן אייז אויס־געמישט מיט וואַלד־אָפּפאַל.

זשילין האָט געלייענט אַ באַפעל:

„דער פראָנט דערנענטערט זיך. ס׳קען זיין אַז אין די נאָענטסטע טעג וועלן שוין דאָ זיין אונדזעריקע. מיר דאַרפן זיך צוגרייטן צו דעם גרויסן טאָג. מיר וועלן דאַרפן אַ קלאַפּ טאָן דעם דייטש פון דער צווייטער זייט. דערצו דאַרף מען אויסברייטערן די איינהייט. נאָך אַ פּאַרטיזאַנער־דיוויזיע וועט זיך מיט אונדז פאַראייניקן און צוזאַמען וועלן מיר אַרויס אין אַ פראָנטאַלן אָנגריף אויף די דייטשישע פּאָזיציעס. די דיוויזיע פּאַר־טיזאַנער איז שוין נאָענט. מיר וועלן איר גיין אַנטקעגן. עס טיילט אונדז נאָר אָפּ דאָס דאַרף זאַרעטשע. דאָרט איז אָבער דאָ אַ דייטשישער גאַרניזאָן. מיר וועלן אים באַפאַלן אין איין צייט, מיר און יענע איינהייט. איר זאָלט זיך ניט טועה זיין און אונטערשיידן אייגענע פון די פריצן?"

עס איז געוואָרן נאָך זשילינס רייד אַזוי שטיל אַזש מען האָט געהערט ווי ס׳וויגן זיך די סאָסנע־שפּיצן.

אַ יונג סערזשאַנטל, אפשר פון אַ יאָר אַכצן, האָט געלייענט די נייעסן פון אינפאָרמביוראָ, וואָס זענען אויפגעכאַפּט געוואָרן ביינאַכט פון מאָסקווער ראַדיאָ.

„אונדזערע גייען פאָרויס אויפן פראָנט. דער דייטש טרעט אָפּ. ער וואַרפט זיין קאַמף־טעכניק. שטאַרקע קאַמפן קומען פאָר אויף דעם באַן־קנופּ וואָס פירט צו מינסק. אויף די איבעריקע פראָנטן — קיין וועזנטלעכע ענדערונגען".

ווען זשילין צוזאַמען מיט די קאָמאַנדירן פון די ראָטעס זענען צו־געקומען נאָענט צום שטאַב זענען פון עק גאַס אָנגעקומען עטלעכע פויערים. די וואַכלייט האָבן באַקומען אַ באַפעל זיי דורכצולאָזן. דאָס זענען געווען תּושבים פון נאַדיעזשדינאָ. אויבן־אָן איז געגאַנגען אַ פויער מיט אַ שטשע־טשינע־באָרד און קליינע קראָפּעווע־אייגעלעך.

— מיר זענען געקומען צו די קאָמאַנדירן, צו די סאָוועטישע מענטשן... צו רוסישע... מיט אַ זשאַלאָבע... מיר זענען נאַדיעזשדינער. מירנע מוזשי־קעס. קאָלכאָזניקעס געוועזענע. איך בין אַ בריגאַדיר. אַ פּאַרטיי־מיטגליד... אַ שווערע זשאַלאָבע קעגן פּאַרטיזאַנער...

מיכאַילאָוו האָט אומגעדולדיק אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט דערמיט געזאָגט: לאָזט צו־רו מיט אייערע פויערישע גענגעלעך. מסתּמא האָט עמעצער דערטאַפּט אַן עמער סאַמאָגאָן און אים אָוועקגענומען, אָדער אַ מעשׂה מיט אַ באַביאַנקע... אונדזערע קענען עס אָפּטאָן פּאַרשיידענע אומאַנגענעמלעכקייטן... סוואָלאָטשעס אַזעלכע...

דער פויער איז אָבער ניט אָפּגעטראָטן.

— מען האָט דערשאָסן אונדזער קאָלכאָזנעם חשבון־פירער... אַ קאַנדידאַט אין דער פּאַרטיי געווען, אַ ליכטיקן גן־עדן אים... ער ליגט אויף דער פּריזבע... דיינע מענטשן האָבן עס געטאָן... דיינע. נעכטן אָוונט איז דאָס געשען. ווי גאָט איז ליב.

זשילין איז צוגעלאָפן.

— וואַרט, וואַרט... זאָגסט, נעכטן אָוונט? קומט אין כאַטע אַריין!

די פויערים זענען געשטאַנען אויף דער פאַרשנייטער גאַס מיט אַנט־בלויזטע קעפּ. זיי האָבן געהאַלטן די פוטער־היטלען אין די הענט און געשוויגן. אויף די טרעפּלעך האָבן זיי לאַנג אָפּגעקלאַפּט דעם שניי פון די לאַפּטשעס מיט די פוטער־היטלען און הויך געשנייצט די נעז.

זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער אויוון־באַנק, וואָס דינט גלייכ־צייטיק ווי אַ שוועל אַרויפצוקריכן אויפן פּיעקעליק, און מיט די פּלייצעס געוואַרעמט זיך ביי די הייסע אויוון־ציגל. נאָר דער מיט דער שטעכיקער באָרד איז ניט איינגעזעסן. ער איז געגאַנגען פון דער טיר צום גרויסן טיש און צוריק.

— גוט אויסגעהייצט... ער גיט זשאַר... — האָט איין פּויער גע־שעפּטשעט דעם אַנדערן אין אויער אַריין מיט אַזאַ ווּיכטיקייט ווי ער וואָלט אים אָנגעזאָגט עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעכע זאַך.

— דערציילט, ווי אַזוי איז עס געשען? — האָט זשילין אומגעדולדיק געפרעגט.

ערשט איצט, בשעת ער איז געזעסן מיט די פּויערים האָט ער דערזען אַננאַן. זי איז געווען אָפּגערוקט פון אים עטלעכע טריט. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, וואָס ער האָט איר ביז איצט ניט באַמערקט? וואָס דאַרף זי? אַוודאי אין שייכות מיט די קאַמפּן וואָס מען דערוואַרט. זי איז געקומען צו מיכאַילאָוון. איז עס אַן אויסרייד? ניין, ניט קיין אויסרייד. זי האָט געדאַרפט זיין פאַר טאָג אין וואַלד. זי איז ניט געקומען. ניט געוואָלט מיך דאָרט טרעפן. איז זי בייז אויף מיר?

ער האָט זיך אויסגעקערעוועט צום קליינעם פענצטערל.

— אַנטשולדיקט, דאָקטאָרין... איך האָב אייך ניט באַמערקט. מיר האָבן דאָ אַן ענין...

אַננאַ האָט זיך אויפגעשטעלט.

דאָס ליכט וואָס איז געפאַלן פון פענצטערל האָט באַלויכטן דעם פּראָפיל פון איר פּנים. זי איז געווען ווי איינגערעמט אין אַ ליכטראַם.

— דאַרף איך אַוועקגיין?

— איר קאָנט בלייבן. איך בעט נאָר אַנטשולדיקונג וואָס איר וועט מוזן איבערוואַרטן דעם געשפּרעך מיט די קאָלכאָזניקעס.

דער פּויער האָט אָנגעהויבן.

— געווען אַ חתונה אין נאַדיעזשדינאַ. דער שטשאָטאָוואָד מיכאַליוק האָט גענומען די אלמנה נאָך פּאָטאַפּן, אַ ליכטיקן גן־עדן אים. דער נאַראָד האָט פאַרבראַכט. געטרונקען, ווי דער שטייגער... פאַרביסן ווי עס פירט זיך ביי לייטן. טשורקין האָט געשפּילט אויף אַ גאַרמאָשקע „טשאַסטושקעס" און דערמאָנט די גוטע צייטעלעך, די סאָוועטישע, אַז די נשמהלעך אונדזעריקע האָבן געוויינט... מיר האָבן געבענקט נאָך אונדזעריקע... ווי דער שטייגער... יעי באָגו, געבענקט! שלום־ליבנדיקע זענען מיר. נאָר אָרעמע. מיט אַ מאָל — דריי פרעמדע זענען אָנגעקומען. מיר האָבן זיי

מכבד געווען... ווי דער שטייגער... איינער פרעגט זיך אויף מיכאַילאָווס מענטש, אַזאַ שוואַרצאַוויגיקער דרייט זיך אַרום אין דער כאַטע. קוקט מיט די שליפּיעס. און מיין האַרץ זאָגט מיר גלייך אַז ס׳וועט ניט זיין גוט. ניט גוט...

— דערציילט וואָס איז געשען! — האָט אויסגעשריען מיכאַילאָוו — דערציילט קלאָר, פּלאַפּל ניט! רייד צו דער זאַך!

— אָט איז צו דער זאַך... ער האָט, דער שוואַרצער, אַרויסגענאַרט מיכאַליוקן און אַריינגעהאַקט אים באַר איין קויל, גלייך אין דער שלייף. זיי זענען אַוועק, די דריי, ערשט פאַר טאָג, קוקן מיר זיך אַרום, דער חתן איז נישטאָ. געזוכט אים, געזוכט ביז מען האָט אים געפונען אויף דער פּריזבע. אָן אַ פּעלצל. געמיינט אַז ער איז אַרויס אָפּקילן זיך. ווי דער שטייגער נאָך אַ גוטן טרונק... אָבער ער איז געלעגן טויט. דאָס איז דער אמת.

— דער ריינער אמת. דער הייליקער. — האָבן די פּויערים צונויפגעזאָגט איבערגעחזרט די ווערטער.

— איר וועט זיי דערקענען, די דריי, אַז מיר וועלן זיי אייך ווייזן?

— האָט געפרעגט זשילין.

— דערקענען, ווי גאָט איז אונדז ליב.

— דערקענען — האָבן כאָראַל איבערגעחזרט אַלע פּויערים.

די וואַכלייט האָבן זיך באַוויזן אין דער אָפענער טיר.

— דערקענסט זיי, פאַטערל?

— ניין. ניט די. אפשר איינער פון זיי? ניין. ניין.

זשילין האָט זיך איבערגעבויגן צו מיכאַילאָוון און זיי האָבן זיך שטיל דורכגערעדט. אין נאַדיעזשדינאָ זענען נעכטן געווען נאָר די וואַכלייט און די פרעמדע. די דריי פרעמדע.

ווען מאַרק כינאַי איז אַריין אין דער כאַטע מיט די צוויי סמאָלענסקער האָבן זיך די פּויערים אויפגעריסן פון די ערטער.

— דאָס זענען זיי! מיר דערקענען! זיי!

— וואָס האָט איר נעכטן געטאָן אין נאַדיעזשדינאָ?

— מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען נאַדיעזשדינאָ. געזען פייער אין אַ

כאַטע. דאָרט איז פאָרגעקומען אַ חתונה. דערקענט אין חתן דעם וואָס האָט אויסגעגעבן אַ סאָוועטישן מענטש צו די דייטשן. איך האָב אַליין געזען ווי ער האָט אויסגעגעבן. געווען דעמאָלס אויפן דאַך. מען האָט דעם מענטש אויפגעהאַנגען. דער חתן האָט אים אויסגעגעבן. נו, האָב איך אים באַצאָלט.

— ס'איז ניט אמת — האָט געזאָגט דער מיט די קליינע אייגעלעך. — מיכאַליוק איז געווען אַ סאָוועטישער מענטש. אַ קאַנדידאַט אין דער פּאַרטיי. מיר זענען אַלע סטאַלינס מענטשן. מיר קוקן זיך אויס די אייגעלעך נאָך די אייגענע. און דאָ מאָרדעט מען אונדז. מיר שטעלן צו עסן פאַר די פּאַרטיזאַנער. מען האָט צוגערויבט ביים דערמאָרדעטן ס'פּעלצל. דאָס איז אַ שאַנדע פאַר אַ פּאַרטיזאַנער.

ווען די פּויערים זענען אַוועק האָט זשילין געשריִען:

— דאָס איז באַנדיטיזם. אַנאַרכיע שפּרייט איר. אַליין־מישפּט? און ווען? ניט ווייט איז דאָ אַ פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר. ער האָט אַ רעכט אַרויסצוטראָגן אורטיילן! דאָס איז רויבעריי. אמתע רויבעריי! דאָס איז שינאה צו דער באַפעלקערונג! בלינדע נקמה! איר זענט פאַרבלענדט! אייך דוכט זיך אַז די גאַנצע וועלט איז קעגן אייך! אַלע... אַלע... אַפילו איך... אַפילו מיכאַילאָוו... די שינאה מאַכט אייך בלינד!... יעדער פרעמדער איז אין אייערע אויגן אַ מערדער! יעדער איז באַגאַנגען אַ זינד קעגן אייך און אויב ער איז עס נאָך ניט באַגאַנגען וועט ער עס באַגיין! — אַזוי טראַכט איר.

— אָבער, קאָמאַנדיר. איך האָב מיט מיינע אויגן געזען ווי דער הינקענדיקער האָט אויסגעגעבן דעם מענטש צו די דייטשן...

— דו האָסט געזען? און קיינער פון דאָרף האָט ניט געזען? מיר האָבן דאָרט אייגענע פאַרטרויאונגס־מענטשן, לאַנג־יאָריקע פּאַרטייער, און דו, וואָס קיינער ווייס ניט פון וואַנען דו קומסט, דו האָסט בעסער געזען! דיר זאָל מען גלייבן? מיכאַילוק איז געווען אַן אונדזעריקער. געדינט די פּאַרטיזאַנער.

— ער האָט אָבער געדינט די דייטשן!

— שווייג! — האָט זשילין שוין געשריִען מיט רציחה. — ייִדן דינען

ביט די דייטשן? ווער האָרעוועט פאַר די גערמאַנצעס אין די געטאָס, אין די לאַגערן?

— מיכאַילוק האָט אונדז אויסגעגעבן...

זשילין האָט ניט געהערט וואָס מאַרק כינאַי רעדט. זיינע קולות האָבן פול געמאַכט די כאַטע. ער איז אַריינגעפאַלן אין היסטעריע. און אַז מיכאַילאָוו האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט איז ער שטיל געוואָרן.

אַננאַ איז אומבאַמערקט אַרויס פון שטאָב. אַ קעלט האָט איר אַרומגענומען, כאָטש ס'איז געווען אַ לינדער טאָג. זי האָט געפילט ווי אירע קני ברעכן זיך און דער אונטערשטער קינבאַק ציטערט. דאָס איז געווען אַ דריבנער געציטער וואָס האָט אָפּגעקלאַפּט צאָן־אָן־צאָן ווי שרויט וואָלט זיך געשאָטן. ביי זיך, אין דער כאַטע, איז זי אַוועקגעפאַלן אין שינעל אויפן בעטל. זי האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אינעם קליינעם געבלימלטן קישעלע. נאַטאַשאַ האָט ניט געוואַגט צו איר צוצוגיין. זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דאָס פעלצל און פאַמעלעך צוגעמאַכט די טיר. אין ווינקל, ביים אויוון איז געזעסן די אַלטע באַבע און זיך געוויגט.

דעם זעלביקן טאָג האָט זשילין צונויפגערופן די שטאַבס־מענטשן, די קאָמאַנדירן פון די ראָטעס און די סערזשאַנטן. די כאַטע איז געווען אָנגעפראָפּט. פון טיטון־רויך האָט מען אַזש ניט געקאָנט אונטערשיידן קיין פנימער. דער אויוון איז געווען גוט אויסגעהייצט און פון די פייכטע מלבושים האָט געפּאַרעט. די פּאַרע האָט זיך אויסגעמישט מיטן רויך פון פייקעס און „ציגנפיסלעך". דער עולם האָט אַראָפּגעוואָרפן די פיטער־הוט, צעקנעפּלט די וואַטניקעס, די קורצע פעלצלעך. פון די שטיוול האָט געטייעט דער שניי און די פּאָדלאָגע איז שוואַרץ געוואָרן פון אַ שיטערער בלאָטע־שיכט. די דריי איקאָנעס זענען באַזעצט געוואָרן מיט טראָפּנס. פון די גלעזער אויף די הייליקע בילדער האָבן געטריפט טראָפּנס ווי גרויסע טרערן. עס איז אויסגעקומען, ווי ביידע ניקאָלייעס, דער אוגאָדניק און דער טשודאָטוואָרעץ צוזאַמען מיט דער הייליקער מאַמען פאַרגיסן באַכן טרערן אויף דער ביטערער דאָליע פון אומגליקלעכן פּראַוואָסלאַוונעם נאַראָד.

ס'איז שטיל געוואָרן. גערעדט האָט דער פּאָליטקאָמיסאַר זשילין. ער האָט גערעדט פּאַמעלעך, וואָרט נאָך וואָרט:

— פֿאַר טאָג גייען מיר אין אָנגריף. כ׳ווייס אַז אַלץ איז פֿאַרגרייט, אָבער דאָך מוזט איר יעדע זאַך אַליין קאָנטראָלירן. גיט אַכטונג אויף די מענטשן. הייבט זייער קאַמפּס־גייסט. און דער הויפּט — די צוגעבונדנקייט צום לאַנד און די דיסציפּלין. יעדער פֿון אייך איז פֿאַראַנטוואָרטלעך מיט זיין קאָפּ פֿאַר דעם דערפֿאָלג. האָט איר אַ פֿאַרדאַכט קעגן וועמען אַז ער וועט ניט אויספֿירן די אויפֿגאַבן — מעלדעט גלייך! אונדזער מאַכט איז באַך געצוג שטאַרק, זי קען זיך אָן עצה געבן. דער עיקר, די פּאַרטייער — אויף זיי ליגט אַ טאָפּעלע אויפֿגאַבע. די העלדן פֿון דער שלאַכט וועלן מיר געדענקען. זיי וועלן באַלוינט ווערן פֿון דער פּאַרטיי און פֿון פֿאָלק. און אָן די אינעווייניקסטע שונאים וועלן מיר אויך ניט פֿאַרגעסן. אויך זיי וועלן באַקומען זייער לוין. דיווערסאַנטן און שפּיאָנען וועלן אויסגעראָטן ווערן. מיר וועלן זיי אומעטום אָפּזוכן.

זשילינס שטים איז געוואָרן שאַרפֿער. עמעצער האָט אויפֿגעעפֿנט די טיר. אַ קאַלטער אָטעם האָט אַ יאָג־געטאָן.

— אונדזער אויפֿגאַבע איז צו שיצן די באַפֿעלקערונג פֿון די פּאַרטיזאַנישע דערפֿער. אַנטקעגנשטעלן דעם באַרבאַריזם פֿון די דייטשן אונדזער סאָוועטישע מאָראַל. נעכטן איז אין נאַדיעזשדינאָ דערמאָרדעט געוואָרן אַ סאָוועטישער מענטש. ער איז דערשאָסן געוואָרן און באַרויבט. דאָס האָבן דורכגעפֿירט ניט קיין פּאַרטיזאַנער פֿון אונדזערע איינהייטן נאָר מענטשן וואָס קענען זיך ניט אַריינפּאַסן אין דער ראַם פֿון אונדזער דיסציפּלינירטער מחנה, מענטשן מיט נייגונגען צו אַנאַרכיע, מענטשן וואָס ס׳איז זיי פֿרעמד די קאָלעקטיווע אָנשטרענגונג פֿון אונדזער גרויס רוסיש פֿאָלק... מענטשן פֿאַרבלענדטע... מענטשן פֿרעמדע... אַזאַ מאָרד אויף אונדזער קאָנטראָלירטער טעריטאָריע טרעפֿט אונדז שטאַרק. די קאָלכאָזניקעס וועלן זיך טראַכטן אַז די פּאַרטיזאַנער זענען פֿאַרברעכער, זיי וועלן פֿאַרלירן צו אונדז דעם צוטרוי. זיי וועלן אונדז אויסמיידן. — און דאָס ליגט אויף דער האַנט פֿון די דייטשן.

ער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט און באַלד פֿאַרגעזעצט:

— נעמענדיק אָבער אין באַטראַכט, וואָס די דריי פֿרעמדע האָבן אויך אויסגעפֿירט אַ דיווערסיע־אַקט קעגן די דייטשן און געבראַנגט אונדז דער־מיט נוצן, האָט דער שטאַב באַשלאָסן אַרויסצוטרייבן פֿון אונדזער פּאַרטי־

זאַנער־ראַיאָן די צוויי סמאָלענסקער און דעם דריטן, מאַרק כינאַי באַשטראָפן מיט דער העכסטער שטראָף — דורך דערשיסונג. וועגן אויספּירן דעם אורטייל וועט ווערן מיטגעטיילט די איינוווינער פון די פינף דערפער.

די דריי ייִדן זענען אויף דער דאָזיקער שטאַב־זיצונג ניט געווען. זיי האָבן זיך געפונען אין דעם בונקער פון דער וואַך. ערשט פאַר טאָג, ערב דאָס אַרויסגיין אין שלאַכט, האָט דער אורטייל געדאַרפט אויסגעפירט ווערן. דאָס האָט גלייכצייטיק געזאָלט זיין אַ וואָרענונג פאַר די פּאַרטיזאַנער. זשילין האָט שוין לאַנג געזוכט אַזאַ אָפּשרעקונגס־מיטל און עס איז אים איצט אונטערגעקומען.

מאָרגן, אַז די מענטשן זיינע וועלן געפינען אין די וועלדער אויפרופן, געוואָרפענע פון דייטשישע עראָפּלאַנען מיט גרויסע אויפשריפטן: „רוס, דיין קאָמאַנדיר איז אַ זשיד! דו שטאַרבסט פאַר זשידעס און באָלשעוויקעס! דו ליידסט צוליב זיי! זשידעס שיקן דיך אויף אַ זיכערן טויט!" — וועט זשילין אַלעמען ווייזן די דאָזיקע אויפרופן און לאַכן. אָט, וואָסערע שווינדלער די דייטשן זענען! זעט, רוסישע מענטשן דעם שווינדל. אָט ווי זיי נאַרן, די דייטשן! ווער איז דען דאָ אַ זשידאָווסקער קאָמאַנדיר? איך אָדער מיכאַילאָוו? ווער באַשיצט דען די יעווריעס? אָט דאָס הייסט אָפּטעמפּן די שאַרף פון זייערע פיילן. אַז ער איז אַרויס פון דער כאַטע האָט ער זיך אַרומגעקוקט. ער האָט עמעצן געזוכט און ניט געדענקט וועמען. ער האָט געקוקט צום פענצטערל. די שויבן בלאָען שוין. אַנגאַ איז דאָ געווען. זי איז אַוועק. האָט זי געהערט זיינע רייד?

איבער דער דאָרף־גאַס איז געלאָפן נאַטאַשאַ. זי איז געלאָפן אין קורצן פעלצל. מען האָט געזען אירע געזונטע פיס.

— העי, נאַטאַשאַ! נאַטאַש...

זי האָט ניט דערהערט זשילינס רופן.

זשילינען איז לופטיק געוואָרן אין די שלייפן, לופטיק אין קאָפּ. ווי עס וואָלטן זיך דאָרט אַרומגעיאָגט צוג־ווינטן. ער האָט דערפילט אין זיך קראַפט. ער איז יונג. אין גאַנצן דריי צענדליק יאָר. מאָרגן גייט מען אַרויס אין אַ שווערער שלאַכט. די דייטשן האָבן טאַנקן, זיי האָבן עראָפּלאַנען. מיר זענען אַרומגערינגלט. אונדזער הויפּט־שטאַב ווייס וועגן דער שלאַכט.

זיי וועלן דעקן אונדזערע איינהייטן דורך אַן אָנפאַל פון אַוויאַציע, אויב ס׳וועט מעגלעך זיין. דאָס איז אָבער ניט זיכער.

די גאַס איז פּוסט. נאָר די וואַך האָט זיך ערגעץ ביי אַ הויז געטוישט. זיי האָבן זיך צונויפגענומען אין אַ ראָד, פּנים־צו־פּנים און פאַררייכערט, דער ווינט זאָל ניט אויסלעשן די פלעמלעך.

— ווער האָט מאַכאָרקע? — האָט זשילין געפרעגט.

עמעצער האָט אַרויסגענומען אַ זעקעלע און עס צעוויקלט. — נעם, חבר קאָמיסאַר.

— פון וואַנען ביסטו?

— פון קורסק.

— און דו?

— אַ ווייטער... פון סאַראַנסק...

דער סאָלדאַט האָט געלאַכט. דאָס איז געווען אַ געלעכטער מיט צעשפּרייטע נאָזלעכער, מיט די קינבאַקן, מיט די מאַנדל־אויגן.

אין דער כאַטע איז אים ענג געווען. ער וואָלט איצט געריטן איבער די וואַלד־וועגן, איבער די וואַלד־דורכהאַקן, ער וואָלט געריטן אויף אַ ווילד ניט־געזאָטלט פערד און זיך צוגעהאַלטן מיט איין האַנט ביי דער גזשיבע און מיט דער צווייטער וואָלט ער אַוועקגעבויגן די צווייגן וואָס פאַרשטעלן דעם וועג. מאָרגן גייט ער אין שלאַכט. דאָס איז ניט ס׳ערשטע מאָל. און דאָך איז ער אומרויק און עס וויינט אין אים ס׳האַרץ.

— העי, העי, זאַדורקין!

די טיר האָט זיך פּאַמעלעך געעפנט און זאַדורקין האָט אַריינגעשטעקט אַ צעשראָקענעם קאָפּ.

— שעלמאַ דו איינער! ווי דו האָסט ניט קיין סמיקאַלקע... ניט קיין פאַרשטאַנד אויף אַ האָרעלע... ווי אַזוי האָסטו זיך געהאַלטן אין דיין קראָם? אַ מענטש אָן איניציאַטיוו... איך וואָלט דיך אין שלום־צייטן אַרויסגעיאָגט אויף אַלע פיר ווינטן...

זאַדורקין האָט אַ הוסטל געטאָן און געוווּנקען מיט איין אייגל. אין אַ פּאָר מינוטן שפּעטער איז שוין אויפן טיש געשטאַנען אַ פלאַש סאַמאָגאָן מיט פאַרבייסעכץ.

— לאַדנאַ... שעלמאַ... ווי עס פאַרשטייט זיך אויף מיינע ריידעלעך... נעם... פאַרזוך... — האָט זשילין געזאָגט לאַכנדיק.

ער האָט אָנגעגאָסן אַ טעפּל בראָנפן.

— ס׳דערוואַרעמט. ס׳נשמהלע ווערט לעבעדיק.

ווען אַננאַ איז פּלוצעם אַריין אין זשילינס כאַטע איז שוין געווען שפּעטער אָוונט. זאַדורקין האָט זיך הינטערווייַלעכץ אַרויסגעשאַרט, וואַרטנדיק אַלץ ביי דער טיר.

זשילין האָט נאָך אַלץ געלאַכט מיט אַ צעקרימטן האַלב־אָפענעם מויל.

— זאַדורקין... זאַדורקין... דו שיכּורסט און לאָזט דורך מענטשן צום קאָמאַנדיר אָן קאָנטראָל... אוי, מיר וועלן מישפּטן... מישפּטן וועלן מיר...

אַננאַ האָט זיך צוריקגעצויגן צו דער שוועל.

— וואָס פאַלט אייך איין... אַננאַ... אַננאַ... ס׳איז נאָר שפּאַס. איך האָב פאַרשטאַנען אַז איר וועט קומען... איך האָב אויף אייך געוואַרט... איך האָב געוווסט אַז איר וועט קומען פאַר דער שלאַכט. אַננאַ...

אין דער כאַטע איז וואַרעם. אויפן גרויסן הילצערנעם טיש לייכט זיך אַ נאַפט־לעמפּל. פון דער כאַטע טיילט זיך אויס נאָר דער אויוון.

זשילינס פּנים איז ווי פון קופּער. ער שטייט אַן אָנגעשפּאַרטער ביי דער ווייסער אויוון־וואַנט מיט איין פוס אַרויפגעשטעלט אויף דער באַנק. זיינע הענט זענען אומרויִק און די רייד קלינגען שוין ניט אַזוי הילכיק ווי פריִער. ער רעדט איצט געלאַסן און פאַרדעמפּט. אַזוי רעדט ער ביי די אַפּעלן, אַזוי רעדט זשילין צו די שטאַבס־מענטשן. די ווערטער האָבן דעקונג. אונטער זיי שטייט ניט דער שיכּורלעכער זשילין נאָר אַ פּאָליט־קאָמיסאַר פון אַן איינהייט.

— אונטער אונדז זענען זומפּפעלדער, אָזערעס ניט־פאַרפרוירענע. זיי ציִען זיך ווי אַ וואַנט מיזרחדיק פון אונדזער באַזע. פון דרום, פון מיזרח, גייען דייטשע איינהייטן. אין צפון געפינט זיך יערמאַקאָוואָ — האָבן זיי דאָרט אַ גאַרניזאָן. מיר זענען אַרומגערינגלט. איין וועג איז פריי — דער וועג צו די זומפּן. דאָס באַדייט אָבער פאַרלירן דאָס שווערע געווער, פאַרלירן די מענטשן און אומקומען.

בײַ דער װײַסל

אַננאַ האָט זיך אױפֿגעװעקט.

זשילין איז צוגעקומען און געהאָלפֿן איר אױסטאָן דעם שינעל.

— ס׳איז הײס. מען האָט צו שטאַרק אױסגעהײצט דעם אױװן. ממש ניט אױסצוהאַלטן מיט דעם זאַדורקין. ער האָט דאָס גאַנצע טרוקענע האָלץ פֿאַרברענט. מאָרגן װעלן מיר שױן דאָ ניט זײַן.

זשילין האָט זיך אָנגעגאָסן אַ ביסל בראָנפֿן.

— איר װעט אױסטרינקען, אַננאַ?

— אַדאַנק. איר שטים איז אים אױסגעקומען ניט נאַטירלעך. װי עס װאָלט אַרױסגעקומען פֿון אַ מויל מיט פֿאַרביסענע צײן.

— מיר האָבן אױסגעקליבן דעם װעג קײן יערמאַקאָװאַ, גלײַך אױפֿן דײַטשישן גאַרניזאָן. זײ װעלן אָנגעגריפֿן װערן פֿון אונדזער אײנהײט און פֿון אַ פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע פֿון אונדזערע שכנים. פֿון צװײ זײַטן װעט מען באַפֿאַלן די גערמאַנצעס און אין דאָרף װעלן מיר זיך באַגעגענען מיט אונדזעריקע אױף די דײַטשישע פּגרים. כאַ־כאַ־כאַ.

זשילין האָט זיך צעלאַכט. דאָס דאָזיקע געלעכטער האָט אים אױס־געגעבן. דאָס טרעפֿט מיט מענטשן האַלב־שיכּורע װאָס פֿירן טאָפּעלע דיאַלאָגן. אײנעם, אַן אױבן־אױפֿיקן, דאָס װאָס פּלאָנטערט זיך אױף דער צונג — און דעם צװײטן — אַ האַלב־פֿאַרבאָרגענעם. און ס׳טרעפֿט אַז בײדע דיאַלאָגן מישן זיך צונױף און דאָס דינע װענטל װערט אױפֿגעבראָכן און עס באַקומט זיך אַ צעכראַסטעטער מיש־מאַש פֿון רײד. דער אױפֿברוך פֿון זשילינס האַלב־שיכּרות און ניכטערקײט איז געקומען דורך דעם אומ־געריכטן געלעכטער זײַנעם. ער איז אָבער געקומען פּלוצעם פֿאַר אַננאָן װײַל ס׳האָט זיך ניט געבונדן מיט זשילינס רײד װעגן מאָרגנדיקן שטורעם אָנגריף. זשילין האָט אָבער דעם פֿאָדעם פֿון צװײטן דיאַלאָג, דעם האַלב־פֿאַרבאָרגענעם ניט אַרױסגעלאָזט פֿון זײַנע הענט. ער האָט אים געפּלאָנ־טערט אין אַן אומגעצױמטן שטראָם פֿון רײד:

— מיר זענען פֿאַר אַ שלאַכט. װאָס װעט זײַן מאָרגן אין דער צײַט? דו, אַננאַ, װעסט איבערבינדן פֿאַרװונדעטע. אפֿשר װעט זשילין זײַן צװישן זײ? און אפֿשר װעל איך שױן ניט דאַרפֿן דײַן הילף? זי װעט שױן ניט בײַטיק זײַן. דרײַסיק יאָר איז מיר געװאָרן. מיר זענען פֿאַרזונקען אין

באַגנעס, אין טאָרף־פעלדער... לאָזן דאָס שווערע געווער... די פערד... די וועגענער... לאָזן די מענטשן זינקען אין די זומפּן... אַ גוט ציל־ברעט פאַר דייטשישע באָמבאַרדירער... טייל וועלן זיך ראַטעווען אין די כוטאָרן... אַננאַ... זאָג, דו וועסט מיך אויפהייבן פון דעם אַראָפּגעפאַלענעם פערד?... דו וועסט מיר העלפן בעת איך וועל באַקומען אַ טויט־וווּנד?... דו וועסט טאָן דיין דאָקטאָרישע פליכט?... זאָג!...

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו איר דרייסט, אָן קווענקלעניש אָנגענומען איר ביי די הענט.

— איר זענט מיד, זשילין, איר זענט זייער מיד... רוט אייך אויס... איר האָט נאָך דערצו געטרונקען... דאָס איז שעדלעך איצט... איך בין געקומען אייך עפּעס זאָגן. איך צווייפל אויב ס׳איז מעגלעך מיט אייך צו ריידן. אויב איר וועט אויפנעמען די רייד...

זשילין האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט לאַנג געקוקט אויף אַננאַן. אַ פּאַס האָר איז אים אַראָפּגעפאַלן ביז דעם לינקן אויג.

— איך בין ניט שיכּור. איך הער אייך, אַננאַ.

— אויב איר הערט מיך, אויב איר פאַרשטייט מיך, מוז איך אייך דאָס זאָגן, ווייל מאָרגן פרי קען זיין שפּעט.

איר שטים האָט אים געשראָקן. ער האָט קיין מאָל ניט געהערט פון אַננאַן אַזאַ קול. די ברעמען זיינע זענען זיך צונויפגעגאַנגען און די אויגן־ווינקלען האָבן געציטערט פון אָנשטרענג.

— ניקאָליי פּיאָדאָראָוויטש! כ׳האָב געהערט וועגן אורטייל וואָס איר האָט אַרויסגעטראָגן. איר ווילט באַגיין אַ מאָרד איבער אַן אומשולדיקן. דאָס איז אַ מאָרד! דאָס וואָס איר טוט איז פון אייער שוואַכקייט, איר ווילט געפעלן די נאַדיעזשדינער, די אַלערליי פאַררעטער! דאָס איז קאַפּיטולאַציע ניט פאַר דייטשן נאָר פאַר זייערע אידעען! מאָרגן גייט איר אין שלאַכט. מאָרגן גיי איך אויך. ניט ווי אַ דאָקטאָרין נאָר ווי אַ זעלנער. איר דאַרפט גיין אין שלאַכט אַריין מיט ריינע הענט, ניט מיט פאַרבלוטיקטע פון אַ ברודער־מאָרד! מיט אומריינע הענט קען מען ניט זיגן! מיר זענען שטאַרק, מיר וועלן זיגן ווייל מיר זענען ריינע מענטשן, ווייל מיר מאָרדן ניט. און איר ווילט מאָרדן!...

זשילין איז אָפּגעשפּרונגען. ער איז צוגעלאָפן צום אויוון, איינגע־קורטשעט זיך, אַריינגענומען דעם קאָפּ אין די הענט און געשוויגן.

אַננאַ איז געבליבן שטיין ביי דער שוועל. זי האָט ניט געקענט אַוועק און עס איז איר געווען שווער צו בלייבן אין דער כאַטע.

— איר ווייסט וואָס איר האָט געזאָגט, אַננאַ? איר געדענקט אייערע רייד? דאָס איז היסטעריע! די באַקאַנטע היסטעריע! איך קען איר... געזען ביי אייערע מענטשן... די היסטעריע ברענגט אייך אַלעמען אום... איר האָט ניט די רו־קייט... דאָס איז פון אומצוטרוי... מיינע הענט זענען מיט בלוט? איך באַגיי מערדערייען?

ער האָט הויך אויפגעהויבן די הענט און זיי באַטראַכט. די פינגער זיינע האָבן געציטערט.

— איר דאַרפט צוריקציִען דעם אורטייל. ער טאָר ניט אויסגעפירט ווערן.

— אַננאַ! — האָט ער בייז אויסגעשריִען. ער האָט זיך אָבער באַלד אומגעריכט צעשמייכלט. ווידער האָט אַננאַ דערפילט דעם טאָפּעלן גע־פלאָנטער וואָס האָט איר אַזוי באַאומרויִקט ווי נאָר זי איז געקומען.

— כ׳וואָלט געדאַרפט אייך איבערגעבן צו דער וואַך. ס׳איז פאַרראַט. ס׳איז שרעקלעך. באַשולדיקן דעם פּאָליט־קאָמיסאַר זשילין אין מאָרד. אַננאַ, מען דאַרף אייך מישפּטן...

ער האָט איר פעסט אַרומגענומען.

— מיט פאַרבלוטיקטע... — האָט ער געשעפּטשעט — אוי, דאָקטאָרשע, אָן בלוט־פאַרגלייכן גייט עס ניט... אומעטום זעט איר בלוט. עס פילט זיך פון אייך כלאָראָפאָרם. לאָז דאָס אַלץ אַננאַ... עס ווילט זיך לעבן...

— לעבן? — האָט זי זיך געריסן. — לעבן ווילט זיך אייך? און די לייכטקייט פון באַשולדיקן אומשולדיקע? דאָס אַרויסטראָגן טויט־אורטיילן?

זשילינס אויגן זענען אָנגעגאָסן געוואָרן מיט צאָרן. אַננאַ איז צוריקגעטראָטן צו דער טיר. ער האָט אַוועקגענומען איר האַנט פון דער קליאַמקע. אַ באַנק איז געפאַלן. די פלאַש בראַנפן האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון טיש און צוגעקייקלט צו אַננאַס פיס.

— לאָזט מיך. איר זענט שיכּור.

ער האָט איר האַסטיק אַ צי־געטאָן אין מיט פון חדר און אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט.

— ניקאָליי פיאָדאָראָוויטש!

ער האָט איר פאַרשטעלט דאָס מויל מיט אַ פייכטער האַנט, אַ קלעפּיקע, אַ הייסע. פון מויל האָט געשלאָגן אַ ריח פון בראַנפן. אַז ער האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן און געפאַלן אויף איר מיטן גאַנצן גוף האָט זי דער־שפּירט אויף דער שויס די קילקייט פון זשילינס נאַגאַן.

— דו ביסט פרעמד און נאָענט... פרעמד ווי אַלע אייערע... קיינער קען אייך ניט פאַרשטיין... קיינער... מאָרגן וועל איך דיך איבערגעבן אין די הענט פון אונדזעריקע... דיך דאַרף מען מישפּטן... דאָס איז אַ פאַרראַט... דיך האָט דערצויגן די סאָוועטישע מאַכט. געלערנט דיך. געקאָרמעט. און דו? דו ביסט פרעמד. ווען דו ביסט ניט קיין ייִדישקע וואָלסטו אַריבער צו די דייטשן... כאַ־כאַ־כאַ... איך שפּאַס... ניט מישפּטן... ניט מישפּטן... מיך דאַרף מען מישפּטן... זשילינען... מיך דאַרף מען שיסן. איך וועל סיי־ווי פאַלן... די ערשטע קויל וועט מיך טרעפן... וועסט זען... שרעק זיך ניט פאַר מיינע רייד.. זיי זענען משונהדיק... איך בין דערצויגן געוואָרן אין דער אַרמיי... אַננאַ... דיינע אויגן ברי̇ען מיך... אַננאַ. אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט קעגן דיר איז אַ שפּאַס... אַננאַ...

זי האָט זיך געריסן פון דעם סאָלדאַטסקן בעטל, און צוריקגעפאַלן מיטן פּנים צו דעם האָריקן דעק. ס׳איז איר אויסגעקומען ווי זי וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ קראָפּעווע־פעלד פון וועלכן זי קען זיך ניט אַרויס־פּלאָנטערן. און אַז זי האָט זיך אויפגעשטעלט אַ צעשויבערטע, אַ צע־פּייערטע, האָט זי אים אַ וואָרף־געטאָן אַ בייז וואָרט, אַ שרעקלעך וואָרט אין פּנים אַריין.

אַננאַ האָט ניט געטראָפן צו דער טיר. דאָס קאַנעצל איז געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע אַ פאַרלאָשנס. אַ בייז צישען ווי פון האָרדעס שלאַנגען האָט זיך דערנענטערט צו איר און שווערע הענט האָבן איר אויפגעכאַפּט און ערגעץ געטראָגן.

דאָס איז אַן אָפּגרונט. אַ טאָרף־פעלד צווישן דערנער־קוסטעס, צווישן אומבאַקאַנטע שטעגלעך וואָס וויקלען זיך אַזוי ווי די שפּינגעוועבן פון

וועלכע מ׳קען קיין מאָל ניט אַרויס, שטעגלעך אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף. אַ באַגנע אַ שליימיקע, מיט אַ געקוואַקעריי פון זשאַבעס און ראָפּוכעס. ווו איז זי? אָ, גאָט! איצט האָט זי זיך דערמאָנט. זי האָט דערפילט דעם טשאַד פון סאַמאָגאָן, דעם טשאַד פון אויוון, דעם ריח פון זשילינס שווייס. זי האָט דערהערט זיין סאָפּען.

אויף דער פּאָדלאָגע איז געלעגן איר שינעל. זי האָט אים אַרויפּ־געוואָרפן אויף זיך. אַננאַ האָט צעפּראַלט די טיר און געלאָפן איבערן גאַנעקל. דער סאָלדאַט פון וואַך־פּאָסטן האָט געשריִען. דאָס איז זאַדורקין. עמעצער האָט פאַרהאַקט דעם שלאָס פון אַ ביקס. איין רגע און מ׳וועט שיסן.

— אָן אייגענע... — האָט זי געזאָגט אין דער נאַכט אַריין.

אַ פראָסט־ווינט האָט איר אַרומגענומען. זי האָט געהעשעט. ניט געקענט שלינגען דעם אָטעם. אין דער דאָרף־גאַס איז שטיל נאָר פון זשילינס טרעפּלעך דערטראָגט זיך זאַדורקינס געלעכטער. ס׳האָט זיך אַזוי אָפּגעשלאָגן אין דער ליידיקער גאַס ווי עמעצער וואָלט געוואָרפן שטיקער פאַרפרוירענע גרודעס אויף אַן אייזדעק פון אַ גרויסער אָזערע.

עס האָט שוין געליכטיקט ווען די פּאַרטיזאַנער־איינהייט האָט פאַר־לאָזט די באַזע.

ערגעץ ווייט איז אָנגעגאַנגען אַ שיסעריי. ס׳איז איצט די בעסטע צייט דורכצופירן מאַרשן איבער די וועלדער און זומפּ־פעלדער. אויף דעם האַלב־צעטייעטן אייבערשטן שניי בלייבן ניט קיין סימנים פון מענטשישע טריט און דאָס אונטערשטע אייז איז נאָך געגוג דיק אַז ס׳זאָל קענען אויסהאַלטן די דורכגייער. פון אונטערן שניי קוקן שוין אַרויס טרוקן־גראָזן, מעך־קנוילן.

די באַזע וואָס מיכאַילאָווס און זשילינס מענטשן האָבן איצט פאַר־לאָזט איז אויפגעבויט געוואָרן אָנהייב ווינטער, ווען דער שניי האָט שוין געהאַט פאַרדעקט די פעלדער און פּאָלאַנעס. מיכאַילאָוו האָט אויסגעקליבן דאָס אָרט לויט די בערן־סליאַדעס וואָס ער האָט דאָ אַנטדעקט. ער האָט געוווּסט אַז די בערן גראָבן זייערע בערלאָגעס אין די פאַרבאָרגנסטע וואַלד־

ווינקלען, אין אַזאַ העק ווו ס׳דערגייען ניט קיין מענטשישע פיס. דורך דעם ווינטער איז די אייגהייט אויסגעוואַקסן און געקרעפטיקט געוואָרן דורך אַ רייע מאָביליזאַציעס אין די נאָענטע דערפער. מען האָט געגומען פון דאָרט די קאַמפּס־פעיִקע מענער. עס האָט ווײ־געטאָן דאָס האַרץ ביים פאַרלאָזן די ווינטערהיים.

אויף טייל ערטער האָט דער אייזשיכט זיך שוין אייגגעבראָכן און ס׳האָט אָפּגעהילכט אַזוי ווי אַ גלאָז־בראַזגעריי.

מיכאַילאָוו האָט געוואָלט אומבאַמערקט פאַרלאָזן די באַזע און ניט אויפדעקן איר פאַר די דייטשן. זי וועט נאָך צו־נוץ קומען. דערפאַר האָט ער געגעבן אַ באַפעל אַז אַ טייל פון די מענטשן זאָלן נאָך אין האַלב־נאַכט פאַרלאָזן די וואַלד־פּאַלאַנע און מאַכן אַן אומקרייז אין דער ריכטונג צו יערמאַקאָוואָ כדי אַזוי אַרום צו פאַרווישן די שפורן פאַר די דייטשן.

די אויסשפּירער האָבן זיך שוין געפונען אַ גאַנצע נאַכט ביי די ראַנדן פון גרויסן דאָרף און דאָרט נאָכגעפאָרשט די באַוועגונגען פון די דייטשן. יעדער שעה זענען געקומען פאַרבינדלער מיט נייע ידיעות. ס׳איז זיי אַפילו געלונגען אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט דער צווייטער אייגהייט וואָס האָט געדאַרפט באַפאַלן דעם דייטשישן גאַרניזאָן פון צפון.

אָפּט איז אויסגעבראָכן אַ שיסעריי און גלייך פאַרשטילט געוואָרן. דאָס שיסעריי איז געקומען פון די דייטשישע פאָסטנס. זיי האָבן געשאָסן צו די נאָכטיקע שניי־פעלדער, צו די קוסטעס און צו די קליינע וואַלד־אינדזלען אויף דעם טאָרף־פעלד. ס׳האָט זיך זיי אויסגעדאַכט אַז דאָרט באַוועגן זיך שאָטנס. אומרויִקע שאָטנס. אפשר זענען דאָס שאָטנס פון נאַכט־וואָלקנס? די וואָלקנס זענען הייגט נידעריק און פאַרטשעפּן זיך אָן די ביימער־שפּיצן, אָן די קוסטעס.

שמעון גראָס איז געלעגן אין אַ ווייסן מאַסקיר־כאַלאַט און האָט איבערגעוואַרט אַ געדיכט שיסעריי פון דער דייטשישער וואַך. זיי זענען נאָענט. גאָר נאָענט. אפשר הונדערט טריט. דאָס גייען דריי וואַכלייט איבער דער דאָרף־גאַס. ער ליגט ניט ווייט פון אַ צוים. אַ נידעריקער הילצערנער צוים. אויף צוויי צוים־שטאַנגען זענען אָנגעטאָן לאַדעשקעס. אַ האָן קרייעט. שווער׳ע געקאָוועטע פיס טרעטן אויף טרעפּלעך. באַלד הייבט זיך עס אָן.

פוןביידע זייטן דאָרף װעלן אויפּשיסן ראַקעטעס. דער אויטאָמאַט גליט, ווי ער וואָלט געוועזן צעהיצט נאָך אַ שיסעריי. דער דיסק איז פול מיט קוילן. אין רוקזאַק ליגן רעזערוו־דיסקן. אַרום גאַרטל הענגען גראַנאַטן, קליינע, קיילעכדיקע. אַ טיר האָט זיך געעפנט און אַ ליכט־פּאַס גליטשט זיך איבער דער גאַס אַזוי ווי ס'וואָלט אַ בליץ־געטאָן. פון וואַנען קומט עס אין דער כאַטע אַזאַ שאַרף ליכט. די פענצטער זענען דאָרט פאַרהאַנגען. די וואַכלייט זענען אַריין אין דער כאַטע פון וואַנען עס איז געפאַלן דאָס שאַרפע ליכט. לינקס זעען זיך אָן די הילצערנע באַראַקן, לאַנגע, אַרומגעצוימטע מיט דראָט. אַ שאָטן פאַלט אויפן גערטנדל אַזוי אומגעריכט ווי אין אַ שטורעם וואָלט געפאַלן אַ סאָסנע, אָבער אָן געהילך.

ווען אַננאַ איז אַרויס פון זשילינס כאַטע איז זי געלאָפן איבער דער דאָרף־גאַס אין דער ריכטונג צום וואַלד. זי האָט ניט געקאָנט אַנטלויפן פון זאַדורקינס געלעכטער. עטלעכע וואַכלייט האָבן איר פאַרהאַלטן. זי האָט זיי עפּעס געזאָגט און ווידער געלאָפן, פאַרטשעפּעט זיך ביי די קוסטעס, געפאַלן, צעריסן זיך די הענט. ניט ווייט ברענט אַ פייערל. זי איז געלאָפן גלייך אויפן פייערל אַרויף. דאָס איז אַ שייטער וואָס לעשט זיך. אַן אָפּטייל גרייט זיך צום מאַרש.

— אַננאַ, אַננאַ סאַמועלאָוונאַ! וואָס טוט איר דאָ?

דאָס איז פיאָדאָראָוו, דער באַיקאַלער.

— פיאָדאָראָוו, גוט וואָס איך האָב אייך באַגעגנט... גוט... איך גיי מיט אייך... איך מוז... איר פאַרשטייט...

פון צווישן די ביימער־שאָטנס האָט זיך אויסגעטיילט די הויכע פיגור פון אַ מענטש.

— אַנטאָן וואַסיליטש... מיכאַילאָוו...

דער קאָמאַנדיר איז צוגעקומען אַ שווייגנדיקער.

— איך מוז איצט גיין מיט פיאָדאָראָווס אָפּטייל... איר מוזט מיר דערלויבן... איך קען ניט בלייבן... איך בעט אייך... אַנטאָן וואַסיליטש...

ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר אַננאַ האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט. ביים שיין פון שייטער האָט מיכאַילאָוו דערזען אַננאַס צעגליטע אויגן, די פיבערדיקע.

— כ׳דערקען אייך ניט... דאָקטאָרין...

מיכאַילאָוו האָט אַראָפּגענומען פון זיין אַקסל דעם אויטאָמאַט און אים אָנגעטאָן אַננאַן. עס איז געפאַלן זיין באַפעל. אַ הייזעריק־בייזלעכער אויסגעשריי אין מיטן דער נאַכטיקער וואַלד־געדיכטעניש. פּיאַדאָראָוו האָט די זעלביקע ווערטער איבערגעחזרט פאַר די פּאַרשאָטנטע מענטשן־רייען. עס איז אויסגעקומען ווי ס׳וואָלט זיך געקייקלט אַן עכאָ. צוערשט שטאַרק און דערנאָך אַלץ שוואַכער און שוואַכער.

זיי זענען אַוועק אין אַ שווערן נאַכט־מאַרש דורך אַן אומקרייז צום דאָרף יערמאַקאָווע.

אַז ס׳איז ליכטיק געוואָרן איז די באַזע שוין געווען פּוסט. עס איז אַוועק פילין מיט אַ גרעסערער גרופּע. עס זענען אַוועק ניקאָליי זשילין און מיכאַילאָוו. ביידע שטאַב־מענטשן האָבן געפירט די דעקונגס־גרופּן.

זשילין האָט ניט אויסגעפירט דעם אורטייל איבער מאַרק כינאַי. ער האָט נאָר איבערגעלייענט דעם אורטייל פון שטאַב און גלייך צוגעגעבן: „ס׳איז פאַר אַ שלאַכט, ווייל איך אים געבן אַ מעגלעכקייט אויסצוקויפן זיך פון זיין זינד. מאַרק כינאַי געהערט צו אַ פאָלק וואָס ווערט גערודפט פון די דייטשן. מען שלאָגט די יעווריעיס אומעטום. עס איז שוין באַלד ניט געבליבן קיין איינער; זאָל ער בלייבן, דער מאַרק כינאַי, אויף אַ זרע. אָבער ער דאַרף דאָס פאַרדינען! פּאָניאַטנאָ, כינאַי?".

די צוויי סמאָלענסקער האָט מען ניט פאַרטריבן פון דער וואַלד־זאָנע. זיי האָבן באַקומען געווער און זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער איינ־הייט וואָס איז אַרויס אין שלאַכט.

פאַר טאָג איז זשילין געווען שוין אַן אויסגעניכטערטער. ער האָט זיך דערשראָקן פאַרן נעכטיקן אורטייל, דערשראָקן פאַר אַננאַן. ווו איז זי? זי איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. נאַטאַשאַ לויפט אַרום איבערן דאָרף, איבער די פעלדער. ערשט פאַר טאָג, ביים אַפּעל האָט מיכאַילאָוו אים דערציילט וועגן דער באַגעגעניש מיט דער דאָקטאָרין אין פּיאַדאָראָווס אָפּטייל.

פּיאַדאָראָווס מענטשן זענען געלעגן אין אַ טאָל און געוואַרט אויף דער ראַקעטע. עס האָט שוין געליכטיקט. ניט ווייט האָבן זיך גערויטלט די קרעלן פון פּאַראַיאַריקע זשוראַווינעס.

ביי דער ווייסל

פון צווישן די קוסטעס האָט אַ זעץ־געטאָן אַ פלאַם. אַ סטאָלב רויך איז אויפגעגאַנגען ווי אַ ריזן־שוואָם און באַקומען די פאָרעם פון אַ מוכאָמאָר. פוןביידע עקן דאָרף האָט מען אויסגעשאָסן ראַקעטעס. און אין דער רגע האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסערײַ פון מאַשין־געווער. עטלעכע הײַזער זענען באַוואָרפן געוואָרן מיט גראַנאַטן. דאָס האָבן געטאָן די אויסשפּירער וואָס זענען פּאַרטייעט אין די קליינע גערטנער הינטער די צוימען און קוסטעס. די דייטשן האָבן געענטפערט מיט אַ שטאַרק פייער.

גראָס איז געלאָפן איבער דעם גאָרטן־וועגל וואָס פירט צום דאָרף. אַז ער איז צוגעקומען נאָענט צו דער כאַטע, האָט ער אַרויסגעריסן דעם גראַנאַט־פאַרזיכערער. פון דער כאַטע מיטן בלעכערנעם דאַך האָט מען געשאָסן צו אים. ער איז געפאַלן. זיין גראַנאַט האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן דער וואַנט און געפאַלן אויף די אונטערשטע טרעפּלעך. אַ רויך־וואָלקן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק. פון די פעלדער זענען אָנגעלאָפן איינצלנע פּאַרטיזאַנער. דאָס זענען פּיאַדאָראָווס מענטשן. אָט איז שוין דאָ פּילין.

די דייטשן האָבן זיך געוואָרפן צו די שווערע לאַסט־מאַשינען. פון אַ דאַך שטעפּט אַ דייטשישער פּולעמיאָט. דאָס דאָרף איז באַפעסטיקט. פּיאַדאָראָוו ליגט צוגענאָגלט אין דער קאַנאַווע ביים וועג. ער ענטפערט מיט אַ קאָנטראָלירט פייער.

דער אָנפאַל פון די אייגענע עראָפּלאַנען איז ניט צושטאַנדגעקומען. מיכאַילאָוו האָט זיך געריסן מיט זיין אָפּטייל צו די לאַנגע באַראַקן. די פרעמדע פּאַרטיזאַנער־איינהייט איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן פון צפונדיקן דאָרף־ראַנד. אַ טייל דייטשן האָט פאַרפאָלגט די איינהייט אַזש נאָכן דאָרף. און אין דער צייט האָבן מיכאַילאָוו און זשילין באַוואָרפן די באַראַקן מיט פייער.

דער דייטשער גאַרניזאָן האָט באַקומען פאַרשטאַרקונג. אין זשילינס רוקן האָט זיך באַוויזן אַן עסעס־אָפּטייל. די דייטשן זענען געקומען פון באַדיעזשדינער וועג. זיי זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך די נאָענטע אויפרייסן און שיסערייען.

עס איז געפאַלן פּיאַדאָראָוו. זאַדורקין איז געלעגן און געוואָיעט. ער איז אַרויף אויף אַ מינע.

די פּאַרטיזאַנער האָבן אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן. זשילין האָט צונויפֿגענומען אַ גרופּע און צוריקגעצויגן זיך צו די זומפּ־פעלדער. די אייגהייט איז צעשטויבט געוואָרן. אין דאָרף האָבן געברענט די באַראַקן. ס׳האָבן געברענט עטלעכע הייזער. דאָס שיסעריי איז ניט איינגעשטילט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ כאַאָטיש שיסעריי; אַ שטעפּעריי פון מאַשין־געווער, אַ געוואָי פון האַרמאַטן־קוילן, איינצלנע ביקסן־שיסערייען אין אַ קוילן־געסווישטש, אויסגעמישט מיט אַ זשומעריי פון מינעס.

די דייטשן האָבן פאַרפאָלגט די פּאַרטיזאַנער טיף אין די קוסט־פעלדער אַריין, אַזש ביז די זומפּן. ערשט ווען די צעשטויבטע גרופּן האָבן דערגרייכט די זיכערע ערטער, האָבן זיך באַוויזן איבער די וועלדער גרופּן עראָפּלאַנען, צו דריי.

— אונדזעריקע... אונדזערע...

אין רגעס שפּעטער האָבן זיך געהערט אויפרייסן. דער גאַרניזאָן אין יערמאַקאָוואָ ווערט באָמבאַרדירט! מיכאַילאָוו האָט צונויפגענומען אַ גרעסערע צאָל מענטשן און פאַרקערעוועט צוריק צום דאָרף. אַרום צען אַזייגער איז יערמאַקאָוואָ געווען אין די הענט פון די פּאַרטיזאַנער. די דייטשן האָבן געליטן שווערע פאַרלוסטן פון דער באָמבאַרדירונג. אין דאָרף זענען אויך אַריין די פּאַרטיזאַנער פון דער שכנותדיקער אייגהייט.

די אָפּטרעטנדיקע דייטשן פון גאַרניזאָן האָבן אָבער פאַרפאָלגט די גרופּן פון זשילינען און פיאָדאָראָוון. די דייטשן האָבן זיך געוואָלט דערשלאָגן צום באַן־קנופּ. די קליינע גרופּעס אָפּטרעטנדיקע פּאַרטיזאַנער האָבן געהאַט הינטער די רוקנס גוט באַוואָפנטע דייטשן וואָס האָבן אַליין געזוכט אַנטרינונג פון דער סאָוועטישער לופט־באָמבאַרדירונג.

ביז אין די נאָך־מיטאָג־שעהן האָט זיך אַננאַ געשלעפּט איבער די זומפּן, איבער די הוידנדיקע שטעגלעך און וויסטע קוסט־פעלדער צוזאַמען מיט עטלעכע פאַרוווּנדעטע. ווען ס׳האָט געטונקלט זענען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ קליינעם כוטאָר. זי האָט געגעבן די ערשטע הילף די פאַרוווּנדעטע און אַוועקגעלייגט זיך אויף דעם אויוון.

אין מיטן דער נאַכט האָבן די דייטשן אַריינגעריסן זיך אין כוטאָר. זיי האָבן דערשאָסן די פאַרוווּנדעטע פּאַרטיזאַנער. אַ פוירערטע האָט אַרויפ־

געוואָרפן אויף דער שלאָפנדיקער אַננאַ אירס אַ סאַראַפאַן.

פאַר טאָג איז געקומען דער סטאַרשער פון שכנותדיקן דאָרף. ער איז געווען פאַר דער מלחמה אַ קאָלכאָזנער בריגאַדיר וואָס האָט איצט געדינט די דייטשן. ער איז געקומען מיט אַ פּאָליציאַנט. אַננאַ איז דורך זיי איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די דייטשן.

— אַ פרעמדע פלאָנטערט זיך אין כוטאָר. אפשר איז עס אַ זשידאָווקע און אפשר ניט. זאָלן זיי זיך אַליין פונאַנדערקלויבן.

זי איז אַוועקגעפירט געוואָרן אין שטאָט אַריין, צו דעם דייטשן קרייז־קאָמענדאַנט.

מען האָט גאָרנישט געקאָנט דערגיין פון דער אַרעסטירטער. דער חשד אַז זי איז אַ ייִדישע איז צערונען געוואָרן. זיי האָבן אַפילו מער ניט איבערגעפרעגט וועגן דעם.

גראָד האָבן זיך געפונען עטלעכע עשאַלאָנען מיט מאָביליזירטע יונגע פויערטעס אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. די וואַגאָנען זענען שוין געשטאַנען גרייט אָפּצופאָרן. עס האָבן אויסגעפעלט נאָך עטלעכע צוואַנגס־מאָביליזירטע פרויען. די דייטשן האָבן גענישטערט איבער דער געגנט און געזוכט פרויען אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. און אַז עס איז אונטערגעקומען אַננאַ, האָט זי דער עסעס־אויספאָרשער אויפן אַנדערן טאָג איבערגעגעבן אין די הענט פון דעם עשאַלאָן־פירער.

שמעון גראָס האָט זיך אַ צייט אויסבאַהאַלטן אין די זומפּן. ער האָט זיך דערשלאָגן קיין נאַדיעזשדינאַ. ער איז אָבער ניט אַריין אין דאָרף. דאָרט איז פול געווען מיט דייטשן. ער איז געגאַנגען איבער די וואַלד־וועגן, איבער די כוטאָרעס. אַריינגעפאַלן אין האַלבער נאַכט אין אַ כאַטע, עפּעס אָפּגעגעסן און ווייטער געגאַנגען. געשלאָפן איז ער אין סטאַדאָלעס, אין קלוניעס, אָפטמאָל אייַנגעגראָבן אין פאַרלאָזענע סטאָגעס היי. אין יענע טעג האָט ער באַשלאָסן דורכרייסן זיך קיין פוילן. דאָרט וועט ער טרעפן נאָענטע, אייגענע.

זשילין איז דערגאַנגען צו דער באַזע וואָס ער האָט פאַרלאָזט. ער האָט דאָרט געטראָפן עטלעכע פאַרטיזאַנער, די וואָס זענען געבליבן אין די זעמלאַנקעס. ער וועט דאָ צונויפשטעלן אַ נייע גרופּע. מיכאַילאָוו וועט

זיכער אין איינעם אַ טאָג זיך באַווייזן, און אויב ער וועט ניט קומען וועט זיך זשילין דורכרייסן צו אים אַ וועג. ער פאַרמאָגט נאָר איין אויטאָמאַט מיט עטלעכע דיסקן קוילן און אַ מאַוזער, אַחוץ עטלעכע ביקסן פון די וואַכלייט.

אין אַננאַס כאַטע איז פּוסט. ער האָט געגישטערט אויפן בעטל, גע־זוכט אין איר רענצל און אַוועק פון דער שטוב מיט אַ געדריקט געפיל.

מיכאַילאָוו איז דער זיגער. מיכאַילאָוו איז אַריין אין דאָרף, אַריינ־געריסן זיך אין יערמאַקאָוואַ און ער, זשילין, דער פּאָליט־קאָמיסאַר, דער שטאַב־מענטש, דער וואָס האָט געהאַט דאָס לעצטע וואָרט ביי יעדן באַשלוס, ער איז געטריבן געוואָרן דורך געטריבענע און אָפּטרעטנדיקע דייטשן. ער האָט זיך דערזען ווי אַן איבעריקער. די מלחמה קען אָנגיין אָן אים, מען קען אָפּהאַלטן זיגן אָן אים. ער וועט זיך דורכשלאָגן אַ וועג צו דער איינהייט. ער מוז דערשלאָגן זיך קיין יערמאַקאָוואַ. און אפשר זענען אונדזעריקע פון דאָרט אַוועק? זיי זענען שוין גאָר דאָרט נישטאָ? די דייטשן וועלן באַ־קומען גרויסע פאַרשטאַרקונגען, זיי וועלן קאָנצענטרירן עטלעכע דיוויזיעס אָפּצורייניקן די געגנטן... אין ערדשטיבל איז ער אַוועקגעפאַלן אויף דער פּריטשע און איינגעשלאָפן.

אין איינעם פון די אַפּריל־טעג האָט געריירט אַ לאַנגער עשאַלאָן פון דער לאַדונגס־סטאַציע מיט פּרויען קיין מערב, אין די דייטשישע שקלאַפן־לאַגערן. אַננאַ האָט געזען דורכן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל די פּראָוויזאָריש־פאַרראַכטענע בריק מיט דיקע געהילצער און אייזנס. דער צוג איז געלאָפן איבער צעטאַיעטע פעלדער, איבער די טרויעריקע ערב־פרילינגדיקע וויטן.

און אין דער זעלבער צייט האָט שמעון גראָס געוואָגלט צום לאַנד פון זיין אָפּשטאַם, קיין פוילן.

דער פאַמיליען־לאַגער פון סמאָלענסקער יידן איז געלעגן אָפּגערוקט אַ דריי ווויאָרסט פון זשילינס וואַלד־באַזע. גראָס האָט זיך דאָרט אויפגע־האַלטן אַ טאָג און געלאָזט זיך אין וועג אַריין אויף מערב. אַחוץ דער קליינער גרופּע מענער, שלעכט באַוואָפנטע, מיט נאַגאַנעס און עטלעכע ביקסן, איז

אויך דאָרט געווען אַ גרופּע פרויען און קינדער. זיי האָבן געלעבט אין וואַלד־גריבער, אין פינצטערע קאַנורעס וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ בערגיקער געגנט. אין די נעכט האָבן זיך די פרויען דורכגעשלאָגן אַ וועג צו די דאָרפישע כאַטעס און געבראַכט עפּעס עסן. אַ טייל פון די מענער האָבן זיך געלאָזט איבער די וואַלד־וועגן אויפצוזוכן די פּאַרטיזאַנער־גרופּן. אָפט מאָל האָט מען זיי געגעבן שפּייז, געגעבן קוילן און אַפילו ווינטער־קליידער פאַר די לאַגער־מענטשן. טייל מאָל זענען זיי אַנטלאָפן געוואָרן און פאַרטריבן פון דער וואַלד־באַזע. געווען פאַלן ווען מען האָט עטלעכע דערשאָסן, באַשולדיקנדיק זיי אין רויבעריי, אין שפּיאָנאַזש פאַר די דייטשן. ווען זשילין האָט דערזען אויף זיין באַזע אַ גרופּע ייִדן פון סמאָלענסקער לאַגער איז ער אומרויִק געוואָרן. איצט וועלן זיך די דייטשן דאָ באַווייזן. די פויערים וועלן אויסגעבן די ייִדן און די ייִדן וועלן אין בהלה לויפן צו זיין באַזע. זיי וועלן דאָ זוכן הילף און נאָך זייערע שפּורן וועלן קומען די דייטשן. אַזוי זענען שוין אַריינגעפאַלן אין אַ פאַסטקע קלענערע פּאַרטי־זאַנער־גרופּן.

זשילין איז ניט אַרויס צו די מענטשן פון פאַמיליע־לאַגער. ער האָט נאָר באַפוילן דורך זיינעם אַ מענטש, אַז זיי מוזן אַריבערפירן, אין פאַרלויף פון פיר און צוואַנציק שעה, דעם ייִדישן פאַמיליען־לאַגער אויף צען ווייאָרסט פון זיין באַזע. אויב די סמאָלענסקער וועלן עס אַליין ניט טאָן וועט זיין ערגער. און בכלל זאָל זיך קיינער פון די מענטשן ניט באַווייזן אין דער סביבה. די קלײנע גרופּע מענער, וואָס זענען מיליטעריש געשולט, קענען זיך אָנשליסן אין זיין איינהייט. דער תּנאי איז אָבער, אַז זיי מוזן ברענגען דאָס גאַנצע געווער וואָס געפינט זיך אין פאַמיליע־לאַגער.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָבן זיך די נאַדיעזשדינער פויערים דערוווסט אַז זשילין דעקט ניט דעם פאַמיליע־לאַגער, אַז ער וועט אים ניט פאַרטיידיקן און אַז די ייִדן ווערן פאַרטריבן פון וואַלד. די דאָזיקע ידיעה האָט געבראַכט דער פויער מיט דער שטשעטשינע־באָרד און מיט די שטעכיקע אויגן. דערוווסט האָבן זיי זיך דאָס אויך פון דעם פאַרטיזאַנער־פאַרבינדלער וואָס האָט צוגעשטעלט ברויט פאַר זשילינס קליינער באַזע.

אין דער נאַכט איז פון נאַדיעזשדינאָ אַרויס אַ גרעסערע גרופּע באַ־

וואָפנטע פויערים. זיי זענען געגאַנגען מיט העק, מיטווידלעס אין דער ריכטונג צום פאַמיליע־לאַגער. געפירט האָט זיי דער געוועזענער קאָלכאָזנער פּרעדסעדאַטעל. אַלע זענען זיי געווען אין קורצע פּעלצלעך אַרומגעגאַרטלטע מיט שטריק, אין לאַפּטשעס, מיט וויקלטיכער און אין גרויסע פוטער־היט. געגאַנגען זענען יונג און אַלט. די נאַדיעזשדינער האָבן זיך פּאַרטייעט ניט וויט פון לאַגער, אין די אָלכעס, און איינער איז אַרויס צו די לאַגער־מענטשן מיט אַ געשריי:

— ברידער!... ברידער!... דייטשן זענען באַפאַלן זשילינס מענטשן!... זיין באַזע דאַרף הילף!... ער האָט מיך געשיקט צו אייך! אַלע מענער זאָלן אַוועק העלפן!... קומט, איך וועל אייך ווייזן דעם קורצסטן וועג!... איר מוזט העלפן... אייגענע העלפן... וואָס שטייט איר? זענט איר דען פּחדנים?... די דייטשן וועלן דערנאָך אייך באַפאַלן אויב מען וועט זיי ניט פאַרטרייבן... העלפט, סאָוועטישע מענטשן!

אין דער זעלביקער רגע איז דערגאַנגען אַ שיסעריי. דאָס האָט מען געשאָסן אין דער ריכטונג ווו ס'געפינט זיך זשילינס באַזע.

— ס'ווערט שפּעט... איילט אייך...

די מענער פון פאַמיליע־לאַגער זענען אַוועק. עס זענען מיטגעגאַנגען עטלעכע פרויען, זיי האָבן זיך צעשאָטן איבערן וואַלד און איינצלווייז געלאָפן צו דער פּאַרטיזאַנער־באַזע.

און אַז ס'האָבן זיך דערווייטערט די טריט פון די באַוואָפנטע און עס איז שטיל געוואָרן, זענען אַרויס די נאַדיעזשדינער פון די קוסטעס. אין שפּיץ איז געגאַנגען דער קרעמפּער פויער און הינטער אים אַ המון שאָטנס מיט בלאַנקע העק וואָס האָבן אָפּטמאָל אַ גלי־געטאָן פון פאָספאָר־ליכט וואָס האָט געשווידערט אין די פויערישע אויגן...

ווען די סמאָלענסקער זענען דערלאָפן צו זשילינס באַזע איז אַלץ איינגעהילט געווען אין חשכות. איינער פון די וואַכלייט האָט אויסגעשאָסן ניט באַוואוסטזיניק אַפילו צו פרעגן ביי די אָנקומענדיקע ווער זיי זענען. עס האָט זיך געעפנט אַ שיסעריי, אַ קורצע, אַן אָפּגעהאַקטע. עטלעכע דער־שאָסענע זענען געפאַלן ביי די שטאַמען און געוואָיעט. קיין דייטשן זענען ניט געווען אויף דער באַזע.

ביי דער ווייסל

זשילין האָט געשוימט פון רציחה. צוויי וואַכלייט זענען געפאַלן. עס זענען געפאַלן עטלעכע סמאָלענסקער. עס זענען געווען צווישן זייבע מענטשן פאַרווונדעטע.

— דאָס איז אַן אָנפאַל! דאָס איז באַנדיטיזם! מיר וועלן אייך אַלע־מען דערשיסן! וואָס פּלאָנטערט איר זיך אַרום אונדזערע פּיס!

— איר האָט דאָך גערופן הילף. געווען אַ שליח.

— ס'איז אַ ליגן! אַנטוואָפנט זיי! לייגט דאָס געווער!

די ייִדן האָבן זיך געפּרוווט אַנטקעגן־שטעלן.

— איצט איז קלאָר. איר האָט געוואָלט אויסנוצן אונדזער שוואַכקייט. אונדזער צייטווייליקע מפּלה. איר האָט אויסגעקליבן אַ פּאַסיקע געלעגנהייט אונדז צו באַפאַלן. איר ווילט אונדז באַרויבן, איידער מיר באַקומען הילף. דאָס איז פאַרראַט. דאָס איז אונדזער באַצאָלונג פאַר באַשיצן אייך? פאַר העלפן אייך?

איינער פון די סמאָלענסקער, אַ הויכער מיט אַן אָנטבלויזטן קאָפּ האָט זיך געריסן צו זשילינען. ער האָט זיך געשלאָגן מיטן נאַגאַן אין אייגענעם האַרץ אַריין:

— חבר פּאָליט־קאָמיסאַר! מיר זענען אַלאַרמירט געוואָרן אַז איר זענט אין סכּנה. זעט, מיר זענען געקומען אייך העלפן. אַפילו פרויען זענען מיטגעקומען. ווען מיר וואָלטן בדעה געהאַט אייך צו באַפאַלן וואָלטן מיר עס געקענט טאָן. מיר גיבן זיך אייך איבער. אָבער דאָס געווער וועלן מיר ניט אָפּגעבן. עס מוז בלייבן מיט אונדז. מיר ווילן זיין אַ טייל פון אייער איינהייט. שיקט אונדז אויף יעדער אויפגאַבע. שוין איצט אַפילו, די רגע...

פון וואַלד האָבן זיך פּלוצעם דערטראָגן אויסטערלישע קולות. די קולות זענען פאַרשטיקט געוואָרן פון דער וואַלד־געדיכטעניש, פון נאַכט־ווינט. מען האָט געהערט אָפּגעהאַקטע יאָמערייען. זיי האָבן זיך געוויגט אין וואַלד און אויסגעגאַנגען. ווידער האָבן אויפגעצאַפּלט קולות, פאַר־דעמפטע, דערשטיקטע ווי זיי וואָלטן זיך געריסן פון הינטער געדיכטע כמאַרעס, ווי זיי וואָלטן פאַרפּלייצט געוואָרן פון כוואַליעס שוואַרצע וואַסערן.

זשילינס מענטשן האָבן אויסגענוצט די צעטומלונג פון די סמאָלענ־

סקער און אַלעמען אַנטוואָפּנט. עמעצער האָט אויסגעשאָסן. דאָס האָט איינער זיך אַריינגעשאָסן אַ קויל אין האַרץ און געוואָרפן דעם נאַגאַן צו זשילינס פיס. אַ צווייטער האָט זיך געריסן מיט זיין ביקס צום וואַלד און ער איז געפאַלן פון אַ קויל אין רוקן. דערנאָך זענען געלאָפן איינצלנע אַנטוואָפנטע מענטשן צוריק צום פאַמיליע־לאַגער. זיי זענען געלאָפן מיט שוים אויף די ליפן, מיט אַרויסגעזעצטע אויגן, ווילד־צעפּאַטלטע. די פרויען האָבן געבראָכן די הענט און געיאָמערט. אין לאַגער האָט מען נאָר געטראָפן הרוגים. די באַדיעזשדינער פויערים האָבן זיך געשלייכט מיט פאַרבלוטיקטע העק דורך די זומפּ־פעלדער און וועלדער צוריק צו זייער דאָרף.

דאָס איז געשען אין די לעצטע טעג אַפּריל.

די ווייסע בעריאָזע־שטאַמען האָבן אַרויסגעליכטיקט פון דער וואַלד־טונקלעניש. די פאַראַיאָריקע גראָזן האָט דער ווינט פאַרטראָגן צו פוסנס פון אונטערגעזעגטע שטאַמען. אַ מילדער גרינער מעד, אַ יונגער האָט זיך געשפּרייט אַרום אַן אַלטער סאָסנע. די ערשטע וואַלד־בלימלעך האָבן אַרויס־געקוקט פון אַ געדיכטן שימלדיק־גרינעם וואַלד־אַנהויף. אויף דעם יונגן אַרויסשפּראָץ פון די בורשטין־גרינע סאָסנע־שפּיצן האָבן זיך געוויגט פייגעלעך מיט געלע פוך־פעדערן.

שמעון גראָס איז ניט איין מאָל שטיין געבליבן פאַר די פרילינגדיקע סאָסנעס. ער האָט געקוקט מיט גרויס חידוש אויף דער באַנייונג פון גאָטס וועלט. אַליין איז ער באַוואַקסן געוועזן מיט אַ שוואַרצער באָרד, אַ געדיכטער, אַ געלאָקטער. זיינע אויגן זענען געוואָרן שטרענג, אַנגעצויגן און עס האָט געטראָגן זיך פון אים דער ריח פון מעך אויף וועלכן ער האָט זיך געבעט זיינע נאַכט־געלעגערס.

אַזוי ווי אַ געיאָגטע חיה האָט ער אויסגעמיטן פאַרטיזאַנער־איינהייטן, אויסגעמיטן ישובים, אויסגעמיטן וואַלד־גייערס. נאָר ווען דער הונגער האָט אים געטריבן איז ער אין די נעכט אַריין אין די דאָרפישע כאַטעס וואָסביים ראַנד, און מיטן אויטאָמאַט אָנגעהאַנגען אויפן אַקסל פאַרלאַנגט עסן. מען האָט זיך געשראָקן פאַר דעם אויסטערלישן גלי פון זיינע אויגן, פאַרן געבלענד פון זיינע ציין, פאַר דער פאַרהוילענער שטים זיינער וואָס

האָט דערמאָנט דעם אָפּהילך פון אַ ווייט דונערן. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אוראַלטער פאָגאַנען־גאָט, אַ הערשער איבער זומפּן, באַגנעס, פּאָלאַנעס און וואַלד־געדיכטעניש. ער האָט געזוכט שוץ ביי די נאַקעטע פאַרפלאָנטערטע וואָרצל־געקניפּן, ביי די דופּלעס פון דעמבעס. אין זייערע אויסהוילענישן האָט ער געדרימלט אַן אָנגעלענטער אויפן אויטאָמאַט. מענטשן־קולות האָבן אים אומרויִק געמאַכט. די וויִעס האָבן געציטערט, דער אָטעם איז אים פאַרהאַקט געוואָרן און דאָס געהער — אָנגעשפּיצט, שאַרף. דאָס קול פון די וואַלד־חיות האָט אים אויפגעמונטערט, זיינע אויגן זענען בריים געוואָרן און דער אָטעם — טיפער.

אַ לאַסטצוג מיט צענדליקער וואַגאָנען איז געלאָפן אין די נעכט דורך ווייסרוסישע פעלדער און וועלדער. ער איז געפירט געוואָרן איבער די ניט־זיכערע באַן־וועגן און גלייך נאָך דעם לאַסטצוג, וואָס זיינע וואַגאָנען זענען געווען פאַרקנופּט מיט שטעכיקע דראָטן, איז געגאַנגען אַ צוג מיט דייטשישע אָפיצירן און זעלנער. דער לאַסטצוג האָט עס געדאַרפט אויספרוּוון די וועגן אויב זיי זענען ניט מינירט כּדי די מינעס זאָלן אַמאָל ניט אויפרייסן דעם צוג מיט אָפיצירן.

ביי טאָג זענען די וואַגאָנען געבליבן שטיין אין די אָפענע פעלדער, אויף די זייטיקע באַן־קנופּן. די זון האָט אַריינגעשיינט דורך די טיר־שפּאַלטן, דורך די פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך, ביינאַכט איז געוואָרן קאַלט, פראָסטיק. די פרויען האָבן זיך צונויפגעקנוילט אין די ווינקלען, געהילט זיך אין מאַנטלען, אין פעלצלעך. געווען זענען דאָס יונגע פויערטעס וואָס זייערע מענער זענען פאַרפאַלן געוואָרן אין דער מלחמה, מיידלעך אַכצן־יאָריקע. עס זענען דאָ געווען פויערטעס פון גאַנץ רוסלאַנד, וואָס די מלחמה האָט זיי פאַרטראָגן פון די היימען. רוסישע — פון וויאַזשמע, פון קורסק, אוקראַיִנערינס — פון כאַרקאָוו, פון סומי, פון קיִעוו. עס זענען געווען טשוואַשקעס, באַשקירערינס, מאָרדווינערינס, וואָס זענען מאָביליזירט געוואָרן פון די סאָוועטן אויף וואַלד־אַרבעטן ביי מאָסקווע און זענען דערנאָך אַריינגעפאַלן אין דייטשע הענט. עס זענען געווען ווייסרוסינס פון מינסק, פון דערפער ביי מאָגילעוו — די וואָס דער שטראָם פון די אָפּ־

טרעטנדיקע רוסישע אַרמיי־טיילן, נאָך פאַראַיאָרן, האָט זיי פאַרטראָגן ביז די ראַנדן פון מאָסקווע און דאָרט זענען זיי אַריינגעפאַלן צו די דייטשן. זיי האָבן זיך אַרומגעוואָגלט איבער די דערפער, איבער די שטעט פון הינטערלאַנד ביז די אַרקטיקע סטאַראָסטעס און פאָליציייליים האָבן זיי מאָביליזירט פאַר די דייטשישע לאַגערן און פאַבריקן.

אין איינעם פון די וואַגאָנען האָט זיך געפונען אַננאַ סאַמועלאָוונאַ קאַרינאַ. זי איז שוין איצט מער ניט געווען די דאָקטאָרין קאַרינאַ, נאָר איינע פון די הונדערטער יונגע שקלאַפן־פרויען — אַ קאָלכאָזניצע פון טולער קרייז — מאַראָזאָוואַ קלאַוודיאַ איוואַנאָוונאַ. די ערשטע טעג האָט זי זיך געריסן צום פאַרקראַטעוועטן פענצטערל, געריסן זיך צו דער טיר וואָס איז געווען פאַרקנופט מיט שטעכדראָטן. בעת מען האָט איר ס׳ערשטע מאָל געבראַכט צו די וואַגאָנען האָט זי זיך געוואָלט וואַרפן אונטער די רעדער פון אַן אַנלויפנדיקן ציג. אַ פויערטע האָט איר אָפּגעראַטעוועט אין דער לעצטער רגע. זי איז געלעגן דערנאָך עטלעכע טעג אין וואַגאָן מיט פאַרלאָשענע אויגן און ניט געוואָלטריידן, ניט געוואָלט נעמען עפעס אין מויל אַריין. אַ טשוואַשערין מיט אַ ברייט פּנים און אַראָפּהענגענדיקע קינבאַקן האָט איר געוועקט. זי האָט פאַרגאָסן אויף אַננאַס גורל גרויסע טרערן. די טרערן זענען געפאַלן אויף אַננאַס פּנים און די טשוואַשערין האָט זיי געווישט מיט די אָנגעשוואָלענע דלאָניעס. אַ גלייכגילט איז באַפאַלן אַננאַן — אַ גלייכגילט צו אַלעמען. זאָל געשען וואָס עס דאַרף געשען! זי האָט זיך אויפגעזעצט. עמעצער האָט איר געגעבן אַ סקאָרקע שוואַרץ ברויט. זי האָט עס געביסן מיט די ציין און דערשפירט הונגער.

עטלעכע טעג האָט זי געפיבערט. זי האָט געשריִען פון שלאָף. געוואָרפן זיך אויף דער פאָדלאָגע און איינגעביסן זיך מיט די ציין אין די אייגענע הענט.

...וואָס לאַכט עס אַזוי שפּאָטיש דער דיקער אומגעלומפּערטער זאַדורקין? ...כ׳וועל שיסן, זאַדורקין... הער אויף!...

זי האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען זשילינס פּרצוף. אַ קלעפּיקער שווייס, אַ טשאַד פון מאַכאָרקע, אַ סאַמאָגאָן־ריח און גליטשיקע הענט. אַ גליטשיק פּנים און רייד; שניידיקע, דראָענדיקע, בעטנדיקע, חניפהדיקע,

חוצפהדיקע, גראָבע, רייד ווי דער בייטשן־געפּייף, רייד ווי דאָס געפּלייץ פון מוטנע וואַסער־שטראָמען אין אַ געוויטער — און מיט אַ מאָל האָט זיך אַלץ געענדיקט. אַ בית־עולם־שטילקייט.

...מנחם שטייט אַ געבונדענער. ער איז אויסגעקערעוועט צו איר מיטן רוקן... ער קען זיך ניט באַוועגן... מיכאַיל... מיכאַיל...

— קלאַודיאַ. קלאַודיאַ. — וועקט איר די טשוואַשערין — קלאַודיאַ...

אַננאַ האָט געעפנט די פיבערדיקע אויגן.

— ווער איז דאָ קלאַודיאַ? וווּ איז קלאַודיאַ? ווער בין איך? ווער?

— ס׳וועט אַריבער... די היץ וועט אָפּגיין... וועסט געזונט ווערן — האָבן געכליפּעט די גוטע דאָרפישע פּויערטעס, די טשוואַשערינס, די מאָרדווינערינס, די רוסישע.

פון פאַרקראַטעוועטן פענצטערל האָט עמעצער אַרויסגעשריִען. דאָס האָט גערופן אַ יונגע פּויערטע.

— וווּ זענען מיר?

מען האָט זיי געענטפערט אויף אַ פרעמדער שפּראַך.

דאָס איז שוין געווען מיזרח־פּרייסן.

קאַפּיטל פיר

זומער 1944.

ניט געקוקט אויף די שווערע מפּלות פון דייטשישן מיליטער ביי סטאַלינגראַד, ביי קורסק, אויפן דניעפּר, פאַרמאָגט נאָך דייטשלאַנד ריזיקע כּוחות וואָס זעצן פאָר דאָס שטעלן אַ העפּטיקן ווידערשטאַנד. כאָטש ס'איז פאָרגעקומען אַן איבערבראָך און די דייטשן פאַרלירן איין שלאַכט נאָך דער צווייטער, קלאַמערן זיי זיך אָבער אָן יעדן שפּאַן ערד, אָן יעדער פּאָזיציע.

צוויי הונדערט און פערציק דייטשישע דיוויזיעס שלאָגן זיך אין יענע חדשים אויף דעם סאָוועטיש־דייטשישן פראָנט.

נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן געליטן מפּלות אויף די פלאַנגען פון רוסיש־דייטשישן פראָנט און זיי זענען דאָרט כּמעט צעגראָמירט געוואָרן, האָט די סאָוועטישע אַרמיי אָנגעהויבן דעם אָנגריף אויפן צענטער — אויף דער טעריטאָריע פון ווייסרוסלאַנד. סוף יוני 1944 איז געלונגען דורכ־צורייסן די דייטשישע פאַרטיידיקונגס־ליניע און עס זענען פאַרטיליקט געוואָרן די דייטשישע מיליטער־קאָנצענטראַציעס ביי וויטעבסק, מאָגילעוו, באָברויסק און מינסק. די דאָזיקע דייטשישע קאָנצענטראַציעס זענען עס געווען די הויפּט־כּוחות פון דער נאַצישער אַרמיי־טייל וואָס האָט זיך גערופן „צענטער". מיט דעם דאָזיקן נצחון האָט די סאָוועטישע אַרמיי צעבראָכן די דייטשישע פראָנט־ליניע מער ווי אויף פינהונדערט קילאָ־מעטער. און אין דעם דורכבראָך האָבן אַ פלייץ־געטאָן די סאָוועטישע מיליטערישע איינהייטן. אָנהייב יולי האָבן זיי באַפרייט מינסק און אין מיטן יולי ווילנע. אין דער ריכטונג צו מערב־אוקראַינע האָט זיך אַ לאָז־

געטאָן דאָס מיליטער פון ערשטן אוקראַינישן פראָנט. מאַרשאַל ראָקאָ־סאָווסקי, דער קאָמאַנדיר פון ערשטן ווייסרוסישן פראָנט איז געגאַנגען אין דער ריכטונג בריסק־לובלין. אויף אַ פראָנט פון 250 קילאָמעטער פאַרטיידיקן זיך 25 דייטשישע דיוויזיעס וואָס געהערן צו דער צווייטער און פערטער דייטשישער טאַנק־אַרמיי. דאָס זענען שוין אָבער ניט קיין פולווערטיקע דיוויזיעס נאָר רעשטלעך פון דער צעקלאַפּטער ניינטער דייטשישער אַרמיי ביי באָברויסק. קעגן זיי איז אַרויסגעטראָטן דער ערשטער ווייסרוסישער פראָנט.

מנחמס דיוויזיע איז געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דעם ערשטן ווייסרוסישן פראָנט. זי האָט זיך אַ לאַנגע צייט געפונען אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס און דורכגעמאַכט שווערע שלאַכטן. דער מענטשן־באַשטאַנד האָט זיך פיל מאָל געביטן. פּאָלקאָווניק יעפימאָוו האָט אָנגעפירט מיט מנחמס איינהייט. פון די אוראַלער שאַכטיאָרן זענען געווען אין דער איינ־הייט דער טאָטער שאַריפין, דער הויך־צעוואַקסענער לאַטישעוו, אַבילעוו — דער ברייטביינערדיקער און שיפּאָוויגיקער טאָטער פון אַ דאָרף הינטער קאַזאַן, דער איינגעשרומפּענער מוסאַ איז אַזוי ווי אויסגעגלייכט געוואָרן. ער האָט געאַרבעט ביי דער פלעדקיך. עס איז אויך געווען דאָ דער גרוזינער כאַטשאַפּורידזע. ער האָט זיך באַוויזן אין די קאַשאַרן ערב דעם אַוועקגיין אויפן פראָנט און געוואָרן דער פּאָליט־קאָמיסאַר אין יעפימאָווס פּאָלק. אַנטיפּס שפּורן זענען פאַרשוווּנדן ווי נאָר מען איז אַריין אין דער ערשטער שלאַכט. ער איז מער ניט צוריקגעקומען פון אַ קליינער ראַז־ווייעדקע. צוזאַמען מיט אַנטיפּן איז אויך נעלם געוואָרן דער קאַזאַך וואָס האָט אים שטענדיק באַגלייט ווי אַ שאָטן. אַזוי ווי ס'איז אין דער נאַכט ניט געווען קיין שיסעריי און קיין שום סימנים פון אַ ווידערשטאַנד, האָט מען זיי באַטראַכט פאַר אַריבערלויפערס צו די דייטשן.

אין יענע זומער־טעג זענען די פאָדערשטע פראָנט־ליניעס אָפט באַוואָרפן געוואָרן מיט דייטשישע בלעטלעך. זיי זענען געוואָרפן געוואָרן פון עראָפּלאַנען ממש איבער די טראַנשייען. אין אַזאַ בלעטל האָט מנחם געלייענט: „גלייב ניט דער סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע. זי ווערט אָנגע־פירט פון דעם זשיד לאָזאָווסקי". ...„סטאַלין און די יעווועיסקע זשורנאַ־

ליסטן זײַנע ריידן ווידער וועגן אַ רוסלאַנד, וועגן „פֿאָטערלאַנד‟ און „היימלאַנד־ליבע‟. זיי נוצן אויס אייערע נאַציאָנאַלע געפֿילן‟.

דער פּאָלקאָווניק יעפּימאָוו האָט געפֿירט זײַן אײנהייט איבער די געפֿערלעכסטע פּאָזיציעס. ער איז ווי אַ שטורעמווינט אַרײַנגעפֿאַלן אין די טראַנשייען מיט צעפּלאַטערטע פּאָלעס. נאָך אים האָט זיך געטראָגן זײַנס אַ פֿאַרבינדלער. זיי זענען אויסגעוואַקסן אויף די אומגעריכטסטע ערטער. אין האַלבנאַכט ביי די דרימלענדיקע זעלנער וואָס האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אין די אָקאָפּעס און אָנגעשפּאַרט די קעפּ אויף די שויסן, אין די פֿאַרטאָגן, ווען עס האָט נאָר געגרויט און אַ טוי האָט זיך געשפּרייט איבער גאָטס וועלט.

— סאָלדאַט, רייב אויס די אויגן! זיי זענען דיר פֿאַרשלאָפֿן! האָט זיך דיר עפּעס לייטישס געחלומט?...

אַז יעפּימאָוו האָט געלאַכט איז דאָס געפּאַלבטע האַרטע פּנים מילד געוואָרן. דער קאַנטיקער דרייעק איז אויפֿגעשלאָסן געוואָרן.

— גיב צו פֿאַררייכערן, סאָקאָליק!

אַ זעלנער האָט צעוויקלט אַ טאָרבע־זעקעלע מיט אומגעלומפּערטע ציטערנדיקע פֿינגער. אויפֿן זעקעלע איז געווען אויסגעהאָפּטן מיט גרויסע געלע אותיות „געדענק טאַטיאַנען‟.

דער פּאָלקאָווניק האָט אָנגעשטאָפּט די פֿייקע מיט מאַכאָרקע.

— אַ גוטן ריח האָט די מאַכאָרקע... ווי איז די נאַכט אַדורך?

— ניטשעוואָ...

— בריוו באַקומסטו?... דוכט זיך אַז די קוילן זענען פֿייכט געוואָרן?... מען דאַרף זיי אויף ביי נאַכט פֿאַרדעקן...

דער זעלנער האָט געווישט זיך מיט דער דלאָניע דעם שטערן. ער האָט ניט געוווסט אויף וועלכער פֿראַגע פֿריִער צו ענטפֿערן.

דער פּאָלקאָווניק האָט אַרויסגעלאָזט אַ וואָלקן רויך.

— ניט קיין שלעכטער טאַבאַק... טאַטיאַנאַ שרײַבט? באַקומסט פֿון איר בריוו?...

דער זעלנער איז צעטומלט געוואָרן.

— טאַטיאַנאַ? — האָט ער מיט ציטער אַרויסגערעדט.

ביי דער ווייסל

— נו, די וואָס האָט דיר דאָס טאַבאַק־זעקעלע געשאָנקען.

ער האָט אויפגעלעבט.

— זי שרייבט. זי איז אַ לערערין... אין קאַדאָמער קרייז... איך שטאַם פון דאָרט...

— ווי רופט מען דיך?

— וואָלקאָוו.

— נו, וואָלקאָוו, גוט וואָס טאַטיאַנאַ שרייבט צו דיר און וואָס דו צעטומלסט זיך אַז מען רופט אָן איר נאָמען. דאָס איז אַ גוטער סימן. אַן איידעלער סימן. שרייב איר אַ גרוס פון מיר. פאַרגעס ניט. דאָס וואָס כ׳זאָג איז באַפעל!... כ׳האָב אָן אייגנשאַפט צו קאָנטראָלירן. פאַרשטייסט וואָלקאָוו? נאָכן קריג וועל איך אַריינפאָרן קיין קאַדאָם און פרעגן טאַ־טיאַנאַן. געדענק! די קוילן האָט מען געדאַרפט ביינאַכט גוט איינדעקן. ניט לאָזן פאַלן דעם טוי אויף זיי. און דרימלען דאַרף מען אויך ניט אין אָקאָפּע. וואַך דאַרף מען זיין. אַ זעלנער דאַרף זיין וואַך... אָבער טאַטיאַנאַן גריס...

מנחם האָט זיך צוגעהערט צום שמועס פון קאָמאַנדיר מיטן סאָלדאַט. דער רויך־אָטעם האָט זיך געטראָגן איבער דער אָקאָפּע און אים וואַכעדיק געמאַכט. און אַז יעפימאָוו איז אַוועק איז וואָלקאָוו צוגעקומען צו מנחמען. דאָס איז שוין מער ניט געווען דער דרימלענדיקער סאָלדאַט מיטן קינדע־רישן פּנים, דער איינגעבויגענער און ציטערנדיקער פון פאַרטאָגיקער קילקייט. דאָס איז געווען אַ דערוואַכטער זעלנער.

ביים פאָרסירן אַ טייך אין ווייסרוסלאַנד האָבן די סאַפּיאָרן אויפ־געבויט אַ בריק. זיי האָבן די בריק געבויט אַ צוואַנציק סענטימעטער אונטערן וואַסער־שפּיגל. דאָס איז געווען יעפימאָווס איינפאַל. ער האָט געוואָלט אַז די בריק זאָל אַזוי אַרום מאַסקירט זיין דורכן אייבערשטן וואַסער־שיכט און זי זאָל ניט באָמבאַרדירט ווערן פון דער דייטשער אַוויאַציע.

ווען די איינהייט איז דערגאַנגען צום טייך איז געקומען דעם פאָלקאָווניקס באַפעל.

— דורכגיין, צו דריי אין אַ ריי. ניט אָפּשטעלן זיך.

פֿאַר די זעלנער האָט זיך געשפּרייט אַ טייך און מען האָט ניט אָנגעזען קיין שום בריק. יעפימאָוו האָט זיך הילכיק צעלאַכט און דער ערשטער אַראָפּגעלאָזט זיך צום ברעג.

— זעט ווי פלאַך דער טייך איז! ס׳וואַסער דערגייט ביז די קנעכלעך...

ער איז געגאַנגען איבער דער בריק און נאָך אים די גאַנצע גרופּע. מען האָט נאָר געהערט דעם געכליפּ פֿון וואַסער און דאָס קלאַפּן פֿון זעלנערישע שיך אין די בריקקלעצער וואָס זענען געווען פֿאַרדעקט מיט גערונצלטע זילבער־ווערלן.

ער האָט דורך אַזעלכע הילצערנע הענגבריקן דורכגעפֿירט גע־פּאַנצערטע אויטאָס און טאַנקן. איינמאָל האָט זיך אַ טאַנק פֿאַרהאַלטן. ס׳האָט געדאַרפֿט דויערן אַ קורצע צייט דאָס פֿאַרריכטן אים. יעפימאָוו האָט אָן וואַקלעניש באַפֿוילן איבערקערן דעם טאַנק אין טייך אַריין און פֿריי־מאַכן די בריק. נישטאָ קיין צייט. דער באַפֿעל איז גלייך אויסגעפֿירט געוואָרן. עס איז אונטערגעקומען אַ צווייטער טאַנק און דעם באַשעדיקטן אַריינגעשליידערט אין וואַסער.

בעת די מאַרשן איבער ווייסרוסלאַנד איז מנחמען אויסגעקומען צו באַגעגענען אַנטרונענע ייִדן. ער פֿלעגט זיך מיט זיי אָפּזונדערן און צוריקקומען אַ דערשלאָגענער און פֿאַריאושטער. ער האָט געזען פֿאַר־ברענטע ייִדישע שטעטלעך, דערקענט סימנים פֿון ייִדיש לעבן. די גע־ראַטעוועטע, וואָס האָבן אַריינגעקוקט אין די אויגן פֿון יעדן באַגעגנטן זעלנער, זענען ניט איין מאָל געבליבן שטיין פֿאַר מנחמען מיט אַ פֿרעגנ־דיקן בליק.

— כ׳בין אַ ייִד. אַ ייִד בין איך — האָט ער תּמיד געשעפּטשעט צו זיי.

איין מאָל האָט אים כאַטשאַפּ גערופֿן אין שטאַב אַריין.

ס׳איז געווען אַ הייסער יוני־טאָג. אין דער דאָרפֿישער כאַטע מיט דעם גרויסן גאַנעק זענען אָפֿן די פֿענצטער. ביי אַ טיש זיצן אָפֿיצירן און שפּילן אין קאָרטן. יעפימאָוו האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער כאַטע און אַז מנחם איז אַריינגעקומען האָט ער זיך לאַנג אין אים איינגעקוקט.

כאַטשאַפּ איז אויפגעלייגט. ער האַלט אין האַנט עטלעכע קאָרטן און פאָכעט מיט זיי איבערן צעהיצטן פּנים.

— געקומען? כאַראַש מע־נאַ־כעם איסאַקאָוויטש. כאַ־ראַ־שאָ. מ'דאַרף אַ שמועס טאָן. דאָס איז וואַזשנאָ... אפשר אָפּלייגן אויף מאָרגן?...

יעפימאָוו איז צוגעקומען גאָר נאָענט און געזאָגט מנחמען.

— דאַוואַי, זעץ זיך צו צום טיש. איך וועל זיך אויך אַוועקזעצן. העי, גיב אַ קאָרט! נאָר אַ גוטע!

מען האָט אָנגעגאָסן צו גלעזלעך. מוסאַ האָט זיך דאָ אַרומגע־פּלאָנטערט. ער איז איצט געוואָרן אַ באַדינער אין שטאַב. אַז ער האָט דערזען מנחמען איז ער אויפגעלייגט געוואָרן.

— נאַש מיכאַיל. געדענקסט מאַרפאַן? די געשטופּלטע... געדענקסט מיכאַיל?

— זעמליאַקעס זענט איר?

— צוזאַמען מאָביליזירט. שאָכטע־ברידער. שכנים אויף פּריטשעס.

— שותּפים צו מאַרפאַן? — האָט אָן אָפיציר געקוקט מיט שפּאָט אויף מוסאַן. כאַטשאַפּ האָט זיך געמאַכט ניט הערן און געוועזן כּלומרשט פאַרטאָן אין די קאָרטן. ער האָט נאָר אַ בייזן ברום געטאָן און פאַרביסן די ליפּן.

— וואָס ווילט איר מיט מיר ריידן? — האָט זיך מנחם געוואָנדן צום פּאָליט־קאָמיסאַר.

— דו ביסט געקומען ניט אין דער צייט.

— דעם באַפעל האָט מען מיר נאָר־וואָס איבערגעגעבן.

דער פּאָלקאָווניק יעפימאָוו האָט דערפילט אין מנחמס ענטפערן און אין זיין גאַנצער האַלטונג דערפאַרונג ניט פון קיין געוויינטלעכן זעלנער.

— דו ביסט שוין ס'צווייטע מאָל אויפן פראָנט?

— יאָ.

איצט האָט יעפימאָוו געטיילט די קאָרטן. ער האָט זיי נאָכלעסיק געוואָרפן צו די שפּילער און ווען ס'איז געקומען מנחמס ריי האָט ער זיך פאַרהאַלטן.

— דו ווילסט נאָך אַ קאָרט?

מנחם האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

— גוט. זאָל זיין.

— לאַדנאָ.

יעפימאָוו האָט אַרויסגעצויגן אַן אונטערשטע קאָרט און דערביי געזאָגט:

— הייסט דאָס ביי מאָסקווע ביסטו געווען? לאַדנאָ... דרייסטער... דרייסטער... מיכאַיל מיט די קאָרטן... כ'האָב ליב אָפנקייט און דרייסטקייט...

כאַטשאַפּ האָט זיך אויסגעקערעוועט צו מנחמען.

— צוריקגעשיקט פון פראָנט אין די שאַכטעס?... דאַ־דאַ... כ'ווייס דערפון... מיר ווייסן אַלץ... נו, מיכאַיל, דעק אויף דיינע קאָרטן... האָסט גוטע קאָרטן אויך... ניט נאָר שלעכטע... טאָ וואָס האַלטסטו זיי, שוטה, פאַרדעקט?...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, כאַטשאַפּ, און אָנגעגאָסן אַ פריש גלעזל און אויך אַריינגעגאָסן בראָנפן אין מנחמס גלעזל. — נאַ זדאָראָוויע... קרים זיך ניט... דאַוואַי... זיי אַ פראָנט־סאָלדאַט, ניט עפּעס אַ מוזשיטשאָק...

יעפימאָוו האָט מיט אַלע פינגער פון זיין האַנט געקעמט די קליינע טשופרינע.

— עפּעס זייטיקע קאָרטן פּלאָנטערן זיך ביי דיר, מיכאַיל... וואָס בלאָנקעסטו זיך אייגנטלעך איבער די געסלעך? לאָזט זיך אַריין אין געשפּרעכן מיט אומבאַקאַנטע, מיט ציוויל־מענטשן? דו ביסט אַ גוטער סאָלדאַט... דו זוכסט אָבער געשפּרעכן מיט פרעמדע... דאָס איז געפערלעך... דאָס איז פאַרבאָטן...

ער האָט אַוועקגעלייגט די קאָרטן, זיך אויפגעשטעלט און איז אַוועק. ס'איז שוין פינצטער. אויף די טרעפּ האָט כאַטשאַפּ גערעדט צו מנחמען קלאָרע רייד:

— דו ביסט אַ ייִד. דאָס ווייסן מיר. ביסט דערפאַר ניט פּריווילעגירט... אָבער אַרומבראָדזשען איבער די געסלעך, איבער די מערק און אָפּשטעלן מענטשן, אַריינקוקן אין יענעמס אויגן און פרעגן, נאָכפאָרשן — דאָס טויג ניט. דאָס וועלן אַנדערע טאָן. עס איז דאָ ווער עס זאָל זיך אינטערעסירן מיט די ציווילע, מיט פרעמדע. דו ביסט אַ סאָלדאַט. מיין עצה צו דיר איז:

מער ניט אָפּטיילן זיך פון דער איינהייט אָן אַ דערלויבעניש. ניט אַרומ־שלאָנדערן זיך און ניט פּלאַפּלען. איר פּלאַפּלט צו פיל. דו מיינסט אַז עס איז אונדז ניט באַקאַנט דיין מישפּט? דיין אורטייל ליגט ביי מיר.

מנחם איז אַוועק פון שטאַב. ער איז געגאַנגען איבער די פעלדער. דער הימל איז צעשניטן פון רעפלעקטאָרן. דאָס ליכט ברעכט זיך ביי די וואָלקנס. אָנשטאָט דורכשניידן זיי, זענען די וואָלקנס אָנגעזאַפּט געוואָרן מיט אַ ליכטיקייט. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף די פאַרבינדלער. עמעצער שרייט אין אַ טרייבל אַריין:

— טשאַפּאַיעוו! טשאַפּאַיעוו! דער סטעפּ רופט דיך... דער סטעפּ... הערסט טשאַפּאַיעוו? דער סטעפּ איז ברייט... דער סטעפּ איז גרויס... דער סטעפּ איז אומרויק!...

לעבן אָלכע־וועלדל שלענגלען זיך די פאַרבינדונגס־טראַנשייען. דאָרט געפינט זיך וואָלקאָוו, דאָרט איז דאָ דער גוטמוטיקער לאַטישעוו. מנחם האָט אָפּגעפונען זיין אָרט אין דער טראַנשיי. אויף אַ שטיק וואָרצל האָט ער אָנגעהאַנגען דעם אויטאָמאַט. פאַר נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי. דאָס איז געווען אַ פּלוצעמדיק שיסעריי וואָס איז געקומען פון יענער זייט אָלכע־וועלדל.

— זיי זענען נערוועז די דייטשן.

נעכטן האָט אַ יידישע פרוי אָנגעשפּאַרט איר גראָען קאָפּ אויף מנחמס אַקסל און געוויינט. זי האָט געטייטלט אויף די דערפלעך ווו ס׳האָבן זיך געררייכערט קוימענס.

— זיי... זיי... דאָרט זענען דאָ די מערדער, די וואָס האָבן געהאָלפן דעם דייטש... דאָרט ליגן אונדזעריקע ביים אָלכע־וועלדל...

דאָס אָלכע־וועלדל איז איצט קיינעמס־לאַנד. אַ הפקר־שטח צווישן די דייטשע פּאָזיציעס און די סאָוועטישע. ס׳איז שוין פינצטער, אָבער מ׳זעט דאָס אָלכע־וועלדל. מ׳זעט די פלאַכע פעלדער. דאָס זענען פּאַשע־פעלדער. לינקס שפּרייט זיך אַ טונקל־צעאַקערט פעלד. איבערן אָלכע־וועלדל הענגען באַלויכטענע וואָלקנס. הינטער די קברים האָבן זיך פאַר־פעסטיקט די דייטשן. זיי האָבן דאָרט דרייפאַכיקע טראַנשייען. איצט שלאָגט מען זיך פאַרן אָלכע־וועלדל. נאָך אַ שעה, נאָך אַ נאַכט און יעפימאָוו

וועט פירן די מענטשן אין אָנגריף. נאָר מיט באַגנעטן וועט מען זיי קענען פון דאָרט אַרויסשטויסן. מנחמען איז אויסגעקומען אַז ער שלאָגט זיך פאַר יידישע קברים. ער וועט דער ערשטער גיין אין דער אַטאַקע. און אויב ער דאַרף פאַלן זאָל אים באַשערט זיין דאָ. אין דעם דאָזיקן וועלדל. גוט וואָס עס איז פאַרבליבן די פרוי מיט דעם קאָפּ גראָע האָר. זי וועט אים דערמאָנען צוזאַמען מיט די איבעריקע געפאַלענע יידן. פרילינג האָט ער געזען פרוכטביימער באַשאָטענע מיט ווייסן צוויט. טייל צווייגן זענען געווען צעבראָכן, דער שטאַם — צעריסן, אָבער דער בוים האָט געצוויטעט. ער האָט געזען ווי אין שטילע טעג זענען אַלטע פויערים אַרויס צעאַקערן אַ שטיקל פעלד. ערגעץ האָט זיך געפּאַשעט אַ קו. אַ באָרוועס קינד איז פאַרבייגעלאָפן די דאָרף־גאַס. ער האָט געזען פויערטעס מיט קאָראָמיסלעס אין די פאַרנאַכטן...

— אַ „רעם" האָט זיך באַוויזן איבערן הימל. — האָט וואָלקאָוו געזאָגט.

דאָס איז אַ פאָקע־וואָלף־עראָפּלאַן. די רוסישע סאָלדאַטן רופן אים די „רעם" ווייל ער איז ווי אַ ראַם.

— אונדזער זעניט־אַרטילעריע גיט אים זשאַר.

איבערן נאַכט־הימל האָט זיך געטראָגן אַ פייערדיק איי. דערנאָך נאָך איינס. און שפּעטער צענדליקער אַזעלכע פייערדיקע קוילן. די רע־פלעקטאָרן האָבן אַריינגענומען דעם עראָפּלאַן אין ליכט־צוואַנגען. ער האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן אָנגעשוואָלענע ליכט־וואָלקנס. דאָס שיסעריי איז העפטיקער געוואָרן און די ליכט־צוואַנגען בולטער. דער אונטערשטער טייל פון דער רעם האָט אָנגעהויבן ברענען. אַ שוואַרצער רויך האָט געזעצט פון עראָפּלאַנס אינגעווייד. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק מיט אַזאַ האַסטיקייט ווי ער וואָלט געפאַלן. ערשט איבערן וועלדל האָט ער אויס־געגלייכט זיך און געוואָלט זיך האַלטן אויף אַ פלאַכקייט פון דיביימער־שפּיצן. די „רעם" איז פאַרזונקען געוואָרן אין דעם וואַלד איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ סטאָלב געדיכטן רויך וואָס איז לאַנג ניט צעשוווּמען געוואָרן.

אויף דער צווייטער נאַכט זענען די דייטשן אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון די דרייפאַכע טראַנשייען. מנחם האָט זיך אַריינגעריסן אין אַלכע־

וועלדל און דערזען צעשפּענטע שטאַמען, אָפּגעהאַקטע ביימער־קרוינען, ביימער אַרויסגעריסענע מיט די וואָרצלען, באַקעטע, סטערטשנדיקע אין הימל אַריין און גריבער נאָך האַרמאַטן־אויפרייסן. ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט ביי אַ קליינעם וואַסער־אָדער און געוואַשן זיך די הענט, געוואַשן דאָס פּנים. דערנאָך האָט ער אָנגעשעפּט מיט דער בלעכערנער קאַסקע קוואַל־וואַסער און געשטילט דעם דאָרשט.

מנחמס איינהייט איז אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אויפן צפון־פלאַנג פון פראָנט. נאָך שווערע נאַכט־מאַרשן האָט זי פאַרסירט עטלעכע קליינע טייכלעך און אַריינגעריסן זיך אין אַ גרענעץ־דאָרף פון פוילן און מיזרח־פרייסן. דאָס איז געווען אַ גרויס גרענעץ־דאָרף.

די לאַנדשאַפט האָט זיך דאָ שנעל געביטן. קליינע קוואַדראַטן וואַלד, רויטע ציגל־הייזער, אַספאַלט שאָסייען, עלעקטרע־סלופּעס וואָס לויפן איבער לאָנקעס, געמויערטע פּלויטן, בלעכענע דעכער פון שייערן און דאָרף־וועגן באַזעצטע מיט ליפּע־ביימער.

דאָס דאָרף איז שוין געווען ליידיק צוויי וואָכן. די באַפעלקערונג איז אין גרויס בהלה אַנטלאָפן גלייך ווי ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרטי־לעריע־צוגרייטונגען פון דער רוסישער זייט. ווען מנחמס איינהייט האָט זיך דערנענטערט צום דאָרף און געגאַנגען לענגאויס די ליפּע־וועגן איז שוין געווען אַ לבנהדיקע נאַכט. אַ לויערנדיקע, אומהיימלעכע שטילקייט האָט זיך געשפּרייט אין די רייען. מען איז געגאַנגען גיך. מען האָט נאָר געהערט דעם געקלימפּער פון אויטאָמאַטן און די טריט אויף שטיין.

לאַטישעוו האָט געשעפּטשעט:

— אוי, יעדראַנאַ מאַ... זיי האָבן דאָ געלעבט געזונט... ניטשעוואָ...

פון הינטער די דאָרפישע זאַגראַדעס, פון די גערטנער און צעעפנטע טויערן האָבן מיט אַ מאָל גענומען ווימלען שאָטנס, די שאָטנס האָבן זיך געקנוילט ביי די וועגריוון, צווישן די ביימער־שטאַמען. עמעצער האָט אויסגעשאָסן. אַ קו האָט זיך צערעוועט. דאָס רעווערייַ איז געווען אַן אויס־געצויגנס און האַרץ־שניידנדיקס. אַ קו איז אַרויס פון די שאָטנס ביי די ביימער און געבליבן שטיין אין מיטן וועג, האַרט ביי די מאַרשירנדיקע. זי

האָט שווער געסאַפּעט. אַ סאָלדאַט האָט אַ גלעט געטאָן איר רוקן. די פּעל איז געווען הייס און פייכטלעך. פון דער קו האָט זיך געטראָגן אַ מילך־ריח. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געלאָפן מיט געשטרעקטע הערנער נאָך דער ריי, געלעקט די פינגער פון די סאָלדאַטן מיט אַ הייסער און טרוקענער צונג ווי אַ לעדער.

פון צעפּראַלטע טויערן, פון זייטיקע געסלעך זענען אָנגעקומען פערד. זיי האָבן דערשפּירט מענטשן. דערהערט מענטשישע טריט.

די פערד האָבן געהירזשעט, געוואָרפן מיט די צעשויבערטע גזשיבעס, געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס אין שטיין און פון צווישן די ציין האָט געזעצט אַ שוים. זיי זענען צוגעלאָפן צו די געשלאָסענע מענטשן־רייען און געשאַרט זיך מיט די גלאַנציקע רוקנס ביי די גייענדיקע סאָלדאַטן. ביידע זייטן פון דער מיליטער־קאָלאָנע זענען באַלאַגערט געוואָרן פון פערד און בהמות. די ניט־געמאָלקענע קי האָבן געפּלאָנטערט מיט די אונטערשטע פיס. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף צוימען און רעוונדיק דורכגעשלאָגן זיך אַ וועג פאָרויס צו די מענטשן. די פערד־הירזשערייען און בהמה־געריעוועריי האָבן פול געמאַכט דאָס דאָרף.

וואָלקאָוו האָט שווער געאָטעמט. אין די אויגן־ווינקלען איז אים פייכט־געוואָרן.

— נישטאָ ווער ס'זאָל זיי אויסמעלקן.

— זיי בענקען צו מענטשן.

— זיי ווערן פאַרווילדעוועט פון בענקשאַפט.

מנחם האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו אַ פערד. ער האָט דערשפּירט אויף דער האַנטפלאַך עפּעס וואַרעמס. דאָס זענען פערדישע נאָזדרעס. זיי זענען מיט שוים. פון די נאָזדרעס זעצט אַ הייסער אָטעם. דאָס פערד האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אַראָפּגעלאָזט מיט די פאָדערשטע קני און געשאָקלט מיטן קאָפּ נידעריק, נידעריק, ביז דער ערד.

צום אומהיימלעכסטן זענען געווען די בהמה־געריעווערייען. אין זיי איז געווען אַזוי פיל צער און אַזוי פיל בענקשאַפט אַז ביי ניט איין סאָלדאַט האָט דאָס האַרץ זיך פאַרקלעמט.

גראָד איצט, ווען מענטשן זענען אַזוי איינזאַם און פאַרלאָרן אין

דער פּרעמדעניש, ווייט פון די היימען, ערגעץ אויף וועגן מינירטע, אויף דעם שונאס ערד, ביי די שוועלן פון דייטשלאַנד — ווען די הערצער האָבן געדאַרפט זיין האַרט ווי שטאָל און דאָס אויג שאַרף און וואַך — האָט גאָר אַן אומגעריכט געוואָיעריי און רעוועריי געמאַכט אויפציטערן אַלעמענס הערצער און די אויגן זענען פאַרנעפּלט געוואָרן פון טרערן.

— עס איז זיי ערגער ווי מענטשן. שטומע באַשעפעניש. זיי האָבן ניט קיין צונג צום ריידן, קענען ניט אַרויסברענגען דעם צער — האָט וואָלקאָוו געזאָגט.

— ניט געמאָלקענע, ניט געשפּאַנטע, ניט געקאָרמעטע און ניט געפּאָיעטע — זוכן זיי איצט מענטשן. דער מענטשישער אָטעם האָט זיי געמאַניעט. זעט ווי זיי לויפן אַלץ נאָך אונדז!...

די מידקייט פון די סאָלדאַטן איז פאַרשוווּנדן. עמעצער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ פערד און געריטן. די קי זענען נאָך אומרויִקער געוואָרן. זיי זענען אַריינגעלאָפן אין די רייען און מיט די הערנער אַריינגעשטויסן עטלעכע סאָלדאַטן אין די וועג־קאַנאַוועס.

יעפימאָוו איז געקומען צו רייטן. מען האָט אים דערקענט לויט דער צעפּאַטלטער פעלערינע אין ווינט. ער האָט געשריִען, געדופן עמעצן. עטלעכע רייטער האָבן אים באַגלייט. דאָס זענען געווען יונגע אָפיצירן.

די קאָלאָנע האָט זיך פאַרהאַלטן. נעבן מנחמס פיס איז געלעגן אַ פערד און געטאָרגלט זיך אויפן רוקן. מען האָט עס געמוזט אויסמיידן כּדי דורכצוגיין דאָס וועגל.

דער ערשטער האָט אויסגעשאָסן יעפימאָוו. די פערדישע פיס האָבן אויפגעצאַפּלט און מיט אַ מאָל שטייף־געוואָרן. דערנאָך האָבן זיי ווידער אַ ציטער־געטאָן און געפאַלן צום בויך. דאָס פערד האָט זיך געפּרוּווט אויפשטעלן, נאָר די אונטערשטע פיס האָבן ניט געפאָלגט. עס האָט זיך געעפנט אַ שיסעריי אויף די בעלי־חי. דאָס שיסעריי האָט לאַנג אָנגעהאַלטן. די פערד און די קי זענען ניט אַנטלאָפן. זיי זענען געשטאַנען מיט גרויסע בלישטשענדיקע אויגן. טייל זענען געגאַנגען אַנטקעגן דער שיסעריי און ערשט קומענדיק גאָר נאָענט צום פייערדיקן אויטאָמאַט זיך פאַרהאַלטן.

אַז די איינהייט האָט פאַרלאָזט דאָס דאָרף זענען אויף די וועגן

געלעגן הונדערטער דערשאָסענע פערד און בהמות. זיי זענען געווען נאָך וואַרעם. טייל האָבן געוואָרפן מיט די קעפּ, מיט די פיס און טייל האָבן געסאַפּעט מיט אָנגעשוואָלענע בייכער ווי די בלאָזזעק ביי שמידערס. זיי זענען אַלע געלעגן מיט גרויסע צעעפנטע אויגן פון וועלכע די נאַכט האָט צוגענומען דאָס פאָספאָר־ליכט.

יעפימאָוו האָט געאײַלט צו הילף אַן אַרומגערינגלטער גרופּע אויס־שפּירער. די סאָוועטישע אויסשפּירער זענען אַוועק לענגויס דער פּרײַסישער גרענעץ און דאָרט זענען זיי אַרײַנגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע. כדי צוצוקומען צו זיי האָט מען געדאַרפט דורכמאַכן אַן אַרומקרייז. ערשט אַרײַנקומענדיק אין דאָרף האָט זיך יעפימאָוו געדאַרפט פאַרקערעווען אויף דרום און אַראָפּ־פאַלן אויפן רוקן פון אַ ניט־גרויסער דײַטשישער קאָנצענטראַציע. יעפימאָוו איז געגאַנגען לויט די סימנים וואָס ס׳האָבן געלאָזט נאָך זיך די פאַרפּאָסטנס.

דער הימל האָט שוין געשאַריעט. ביים סוף פון דאָרף האָט זיך אויס־געטיילט די מירמלנע פיגור פון אַ פרוי. דאָס איז געווען אַ דענקמאָל מיט אַ קליינער אײַזערנער צוים. אַ דרייסטע סאָלדאַטסקע האַנט, אַוודאי פון אַ פאַרפאָסטלער האָט אָנגעשריבן אויף דער שויס פון דער פרוי־סטאַטוע מיט אַ געדיכטער שוואַרצער פאַרב „יעפימאָוו גלייך!‟

דער פאַלקאָווניק האָט געשמייכלט. די קאָלאָנע האָט דורכמאַרשירט נעבן אים אַ צעצויגענע. אויף טייל ערטער איז זי איבערגעריסן געווען.

אַבילעוו האָט געסאַפּעט.

— האָסט איבערגעלאָזן אַזויפיל פערדישע הינטנס? איז דיר ניט אַ שאָד צו לאָזן, טאַטאַרין? דיין גאַנץ דאָרף וואָלט זיך אָנגעקאָרמעט!

— מען וואָלט געקאָנט אַ דיוויזיע אָנקאָרמענען מיט די בהמות.

— פאַרלאָז זיך אויף אונדזערע אינטענדאַנטן. זיי דערשמעקן פגירות פון מיילן.

— זעט נאָר, זעט! — האָט גערופן אַ נידעריקער מיט אַ שאַרף־פאַרריסן קול. — עמעצער האָט שוין צונויפגעשדכנט איליאַ אַלעקסעיעוויטש יעפימאָוון מיט אַ גערמאַנסקער זונה...

הייזעריקע שטימען האָבן זיך אויסגעמישט מיט אַ שפּאָטיש געלעכטער. אויפן הימל בלאָנקעט אַן עראָפּלאַן. ער וויקלט זיך ווי אַ סקאָרפּיאָן!

— דאָס איז אַ מוזיקאַנט! דאָס איז אַ שטוקאַס!

ווען דער עראָפּלאַן איז אַרויס פון די וואָלקנס האָט זיך געמערקט אַז זיין שנאָבל איז פּאַרטונקלט. ער האָט האַסטיק אויסגעקערוועט און פאַרהילט זיך ווידער צווישן וואָלקנס און רויכנעפּלען.

ניט ווייט גייט אָן אַן אַרטילעריש פייער. דאָס שיסט מען פון זעקס־און־זיבעציק־מילימעטערדיקע.

— ס׳וועט אַוודאי ניט אָפּגיין אָן אַ טאָג־אַטאַקע. — האָט געזאָגט לאַטישעוו. — אַ טאָג־אַטאַקע איז פאַר אַן אונדזעריקן אַן אָפּקומעניש. אַ געמיינזאַמער „הוראַ״, ווייניק איניציאַטיוו, אַן סמיקאַלקע, אַ געלויף ווי פון סטאַדעס און דערנאָך נאָגל זיך צו דער ערד, אָדער, דו בלייבסט ליגן מיט אַן אויפגעריסענעם בויך. אין אַ נאַכט־אַטאַקע ביסטו גאָר אַן אַנדערער. דאָס איז אַ געראַנגל פון איינצלנע. דו קאָנסט דיר העלפן מיטן אינסטינקט, מיט דיין סמיקאַלקע, דו ווייסט ניט ווו דער פראָנט און ווו ס׳איז דער הינטער־לאַנד. דו דערשפּירסט די געפאַר אַזוי ווי דעם ריח פון מיענטע גראָזן. שפּירסט ניט ביי דיין אָרעם דעם שכן. ביסט איינער אַליין. ביסט פריי. אַלע חושים דינען דיר. ווייל דו ביסט אויסגעשטעלט נאָר אויף זיך. און דאָס איז גוט. מענטשן וואָס קאָנען זיין אַליין אין נאַכט־אַטאַקעס גיבן אַלץ פון זיך אַוועק פאַרן נצחון. זיי זענען ניט געבונדן פון שכנס מעשים, פון שכנס אויסדויער. קיינער שטעקט דיך ניט אָן מיט פּחדנות און ניט מיט בלינדער גבורה וואָס דערפירט קיין מאָל ניט צום נצחון נאָר צו אַ שיינעם טויט.

דאָס אַרטילעריע פייער איז נאָענט געוואָרן.

די קאָלאָנע האָט באַקומען אַ באַפעל צו גיין מיט אַ טיראַלעריע־מאַרש. די מענטשן האָבן זיך צעשאָטן איבער די פעלדער. עמעצער האָט זיך איינגעבויגן און אָנגעכאַפּט זיך ביים האַרץ. די איינהייט איז באַשאָסן געוואָרן פון קוילנוואַרפער.

— איינגראָבן זיך. איינגראָבן זיך. — האָט גערופן יעפימאָוו.

מען האָט פאַרנומען פּאָזיציעס לענגויס אַ דאָרפיש וועגל. דאָס פריי־סישע דאָרף איז געלעגן הינטער זייערע רוקנס.

פון מיזרח זענען אָנגעפלויגן עטלעכע „אילוישינס״.

— זיי גייען אויפן פרימאָרגן־שפּאַציר. יעדן טאָג אין דער זעלבער שעה.

יעפימאָוו האָט פֿאַראַרדנט צו עפֿענען אַ פֿייער.
אַ פֿאַרבינדלער האָט אַרייַנגעשריִען אין טרייבל.
— מאַקאַר... מאַקאַר... כ'בין אָנגעקומען אויפֿן אָרט... הערסט מיך מאַקאַר... איך האָב באַמערקט אַ באַרישניע... אַ גרוס פֿון דער באַרישניע...

אין סוף יולי 1944 האָט דאָס סאָוועטישע מיליטער פֿון ערשטן ווייס־רוסישן פֿראָנט פֿאַראייניקט כמעט אַלע פּלאַצדאַרמען וואָס די פֿאָדערשטע טיילן האָבן דעראָבערט אויפֿן לינקן ברעג פֿון טייך בוג. די קליינע פּלאַצ־דאַרמען זענען פֿאַראייניקט געוואָרן און אויסגעברייטערט ביז 60 קילאָ־מעטער די לענג און 20 קילאָמעטער די טיף. אין דעם דאָזיקן פֿראָנט־דורכרייס זענען אַרייַנגעפֿירט געוואָרן גרויסע טאַנק־און קאַוואַלעריע פֿאַר־אייניקונגען. זיי זענען באַשטימט געווען צו אַטאַקירן די וועגן קיין שעדלעץ און לובלין. דער דייטש האָט געשטעלט אַ פֿאַרביטערטן ווידער־שטאַנד. גענוג צוצוגעבן, אַז אין איין טאָג האָבן די דייטשן דורכגעפֿירט אויף דעם דאָזיקן פּלאַצדאַרם איבער צוואַנציק קאָנטראַטאַקעס פֿון פּיעכאָטע און פֿון טאַנקען אונטערגעשטיצט פֿון דער לופֿט דורך זייער אַוויאַציע.

די הויפּט־כּוחות פֿון לינקן פֿליגל פֿון ערשטן ווייסרוסישן פֿראָנט האָבן אָנגעהויבן דעם אָנגריף פֿון פּלאַצדאַרם אויפֿן לינקן ברעג בוג אין דער טיף פֿון דער פּוילישער טעריטאָריע. צומאָרגנס איז באַפֿרייט געוואָרן די שטאָט כעלם.

אין דער זעלביקער צייט האָבן באַוועגלעכע אייַנהייטן פֿון סאָוועטישן מיליטער, וועלכע האָבן אָנגעגריפֿן די וועגן קיין שעדלעץ, פֿאָרסירט די וואָלדאַווע און צוזאַמען מיט שיסער־גרופּן באַפֿרייט די שטעט וואָלדאַווע, פּאַרטשעוו און ראַדזין. אין דער לובלינער ריכטונג זענען די באַוועגלעכע סאָוועטישע גרופּן דערגאַנגען ביזן טייך וויעפּש, נעבן ווימיסלאָוו, יאַשטשוו און האָבן זיך אַרייַנגעריסן קיין לובלין.

די סאָוועטישע באַוועגלעכע גרופּן פֿון שעדלעצער ריכטונג, האָבן אַדאַנק אַ נאַכט־אַטאַקע, אַרייַנגעריסן זיך קיין לוקאָוו. זיי האָבן איבער־געשניטן דעם שאָסיי שעדלעץ־וואַרשע און אָנגעהויבן שווערע קאַמפֿן פֿאַר מעזריטש און שעדלעץ.

קיין שעדלעץ האָט די דייטשישע קאָמאַנדירונג אַריבערגעוואָרפן די דיוויזיעס „ס.ס.־טאָטענקאָפף". פאַרביטערטע גאַסן־קאַמפן האָבן זיך דאָרט געפירט ביז סוף יולי.

ערשט אין יולי האָט די סאָוועטישע רעגירונג אָפיציעל דערקלערט אַז די טעטיקייט פון סאָוועטישן מיליטער אויף דער פוילישער טעריטאָריע דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ טעטיקייט אויף אַ געביט פון אַ סוווערענער, פריינטלעכער און פאַרבינדעטער מדינה. אין דער דערקלערונג איז אונטער־געשטראָכן געוואָרן אַז דער ציל איז נאָר איינער: פאַרטיליקן דאָס דייטשישע מיליטער און העלפן פוילן באַפרייען זיך פון דייטשישן יאָך און אויך אויפשטעלן אַן אומאָפּהענגיק פוילן.

יעפימאָווס דיוויזיע איז געווען אין יענע טעג אויף די צפון־גרענעצן פון פוילן, האַרט ביי דער מיזרח־פּרייסישער גרענעץ. זי האָט זיך באַוועגט לענגאויס דער גרענעץ. אויף טייל ערטער איז זי איר אַריבער און אויפ־גענומען קאַמפן מיט די אָפּטרעטנדיקע דייטשן. די דייטשישע ציוויל־באַפעלקערונג איז אין גרויס פּאַניק געלאָפן צום ים־ברעג, קיין קעניגסבערג און זיך קאָנצענטרירט לענגאויס דעם ים־פּאַס.

כאַטשאַפּורידזע האָט געלייענט פאַר די סאָלדאַטן דעם באַפעל וועגן העלפן באַפרייען פוילן. די איינהייט האָט זיך אויפגעהאַלטן אין אַ גרויס דאָרף סטשעגאָווע. דער שטאַב פון פאָלק האָט זיך געפונען אין פּריצישן הויף. מנחם איז צוגעטיילט געוואָרן צום שטאַב. ניט יעפימאָוו און ניט כאַטשאַפּ האָבן זיך געקענט דורכריידן מיט די פאָרשטייער פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג. די פּויערים האָבן דאָ גערעדט אַ פּויליש אויס־געמישט מיט קאַשובישע ווערטער. דאָס זענען געווען אָרעמע פּאַראָבקעס, ברייטפּנימדיקע מיט גרויסע וואַסער־אויגן. זיי האָבן געצויגן די היטלען פאַר יעדן סאָלדאַט און תּמעוואַטע געשמייכלט. די ווייבער זענען געווען באָרוועס, אין גראָע געפאַלבעוועטע ספּודניצעס. אַז זיי האָבן געלאַכט זענען זייערע ליפּן אָנגעדראָלן געוואָרן, די ברייטע נאָזלעכער האָבן געסאַפּעט און מיט גרויסע לאַדאָניעס האָבן זיי זיך צוגעהאַלטן די שווערע בריסט.

וואָלקאָוו האָט ערגעץ באַקומען אַ האַרמאָשקע. אין די נעכט איז

ער געזעסן אויף דער שוועל פון אַ קאַשובישער כאַטע און אויסגעשפּילט רוסישע טשאַסטושקעס.

בעתן זינגען איז וואָלקאָוו געווען טויט־ערנסט. אַז ער האָט געווישט דעם שווייס פון שטערן, האָט ער בגנבה אויך אויסגעווישט אַ טרער פון די אויגן.

די קאַשובערינס האָבן אַרומגערינגלט מנחמען און זיך געבעטן ביי אים:

— דאָברי פּאַניטש... וואָס זינגט ער, דער מאָסקאַל? זאָגט פּאַניטש... זאָגט...

לאַטישעוו איז פון ערגעץ געקומען אַ פריילעכער. ער איז שיכּורלעך.

— אַז דאָס אייז רירט קען מען ניט אָפּשטעלן די וואַסערן... פאַר קיין שום צוים וועלן זיך די כוואַליעס ניט פאַרהאַלטן... זיי קענען פאַרפלייצן אַ וועלט... מיר זענען ווי די וואָלגע... אַרויס פון די ברעגעס און היידאַ... מיר וועלן ניט נאָר „פאָלשע״ באַפרייען, נאָר גאַנץ יעוראָפּאַ... יעדראָנאַ מאַ... העי, באַביאָנקאַ!...

לאַטישעוו איז צוגעגאַנגען צו אַ פויערטע און איר אָנגעכאַפּט פאַר די הענט.

— וואָס האָסטו דאָרט באַהאַלטן? פאַרוואָס האַלטסטו אַזוי עס צו מיט דיינע הענט? זיי וועלן ניט אַנטלויפן די צוויי בריסט... מיר וועלן זיי דיר ניט אַוועקרויבן... — ער האָט דער פויערטע אַרומגעכאַפּט און אויפגעהויבן.

די קאַשובערין האָט אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן קוויטש און זיך פאַר־גאַנגען אין אַ געלעכטער.

אין די פענצטער זענען געשטאַנען די פויערים און אומהיימלעך געשוויגן.

— וואָס ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט? — האָט מנחם איינעם פון די פויערים געפרעגט.

— אַבאָ יאָ זנאַיע...

ביינאַכט איז לאַטישעוו געלעגן נעבן מנחמען און גערעדט:

— אומעטום איז דער גריגאָרי לאַטישעוו געווען אין רוסלאַנד. אומע־טום! אַפילו אין אייער מינסק אין אַ שוך־פאַבריק מיט יעווריעס. געווען

דאָרט אַ מעכאַניקער. דערנאָך געוואָגלט אַזש ביז דעם ווייטן־מיזרח, ווידער אין ניזשני. דערנאָך האָט מען מיך פאַרזעצט אין אַ לאַגער. פאַרוואָס? גיי פרעג! אפשר איז שולדיק געווען מיין שיכּורע צונג און אפשר די דאָליע די ביטערע. וואָס בין איך אַלץ ניט געווען: אַ טראַקטאָריסט, אַ קאָמביינער, אַ מעכאַניקער אויף אַ שיף. און מיין משפּחה? מיין הויז? — ער האָט געוויזן זיינע הענט. — דאָס איז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג! ערגעץ איז דאָ אַ ווייב אין אוראַל. דריי קינדער. און פאַר דעם ווייב איז געווען אַן אַנדערע. אַמאָל נעמט אַ בענקשאַפט אַן ביים גאָרגל. מען לאָזט דיך ניט איינזיצן אויף אַן אָרט. עס איז מיר געוואָרן פערציק יאָר. ביינאַכט וועט מען קומען און זאָגן: לאַטישעוו, נעם דיין מאַנטל און קום... כ׳וועל ניט פרעגן וווהין... עס איז ניט וויכטיק... דאָס פלעשל האָט מיר געהאָלפן... אומעטום האָב איך געטרונקען... איצט איז גוט. דאָ טרינק איך ניט ווייל איך האָב ניט קיין פּחד... כ׳טרינק אַ טראָפּנדל נאָר פאַר היימלעכקייט וועגן. פאַרן אייגענעם פאַרגעניגן... מען מוז איינגעצן דעם גאָרגל... אָבער דאָרט, אין די שאַכטעס, אין די פאַבריקן, צווישן די שפּיזיקע אייגעלעך פון די אונטערטראָגער און מוסרים — דאָרטן בין איך אַ שיכּור. דאָרט האָט מען געזאָגט: לאַטישעוו? דאָס איז דאָך אַ זויפער אַ ניט־הײלבאַרער, אַ שאָד זיך מיט אים צו פאַרנעמען. ער וואַלגערט זיך דאָך אין די קאַנאַוועס...

פאַר טאָג האָבן זיך אַלע געוואַשן ביים ברונעם. לאַטישעווס לייב איז אויסגעטאַטויִרט פון אויסטערלישסטע צייכנס. אַ רויב־פויגל מיט צעשפּרייטע פליגל האַלט אין די נעגל אַ פרוי... אַ קינזשאַל וואָס האַקט דורך אַ האַרץ... ציפערן, גרויסע מיט איניציאַלן...

— דו, מיכאַיל, האָסט אויפן לייב ניט קיין סימן. אַזוי ווי שניי ניט געטראָטענער... ווי דו וואָלסט נעכטן געבאָרן געוואָרן... דעם אָדלער מיט דער געפאַנגענער האָב איך געלאָזט אויסטאַטויִרן אין טשיטאַ. אוי, איז דאָרט געווען אַ ספּעציאַליסט. אַ לעגינגראַדער כודאָזשניק. זאָל מען דערקענען מיין דאָליע. דער קינזשאַל מיטן האַרץ איז צוליב אַ נקבה. זי איז ערגעץ פאַרשוווּנדן. די דאַטעס דאָס זענען פון די נעכט ווען איך האָב איר אַלץ באַשלאָפן. אָט איז מיין גאַנץ לעבן. כ׳טראָג עס אויף זיך, אויף מיין אייגענער הויט.

דער אַלטער, פון הינטער פערם, ניקאַליי ראַביצעוו האָט זיך ניט געקענט אָפּלויבן פון די פריצישע פערד וואָס ער האָט געזען אין דעם דאָרף. ער איז געשטאַנען אין שטאַל און געגלעט די פערדישע קערק. דער וואַרעמער פערד־אָפּפאַל האָט אים געשלאָגן אין די נאָזלעכער און ער האָט געאָטעמט דעם ריח פון פאַרלעגן שטרוי, פון פערד־שווייס.

אין דער פעלד־קיך האָט ער באַגעגנט מוסאַן.

— אין פערם איז געווען אַ מוזשיק, פּאַוולאָוו זאַפּראַלאָוו האָט מען אים גערופן. האָט ער געהאַלטן אין דער אַלטער צייט די פּאָסט־פערד. עך זעגען דאָס געווען פערד. האָט מען די פערד אַוועקגעגנבעט. איינעם האָט מען געבראַכט צו מיר אין מיטן דער נאַכט. זאָגט דער גנב: ניקאַליי, קויף ביי מיר אַ פערד. כ׳וועל דאָס פערד דיר אַוועקגעבן פאַרן האַלבן־פּרייז. קוק איך אָן און דערקען אַז ס׳איז אַ געגנבעט פערד. דאָס האַרץ ציטערט אין מיר. די פעל גלאַנצט... דאָס פערד הירזשעט. עך, האָט מיך אָנגענומען אַ חשק. כאָטש אַ וואָך אַרומצופירן זיך מיט אַזאַ פערדל. נו, האָב איך איינגעהאַנדלט. צומאָרגנס קומט דער פּריסטאַוו. אָט איז דאָס פערד! און אַז דאָס פערד איז דאָ ווייס מען שוין איצט ווו דער מערדער איז דאָ! פאַרוואָס האָסטו דער־הרגעט זאַפּראַלאָוון? ניט געקענט באַווייזן מיין אומשולד און כ׳בין אַוועק אויף קאַטאָרגע. ס׳האָט ניט געהאָלפן מיין פאַלן דעם ריכטער צו די פיס, ניט דאָס רייסן די רובאַכע, ניט דאָס בעטן. מען האָט מיך פאַרשיקט. ערשט די אָקטיאַבערסקע האָט מיך באַפרייט. מען האָט דערזען אַז כ׳בין אומשולדיק. אַ קראַסנער פּאַרטיזאַן געוואָרן. און ווידער בין איך געוואָרן ניקאַליי ראַביצעוו. אָבער ס׳איז ניט דאָס וואָס געווען...

מוסאַ האָט אומגעדולדיק אונטערגעטאַנצט אויף אַן אָרט און געקוקט אויף ראַביצעוון מיט אַ הכנעה־בליק.

— טי בראָט כאָראָש... כאָראָש...

מיט לאַטישעוון האָט ראַביצעוו ניט געלעבט בשלום.

— די שטאָט האָט אים קאַליע געמאַכט. די שפּראַך איז שוין ביי אים אַן אַנדערע. ניט פון אַ מוזשיק נאָר פון אַ גאָראָדנער... אַ שטאָטישן... ניט אַלע ווערטלעך זיינע פאַרשטייסטו... ער איז אַ נערוועזער... כ׳האָב אַמאָל געהאַט אַ פערד, האָב איך דאָס פערד פאַרדונגען אין שטאָט אַריין אויף אַ

ווינטער צו טראָפּימען און אַז כ׳האָב ס׳פערד צוריק געבראַכט אין דאָרף אַריין האָב איך עס ניט דערקענט... ס׳וואָרפט מיט די אונטערשטע פּיס... ס׳איז נאַראָוויסטע... לאָזט זיך ניט אָנטאָן דעם כאָמעט... הירזשעט... נישטערט מיט די נאָזדרעס אין דער קאָריטע... פאָרסקעט אַרויס דעם האָבער... געמוזט עס אַ טאָטער פאַרקויפן אויף פליישׁ... אַזאַ איז אויך דער לאַטישעוו. ער וועט זיינע יאָרלעך ניט אויסלעבן פאַ־דאַבראָמו...

און אַז ראַביצעוו האָט געטראָפן מנחמען אין אַ פרייער רגע איז ער אויפגעלעבט געוואָרן.

— דו ביסט איצטער ביי זיך אין דער ראָדינע... אין „פּאָלשע״... די ערד איז דאָ אַ שוואַכע... ס׳טרעפן זיך גוטע ערטערלעך אויך... אָבער מיסטיקן דאַרף מען אַ סך...

— ביסט אַ פּאָליאַק, מיכאַיל?

— אַ ייִד.

— אַ ייִד איז ניט קיין פּאָליאַק?

— אַמאָל איז עס געווען דאָס זעלבע. היינט איז עס שוין ניט דאָס זעלבע. היינט איז באַזונדער...

ראַביצעוו האָט געצויגן די אַקסלען און געפירט מיט דער דלאָניע איבערן שטערן.

— פאַרוואָס האָט דער גערמאַניעץ אויסגעהרגעט די יעווריעיעס? מען זאָגט אַז עס איז שוין כמעט קיינער ניט געבליבן?

מנחם האָט געשוויגן. וואָס זאָל ער זאָגן ראַביצעוון? וואָס זאָל ער זאָגן דעם רוסישן פויער פון הינטער פּערם, דעם פויער וואָס האָט אַ קאַלמיקיש פּנים, טאָטערישע אויגן און אַ מאָנגאָלישן געשטעל? ער וואָלט געקענט זיין אויף יענער זייט פראָנט, צווישן די דייטשן און וואַרפן זיך מיט אַ נאַקעטן באַגנעט אויף זיינע אייגענע ברידער די רוסן און וואָלט קיין ציטער ניט געטאָן. ער וועט צו יעדער רגע, אויף יעפימאָווס באַפעל גיין אין אַטאַקע קעגן די דייטשן. און אַז מען וועט אים זאָגן — ראַביצעוו ביסט פריי — וואָלט ער געלאָזן די אָקאָפּעס און אַוועקגעשפּאַנט צו פוס ביז פּערם. און אַז עמעצער וועט אים אַריינשעפּטשען אין די נעכט אַז מנחם איז אין אַלעם שולדיק וועט ער מנחמען דערהרגענען. דער זעלביקער ראַביצעוו

וואָס וועט ניט איבערלאָזן אַ פאַרוווּנדעטן אויפן שלאַכטפעלד און וועט איינשטעלן דאָס לעבן אים צו ראַטעווען.

און אַז מנחם האָט אים געזען אין די נעכט זיצן אויפן ראַנד פון דער טראַנשיי מיטן אויטאָמאַט, אַ דרימלענדיקן, אַ מידן, האָט ער אים אויסגעמיטן. ער האָט זיך געשראָקן פאַר זיין שטילקייט, פאַר דעם עקשנותדיקן שווייגן, פאַר די געזשמורעטע אייגעלעך און פאַר די פראַגן, כלומרשט נאַיווע וואָס ראַביצעוו האָט אים פון צייט צו צייט געשטעלט.

ס'איז אַ יולי־נאָך־מיטאָג.

די אינטענדאַנטן האָבן רעזערווירט אַלע שייערן. מען לאַגערט דאָרט קאַסטנס פון לאַסט־מאַשינען. זעלנער רעקוויזירן פויערשע פורמאַנקעס. זיי פירן לאַדונג צו די זייטיקע וועגלעך ווו אויטאָס קענען ניט דורכגיין.

— די אינטענדאַנטן קאָנען זיך ניט צונויפרעדן מיט די פויערים. — האָט כאַטשאַפּ געזאָגט צו מנחמען, — מוזט אַרויסהעלפן.

אין שטאַב־צימער איז אָנגעוואָרפן. סטאַלינס בילד הענגט אויף אַ טאַפּעטן־וואַנט. דער טיש איז באַדעקט מיט אַ טונקעלן געוואַנט און אויפן טיש וואַלגערן זיך שטיקער צעריסענע צייטונגען, רעשטלעך פון ציגאַרן ניט־דערייכערטע און גלעזער.

— זעץ זיך.

מנחם האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ געבעטער שטול. ער האָט געקוקט אויף די שענקלעך, אויף די אַלערליי שטולן און פאָטעלן, ער האָט געזען דאָס גלייכגילטיקע גאָרניט־זאָגנדיקע פּנים פון הויפּט־קאָמאַנדיר און ס'האָט אים אַרומגענומען אַ לאַנגווייל. וואָס וויל ער, דער כאַטשאַפּ, מאַכן מיך פאַר זיין שאָטן, ווערן זיין פּערזענלעכער אויסטייטשער?

— ווילסט פאַררייכערן?

— ער האָט אַרויסגענומען אַ זילבערנע ציגאַרן־פּושקע.

— אַ טראָפעינע. באַקומען פון אַ סאָלדאַט. די פּאַפּיראָסן זענען עכט־גערמאַנסקע.

מוסאַ האָט געבראַכט פאַרבייסעכץ.

כאַטשאַפּ האָט זיך אָפּגעווישט דאָס מויל מיט דער האַנט.

— הער מיכאַל. דו ביסט אַ גראַמאַטנער. קענסט פּויליש. קענסט דייטש. מען האָט זיך געפרעגט אויף דיר פון דער דיוויזיע. און דו, דו שלאָנדערסט זיך אַרום אין שטאָל. — כאַטשאַפּ האָט זיך פאַרטראַכט און דערנאָך אומגעריכט געפרעגט:

— פאַרוואָס גיסטו ניט אָן אַ ווענדונג אַז מען זאָל דיך איבערשיקן אין די פּוילישע דיוויזיעס?

— מיר איז אַלץ איינס. כ׳קאָן דאָ אויך בלייבן.

— מוז דאָך זיין אַ סיבה וואָס דו ווילסט ניט?

— כ׳ווייס ניט.

מנחמס אויסמיידנדיקע ענטפערס האָבן כאַטשאַפּן ניט באַפרידיקט. אין זיין מוח האָט זיך עפּעס געשאַרפט. ער באַהאַלט זיך אוודאי אויס פאַר זיינע אייגענע. אפשר זוכן זיי אים, און די רוסישע איינהייט איז פאַר אים אַן אַנטרינונג? נעכטן האָט ער ווידער געקוקט אין מנחמס מיליטער־אַקטן וואָס זענען איבערגעשיקט געוואָרן אין דער דיוויזיע, און פון דער דיוויזיע זענען זיי אָנגעקומען צו כאַטשאַפּן. קיין פּחדן איז ער ניט, פאַרוואָס האָבן אָבער אַלע פיינט די ייִדן? עפּעס מוז דאָך זיין אין דער דאָזיקער פיינטשאַפט? די פּאָליאַקן האָבן זיי אויך ניט ליב. נעכטן האָט דער אַלטער פּאָליאַק פון דעם הויז געזאָגט צו כאַטשאַפּן: מיר, פּאָליאַקן האָבן גאָרניט פאַרלאָרן... גאָרניט פאַרלאָרן אין דער מלחמה... יאַק באָגאַ קאָכאַם... פאַר די געדמאַנצעס האָבן מיר געהאַט אַן אינעווייניקסטע אָקופּאַציע פון אונדזערע זשידעס... אַז די גערמאַנצעס האָבן אונדז אָקופּירט האָבן זיי אָבער אונדז באַפרייט פון די זשידעס, זיי האָבן אָפּגערייניקט די שטעט פון ייִדן. די שטעט זענען פאַר־פּוילישט געוואָרן. איצט זענט איר, רוסן, אַריינגעקומען אויפן אָרט פון די דייטשן... מיר האָבן גאָרנישט פאַרלאָרן, גאָרנישט פאַרשפּילט... פּוילן בלייבט פּוילן... אַלץ איז ווי געווען... — אַזוי האָט גערעדט דער גאָספּאָדין וואָלסקי.

— — דאַ־דאַ, מיכאַיל, אַזוי האָט גערעדט דער אַלטער. ער קען רוסיש, דער פּאָליאַק.

מנחם האָט ניט געקאָנט איינזיצן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און אָנגע־שפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער שויב. אַ היץ האָט אים אַרומגענומען.

— ווו איז דער אַלטער?

כאַטשאַפּ האָט הנאה געהאַט פון מנחמס כעס. ער האָט אים נאָכגעקוקט און געשמייכלט.

— נעם נאָך אַ גלעזל. זשאַלעווע ניט.

מנחם האָט האַסטיק איבערגעקערט אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז. ער איז אַרויס אויף דער גאַס. יעפימאָוו איז געקומען צו פאָרן אין אַן אָפענעם לאַסט־וואָגן. ער האָט אויסגעזעצן צו זיין אומרויק.

דאָס איז געווען אַ פאַרוואָלקנטע נאַכט. אויף מיזרח בליצט. די ראַנדן פון די שוואַרצע וואָלקנס זענען מיט אַ מאָל באַלויכטן געוואָרן. אַ פאַר־טריקנטער בוים, אָן בלעטער, מיט שוואַרצע צווייגן איז אויפגעשפרונגען, געקלעטערט צו די אימהדיקע נאַכט־הימלען און אַ פּאַל־געטאָן אין חשכות אַריין. די רעפלעקטאָרס האָבן געשניטן אַ וועג אין די וואָלקנס, אין די פעלדער און וועלדער. אין די ליכט־פּאַסן וואָס האָבן זיך געהוידעט איבערן דאָרף האָט מען געזען ווימלען סילועטן פון זעלנער. טייל האָבן זיך געזאַמלט ביי שייערן, טייל ביי די לאַסט־וועגענער. עמעצער שלעפּט אויף זיך אַ שווערע משא, איינער קייקלט אַ פאַס. אויף פויערישע וועגענער שלעפּן זיך זעלנער. מען פירט אַ פויער. אַ סאַניטאַרין אין אַ ווייסן כאַלאַט לויפט־איבער פון איין הויז צום אַנדערן. ביי אַ טאַנק פאַרען זיך זעלנער און קלימפּערן אין שטאָל מיט שווערע מכשירים. אַ סאָלדאַט טרייבט בהמות פון פעלד. אויף אַ שוועל ליגט אַ זעלנער מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן אויף הינטן.

אַ זייטיקער מענטש, וואָס זאָל פלוצעם אַריינפאַלן אין דאָרף סטשע־גאָווא און זען אָט אָ דעם סאָלדאַטן־געווימל איבער די דאָרפגעסלעך, דעם משונהדיקן און כאַאָטישן, וועט ער בלייבן דערשטוינט. איז דען דאָס אַ דאָרף וואָס איז באַזעצט פון רעגולער מיליטער? ניין. סטשעגאָוואָ זעט אויס ווי אַ הפקרדיקער בינשטאָק וואָס אַ צעווילדעוועטער אָקס טראָגט אים אַרום אויף זיינע הערנער און האָט אים פלוצעם אַ שליידער־געטאָן און צעטראָטן מיט די פיס. אָט, וואָגלען די איינצלנע בינען איבער גראָזן, אבער צווייגן, קריכן אויף שטעגלעך, ווילן זיך אויפהייבן צום פלי און פאַלן גלייך אַרונטער. אָט קנוילן זיי זיך אין גרופּעס און דרייען זיך אין אַ ראָד אויף אַן אָרט. אַ געניט אויג, וואָס וועט זיך אָבער גוט צוקוקן צו די אויסטערלישע נאַכט־

באַוועגונגען פון די סאָלדאַטן, וועט באַמערקן דאָרט אָרגאַניזאַציע. אין דעם פּלומרשטן אויסערלעכן כאַאָס וועט ער דערזען עפּעס אַזוינס וואָס מ׳קאָן עס ניט אויפכאַפּן גלייך מיטן בליק. אין דעם אַלעם איז דאָ תּכליתדיקייט, ציל און איבער אַלעם וואַכט אַ האַנט פון אַ באַפעלער. מ׳זעט איר ניט, די האַנט פון באַפעלגעבער, אָבער זי איז דאָ. זי איז דאָ אין די קלענסטע נאַכט־באַוועגונגען פון יעדן איינצעלנעם סאָוועטישן זעלנער.

מנחם האָט זיך אַרומגעדרייט אין סאָד פון וואָלסקיס גוט.

ער האָט געקוקט אויף די שלעכט־באַלויכטענע פענצטער פון אייבערשטן שטאָק. דאָרט האַלט זיך אויף דער אַלטער פּוילישער פּריץ מיט זיין משפּחה.ביידע פליגלען זענען באַזעצט פון שטאַב־אָפיצירן.

אין סאָד איז קיל און פייכט. די נידעריקע פלוימען־ביימלעך טונקלען זיך ביי אַ ציגלוואַנט. אויף יענער זייט וואַנט הערט מען טריט פון אַ וואַכ־פּאָסטן. די טריט זענען רעגלמעסיקע און נאָך יעדן שפּאַן קלימפּערט עס אָפּ. דאָס איז אוודאי פון אויטאָמאַט אָדער פון די לויזע רימענס וואָס שלאָגן זיך אָפּ אָן שטאָל.

אין אַ פענצטער, אויפן ערשטן שטאָק האָט אַ האַנט אַוועקגעבויגן דעם פאָרהאַנג. עמעצער קוקט אין סאָד אַריין. דאָס איז אַ פאַרשאָטנטער סילועט פון אַ פרוי. ווער קען דאָס זיין? פאַרוואָס קוקט זי אַזוי לאַנג אין דעם נאַכטיקן סאָד אַריין? אפשר וואַרט זי אויף עמעצן וואָס דאַרף די רגע אָנקומען?

מנחם האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ קוסט. ער איז געפאַלן. דאָס זענען שטעכקוסטעס און קראַפּעווע וואָס האָט אים צעבריט די הענט. פאַרוואָס האָט ער מיך אַזוי אָנגעטרונקען דער כאַטשאַפּ? די שלייף־אָדערן קלאַפּן רעגל־מעסיק. די אויגן זענען קלענער געוואָרן און שאַרפער. די אומרויִקייט צעריננט אַזוי ווי אַ טוי־נעפּל.

ביים אַריינגאַנג האַלט וואַך דער פערמער, ניקאָליי ראַביצעוו.

— מיכאַיִל, מיכאַיִל! — רופט ער — וואָסער טשאָרט פירט דיך אַרום אין דער נאַכט?

— זדראַוו אַלטע שעלמע! זדראַוו פאַטערל!... ס׳איז טרויעריק... אוי, וואָלט איך נאָך אַ קליינעם זופּ־געטאָן... דאָס וואָלט מיך אויסגעניכטערט... מען מוז טרינקען אויף אויסניכטערונג...

מנחם האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן טירל. דאָס גאָרטן־טירל האָט זיך אַ וויג־געטאָן און ער האָט זיך מיטגעוויגט.

— גיי זיך, מיכאַיל, מ׳וועט דיך דאָ טרעפן... וועסט האָבן צרות... וואָסער נקבה האָט דיך אַזוי אָנגעזשלאָקעט? אַוודאי די מיט דער שוואַרצער בראָדעווקע אויף דער אייבערשטער ליפּ? זי וווינט נעבן קאָסטשאָל?... נאָך דער וואָך וועל איך דאָרט גיין...

אָנשטאָט אַוועקצוגיין איז מנחם אומגעריכט פאַר ראַביצעוון אַריין אין פּריצישן הויז. ער איז אַריין דורך אַ זייטיקן גאַנג, ניט דורך דעם פּראָנט ווו עס איז געשטאַנען נאָך אַ וואַך. ער איז געגאַנגען אויף די שמאָלע טרעפּ פון הינטערשטן אַריינגאַנג.

ראַביצעוו האָט גערופן צו אים פאַרהוילן: — העי, ווו ביסטו דאָס ניט־גוטער איינגעזונקען?... מיכאַיל?... וווהין טראָגט דיך דער ביעס?... גיי צוריק... מ׳טאָר ניט...

ראַביצעוו האָט זיך איינגעהערט אין מנחמס טריט און איז אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט זיך געקייקלט אויף די טרעפּ־אַרויף און בייז געוואָרטשעט: ער וועט עפּעס אָפּטאָן, דער מיכאַיל... דערנאָך וועט עס אויסגיין צו מיין קאָפּ... אַזאַ ניעטשיסטאַיאַ סילאַ... אַזאַ אָנגעזויפּענער...

מנחם האָט מיט איין שטויס צעפּראַלט אַ טיר. אַ פּאַס ליכט איז געפאַלן אויף די טרעפּ. דאָס צימער איז ליידיק. איין וואַנט איז אין גאַנצן באַשטעלט מיט אַ גלעזערנער קרעדענס. ביי דער צווייטער וואַנט שטייט אַ קלאַוויר און אין מיט פון צימער אַ קליין קאָכל־טישל מיט פּאָטעלן.

— העי, גאָספּאָדאַזש! גאָספּאָדאַזשו! וואָס? איר זענט אויסגעפּגרט? רופט אייך אָן! פּאָליאַצי! שליאַכטאַ! פּשאַ־קרעוו!

אַ זייטיקע טיר, וואָס פירט אין די אינעווייניקסטע צימערן האָט זיך פּאַמעלעך געעפנט, און אין דער טיר, איז שטיין־געבליבן אַ יונגע פרוי. זי איז געווען גוט־פּאַרקעמט, מיט גרויסע טונקעלע אויגן, אַ שמאָל־פּנימדיקע, אַ שלאַנקע און אויף דעם ווייסן האַלדז איז געהאַנגען אַ גרויס שנור קרעלן שוואַרצע ווי די טשערעשניעס.

— וואָס ווילט איר, סאָלדאַט?

די שטים האָט אים אומרויִק געמאַכט.

ער איז צוריקגעטראָטן אויף אַ שפּאַן און זיך פאַרנויגט. אין דער רגע האָט זיך באַוויזן אין דער טיר ראַביצעוו און אים אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם.

— קום אַוועק... ביסט מיר אַ שאָד... איך וועל אויך אַריינכאַפּן פון הויפּט־דעזשורנעם... קום מיכאַ׳ל...

מנחם האָט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט צו ראַביצעוון. ער האָט גערעדט צו דער פרוי.

— כ׳וויל גאָרנישט... גאָרנישט וויל איך... — האָט ער געזאָגט אויף פּויליש. — כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען דורך דעם סאָד און אייך געזען... אָבער ניט צו אייך בין איך געקומען... צום פּאַן וואָלסקי... געוואָלט אַ רייד־טאָן אויף פּויליש... שוין באַלד פאַרגעסן דאָס לשון... כ׳שטאַם פון פּוילן... ניט ווייט פון דאַנען...

מנחם איז געשטאַנען אַן אומבאַוועגלעכער. ער האָט איצט גערעדט שטיל, וואָרט נאָך וואָרט. אויך ראַביצעוו איז רויִק געוואָרן זעענדיק מנחמס צוריקגעהאַלטנקייט.

— דער פּאַן וואָלסקי רוט... כ׳קען אים רופן אויב איר ווינטשט זיך... איר זענט אין דער רוסישער אַרמיי? די וואָס האָבן איינגענומען סטשעגאָוואָ?... אַ פּאָליאַק?

— אַ פּאָליאַק? — האָט מנחם איבערגעפרעגט איר פראַגע. — איר מאַכט אַ טעות... אַ קליינעם טעות... און אפשר האָב איך געמאַכט דעם טעות... כ׳מיין, מיר אַלע וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר פּאָליאַקן?... איך בין אַ ייִד... אַ ייִד פון פּוילן... זאָגט עס אייך גאָרנישט, מאַדאַם?...

און אין דער רגע איז עפּעס געשען. ניקאָליי ראַביצעוו האָט עס ניט געקענט פאַרשטיין. עפּעס אַזוינס וואָס ער האָט ניט איין מאָל דערנאָך דערציילט פאַר די סאָלדאַטן.

די יונגע פרוי איז אַרויפגעפאַלן אויף מנחמס אַקסל און מיט די הענט אַרומגענומען זיין האַלדז. זי האָט געוויינט, דערנאָך געלאַכט. זי האָט מנחמען אַ קוש־געטאָן און שנעל אָפּגעטראָטן פון אים.

— איר זענט אַ ייִד! אַ ייִד! אַ ייִד! אַדאַנק אייך... אַדאַנק אייך דערפאַר וואָס איר זענט אַ ייִד... אַדאַנק...

מנחם איז געשטאַנען ביי דער טיר. דער קאָפּ איז אים שווער געוואָרן און ער האָט אים אַראָפּגעלאָזט. די אויגן־ווינקלען זענען פול געוואָרן מיט טרערן.

— איר האָט געטרונקען... צו פיל געטרונקען... פאַר וואָס טרינקט איר?...

זי האָט אים געהאָלפן אַוועקזעצן זיך אין פאָטעל. מנחם האָט גע־שטאַמלט. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער פרעמדער און זיי גלייך פאַרזונקען. ראַביצעוו איז אַוועק. — כ׳מוז צו דער וואַך... ביים טוישן זיך וועל איך דיך נעמען... בלייב דאָ, אוי, זיכער אַן אייגענע... וואָס ס׳טרעפט זיך אַלץ אויף גאָטס וועלט?...

מנחם האָט זיך דערנאָך איינגעהערט אין ראַביצעווס שווערע טריט אויף די טרעפּ.

פרויִשע הענט האָבן באַרירט זיינע צעשויבערטע האָר. אַ טרערן־שטים האָט צו אים גערעדט: — דער ערשטער ייִד... ווי איך האָב געוואַרט... קען איך עפּעס טאָן פאַר אייך... ווי מיד איר זענט. איר האָט געטרונקען, אַ סך געטרונקען. מ׳דאַרף ניט. מ׳טאָר ניט. איר טאָרט ניט. וואָס איז מיט אייך? איר זענט געפאַלן? אָ, ווי איר זענט פאַרבלאָטיקט?

מנחמען האָט געקלעמט ביים האַרץ. ער האָט געוואָלט זיך אויפ־הייבן נאָר די פרויִשע הענט האָבן אים צוריקגעזעצט.

— זיצט אַזוי. זיצט. רוט אייך אויס.

זי האָט געעפנט אַ גלעזערנע שאַפע. געזוכט דאָרט, געקלימפּערט מיט גלעזער.

— כ׳וויל גאָרנישט. גאָרנישט. גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפן. איך מוז דאָך עמעצן טרעפן. אַזוי פיל טויזנטער מייל און אַ פּוסטקייט. אַ וויסטיקייט שפּרייט זיך פאַר מיר אין דעם דאָזיקן פּוילן.

דאָס ריידן האָט אים דערלייכטערט. די קלעמעניש איז פאַרשוווּנדן. די ליפּן ציטערן מער ניט.

— ס׳איז גאָרנישט. שרעקט אייך ניט. ס׳וועט אַריבער. טייל מאָל איז אַזוי טרויעריק אויפן האַרצן.

— פון וואַנען שטאַמט איר? — האָט ער געפרעגט.

— פון פלאָצק. מיין נאָמען איז גאָלדין, סאַבינע גאָלדין.

— פון פלאָצק?

— פאַרוואָס וווּנדערט איר זיך?

— איך קען פלאָצק. כ׳שטאַם פון וואַרשע.

מנחם האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן און געפּרוּווט שמייכלען. זיין פּנים איז געוואָרן ערנסט און צוויי קאַרבן האָבן אַ טונקל־געטאָן אויפן שטערן.

— האָט אייך וואָלסקי אויסבאַהאַלטן?

— אויסבאַהאַלטן... ער ווייסט אָבער ניט אַז כ׳בין אַ ייִדישע... ער איז גוט געווען צו מיר... כ׳פיר דיווירטשאַפט... ס׳איז דאָ אַ דינערשאַפט... נאָר איך... איר פאַרשטייט? די אומזיכערקייט... דאָס געיעג אויף ייִדן... איך האָב געמוזט... אָבער דאָס איז איבעריק צו דערציילן. דאָס איז אייגנטלעך ניט וויכטיק פאַר אייך...

זי האָט געמאַכט אָנשטרענגונגען כּדי צו לאַכן.

פון שכנותדיקן צימער האָבן זיך דערהערט שאַרנדיקע טריט. אַ טיר האָט זיך צעעפנט מיט געסקריפּעריי. אין דער טיר איז געשטאַנען אַ ביינערדיקער זקן מיט אַ לענגלעך פּנים. אַ פאַרמעט־פּנים מיט צעשויבערטע וואָנצעס פון אַ שטרוי־קאָליר און מיט אַ פוסטן צעקנייטשטן גוידער וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּענכער פון אַ בהמה אין וועלכער פויערים האַלטן מאַכאָרקע.

דער זקן האָט געקוקט אויף מנחמען מיט פאַרשנדיקע אויגן.

— ווער איז דער יעגאָמאָשטש און פון וואַנען האָט ער זיך אַהער פאַרשלעפּט?

די פראַגע איז געווענדט געווען צו דער יונגער פּאַני. זי איז געפרעגט געוואָרן אין אַזאַ טאָן וואָס האָט באַליידיקט ניט נאָר מנחמען נאָר אויך דער געפרעגטער. אַזוי רעדט מען צו שטוב־מענטשן איבער וועלכע מ׳האָט אַן אויבערהאַנט.

— ניט קיין „יעגאָמאָשטש״, פּאַן וואָלסקי, און ניט פאַרשלעפּט זיך. כ׳בין אַליין געקומען. געהערט אַז ס׳ווינט דאָ אַ פּאָליאַק... אַן אמתער פּאָליאַק...

דעם אַלטנס געלע פינגער האָבן אויפגעציטערט.

— דער פאַן רעדט אַזוי גוט פויליש... אַ פּאָליאַק? דו הערסט סאָבטשו? ברענג עפּעס אַריין אויפצונעמען... כאָטש מען האָט שוין אַלץ צעשלעפּט... אָבער פאַר אַן אייגענעם... וואָס טוט מען ניט פאַר אַן אייגענעם? געזוכט אַ היימישן... אַ נאָענטן... איז אייער דיוויזיע אַ סיבירישע?... כ׳האָב ליב רוסן... „פּאָנימאַיעטע”... איך קען רוסיש... געלייענט פּושקינען... געווען אין פּיטער... אָבער אַ פּאָליאַק צו טרעפן אין דער אַרמיי איז אַ גליק... ביטע טוט אויס דעם שינעל... סאָבטשו! סאָבטשו! ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? סאָבטשו!

מנחם האָט זיך איינגעהערט אין דעם אַלטנס רייד. ער האָט געהערט ווי ער שאַרט די שטעק־שיך און דאָס שאַרן ריצט אים אָפּ אין שאַרבן מיט אַ זאַמדיקן געריץ. דער געסקריפּ האָט אים אויסגעניכטערט. ער האָט מיט אַ מאָל שאַרף זיך איינגעקוקט אין אַלטנס פּנים, פאַרהאַלטן דעם בליק אויפן ברוינעם סורטוק מיט די גרויסע קנעפּ און העל־רויטע קנעפּ־פּעטליעס און גרינע שלייפן.

— ווער איז די פרוי, וואָס איך האָב דאָ געטראָפן?

— דאָס איז מיין ווייב!

וואָלסקי האָט בייז געשאָקלט מיטן קאָפּ. דער צעקנייטשטער אַראָפּ־הענגענדיקער גוידער האָט זיך אַ וויג־געטאָן ווי דער אונטערשטער קאָם ביי אַן אַלטן האָן. אין דער רגע איז אָנגעקומען די יונגע פרוי מיט אַ טאַץ.

— פון וואַנען שטאַמט איר? — דער אַלטער האָט געוואָלט מיט דער פראַגע אַריבערגיין צו אַן אַנדער געשפּרעך.

— דאָס איז ניט וויכטיק אין דער רגע. יעדנפאַלס ניט קיין שליאַכ־טשיץ... אייער יחוס איז גרעסער, פּאַניע וואָלסקי...

— הם־הם... כ׳האָב ליב אָפענע מענטשן... אַוודאי פון פויערים?... און אפשר פון באַאַמטע? אַך, פוילן... פוילן... אָט דוכט זיך אַן אָנפּאַר... אַן אָנלויף פון רוסן און צווישן זיי איז דאָ איינער וואָס טראַכט אויף פויליש... וואָס חלומט אויף פויליש און רעדט פויליש...

— גענוג... ס׳טוט מיר לייד אייך צו אַנטוישן... כ׳בין אַ ייִד...

דער אַלטער איז צעטומלט געוואָרן.

— הם־הם... דאָס איז אַלץ איינס... אַלט־גלויביקע... פון משהס גלויבן... געקאָנט אַזעלכע... געהאַט גוטע פריינד צווישן זיי... גוטע פּאָליאַקן...

— ניט אַלץ איינס! זאָגסט ליגן, דו אַלטער פוקס! מיר האָבן געוואָלט אַז ס'זאָל זיין אַלץ איינס... מיין פאָטער האָט געוואָלט... ער האָט פאַר אייער „וואָלנאָשטש" געקעמפט. און איצט — איר זענט פטור געוואָרן פון די יידישע „אינעווייניקסטע אָקופּאַנטן". מען האָט זיי אויסגעהרגעט און ריין־געמאַכט די פּוילישע שטעט... בעסער „אויסערלעכע אָקופּאַנטן". כ'ווייס פון דיינע געשפּרעכן. געהערט. היי, דו, אַלטער! וואָס גלאָצסטו מיט די שליפּיעס די הכנעהדיקע, די פאַלשע, די שטאָלצע און די האָנאָרישע... האָנאָר געמישט מיט ביטערניש... פּאַטריאָטיזם געמישט מיט אַ ווילן צו פאַרקויפן זיך און דאָס לאַנד... מען שפּירט דאָך שוין פון דיר טוכלעקייט... ווי פון אַן אַלטן בוים אַ פּרוכנעוואַטן... ווי פון אַ פּגירה...

מנחם האָט זיך אויסגעקערוועט צו דער יונגער פרוי.

— פּאַני סאַבטשו, זייט אַזוי פריינטלעך צו אַ סאָלדאַט, גיסט אָן אַ כוסה!

דער אַלטער האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ אין בײדע הענט און געשוויגן נאָר די פאַרלאָשענע ליפּן האָבן זיך געעפנט און פאַרמאַכט, גע־עפנט און פאַרמאַכט ווי דאָס מויל ביי אַ פיש וואָס ווערט אַרויסגעשליידערט אויף דער טריקעניש.

די יונגע פרוי האָט אַרויפגעלייגט אירע וואַרעמע פינגער אויף מנחמס הענט.

— לאָזט אים צו רו, דעם אַלטן... מ'דאַרף ניט... כ'בעט אייך...

אין מנחמען האָט געברענט אַ פייער. ער איז ניט איינגעזעסן. דער פאָטעל האָט זיך האָסטיק אַ רוק געטאָן און מיטגעשאַרט אַ שטיק טעפּעך. ער האָט זיך דערמאָנט כאַטשאַפּס שפּיציקע אייגעלעך. ...די יידן האָבן אָקופּירט פּוילן האָט מען זיך באַפרייט פון זייער אָקופּאַציע... דאָס האָבן געטאָן די דייטשן... איצט זענט איר געקומען... מיר האָבן גאָרנישט פאַר־לוירן... פּוילן בלייבט אַזוי ווי געווען... מיר זענען געוווינט צו אַ פרעמד־מאַכט... שוין דערפאַר בעסער אַז דאָס זענען סלאַוויאַנער...

— העי, דו אַלטער, איצט וועט איר האָבן ווידער אַ טאָפּעלן אָקופּאַנט:

די רוסן און די ייִדן וואָס קומען צוריק קיין פּוילן! מען האָט אַלעמען ניט אויסגעהרגעט. ס׳וועט ווידער זיין אַ פֿאָלק. אָט בין איך! אָט איז נאָך עמעצער אַ ייִד!... שוין צייט עס צו זאָגן!... מ׳דאַרף זיך ניט שרעקן...
— מנחם האָט געקוקט צו דער פרוי און פאַרגעזעצט:

— וואָס וועט איר טאָן, פּאַניע וואָלסקי, אַז מיר וועלן ווידער באַזעצן וואַרשע, לאָדזש און אַנדערע שטעט אייערע? וואַרט נאָר אַ רגע, „אייערע" שטעט האָב איך געזאָגט? ווער האָט זיי געבויט די דאָזיקע פּוילישע שטעט? דו? דיינע עלטערן? די פּאָליאַקן? מיר האָבן זיי געבויט!

מנחם האָט אַ רוק־געטאָן פון זיך דאָס קאָכל־טישל. ס׳האָט זיך אומגעקערט אַ טאָץ קאַווע. ער איז געגאַנגען איבערן צימער הין־און־קריק.

אָנגעשפאַרט, מיטן רוקן צו דער וואַנט איז געשטאַנען סאַבינע גאָלדין. איין האַנט האָט זי געהאַלטן אויפן קלאַוויר.

אויף די טרעפּ האָבן זיך דערהערט טריט. שווערע טריט. זיי האָבן אָפּגעהילכט אין צימער און געמאַכט אויפציטערן דאָס גלאָזוואַרג.

וואָלסקי איז אַלץ געזעסן אַ גלייכגילטיקער, נאָר זיינע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבער דעם צימער. זיי האָבן געזוכט אויף דער פּאָדלאָגע, נאָכגעקוקט מנחמס טריט, געקוקט צום קלאַוויר וווּ עס איז געשטאַנען די פרוי.

אין צימער זענען אַריינגעפאַלן צוויי סאָלדאַטן: לאַטישעוו און ניקאָליי ראַביצעוו.

— קום מיכאַיל... גענוג... אין אַ שעה אַרום גייען מיר אַוועק פון דאָרף... — האָט גערעדט ראַביצעוו.

לאַטישעוו האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט.

— האָסט געטראָפן אייגענע? ווי מזלדיק. טאַקע קרובים?

— אייגענע... אייגענע... — האָט געזאָגט ראַביצעוו — כ׳האָב אַליין געזען אַז די פּאַני האָט זיך שטאַרק דערפרייט אַזוי ווי אַ שוועסטער...

דער אַלטער פּאָליאַק האָט זיך פלוצעם אויפגעשטעלט.

— וואָס האָט איר זיך אַריינגעריסן אין אַ פרעמד הויז... כ׳וועל איבערגעבן נאַטשאַלסטוואָ.

— כ׳האָב אַ שווערע האַנט, אַלטער, זעסט מיין האַנט? טאָ רוק

זיך אָפּ. ווילסט אפשר שליסן מיט איר באַקאַנטשאַפט?

ראַביצעוו האָט, ווי זיין טבע, מיט אַלע פינגער געקעמט די טשופּרינע אַזש ס׳היטל איז אים אַראָפּגעפאַלן.

— אוי איז דאָס אַ שאַפע מיט גלעזערנע שפּילצייג! צו וואָס דאַרף מען דאָס? קען מען דען ניט זשלאָקען פון אַ געוויינטלעכער קרוזשקע... אַ בלעכערנער אָדער אַ קופערנער? אוי, ווי ס׳בליאַסקעט!...

דער אַלטער איז געלאָפן צו די טרעפּ. ער האָט געפּלאָנטערט זיך מיט די זקנישע פיס.

— פּעטערל... פּעטערל... — האָט געשמייכלט לאַטישעוו — אַנט־לויפסט און לאָזט איבער דיין אייניקל... אַליין לאָזסטו איר איבער מיט דריי סאָלדאַטן?...

— ער וועט איצטער קיינעם ניט געפינען, דער פּאַליאַק... דער שטאַב איז שוין אַוועק. מיר גייען די לעצטע... — האָט געזאָגט ראַביצעוו און מיט פויערישער כיטרעקייט געקוקט אויף דער גרויסער גלעזערנער קרעדענס.

ס׳איז געוואָרן אומהיימלעך שטיל. מען האָט נאָר געהערט אַ טרוקן מאַנאָטאָן גערעדעריי אויף די טרעפּ, דערנאָך האָט זיך אַ וויג־געטאָן אַ שווערע טיר. דער ווינט האָט צוגעהאַקט אַ לויז פענצטער אַזש די שויבן האָבן אָפּגעקלימפּערט.

די יונגע פרוי האָט געעפנט דעם קלאַוויר־דעק. זי האָט זיך אַראָפּ־געזעצט אויף אַ קליין בענקל, אַ פיר־געטאָן מיט אַלע פינגער איבער די קלאַווישן. דער צימער איז פול געוואָרן מיט אַ גלאָקן־געקלאַנג ווי דאָס רופן פון קליינעם גלאָק פון פרימאָרגן־געבעט וואָלט זיך אויסגעמישט מיט דעם אָוונט־גלאָק און דעם שווערן גלאָק פון לוויות.

די קלאַווישן האָבן געבליאַסקעט. אירע פינגער זענען געלאָפן איבער זיי. זי האָט פּלוצעם איבערגעריסן און אויסגעבויגן דעם קאָפּ צו מנחמען און צו די סאָלדאַטן.

זיי זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. לאַטישעוו האָט גע־פּלאָנטערט מיט דער צונג:

— באַרישניאַ... ספּאַסיבאָ באַרישניאַ... עך, שפּילסטו... ס׳צערייסט

דאָס האַרץ... ס׳ציטערן די אָדערן.. ס׳פּלאַטערט דאָס נשמהלע, דאָס אומ־גליקלעכע...

לאַטישעוו איז קיין מאָל ניט געשטאַנען אַזוי נאָענט פון אַ קלאַוויר, ביי אַ יונגער שטאָטישער פרוי. ער האָט געזען אירע רונדיקע אַקסל, געזען די שיינע הענט אירע און די לאַנגע ווייסע פינגער, די אומרואיקע, וואָס פלאַטערן אַרום איבער די געלבלעכע העלפאַנט־ביינדלעך. ער איז גע־שטאַנען אויף אַ ווייכן טעפּעך, אַ טונקל־רויטן מיט ליכטיקע זיגזאַגן און קלעטקעס. די טאַפּעטן האָבן אים אָוועקגעפירט ערגעץ ווייט ווייט, אויף אַ יונגער לאָנקע ווו ס׳פּאַרגייט די זון. ער שלעפּט זיך אין אַ וואָגן. באַלד פאַלט צו די נאַכט. אָט איז שוין דער וואַלד. דאָס פערד גייט טריט ביי טריט. צו דער היים איז ווייט. גאָר ווייט. און אין וואַלד איז פינצטער און אומהיימלעך. ער וועט זיך פון דאָרט ניט אַרויסבאַקומען...

— באַרישניאַ, פאַרוואָס ביסטו שטיל געוואָרן... לאָז פריי דיינע הענטעלעך... זיי פלאַטערן ווי די טייבעלעך... עך, דו ביסט אַליין אַ גאָלובטשיק... אַ ליכטיק־פליגלדיקער גאָלובטשיק...

גריגאָרי אַפאַנאַסאָוויטש לאַטישעוו, דער שאַכטיאָר און מעכאַניקער, דער הויכער רוס מיט די שיפלעכע אויגן איז געשטאַנען אַ פאַרלאָרענער נעבן דער פרוי. ער האָט מיט אַן אומגעלומפּערטער האַנט באַרירט די ראַנדן פון קלאַוויר, געפירט די האַנט איבער די טונקעלע אויסבויגן פון האָלץ און פלוצעם האָט זיך זיין האַנט אַראָפּגעלאָזט מיט דער גאַנצער קראַפט אויף די קלאַווישן. ס׳האָט אַ פלייץ־געטאָן אַ שטראָם ווי אַן אייזדעק וואָלט אויפגעריסן געוואָרן און די וואַסערן פאַרגיסן דאָס אייבערשטע אייז. לאַטישעוו האָט אָנגעפאַנגען צו לאַכן מיט אַ הויך און פרעמד געלעכטער. אין דער זעלביקער רגע האָבן זיך צעקלינגען עטלעכע קרישטאָל־גלעזער. דער פערמער האָט זיי אויסגעפרווווט לויטן קלאַנג.

— סאַבטשו! סאַבטשו! — האָט גערופן פון קאָרידאָר דער זקן. — וואָס קומט דאָרט פאָר, סאַבטשו? נאַטשאַלסטוואָ וועט באַלד קומען! וואָס איז געשען?

ער איז געשטאַנען אין דער טיר אַ געבויגענער און געצוקט מיט די אויגן.

— וואָס פילדערסטו, אַלטער, וואָס טומלסטו? מיר זענען מירנע מענטשן... מיר טוען ניט קיין שלעכטס... נאָר אַרומקוקן זיך מיט די אייגעלעך... נאָר דערפרייען דאָס נשמהלע מיט דעם שפּילן... דאַוואַי באַרישניאַ... גיב עפּעס אַ פּריילעכס... גיב... האָב רחמנות אויף אַ רוסישער נשמה... גיב עפּעס אַזוינס וואָס זאָל אויפרודערן... אַזש דאָס האַרץ זאָל צעטייען ווי שניי אויף דער זונעלע...

בעת לאַטישעוו האָט אַזוי איינגעטענהט מיטן אַלטן איז מנחם געשטאַנען ביים פענצטער מיטן פּנים צום נאַכטיקן סאָד. הינטער זיך האָט ער געשפּירט די אומרויִקייט פון דער יונגער פרוי. זי האָט זיך באַוועגט אויף דעם קלאַוויר־בענקל.

מיט אַ מאָל האָט זיך דער פאַרהאַנג אַ וויג־געטאָן. סאַבינע איז צוגעקומען צו אים.

— פירט אַרויס די סאָלדאַטן... כ׳האָב מורא... נעמט זיי אַוועק...

— איר האָט מורא? און פאַר דעם אַלטן פוקס האָט איר ניט מורא?

מנחם האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן און זיך פאַרהאַקט.

לאַטישעוו איז געזעסן ביים אָפענעם קלאַוויר און מיט די פויסטן גענומען זעצן אין די קלאַוויר־ביינדלעך. ער האָט גערופן, געלאַכט, געשריִען.

— אָט! זעט ווי כ׳שפּיל! דאָס איז מוזיק! אַ שטורעם איבער דער וואָלגאַ! שיפן גייען אונטער! ס׳ברענען שטעט! ס׳ברענען וועלדער! טייכן גייען אַרויס פון די ברעגעס און פאַרפלייצן דערפער! ווייבער יאָמערן! וועלף ראַנגלען זיך מיט פערד אויף פאַרשנייטע פעלדער! וועלף! וועלף! סטאַדעס! האַרדעס וועלף! אַ פאַרוווּנדיקטער בער לויפט איבערן שניי און רעוועט! ער לאָזט נאָך זיך בלוטפלעקן! העי, מיכאַיִל! ביסט טויב געוואָרן? האָסט פאַרלאָרן ס׳לשון? הערסט ניט ווי ס׳לאָזט זיך אַראָפּ די נאַכט־שיכט? הערסט ניט דעם סירענע־געוואָי פון די שאַכטעס? דעם געפייף פון סטעפּ־ווינט אין די באַראַקן? מיכאַיִל! מיכאַיִל! פּעטערל ניקאָליי ראַביצעוו, לאָז דיינע גלעזערנע שמאַכטעס! קום צו נענטער! הער זיך צו!

דער צימער איז פאַרפולט געוואָרן מיט אַן אויסטערליש פויקעריי אין די קלאַווישן. אַ ווילד כאַאָטישער געוואָי, אַ געזשום און ווידער אַ

געוואָי און אויף ס׳ביי אַ קלינגערייַ פון הונדערטער גלעקער.

דער פאַן וואָלסקי האָט געשריגן. מען האָט דאָס געשריי נאָר געהערט אין די רגעדיקע איבעררייסן וואָס לאַטישעוו האָט געמאַכט.

ראַביצעוו האָט געטרייסלט דעם אַלטן פּאָליאַק פאַר די גרויסע סורטוק־פּעטליעס.

— באַרין, וואָס אַרט עס דיך ?... לאָז... לאָז... לאָז ער זיך דער־פרייען... זעסט ווי סקלאַדנע ער שפּילט, דער לאַטישעוו... אַלץ קען ער... ניט אַזוי איידל ווי דאָס מאַכט די באַרישניע... אָבער גאָלדענע הענטלעך האָט ער... גאָלדענע... אַזוי ווי אַ שטאָטישער איז ער... אַלץ קאָן ער...

דער אַלטער איז אויפגעשפּרונגען, געריסן זיך צו לאַטישעוון, נאָר לאַטישעוו האָט אים אָפּגעשטופּט.

— גיי אַוועק, דו, פּאָלסקי פּאַן, דו כראַביאַ, דו...

און אַ כּעס האָט אַרומגענומען לאַטישעוון ווי אַ פלאַם. אָט איז אַ וועלט : טעפּעכער. פּאָטעלן. באַמאָלענע ווענט. ליכטיקייט פון לאָמפּן... אַ באַרישניע. און ער — אַ לעבן אָפּגעפינסטערט אויף נאַרעס, אויף אייזערנע בעטלעך, צוגעדעקט מיטן שפּענצער. פינצטערניש פון שאַכטעס.

און ווידער האָט עס אָפּגעהילכט אין צימער. דאָס מאָל איז געקומען אַ דונערייַ. ער האָט געזעצט מיטביידע פויסטן אין די גרעבסטע טענער. אַ האַרמאָטן־שיסערייַ... אַזאַ ווי ס׳איז געווען ביי סמאָלענסק... ביי קורסק...

— הערסט, מיכאַיל ? הערסט ? — אוי, דו שד שוואַרצהאָריקער, ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן מיט דער באַרישניע ? וווהין האָסטו איר פאַרפירט, דו שוואַרץ־אויגיקער ?

מען האָט ניט געקענט אָפּטיילן זיין געשריי פון די דונערן.

ראַביצעוו האָט צעעפנט אַלע גלעזערנע טירלעך פון קרעדענס און באַטראַכט יעדעס שטיקל קרישטאָל. באַזונדערס האָט ער געקוקט אויף די גלעזערנע נימפעס, די נאַקעטע מיט די אָפּשטייענדיקע בריסטלעך און מיט די גלעזערנע פייגנבלעטער וואָס פאַרדעקן די נאַקעטע שויס.

— אוי, וואָסערע אומפאַרשעמטע... וואָסערע זונות... און דאָס שטעלט מען אויס... אַנטיכריסטן... נאָר צו רייצן דאָס פאַרשמאַכטע נשמהלע וואָס איז אַזוי אויך אומגליקלעך...

ער האָט געקוקט אויף די פיגורן און געזשמורעט די אייגעלעך.

— זעט נאָר וואָס זיי האָבן צוגעטראַכט... קעפּלעך האָבן זיי און הענטעלעך אַזעלכע ממזרישע... אַזלעכע זינדיקע... אוי, מאַמעלע הימלישע... זע נאָר, אָן בושה!...

— אַרויס! — האָט געוואָרפן דער אַלטער — אַרויס!

מנחם האָט געשמייכלט.

ער האָט געזען ווי לאַטישעוו האָט אַ שטויס־געטאָן דעם פּאַליאַק. דער אַלטער האָט אַ שאַר־געטאָן מיט די פיס, פאַרפּלאָנטערט זיך ביים פאַרבויגענעם טעפּעך און איז געפאַלן.

סאַבינע האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים און געוואָלט דעם אַלטן אויפהייבן.

אין דער רגע האָט לאַטישעוו אַ קלאַפּ־געטאָן מיט די פיס אין דעם פּעדאַל און מיט די פויסטן איבערן קלאַוויר אַזש ס׳האָט אַ ציטער־געטאָן דאָס הויז.

ראַביצעוו האָט אַ וואָרף־געטאָן די נאַקעטע נימפע אויף דעם קאַכל־טישל. קרישטאָל־שפּליטערס זענען אויפגעשפּרונגען. די שפּליטערס האָבן אויסגעקלאַפּט עטלעכע שויבן. עס איז צעקלאַפּט געוואָרן דער זשיראַנדאָל און עס איז פינצטער געוואָרן. דערנאָך האָט אַ הילך־געטאָן. דער גאַנצער קרעדענס האָט אַ קראַך־געטאָן מיט די קרישטאָלן צום דיל. עס האָט אַ קלימפּער־געטאָן און דערנאָך אַ דונער. שווערע סאָלדאַטסקע שטיוול האָבן געטראָטן אויף קרישטאָל און גלאָז.

לאַטישעוו האָט געזעצט אַלץ מיט די פויסטן אין קלאַוויר און גע־רעוועט אַ סאָלדאַטסקע ליד.

סאַבינע גאָלדין האָט פאַרבראָכן די הענט, געוואָלט שרייען, זי האָט אָבער ניט אַרויסגעבראַכט קיין געשריי נאָר אַ שטילער „אוי” איז געבליבן הענגען אין חלל.

לאַטישעוו און ראַביצעוו זענען אַוועק. זיי האָבן געשטעלט שווערע טריט אויף די טרעפּ.

— גייט פון דאַנען אַוועק — האָט מנחם געזאָגט צו דער יונגער ייִדישער פרוי. — גייט אַוועק! איר טאָרט דאָ ניט בלייבן!

זי האָט געוויינט.

— וווהין?

— כ׳ווייס ניט... אָבער דאָ בלייבט ניט...

— כ׳האָב מורא... כ׳האָב מורא פאַר אים...

— זוכט אויס ייִדן. גייט צווישן ייִדן... זיי זענען דאָ...

— מיכאַיִל! מיכאַיִל! — האָט מען גערופן פון דער גאַס.

ניט ווייט פון סאָד האָבן זיך געזאַמלט די לעצטע סאָלדאַטן.

ווען די איינהייט האָט פאַרלאָזט סטשעגאָווע און דערגאַנגען צו די לעצטע הייזער איז אַנגעלאָפן מנחם.

די באַוועגלעכע סאָוועטישע גרופן, וואָס האָבן באַהערשט לובלין זענען געקרעפטיקט געוואָרן דורך די הויפּט־כוחות וועלכע זענען געגאַנגען הינטער זיי. אַדאַנק אַ געלונגענעם אַנגריף אויף דער מערב־ריכטונג זענען זיי סוף יולי דערגאַנגען צו דער ווייסל און נאָך אַ שווערער שלאַכט באַפרייט דעמבלין, פּולאַווע. דאָס זענען געווען אַלטע פעסטונגען. דעם ערשטן אויגוסט זענען די סאָוועטישע מיליטער־אָפּטיילונגען דערגאַנגען צו דער ווייסל דרומדיקער פון וואַרשע אויף אַ ברייטן פראָנט — פון גאַרוואָלין ביז יוזעפאָוו. אויף דער גרענעץ דעמבלין, פּולאַווע, זענען שוין דעם 28סטן יולי געגאַנגען צו דער ווייסל די איינהייטן פון דער ערשטער פוילישער אַרמיי, וואָס האָט זיך פאַרמירט אונטער דער סאָוועטישער אַפּוטרופּסות אין ראַטן־פאַרבאַנד.

דער דייטש האָט ניט באַוויזן אָפּצוטעמען. סאָוועטישע טאַנק־אָפּטיילן האָבן אָנגעהויבן דעם אַנגריף פון דעמבלינער ראַיאָן אויף דער צפון־ריכטונג מיטן ציל איבערצושניידן די שאָסייען און באַן־וועגן וואָס פירן קיין וואַרשע פון צפון און צפון־מיזרח. אין פאַרלויף פון איין טאָג האָבן די טאַנק־איינהייטן דורכגעמאַכט אַ קאַמפּס־וועג לענגויס דעם פראָנטס הינטערלאַנד אויף 50 ביז 60 קילאָמעטער. זיי האָבן פון גאַנג באַהערשט סטאָטשעק און גאַרוואָלין און דערמיט באַדראָט די פאַרשטאָט פון וואַרשע — פּראַגע.

אין יענעם טאָג, ווען די סאָוועטישע טאַנק־אָפּטיילן האָבן אָנגעהויבן

דעם אָנגריף אויף דער צפון־ריכטונג איז יעפּימאָווס דיוויזיע געגאַנגען אַנטקעגן די טאַנק־גרופּן. זיי האָבן זיך געלאָזט דורך זייטן־וועגן פון פּוילנס צפון גרענעץ אין דער ריכטונג צו וואַרשע, דורך מלאַווע, טשעכאַנאָוו, דורך סאָכאַטשין, פאַרבייגעגאַנגען פּלאָנסק און נעבן זאַקראָטשין געדאַרפט באַגעגענען זיך מיט דעם סאָוועטישן טאַנק־מיליטער.

מנחם איז געגאַנגען אויף זיין ערד. דאָ איז געשטאַנען זיין וויג. דאָ איז סאָכאַטשין, צווישן טשעכאַנאָוואָ און פּלינצק געפינען זיך די קברים פון זיינע יידעס. ער קען די פעלדער, ער קען די וועלדער, ער קען די טייכן. אָט איז דער ברייטער טייך ווקראַ! אָט איז דאָס שמאָלע טייכל דזשאַלדאָווקע מיט די ווערבע־קוסטעס. אָט איז די זומפּיקע פּלאָנקע מיט דעם גרינעם פּאָספּאָר־שליים. ניט ווייט פון דאַנען ליגן דערפער, אַמאָליקע יידישע דערפער. דאָרט האָבן זיינע יידעס געפּאַכטעט ערד.

כאַטשאַפּ האָט אים פאַרגעשטעלט פאַרן פּאָלקאָווניק.

— איליאַ אַלעקסאַנדריטש, דערלויבט איין רגע. אָט איז דער סאָלדאַט...

דער פּאָלקאָווניק האָט געקוקט שטרענג. דאָס האַרטע פּנים האָט אויסגעדריקט אומגעדולד. די דרייעק־פאַלבן אַרום די נאַזווינקלען ביז די מוילווינקלען זענען אָנגעצויגן געוואָרן.

— וואָס איז געשען?

— דער דאָזיקער זעלנער שטאַמט פון די ערטער. ער קען יעדעס וועגל. דאָס איז מיכאַיל... מיכאַיל איסאַקאָוויטש...

דער אויטאָ האָט זיך פאַרהאַלטן.

— דו ביסט מיר באַקאַנט — האָט געזאָגט דער פּאָלקאָווניק — געזען דיך... גוט וואָס דו קענסט די וועגן...

זיי זענען געשטאַנען ביי אַ גרויסן בוים פון פעלדבאַרעלעך. „לענגאַלקעס" רופט מען זיי דאָ — האָט מנחם געזאָגט און אויפגעקליבן עטלעכע האַלב־רייפע ווילד־באַרעלעך. ביים אָרט פון שטאַם ווו די צווייגן האָבן זיך צעשפּרייט איז געהאַנגען אַ גרויסער הילצערנער צלם מיטן געקרייציקטן. אויפן געקרייציקטנס פיס האָט עמעצער אָנגעהאַנגען אַ קליינעם קראַנץ רויטע פעלדבלימלעך. זיי זענען פאַרוועלקט די בלימלעך

און האָבן אָנגענומען אַ געפּלעקטע רויטקייט, אַזאַ ווי די בלוט־פּלעקן אויף יעזוסעס פּיס.

דער פּאָלקאָווניק האָט געקוקט אויפן בוים, געקוקט אויפן גע־קרייציקטן און געשמייכלט.

— זעץ זיך אַריין אין דער מאַשין.

זיי זענען געפאָרן דורך אַ קאַשטאַן־אַלייע. די ניט־באַאַרבעטע פעלדער זענען פול געוועזן מיט טונקעלע פאָלין־קוסטעס. ערגעץ באַענט האָט זיך געגאָלדיקט אַ פּירקאָנטיקער בייט מיט תבואה. אַן אַלטער פויער זיצט אין דער קאַנאַווע און האַלט אַ שטריקל צו וועלכן עס איז צוגעבונדן אַ קליין ווייס ציגל. אַ פויערטע טראָגט אַ בינטל טרוקענע צווייגן.

— אַזוי ווי ביי אונדז... איין וועלט... — האָט געמורמלט דער פּאָלקאָווניק.

די ערד איז דאָ אַ ליימיקע, אַ רויט־ברוינלעכע. די פעלדער זענען צעגראָבן פון טראַנשייען. אַ שמאָלער פאַרבינדונגס־טראַנשיי האָט זיך געשלענגלט אַזש ביזן האָריזאָנט. ער איז געלאָפן לענגויס אַ וועלדל, אַרויפגעקלעטערט אויף אַ הויכעניש. דער טראַנשיי האָט אויסגעזען ווי אַן אָנגעדראָלענער אָדער פון דער טויט־פאַרוווּנדעטער ערד.

יעפימאָווס פאַרפּאָסטנס האָבן דערגרייכט דעם טייך ווקראַ. זיי האָבן זיך געפונען ביי אַ וואַלדיקער געגנט. די הילצערנע בריק איז פאַר־ברענט געוואָרן. אין טייך האָבן געסטערטשעט עטלעכע שוואַרצע אָפּ־געברענטע געהילצער. די סאַפּיאָרן וועלן קומען אין אַ טאָג אַרום. ניט ווייט רויכערן זיך די קוימענס אין אַ קליין דערפל. דאָס איז קאָלאָזאָמב.

מנחם איז אָנגעקומען צוזאַמען מיטן פּאָלקאָווניק צום ברעג. עס איז געפאַלן אַ קורצער און קלאָרער באַפעל: אַריבערשווימען דעם טייך! נאָר אַ העלפט סאָלדאַטן קאָנען שווימען. די ווקראַ איז דאָ אַ טיפע, פול מיט קעסלגריבער.

אין אַ שעה שפּעטער האָט שוין מנחם געפירט פון קאָלאָזאָמב הונדערטער פויערים מיט העק און זעגן. יעפימאָוו האָט באַפוילן זעגן ביימער. מען האָט די אָפּגעזעגטע ביימער גאַנצערהייט מיט די צווייגן געשליידערט אין טייך.

— די וואָס קאָנען ניט שווימען זאָלן זיך אָנהאַלטן ביי די צווייגן.

טייל האָבן געבראַכט צו שלעפּן פון דאָרף טירן, פעסער, ברעטער. טייל האָבן אָנגעשטאָפּט די שינעלן מיט שטרוי און זיי פאַרבונדן מיט שטריק. זיי האָבן זיך מיט די אָנגעשטאָפּטע שינעלן געוואָרפן אין וואַסער אַריין און געשווומען.

ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכט. פון נאָענט האָט מען באַשאָסן דעם טייך. ס׳האָט אויסגעזען ווי אין טייך וואָלטן געפּליעסקעט פיש.

אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט זענען געשווימען ביימער איבער דעם בלאָלעך־זילבערנעם טייך. די ביימער זענען געשווומען מיטן שטראָם און אָפּשווימענדיק אַזוי אַ קליינעם מהלך אָנגעשלאָגן זיך אין אַנדערן ברעג.

עמעצער האָט קראַמפּהאַפט געהאַלטן זיך ביי די צווייגן. אַרום האָט אויפגעפּליעסקעט ווי ס׳וואָלט עפּעס פאַרזונקען געוואָרן. אַ סאָלדאַט האָט דערפילט ווי זיינע פינגער ווערן לויז. ער האָט זיך געוואָלט אַרויפליייגן אויפן סאָסנע־צווייג און הענגען נאָר עס האָט אים עמעצער געצויגן אַראָפּ אַראָפּ צום דנאָ...

מנחם איז געשטאַנען ביים ברעג און געזען ווי אַ זעלנער זינקט אין דעם אומרויִקן וואַסער. יעפימאָוו האָט אַ קנייטש־געטאָן דאָס פּנים און געמאַכט אַ שפּאַן צום טייך. מנחם האָט אים אָפּגעהאַלטן מיט אַ האַנט־צייכן און אַליין אַריינגעוואָרפן זיך אין וואַסער. ער איז געשווומען מיטן שטראָם. דאָס וואַסער איז וואַרעם. די קליידער פּענטען אים. זיי ציִען אים צום דנאָ. איצט איז ער שוין אין מיט פון טייך. אַ טונקל־בלאָער שטראָם רייסט זיך דאָ אַריין אין סאַמע מיט. ער איז ברייט אַזוי ווי צוויי שפּאַן. דער שטראָם איז קיל. דאָ איז דאָס שווימען לייכטער. עמעצער שרייט. הינטער אים שווימט מען. אפשר איז דאָס דער דערטרונקענער וואָס האָט אויפגעטויכט? פון וואַנען נעמט זיך אין אַזאַ טייכל אַזויפיל פיש? אַזוי ווי מען וואָלט דאָ געמאַכט אַ זאַמענטע אויף פיש. פאַרוואָס זילבערן זיי זיך אַזוי אין טייך. אַ בוים, מיט סאָלדאַטן ביי די צווייגן, האָט זיך לעבן אים פאַרביי־געטראָגן. אַ צווייג האָט אים אַ פּאַטש־געטאָן איבערן פּנים. אָט שווימט אַ טונקעלער קנויל. נאָר אויסצוציִען די האַנט. אָט איז ער!

גיב ברודערל אַ האַנט! גיב אַ האַנט! עמעצער האָט זיך איינגעקלאַמערט אין אים. דער שטראָם טראָגט אים. דער קאָפּ איז שוין אין וואַסער. ער הייבט זיך ווידער אויף און עטעמט. איצט וועט ער ווידער אויסהאַלטן הינטערן וואַסערדעק. מיט אַ מאָל האָט ער דערפילט אַ זומפּיקן דנאָ. אין טייך האָט אויפגעזאָטן. דאָס פּנים זיינס איז פאַרכליניעט געוואָרן. ווידער אַ געפּלוכעריי פון פיש און אַן אָפּהילך פון אַ שיסעריי.

דער ברעג איז אַ הויכער. פאַרוואַקסן מיט קוסטעס, מיט הויכע גראָזן. די סאָלדאַטן שווימען מיט די אויטאָמאַטן אין אויפגעהויבענע הענט. זיי קלעטערן אויפן ברעג. קלאַמערן זיך ביי די קוסטעס, ביי די גראָזן. זיי לויפן איבערן פעלד, לויפן און פאַלן.

מנחם האָט דערשלעפּט דעם זעלנער ביזן ברעג. אָ, דאָס איז דאָך וואָלקאָוו. ער לעבט! מנחמס הענט ציטערן. ער קען ניט אָננעמען די קוסט־צווייגן. די פינגער פאַרשליסן זיך ניט. אָט האָט ער שוין דערגרייכט מיטן קאָפּ דעם ברעג און ער קייקלט זיך אַראָפּ. פאַרוואָס איז ער אַרויס־געשווימען אויף אַזאַ הויכן ברעג? פאַרוואָס איז ער ניט געשוווּמען דאָרט ווי אַנדערע? דער ברעג איז הויך. הויך. ער דערגרייכט, דער ברעג, ביז די פאַרנאַכטיקע וואָלקנס... ביז די הימלען... ביזן זיבעטן הימל... וועסט צו זיי ניט אַרויפקלעטערן... צו זיי קען מען נאָר אַרויפשווימען... וואָלקאָוו!... וואָלקאָוו!... לעבסט... וואָלקאָוו?...

מנחם האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט געמאַכט אַ טריט און צו־געפאַלן מיטן רוקן צו דעם הויכן ברעג. ווי הייס ס'איז. ער האָט געוואָלט צעקנעפּלען זיך ביים האַלדז. עפּעס שטיקט אים. די האַנט פאַלט אין אָנמאַכט, און אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט וואָלקאָווס אויגן. דער יונגער רוס פון קליינעם שטעטל קאַדאָם האָט געקוקט אויף מנחמען מיט גרויסע אויגן, פאַרנעפּלטע, פאַרגלייזלטע ווי די שוואַרצאַפּלען וואָלטן אויפגעפרעסן געוואָרן פון די טייך־פיש.

פאַר טאָג האָט מנחם דערוואַכט אין לאַזאַרעט.

— ווו איז וואָלקאָוו?

קיינער האָט אים ניט געענטפערט. ער איז גלייך איינגעשלאָפן. עס איז אים אויסגעקומען אַז אַננאַ איז אַרויס פון קליינעם טשולאַן און

אַוועקגעזעצט זיך אויפן ראַנד פון בעטל — זיץ אַזוי אַננאַ... זיץ רו?ק... זעסט דאָס בלאָע פענצטער... זיין האַנט לויפט איבערן ווייסן פּאַפּיר... אָט איז איר הויכער שטערן, דער ליכטיקער... אָט איז די שמאָלע העל־פּאַנטביין־נאָז... די אויגן... די טרויעריקע, די יידישע... אַננאַ... אַננאַ... העי, וואָס שליידערסטו ביים אויוון דעם גרויסן בינד האָלץ?.. מאַך עס רו?קער... עמעצער קלאַפּט אָפּ דעם שניי פון די שטיוול ביי דער שוועל... איז עס זשילין? — — —

— עס איז שרעקלעך קאַלט. דעקט מיך איין. הייצט אויס דעם אויוון...

איבער מנחמען האָט זיך איבערגעבויגן אַ סאַניטאַר.

— דיר איז ניט קאַלט. ס'איז פיבער. ס'וועט אַריבער.

פון לאַזאַרעט האָט מען אים אַריבערגעפירט אין פעלד־שפּיטאָל. די וווּנד אין דער לינקער האַנט איז געקומען פון אַ קויל. זי האָט דורכגעהאַקט דעם ביין.

— ס'וועט זיך פאַרהיילן. זאָרג ניט. — האָט געשמייכלט צו אים דער דאָקטאָר.

נאָך דעם ווי די דריי רוסישע זעלנער האָבן פאַרלאָזט די וווינונג פון פּוילישן פּריץ לאַנגינוס וואָלסקי, האָט סאַבינאַ לאַנג איינגעהערט זיך אין די שווערע טריט אויף די טרעפּ און אין גערויש וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער גאַס. דער גערויש איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקער; אַ הויך גערעדעריי פון סאָלדאַטן, אַ געהירזשעריי פון פערד, אַ געקלימ־פּעריי פון לאַסט־אויטאָס און קוויטשיקע באַפעלן פון לייטענאַנטן. די גאַס האָט זיך געוויגט אין ליכט פון אויטאָ־ליכטער, רעפלעקטאָר־שערן האָבן געשניטן די פינצטערניש און מיטגעוויגט זיך מיטן מענטשישן געטומל.

ווען די גאַס איז פּוסט געוואָרן האָט זיך סאַבינע אָפּגעקערט פון פענצטער.

דער אַלטער איז געזעסן אין פאָטעל, איינגעהילט די פיס אין אַ פלעד און זיך געוויגט. אַ טאָפּעלער שאָטן, אַ געשפּאָלטענער האָט זיך מיטגעוויגט אויף דער וואַנט. פון די אויסגעהאַקטע שויבן האָט געווייעט

אַ קילער נאַכט־ווינט. דער ווינט האָט געבראַכט ריחות פון די פייכטע פעלדער. אויף די טעפּעכער האָבן זיך געוואַלגערט שטיקער קרישטאָל־שפּליטערס. זיי האָבן אין דעם טונקעלן צימער געלויכטן ווי די שטערן.

דעם אַלטנס שטילקייט איז געווען אַ פּאַרטייעטע, אַ לויערנדיקע. באַלד וועט זי אויפגעריסן ווערן. ער וועט דעמאָלט אַרומלויפן איבער די צימערן, ברעכן די געל־ביינערדיקע פינגער און שרייען. דאָס וועט זיין אַ געשריי פון ווילדע לאַבענדזשעס וואָס טראָגן זיך האַלב־שוועבנדיק, האַלב־לויפנדיק איבער האַרבסטיקע פעלדער.

סאַבינאַ האָט געעפנט אַ טיר צום זייטיקן צימער.

זי האָט אָנגעצונדן אַ וואַקסן ליכט און אַריינגעטראָגן עס אין צימער אַריין. דאָס פייערל האָט אומרויִק געצאַפּלט פון ווינט. זי האָט עס מיט אַ האַנטפלאַך פאַרשטעלט. דאָס גאַנצע ליכט איז געפאַלן אויפן אַלטן. זי האָט געזען זיינע אויגן, די קאַלטע, גלעזערנע ווי ער וואָלט געקוקט אויף איר ניט מיט מענטשישע אויגן נאָר מיט שאַרפשפּיציקע גלאָז־שפּליטערס.

— דו האָסט זיי אַריינגערופן אין מיין הויז! דו האָסט עס געטאָן! דער שוואַרצער איז אַ זשיד! אַ פּוילישער זשיד! וועסט מיך ניט נאַרן. כ׳דערקען לויט דער חוצפּה זיינער! דאָס איז די באַצאָלונג פאַר מיין גוטס!

ער איז אויפגעשפּרונגען מיט אַזאַ האַסטיקייט ווי מען וואָלט אים אַ ביס־געטאָן. זי האָט אים קיין מאָל ניט געזען אַזאַ. ניט קיין מענטש איז איר אַנטקעגנגעשפּרונגען נאָר אַ שאָטן, אַן אָפּגעריסענער שאָטן פון אַן אויסטערלישער נאַכט־באַשעפעניש, פון אַ וואַלד־סאַטירל, אַן איינגעשרומפּנס און גליטשיקס.

— דו ביסט אַ זשידווקע! אַ זשידוווקע! כ׳ווייס דאָס! כ׳האָב דאָס געוווּסט! איך האָב דיך אַריינגענומען אין הויז, באַשיצט. דו ביסט מיר קיין ווייב ניט געווען און ניט קיין דינסט. איצט גיסטו מיך אויס ווי דער יודאַש. יודאַשעס בלוט רינט אין אייך. איצט פירסטו דיינע זשידעס צו מיר. מאָרגן וועלן זיי קומען, הונדערטער זשידעס, טויזנטער. מערער נאָך וויפל עס איז געווען פאַר דער מלחמה. זיי וועלן אונדז פאַרפּלייצן מיט זייער געפילדער, דו, יודאַש! — — —

ער האָט זיך צעהוסט. פון מויל האָט געשלאָגן אַ שוים. דער אַלטער

איז געפאַלן אויף די קני און אַרומגענומען דעם פּאָטעל.

— ווילסט מיך אויסגעבן? וועסט אפשר זאָגן אַז איך האָב דיך געפּייניקט? אַז כ׳האָב אומגעבראַכט מענטשן? אַז כ׳האָב גוט געלעבט מיט די דייטשן? וועסט דאָס אַלץ זאָגן? אַ־אַ־אַ...

סאַבינע האָט זיך געררוקט אויף צוריק. זי האָט זיך דערשראָקן פאַרן שאָטן וואָס וויקלט זיך אין דער פינצטערניש.

דער ווינט האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט. איצט וויינט דער אַלטער.

— סאַבטשו... סאַבטשו... דו ביסט איידל... דו ביסט ניט ווי אַלע אייעריקע... דו ביסט אַן אַנדערע... איך דערקען עס איצט, לויט דיין שווייגן... זיי ניט בייז... קום צו נענטער...

ער איז געקראָכן אַ סאַפּענדיקער אויף אַלע פיר און קריכנדיק אַזוי אויף דער פּאָדלאָגע האָט ער צעריסן די הענט אָן די גלאָז־שפּליטערס. ער האָט זיך איינגעשניטן ביז בלוט. ער האָט זיך צעריסן די פיס. דער זקן האָט פאַרבראָכן די הענט, פאַרשטעלט זיך מיט זיי דאָס פּנים און געשעפּטשעט:

— סאַבטשו... סאַבטשו...

איר איז אויסגעקומען אַז קברים־הענט ציִען זיך צו איר. טויטע הענט פון לאַנג שוין געשטאָרבענע. סקעלעטן־הענט... זי הערט דעם ביינער־געקנאַק פון די פינגער...

— אָ, גאָט! — האָט סאַבינע אויסגערופן. — אָ, גאָט!

— וואָס שעפּטשעסטו? וואָס כּישופסטו? דו ניט־גוטע!

און אַז זי האָט ווידער אָנגעצונדן דאָס וואַקסענע ליכט האָט זי געזען דאָס פאַרבלוטיקטע פּנים פון אַלטן, זי האָט געזען די הענט זיינע וואָס בלוטיקן. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע אויגן וואָס קוקן מיט הכנעה, שינאה און שגעון.

זי האָט אַ שטויס־געטאָן די טיר און געוואָלט שרייען.

דער ווינט האָט איר פאַרהאַקט דעם אָטעם. זי איז געלאָפן איבערן דאָרף. געפּלאָנטערט זיך אין די געסלעך. דאָס דאָרף איז ליידיק. ווו איז דאָס מיליטער? ווו איז דער יידישער זעלנער? פאַרוואָס איז זי ניט אַוועק פון דעם הויז צוזאַמען מיט די זעלנער?

זי האָט געוואָלט אַרויס פון דאָרף און ניט געקאָנט אַרויסוויקלען

זיך צו די אָפענע שליאַכן, צו דעם שאָסיי. שאָטנס האָבן איר אַרומגע־רינגלט. זיי האָבן איר אַריינגענומען אין אַ פאַרכישופטן ראָד, אין אַ ווייסטיקן קאַראַהאָד און אַראָפּגעלאָזט איבער איר אַ שוואַרצן פאַרהאַנג.

אין יענע סוף־יולי־טעג איז מנחם געלעגן אין מיליטערישן שפּיטאָל. אין אַ פאַרנאַכט האָט זיך באַוויזן ניקאָליי ראַביצעוו. ער איז געקומען אַן אויפגעלייגטער.

— מיכאַיל... דו וועסט ווערן אַ לייט... די האַנט היילט זיך...

און אַז די קראַנקן־שוועסטער איז אַוועק פון זאַל, האָט ער אַרויס־געשלעפּט פון בוזעם אַ פלאַש ריינע וואָדקע.

— פאָלסקאַ וואָדקאַ... ס׳קרעפּטיקט די ביינדעלעך... דאַוואַי, לאָמיר אויסטרינקען צום געזונט... איידער די קראַנקן־שוועסטער קומט צוריק... ער האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזער.

— נעם...

מנחם האָט באַנעצט די ליפּן.

— מ׳טאָר ניט.

— עך, דו... מיין פעטערל איז שוין געלעגן אויף די ברעטעלעך. מען איז געלאָפן גראָבן אַ קבר... האָט מען אים די ליפּעלעך באַנעצט — ווי ער עפנט ניט די אייגעלעך און בעט זיך — גיט נשמהלעך פּראַוואָ־סלאַוונע... גיט אַ גוטן זשלאָקע... ער איז סיי־ווי אַוועק אויף יענער וועלט, זאָל אים די ערד לייכט זיין... ער איז אָבער אַוועק אַ פריילעכער... אַן אויסגעטרונקענער... די מלאכימלעך וועלן אים דאָרט בעסער אויפנעמען...

ראַביצעוו האָט דערציילט אַ סך נייעס.

— מען זעט שוין די שטאָט וואַרשע. אַ גרויסע שטאָט. גרעסער פון פּערם... און אַ טייך איז דאָרט אַ שיינער. אַ ברייטער. דאָס איז די ווייסל... לאַטישעוו דערכאַפּט זיך דאָס נשמהלע... מיר שטייען איין אין אַ דאָרף ביי דער ווייסל... האָט ער זיך אָפּגעזוכט אַ באַביאַנקע... סאַמאַגאָן רופן די פּאָליאַקן „בימבער״ און דער נאַראָד איז אַן „ערנסטער״. זיי לאַכן ניט, די פּאָליאַקן. נאָר די ווייבער זייערע ווינקען צו אונדז מיט די אייגעלעך. די שטיבער זענען באַשטעלט מיט צאַצקעלעך. זיי האָבן ניט

קיין פּיעקעליקס... ניט קיין פּאַדוואַל... די ווייבער טראָגן ניט קיין סאַראַ־פאַנען...

מנחם האָט זיך אויפגעזעצט.

— דו ביסט געווען אין סטשעגאָוואָ? האָסט באַגעגנט די יונגע פרוי?

ראַביצעוו האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— כ׳בין געווען.

— זי איז נאָך דאָרט דאָ, מיין באַקאַנטע?

— ניין.

— וווּ איז זי?

— זי לעבט ניט מער. די פּאָליאַקן האָבן איר דערשאָסן אין דער נאַכט ווען מיר זענען אַוועק.

מנחם האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן. די אַקסלען האָבן אים געציטערט.

קאַפּיטל פֿינף

אין די לעצטע טעג פֿון יולי האָט זיך דער פּאַרטאָגיקער נעפּל גע־קנוילט נידעריק איבער די טונקעלע וואַסערן פֿון דער ווייסל, איבער די טייך־ברעגן און צונויפֿגעגאָסן זיך מיט די באַוועגלעכע וואָלקנס. די וואָלקנס האָבן זיך געטראָגן צום צפֿון. מ'האָט אָבער ניט געזען זייערע ראַנדן, נאָר אַ וואָלקן־געפּלייץ ווי דער טייך וואָלט זיך איבערגעקערט מיטן שפּיגל־פּלאַך אַרויף און זיינע וואַסערן רינען אויס איבער אַן אָן־ברעגיקן אין־סוף.

די לעצטע טעג יולי האָט מען שוין געהערט אויף דער לינקער זייט ווייסל, אַלץ דייטלעכער דעם געהילך פֿון רוסישע האַרמאַטן.

סאָוועטישע באָמבאַרדירער האָבן זייט איייניקע טעג אָן איבעררייס אַטאַקירט דייטשישע אָביעקטן אין וואַרשע. זיי זענען געקומען פֿון מיזרח, די שווערע באָמבאַרדירער. טייל לופֿט־פֿעלדער האָבן זיך געפֿונען גאָר נאָענט פֿון וואַרשע. דער נאָענטסטער סאָוועטישער פֿלי־פּלאַץ איז געווען אין דעמבלין. אין גאַנצן צוואַנציק מינוט פֿליִען צו דער הויפּט־שטאָט.

די געהיימע ראַדיאָ־סטאַציעס פֿון די פּוילישע מיליטער־גרופּן אין וואַרשע האָבן טעלעגראַפֿירט קיין אויסלאַנד: „עס זעט אויס כּמעט זיכער, אַז אויפֿן מיזרח־פֿראָנט זענען שוין די דייטשן ניט אין שטאַנד אַרויסצור־רייסן די איניציאַטיוו פֿון די סאָוועטישע הענט און זיי קענען זיך ניט קעגנ־שטעלן מיט דערפֿאָלג. מיר באַמערקן סימנים פֿון אינערלעכער צעלייגונג אין דער דייטשישער אַרמיי. די סאָלדאַטן זענען מיד און אָן חשק זיך צו שלאָגן".

אין יענע טעג האָבן די דייטשן פֿיבערדיק עוואַקויִרט וואַרשע. זיי האָבן אַרויסגעפֿירט וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט אין געאייל דעמאָנטירן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די דייטשישע בהלה. מען האָט געשלאָסן די אַמטן.

אויך די פּאָסט אין שטאָט איז שוין ניט געווען טעטיק. די צייטונג וואָס די אָקופּאַנטן האָבן אַרויסגעגעבן פֿאַר דער באַפעלקערונג איז מער ניט דער־שינען. געסטאַפּאָ האָט געבערענט דאָקומענטן. עס איז אַרויסגעפֿאָרן דער דייטשישער גובערנאַטאָר פישער און דער פּרעזידענט פֿון דער שטאָט לייסט. ציוויל־מענטשן האָבן באַלאַגערט די וואָקזאַלן. די פֿאָלקס־דייטשן האָבן פֿאַר לעגענדאַרע סומעס אויפגעקויפט וועגענער. דורך די בריקן, איבער דער ווייסל, האָבן זיך געשלעפּט צעשלאָגענע מיליטער־אָפּטיילן וואָס זענען אַנטלאָפן פֿון מיזרח. זיי זענען געגאַנגען אָן אָרדענונג. מידע, פֿאַרוואַקסענע, מיט אייַנגעפֿאַלענע פּנימער. דורך די דאָרפישע וועגן, די זייטיקע, און קליינע שאָסיי־אָפּצווייגן, האָבן דייטשישע אינטענדאַנט־גרופּן געטריבן אויף מערב סטאַדעס פֿי, פֿערד און ציוויל־מענטשן: יונגע מענער און פֿרויען. ס׳האָבן זיך געצויגן לאַנגע רייען פֿוסגייער. אָפּט מאָל זענען פֿאַרבייגעגאַנגען טאַנקען באַהאַנגענע מיט אָפּגעשטאָגענע זעלנער.

פֿון פֿענצטער, פֿון טויערן און פֿון די פֿאַרבאַרגענישן אַרויס האָט געקוקט אויף די אָפּטרעטנדיקע דייטשן די פּוילישע באַפעלקערונג.

אין וואַרשע האָט זיך פֿאַרשפּרייט די ידיעה אַז די סאָוועטן זענען שוין אַריבער די ווייסל, אַז זיי האָבן פֿאָרסירט דעם טייך גלייך ווי די ערשטע גרופּן האָבן דערגרייכט דעם ברעג. סאָוועטישע פּאַטראָלן זענען טיף אַריינגעדרונגען אין דער מערב־זייט פֿון דער ווייסל.

דער שטאַב פֿון דער פֿערטער דייטשער פּאַנצער־אַרמיי האָט באַ־פֿוילן צוריקצוציִען זיך אויף דעם מערב־ברעג. 25 דייטשישע דיוויזיעס זענען פֿולשטענדיק פּאַרטיליקט געוואָרן. די דייטשן איז אין יולי אויסגע־קומען צו קעמפֿן אויף אַ פֿראָנט וואָס האָט זיך געצויגן צוויי טויזנט קילאָמעטער.

דעם 29סטן יולי, אין אָוונט, האָט מען אין וואַרשע אויפגעכאַפּט די ראַדיאָ־טראַנסמיסיעס פֿון דער סאָוועטישער זייט. דאָס איז געווען אַ רוף צו וואַרשע. „איר הערט איצט זיכער דעם הילך פֿון האַרמאַטן־שלאַכט וואָס וועט דער הויפּטשטאָט ברענגען באַפרייונג. אַן אויסגעשולטע, אין סאָוועט־רוסלאַנד, פּוילישע אַרמיי מאַרשירט איצט אויף דער פּוילישער ערד...

— — — די דייטשן וועלן אַוודאי זיך פאַרטיידיקן אין וואַרשע, ברענגענדיק דערמיט נאָך פאַרוויסטונג און נייע טויזנטער קרבנות.

— — — זיי פירן אַרויס דאָס ווערטפולסטע און וועלן פאַרוואַנדלען אין שטויב אַלץ וואָס זיי וועלן לאָזן נאָך זיך. דערפאַר איז איצט הונדערט מאָל וויכטיקער ווי ווען עס איז, צו געדענקען, אַז אין מבול פון היטלער־ריסטישער פאַרוויסטונג וועט פאַרלאָרן גיין דאָס וואָס וועט ניט געראַטעוועט ווערן מיט מעשׂים, דורך אַן אומדירעקטן אַקטיוון קאַמף אויף די וואַרשעווער גאַסן, אין הייזער, פאַבריקן, מאַגאַזינען. דערמיט וועט איר צוויילן דעם מאָמענט פון ענדגילטיקער באַפרייונג און אָפּראַטעווען דאָס פאָלקס־פאַר־מעגן און דאָס לעבן פון אונדזערע ברידער" — — —

צומאָרגנס האָט מען ווידער געהערט פון מאָסקווע. דאָס האָט גערעדט די ראַדיאָ־סטאַציע „קאָשטשושקאָ".

— „וואַרשע ציטערט פון האַרמאַטן־געהילך. סאָוועטיש מיליטער גרייפט גוואַלדיק אָן און דערנענטערט זיך צו פּראַגע — — —

— — — פאָלק פון וואַרשע! צום געווער! איבער אַ מיליאָן איינוווינער זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מיליאָן זעלנער וואָס וועלן אַרויסטרייבן די דייטשישע אָקופּאַנטן און דעראָבערן די פרייהייט". — —

דאָס איז געווען דעם 30סטן יולי 1944.

דער גובערנאַטאָר פישער, וואָס איז מיט עטלעכע טעג צוריק אַנטלאָפן פון דער שטאָט האָט זיך פּלוצעם אומגעקערט. דעם 27סטן יולי האָבן די דייטשן צעקלעפּט אויף די גאַסן פישערס אַן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען אַ באַפעל אַז ס'זאָלן זיך מעלדן הונדערט טויזנט מענער צו פאָרטיפיקאַציע־אַרבעטן. נאָך צענדליקער האָבן געפאָלגט דעם דאָזיקן באַפעל. ס'איז קלאָר געוואָרן אַז די דייטשן וועלן אָננעמען שווערע רע־פּרעסיע־מיטלען קעגן דער באַפעלקערונג.

מיט אַ מאָל האָבן זיך באַוויזן אומענדלעכע קאָלאָנעס גוט־געקליידטע און באַוואָפנטע דייטשישע מיליטער־אָפּטיילן. זיי זענען דורכגעגאַנגען די וואַרשעווער גאַסן אין דער ריכטונג צום מיזרח.

די סאָוועטישע לופטפליִער האָבן אָן אויפהער באָמבאַרדירט וואַרשע. ס'זענען אויסגעבראָכן אַ סך שׂריפות אין דער געגנט פון ווילנער וואָקזאַל.

דייטשישע סאָפּיאָרן האָבן מינירט די בריקן איבער דער ווייסל. הייסט עס, אַז אין וואַרשע וועט פּאָרקומען אַ גראַנדיעזע שלאַכט — האָבן געטראַכט די איינוווינער.

די סאָוועטישע אָפּענסיווע אַנטוויקלט זיך אין אַ שטאַרקן טעמפּאָ. דעם 28סטן יולי גייען די רוסן אַריין קיין ביאַליסטאָק, קיין לעמבערג. דעם 30סטן — בריסק און טערעספּאָל, און נאָענט פון וואַרשע באַהערשן די סאָוועטן אַ רייע וויכטיקע סטראַטעגישע אָביעקטן. זיי פאָרסירן דעם טייך סאַן און גרייפן אָן וואַרשע פון צוויי ריכטונגען — פון בריסק און פון גאַרוואָלין. אַ ליאַדע שעה וועט פאַלן די פאָרשטאָט פּראַגע און דעמאָלט וועלן די דייטשן אויפרייסן די בריקן און אָנהייבן די פאַרטיידיקונג פון זייערע פּאָזיציעס אין וואַרשע.

דערווייל האָבן די דייטשן געגרייט גרויסע אָבלאַוועס פון דער מענער־באַפעלקערונג. אַ טייל פון די מענער פון 16 ביז 60 יאָר וועלן מוזן גראָבן אַרום וואַרשע קעגן־טאַנק־קאַנאַוועס און אַ טייל וועט אַרויס־געשיקט ווערן אין די לאַגערן און פאַבריקן פון דייטשלאַנד. וואַרשע, האָט געדאַרפט, לויט דעם פּלאַן פון דער דייטשישער קאָמאַנדירונג, פולשטענדיק עוואַקויִרט ווערן פון דער באַפעלקערונג. און עוואַקואַציע האָט באַדייט פאַרשיקונג, לאַגערן, פאַבריקס־שקלאַפן, אָדער אוישוויץ.

צו וואָס די דייטשן זענען פעיִק — דאָס האָט געוויזן דער סוף פון געטאָ. דאָס געטאָ איז געווען דער אָנהייב פון די דייטשן צו פאַרטיליקן פּוילנס הויפּטשטאָט. אין יולי איז דער דייטשישער טעראָר קעגן דער ציוויל־באַפעלקערונג דערגאַנגען צו די העכסטע גרענעצן. דערשאָסענע ביי בלינדע ווענט, מיט פאַרגיפסעוועטע מיילער, פאַרבונדענע הענט און אַרום — אַ ציגלברוך פון די קוילן — דאָס דאָזיקע בילד האָט מען געטראָפן יעדן פאַרטאָג אויף פאַרשיידענע גאַסן פון וואַרשע. אין די דאָזיקע טעג האָבן די דייטשן פיבערדיק געבויט בעטאָן־בונקערס. זיי האָבן פאַרפעסטיקט זייערע הייזער און בלאָקן. זיי האָבן פאַרזיכערט די וואָקזאַלן. איבער די גאַסן זענען צעשטעלט געוואָרן האַרמאַטן און מאַשין־געווער. זיי האָבן געוואָלט איינהאַלטן וואַרשע אַזוי ווי מען האַלט איין אַ פּאָזיציע.

דעם לעצטן טאָג ערב דעם אויפשטאַנד, האָבן די דייטשן אַרויס־

געפירט פון וואַרשע די פייערלעשער מיט אַלע לעש־מכשירים. די באַפעל־קערונג האָט אין דעם געזען אַ סימן אַז די דייטשן וועלן פאַרברענען די שטאָט.

דעם 31סטן יולי הייבן די סאָוועטן אָן אַ גרויסן אָנגריף אויף וואַרשע פון דער פּראַגער זייט.

ביי די טויערן פון דער שטאָט צעפּלאַקערט זיך אַ שלאַכט.

און אין דעם דאָזיקן טאָג פאַלט דער באַשלוס: אָנהייבן דעם אויפשטאַנד.

שמעון גראָס האָט דורכגעמאַכט אַ שווערן וועג דורך די ווייס־רוסישע וועלדער, דורך באָטשנע וועגן, דורך זומפּן האָט ער זיך דורכ־געשלאָגן קיין מערב. צוליב די אָפּטע דייטשישע וואַכן וואָס האָבן באַ־לאַגערט די דערפער, די שאָסיי־וועגן, האָט ער פאַרקערעוועט אויף צפון. אין ווילנער געגנט האָט ער אָנגעטראָפן פּוילישע פּאַרטיזאַנער־גרופּן. אין שפּיץ פון די פּאַרטיזאַנער איז געשטאַנען דער פּאָלקאָווניק „ווילק". שמעון גראָס האָט זיך באַטייליקט אין דער שלאַכט פאַר ווילנע. זיי האָבן אין אַ יולי־נאַכט אַטאַקירט די שטאָט. ווילקס איינהייטן האָבן פאַרנומען עטלעכע שטאָט־טיילן. פיר נאָכמיטאָג זענען אָנגעקומען די סאָוועטן. די דייטשן האָבן זיך פאַרביסן פאַרטיידיקט. ערשט אין מיטן יולי איז זייער ווידער־שטאַנד געבראָכן געוואָרן. גראָס האָט דאָ באַגעגנט די ערשטע יידן. ער איז אָבער אין ווילנע ניט געבליבן. זיין ציל איז געווען וואַרשע. די סאָוועטישע מיליטער־קאָמאַנדירונג האָט באַפוילן דעם פּאָלקאָווניק „ווילק" אַרויסצוציִען זיינע איינהייטן פון ווילנע און קאָנצענטרירן די דאָזיקע פּוילישע גרופּן דרום־מיזרחדיק פון ווילנע. שמעון גראָס איז אַוועק מיט זיין איינהייט אויף מיזרח פון דער רודניצקער פּושטשע, אין ראַיאָן טאַבאַ־רישקי. אין שטאַב פון די איינהייטן האָט זיך געפונען אַ סאָוועטישער פאַרבינדונגס־אָפיציר. אויך גראָס האָט זיך די גאַנצע צייט געפונען ביים שטאַב. דער פּאָלקאָווניק איז אַוועק אין באַגלייטונג פון שטאַב צום גענעראַל טשערניכאָווסקי. קיינער פון זיי האָט זיך מער ניט צוריקגעקערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַנטוואָפענונג פון די איינהייטן דורך דעם סאָוועטישן

מיליטער. אַ טייל גרופּן איז געלונגען צו אַנטרינען אין דער טיף פון דער רודניצקער פּושטשע. זיי זענען אָבער אָבסערווירט געוואָרן פון סאָוועטישע עראָפּלאַנען. קליינע גרופּן האָבן זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג קיין גראָדנע און ביאַליסטאָק. דער גרעסטער טייל איז אַרומגערינגלט און אַנטוואָפנט געוואָרן.

ווידער האָט גראָס געוואַנדערט איבער פּוילנס ערד. ער האָט אויס־געמיטן ביאַליסטאָק, דורכגעגאַנגען מאַלקין און אָנגעקומען צו די פאָר־שטעט פון וואַרשע. ניט־ווייט פון יאַבלאָנגע איז ער אַריבער די ווייסל און דערגרייכט די קאַמפּינאָוסקער פּושטשע. קיינער וואָלט ניט דערקענט, אין דעם ברייטפּלייציקן, קרעמפּן יונגן מענטש, מיט דער גלאַנציק־שוואַרצער געקרייזלטער באָרד דעם אינזשעניר גראָס.

ערב דעם אויפשטאַנד האָבן געצויגן קיין וואַרשע די באַוואָפנטע גרופּן פּאָליאַקן וואָס האָבן געהאַט זייערע פּאָזיציעס אויסער דער שטאָט. די גרופּן פון קאַמפּינאָוו האָבן באַקומען אַ באַפעל איינצלווייז אַריינצו־באַקומען זיך אין שטאָט און מיטנעמען מיט זיך געווער.

אין יענע טעג האָט שמעון גראָס ווידער דערזען די גאַסן פון וואַרשע. ביי יעדן ראָג האָט ער אָנגעטראָפן דייטשישע פּאַטראָלן. אומעטום געפּאַנצערטע אויטאָס וואָס האָבן פאַרנומען סטראַטעגישע פּאָזיציעס.

אַ גאַנצן טאָג האָבן זיך דערטראָגן שווערע דעטאָנאַציעס. — דאָס רייסן די דייטשן אויף די באַן־איינריכטונגען וואָס פירן פון וואַרשע קיין מיזרח.

פון פאַר טאָג אָן פּראָשעט אַ דריבנער רעגן.

גראָס גייט צו זיין פּאָסטן. ער איז צוגעטיילט געוואָרן דורך דעם שטאַב פון די אויפשטענדלער ווי אַן אָפיציר צו דער גרופּע וואָס איר אויפגאַבע איז באַהערשן דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אויף גענשע גאַס. דאָרט געפינען זיך נאָך ייִדן און פּוילישע פּרויען.

ער דערקענט ניט די שטאָט. צעשאָטענע הייזער. איינצלנע מענער שאַרן זיך צווישן חורבות. פרויען אין קאָפּטיכלעך, געקליידט אין שוואַרצן. אויף ווענט — פּלאַקאַטן אין דייטש און פּויליש מיט אַ שוואַרצן אָדלער וואָס האַלט אין זיינע נעגל אַ האַקנקרייץ. די פּלאַקאַטן זענען האַלב אָפּ־

געריסן. אין ווינט פלאַטערט אַ שטיק ווייס פּאַפּיר מיט אַ לאַנגער רשימה פון דערשאָסענע בעת אַן עפנטלעכער עקזעקוציע. ביי נאַקעטע ציגל־ווענט טונקעלע פלעקן. אויפגעריסענע טראָטואַרן און אַרום — פּאַרוועלקטע קרענץ. אַ האַנט האָט דאָ אויפגעשריבן מיט שוואַרצער פאַרב דאָס וואָרט „נקמה" און דערנעבן — אַ צייכן פון אַן אַנקער; דער סימן פון ווידערשטאַנד.

עס האָבן אים אומרויִק געמאַכט די פאַרשלאָסענע פנימער, די פאַרשאָטנטע. עס איז אים אומהיימלעך געוואָרן פון די איילנדיקע מענער מיט די אויפגעשטעלטע קעלנער, מיט די פייערלעך אין די אויגן. ער האָט געזוכט יוסטינען. זי לעבט. זי מוז לעבן. ער פילט דאָס. ער שפּירט דאָס אין געציטער פון זיינע שלייף־אָדערן, אין דעם האַסטיקן געקלאַפּ פון האַרץ און אין די בליקן פון די פאַרבייגייענדיקע פרויען. ער דערקענט, ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זיין, אין פרעמדע פרוייִשע בליקן יוסטינען. ערגעץ איז זי דאָ! זי איז דאָ אין דער דאָזיקער שטאָט! יוסטינע איז ניט אומגעקומען אין געטאָ. זי לעבט. זי האָט אים גערופן. איר רוף איז דערגאַנגען צו אים דורך דער ווייסל, דורך פעלדער און וועלדער. ער האָט דעם רוף געהערט אין די נעכט בעת ער איז געלעגן אין די שייערן, אין די סטאַגעס היי, בעת ער איז געלאָפן איבער באַוואַקסטע שאָסייען, בעת ער איז אַריבער די ווייסל. ער האָט דערפילט איר אָטעם אין נאַכט־ווינט וואָס איז געקומען צו אים פון דער חרובער שטאָט.

ווען ער איז אַריבער די ווייסל איז גראָס צוגעפאַלן צו דער פייכטער לאָנקע און איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די טיפע גראָזן. די אויגן זיינע האָבן געבלינצלט. דאָס זענען געווען טרערן. די ערשטע טרערן וואָס ער האָט דערפילט זינט דער מלחמה. ער האָט געוואָלט ריידן, אויסרופן איר נאָמען. זאָל זיין רוף אַוועקגעטראָגן ווערן פון די כוואַליעס, פון ווינט. די היים און זיין היימשטאָט האָט איצט געהאַט נאָר איין און איינציקן נאָמען — יוסטינאַ.

יענע נאַכט איז ער געשלאָפן אין אַ פּויערישער כאַטע. ער איז אַוועקגעפאַלן מיט אַ האַרטן שלאָף. ער האָט אין שלאָף דערזען זיך ווידער אין וועלדער. ער גייט איבער אַן אוראַלטן וואַלד, אַ פּאַגאַנען־וואַלד. דורך דעם וואַלד שלענגלט זיך אַ שמאָלער וועג. אַ בייזער וואַלד־גאַט האָט מיט

אַ פייערהאַנט אונטערגעצונדן די שטאַמען. איצט גייט ער צווישן צוויי פייערוועגט. די פלאַמען רייסן זיך צו די הימלען. דער וועג ווערט שמעלער. באַלד, נאָך אַ רגע, וועלן זיך די צוויי פייערוועגט צונויפנעמען און זיי וועלן אים פאַרשליסן מיט פייערדיקע אָרעמס...

קיינער איז ניט געבליבן. קיינער. יוסטינאַ איז דאָ. — אַזוי האָט ער געשעפטשעט צו זיך אין יענער גורלדיקער שעה. אין דעם רעגנדיקן פאַר מיטאָג דעם ערשטן אויגוסט פון יאָר 1944.

זיין גרופע האָט דעם טאָג באַזעצט אַ הויז ביים ראָג אייזערנעם טויער און פטאַשע גאַס. דאָ האָט ער געדאַרפט וואַרטן אויף דער אָפּגערעדטער צייט. פינף נאָך מיטאָג ברעכט אויס דער אַלגעמיינער אויפשטאַנד.

ער איז אָבער אויסגעבראָכן אויף טייל ערטער מיט עטלעכע שעה פריער. די סיבה איז געווען דאָס וואָס די דייטשישע פּאַטראָלן האָבן געפּרווט שטערן די באַוועגונג פון אויפשטענדלער וואָס זענען געגאַנגען פאַרמאַסקירטע צו זייערע פּאָזיציעס. זיי האָבן געוואָלט ביי זיי אָפּנעמען דאָס געווער. אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי פאַר דער אָפּגערעדטער צייט פון אויפשטאַנד.

די ציוויל־באַפעלקערונג האָט פאַרבאַריקאַדירט די טויערן און די פאַרטער־פענצטער. מען האָט זיך געריכט אויף דייטשישע טאַנקן. קינדער האָבן אָנגעפילט פלעשער מיט בענזין און זיי פאַרקאָרקעוועט. מען האָט אַוועקגעשטעלט וואַכן ביי די פענצטער מיט גרויסע בענזין־פלעשער.

נאָך מיטאָג האָט אַ ווײַלע אויפגעהערט דער דראָבנער רעגן. גראָס האָט זיך געוואָלט אַדורכקריגן אויף כלאָדנע־גאַס. דאָרט האָט זיך געפונען אַ זאַמלפּונקט פון די אויפשטענדלער און די רעדאַקציע פון אַן אינפאָר־מאַציע־ביולעטין. דער קאָמאַנדיר פון זיין אָפּטייל האָט אים געשיקט מיט אַ פּאַקעט. ער האָט שוין אָבער ניט געקענט דורכגיין די גאַסן. עס האָט אָנגעהאַלטן אַ שיסעריי מיט אונגאַרער וואָס האָבן געדינט די דייטשן. ער האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג מיט די צוגעגרייטע אונטערערדישע פאַר־בינדונגען. צוריקוועגס פון כלאָדנע־גאַס האָט אינזשעניר גראָס געפירט אַ גרופע צוהילף דער פּאָזיציע ביים אייזערנעם טויער. ער האָט געהאַט

מיט זיך אויטאָמאַטיש געווער, גראַנאַטן און פּיסטאָלעטן. די דייטשן האָבן באַשאָסן פון שווער מאַשין־געווער. אין פייער־איבעררייסן האָבן זיי זיך געשאַרט ביי די ווענט.

פון זאַקסישן גאָרטן איז אָנגעקומען הילף. עס האָבן זיך באַוויזן עטלעכע געפאַנצערטע דייטשע אויטאָס. זיי זענען גלייך פאַרברענט געוואָרן פון די געשליידערטע בענזין־פלעשער.

פינף נאָך מיטאָג האָט זיך דערטראָגן אַ העפטיק שיסעריי פון נאַפּאָלעאָן־פּלאַץ. מען האָט געהערט אַ רעגולערע קאַנאָנאַדע און אויפרייסן פון גראַנאַטן.

אויף די גאַסן האָבן זיך באַוויזן מענטשן מיט רויט־ווייסע אָרעמבענדער. ביי די קרייצונגען פון די גאַסן האָט מען אָרגאַניזירט סאַניטאַר־פּונקטן. די קעלערן און פּאַרטער־דירות זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פעלד־שפּיטעלער.

אין דער וואַרשעווער עלעקטראָווניע האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר־ביסענע קאַמפן. אונטער דער געביידע איז אונטערגעלייגט געוואָרן אַ מינע. דער אויפרייס איז געווען אַ סיגנאַל אָנצוהייבן די שלאַכטן. די דייטשן האָבן גלייך געעפנט אַ פייער פון האַרמאַטן.

זעכצן־יאָריקע יינגלעך שלאָגן זיך האַנט־ביי־האַנט מיט זקנים. האַנט־גראַנאַטן ווערן אַליין פּראָדוצירט. מען מאַכט זיי פון אַלטע גאַז־רערן. די גראַנאַטן מוז מען אָנצינדן מיט אַ שוועבעלע פאַרן אַוועקשליידערן.

נאָך פינף אַזייגער האָבן די דייטשן פאַראָרדנט אַן אַלאַרם־צושטאַנד פאַר אַלע זייערע מיליטער־טיילן. גלייך נאָך דעם אַלאַרם האָבן זיך באַוויזן אויף דער קרייצונג פון דער אַליי אוניאַ לובעלסקאַ אַכצן שווערע טאַנקן. זיי האָבן פאַרקערעוועט אין דער ריכטונג ווו ער זענען פאָרגעקומען פאַרביטערטע שלאַכטן. פון די פענצטער און טויערן זענען די טאַנקן באַוואָרפן געוואָרן מיט גראַנאַטן.

אויף סטאַווקי־גאַס האָבן די אויפשטענדלער פאַרנומען אַ גרויסן לאַגער מיט דייטשישע מונדירן. די אויפשטענדלער האָבן זיך גלייך באַוויזן אין עסעס־אוניפאָרמען. מען האָט זיי אונטערשיידט פון דייטשן נאָר דורך די ווייס־רויטע אָרעמבענדער.

אין שטאָט זענען אויסגעבראָכן שׂריפות. קנוילן רויך האָבן זיך געוויקלט איבערן הימל. עס ברענען דייטשישע בענזין־רעזערוואַרן!

אין מיטלשטאָט האָט דאָס פייער אַרומגעכאַפּט אַ סך געביידעס. ס'ברענט דער הויפּט־וואָקזאַל. ס'ברענען הילצערנע באַראַקן ביים וואָקזאַל. איבער אַ ריזיק־הויכער געביידע פלאַטערט אַ רויט־ווייסע פאָן — די פאָן פון די אויפשטענדלער. מען זעט איר איבער גאַנץ וואַרשע.

דער הויפּט־שטאַב פון די אויפשטענדלער געפינט זיך אין וואָליע, אין קאַמלערס פאַבריק. דאָרט האָט זיין זיץ־אָרט דער קאָמענדאַנט פון אויפשטאַנד.

אין געציילטע מינוטן איז דאָס מיליאָניקע וואַרשע אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון שלאַכטן. די שטאָט־קאָמוניקאַציע איז פּאַראַליזירט געוואָרן. אַלע וועגן וואָס פירן פון וואַרשע קיין מערב, קיין מיזרח און צפון זענען איבערגעשניטן געוואָרן.

די הויפּט־אַנשטרענגונגען פון די אויפשטענדלער זענען קאָנצענ־טרירט ביי די פיר בריקן איבער דער ווייסל. דורך די בריקן שיקן די דייטשן מיליטער־טראַנספּאָרטן קיין מיזרח. די דייטשן פאַרטיידיקן די הויפּט־אַרטעריעס פון זייער קאָמוניקאַציע. זיי פירן פון דער ערשטער רגע אַריין אין די קאַמפן געפּאַנצערטע אָפּטיילונגען.

ווען גראָס און זיין קליינע גרופּע איז דערגאַנגען צו דער פּאָזיציע ביים אייזערנעם טויער האָט שוין געטונקלט. די שיסעריי איז ניט שוואַכער געוואָרן מיטן צופאַלן פון דער נאַכט. אונטער אַ האָגל פון קוילן האָט זיך געלאָזט די ציוויל־באַפעלקערונג בויען באַריקאַדן. מען האָט אַרויסגעריסן די פּליטן פון טראָטואַרן, איבערגעקערט טראַמווייען, וועגענער, אָנגעשאָטן זעק מיט זאַמד. די באַריקאַדן זענען געבויט געוואָרן ביי די גאַסן־קריי־צונגען כּדי צו שטערן דאָס באַוועגן זיך פון דייטשישע טאַנקן. הינטער די באַריקאַדן האָבן די אויפשטענדלער פאַרנומען פּאָזיציעס.

אין אַ גרויסער, האַלב פוסטער פּאַרטער־דירה ביים אייזערנעם טויער האָט געוואַכט גראָס מיט זיינע מענטשן. דער דריבנער רעגן פון פאַר מיטאָג האָט ווידער אָנגעהויבן צו פּראָשען. אויף דער גאַס איז שטילער געוואָרן.

ער איז געשטאַנעןביים פענצטער און געזען ווי פון דער זייט פון זאַקסישן גאָרטן וויקלען זיך געדיכטע קנוילן רויך. אַ שטיק הימל איז רויט און די רויטקייט איז שאַרף אָפּגעטיילט דורך די טונקעלע ראַנדן פון די דעכער. ביי די ראָגן ווימלען שאָטנס. מען טראָגט אָן מעבל, גראַטעס, אייזנס, שטיינער און מען לייגט עס אין שטויסן לענגויס דער גאַס.

ווידער איז אויסגעבראָכן אַ שיסעריי. דאָס איז אַ כאַאָטישע שיסעריי פון ביקסן.

זיינע מענטשן ליגן אויף בעטלעך, אויף דער פּאָדלאָגע. טייל זיצן אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויפן טיש. עמעצער האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער און אַריינגעצויגן דעם קאָפּ. מען דרימלט מיט פאַרגלייזלטע אויגן, מיט די ביקסן אין די הענט. ער דערקענט אין די דאָזיקע מענטשן אַ ניט־געניטשאָפט צו אַזאַ שטייגער לעבן. זעט אויס אַז עס האָט זיך אַלעמען געלעבט רויק אין די היימען, צווישן משפּחה־מענטשן. זיי האָבן זיך ראַזירט יעדן טאָג, געוואַשן זיך מיט זייף און געשלאָפן אין וואַרעמע בעטן. זיי האָבן ביז מיט אַ טאָג צוריק געטרונקען יעדן אין דער פרי קאַווע וואָס די פרויען זייערע האָבן פאַרגרייט. איצט ליגן זיי מידע, צעבראָכענע און צאַפּלען אויף ביי יעדער שיסעריי.

אויף אַ נידעריק בעטל ליגט איינער מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ צום סופיט. דאָס איז אַ מענטש אין די שפּעטע פערציקער: אַ פלאַכער שטערן, אַ קורצע נאָז און שמאָלע ליפּן, האַלב־געעפנטע, ווער קאָן עס זיין? אַן אַרבעטער? אַ באַאַמטער? אַ הענדלער?

ווען גראַס האָט אים דאָס ערשטע מאָל געזען מיטאָג־צייט, האָט ער זיך איינגעקוקט אין די וואַסער־אויגן, געזען די שיטערע פלאַקס־האָר און די בייזע קאַרבן אַרום די מויל־ווינקלען — איז אים עפּעס קלאָר געוואָרן. די קלאָרקייט האָט גראַסן טרויעריק געמאַכט. עס איז אים אַ קעלט באַפאַלן — די קעלט בעת מען דערזעט פון נאָענט שווימען אַן אייזקריע איבער שטורמישע וואַסערן. ער איז דאָ אַ פרעמדער, אַ זייטיקער און דאָך מוז ער זיין אין דער מיט פון דעם וואָס וועט פאַרקומען אין דער דאָזיקער שטאָט.

— וואָס האָסטו געטאָן ווען דאָס געטאָ האָט געברענט? ווען עס זענען

דערגאַנגעגן די אָפּהילכן פון דער שיסעריי אויף דזשיקע, אויף מילע, אויף מוראַנאָוו?

ווו זענט איר געווען ווען מען האָט אויפגעשטעלט מויערן אַרום די ייִדישע גאַסן? האָט איר ניט באַגעגנט דאָס שמאָלע מיידל, די דערשראָקענע ווי אַ הירשין אין אַ ברענענדיקן וואַלד? האָט איר ניט געזען איר אויף דער „ארישער גאַס״? האָסטו איר ניט איבערגעגעבן, דו מענטש מיט דער ביקס, אין די הענט פון דייטשן? — — —

ער דרימלט. און אין דרימל דאַכט זיך אים אַז ער איז אין אַ תהום. עמעץ האָט אים אַריינגעשליידערט אין אַ חשכות אַריין. ערגעץ קלינגען גלעקער. זענען דאָס גלעקער פון שׂריפות אָדער גלעקער פון קלויסטערס?

ניין, דאָס איז ניט קיין תהום. ער זעט אַרום זיך שאָטנס. אַזויפיל שאָטנס. אין ליכט פון שטערן זעט ער אַז די שאָטנס וויקלען זיך אַרויס פון שלייערן. דאָס זענען ייִדן! זיי זענען אויפגעשטאַנען פון דער פינצ־טערניש אַרויס. זיי זענען דאָ. זיי זענען צווישן די וואָס טראָגן צונויף די באַריקאַדן. זיי זענען עס די וואָס שלאָגן זיך אויףביידע זייטן ווייסל. — —

דעם באַפעל צו באַפרייען דעם לאַגער אויף גענשאַ־גאַס האָט גע־בראַכט אַ יונגע פאַרבינדלערין עמיליאַ.

גראַס האָט גלייך דערקענט אַז דאָס איז אַ ייִדישע טאָכטער.

— מיר זענען דוכט זיך באַקאַנט? — האָט ער צו איר געזאָגט אין פויליש.

זי האָט אָנגעשטעלט גרויסע פרעגנדיקע אויגן.

— אפשר? איר האָט אָבער זיכער דעמאָלט ניט געהאַט אַזאַ גע־לאָקטע באָרד?

— ווען איך ראַזיר אָפּ מיין באָרד וואָלט איר מיך דערקענט.

זי האָט געלאַכט.

— און דאָך קען איך אייך. אומעטום באַגעגן איך אייגענע.

עטלעכע פאַרשטאַרקטע אָפּטיילונגען זענען אַוועק צום חרוב־גע־וואָרענעם געטאָ. פון וואָליע איז אָנגעקומען אַ טאַנק. דאָס איז געווען פון די „פאַנטערע״־טאַנקן וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן ביי די דייטשן. דער

טאַנק איז געגאַנגען צום לאַגער. די מאַגאַזינען פון לאַגער זענען שוין פאַרלאָזט געוואָרן פון דער דייטשער וואַך. זיי קענען אָבער גאָרנישט עוואַקויִרן פון דאָרט צוליב די שיסערייען. די דייטשן האָבן דאָ אויפגעבויט אַ קייט פון בעטאָן־בונקערס און פון די בונקערס שיסן זיי פון אויטאָמאַטיש געווער. דער טאַנק פאַרטיליקט איין דייטשישע נעסט נאָך דער צווייטער.

אין די חורבות פון געטאָ האָבן נאָך אַלץ די דייטשן געהאַט אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. דאָרט זענען געווען פאַרשפּאַרט הונדערטער ייִדן געבראַכטע פון פאַרשיידענע לענדער פון אייראָפּע. ווען ס'האָט זיך דער־נענטערט די שיסערײַ זענען אַלע ייִדן געצוווּנגען געוואָרן צו פאַלן מיט די פּנימער צו דער ערד און די דייטשישע וואַך איז געשטאַנען אַ גרייטע אַלעמען צו דערשיסן. זיי זענען אָבער אין דער לעצטער רגע ניט־דערשאָסן געוואָרן ווייל די דייטשן האָבן ניט פאַרדעכטיקט אַז דער „פּאַנטער"־טאַנק מיט די האַקנקרייץ־סימנים איז באַזעצט פון אויפשטענדלער. דער לאַגער איז דעראָבערט געוואָרן אומגעריכט דורך דער גרופּע וואָס האָט זיך גערוקט אונטער דער דעקונג פון טאַנק. די גאַנצע דייטשישע וואַך פון לאַגער איז אויסגעשאָסן געוואָרן.

גראָס האָט זיך פון די ערשטע אַרײַנבאַקומען אין די פינצטערע קאָרידאָרן פון לאַגער. אַרומגעבונדן מיט גראַנאַטן, מיטן אויטאָמאַט אין דער האַנט האָט ער זיך געטראָגן איבער די באַראַקן, איבערן הויף. ער האָט געעפנט אַ פייער אויף אַ קליין ווייס הייזל וווּ ס'האָט זיך אויפגעהאַלטן די וואַך. און אַז ער האָט דערזען די לעבנגעבליבענע ייִדן איז ער אויפ־געציטערט געוואָרן פאַר פרייד.

עס איז אים אַנטקעגן־געקומען אַ גרופּע מענער אין פּאַפּירענע קליידער, געניייטע פון צעמענט־זעק, באַפּאַרבטע מיט קאָלירטע פּאַסן. זיי זענען געווען איינגעדאַרט, שוואַך און קוים באַוועגט זיך. עמעצער האָט אים אַרומגענומען און גערעדט צו אים ייִדיש.

— רעטער... באַפרייער... ברודער...

גראָס האָט געוויינט. אַ פרוי איז אַרײַנגעפאַלן אין היסטעריע. זי האָט פאַרבראָכן די דאַרע הענט און הויך געלאַכט. דאָס געלעכטער איז איבערגעגאַנגען אין אַ כליפּערײַ.

אַרום גראָסן האָבן זיך געזאַמלט קאַצעטלער.

ער האָט געקוקט אויף די גראַטעסק־קליידער, אויף די קאָליריקע פּאַפּיר־זעק און ס׳האָט אים געשניטן דאָס האַרץ פּאַר שאַנדע. ער וואָלט געשלאָגן זיך מיט די פויסטן אין אייגענעם האַרץ. ער מוז דערשפּירן ווייטיק, אַ שניידיקן שאַרפן ווייטיק. ער האָט זיך געביסן די ליפּן ביז בלוט, געקלאַמערט דעם אויטאָמאַט און דערפילט אַזש אַ ווייטיק אין די פינגער. ער האָט זיך ניט געקענט אַרויסרייסן פון מענטשן־געקנויל. סקעלעטן אין פּאַפּיר. יעדער סקעלעט האָט אים געוואָלט באַרירן מיט די הענט, באַרירן זיינע קליידער, זיין פּנים.

— אַ ייִד... אַ ייִד... — האָט מען גערופן אויף צענדליקער שפּראַכן פון אייראָפּע: אויף רומעניש, אויף גריכיש, אויף פראַנצייזיש, אויף האָלענדיש. מען האָט אויסגעשלוכצט דעם אויסרוף אויף דעם היימישן ייִדיש.

דאָס איז געווען אַן אויסטערלישער טאַנץ פון דערוואַכטע מענטשן, די וואָס זענען אויפגעשטאַנען פון טויט. אַ קאַרנאַוואַל פון סקעלעטן אין טויט־מאַסקעס און טויטן־קליידער. זיי טאַנצן אַרום אַ נידעריקן ברייט־פּלייציקן יונגן מענטש מיט צעפּיבערטע אויגן־לעכער און צעווינטיקטער באָרד. זיי טאַנצן אַרום אַ באַוואָפנטן ייִדן. דעם ערשטן באַוואָפנטן ייִד וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דער פעסטונג פון טויט.

און מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ ריס־געטאָן.

ער האָט זיך געטראָגן דורך דעם הויף. געפילט דעם אָטעם פון פאַרפּייניקטע, געזען די פּנימער פאַרלאָשענע פון פרויען, פון מענער דער־דריקטע.

— לאָזט אונדז ניט איבער... נעמט אונדז...

— איר זענט פריי! פריי! — האָט ער געשריִען. זיין שטים איז הייזעריק. זי ציטערט אָפּ אין הויף און מישט זיך אויס מיט אַ שיסעריי.

די וואַכפּאָסטנס, די טורעמס איבער די מויערן — אַלץ איז איצט פּוסט. ס׳קוקן פון דאָרט ניט אַראָפּ די באַוואָפנטע עסעס־מענער. זייערע פּגרים וואַלגערן זיך ביי די אייזערנע טויערן, די אַרויסגעזעצטע דורך דעם טאַנק, זיי וואַלגערן זיך ביים ווייסן וואַך־הייזל. די אויפשטענדלער האָבן

אַראָפּגעצויגן פון זיי די רימענס, צוגענומען דאָס געווער, די דאָקומענטן און מיט וויסטיקע קללות אויסגעמישטע מיט שפּאָט־רייד פּאַרלאָזט דעם גרויסן הויף.

די באַפרייטע זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין די רויִקערע טיילן פון שטאָט כּדי זיי זאָלן קאָנען קומען צו זיך. די גרעסטע טייל האָט זיך איינגעשלאָסן אין די גרופּן פון די אויפשטענדלער. אַ סאָלאָניקער ייִד האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ ספּעציאַליסט צו פירן אַ טאַנק און זיך געקאָנט באַגיין מיטן קאָמפּליצירטן טאַנק־געווער. ער האָט באַקומען איינעם פון די פאַרכאַפּטע טאַנקן און צו אַלעמענס גרויס שטוינען געפירט אים איבער די געטאָ־חורבות.

דאָס בויען באַריקאַדן האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. מען האָט אַרויס־געטראָגן אַלץ וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט פון די פאַרלאָזטע שטיבער, אַפילו בעטן, אַלטע קונסט־בילדער, מאַשינען. די אויפשטענדלער, מיט ווייס־רויטע אָרעמבענדער און לאַמפּאַסן אויף די היטלען זענען אָפּט אָפּגעשטעלט געוואָרן פון די ציוויל־מענטשן און מען האָט זיי פאַרגעלייגט הילף.

ווען שמעון איז צוריקגעקומען צום אייזערנעם טויער איז ער אָפּ־געשטעלט געוואָרן דורך עטלעכע פרויען.

— בירגער אָפיציר, פעלט אייך נישט עפּעס? דאַרפט איר זייף? ראַזיר־מעסערלעך? אַ האַנטוך? ווילט איר טוישן די קליידונג? זענט איר הונגעריק?

דאָס זענען געווען איינפאַכע פּוילישע פרויען. פרויען מיט וואַרעמע מאַמישע אויגן.

אויף יעדן טריט האָבן געפלאַטערט נאַציאָנאַלע פענער, ווייס־רויטע, אויף טראַמוויי־סלופּעס, אויף הייזער, איבער טויערן, פון די פענצטער. ס׳זענען נעלם געוואָרן די סימנים פון דער דייטשישער אָקופּאַציע. מען האָט אַראָפּגעריסן די דייטשישע שילדן, אַראָפּגענומען היטלערס פּאָרטרעטן פון די אַמטן און מען האָט זיי אויפגעהאָנגען פון דער דרויסנדיקער זייט באַריקאַדן.

— איצט וועלן זיי שיסן, די שוואַבן, אויף דעם „פירער”!

ביי דער ווייסל

מען האָט זיך גוט־ברודעריש אַרומגענומען, געקלאַפּט איבער די פּלייצעס און הילכיק געלאַכט.

פון אָפענע פענצטער האָט זיך געטראָגן פון גראַמאָפאָן־הילכערס דאָס ליד „די וואַרשאַוויאַנקאַ". די מענטשן ביי די באַריקאַדן האָבן מיט־געזונגען.

טאַדעוש גאַלעווסקי איז געקומען דער לעצטער צו דער פּאַרטער־דירה ביים אייזערנעם טויער. ער האָט זיך געמאָלדן צום אָפיציר שמעון.

— כ'האָב זיך פאַרהאַלטן אין געטאָ־שטח, אַנגעטראָפן אויף אַ גרופּע ייִדן. זיי האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין אויפשטאַנד. אַ פאַרוווּנדעטן האָב איך איבערגעבונדן... כ'האָב גראָד געהאַט ביי זיך באַנדאַזש...

גאַלעווסקי איז געשטאַנען אַ גלייכער און געקוקט מיט אַ מידן און גלייכגילטיקן בליק.

דאָס איז געווען אַ הויכער פּאָליאַק מיט אַ שמאָל ביינערדיק פּנים, קליינע בלאָנדע וואָנצעס און אַ פלאַטשיקן האַלדז אין וועלכן אַ האַלדזביין האָט אומרויִק באַוועגט זיך אַפילו דעמאָלט ווען די ליפּן זענען געווען פאַרשלאָסן. דאָס אומרויִקע באַוועגן זיך פון האַלדזביין איז געקומען פון שווערן אָטעמען.

גראָס האָט אָנגענומען דעם סאָלדאַטס הענט און זיי לאַנג געדריקט.

גאַלעווסקין האָט דער אויפשטאַנד אויסגעלייזט. פאַר דעם אָנפאַר פון די דייטשן אויף פוילן האָט ער געקוקט אויף דעם גערמאַנישן פאָלק ווי אויף די וואָס וועלן איינפירן אָרדענונג אין דער וועלט. אַז ער האָט דערזען די אָקופּאַנטן אין וואַרשע איז ער אַריינגעפאַלן אין אַפּאַטיע, דערנאָך אין גלייכגילט. ער האָט געזען דעם געיעג אויף ייִדן. געזען ווי מען מאָרדעט אויס אַ פאָלק, ווי מען פייניקט פרויען און קינדער און ער האָט זיך אויסגעקערעוועט צו דעם אַלעם מיטן רוקן. אים איז אויסגעקומען אַז דאָס געשעט ערגעץ ווייט ווייט אין אוראַלטע צייטן. אַז ער האָט צו דעם אַלעם ניט קיין שום שייכות. דאָס איז אַ גריכישע טראַגעדיע, אַ קאָשמאַרע, אַן אומגלויבלעכע און ער איז דער טראַגישער צוקוקער. ער איז בייז געווען אויפן גורל, וואָס אים איז אויסגעקומען דאָס אַלץ צו

זען. גאַלעווסקי האָט געוואָלט דורכגיין דאָס לעבן אַזוי ווי מען גייט דורך אַ בעריאָזע־אַלייע ווו ס'באַוועגן זיך די צווייגן אין לייכטן ווינטל און ס'מיניען זיך די בלעטער. און אַנשטאָט דעם — זעט ער שריפות וואָס וואַרפן אַן אָפּשיין אויף זיינע שויבן אין אָקאָפּאָווע גאַס. ווייל וויפל מאָל ער האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט פון די קאָשמאַרע נעכט האָט ער געזען אַרום זיך פלאַמען. „רויטע האָריזאָנטן אין האַלב־נאַכט" — אַזוי האָט ער אויפגעשריבן אין יענער פסח־נאַכט אַ שורה איבער זיינס אַ פּאָעמע, ווען אַ טייל פון וואַרשע האָט געברענט. ווען ס'האָט געברענט דאָס געטאָ. ער האָט דעמאָלס געריסן דאָס ווייסע בלעטל פּאַפּיר מיט דעם איינציקן פערז און אַראָפּגעלאָזט די זשאַלוזן. דערנאָך איז ער געזעסן אין אַן אָרעם פריציש הויז אין שעראַקאָוו, צווישן קעמפּעס פון טאָפּאָלעס און גרויע ווערבעס.

גאַלעווסקי האָט געשריבן לידער. אַ סך געשריבן. לידער וועגן דער שוואַרצער זומפּ־בעריאָזע, וועגן דעם צפונדיקן מאַזשעוויק־קוסט, וועגן די אוראַלטע סאָסנעס וואָס רירן אָן די וואָלקנס מיט די קרוינען. — דאָס אַלץ איז פוילן און דורך די לידער וועט פוילן אייביק לעבן. — אַזוי האָט ער גערעדט צו דער אַלטער פריצטע פון פאַרוואָרפּענעם גוט. און עס האָט אים געהערט די טאָכטער אירע, אירענע קאַניעווסקאַ. זי האָט אים געהערט פאַרלייענען די לידער און געלאָזט זיך גלעטן די לאַנגע קנאָכיקע פינגער.

— ווען ס'איז אויסגעבראָכן אין וואַרשע דער אויפשטאַנד פון יאָר 1863 און אויף די באַריקאַדן האָט מען דעקלאַמירט סלאָוואַצקיס הימען צו דער פוילישער רעוואָלוציע, איז דער יונגער דיקטער, אין מיטן פון אויפּ־שטאַנד, אַוועק פון דער קעמפּנדיקער שטאָט, געלאָפן קיין ברעסלאַו זיך ראַטעווען. פאַרקלענערט דאָס זיין גרויס ווי אַ דיכטער?

טאַדעאוש גאַלעווסקין איז באַפאַלן אַ מידקייט. אים האָט זיך געדוכט אַז ער איז קראַנק. דאָס איז מיין שלאָפע צייט. מיין אומרויִקסטע תקופה. לאָזט מיך אַליין. אַליין מיט זיך. אַן אומרעכט געשעט, אַ גרויסע אומרעכט צו דער דאָזיקער פוילישער ערד, אַן אומרעכט צו די ייִדן, צו די פאַליאַקן און מערער נאָך צו מיר אַליין. איך בין טויט־מיד. קען דען

אַ מענטש ניט זיין ווי אַ פעלד אַ ניט־געאַקערטס, אַ ניט געזייטס וואָס רוט אונטער גאָטס הימלען? לאָזט מיך אויסרוען! לאָזט מיך זיין מיט זיך אַליין!

אַז ס'איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין וואַרשע איז אירענאַ קאַניעווסקאַ אַוועק צו פוילנס הויפטשטאָט. זי האָט געפירט געווער. אויפן טיש האָט זי געלאָזט אַ בריוו פאַר גאַלעווסקין. און אין בריוו איז נאָר געווען אָנגעשריבן איין־און־איינציק וואָרט: פּחדן!

דאָס וואָרט איז אים נאָכגעגאַנגען אויך אין וואַרשע. אַז ער האָט געזען דעם אָפיצירס בליק, דעם דורכדרינגענדיקן טיפן בליק פון גראָסן איז אים אומהיימלעך געוואָרן. וועט ער זיך קענען באַפרייען פון דעם דאָזיקן וואָרט? ער וועט עס טאָן איצט, אין די טעג! אין די לעצטע שעהן איידער עס קומען אַריין די סאָוועטן, איידער עס טרעטן אָפּ די דייטשן. ער מוז, כאָטש אויף טעג, צוזאַמען דעם זיג איבער די נאַציס. דאָס איז ניט קיין אויפשטאַנד צו באַפרייען וואַרשע. דער גורל פון דער שטאָט איז אַ געחתמעטער: די סאָוועטישע זעלנער וועלן איר באַזעצן. ער מוז זיך באַפרייען. זיך אַליין. ער מוז זיך באַפרייען פונעם שרעקלעכן וואָרט וואָס עס האָט געוואָרפן צו אים די גימנאַזיסטין אירענאַ. דער אויפשטאַנד וועט ניט אויסלייזן וואַרשע, ער וועט אָבער אויסלייזן דעם פוילישן דיכטער טאַדעאוש גאַלעווסקי פון אייביקער שאַנדע, פון פּחדנות!

אין איינעם אַ פאַרנאַכט איז דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון אויפשטאַנד צוריקגעגאַנגען אין שטאַב אַריין פון אַן אינספּעקציע. ער איז געגאַנגען צו קאָמלערס פאַבריק. פאַר איינעם פון די טויערן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און איינגעקוקט אין אַ מענטש מיט אַ ווייס־רויטן אָרעמבאַנד. דער הויפּט־קאָמענדאַנט האָט געקוקט אויף דעם יונגן מענטש און עפּעס איז אים קלאָר געוואָרן. ער האָט זיך דערמאָנט אין אַ פּאַסירונג אויף מאָסטאָווע־גאַס. דער גרויסער שטערן איז אים פאַרלאָפן געוואָרן מיט קליינע אומרויִקע פאַלדן, אַזוי ווי אַ ווינטל וואָס צעפּאַלדעוועט דעם שפּיגל־פלאַך פון אַן אָזערע. דער שאַרפער קנייטש ביי דער רעכטער זייט מויל האָט עטלעכע מאָל אַ ציטער־געטאָן. ער האָט געקוקט מיט די גרויסע

באַברעמטע אויגן. די שאַרף־געשניטענע ליפּן פון ברייטן מויל האָבן געשעפּטשעט:

— איך האָב אייך ערגעץ באַגעגנט...

דער יונגער מענטש מיטן אָרעמבאַנד האָט איבערגעשטעלט די פיס, געריבן זיך די דלאָניעס און געשמייכלט מיט אַ פּאַרריסענער נאָז, מיט דער פּאַרריסענער אויבערשטער ליפּ און דערביי געוויזן צעשטשערבעטע ציין. ס'האָבן מיטגעשמייכלט אַלע זיינע זשאַווער־פּיעגעס.

— כ'געדענק ניט... ווער זענט איר?... קען איך וויסן אייער נאָמען?...

דעם הויפּט־קאָמאַנדירס אַדיוטאַנט האָט זיך דערנענטערט און געוואָלט עפּעס איינרוימען דעם יונגן סאָלדאַט.

— לאָזט אָפּ! — האָט געזאָגט דער קאָמענדאַנט פון אויפשטאַנד.

אין קאָמלערס פאַבריק, אין די גרויסע שאָפּעס איז געווען אָפּגעטיילט אַ ווינקל וווּ עס האָט זיך אויפגעהאַלטן דער הויפּט־קאָמענדאַנט. אויף זיין טיש האָבן זיך איצט געפונען באַריכטן וועגן דייטשישער בעס־טיאַליטעט קעגן דער ציוויל־באַפעלקערונג אין די געגענטן וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט ביי די אויפשטענדלער. ראַפּאָרטן וועגן סיסטעמאַטישע אונטער־צינדונגען פון גאַנצע קוואַרטאַלן. מען האָט אַפילו ניט געלאָזט פאַרלאָזן די ברענענדיקע הייזער. זיי האָבן צוגעטריבן מענטשן אין קעלערן און באַוואָרפן זיי מיט גראַנאַטן דורך די קליינע פענצטערלעך.

ער האָט האַסטיק אַוועקגעשאַרט די אַלע פּאַפּירן און פאַרשלאָסן די אויגן.

איצט האָט ער קלאָר דערזען דעם יונגן מענטש פון דער באַריקאַדע. דאָס איז ער, איינער פון די וואָס האָבן זיך באַוויזן עטלעכע וואָכן פאַרן אויפשטאַנד אין זיין קאָנספּיראַטיווער וווינונג אויף מאָסטאָווע און מיט רעוואָלווערן באַפוילן: ביסט אַרעסטירט. זיי האָבן אים געפירט, די צוויי ציווילע פּאָליאַקן צום געסטאַפּאָ־פּאָסטן. אויף סוף מאָסטאָווע האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן און אים אַריינגעפירט אין אַ טויער.

— קענסט זיך אויסקויפן. — האָבן זיי געזאָגט — דו ביסט דאָך אַ ייִד! האָסטו געלט, וועלן מיר דיך באַפרייען.

יאָ, דאָס איז ער. מיט דער פּאַרריסענער ליפּ, מיט די געשטשערבעטע

ציין, מיט די זשאַווער־פּיעגעס. איצט דינט ער דעם אויפשטאַנד. ער איז מיט אַ ביקס אויף דער פּאָזיציע קעגן די דייטשן.

די דערמאָנונג האָט אים געברענט ווי מען וואָלט צוגעלייגט אַ גלי־אייזן צו זיין שטערן.

— „דו ביסט אַ ייד!"

ער האָט דעמאָלט געלאַכט. דאָס איז געווען אַ געלעכטער פון פלוצעמדיקער דערלייכטערונג. הייסט דאָס, אַז ער וועט ניט דערגיין צו דער געסטאַפּאָ. ער איז געראַטעוועט. דאָס זענען פּאָליאַקן וואָס ווילן רייניקן וואַרשע פון יידן מיט דער הילף פון די דייטשן. ער איז אַ פּאָליאַק! אַ פּאָליאַק פון צענטן דור! דאָס זענען איינפאַכע יידן־זוכער. — וואָס פאַלט אייך איין, פּאַנאָוויע?

— קענסט דאָס באַווייזן? — האָט געפרעגט דער שטשערבאַטער.

— אָט איז מיין קענקאַרטע!

— דאָס איז ווינציק! אַלע זשידעס פון דער אַרישער זייט האָבן אַזעלכע דאָקומענטן.

דער פּיעגעוואַטער האָט געלאַכט מיט אַ צעעפנט מויל, מיט די נאָזלעכער, מיטן גלאַנציקן קורצן שטערן.

— איין מיטל איז דאָ אַז דו זאָלסט אונדז איבערצייגן. אויב ניט...

— כ'בין אַ פּאָליאַק. כ'האָב ניט קיין געלט.

אויף דער גאַס האָבן זיך געהערט טריט. די דייטשן זוכן אים. זיי האָבן זיין בילד, זיי ווייסן, אַז ער איז דער קאָמאַנדיר פון דער אונטער־ערדישער אַרמיי... די צוויי פּאָליאַקן האָבן געריסן זיין מאַנטל. געריסן אויף אים די אונטערוועש. ער איז געשטאַנען, דער פּוילישער גענעראַל ווי אַ געפּענטעטער און געקוקט צום אָפּגעקלאַפּטן טינק פון דער טויער־וואַנט.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער איז אויסגעבראָכן, אויף זיין באַפעל, דער אויפשטאַנד. איצט האָט ער באַגעגנט דעם פּיעגעוואַטן. איצט טראָגט דער יונגער פּאָליאַק אַ רויט־ווייסן אָרעמבאַנד מיט אַן אָדלער אויף דעם לאַץ — — —

אין די באַריכטן לייענט ער: דערשיסונגען פון ציווילע. פּאַר־

גוואַלטונגען. גראַנאַטן אויף געפאַנגענע, פרויען, קינדער, זקנים — — —

ער וועט באַפעלן אַז מען זאָל צושטעלן גלייך דעם דאָזיקן מענטש. די רגע זאָל עס געשען! אויב שלאָגן זיך פאַר פוילן דאַרף מען זיך שלאָגן מיט ריינע הענט! אַזעלכע הענט באַשמוצן אונדזער געווער!

ער האָט אָבער קיינעם פון די וואַכלייט ניט געשיקט נאָך דעם זעלנער.

וויפל ער האָט ניט געוואָלט אָוועקטרייבן פון זיך די באַליידיקנדיקע איבערלעבונג אויף מאָסטאָווע־גאַס איז זי צוריקגעקומען. ער איז איינ־געשלאָפן ערשט נאָך האַלבער נאַכט. נאָכן אָפשלאָפן עטלעכע שעה איז ער אויפגעשטאַנען אַן אומרויִקער. צו ערשט האָט ער ניט געוווסט פון וואַנען דער אומרו נעמט זיך. דער הויפט־קאָמאַנדיר האָט ניט געפונען קיין מנוחה אין פאַרטער. אויפן באַלקאָן איז געווען דעמפיק. פון נאָענט האָט זיך געטראָגן דער טשאַד פון אַ רויך־כמאַרע וואָס קנוילט זיך איבער דעכער.

ער האָט אָנגעשטרענגט דאָס געהער, דערפילט ווי ס׳ברעכן זיך אים די קני. ער האָט זיך האַסטיק געקלאַמערט אָן די באַלקאָן־שטאַכעטן און אָנגעשפאַרט זיך אָן זיי מיט דער ברוסט.

די אַרטילערישע קאַנאָנאַדע פון ביידע זייטן ווייסל, צווישן די רוסן און די דייטשן איז איינגעשטילט געוואָרן! די האַרמאַטן־שיסערייען איבערן טייך זענען פאַרשטומט געוואָרן! דאָרט הערשט אַ טויטע שטילקייט.

אין מיטן דער נאַכט איז שמעון אַריבערגעוואָרפן געוואָרן קיין פּאָוואָנזעק. אַ קאָמפּאַניע אויפשטענדלער האָט אַטאַקירט דעם צמענטאַר. גראָס האָט באַדינט אַ פּולעמיאָט. נעבן אים האָט זיך געשאַרט ווי אַ שאָטן טאַדעוש גאַלעווסקי. פּאַרויס איז געגאַנגען דער אַרבעטער פון וואָליע, פאַלוך — ער האָט געקענט דאָ יעדעס ווינקל. עס איז אויך געווען אין דער גרופּע אַ גלח מיטן נאָמען יאַניעץ און אַ שוסטער־מייסטער שטשעש־ניאַק. זיי האָבן פאַרנומען אַן אָרט ביי אַ קרייצונג אויף פּאָוואָנזעק און געלויערט אויף די דייטשן. גראָס האָט געהאַט פאַר זיך אַ פרייען שטח אויף אַ האַלבן קילאָמעטער.

עס זענען געפאַלן איינצלנע שאָסן צו די דייטשן. זיי האָבן געפּרוּווט דורכגליטשן זיך דורך דעם אָפֿענעם שטח. אַז ס'איז ליכטיק געוואָרן האָבן די דייטשן געעפֿנט אַן אויטאָמאַטיש פֿייער און אַנטרעפֿנדיק אויף אַן ענטפֿער האָבן זיי זיך גלייך איינגעשטילט. זעט אויס, אַז די דייטשן ווילן פֿאַר יעדן פּרייז דורכרייסן זיך אַ וועג צו דער ווייסל. מען האָט דאָס געקענט אָבסערווירן פֿון דער לויערונג. פּלוצעם איז אָבער געשען עפּעס אַזוינס וואָס האָט געליימט גראָסן. אַ המון ציווילע מענטשן איז מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן פֿון אַ גאַסן־קרייצונג. דאָס זענען געווען מענער און פֿרויען, קינדער און זקנים — תּושבֿים פֿון וואָליע. זיי זענען צוגעבונדן מיט שטריק, הינטער זיי גייען דייטשן. מען זעט די גרינע מונדירן פֿון די סאָלדאַטן. די ציוויל־מענטשן זענען צוגעבונדן צו לאַנגע לייטערס. קינדער... פֿרויען אין פֿאַרביקע קליידער... אַלטע לייט... די מאַסע רוקט זיך נענטער און נענטער. עס איז געבליבן נאָך דרייהונדערט מעטער. נאָך צוויי הונדערט.

— שיס! — האָט אויסגערופֿן דער אַרבעטער פֿון וואָליע, פֿאַלוך. — גיב פֿייער, שמעון!

גראָס האָט זיך אויסגעקערעוועט צו גאַלעווסקין, צום פֿאָטער יאַניעץ.

— שיס! אויב ניט וועלן מיר אומקומען! זיי וועלן מאָרגן אַזוי טאָן אויף אַנדערע פּאָזיציעס! — האָט געזאָגט דער שוסטער־מייסטער.

גראָס האָט געשוויגן. די האַנט האָט אים געציטערט. די ליפּן זענען פֿאַרגליווערט געוואָרן און די אויגן זענען אים אַרויסגעזעצט געוואָרן מיט די ווייסלען אַרויס. ער האָט ניט געקאָנט ריידן, ניט געקאָנט רירן מיט די הענט. ער האָט געקוקט מיט די אָנגעשוואָלענע אויגן און גאָרנישט געזען. ער האָט נאָר אַ וואָיע־געטאָן. עמעצער האָט אים געשטויסן מיט דער קאָלבע פֿון אַ ביקס. ער איז געפֿאַלן מיטן פּנים צו דער ערד, ערשט די שיסעריי פֿון פּולעמיאָט האָט אים אויפֿגעטרייסלט. איצט שפּירט ער שוין די ליפּן, ער פֿילט ווי די ציין קלאַפּן אָפּ ביי יעדן שאָס פֿון פּולעמיאָט.

פֿאַלוך פֿייערט, גאַלעווסקי און יאַניעץ באַדינען דעם פּולעמיאָט.

די דייטשן טרעטן אָפּ. אַ צווייהונדערט מעטער פֿון זייער פּאָזיציע וואַלגערן זיך בערגלעך דערשאָסענע.

— איר קאָנט דאָס טאָן... איך טאָר עס ניט... איך מעג נאָר אַליין אומקומען... איך מעג זיך אַליין מקריב זיין...

דער פּאָטער יאַניעץ האָט תּפילה געטאָן. פון הינטער דעם סאָל־דאַטסקען סורטוק האָט אַרויסגעקוקט אַ גרויסער שוואַרצער צלם. ער איז נאָך אַ יונגער מענטש, אַוודאי אין די דרייסיקער. אַ קאַנטיקער שטערן, אַן אָדלער־נאָז מיט דינע באַוועגלעכע ליפּן און גרויסע פייכטע אויגן.

פּאַלוך איז געזעסן אַ גלייכגילטיקער און געוואָלט פאַררייכערן אַ ציגאַר. נאָר די פינגער האָבן געציטערט און ניט געקאָנט אָננעמען דעם ציגאַר און אָנרייבן די שוועבעלעך. און אַז ער האָט ענדלעך אָנגעצונדן אַ פלעמל האָט גראָס דערזען אויף דעם אַרבעטערס פּנים אַ דערלייכטע־רונג. ביי די מוילווינקלען האָט געגליווערט אַ קוים־זעעוודיק שמייכעלע. דערנאָך האָט ער ווידער אָנגענומען דאָס פרי׳ערדיקע פּנים — דאָס מידע און גלייכגילטיקע.

גאַלעווסקי האָט פאַרביסן געשוויגן. זיין בליק האָט געזוכט אַנטרינונג ביי די וואָלקנס. נאָר דער שוסטער שטשעשניאַק האָט געשאָלטן די שוואַבעס מיט טויטע קללות. ער האָט פאַרזיכערט דעם גלח, אַז אויב ס׳וועט שטיל ווערן, וועט ער צושלייכן זיך צו די דערשאָסענע. אפשר ליגן דאָרט מיינע קינדער? ווער קען וויסן, פּאָטער?

דעם פערטן טאָג פון אויפשטאַנד.

די דייטשן אַטאַקירן וואָליע. זיי באַשיסן דעם אַרבעטער־קוואַרטאַל אַ גאַנצן טאָג און באָמבאַרדירן אים פון דער לופט. זיי האָבן ניט קיין פרייען וועג צו דער ווייסל, צו פּראַגע. וואָליע פאַרבלאָקירט זיי דעם וועג צום מיזרח. אַלטשטאָט און מאָקאָטאָוו פאַראַליזירן די דייטשישע פאַר־בינדונג צווישן צפון און דרום. אַפילו דורך דעם פּאָסט־הויפּטוואָקזאַל קאָן ניט דורכגיין קיין צוג. די רעלסן ווערן צעשריפּט און די צוגן אויפגעריסן. פון אַלע בריקן וואָס פירן דורך דער ווייסל קענען די דייטשן נאָר באַנוצן די צפון־בריק, אָבער זי איז אויך ניט זיכער פאַר איר קאָמוניקאַציע. זיי מוזן בויען, אָפּגערוקט פון וואַרשע, פּאָנטאָן־בריקן כדי צו באַזאָרגן זייערע מיליטערישע טראַנספּאָרטן אויפן סאָוועטישן פראָנט.

נאָך אַ גאַנצן טאָג באָמבאַרדירן זענען די דייטשן אַריבער אין אַטאַקע. זיי זענען געקומען מיט טאַנקן, מיט האַרמאַטן, מיט געפּאַנצערטע אויטאָס. זיי זענען געגאַנגען לענגויס די גאַסן וואָלסקע. וואָליע ברענט! צענדליקער טאַנקן זענען פּאַרטיליקט געוואָרן דורך דער באַפעלקערונג. מען האָט געוואָרפן בענזין־פלעשער פון גאַר נאָענט אויף די ריזיקע טאַנקן.

אַ שווערער „טיגער" האָט זיך דערנעענטערט צו אַ באַריקאַדע אויף מלינאַרסקע גאַס. ער האָט מיט דעם גאַנצן שטאָל אַ זעץ־געטאָן אין דער צוים און איר דורכגעשניטן. אַ צוועלף־יאָריק ייִנגל, האָט זיך איינגעפּרעסט צו דער מויער און אַז דער „טיגער" איז געבליבן מיט אַ העלפט אויף דער צווייטער זייט באַריקאַדע, האָט ער אַ וואָרף־געטאָן אַ פלאַש מיט בענזין. דעם טאַנק האָבן אַרומגעכאַפּט פלאַמען.

דאָס איז געווען אַ קינד פון געטאָ וואָס אַן אַרבעטער־פאַמיליע פון וואָליע האָט אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין בוידעם־וווינונג. ער איז געקומען פון געטאָ נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן גאַס נאָך גאַס. ער האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעריסן דורך די אונטערערדישע אָפּפלוס־קאַנאַלן. געקענט האָט מען אים אויף מלינאַרסקע גאַס אַלס „סטאַשעק" ווען אַנס פּוילישע עלטערן זענען אומגעקומען פון אַ באָמבאַרדירונג. איצט טראָגן אים אויף די הענט איינוווינער פון מלינאַרסקע. עמעצער האָט אים אָנגעטאָן אַ זעלנעריש היטל מיט אַן אָדלער.

וואָליע האָט איבערגעלעבט אַ טראַגישן טאָג. די שריפות האָבן זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט. קנוילן שוואַרצע רויך־וואָלקנס האָבן זיך גע־וויקלט איבער די גאַסן.

די דייטשישע באָמבאַרדירער קומען שוין אָן דעקונג פון יעגערס. זיי באָמבאַרדירן פון גאָר נידעריק. ממש פון עטלעכע מעטער איבער די דעכער. פרויען לויפן איבער די ברענענדיקע גאַסן מיט קינדער אויף די הענט, מיט קישנס, מיט רעשטלעך געראַטעוועטן פאַרמעגן.

אויף דער זייט פון די דייטשן שלאָגן זיך אוקראַיִנישע גרופּן. ס'איז טעטיק די „קאַמינסקי־בריגאַדע" — זי באַשטייט פון געפאַנגענע רוסן און אוקראַיִנער וואָס זענען דורך די דייטשן באַפרייט געוואָרן פון געפאַנגענ־

שאַפּט און געשיקט געוואָרן צו דערדריקן דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד.

אין יענעם טאָג פון דער שווערער באַמבאַרדירונג האָט גראָס ווידער באַגעגנט עמיליאַן. ער האָט איר געטראָפן אין שטאַב פון זיין אייגנהייט. זי האָט געטראָגן אַ סאָלדאַטסקע היטל, הויכע מענער־שיך און געווען אַרומגעגאַרטלט מיט אַ רימען.

זי קומט פון אַלטשטאָט. דאָרט קעמפן עטלעכע הונדערט יידן. איבער צוויי הונדערט אונגאַרישע יידן האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין אויפ־שטאַנד. אין די שפּיטעלער, אין די סאַנפּונקטן — אומעטום טרעפט מען יידן. זיי זענען דאָ אויף זשאַליבאָזש, אויף מאָקאָטאָוו. עס שלאָגן זיך די געטאָ־קעמפער, די לעצטע, געראַטעוועטע. זיי נעמען איצט נקמה — זיי שלאָגן זיך ווידער קעגן דייטשן. עמיליאַ קען זיי. זי קומט אַליין פון געטאָ. זי איז איינע פון די געטאָ־קעמפערינס.

איצט מוז זי צוריקגיין. זי וועט היינט טרעפן אייגענע פון אַלטשטאָט.

— קענט איר זיך ניט דערוויסן פון יוסטינען? זי לעבט...

ער האָט ניט געוואַרט אויף איר ענטפער און אַליין זיך גענומען פאַרזיכערן אַז זי לעבט. ער האָט געוואָלט אָפּציִען מיט איר ענטפער און ניט דערהערן דעם „כ׳קען ניט״, אָדער „כ׳וויס ליידער ניט״.

ער איז ניט איבערראַשט געוואָרן ווען ער האָט אין זעלביקן טאָג באַקומען פון עמיליאַן אַ בריוועלע אַז יוסטינען קען מען אין אַלטשטאָט, אַז זי איז געווען אין וואָליע. דאָס בריוול האָט אים איבערגעגעבן איינער פון די שטאַבס־אָפיצירן וואָס האָט זיך נאָרוואָס צוריקגעקערט פון אַלט־שטאָט.

ער האָט אים אין פינצטערניש וואַרעם געדריקט די האַנט. — דו ביסט עמיליאַס אַ קרוב? אויך איך בין איר קרוב... מיר געהערן אַלע צו איין משפחה... זי איז ניט גרויס, די משפחה... אָבער מען פילט איר... זי איז דאָ אומעטום אין דעם אויפשטאַנד...

אַרום זענען שריפות. וואָליע ברענט. פּולעמיאָטן־סעריעס. שאָטנס פון אַנטרינענע. פרויען און קינדער שלייכן זיך ביי ווענט. די קעלערן זענען איבערגעפּולט מיט פאַרצווייפלטע. באַלד גייט ער אַרויס מיט זיין גרופּע. פאַרוואָס האָט דער מענטש פון שטאַב אַזוי שטיל געשעפּטשעט צו אים?

פאַרוואָס האָט ער ניט געעפנט זיינע אָרעמס און זיי האָבן זיך ניט אַרומ־געכאַפּט? ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. דער אָפּשיין פון פלאַמענדיקן הימל פאַלט אויף זיין פנים, אויף דעם האַרטן טונקעלן פנים.

וואָליע איז פאַרשפּילט. אונדזערע האַלטן זיך נאָך אויף עטלעכע גאַסן. פאַרוואָס האָט אים אַזוי געציטערט די האַנט ווען ער האָט געזען די ציווילע מענטשן פאַרקנופּטע מיט שטריק און הינטער זיי די גרינע מונדירן פון דייטשן און זייערע טאַנקן? פאַרוואָס האָט אויף זיי געשאָסן דער אַרבעטער פאַלוך? ער איז אַנדערש. הונדערט מאָל אַנדערש ווי יעדער איינער פון זיי. און אַז שמעון האָט פאַרמאַכט די אויגן האָט זיך אים געדוכט אַז יוסטינע איז געווען צונויפגעבונדן מיט די פרויען און זקנים.

ווידער שאָטנס ביי די מויערן. ווידער שלענגלט מען זיך דורך די פאַרבינדונגס־קאַנאַוועס וואָס זענען צעגראָבן אויף די טראָטואַרן. מען היפּט יעדער רגע איבער די אַלערליי רערן און אייזן־שטאַנגען וואָס פירן צו די הייזער.

פאַר וואָס זענען די סילועטן פון מענטשן אין די שריפה־נעכט אַזוי שרעקלעך?

גראָס שלאָגט זיך דורך אַ וועג קיין אָקאָפּאָווע. דאָרט קעמפט דער פאָלקאָוניק ראַדאָסלאַוו מיט זיין באַטאַליאָן. דורך די גאַסן קען מען זיך ניט באַוועגן. זיי ווערן העפטיק באַשאָסן פון די דייטשן, זיי ווערן באָמ־באַרדירט. מען ברעכט אויס עפענונגען אין די קעלערן און מען גייט מיט לאָמפּן כדי זיך ניט צו פאַרלירן אין די אונטערערדישע לאַבירינטן. אין טייל קעלערן גראָבט מען ברונעמער. מען ריכט זיך אַז די וואַסער־לייטונג וועט אויפהערן צו זיין טעטיק.

אין אַ קעלער־ווינקל, אַ באַלויכטנס פון אַ גראָ טאָג־ליכט, וואָס פאַלט פון אַ זייטיק פענצטערל, טוליען זיך עטלעכע משפחות. אין האַלב־אָפענע הייף, ממש מיט די רוקנס צו מיליטער־פּאָסטנס, נעבן די באַריי־קאַדן, פאַרען זיך פרויען. זיי וואַשן וועש, פאַרלאַטען קליידער. מענער פאַרריכטן עפּעס. דערנעבן שלאָגט אַ פאַרע פון אַ קעסל — דאָס גרייט מען אַ וואַרעמען געקעכץ פאַר די אויפשטענדלער.

גראָס האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע אויפן פּראָטעסטאַנטישן צמענטאַר. דאָ האָבן די דייטשישע באָמבעס אָנגעמאַכט אַ חורבן צווישן די שטיינערנע צלמים. נאָך מיטאָג, דעם 5טן טאָג פון אויפשטאַנד האָט אַ דייטשישער געפּאַנצערטער צוג באַשאָסן וואָליע. דערנאָך איז שמעון אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אין מיטלשטאָט. עטלעכע הייזער ברענען. פרויען מיט קינדער קאָנען ניט אַרויס פון די טויערן וואָס זענען אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען. טייל געפינען זיך אין די קעלערן. די אַרויסגאַנגען זענען פאַרשאָטן פון איינגעפאַלענע ווענט. אונטער אַ האָגל פון קוילן ברעכן סאָלדאַטן דיקע ווענט. די אייזנס שפּרינגען אָפּ פון האַרטן מויער און עס קלינגט אָפּ. דורך אַ קעלער־פענצטערל רייסט זיך אַרויס אַ יונגע פרוי. זי טוליעט צו די ברוסטן אַן עופהלע.

— אָ יעזו... אָ הייליקער דו...

— גוט אַזוי! גוט אַזוי! — רייסט אויף זיך דאָס העמד אַן אַלטער אין ברילן — מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען ווען דאָס געטאָ האָט געברענט. דאָס איז גאָטס שטראָף פאַר אונדזער גלייכגילט. פאַר דער בלינדקייט.

זיי וויינען ניט, די פּוילישע פרויען. זיי פאַרברעכן די הענט און שליסן די אויגן.

— אויטשעץ... אויטשעץ... — באַרויִקט מען דעם אַלטן.

— ער שלאָגט, דער דייטש, יעדן באַזונדער. צו ערשט האָט ער אָנגעהויבן פון עלטסטן פאָלק. ער וועט ענדיקן מיטן יונגסטן. ער וועט דערגרייכן צו די אַמעריקאַנער אויך.

טאַדעוש גאַלעווסקי איז אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה. ער גייט אַרום ווי אַ לונאַטיקער און קוקט אויף אַלעמען מיט גלעזערנע אויגן. די באַפעלן פירט ער אויס פּינקטלעך. זיינע הענט זענען אים אָבער ווי אָפּגענומען געוואָרן. ער שלייכט זיך צוזאַמען מיט דער קליינער גרופּע פאַרביי די קעלער־ווענט די אומהיימלעכע, די מיט שוואַרצע ציגלען און מיט צעקרישלטן שטיין. ער גלאָצט די אויגן אויף די מענטשן. ער קוקט ערגעץ ווייט און אָנשטאָט פּוילישע לאָנקעס, וואַלד־ווייטן, צעאַקערטע פעלדער, זעט ער נאָר געדיכטע נעפּלען. זיי פאַרוויקלען אים אין צע־דריוולטע טויטן־טיכער.

ער קומט אום, דער פוילישער פּאָעט. ערגעץ אין די חורבות פון יידישן געטאָ. אין דעם צפון־קוואַרטל פון וואַרשע. ער האָט אין די פאַר־מלחמה צייטן אויסגעמיטן די דאָזיקע גאַסן. צו פיל אַזיאַטישקייט, צו פיל „כאַלאַטשאַזשעס" האָבן זיך דאָ אָנגעזאַמלט אין האַרץ פון פוילן. די דאָזיקע יידן זענען אָבער די ערשטע אַרויס מיט געווער. זיי האָבן צו אים גערופן פון די חורבות אַרויס — די טויטע יידן פון די טויטע גאַסן.

— שטאַרקט זיך, טאַדעוש. — האָט שמעון געזאָגט.

ער האָט אים אָנגעהאַלטן ביים אָרעם און אַרויסגעפירט פון קעלער.

גאַלעווסקי האָט שווער געעטעמט. ס'האָבן מיטגעעטעמט די בלאָנדע ביט־ראַזירטע האָר, דאָס איינגעפאַלענע פנים.

— לאָזט מיך דאָ...

— אין האַלב־וועג קאָן מען ניט בלייבן. דו מוזסט גיין. מען מוז פאַרענדיקן דאָס וואָס מען האָט אָנגעהויבן.

— איז דאָס באַפעל?

גראָס האָט אים געטרייסלט פאַר די אַקסל.

— פאָרויס! פּחדן!

גאַלעווסקי האָט זיך איינגעבויגן. די הענט זענען אים אַראָפּגעפאַלן. פון די ליפּן זיינע איז פאַרשוווּנדן דאָס לעצטע ביסל בלוט. זיי זענען געוואָרן פּיאָלעט.

— אַ פּחדן? אַ פּחדן?

ער איז אויפגעשפּרונגען ווי ער וואָלט געטריבן געוואָרן פון געהיימע כוחות. אין דער מיט פון די חורבות האָט ער זיך פאַרהאַלטן און געשריִען עפּעס אומפאַרשטענדלעכע רייד. ער האָט געפאָכעט מיט די הענט, זיינע געשרייען זענען פאַרלאָרן געגאַנגען אין אַ שטעפּעריי פון פולעמיאָטן. מען שיסט פון גאָר נאָענט.

— ער וועט אומקומען.

— דאָס איז שגעון! איר זעט זיינע אויגן!

שמעון איז געלאָפן אַן איינגעבויגענער אונטער אַ שיסעריי און אָנגעכאַפּט גאַלעווסקין פאַר די הענט. ער האָט אים אַוועקגעזעצט צווישן די חורבות פון אַ פאַרברענט הויז. גאַלעווסקי האָט זיך געריסן פון אָרט און געשריִען:

— ווער ביסטו? אַ פּאַליאַק? ניין, דו ביסט ניט קיין פּאָליאַק! איך דערקאָן דאָס! דו ביסט אַ ייִד! אַ ייִד! מיר קומען אַלע אום! דו האָסט דערלעבט נקמה אין אונדז! אין די פּאַליאַקן! דיר איז גוט! דו זעסט ווי מיר גייען אונטער! דו שלאָגסט זיך פאַר אונדזער זאַך און האָסט אונדז פיינט! דו מוזסט אונדז פיינט האָבן! דו דאַרפסט אונדז פיינט האָבן! מיר זענען דאָס ווערט! אָבער כ׳קען ניט זען דיינע ייִדישע אויגן! כ׳קען זיי ניט זען! דו ביסט עס דער העלד פון פּוילן! דאָס איז אמת! אמת! און איך בין דער פּחדן, דער פאַררעטער! דו וועסט ניט קאַפּיטולירן פאַרן דייטש! דו קענסט ניט קאַפּיטולירן פאַר אים! וועסט זיך שלאָגן ביזן סוף און איך... איך בין אַ פּחדן! אַלע זאָגן דאָס! אַלע...

— געגוג! — האָט שמעון אויסגערופן. — געגוג, אומגליקלעכער.

— לאָזט אים דאָ.

פאַלוך האָט אַרויסגערעדט די ווערטער מיט אַ הייזעריק קול. אין זיי איז געווען באַפּעלערישקייט אויסגעמישט מיט טיפן באַדויער.

גאַלעווסקי איז אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש געלעכטער, אַ שגעון־געלעכטער מיט אַ שוימיק מויל:

— כאַ־כאַ־כאַ... מען וועט דיך, שמעון, באַזינגען אין לידער! כאַ־כאַ־כאַ! דו, העלד פון מיין היימלאַנד! דו אָפיציר פּוילישער! דיך האָט געבראַכט צום אויפשטאַנד די שינאה צום דייטש! ניט מער ווי שינאה! און איך בין געקומען מיט ליבע צום פאָטערלאַנד! מיט ליבע צו דער דאָזיקער ערד! דו האָסט גאָרנישט ליב! דו האָסט אַלץ און אַלעמען פיינט, ווייל אַלע האָבן אייך פיינט! דו קענסט ניט אַנדערש! דו מוזסט ענטפערן אויף פיינטשאַפט מיט פיינטשאַפט! מיר וועלן פאַרשפּילן. איך קום אום און דו וועסט אומקומען — אָבער דער זיגער וועסטו זיין. איר, פּוילישע ייִדן זענט עס די נאַציאָנאַלע העלדן פון פּוילן! די גרעסטע העלדן וואָס די ערד האָט דאָ אַרויסגעגעבן! דאָס טוט שרעקלעך וויי! דאָס באַליידיקט אונדז! דאָס איז אָבער אמת! כאַ־כאַ־כאַ...

ער האָט זיך געוואָרפן אויף שמעונען און אים אַרומגענומען מיט קאַלטע גליטשיקע הענט.

— וויוואַט... וויוואַט... כאַ־כאַ־כאַ... — — — —

ביי דער ווייסל

דערנאָך איז ער געפאַלן צו די חורבות און געוויקלט זיך ווי אין קראַמפּן.

דער פּאָטער יאַניעץ האָט אים איבערגעצלמט.

פּאַלוך האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער איז אַוועק דער לעצטער מיטנעמענדיק מיט זיך גאַלעווסקיס ביקס.

— אין יעדער אומזין איז דאָ אַ זין. — האָט געזאָגט דער גלח יאַניעץ.

— וואָס באַדייטן אייערע רייד, פּאָטער?

דער גלח האָט לאַנג זיך אײַנגעקוקט אין שמעונען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערע באָמבאַרדירונג. צוערשט זענען געפלויגן די יעגער־עראָפּלאַנען באַשיסנדיק די גאַסן פון אויטאָמאַטיש געווער.

נאָך מיטאָג האָט וואַרשע דערפילט דעם ערשטן גרעסערן אָנפאַל פון דייטשישע עראָפּלאַנען זייט דעם יאָר 1939. פיר און צוואַנציק „יונקערס" זענען געפלויגן אין געשלאָסענע פאָרמאַציעס וואַרפנדיק ציגנד־באָמבעס און שפליטער־באָמבעס אויף מיטלשטאָט און אויף וואָליע.

די דאָזיקע באָמבאַרדירונג האָט צוגענאָגלט גראָסן מיט זיינע מענטשן צו די געטאָ־חורבות. נאָר איינער איז געלאָפן צווישן דעם ציגל־ברוך, געקלעטערט אויף די פאַרצוימונגען, געפאַלן און ווידער זיך אויפגעהויבן, ביז ער איז געבליבן ליגן ביים ראָג לעשנאָ און פשעיאַזד מיטן פנים צו פוילנס צאָרנדיקע הימלען. דאָס איז געווען דער פּאָעט טאַדעוש גאַלעווסקי.

דער הויפּט־שטאַב פון די אויפשטענדלער האָט זיך צוריקגעצויגן פון וואָליע און אין דעם זעקסטן טאָג, פאַר נאַכט, געלאָזט זיך צו אַלטשטאָט.

איין וועג האָבן זיי געהאַט דורך וועלכן מ׳האָט זיך געקאָנט צוריק־ציִען — דער וועג האָט געפירט דורך די חורבות פון געטאָ.

הונדערט מעטער פאַרן שטאַב האָט זיך באַוועגט דער זיכערהייטס־פּאַטראָל אונטער דער אָנפירונג פון שמעונען.

אַרום דער געטאָ־מויער האָט זיך געשפּרייט אַ טויטע וויסטעניש. ציגלברוך, סטערטשענדיקע אייזנס, פּאַסאַדן פון טויערן, גזימסן און איבער

דעם אַלעם — אַ טונקל־בלאָער פאַרנאַכטיקער הימל.

פון אַ ציגל־באַרג האָט עפּעס אַ שאַרף־געטאָן. אַן איינזאַמע טויב האָט זיך אויפגעהויבן איבער די חורבות און געקרייזט איבער די מענטשן ווי זי וואָלט זיי פון לאַנג שוין דערוואַרט. אַן איינזאַמער, איינציקער שאָס, אַ פאַרבלאָנדזשעטער אַוודאי אַזוי ווי די טויב האָט אַ פויק־געטאָן. נאָך אַזאַ פאַראייניצלטן שאָס איז היימלעכער געוואָרן.

שמעון זעט: דער הויפּט־קאָמאַנדיר, די פאַרשטייער פון דער אויפשטאַנד־רעגירונג שאַרן זיך ביי די חורבות.

וואָס טראַכטן זיי אין דער רגע? ווייסן זיי, אַז דאָ האָבן ייִדן די ערשטע געראַטעוועט דעם כבוד פון דער דאָזיקער שטאָט? ווייסן זיי אַז ייִדן האָבן די ערשטע געשטעלט אַ ווידערשטאַנד די דייטשן? איר האָט דעמאָלט געשוויגן. איר האָט געוואַרט. איצט ריידן צו אייך די חורבות. זיי מאָנען ביי אייך מעשׂים!

אָט איז דאָס געוועזענע סטאַווקי. די גאָס פון ייִדישער אָרעמקייט. טרעגער מיט שטריק אויף די לענדן — — — ייִדישע געזעלן — — — — אָט איז ניזקע גאָס! ייִדישע מיידלעך — גרויסע שוואַרצע אויגן — — — גאַסן־הענדלער — — — אָרעמקייט — — — דער סטודענט שמעון לויפט פון דאַנען צופוס דורך דער ענגשאַפט — אַן אייזערן בעטל אויף אַ פערטן שטאָק — — — טונקעלע טרעפּ — — — יוסטינע איז טרויעריק — — — זיי גייען געאָרעמט אויף דזשיקאַ גאָס — — — די גאָס איז פאַרפלייצט. שווער דורכצוגיין — יוסטינעס האַנט איז שמאָל — — — אַזאַ ענגשאַפט — — — טראַמווייען קלינגען — — — „דו שוואַרצער דעמב״ — האָט זי אים גערופן.

עס איז שוין דער קראַשינסקי־גאָרטן. די מענטשן פון הויפּט־שטאַב זאַמלען זיך צונויף צווישן די ביימער. דער וועג צו אַלטשטאָט איז איצט אָפן.

דער שטאַב האָט זיך באַזעצט אין אַ פירשטאָקיקער געביידע. זי גרענעצט זיך מיטן קראַשינסקי־גאָרטן. דער דאָזיקער שטאָט־טייל האָט דערווייל נאָך ניט געליטן פון דייטשישע באָמבאַרדירונגען. ער איז שטאַרק איבערבאַפעלקערט. די מיטל־עלטערלעכע קעלערן און קאָרידאָרן, די אַלע

פֿאַדערהייזער און טויערן זענען באַלייגט פֿון ציווילע, אַנטלאָפֿענע פֿון די ברענענדיקע געגנטן.

עמיליאַ איז איצט איינע פֿון די הויפּט־פֿאַרבינדלערינס ביים שטאַב פֿון די אויפֿשטענדלער. זי קען די אַלטשטאָט, די וועגן וואָס פֿירן דורך דעם גאָרטן, זי קען דעם אונטערערדישן וועג אין די קאַנאַלן. זי האָט שוין דורכגעמאַכט דעם אונטערערדישן גאַנג ווען זי איז אַרויס פֿון געטאָ.

אַז שמעון איז אָנגעקומען אין דער געביידע פֿון הויפּט־שטאַב האָט ער דאָרט באַגעגנט עמיליאַן. זי איז געזעסן אין הויף, אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן צו אַ מויער און געדרימלט. ער האָט געזען איר אויסגעמאַטערט פּנים, די כאַקי־הויזן פֿאַרשמירט, די שיך פֿאַרבלאָטיקט, אין די הענט האָט זי געהאַלטן דעם רימען צו וועלכן עס איז געווען צוגעפֿעסטיקט אַ רעוואָלווער. דער אָטעם איז אים פֿאַרהאַקט געוואָרן און אַ פֿייכטקייט האָט זיך באַוויזן אין זיינע אויגן. אַ קינד פֿון ייִדישע גאַסן וואָס עקסיסטירן שוין מער ניט.

אַ שטאָט קומט אום. אַ גאַנץ פֿאָלק איז אומגעקומען. ער איז געבליבן און נאָך אַ הייפֿל מיט אים. ער האָט אַן אויטאָמאַט. ער האָט נאָך קוילן. דאָס איז אַלץ וואָס ער דאַרף.

ס'איז קיל. ניט ווייט פֿליסט די ווייסל. אַ ווינטל וויקלט זיך איבערן הויף. מען זעט די טונקעלעביימער־קרוינען פֿון קראַשינסקי־גאָרטן. מיטן צופֿאַלן פֿון דער נאַכט ווערט דער הימל פּיאָלעט, דערנאָך — שאַרלעך־געל און ביינאַכט — רויט. דאָס איז פֿון די שׂריפֿות. וואַרשע ברענט פֿון אַלע פֿיר זייטן. נאָר אויף יענער זייט ווייסל איז רויִק.

שוין דער זעקסטער טאָג ווי עס האָבן זיך איינגעשטילט די סאָוועטישע האַרמאַטן, די סאָוועטישע אַוויאַציע. קיינער שטערט איצט ניט די „יונקערס״, די „שטוקאַס״ צו פֿליִען איבער די קעפּ.

עמיליאַ איז מיד. זי האָט אַראָפּגענומען די הענט פֿון די קני און זיך איינגעקאָרטשעט. זי איז קליין, שמאָל און איינגעשרומפּן. שמעונס פּנים איז צעגליט. ער פֿילט ניט קיין מידקייט. עמיליאַ ציטערט־אויף ביי יעדן קילן אָטעם וואָס קומט כוואַליעסווייז פֿון דער ווייסל. ער האָט אויסגעטאָן דאָס רעקל און זיך דערנענטערט צו איר מיט שטילע טריט.

— אייך איז קאַלט. נעמט דאָס רעקל...

מענדל מאַן

אויף איינער פון די גאַסן אין מיטלשטאָט האָבן די אויפשטענדלער פאַרהאַלטן אַ מענטש וואָס האָט געבעטן, אַז מען זאָל אים צושטעלן צום הויפּט־שטאַב. אַן אָפיציר פון אויסשפּירדינסט האָט אים אויסגעפאָרשט און אַז מען האָט אים געפרעגט ווער ער איז — האָט דער פרעמדער דער־קלערט: איך בין אַ קאַפּיטאַן פון דער סאָוועטישער אַרמיי. אַ פאַרבינדלער פון מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקיס שטאַב. און ווי אַ באַווייז אַז זיין דערקלערונג איז אַ ריכטיקע, האָט ער אַרויסגענומען אַ פאַרביק טיכל פון טאַש און אין פאַלב פון טיכל איז געווען פאַרנייט אַ מיניאַטור־לעגיטימאַציע. דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז האָט מען געקענט איבערלייענען אַז דאָס איז אַ פאַר־בינדונגס־אָפיציר פון סאָוועטישן אויסשפּיר־אַמט.

דער סאָוועטישער קאַפּיטאַן האָט זיך מיט אַ צייט צוריק אַראָפּ־געלאָזט ווי אַ פאַראַשוטיסט אין וויסרוסלאַנד און אָרגאַניזירט דאָרט די פאַרטיזאַנער־באַוועגונג און ערשט מיט אַ חודש צוריק איז ער אַראָפּגע־וואָרפן געוואָרן פון אַן עראָפּלאַן אין לובלינער ראַיאָן. זיין אויפגאַבע איז געווען אַריינצוקריגן זיך קיין וואַרשע און אָנבינדן קאָנטאַקט מיט דער אונטערערדישער פוילישער אַרמיי. איצט וויל ער אַז מען זאָל אים דער־מעגלעכן אָנבינדן אַ ראַדיאָ־קאָנטאַקט מיט ראָקאָסאָווסקיס שטאַב.

דעם זעלביקן טאָג האָט מען אַריבערגעפירט דעם סאָוועטישן פאַר־בינדלער אין באַגלייטונג פון פוילישע אָפיצירן קיין אַלטשטאָט, צום הויפּט־שטאַב. אַ שטיק וועגס זענען זיי געגאַנגען דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן. דערנאָך האָט מען געמוזט איבערוואַרטן אַ העפטיק שיסעריי וואָס איז געקומען פון זאַקסישן גאָרטן. ערשט נאָך האַלבער נאַכט זענען זיי אָנגעקומען צו דער פירשטאַקיקער געביידע ווו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב. ביים אַריינגאַנג האָט געהאַלטן וואַך שמעון גראָס.

דאָס איז געווען אַ וווּנדערלעכע זומער־נאַכט, אַ קילע, אַ ווינטל־דיקע. דער ווינט האָט געבראַכט מיט זיך פון יענער זייט ווייסל דעם ריח פון געקאָכטע הייפעלדער און פון זשאַסמין. ווייט־ווייט אויף צפון־זייט פון הימל האָבן זיך אָנגעזען גרויסע ליכטיק־גרינע שטערן. אַזעלכע שטערן האָט שמעון געזען אין די פּאָליעסער וועלדער, אין די פאַרטיזאַנער־נעכט, דערנאָך בעתן וואָגלען איבער פּוילן. ער קאָן די נאַכט־הימלען און קאָן

די שטערן. איבער וואַרשע זענען די שטערן פאַרטונקלט. נאָר היינט האָט זיך אַ ביסל אויסגעלייטערט דער צפון־טייל פון הימל. ס'איז אַ זעלטן שטילע נאַכט. פאַרוואָס דרימלט עמיליאַ אַזוי לאַנג? זי האָט זיך מיט אַ שעה צוריק אויפגעכאַפּט און ווידער איינגעשלאָפן.

די שטילקייט פאַרוויגט. ערגעץ באַענט הערט מען טריט. שווערע טריט. זיי קומען פון גאָרטן. מען דערקענט זיי לויטן זאַמד־געסקריפּ. איצט גייען שוין די מענטשן אויף שטיינער. פאַרוואָס האָט מען זיי דורכגעלאָזן דורך די פאָדערשטע וואַכן? ווער זענען די מענטשן? פאַרוואָס קומען זיי אין אַזאַ לויערנדיק־שטילער נאַכט? דאָס זענען ניט קיין פאַרבינדלער. מען דערוואַרט דאָך איצטער קיינעם ניט.

אין דער שטילקייט האָט מען געהערט די טריט און דאָס קלאַפּן פון ראַדיאָ־טעלעגראַף. איצט רעדט מען מיט לאָנדאָן. מען רופט פאַרצווייפלט הילף: געווער! געווער! געווער!

— ווער איז דאָרט? שטיין בלייבן!

ער האָט אַ קלימפּער־געטאָן מיטן אויטאָמאַט. פאַלוך האָט געמאַכט עטלעכע שפּאַן.

— שטיין! ניט רירן זיך פון אָרט!

— מיר זענען „מאָנטערס מענטשן!" — האָט זיך עמעצער אָנגערופן.

שמעון האָט דערקענט איינעם פון די אָפיצירן. ער האָט אַלעמען אַריינגעלויכטן אין די פּנימער אַריין מיטן טאַשן־לעמפּל און דורכגעלאָזט איינצלווייז אין טויער אַריין.

ווען דאָס ליכט איז געפאַלן אויף דעם סאָוועטישן פאַרבינדונגס־אָפיציר, האָט עס אַ צאַפּל־געטאָן. דאָס איז געקומען פון גראָס ציטערנדיקע הענט.

— כ'קען אייך... — האָט ער געזאָגט אויף רוסיש. — מיר האָבן זיך אַמאָל באַגעגנט...

— אָ, מען רעדט רוסיש... — האָט זיך אָפּגערופן דער סאָוועטישער אָפיציר. — דוכט זיך, אַז איר האָט אַ טעות.

— ניין... איך האָב ניט קיין טעות, ניקאָליי פּיאָדאָראָוויטש זשילין.

ווי נאָר גראָס האָט אַרויסגערעדט דעם נאָמען האָט ער זיך צוריק־געצויגן פון טויער און געלאָזט דורכגיין די אָפּיצירן.

זשילין האָט זיך אַ רגע פאַרהאַלטן און אויסגעשטרעקט די האַנט.

— אָ, ווער איז דאָס?... אַ באַקאַנטער?... כ׳קען זיך ניט דערמאָנען... דוכט זיך...

— מיין נאָמען איז גראָס... שמעון גראָס...

— מאָלאָדיעץ... גוט וואָס מיר טרעפן זיך ווידער... געמיינט אַז איר זענט נאָך אַלץ אין די וועלדער... דאָ איז טאַקע אייער אָרט...

שמעון האָט שנעל אַרויסגענומען זיינע פינגער פון זשילינס האַנט און אַז ער איז געקומען צו זיך פון דער גרויסער איבערראַשונג איז ער שוין געווען אַרומגערינגלט פון נאַכט־שאָטנס. שווערע, געדיכטע, לויערנ־דיקע.

עמיליאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט. זי האָט אונטערגעשטעלט דעם קאָפּ אונטער אַ קראַן און געלאָזט רינען ריטשקעס וואַסער אויפן קאָפּ. דער געפלייץ פון זילבערנעם וואַסער־שטראָם האָט איר אַרויסגעריסן פון דער פינצטערניש. שמעון האָט זיך איינגעבויגן און געטרונקען דאָס קילע וואַסער. ער האָט אַרומגעווישט דאָס מויל מיט דער האַנטפלאַך און געקוקט צו די אייבערשטע שטאָקן פון דער פאַרטונקלטער געביידע וווהין עס איז אַריין זשילין.

עמיליאַ איז אַוועק צו די געסלעך פון אַלטשטאָט.

די פאַטראָלן האָבן איר עטלעכע מאָל פאַרהאַלטן און קאָנטראָלירט די פאַפּירן. עמעצער האָט הייזעריק גערעדט. דער טויער, ווו זי האָט געוואָלט אַריין, איז פאַרלייגט מיט זעק זאַמד, מיט קלעצער. נאָר אַ שמאָלער דורכגאַנג איז געבליבן. זי האָט זיך געשאַרט מיטן רוקן צו דער וואַנט. אין טויער איז פינצטער. פון קעלער שיינט אַרויס אַ געל ליכט. אין אַ ווינקל, ביי די קעלער־טרעפּ, אויף אַ טעפּיכל, הענגט דאָס בילד פון געקרייציקטן מיט דער דערנער־קרוין אויפן קאָפּ. נעבן בילד קני׳ען עטלעכע פרויען. דאָס ליכט פון אויבן באַלייכט די אַנטבלויזטע קעפּ פון די קני׳ענדיקע. אין מיטן פון די קני׳ענדיקע דערהייבט זיך דער שלאַנקער פאַטער יאַניעץ.

ס'איז שטיל. אַזוי שטיל אַזש מען הערט דעם קנויטן־געשפּריץ פון וואַקסענעם ליכט ביים הייליקן בילד. דעם פּאָטער יאַניעצס קול שלאָגט זיך אָפּ אָן די נידעריקע געוועלבטע ווענט פון קעלער־איינגאַנג. אַן עכאָ פון שעפּטשענדיקע קולות נידערט ביזן טונקעלן שטיין: „פּאַד טוואָיאָן אָבראָנע אוטשעקאַימי שען באָזשע"...

אונטן, אין קעלער איז שטיל. אַן אַלטער הוסט. דאָס ליכט וויגט זיך מיט דער הוסטעריי.

דער פּאָטער יאַניעץ האָט זיך איינגעבויגן צו די קניִענדיקע און צלמט זיך. אין ווינקל, ביים בילד פון געקרייציקטן, איז אָנגעשפּאַרט ביי דער נאַקעטער וואַנט אַ ביקס.

עמיליאַ האָט זיך פאַרהאַלטן פאַר די טרעפּ. זי האָט געזען די רוקנס פון די קניִענדיקע. דער פּאָטער יאַניעץ קוקט אויף איר. זיין לענגלעך פּנים איז געל. די אויגן — האַלב־פאַרשלאָסן און די הענט זענען צונויפֿ־געלייגט ביי זיין ברוסט, פינגער צו פינגער, זיי זענען לאַנג, די פינגער, און דערמאָנען אָן וואַקסענע ליכט דעפאַרמירטע פון גרויס היץ.

— טאָכטער... בעט ביי אים... גיי ניט פאַרביי אַ זייטיקע... ער ליידט פאַר אונדז.

דעם פּאָטערס שטים איז מילד און פרעמד. די ווערטער שלאָגן זיך אָפּ אין איר ווי רעגן־טראָפּנס אויף שויבן. זיי בלייבן נאָר פון יענער זייט, די זייט וואָס איז דרויסן. זי ציטערט אויף. ס'שרעקט איר דער נאַכטיקער אַלטאַר, די געהיימעניש פון די קניִענדיקע מענטשן, יאַניעצס רויִקייט.

אין אַ שטאָט פון שׂריפות, פון אויפרייסן, פון טויט און חורבות — אַזעלכע פאַרוויגנדיקע טרייסט־ווערטער. גוט וואָס זיי טוען תּפילה... אויך דעמאָלס, אין די טעג פון געטאָ־אויפשטאַנד האָבן געקלונגען זייערע קלויסטערס. זיי האָבן געיאָמערט. דאָס איז אָבער געווען אַ פרעמדער קופּערנער געיאָמער פון גלעקער.

— כ'בין ניט קיין זייטיקע, פּאָטער... נאָר ביי דעם אַלטאַר בין איך אַ פרעמדע... כ'בעט אַנטשולדיקונג...

זי האָט געמאַכט אַ טריט צו די טרעפּ און געוואָלט אַראָפּלאָזן זיך אין קעלער.

— כ׳פאַרשטיי דיך ניט, טאָכטער...

דער פּאָטער האָט צענומען די הענט און געלאָזט הענגען די רעכטע האַנט מיט די פינגער אין טונקעלן חלל.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויס טרויער און געזאָגט:

— מיין גאָט איז דער גאָט וואָס וויינט איבער די חורבות פון געטאָ.

אַ שווערקייט האָט איר געצויגן צום דיל. אַז זי האָט זיך אַוועקגעוואָרפן אויפן שטרויענעם מאַטראַץ איז איר לייכטער געוואָרן. גוט וואָס זי האָט דאָס געזאָגט דעם פּאָטער יאַניעץ. זאָל ער וויסן אַז זי איז אַ יידישע טאָכטער. דאָס איז פּחדנות אַרומצוגיין אַ פאַרשטעלטע. פריער איז ניט געווען קיין אויסוועג. אָבער איצט, אין אויפשטאַנד? איצט זאָל זי אומקומען ווי עמיליאַ? איר טויט זאָל זיין אַ צווייפאַכיקער; צווערשט ווי אַ יידישע און דערנאָך ווי אַ קריסטין. די ערשטע האָט זי אַליין אומגעבראַכט מיט די אייגענע הענט. נישטאָ מער, רעגינאַ פּראָווידענטאַל. עמיליאַ האָט איר געירשנט. איצט וועט שטאַרבן די פאַרבינדלערין עמיליאַ און אויף איר קבר וועט מען אָנשרייבן דעם פרעמדן נאָמען און אַוועקשטעלן אַ ברעטל מיט אַ צלם.

— — — רעגינאַ... רעניאַ... פּראָווידענטאַל... פון מוראַנאָוו... שמאָלע טרעפּ, באַלויכטענע בייטאָג מיט אַ טונקל ליכט... אַרום שפּינוועבס... אַ ביימאַשין בייט... דער פּאָטער זיצט אַ געבויגענער... זי לויפט פון שול... רעניו... רעניו... דאָס רופט מען איר... זי קען לידער פון פוילישע דיכטער אויסנווייניק... אָ, ווי זי האָט ליב וויספּיאַנסקיס „וועסעלע" און די וווּנדערלעכע זון־רויזן זיינע וואָס פאַרנעמען אַ גאַנצע וואַנט אין נאַציאָנאַלן מוזיי... זיי האָט געצייכנט וויספּיאַנסקי... רעניו... רעניו... די מאַמע רעדט צו איר פויליש און דער טאַטע יידיש... ער רופט איר רבקהלע... רבקהלע, פאַרוואָס האָסטו אַ פּנים פון אַ שיקסל?... דער לערער פון מאַטעמאַטיק איז אַ צעטומלטער. ער האָט היינט פאַרגעסן אָנצוטאָן די מאַנזשעטן און די געטרעס... אַ גאַנץ יאָר טראָגט ער געטרעס... ווער איז ער, דער שוואַרצער, דער ברייט־פּלייציקער מיט דער געקרויזטער באָרד?... ער וואָלט געקענט שפּילן אין דראַמאַטישן קרייז שמשונען. זי האָט געשפּירט דעם שווייס פון זיין רעקל... ווי אַזוי זעט אויס יוסטינע?... איז זי שיין?...

זי וועט זיך דורכרייסן קיין וואַליע און אויפזוכן יוסטינען... דאָרט זענען דייטשן... פּאָטער יאַניעץ, זיי ניט בייז... איין גאָט איז איבער אונדז...

זי איז אַזוי אָפּגעשלאָפן ביז ס׳איז ליכטיק געוואָרן.

דאָס געלע פלעמל איז שוין פאַרלאָשן. פון קעלער־פענצטערל האָט זיך אַריינבאַקומען אַ גרוי טאָג־ליכט. דער קעלער איז גרויס. די ווענט זענען געקאַלכט. קינדער כאַפּן זיך אויף מיט געוויינען. פרויען קלימפּערן מיט קיך־כלים; מען גרייט זיך עפּעס אָפּצוקאָכן. סירענעס ליאַרמען.

— ס׳הייבט זיך אָן.

— זיי וועלן באַלד אויפהערן. נעכטן איז אויך אַזוי געווען אין דער צייט.

— עס איז היינט אומהיימלעכער ווי שטענדיק.

אַ טראָגעדיקע פרוי, מיט אַ גרויסן אָנגעלאָפענעם בויך פאַרברעכט די הענט אויפן האַרצן.

אַ פינף־יאָריק ייִנגעלע וויינט.

און מיט אַ מאָל האָט זיך אַלץ אַ הוידע־געטאָן.

— ווער שיט דאָס זאַמד? מאַמע! מאַמע! שיט ניט קיין זאַמד!

— אָן אָנפלי פון עראָפּלאַנען. ווידער.

ס׳האָט אַ זעץ־געטאָן. עפּעס האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן די געקאַלכטע ווענט. דער טינק איז אָפּגעשפּרונגען און ס׳האָבן זיך באַוויזן רויטע ציגל.

דאָס פינף־יאָריק ייִנגעלע האָט אויפגעהערט צו וויינען און געפרעגט:

— ווער מאָלט עס אַזעלכע גרויסע רויטע רויזן אויף די ווענט?

עמיליאַ האָט זיך אויפגעהויבן.

די טראָגעדיקע פרוי האָט פאַרלאָרן די שוואַרצאַפּלען. זי קוקט מיט רויט־געאָדערטע ווייסלען.

דאָס ייִנגעלע וויינט.

— מאַמע, כ׳האָב מורא פאַר די רויטע רויזן. נעם זיי אַוועק. נעם זיי אַוועק. די רויזן שרעקן מיך.

עמיליאַ האָט אַרומגענומען דאָס קינד.

— האָב ניט מורא... האָב ניט מורא... באַלד וועט ווערן שטיל... כ׳וועל דיך מיטנעמען אין גאָרטן אַריין... דאָרט וואַקסן אמתדיקע רויזן... רויטע... שיינע...

זי איז אַוועק פון קעלער.

אין טויער האָט זי זיך ווידער אָנגעטראָפן מיטן גלח.

— גוט מאָרגן, פּאַטער.

— וואַרט איבער. גייט ניט איצט. ס'איז אַן אָנפלי.

ער האָט גערעדט צו איר מיט דער זעלביקער שטים וואָס נעכטן ביים אַלטאַר.

— איך מוז... כ'האָב צו אייך, פּאַטער אַ בקשה. איר וועט דאָס טאָן. איך אייל זיך ווייל איך דאַרף מאַכן קורץ... אַז כ'וועל אומקומען און מען וועט מיך באַהאַלטן, שטעלט ניט קיין צלם. שרייבט נאָר דאָרט אויף אַז דאָ ליגט „עמיליאַ, אַ טאָכטער פון געטאָ".

דער פּאַטער האָט געזען ווי זי האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון טויער. זי איז אַריבערגעלאָפן די גאַס, אַראָפּגערוקט דעם הוט טיפער אויפן שטערן.

זשילינס באַוויזן זיך אין וואַרשע האָט שמעונען אויפגערודערט. ער האָט ניט געקענט איינזיצן אויף אַן אָרט די גאַנצע נאַכט. אין איינעם פון די טויערן האָט ער באַגעגנט פּאַלוכן. זיי האָבן זיך וואַרעם געדריקט די הענט.

פּאַלוך איז דורך די עטלעכע טעג געעלטערט געוואָרן. ער איז געשטאַנען אַ געבויגענער און געשוויגן.

דערנעבן באַווייזט אַ פרוי איר געפּאַלענעם זון. זי פּאָרעט זיך מיט אַ ליכט אַרום פּנים פון אַ יינגל וואָס ליגט אויף טונקעלע טרעפּ. זי באַלייכט אַ האַלב פּנים און יאָמערט:

— ער לעבט... עס זענען דאָך ניטאָ קיין ווונדן... נאָר אַ קליינער רויטלעכער סימן ביים שטערן... זעט מענטשן! ניט מער ווי דער קליינער סימן...

— קום פון דאַנען — האָט פּאַלוך געזאָגט — מען קאָן פון זינען אַראָפּ.

זיי זענען אַרויס פון טויער.

פון דער זייט פון וואָליע האָט זיך דערטראָגן דער גוט־באַקאַנטער „בהמה־געוואָי" — דאָס איז פון די דייטשישע „נעפּלוואַרפער". דאָס זענען

צונויפגעבונדענע מינעס, אַנגעפילטע מיט אַ פּליסיקן פּאָספאָר און אויפרייס־שטאָפן פון אַ גוואַלדיקער קראַפט. גאַנצע הייזער ווערן דורך דעם מין געווער פאַרוואַנדלט אין פייער־פלאַמען. דאָס געוואָיערײ איז ענלעך צו אַ ווילד געברעווערײ פון קי.

— די משוגענע קי רעווען שוין...

האַרט ביים טויער ליגט אַ דערשאָסענער. אויף זיינע ליפּן קלעפּט נאָך אַ רייכערדיקער פּאַפּיראָס.

אַ זקן איז אַרויס פון טויער און דעם דערשאָסענעם איבערגעדעקט מיט אַ טונקל געוואַנט.

— לאַנג וועט עס דויערן, שמעון?

— עס וועט דויערן אייביק. און אייביק הייסט ווי לאַנג איך וועל האַלטן אָפן די אויגן. — האָט שמעון געענטפערט פאַלוכן.

— אין אַלטשטאָט שלאָגן זיך אויף פרעמדע פּאַר אונדז. ייִדן פון אונגאַרן, פון גריכנלאַנד. זיי קענען אַפילו ניט אונדזער לשון.

— ווען עס די שטייגער געדענקען?

די פּאַרטאָגנס זענען קילע. די ווייסל איז וואָלקנדיק. אַן אַלטער פּאַרעט זיך אויף אַ קליין שוואַרץ שיפל. ווייבער, פאַרהילטע אין פּאַטשיי־לעס, לויפן איבער די גאַסן. אַן אָפּטייל אויפשטענדלער, אין עס־עס־מונדירן מיט ווייס־רויטע אָרעמבענדער גייט אין אַ צעצויגענער שורה לענגאויס די ווענט.

וואָס טוט זשילין אין וואַרשע? ווער האָט אים געשיקט? וואָס טוט ער אין פּוילישן הויפּט־שטאַב?

ווען שמעון האָט נאָר ניט די פראַגן געשטעלט פון די שטאַב־מענטשן האָבן זיך אַלע אַרויסגעדרייט פון געבן אַ קלאָרע תשובה.

די שטאָט האָט אין יענע טעג דערוואַרט די הילף פון סאָוועטישן מיליטער. מען האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן אויף די סאָוועטישע עראָ־פּלאַנען וואָס זאָלן פאַרטרייבן די „יונקערס", די „שטוקאַסן" און די יעגערס פון די וואַרשעווער הימלען. מען האָט געוואַרט אויפן האַרמאַטן־געדונער פון יענער זייט ווייסל וואָס זאָל דערדריקן דאָס דייטשישע אַרטילעריע־פייער. נאָר אַ האַנט אויסצושטרעקן. דורכרייסן זיך דורך

דער ווייסל און עס וואַרט אויף די סאָוועטישע פּאַרפּאָסטנס אַ גאַנצע אַרמיי, ס׳וואַרטן אויף זיי באַפּרייטע קוואַרטאַלן פון פוילנס הויפּט־שטאָט. ריזיקע שטחים פון דער שטאָט: גאַסן, פּלעצער, פּאַרקן, פאָרשטעט.

אויף וואָס וואַרט די סאָוועטישע הויפּט־קאָמאַנדירונג?

זעלטן ווען אַן אַרמיי וואָס געפינט זיך ביי די טויערן פון אַ שטאָט זאָל באַקומען אַזאַ מעכטיקע הילף פון דער שטאָט גופא. וועט זי די דאָזיקע הילף אָפּוואַרפן? וועט זי לאָזן דערשטיקן אין פייער און אין בלוט אַ מיליאָנען־שטאָט וואָס איז איר אַרויס צו הילף?

איז דאָס זשילין דער פאַרבינדלער פון דער מעכטיקער אַרמיי פון די רוסן, וואָס שטייט אויף יענער זייט ווייסל?

אַן אָפיציר האָט אויפגעזוכט שמעונען. ער איז גראָד געווען אויף אַ פּאָסטן. שוין אַ גאַנצן פרימאָרגן ווי ער לויערט פון אַ דאַך אין הפקר־שטח אויף די באַוועגונגען פון די דייטשן. ער איז אַ גוטער סנייפּער, האָט מען אים באַשטימט אויף דעם פונקט. אַ „טויבנכאַפּער" איז ער — אַזוי רופט מען די דאָזיקע וואַך־פּאָסטנס. דער שטאַבס־אָפיציר איז געקומען אומגעריכט.

— דו קענסט דעם רוס וואָס האָט זיך געמאָלדן אין אונדזער שטאַב?

— יאָ, כ׳קען אים. פאַר וואָס פרעגט איר מיך דאָס?

— ניט שטעלן קיין פראַגן, נאָר ענטפערן!

— כ׳הער אייך.

— דו קענסט אים! ווו האָסטו אים באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל?

— אין פּאַרטיזאַנער אָפּטייל.

— וואָס איז געווען זיין ראַנג און פונקציע?

— אַ פּאָליט־קאָמיסאַר... דוכט זיך אַ קאַפּיטאַן...

— ווי אַזוי האָט ער זיך באַוויזן ביי די פּאַרטיזאַנער?

— מען האָט אים אַראָפּגעוואָרפן מיט אַ פּאַראַשוט.

— וואָס איז דיין מיינונג וועגן דעם רוס?

שמעון האָט לאַנג געשוויגן. ער האָט אָנגעקוקט דעם פּוילישן אָפיציר און לסוף אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט.

— כ׳האָב מער גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

דעם פינפטן טאָג פון אויפשטאַנד, שפּעט ביי נאַכט, האָט דער טעלעגראַפיסטביים הויפּטשטאַב טעלעגראַפירט קיין לאָנדאָן זשילינס אַ דעפּעשע וואָס האָט געדאַרפט פון דאָרט איבערגעוויזן ווערן קיין מאָסקווע ווייל קיין דירעקטע ראַדיאָ־טעלעגראַפישע פאַרבינדונג מיט מאָסקווע האָט וואַרשע ניט געהאַט.

— — — כ׳האָב אָנגעבונדן פערזענלעכן קאָנטאַקט מיטן הויפּט פון וואַרשעווער גאַרניזאָן, וואָס פירט אַ העלדישן קאַמפּס־אויפשטאַנד פון פאָלק מיט די היטלעריסטישע באַנדיטן. נאָך דעם ווי איך האָב זיך אָריענטירט אין דער אַלגעמיינער מיליטערישער סיטואַציע בין איך גע־קומען צו דער איבערצייגונג, אַז ניט געקוקט אויף די העלדישקייטן פון דער אַרמיי און פון פאָלק, זענען פאַראַן נויטווענדיקייטן וואָס פון זיי איז אָפּהענגיק דער שנעלער זיג איבער אונדזער געמיינזאַמען שונא. מען נויטיקט זיך דאָ אין אויטאָמאַטיש געווער, אין אַמוניציע, גראַנאַטן און אַנד.

— — — דאָס געווער קען מען אַראָפּוואַרפן אויפן ווילסאָן־פּלאַץ, פּלאַץ פון אינוואַלידן, געטאָ, פּלאַץ קראַשינסקי, פּלאַץ פון אייזערנעם טויער, נאַפּאָלעאָן־פּלאַץ, מאָקאָטאָווער פעלד, קאָשאַרן פון די שוואָלע־זשאָרן אויף ביי־ווייסל, ביעלאַני. די דערקען־סימנים — אַ ווייס־רויט געוואַנט.

— — — דייטשישע אַוויאַציע פאַרוויסטעט די שטאָט און ברענגט אום די ציוויל־באַפעלקערונג.

— — — באַשיסט די בריקן אויף דער ווייסל; אין דער סביבה פון וואַרשע; זאַקסישן גאָרטן, יעראָזאָלימסקער אַלייען — דאָס זענען די הויפּט־אַרטעריעס ווו ס׳קאָנצענטרירט זיך די באַוועגונג פון שונא. באָמ־באַרדירט די פלי־פּלעצער אין אָקענטשע און ביעלאַני.

— — — די העלדישע באַפעלקערונג פון וואַרשע גלייבט, אַז אין די נאָענטסטע שעהן וועט איר אַרויסווייזן די סאָמע גרעסטע מיליטערישע הילף.

— — — פאַרלייכטערט מיר דאָס פאַרבינדן זיך מיטן מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקי.

אַ קאָפּיע פון דער דאָזיקער טעלעגראַם איז געשיקט געוואָרן דורך אַ פאַרבינדלערין וואָס איז דירעקט אַריבערגעוואָרפן געוואָרן איבער דער ווייסל. זי האָט עס געדאַרפט איבערגעבן דעם ערשטן סאָוועטישן קאָמאַנדיר וואָס זי וועט באַגעגענען אויף יענער זייט.

דער גורל איז געפאַלן אויף עמיליאַן.

— איר קען מען טרויען.

זי האָט אָן וואַקלעניש אָנגענומען די דאָזיקע געפערלעכע שליחות.

— איך וועל גלייך צוריקקומען. כ׳וועל וואַרשע ניט פאַרלאָזן. — האָט זי געזאָגט שמעונען.

צווישן די אויפשטענדלער האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז די סאָוועטן האָבן געשיקט אַ פאַרבינדונגס־אָפיציר, אַז ער האָט זיך באַוויזן אין וואַרשע און עס איז נאָענט די שעה ווען דאָס רוסישע מיליטער וועט אָנהייבן דעם גרויסן אָנגריף פון יענער זייט ווייסל.

גראָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ געדריקטער שטימונג. ער האָט גאַנצע טעג געשוויגן. עס איז אים אויסגעקומען ווי ער וואָלט געוועזן אַ געפאַנגענער. נישטאָ קיין אַנטרינונג. די וועלט ברענט פון אַלע פיר זייטן. ער האָט אויסגעמיטן דעם שטאָב. באַמיט זיך וואָס ווינציקער צו זיין אין דער סביבה פון הויכן פירשטאָקיקן הויז. ער האָט זיך געשראָקן פאַר זשילינען און אים מער ניט געוואָלט זען. אַ האַלבן טאָג האָט ער פאַרבראַכט מיט די ייִדן פון אַלטשטאָט. ביט מיט אַלעמען האָט ער זיך געקענט דערריידן. די ייִדישע איינהייט איז אָן אָפּגעזונדערטע, ביט אַלע איינוווינער באַציִען זיך צו איר פריינטלעך. פאַראַן שפּיזיקע בליקן, בייזע, פול מיט אומצוטרוי און מיט שפּאָט. פאַראַן בליקן חידושדיקע: „אוי, וויפל זשידעס עס איז נאָך פאַרבליבן. מען שלאָגט זיי, מען ברענט זיי און זיי זענען דאָ״. פאַראַן אַזעלכע וואָס שעפּטשען: „איר דאַרפט אונדז דאַנקען וואָס מיר לאָזן אייך צוזאַמען מיט אונדז שטאַרבן פאַר פוילן״. פאַראַן אַזוינע וואָס זאָגן: „מיר טוען אַ פעלער וואָס מיר נוצן ייִדישע סאָלדאַטן, זיי זענען דאָך אַזוי ווינציק, מען וואָלט זיי בעסער געדאַרפט אויסבאַהאַלטן פאַר מוזעאַלע צוועקן. דאָס זענען דאָך די לעצטע ייִדן״... פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן טענות: „ביז איצט האָט איר געאַרבעט פאַר

די דייטשן אין די געטאָ־וואַרשטאַטן, איר האָט זיי רייך־געמאַכט מיט גאָלד, אויסגעקויפט זיך פון דייטשישע הענט — איצט זוכט איר שוץ ביי אונדז. פאַר וואָס זאָלן די זשידעס ניט אומקומען ווי זייערע אָרעמע ברידער ?״

פון אַ טויער אַרויס האָט אַ פּאָליאַק אָנגעוויזן אויף איינעם : ער איז געווען אין געטאָ אַ פּאָליציאַנט, געטראָגן אַ היטל פון אַ געטאָ־פּאָליציאַנט. געדינט די דייטשן — און איידער מען האָט דעם מענטש באַוויזן אויסצופאַרשן האָט מען אים דערשאָסן. און ביי איינעם אַ ייִד, האָט מען געפונען אַ קענקאַרטע פון אַ פאָלקס־דייטש.

— איך בין ניט קיין פאָלקס־דייטש ! איך בין אַ ייִד ! אַ ייִד פון זאַמענהאָף־גאַס !

— אַ ייִד ? — האָט דער המון געשריִען.

— טאָ ווי אַזוי ביסטו לעבן־געבליבן ?

— זיכער ניט אויפן גלייכן וועג... דורך שווינדל... דורך אָפּנאַרעריי... אייגענע גענאַרט און אַוודאי אויסגעגעבן אונדזעריקע אויך...

— אַ שווינדלער איז ער... ער האָט געהאַט פּריווילעגיעס ווי אַ פאָלקס־דייטש !

— אַ ייִד וואָס לעבט נאָך איצט האָט זינד... די ערלעכע זענען אומגעקומען...

— ער האָט אייגענע ייִדן געפּייניקט און אויך קריסטלעכע נשמות ווייַנען צוליב אים...

— די אָרנטלעכע ייִדן זענען אַלע אומגעקומען... די אויסוואורפן זענען געבליבן...

— וואָס מעדיטירט איר ? אַ קויל אים אין די שלייפן.

ס׳איז שטיל געוואָרן. אַלץ וואָס מען האָט געדאַרפט זאָגן איז שוין דורך דעם המון געזאָגט געוואָרן. דערנאָך האָט אָפּגעהילכט אַן איינצלנער שאָס.

שמעון האָט זיך אַריינגעריסן אין טויער. ער איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער. די אויגן זענען אים פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט. ער האָט אַראָפּגענומען דעם אויטאָמאַט פון אַקסל.

— צעגייט זיך פון דאַנען...

זיין קול האָט גרויליק אָפּגעהילכט ווי אַן עכאָ פון אַ דונער.

די גאַס איז פּוסט. ניט ווייט האַלט־אָן אַ שיסעריי. אַ שטיק גזימס האָט זיך אָפּגעריסן און געפאַלן ביי זיינע פיס. דאָס איז אַ קאָפּ פון טויער־פּאַסאַד — אַן אַן אויסגעקרימט שטיינערן פּנים מיט אַ גרויס ליידיק מויל, ווי עס וואָלט פון דאָרט נאָר־וואָס אַרויס אַ לעצטער געשריי.

לאָזן זיי שיסן. ער וועט אויך איצט אַרויסלאָזן די לעצטע סעריע קוילן. צו וועמען? וווּהין? דאָס איז אַלץ איינס. אפשר צו די הימלען? און אפשר צו זיך אַליין. צום אייגענעם האַרץ פון אַ מידן און באַליידיקטן מענטשן, וואָס רופט זיך שמעון גראָס.

— העי, דו ביסט געווירט אויפן קאַסטן? וואָס פלאַנטערסטו זיך אַרום אין מיטן דער שיסעריי ווי אַ זעלבסטמערדער!

מען רופט צו אים פון אַ טויער. עמעצער האָט אים אָנגעכאַפּט. ער לאָזט זיך פירן. אין טויער האָבן זיך די מענטשן אָפּגערוקט פון אים. מען מאַכט אים אַ וואַרע.

— שרעקט אייך ניט...

מען האָט זיך אָבער געשראָקן פאַר זיינע צעפיבערטע אויגן, פאַר זיין וויגנדיקן גאַנג און פאַר דער אומהיימלעך־שוואַרצער באָרד.

אין די דאָזיקע שווערע טעג פון באָמבאַרדירונגען און שׂריפות האָבן זיך די מענטשן אין די קעלערן דערציילט, אַז אין סאַמע מיט פון די שיסערייען, אונטער אַ האָגל פון קוילן, זעט מען איבער די חורבות פון געטאָ אַרומשפּאַנען צוויי אויסטערלישע פּאַרשוינען. זיי וויקלען זיך אַרויס פון וואָלקנס רויך, זיי גייען דורך פלאַמען־ווענט, קלעטערן איבער די ציגלבערג, צעשיידן זיך און באַגעגענען זיך אויף ס'ניי ביי די קריי־צונגען פון טויטע גאַסן.

איינער איז הויך, שלאַנק, מיט אַן איינגעפאַלן פּנים און פייער־אויגן אָנשטאָט שוואַרצאַפּלען. אַז ער גייט פלאַטערן אים די צוויי פּאָלעס פון שוואַרצן מאַנטל ווי פליגל. ער זעט אויס ווי אַ גרויסער שוואַרצער פויגל.

בײַ דער ווײַסל

דער צווײַטער איז נידעריק, קרעמפּ, ברייט־אַקסלדיק, מיט אַ שוואַרצער געקרײַזלטער באָרד, מיט אַ קורצן האַלדז און גרויסע, ברייט־צעעפנטע אויגן — תּהומיקע ווי די ברונעמער אין וואָלקן־נעכט.

די דײַטשן עפּענען אויף זיי אַ שיסערײַ. מען באַוואַרפט די צוויי מענטשן מיט גראַנאַטן. פון די טויערן און פון די באַריקאַדן גיט מען צו זיי סימנים. מען וויל זיי ראַטעווען, נאָר די צוויי אויסטערלישע פאַרשווינען זענען פאַרטאָן אין אַ געשפּרעך. דאָס געשפּרעך איז ענלעכער אויף אַ העפטיק קריגערײַ. איינער קאָן אָבער ניט אָפּטרעטן פון צווייטן. אַפילו ווען זיי זאָלן אַוועק אין קעגנזײַטיקע זייטן וואַקסן די דאָזיקע מענטשן פּלוצעם אויס פון אַ רויך־וואָלקן. זיי רעדן צו זיך האַרבע און בייזע רייד. איינעמס בליק איז געווענדט צו די הימלען און דעם צווייטנס — צו די חורבות. איינעמס אויגן פײַערן, שׂרפֿהנען, צינדן אַלץ אַרום זיך מיטן בראַנד פון פאַרלענדונג און פאַרוויסטונג, דעם צווייטנס — זענען קאַלט, שוואַרץ און שפּרייטן אַרום זיך שוואַרצע שלייערן. דאָס זענען אויגן פון טויט, אויגן וואָס טראָגן אין זיך דעם אָפּשאָטן פון קברים בײַנאַכט.

אַז די פאַרצווייפלטע פרויען דערזעען די צוויי מענטשן דורך די שפּאַלטן פון די טויערן פאַרברעכן זיי די הענט און שעפּטשען תּפילות.

אַ פרוי האָט זיך געשליידערט אויף דער ערד, געשלאָגן דעם קאָפּ אָן שטיין.

— ראַטעוועט די דאָזיקע צוויי נשמות. לאָזט זיי ניט וואָגלען. מענער! וואָס ליגט איר ווי די פּחדנים און שווייגט?

מען האָט זיך געשפּאַרט צום טויער, געקוקט דורך פענצטער־לעכער.

— וווּ זענען זיי?

— דאָס קאָן ניט זײַן — האָט זיך געריסן אַ פרוי די האָר פון קאָפּ. — ס׳קאָן ניט זײַן... איך האָב זיי דאָך ערשט געזען... זיי זענען פאַרוווּנדעט... זיי ליגן אויף די פאַרבלוטיקטע שטיינער... זיי דאַרפן הילף... אײַלט מיט הילף... פאַליאַקן... ראַטעוועט די צוויי נשמות...

עמעצער האָט אָנגעקוקט דער פרוי:

— איר האָט דאָך שגעון־אויגן.

— שגעון זאָגט איר? איר זענט פּחדנים! פּחדנים!

די פרוי האָט זיך געריסן צום טירל. מען האָט איר געוואָלט פאַרהאַלטן. זי איז געלאָפן דורך דער פוסטער גאַס. אָנגעשלאָגן זיך אָן ציגל־ברוך, געפאַלן, ווידער אויפגעשטעלט זיך ביז זי איז פאַרשוווּנדן אין שטויב פון אויפרייסן.

— דאָס איז פאַרבלענדעניש. — האָט געזאָגט אַ מענטש אין טונקעלע ברילן.

ווידער האָט אַ רעווע־געטאָן די „משוגענע קו״.

נאָר רגעס זענען געבליבן אַראָפּצולויפן אין די קעלערן. איין רגע נאָך און עס וועט אַלץ פאַרהילט ווערן אין אַ רויטן בלוט־שטויב. אַ רויטער נעפּל וועט אויפוואַקסן איבער דער שטאָט ווי אַ ריזיקע ווילדע שוואָם.

און דערנאָך וועלן זיך וויקלען רויך־קנויטן אַזוי ווי די גרייצערס. זיי וועלן זיך איינעגבערן אין די הימלען, טיף, טיף ביז דעם זיבעטן הימל. זיי וועלן אויך דעם זיבעטן הימל אויפרייסן מיט די האַרטע רויך־גרייצערס און גאָטס פּנים וועט פאַרהילט ווערן מיטן רויטן שטויב.

— ווער זענען עס די צוויי מענטשן? קען זיי עמעצער? וווּהין גייען זיי?

קיינער קען וועגן זיי גאָרנישט דערציילן.

אַ יונג מיידל האָט זיך געשוואָרן אַז זי האָט זיי געזען ליגן דערשאָסענע אויף וואָליע. אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט גענישטערט אין די חורבות פון איר הויז האָט געזען ליגן דעם מענטש מיט דער שוואַרצער געקרייזלטער באָרד אין אַ קאַלוזשע בלוט.

אַ זקן האָט געזען דעם מאַן מיטן צעפלאַטערטן שוואַרצן מאַנטל קניִען ביי אַ מויער און תּפילה־טאָן. וויפל די דייטשן האָבן ניט געשאָסן אויף אים איז ער אַלץ געבליבן אויף די קני...

אין זעלביקן טאָג, נאָך־מיטאָג, איז געקומען צו לויפן אַ פאַרוווּנדעטער פון קראַשינסקיס גאָרטן און דערציילט, אַז ער איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ מענטש מיט אַ געקרייזלטער שוואַרצער באָרד. דער מענטש האָט אים אַרויסגעפירט פון די דייטשישע פּאָזיציעס און אַז אין זיין שאָטן איז געשטאַנען אַ הויכער מאַן און געזונגען דאָס באַקאַנטע פּוילישע ליד:

„מיטן רויך פון שׂריפות און אין שטויב פון ברודער־בלוט״.

ביי דער ווייסל

דער הויכער מענטש האָט געזאָגט צום מאַן מיט דער **שוואַרצער** באָרד: — לאָמיר איבערלאָזן די חורבות און גיין צו די וועלדער פון קאַמפּינאָוו... דאָרט ווו די הימלען זענען ריינע... דאָרט ווו די זון איז ניט פאַרטונקלט פון רויך... אָנשטאָט אַן ענטפער האָט דער קרעמפּער אַ בליאַסק־געטאָן מיט די ציינער און די תּהומיקע אויגן האָבן געגליט.

דער הויכער האָט גערעדט: — דו ווילסט ניט אַוועקגיין פון דאַנען. אַליין קען איך ניט... איך טאָר ניט... אַזוי לאַנג ווי דו ביסט דאָ... אַזוי לאַנג ווי דו האַלטסט די ביקס מוז איך דאָ זיין... צוליב דיר וואָגל איך איבער די חורבות... לאָז מיך אָפּ... באַפרייַ מיך... פאַרשווינד און איך וועל פאַרשווינדן...

וואַרשע איז צעשניטן געוואָרן אויף עטלעכע באַזונדערע קעמפּנ־דיקע געגנטן.

די דייטשן האָבן דורכגעהאַקט אַרטעריעס מיט דער הילף פון טאַנקן, פון געפּאַנצערטע וועגענער. די טאַנקן האָבן געריסן זיך אַ וועג דורך שטיינער, אויפגעשניטן דעם אַספאַלט מיט די שאַרף־צייניקע רעדער.

צווישן וואָלקנס רויך און רויטן שטויב דערהייבן זיך ווייסע טשאַ־טעס טויבן. זענען דאָס די טויבן פון אַמאָליקן וואַרשע?

ניין! ניין! דאָס זענען ווייסע צעטלען; אויפרופן פון דייטש פאַן־באַך צו דער באַפעלקערונג. אַן אולטימאַטום. פאַלשע אָפּנאַרערישע טויבן זענען עס!

„די באַפעלקערונג מוז פאַרלאָזן וואַרשע! וואַרשע וועט אָפּגעוו־רייניקט ווערן פון מענטשן!"

— ניין, דאָס וועט קיין מאָל ניט געשען!

אויף די צוויי מענטשן וועלן די חורבות ניט איבערלאָזן.

און באַלד דערנאָך האָבן „יונקערס" אַראָפּגעצויגן די גלייכגילטיקע, גרויע פּוילישע הימלען, נידעריק, נידעריק ביז צו די חורבות. און אַז די הימלען, די אַראָפּגעפאַלענע, האָבן פאַרדעקט די הייזער, די גאַסן, די מערק, די חורבות — איז גאָטס פּנים אָפּגעטאָן געוואָרן פון דער דאָזיקער שטאָט.

קאַפּיטל זעקס

צפונדיק פון וואַרשע שפּרייטן זיך די נידערונגען — דאָס זענען ריזיקע שטחים פלאַכלאַנד וועלכע צעצווייגן זיך אויף מיזרח און מערב. אויף טייל ערטער זענען די נידערונגען פאַרדעקט מיט זאַמד־דיונעס. די זאַמד־אָנשיטן מיט די שאַרף־הערנערדיקע זייטן זענען אויסגעקערעוועט צום מערב און די פלאַך־רונדיקע זייטן פון די זאַמד־ווידמעס — צום מיזרח. דאָס איז אַוודאי פון די מיזרח־ווינטן וואָס האָבן דאָ געבושעוועט.

צפון־מיזרחדיק פון וואַרשע גייען די נידערונגען איבער אין זומפּ־פעלדער און אין באַגנעס. זיי ציען זיך ביזן נאַרעוו און בוג. הויך־גראָזיקע לאָנקעס מיט בלאָע קאַלוזשעס, מיט אַלערליי פלעכט־גראָזן און זומפּ־קוסטעס, מיט אָזערעס און סאַזשלקעס צעוואָרפענע איבער די ווייטן ווי ליכטיק בלאָע הימל־אויגן. טייל אָזערעס זענען אַנטשטאַנען אויף די טאָרף־פעלדער נאָך דעם ווי מען האָט דאָרט אויסגעגראָבן דאָס טאָרף. איבער דעם פלאַכלאַנד זענען פאַנאַנדערגעוואָרפן וועלדער און קעמפּעס. דאָס זענען סאָסנע־וועלדער אויסגעמישטע מיט דעמב, מיט גראַב און טייל מאָל טרעפט מען אויך דאָ די דראָבנע בלעטלדיקע ליפּע. אויף די פייכטע לאָנקעס אין די זומפּ־שטחים וואַקסן די אָלשינעס, די גרויע אָלכע און די שוואַרצע, און צווישן די ווערבע־קוסטעס און די אַלערליי גרין־ברוינע און טונקל־גראָע פלאַנצן און גראָזן בליאַסקעט אַרויס מיט אַ זעלטענער ליכטיקייט די ווייסע בערעזע.

אין די פאַלבן פון די נידערונגען, ביי די ברעגן פון טייכלעך און אָזערעס, ביי שמאָלע שלעכט־ברוקירטע שטיינוועגן באַוואַקסענע מיט קאַשטאַנעס און צעקנאָדערטע ווערבעס ליגן דערפער — אָרעמע פּוילישע

דערפער, מיט קליינע כאַטעס, מיט צוימען געפלאָכטענע פון טייך־לאָזעס, מיט נידעריקע שטעלער און סטאָדאָלעס, און פּאַשע־פעלדער הינטער די כאַטעס. און ניט ווייט פון די דערפלעך דרימלען קליינע אָרעמע שטעטלעך מיט הויך־טורעמדיקע קאָשטשאָלן, געבויטע פון אַ רויטן ציגל, מיט וואָלקנס אַרום דעם שאַרפן צלם פון טורעם, מיט שוואַרצע פענצטער־לויערונגען פון דער דזוואָנניצע. באַלד, באַלד וועט זיך צעשיטן איבער די פייכטע פעלדער, צווישן גראָזן און קזשאַקעס ווו ס׳ליגן שטיקלעך צעריסענער הימל, אַ דראַבנער גלאָקן־געקלאַנג, אַזאַ אומגעדולדיקער, אַזאַ איילנדיקער ווי גאָר נאָענט וואָלטן אויפגעשפּרונגען די ערשטע צונגען פון אַ שׂריפֿה. און לעבן דעם קאָשטשאָל — ציגל־הייזער, הייזער פון געטעסעטע סאָסנעס, מיט קליינע פענצטערלעך, געוועלבער מיט לאָדנס און שווערע טאָפל־טירן. אַ קליינער מאַרק מיט אַ רעסטאָראַציע, מיט אַ חזירייי, מיט אַן אַפּטייק דערנעבן, מיט אַ גויִשער פור באַלייגט פון שטרוי און אַ פויער אָנגעטאָן אין אַן אָנקאָלירטן מאַנטל אַזוי ווי פון גראָז לאַנג־געשניטענס און פּאַרלוירנס אויף די שטיינער פון ברוק. הינטער דעם מאַרק, און פון דער צווייטער זייט קאָשטשאָל, ווו ס׳רויטלט זיך דער דאַכוווקע־דאַך פון גלחס הויז, פּלאָנטערן זיך וועגלעך ווי דער געוועב פון שפּינען. באַטשנע וועגלעך, שמאָלע, בלאָטיקע, מיט קאַלוזשעס ברוינע, בלויע, גרינע און רויט־ליימיקע. און אַרום די שמאָלע וועגלעך וואַקסן ווערבעס — דיקע שטאַמען, געמאַרשטשעטע, געפּלאַצטע, געקאַרבטע מיט ריסן, מיט שפּאַלטן, מיט שוואַרצע אויסהוילעכישן פון דונערן און בליצן. זיי האָבן זיך אַמאָל אָנגעצונדן די ווערבעס אין מיט פון די שטורעמס און שלאַקסן און נאָר דער געפּלייץ ווי פון צעבערעס האָט דערשטיקט דעם פּלוצעמדיקן פלאַם וואָס האָט געריסן זיך צו גאָטס צאָרנדיקע הימלען. איצט לויערן זיי מיט די שוואַרצע לעכער און שרעקן איבער די שיכורע פויערים וואָס פאָרן צוריק פון דעם פּוסטן מאַרק. די קעפּ פון די ווערבעס זענען צעשורפּעטע, מיט יונגע דינע ריטלעך ווי האָר ביי דער־שראָקענע זקנים. יעדן פרילינג האַקט מען אונטער די צווייגן און מען לאָזט נאָר דעם אָנגעוואַקסענעם צעקרימטן שטאַם־קאָפּ. פון די גלייכע צווייגלעך פלעכטן די אַלטע פויערים צוימען צו זאַגראָדעס אַז די בהמות

און די חזרים זאָלן ניט אַריינקריכן אין די קרויט־גערטנער.

ביי די קרייצונגען פון די באַטשנע וועגלעך שטייען צלמים, גרויסע הילצערנע צלמים מיט פאַרוויאַנעטע קרענץ געפלאָכטענע פון פויערטעס. אויף די זאַפטיק־גרינע לאָנקעס, וואָס גרייכן ביז די בלאָ־נעפּלדיקע וואַלד־ראַנדן, זענען צעוואָרפן באַוועגלעכע פלעקן — ווייס־שוואַרצע, ברוינע, גרויע — דאָס זענען די פי וואָס טאָפּטשען אין די גראָזן. מען זעט ניט אַרויס זייערע פיס ווייל די גראָזן גרייכן זיי ביז די בייכער און די רוקנס פון די קי זענען באַקלעפּט מיט פאַרטריקנט מיסט, צעשפּאָלטנס, האַרטס ווי דער דנאָ פון אַן אויסגעסאָכנעטער קאַלוזשע נאָך לאַנגע וואָכן טריקעניש. די תבואה־פעלדער זענען שמאָלע, זיי ליכטיקן מיט אַ זוניקער שיין. זיי לויפן אויף הויכקייטן, זיי פאַלדעווען זיך אין ווינט ווי אַ טייכשפּיגל און מיניען זיך מיט גאָלדהאָריקע זאַנגען־קעפּ. די גריקע־פעלדער בליִען. די קאָניטשינע־לאָנקעס טונקלען זיך ווייל זייערע בלומען ווערן שוין. אַרום דעם רייפן קאָניטשינע־פעלד טראָגט זיך אַ בינען־געזשומעריי.

אָט דאָס אַלץ איז פּוילן. דאָס אַלטע און אייביקע פּוילן.

נאָר די ייִדן וואָס זענען אויף די זייטן־וועגלעך און שאָסייען גע־גאַנגען, זענען דאָ נישטאָ מער. עס זענען נישטאָ די וואָס האָבן די וועגן די ערשטע אויסגעטראָטן. נישטאָ מער די שוואַרצבערדיקע, די טונקל־אויגיקע, די טרויעריקע, די פאַרטראַכטע, די שווייגנדיקע, געדולדיקע און מילדע איינוווינער פון דער דאָזיקער פּוילישער ערד.

מנחם ליגט שוין די דריטע וואָך אין אַ קליינעם מיליטערישן שפּיטאָל צפונדיק פון וואַרשע. די וווּנד איז ניט קיין שווערע און זי היילט זיך גוט. ער איז אָפּט אָוועק פון די קליינע דאָרפישע שפּיטאָל־צימערן, געשפּאַצירט אין דער נאָענטער סביבה. שעהן־לאַנג פלעגט ער זיצן אויף אַן אונטערגעזעגטן שטאָם און קוקן צו די וואַלד־ווייטן, צו די ברוינעביימער־קרוינען, צו די גרין־נעפּלדיקע פעלדער, צו די זייטן־וועגלעך. דאָ איז געווען זיין היים. דאָ איז ער געבאָרן געוואָרן. אויף דער דאָזיקער ערד. אַ קליין שטעטעלע... אַ קאָטשאָל אַ הויכער, אַ רויט־ציגלדיקער

אין דער זון, אַ בלאָער אין די אָונטן און אַ טונקל־גראָער אין די נעכט... ער האָט אים געזען פון דער שויב אַרויס... אַ צוגעקלעפּטער מיט דער באָז צום גלאָז... די מאַמע איז הויך, ליכטיק, מיט זאַנגען־האָר ווי אַ דאָרפס־פויערטע... ס׳איז דאָס יאָר ניינצן הונדערט צוואַנציק... די רויטע רוסן דערגייען ביז דער ווייסל... זיי פאַרנעמען דאָס שטעטל... שיסערייען מיט פּאָליאַקן... די מאַמע פאַרדעקט אים מיט איר גוף... דו וועסט מיך דער־שטיקן... דאָס דעקט זי אים איין אויב אַ קויל וועט פאַלן, זאָל זי איר טרעפן...

— — — ער איז קראַנק. ער פיבערט. ערגעץ טראָגט אים די מאַמע אויף די הענט. פעלדער און לאָנקעס. באָטשנע וועגן. זי גייט צום דאָקטאָר סקאָווראָנסקי. אַ וואַרשעווער דאָקטאָר וואָס איז געקומען אויף אָפּרו אין דאָרף אַריין צום דזשעדזשיץ... ער אַקערט יעדן פּאָר טאָג ביים טייך. די מאַמע טראָגט אים אין דער פאַרטאָגיקער בלאָקייט. ער איז זעקס יאָר אַלט. די זון גייט אויף. טוי. נעפּלען. און ווידער טוי. אַ פויער מיט בייזע וואָנצעס טרייבט פערד. די ערד איז קיל. דער אַקער שלאָגט זיך אָן אין אַ שטיין. ס׳קלימפּערט אַזוי שאַרף אָפּ. די מאַמע טראָגט אים איבער גרודעס שוואַרצערד. זי וואַקלט זיך ביים שטעלן אַ טריט. זי פאַלט אָבער ניט. ביים ראַנד פון פעלד לאָזט זי אים פּאַמעלעך אַראָפּ אויף אַ שטיק פרישער שמעקעוודיקער ערד. מנחם שפּילט זיך מיט דער קילער גוטער ערד... דער דאָקטאָר רעדט הויך. ער בייזערט זיך. ניין. אין פעלד קען מען ניט היילן. דערנאָך וואַשט ער זיך די הענט אין טייכל. מנחם זעט זילבערנע טייך־רינגען. אַ פיש טוט דאָרט אַ פּליעסקע. ס׳איז שטיל. ער הייבט אויף די אויגן. פון אויבן, איבער אים די וואָנצעס פון דאָקטאָר. בייזע און גלייכ־צייטיק מילדע. פון אונטן — ערד. גרודעס צעאַקערטע ערד און איבער דעם דאָקטאָר — די מאַמע און איבער אַלעמען — אַ ליכטיקער פרי־מאָרגנדיקער הימל. — — —

אָן אַלטער פויער גייט. עס וויגט זיך אַ געבונדן קעלבל. ער טראָגט עס אויפן קאַרק.

— גוט מאָרגן, פּאָטער!

— דזשען דאָברי... איך גיי צו אַ קרוב אין שכנותדיקן דערפל. די

קו איז געפאַלן. אויסגעגאַנגען. גיב איך אַפּ ס׳קעלבל אויף אויסצוהאָדעווען ביז ס׳וועט קענען אַוועק אויף דער לאָנקע...

— דו ביסט אַ היגער?

— אַ היגער...

— ניט ווייט, מיט אָט דעם וועג, מיט דעם באָטשנעם, אַז מען זאָל גיין אַ שעה־צייט ווהין קומט מען אָן?

— ווהין? דו וועסט ניט טרעפן... דאָרט איז גוטאַזשעוואָ... קאָלאָ־זאָמב... דערנאָך טאָפּאָליע... דערנאָך קוכאַר... אַלץ מיט די וועגלעך מיין פּאַן...

— ביסט דאָרט געוועזן דעם זומער?

— אין גוטאַזשעוואָ בין איך געווען. געפירט קאָרן אין דער מיל אַריין. אונדזער וויעטראַק איז געשטאַנען, ניט געווען קיין ווינטן...

— האָסט געקענט דעם דאָקטאָר סקאָווראָנסקי?

דער פּויער האָט אַראָפּגענומען דאָס קאַלב פון קאַרק און אַוועק־געלייגט אויפן גראָז. מנחם האָט אויסגעשטרעקט זיין געזונטע האַנט און געגלעט די פעל פון קאַלב, געפירט די פינגער איבערן קאָפּ און געשפירט ווי די פייכטע קעלבערישע צונג לעקט אים די פינגער.

— געקענט. אַ יאַקזשע. ס׳איז שוין לאַנג. ער האָט מיר פאַרנייט ביים שאַרבן. צעקלאַפּט געוואָרן ביים וואַרפן אַ בוים אין קוכאַרער וואַלד. אוי, שוין לאַנגע יאָרעלעך... ער זאָל אַ ליכטיקן גן־עדן האָבן, דער דאָקטאָר...

— און די ייִדן פון דאָרט האָסטו געקענט?

דער פּויער איז אומרויִק געוואָרן. זיינע אויגן האָבן זיך אויסגעלאָשן, ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס היטל און זיך געצלמט.

— געקענט. געקענט. אָ יעזו מיינער. געקענט. דו זעסט אויס צו זיין אַ היגער? וועמענס ביסטו?

דער אַלטער איז אַוועק.

פון נעפּלדיקן וואַלד־פּאַס האָט זיך דערנענטערט אַ געפלעקטע כמאַרע. דאָס איז ניט קיין שטורעם־וואָלקן — דאָס איז אַ גרויסע פייגל־טשאַטע, אַ פייגל־חתונה איבער די טרויעריקע פּוילישע לאָנקעס.

די פייגלשע כמאַרע האָט זיך געטראָגן איבער מנחמס קאָפּ מיט

אַ וויסטיק געקראַקעריי. דאָס זענען שפּאַקן. טרויעריקע, גרויע פּעלד־שפּאַקן, די וואָס נעסטיקן זיך אויף די טאָרף־פּעלדער, איבער באַגנעס און האַלטן זיך אויף אין די וועלדער און קעמפּעס. זיי זעען אויס ווי אַ צעשלי־סענע כמאַרע אין אַ הוראַגאַן, ווי שטיקער ניט־דערברענטע האָלאָוועשקעס, ווי סאַזשע וואָס ווערט געשליידערט פון ווינטן נאָך אַ שׂריפה. ס׳טוט ווי דאָס גיין איבער דער היימישער ערד, איבער די דאָזיקע פעלדער די טרויעריקע, איבער די דאָזיקע שליאַכן די פּאַרלאָרענע, איבער די טאָלן די טויזיק־טרערנדיקע. עס ווערן איבערגעפּולט די אויגן ווען די קוקסט אויף די וואַלד־ווייטן די לאָקנדיק־שרעקנדיקע, אויף די האָריזאָנטן די צוזאָגע־ריש־פּאַרפירערישע, אויף די הימלען די טיף־בלאָע וואָס זייגן אַרויס דיינע שוואַרצאַפּלען און בלייבסט נאָר מיט הוילע נעפּלדיקע אויגן אָנגע־זאַפּטע מיט פּייכטעניש פון די לאָנקעס.

ביי נאַכט קוקן אויף מנחמען גרויסע ליכטיקע שטערן. די וועג־ווערבעס זענען טונקל־צעקנאָדערט ווי פּאַרגליווערטע זקנים אין תּפילות ביי קלויסטער־טויערן. אויף די וועגלעך איז שטיל. אַ קאַלוזשע בליאַסקעט אַרויס פון צווישן די נאַכטיק־נעפּלדיקעביימער־קרוינען מיט ציטערנדיקע שטערן און אַ וואָלקנראַנד. אין די רעדער־אָפּדרוקן בלויט זיך אַ שמאָלער וואַסער־פּאַס ווי דאָס וואָלטן געווען די אָדערן פון דער דאָזיקער ערד.

נאָענט בילט אַ הונט. דאָס בילעריי קייקלט זיך נידעריק איבער די פּעלדער און בלייבט פאַרהוילן און דערשטיקט ביי די ווערבע־קוסטעס. אַ געפּענטעטע פערד היפּעט איבער דער לאָנקע. די פּאָדערשטע פיס זענען געבונדן. דאָס היפּן פון פערד שלאָגט זיך אָפּ איבער דער ווייט. יעדע פּאָר רגעס שפּרינגט דאָס געבונדענע פערד און שלאָגט מיט די פּאָדערשטע פיס אין פעלד. דאָס איז אַ דערשטיקט קלאַפּן, באַגלייט מיט אַ געשאָרך פון צעטראָטענע גראָזן. ווידער אַ שפּרונג. דאָס טעמפּע קלאַפּן לויפט צום וואַלד־ראַנד און דער וואַלד שליידערט עס צוריק. דעם פערדס גריווע איז פּאַרפלאָכטן מיטן ווינט, דער האָריקער עק איז צעפּלאָשעט און דער ווינט וואָיעט אין די פערדישע האָר אַ טרויעריק געוואָי.

אין קליינעם פּעלד־שפּיטאָל איז פינצטער. אַלע שלאָפן שוין. אין אַ זייטיק חדרל ברענט אַ לעמפּל. דאָס ליכט איז שמאָל און גליטשט זיך

איבערן ליידיקן פעלד. דאָ ליגן לייכט־פּאַרוואונדעטע, די וואָס דאַרפן קומען צו זיך. זיי שלאָפן אַלע רויִק. מנחם הערט זייער עטעמען. ער עפנט דאָס פענצטער. ס׳איז קיל און טויִק. די ליפּע־ביימער ביים סטאַוו האָבן שוין לאַנג אָפּגעצוויטעט. נאָר זייערע ריחות טראָגט דער ווינט איבער די פעלדער. ער וואָלט אַוועק מיט די באַכטיקע וועגלעך און געגאַנגען דורך די לאָנקעס, דורך די וועלדער, צו די האָריזאָנטן, ניט אַרומהיפּן אין די נעכט ווי דאָס געפּענטעטע פערד. ער קען ניט הערן דעם טעמפּן געקלאַפּ פון געבונדענע פערדישע פיס. ער קען ניט איינרוען אין דער דאָזיקער נאַכט.

וויפל מאָל ער האָט זיך נאָר ניט געוואָלט אַוועקלייגן אויף זיין בעטל האָט אים דאָס טויבע קלאַפּעריי, דאָס רעגלמעסיקע פון די פערד־קאָפּעטעס אומרויִק געמאַכט. ער וועט אַרויס און אָפּבינדן דאָס פערד.

— פאַרוואָס שלאָפסטו ניט, סאָלדאַט? — האָט עמעצער געשעפּ־טשעט.

— כ׳קען ניט. אָט דאָס דאָזיקע געפּענטעטע פערד.

— מ׳דאַרף רוען.

מנחם האָט דערפילט לעבן זיך דעם אָטעם פון אַ מענטש. מען איז געשטאַנען הינטער זיין רוקן. אין דער פינצטערניש האָט ער ניט דערזען קיין פּנים. דאָס איז געווען אַ הויכער ברייט־אַקסלדיקער מענטש אין אַ לאַנגן כאַלאַט.

— וואָס טראַכטסטו, סאָלדאַט, אַזוי שפּעט אין דער נאַכט?

דאָס איז דער פּאָלקאָווניק איליאַ אַלעקסאַנדראָוויטש יעפימאָוו.

מנחם דערקענט איצט זיין קול. ער איז געקומען אויף עטלעכע טעג. נאָר אויף איבערבינדן אַ קליינע ווונד, אַ האַלב־פאַרהיילטע. מנחם האָט געוווּסט, אַז דער פּאָלקאָווניק געפינט זיך דאָ, אָבער ס׳איז אים ניט אויסגעקומען צו באַגעגענען. און דאָ — אַזאַ אומגעריכטע נאַכט־באַגעגע־ניש ביים פענצטער.

— פאַרוואָס שווייגסטו?

— ס׳איז ניט לייכט צו ריידן אין אַזעלכע נעכט.

— דו בענקסט?

— כ׳האָב ניט נאָך ווֶעמען. כ׳בין איינער. כ׳האָב ניט קיין היים.

— אַ מענטש טאָר ניט זאָגן אַז ער האָט ניט קיין היים. יעדער מוז האָבן אַ היים. מ׳דאַרף איר טראָגן, די היים, אין האַרצן... מען דאַרף אַ היים שאַפן... דו ביסט איינער?... אַן אונדזעריקער, אַ רוסישער איז קיין מאָל ניט איינזאַם... קיין מאָל ניט אַליין... אַפילו אין די וועלדער, אין די סטעפעס... אין די וויסטעניִשן פון גרויסן רוסלאַנד...

יעפימאָוו האָט אָנגענומען מנחמען פאַר דער האַנט. זיי זענען אַרויס צו די וועגלעך. דאָרט האָבן געוווימלט שאָטנס פון וואָלקנס.

— אַ מענטש וואָס האָט ניט קיין היים קאָן ניט זיין קיין גוטער זעלנער... קאָן ניט זיין קיין אמתער רוסישער מענטש... ער וועט ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַנטרינען... ער האָט זיך ניט פאַר וואָס צו שלאָגן...

דאָס געפענטעטע פערד איז צוגעקומען צום וועגל. מנחם האָט גע־גלעט דעם פערדישן קאַרק, געגלעט די צעפלאָשעטע גריווע, די פערדישע פעל איז וואַרעם און פייכט. אַרום די נאָזדרעס איז הייס פון פערדישן אָטעם.

מנחם האָט אָנגענומען דאָס ציימל. אַ פערדישער שוים איז אים געבליבן אויף די פינגער. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו די פאָדערשטע פיס און באַרירט די שטריק. דאָס איז געווען אַ פעסטע שטריק־פּעטלע פון רויע קאָנאָפּליעס.

— כ׳וויל אים אָפּבינדן... לאָז ער פריי אַוועק איבער די פּאַשע־פעלדער...

דעם פאָלקאָווניקס הייזעריק לאַכן איז געקומען פאַר מנחמען אומ־געריכט.

אַז זיי זענען אַרויס צו די אָפענע לאָנקעס איז אַלץ באַגאָסן געווען מיט אַ לבנה־ליכט.

— זע נאָר, ווי ליכטיק ס׳איז. — האָט געזאָגט יעפימאָוו.

מנחם האָט לאַנג ניט געקאָנט שווייגן. אָט אָ די באָטשנע וועגן, די פעלדער, די הימלען, די נעכט, האָבן אַרויסגעוויינט פון אים.

יעפימאָוו איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט און שטאַר געקוקט פאַר זיך.

— איבער די וועגן, אין רעגן־נעכט די האַרבסטיקע, אין זומערנעכט די לבנהדיקע, אין ווינטערס די פראָסטיקע און אין פרילינגס — די

בלאָטיקע, זענען זיי געפאָרן. אויף ס׳קריפּנדיקע אַקסן, געשפּאַנטע צו אָרעמע פערד האָבן זיי געצויגן צו די יאַרידים. ס׳איז געפאָרן דער שכן דער שניידער מיט בורקעס און קאָרטענע אַנציגער. ס׳איז געפאָרן דורך דאַנען דער שוסטער מיט יוכטאָווע און בוקאַטענע שטיוול, דער היטל־מאַכער מיט היטלען און לאַקירטע דאַשקעס. זיי זענען אין די נעכט געזעסן אויף די ביידעם־שטיבלעך און אין קעלערן און גענייט, געהאָרעוועט און דערנאָך אין קאַסטנס געפּאַקט די סחורות און זיי צעפירט אויף די יאַרידים. אָרעמע גייערס מיט ניגונים אַלט־ייִדישע, מיט תפילות שטיל־געשעפּטשעטע, פון ווערבעס און טאָפּאָליעס פאַרוויגטע, מיט אויגן מילדע, מיט הערצער ריינע — האָבן זיי געצויגן איבער די דאָזיקע וועגן. זיי האָבן סעדער געדונגען, פעלדער גענומען אין אַרענדע, אויפגעקויפט פלאַקס, קעלבער און פערד. זיי האָבן געבויט, דעכער געדעקט, שויבן אַריינגעשטעלט, פעל אויסגעאַרבעט, געוואַנטער געשפּינט. איצט איז דאָ ליידיק. נאָר ווערבעס וויינען דאָ מיט ייִדישע תפילות. פאַרטיליקט. אַ גאַנץ פאָלק איז פאַרשוווּנדן. איך געהער צו זיי. כ׳בין דאָ געבאָרן. כ׳קען יעדעס וועגל, יעדעס שטעגל. כ׳קען די טייכן. פון דער וואָלגע גיי איך און בין דער־גאַנגען ביז צו דער ווייסל. און וואָס זעען מיינע אויגן? ס׳איז אַ זומער־נאַכט. אַזוי ווי געוועזן. עס איז שטיל. אַ געפּענטעטע פערד קלאַפּט טויבלעך אָפּ אין די פעלדער... אַ הונט בילט... ס׳איז שטיל? אַזוי טראַכטסטו, יעפימאָוו אַלעקסאַנדראָוויטש? אַן אידעאַלע דאָרף־שטילקייט? די ווייסל שווימט אַזוי רויִק. דער פראָנט האָט זיך איינגעשטילט... אָבער די שטילקייט רייסט אויף מיין האַרץ. מיר איז גוט נאָר אין וואָלקנגעקנויל פון אויפרייסן. אין מסופּנדיקן גאַנג אויף מערב, אין גערויש פון אונדזערע טאַנקן. אָבער די שטילקייט מאָנט! זי שרייט! איך הער דאָס געוויין פון די וועגן, פון די סעדער, פון די לאָנקעס, פון די קליינע, אָרעמע, פּוסטע ייִדישע שטעטלעך. איך קאָן ניט אַנטלויפן פון דעם געוויין. ס׳איז אַרום מיר. עס איז אין מיר.

און אַז מנחם איז שטיל געוואָרן האָט זיך אויף ס׳ניי דערטראָגן דער אָפּהילך פון פערדס קלאַפּן. דאָס מאָל איז עס אויסגעקומען נאָך אומהיימלעכער. דאָס פערד היפּעט איצט איבערן האַרטן וועגל.

— מיט מײַן ווונד בין איך אַזוי ווי דאָס געבונדענע פערד אויף די נאַכט־פעלדער, אײנער אַלײן.

— דו ביסט קראַנק, סאָלדאַט, דו פיבערסט.

מנחם האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעטל. עס איז אים לײַכטער געוואָרן פון יעפימאָווס אויגן, די שיפע, די מילדע.

מנחמס רייד האָבן געריִרט דעם רוס. פאַר טאָג איז ער אָבער ווי אויסגעניכטערט געוואָרן. ער האָט געוואָרפן צו מנחמען אַ זײַטיקן בליק און מיט דעם בליק ווי אָפּגעטרײַסלט פון זיך דעם נאַכט־געשפּרעך. די פּנים־קנײטשן האָבן זיך אָנגעצויגן וואָס אַ מאָל שאַרפער און טיפער.

און אַז דער פאַלקאָווניק יעפימאָוו האָט זיך פאַר נאַכט אַרײַנגע־זעצט אין דער מאַשין, וואָס האָט אים געדאַרפט צוריקפירן אין שטאַב אַרײַן, האָט ער פרײַער אָפּגעטעמט. ער האָט אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ צו מנחמען און זיך שנעל דערווײַטערט.

וואַרשע ברענט! וואַרשע ברענט!

די פײַערן גרײכן ביז די הימלען. מען זעט נאָר אין די נעכט פלאַמען. בײַ טאָג וויקלען זיך וואָלקנס, געדיכטע, נעפּלדיקע, געקרײַזטע, גראָע, שוואַרצע און גראַנאַטענע — זיי וויקלען זיך ווי שלאַנגען. זיי ברעכן אויס ווי די דאַמף־כמאַרעס פון אויפגעריסענע רעזערוואַרן — דערנאָך גליווערט אַלץ ביז ס׳קומט דער אָוונט. דעמאָלס צעפלאַקערן זיך די פלאַמען. ס׳ברענען די ווײַטסטע פעלדער. אַפילו די ווײַסל ברענט! אַ פליסיק פײַער! ביז די טונקעלע ברעגעס צעשפּרייטן די שאָטן־הענט, העט ווײַט פון וואַרשע, און לעשן דעם פײַער־אָפּשײַן פון די אומרויִקע וואַסערן.

וואַרשע בײַ נאַכט.

רויטע ווינטן ראַנגלען זיך מיט זמיע־שאָטנס; געלע, גראָע, פלעקיק־שוואַרצע. אין די ווײַטע פאַרשטעט פון וואַרשע, אויף יענער זײַט ווײַסל ברענען אַלע שויבן. ס׳ברענען די שוואַרצאַפּלען בײַ די שווײַגנדיקע מענטשן. זיי קניִען און קוקן צו די פײַער־פענער וואָס הילן אײַן די שטאָט. די שטערן לעשן זיך. זיי צאַרענען. דאָס זענען אויגן פאַרצויגענע מיט

בעלמעס. די ווייסל איז פול מיט צעפּלאַווטען קופּער. רויטער קופּער.
און די מענטשן פון יענער זייט ווייסל?

יעפימאָווס דיוויזיע האָט פאַרנומען עטלעכע קליינע דאָרפישע ישובים ביי דעם רעכטן ברעג ווייסל. די דערפער ליגן עטלעכע וויאָרסט פון ברעג טייך. אַרום שפּרייטן זיך פעלדער, וועלדער און ס'ציִען זיך סלופּעס פון טעלעגראַף, פון עלעקטרע. ערגעץ לויפן רעלסן און ס'ליכטיקט דער אָנשיט פון זשוויר אויף דער באַן־ליניע. ביי טאָג שווימט די ווייסל אַן אומרויִקע, אַ מוטנע און פאַלט אַריין אין אַ געלבקייט. מען זעט מער ניט פון דאַנען די קאָנטורן פון דער שטאָט. נאָר די טונקעלע וואָלקנס וואָס הויערן איבער וואַרשע, צאַפּלען זיך אין די מוטנע געלע וואַסערן.

מנחם איז צוריקגעקומען צו זיין איינהייט. ער איז געקומען אויף זיין אייגענעם פאַרלאַנג. וואָס וועט ער אַרומוואַגלען אין דעם קליינעם דערפל, אין דעם פאַרוואָרפענעם פעלד־שפּיטאָל? די האַנט איז שוין כמעט פאַרהיילט. ער באַוועגט שוין פריי מיט די פינגער. און דאָ — אין דעם פוילישן דאָרף, צווישן די פעלדער, צווישן די וועגן, איינער אַליין, מיט עטלעכע פאַרוואונדעטע סיביריאַקעס און כאַבאַלעס. ער האָט געזוכט יידן. ער מוז זיי טרעפן אין די דאָזיקע טעג ווען עס איז שוין אַזוי נאָענט דאָס אַריינגיין קיין וואַרשע. ער מוז זיין צווישן די ערשטע וואָס וועלן אַריין אין דער דאָזיקער שטאָט.

ווען ער איז אָנגעקומען אין דאָרף קאַרלאָווא, האָט זיך דאָס ערשטע מאָל פאַר אים אָנטפּלעקט די ווייסל נאָך אַזוי פיל יאָרן פון צעשיידונג. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון הויכן ברעג. געגאַנגען לעבן די אָלשינעס, לעבן דעם ליכטיק־גרינעם טשערעט און איבערגעבויגן זיך איבער די אומרויִקע וואַסערן. ער האָט זיך געזען אין טייך אַזוי ווי אין אַ צעשפּאָל־טענעם שפּיגל. זיין פּנים איז געפּאַלדעוועט פון די וועלן, עס פאַרשווימט ווייט און קומט צוריק צום ברעג. ער האָט דערזען זיין ביינערדיק פּנים מיט די פאַרטונקלטע אויגן און עס איז אים אויסגעקומען אַז דאָס איז ניט ער, נאָר אַ פרעמדער, אַן אומבאַקאַנטער און ער האָט אויף דעם אומ־באַקאַנטן פּנים רחמנות באַקומען.

לאַטישעוו האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט מנחמען ווי מיט אַן אייגענעם ברודער. ער איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערער, דער לאַטישעוו. דאָס אַוועקגיין פון רוסלאַנד האָט אים ניט אומרויִק געמאַכט. פאַרקערט, ער איז אַרומגעגאַנגען אַ צעשטראַלטער, אַ יום־טובדיקער. נאָר ראַביצעוו, דער פויער פון הינטער פּערם איז געווען ניט אויפגעלייגט און געקוקט אויף דער פּוילישער ערד מיט אומצוטרוי.

ביי אַ געדעקטן טיש, אין אַ פּויערישער כאַטע, האָט מען געטרונקען צו גלעזלעך בראָנפן. אָנגעגאָסן האָט ראַביצעוו.

— קוקסט אויף די הייזער, דוכט זיך שיין געבויט, אָבער וועסט זיי ניט פאַרגלייכן צו אונדזערע. ברעטער מיט קאַלך און ליים. שפּאָר זיך ניט אָן אין וואַנט! און אַז ס'מאַכט זיך, ביסט שיכּור, קענסטו אַזאַ הויז איינוואַרפן מיטן אַקסל. אונדזערע הייזער זענען פון סאָסנעס, אמתע סאָסנעס! ריזיקע, וואָס פיר פערד ווען קוים איין קלאָץ פאַרשלעפּן. און די ווייבער? — אויסגעסטראָיעטע אין דער וואָכן. ניט מען שפּינט, ניט מען הייצט די פּיעטשקעס. עך, וואָסער לעבן איז דאָס? קוק זיי נאָר אָן, די ווייבער, אין די אייגעלעך אַריין! הענט האָבן זיי איידעלע און שיכעלעך טראָגן זיי ווי די שטאָטישע...

לאַטישעוו האָט געלאַכט.

— דו, פּערמסקער מוזשיק! וואָס פאַרשטייסטו זיך אויף די זאַכן... אין דאָרף קאָסאָווקאַ, ניט ווייט פון דאַנען האָב איך אַ פּאָליאַטשקע... האָט זי אויגענעס... אַז דו קוקסט זיך איין אין זיי פאַרגעסטו אַז ס'איז מלחמה... פאַרגעסט אַז דו הייסט לאַטישעוו און אַז דו ביסט אַמאָל געלעגן אויף די נאַרעס אין אוראַל...

אין קאָרידאָר האָט זיך געפּאָרעט די באַלעבאָסטע, די פּאָליאַטשקע פּאַני זאָשאַ — אַן איבערגעצייִרעטע גויע מיט אַ גרויסן היפּש און אַ בלאָנדן גרעק, פאַרקעמט אויף אַרויף. לאַטישעוו האָט איר געצויגן פאַרן אָרעם.

— פּאַני זאָשאַ... לאָז אָנקוקן די ראָזשע, דיין געשטעל! לאָז מיכאַיִל דיך זען! באַקען זיך מיט אים! ער איז אַן אונדזעריקער!

די פּויערטע האָט געזופן, געבייזערט זיך, געלאַכט און שטיין געבליבן אין מיטן דער כאַטע. זי האָט געקוקט אויף לאַטישעוון מיט אַ

פאַרשייטן בליק און געוווּנקען צו מנחמען מיט איין אייגל.

אין דרויסן האָט זיך אַרומגעדרייט אַ פויער. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע לעבן פענצטער און דערנאָך געפּלאָנטערט זיך ביי די טרעפּלעך.

ווען מנחם איז אַרויס האָט שוין געטונקלט. ביי די שטיגלעך האָט ער זיך אָנגעשטויסן מיטן פויער.

— ווער ביסטו, וואָס דו דרייסט זיך ביי די פענצטער?

— כ׳בין דער גאָספּאָדאַזש. דאָס איז מיין כאַטע.

— אַ שיינער באַלעבאָס. — האָט מנחם געזאָגט.

— ס׳איז אייער צייט.

דער פויער האָט די ווערטער געזאָגט אויף פּויליש. מנחם האָט אַ ציטער געטאָן. די דאָרף־גאַס איז פּוסט. עטלעכע לאַסט־וועגענער שטייען אין מיטן הויף. אַ הונט איז דורכגעלאָפן און באַשמעקט אַ ווינקל פון אַ כאַטע. דער פויער איז נעלם געוואָרן צווישן שאָטנס. אַ ווייט דונערן קייקלט זיך פון מערב. דאָס איז אַ האָריזאָנטאַל קייקלען זיך. ווי מען וואָלט אַוועקגעקייקלט פּוסטע פעסער צו די ווייטע האָריזאָנטן. באַלד וועט דאָס דונערן אַוועקקאָלערן זיך פון יענער זייט ווייסל און אַ נעפּל וועט ווי אַ פאָרהאַנג אַראָפּפאַלן און ס׳וועט ווידער שטיל ווערן.

אין שטאַב האָט מנחם באַגעגנט כאַטשאַפּן. ער האָט זיך ניט גע־ענדערט דער גרוזינער. דער זעלביקער ווי אין די שאַכטעס, אָן אויס־געפּוצטער, מיט גלאַנציקע האָר. מנחם האָט דערשפּירט דעם גרוזינערס דורכדרינגענדיקן און פאַרשערישן בליק.

— כאַראָש... מיכאַיל... דו ביסט ווידער אין דער היים... אויף דיין ערד... דו ביסט אַ פּאָליאַק... און מיר זענען אין „פּאָלשע״... וועסט זיך דאַרפן מעלדן אין דיוויזיע... מען פרעגט זיך אויף דיר... וועסט אַוודאי צוגעטיילט ווערן צום שטאַב...

די פאַרבינדלער האָבן געדרימלט ביי די ראַדיאָ־טעלעגראַפן. אַ טעלעפאָניסטין האָט גערופן אין טרייבל אַריין.

כאַטשאַפּ האָט באַגלייט מנחמען. ביידע האָבן געשוויגן. ווען זיי זענען דערגאַנגען צום אָפענעם פעלד וואָס פירט צו דער ווייסל האָט מנחם דאָס ערשטע מאָל דערזען דאָס ברענענדיקע וואַרשע. ביי טאָג

האָט ער געזען נאָר טונקעלע וואָלקנס רויך. ער האָט זיך אָבער ניט פֿאָר־געשטעלט אַז וואַרשע איז אַזוי נאָענט. איצט, אין דער נאַכט־פֿינצטערניש האָט מען געזען פֿלאַמען. זיי ווערן וואָס אַ מאָל בולטער.

— אָ, גאָט — האָט ער געשעפּטשעט.

דער וועג פֿירט באַרג־אַרויף. אַז זיי זענען דערגאַנגען צום סוף פֿון דער גאַס איז מנחם געבליבן שטיין מיטן פּנים צו דער ווייסל.

וואַרשע ברענט!

— אָט איז דער צפֿון־קוואַרטל. כ׳דערקען! דאָס ברענט די מיטל־שטאָט!

אַז מען רייסט אָפּ די אויגן פֿון דער ברענענדיקער שטאָט ווערט אַרום פֿינצטער פֿון פֿאַרבלענדעניש.

כאַטשאַפּ קוקט מיט שמאָלע אויגן. מנחמען דוכט זיך אַז זיי שמייכלען שפּאָטיש און ס׳שמייכלען מיט די ברעמען און דער שמאָלער געקנייטשטער שטערן.

ער האָט אים געוואָלט לאָזן און אַוועקגיין. ער מוז זיין אַליין. אַזוי ווי ס׳איז אַליין דער פֿאַרטונקלטער רעכטער ברעג פֿון דער ווייסל.

נעבן זייערע פֿיס שלענגלט זיך אַ טראַנשיי. ער לויפֿט זיגזאַגיש לענגאויס דעם ברעג. די טראַנשייען זענען פּוסט. קיינער פֿאַרנעמט דאָ ניט קיין פּאָזיציעס. איבערן טייך פֿליט מיט אויסגעלאָשן ליכט אַ פֿאַרשאָטנטער עראָפּלאַן. דאָס איז אַן אומדזעריקער. אַ פֿאַרבינדונגס־עראָפּלאַן. האַרט ביים ברעג גייט אַ וואַך־פּאָסטן. פֿון דאָרף דערטראָגן זיך האַרמאָשקע־קלאַנגען און קוויטשיקע אויסרופֿן.

לאַטישעוו לאָזט זיך אַוודאי הערן. איצט איז זיין צייט.

— די מלחמה וועט זיך ענדיקן. ס׳וועט שוין לאַנג ניט דויערן. זעסט די פֿלאַמען? אַז זיי וועלן פֿאַרלאָשן ווערן וועלן מיר אַריין אין דער שטאָט — האָט געזאָגט כאַטשאַפּ אַן אויפֿגעלייגטער.

מנחם איז צוגעטיילט געוואָרן צום שטאַב פֿון יעפּימאָווס איינהייט. ער האָט זיך איצט געטראָפֿן יעדן טאָג מיטן פּאָלקאָווניק, מיט דעם פּאָליט־קאָמיסאַר און מיט נאָך עטלעכע יונגע אָפֿיצירן, נאָר־וואָס געקומענע פֿון

אָפּיצירן־שולע פון ווייטן רוסישן הינטערלאַנד. זיין אויפגאַבע איז געווען העלפן דער אינטענדאַטור ביי די פאַרבינדונגען מיט די ציוויל־מענטשן.

— מנחם איסאַקאָוויטש — האָט צו אים איין מאָל געזאָגט יעפימאָוו — דו רעדסט פויליש, קענסט די געגנט, קענסט די דאָזיקע מענטשן, דאָס איז גוט! דו דאַרפסט אָבער פאַרגעסן אַז דו ביסט איינער פון זיי. דו טראָגסט אַ סאָוועטישן מונדיר! מען האָט דיר באַשאָנקען מיט צוטרוי און דו דאַרפסט דעם צוטרוי באַרעכטיקן!

מנחם האָט געשוויגן. ער איז געשטאַנען אַן אויסגעגלייכטער און געקוקט אויף דער גרויסער מאַפּע וואָס איז געהאַנגען קעגן־איבער אויף דער וואַנט. זיין בליק איז פאַרגליווערט געוואָרן אויף דעם ברייטן פּאַס וואָס האָט צעשניטן וואַרשע. דאָס איז די ווייסל. פון דער לינקער זייט האָט ער געזען די צעשניטענע שטאָט־פּערטלען, גאַס לעבן גאַס. זיי ציִען זיך אין פאַראַלעלע ליניעס, און אין סאַמע האַרץ פון דער שטאָט — אַ שוואַרצער קוואַרטל, אַ ברייטער, אַ פירעקיקער, מיט אַ שאַרפן שפּיץ געווענדט צום מערב. דער קוואַרטל טיילט זיך אויס פון שטאָט־פּלאַן מיט אַ בולטקייט וואָס ציט־צו דאָס אויג און באַאומרויִקט. איבער דער מאַפּע הענגט דאָס בילד פון הויפּט־קאָמאַנדיר. אַ מאַנעקינען־פּנים מיט אַן אָנגע־שטאָפּטער ברוסט און אויף איר — מעדאַלן. אַ פּנים — אַ קיילעכיקס אַ לאַגווייליקס, גאַרנישט־זאָגנדיקע אויגן, מידע, פאַרנעפּלטע, פאַרגלי־ווערטע. דער הינטערגרונט פון בילד איז ראָז און דערמאָנט אָן די אויפ־געפרישטע פּראַוואָסלאַוונע איקאָנעס.

— וואָס קוקסטו אַזוי?

— דערלויבט מיר אייך צו זאָגן, אַז אָט דאָ, וווּ עס איז דער טויטער שוואַרצער פלעק — מנחם איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו דער קאַרטע און באַרירט דעם שאַרפן קאַנטיקן פלעק מיט די פינגער — דאָס איז דאָס געטאָ פון וואַרשע! זי איז באַצייכנט מיט שוואַרץ ווייל זי עקסיסטירט שוין מער ניט. כ׳קען אַלץ פאַרגעסן, אָבער ניט אין דעם אַז דאָ איז געשען דאָס ערגסטע!

מנחם איז בייז געוואָרן אויף זיך. צו וואָס דאָס ריידן. בעסער שווייגן. דעם אַנדערן טאָג איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ מרה שחורה. ער האָט ניט

געענטפערט אויף באַגריסונגען, ניט געענטפערט אַז מען האָט גערעדט צו אים.

פאַר טאָג האָט אים מוסא געוועקט.

— דו ביסט קראַנק זונעלע, ביסט קראַנק...

ער האָט אים געבראַכט עסן, געהאָלפן אַרויפציִען די שטיוול, צו־געטראָגן דעם שינעל. — האַלט זיך. ס'איז איצט אַ גוטע צייט... קענסט זיך אָפּרוען... עס איז שטיל אַרום דעם טייך...

דעם זעלביקן טאָג איז מנחם געזעסן ביים פענצטער און געצייכנט. ער האָט באַקומען פּאַפּיר און אַ בלייפעדער. ווי אַ געוויטער איז עס אים באַפאַלן. ער האָט לייכט געפירט די האַנט און אין אים האָט געבושעוועט אַן אומרו. ער האָט אים געצוימט מיט ציטערנדיקע הענט. איינגעהאַלטן די צעשטורעמטע ווינטן פון די אוראַל־סטעפּעס, דעם אויסטערלישן געלויף פון שוואַרצע וואָלקנס איבער די אוראַלער הימלען, ער האָט געצוימט דאָס געפלייץ פון דעם שטראָמיקן טייך ווו דעם שונאס קוילן פאַלן יעדער רגע און פליוסקען אויף ווי פיש בעת אַ רעגן. ער האָט איינגעהאַלטן דאָס געלויף פון סאָלדאַטן איבער פעלדער צעגראָבענע. און אָשטאָט דעם אַלעם האָבן דערוואַכט אויפן פּאַפּיר די פאַרשאָטנטע בהמות וואָס לויפן נאָך די מאַרשירנדיקע סאָלדאַטן אין אַן אויסגעליידיקטן דאָרף. ס'האָט זיך ווידער פאַר אים אַנטפּלעקט דאָס נאַכטיקע פערד, דאָס געפּענטעטע, וואָס היפּעט איבער אַ לאַנקע צווישן פאַרשאָטנטע ווערבעס.

מוסאָ האָט צוגעלייגט די האַנט צום האַרץ און זיך דריי מאָל איינ־געבויגן, טיף ביז צו דער ערד. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון זיין גרעסטער אַנערקענונג וואָס ער האָט נאָר געקענט אַרויסווייזן צו מנחמען.

כאַטשאַפּ האָט פאַרמאַכט איין אויג און געשמייכלט.

— גאָרנישט געוווסט... מאָלאַדיעץ... נאָר צו טונקל...

מנחם האָט געוואָלט לאַכן און ניט געקענט. ער האָט האַסטיק אַ נעם־געטאָן אַ צייכענונג, אַ צווייטע, אָנגעקוקט כאַטשאַפּן און עפּעס איז אים קלאָר געוואָרן. אַזוי שאַרף קלאָר אַזש ס'האָט אים אַ בלענד־געטאָן פאַר די אויגן. און אין איין אייגן־בליק האָט ער צעריסן די צייכענונגען און זיי אַ שליידער געטאָן.

מוסאַ האָט זיך פאַרקרימט ווי צום וויינען. ער האָט געסמאָטשקעט מיט די ליפּן, געוויגט דעם אייבערשטן טייל קערפּער הין־און־צוריק.

כאַטשאַפּ האָט ברייט צעעפנט דאָס שמאָלע אויג.

— וואָס טוסטו, מיכאַיל?

מנחם האָט געלאַכט מיט אַ להכעיסדיק געלעכטער און די אייבער־שטע ליפּ האָט אים יעדער רגע אויפגעציטערט.

פאַרטאָג האָבן די אויסשפּירער געבראַכט אין שטאַב אַריין אַ יונג מיידל. מען האָט איר פאַרהאַלטן ביי דער ווייסל. זי איז ביי נאַכט אַריבער דעם טייך. ווען זי איז שוין געווען ביים ברעג האָט איר אַנטדעקט אַ סאָוועטישער פּאַטראָל. פון דער דייטשישער זייט זענען געפאַלן שאַרפע פאַסן פון רעפלעקטאָרן. זיי האָבן אָבער שוין ניט דערגרייכט צום שווימענדיקן מיידל. זייער שאַרף ליכט איז צעריסן געוואָרן פון די ווייסל־כוואַליעס. ווען זי איז אַרויס פון טייך איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. די קליידער זענען איר צוגעפאַלן צום גוף און אויסגעטיילט דעם קינדיש־יונגן קערפּער. ווען זי האָט זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּנים צו וואַרשע האָבן זיך אירע אויגן אָנגעגאָסן מיט פייער. די נאַסע קליידער האָבן געגלאַנצט און געשפּיגלט די פלאַמען פון יענער זייט טייך.

פאַרהאַלטן האָט איר וואָלקאָוו. ער האָט זיך ניט געקאָנט מיט איר דורכרעדן און איבערגעבן איר דעם דעזשורנעם פון אָפיציר־דינסט. די פאַרהאַלטענע איז געווען שטאַרק אומגעדולדיק. פון אירע האָר זענען גע־רונען ריטשעקלעך וואַסער. זיי האָבן זיך געמיניעט אין דער נאַכט ווי זילבערנע שטערן.

— דיר איז קאַלט — האָט וואָלקאָוו געזאָגט.

זיין שטים האָט זיך געבראָכן. דער פאַרבינדונגס־אָפיציר איז נישטאָ. אַ טעלעפאָניסט רופט אין טרייבל אַריין: גראָמאָוו! גראָמאָוו! רוף זיך אָפּ!

— ווו קען זיין דער אָפיציר גראָמאָוו?

וואָלקאָוו גייט איבער די געסלעך. ער קוקט אויף דעם מיידל און פילט איצט אָפּ דעם ריח פון דער ווייסל. ער דערפילט אים פון דעם מיידלס קליידער, פון איר אָטעם. ער האָט אויסגעטאָן זיין שינעל און אים אַרויפ־

געוואָרפן אויף דעם מיידלס אַקסלען. אים איז גוט אין דער דאָזיקער נאַכט. ס'איז שטיל. די פעלדער זענען פאַרשאָטנט. אויף די פלאַכקייטן גליטשט זיך אַ ראָזער אָפשיין. פון יענער זייט טייך דערגייט אַ פאַרטויבט דונערײ. זאָל עס לענגער דויערן. דאָס איז אַ ווייט און פרעמד לאַנד, אַ פרעמדע שטאָט, אַ פרעמדע ערד.

— דו ציטערסט, באַרישניאַ, דו ציטערסט? דו רעדסט און איך פאַרשטיי דיך ניט. רייד... רייד... איך פאַרשטיי... כ'זע דיין צעשראָקענעם גוף, פאַרשטיי איך אַלץ... דו ביסט אַנטרונען פון דער בר'ענענדיקער שטאָט... דו טייבעלע פון דעם ברענענדיקן טויבנשלאַק... דו האָסט געקילט דיינע צעגליטע אויגן אין די קאַלטע וואַסערן...

די רוסישע גוטסקייט, די גוטסקייט פון רוסישע פויערים, פון די מוזשיקעס מיט בלאָע אויגן, מיט פנימער מילדע און נשמות ליכטיקע ווי די זונען פאַרטאָגיקע — די דאָזיקע אַלט־סלאַווישע גוטסקייט האָט דער־וואַכט אין דעם יונגן וואָלקאָוו. זי איז אַריינגערונען אין אים אַזוי ווי עס פליסט דאָס מענטשישע בלוט אין די געפעסן. ער האָט געוואָלט וויינען, נאָר אָנשטאָט אַ געוויין, צו וועלכן ער איז געווען אַזוי נאָענט, האָט ער גערעדט מיט געמאַכטן כעס אין דער פאַרטאָגיקער גאַס אַריין:

— גראָמאָוו. גראָמאָוו. ווו האָט דיך דער טשאָרט פאַרשלעפט?

ער האָט זיך געבייזערט. געוואָרטשעט בייזע קללות. געברומט.

ערשט פאַר טאָג האָט ער איר צוגעשטעלט אין שטאָב פון פאָלק און איבערגעגעבן אין די הענט פון דעזשורנעם. און אַז ער איז אַוועק האָט ער דערפילט אַ דערלייכטערונג.

דער אָפיציר גראָמאָוו איז שוין געווען אין שטאַב. אויך כאַטשאַפּ איז געקומען אַן אויפגערודערטער און גענישטערט מיט די אייגלעך איבערן גוף פון פייכטן מיידל.

— קראַסאַוויצאַ...

— זי טראָגט הויזן...

דאָס יונגע מיידל האָט געציטערט פון דער פרימאָרגן־קעלט. זי האָט געמאַכט אָנשטרענגונגען צו שמייכלען.

— אָפיציר? רוסקי? רוסקי? — האָט זי געפרעגט.

דאָס זענען געווען די ערשטע ווערטער וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט און ריידנדיק האָט זי אָפּגעבונדן עפּעס פון איר האַלדז.

אין שטאַב איז אַריין מנחם. ער איז געבליבן אַ פאַרגליווערטער ביי דער טיר און ניט געקענט שטעלן קיין טריט.

דאָס מיידל האָט אַרויסגענומען פון אַ לעדערן טאָרבעלע אַ קליינעם קאָנווערט.

— רעדט עמעצער פויליש?

— העי, מנחם, קום אַהער! — האָט כאַטשאַפּ אויסגערופן.

— דאָס איז פאַרן שטאַב פון מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקיס אַרמיי... פון די וואַרשעווער אויפשטענדלער... כ׳בעט אייך איבערגעבן דעם בריוו... דאָס איז דרינגענד... כ׳מיין אַז איר וועט דאָס גלייך טאָן... בין איך אויפן ריכטיקן אָרט?

די עטלעכע טריט וואָס ס׳האָבן אָפּגעטיילט מנחמען פון דעם מיידל האָבן אים אויסגעזען ניט אַריבערצושפּאַנען. ער איז געגאַנגען מיט צע־שפּרייטע הענט אַזוי ווי אַ מענטש וואָס ווערט געשלאָגן פון בלענדיקע ליכטער און קען ניט איינהאַלטן דעם גלייכוואָג.

ער האָט אָנגענומען דעם מיידלס ביידע הענט און ניט געקענט איינהאַלטן דאָס ציטערן פון זיינע געלענקען. דער קאָפּ איז אים שווער געוואָרן. ער האָט גאָרנישט געזען, נאָר געפילט אירע הענט.

— דו קומסט פון וואַרשע? אָ, גאָט זי קומט פון וואַרשע! פון וואַרשע קומט זי! — האָט ער אויסגערופן. — דו ביסט אין ריכטיקע הענט! דו ביסט אָנגעקומען אויפן אָרט! דעם בריוו וועט מען גלייך איבערשיקן!

מנחם האָט גערעדט צו איר פויליש. ער האָט ניט אַרויסגעלאָזט אירע הענט.

— זעצט אייך... פאַרוואָס שטייט איר? איר זענט אַ יידישע! זאָגט! איך דערקען! איך פיל דאָס אויס! רייד יידיש צו מיר! כ׳וויל הערן דאָס לשון, פון אייך!

און אַליין האָט ער געמישט פויליש און יידיש. דערנאָך האָט ער זיך געכאַפּט אַז הינטער זיינע פּלייצעס וואַרט כאַטשאַפּ און ס׳וואַרט דער

אָפּיציר גראַמאָוו. אָ, ווי זיי קוקן זיך געדולדיק צו מנחמס אויסטערלישן באַנעמען זיך.

— דאָס איז אַ קוריערין... געשיקט פון וואַרשע... פון שטאַב פון די אויפשטענדלער... זי האָט אַ בריוו צום שטאַב פון מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקי...

ער האָט איבערגעגעבן גראַמאָוון דעם בריוו און געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן און אויסגעקערעוועט זיך צום מיידל.

זי האָט גערעדט צו אים יידיש, גערעדט שטיל און גיך. ער האָט געזען ווי ס׳באַוועגן זיך אירע קליינע בלאָע ליפּן.

אין שטאַב האָבן זיך געזאַמלט אָפיצירן און עס איז געקומען דער פּאָלקאָווניק יעפימאָוו.

— דאָס איז עמיליאַ... אַ געשיקטע פון וואַרשע... דאָס איז דער בריוו פאַר אונדזער שטאַב...

— גענוג — האָט זיך אָנגערופן כאַטשאַפּ. — דו ביסט פריי. דו קענסט גיין. אַז מען וועט דיך דאַרפן...

מנחם האָט דערשפּירט אַ קלעמונג.

— זי איז פון מיין שטאָט... געוואָלט זיך דערוויסן... זי איז... — ער האָט ניט געקענט פאַרענדיקן.

דער פּאָלקאָווניק איז אומגעדולדיק.

מנחם איז אַוועק. אין קליינעם צימערל האָט ער ניט געפונען קיין מנוחה. ער איז געלאָפן הין־און־צוריק און געגלויבט אַז מען וועט אים באַלד רופן. אין לאַנגן קאָרידאָר האָט ער דערהערט טריט. אייליקע טריט. דערנאָך איז שטיל געוואָרן. אַזאַ שטילקייט איז דאָ געווען נעכטן און פאַר נעכטן. ווו איז עמיליאַ? ער איז אַרויס און געגאַנגען איבערן פאַרטונקלטן קאָרידאָר. דער פאָדערשטער צימער איז פּוסט. אין דרויסן שטייט די וואַך. ער איז צוגעגאַנגען צו די טרעפּ. אַלע טירן זענען פאַרמאַכט. אַ סאָלדאַט פאָרעט זיך אין דרויסן ביי אַ לאַסט־מאַשין און קען איר ניט לאָזן אין גאַנג. דער טעלעגראַפיסט גיט איצט איבער טעלעגראַמעס. מען הערט דאָס קלאַפּן פון טעלעגראַף. ווו איז גראַמאָוו?

פון די וואַכלייט, ביים שטאַב, האָט זיך מנחם דערוווּסט, אַז די פרעמדע איז אַוועק אין באַגלייטונג פון גראַמאָוון און כאַטשאַפּן, אַז זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ מאַשין.

ער איז אַוועק צו דער ווייסל, געשפּרונגען איבער די פאַרבינדונגס־אָקאָפּעס און דערפילט אַ ווייטיק אין דער האַנט. די ווונד איז נאָך ניט פאַרהיילט. מען רופט אים. מען גיט צו אים צייכנס. אַ, דאָס איז דאָך וואָלקאָוו.

— האָסט געזען די באַרישניע, מיכאַיל?

— כ׳האָב איר געזען.

— זי איז פון דיין שטאָט?

— יאָ.

— דער נאַראַד פייניקט זיך דאָרט. מ׳וואָלט געדאַרפט אַ גיין־טאָן און פאַרענדיקן מיטן גערמאַניעץ. ניט ליגן דאָ אין די דערפער פּוסט־און־פאַסט... כ׳האָב געזען נעכטן אירע אויגן, די אָנגעצונדענע, האָט עס מיר געשניטן ביים האַרץ... ווי זי האָט געציטערט... נאָך אַ קינד...

מנחם האָט געשוויגן. ער האָט געוואָלט אַרומנעמען וואָלקאָוון. אוי, דו ברודער, דו רוסישער ברודער. ער האָט זיך געשעמט פאַר די שטאַמל־דיקע רייד, געשעמט זיך צו אַנטפּלעקן דאָס געבראָכענע האַרץ, די פאַר־לאָרנקייט, געשעמט זיך פאַר דער ציטערניש. ער האָט ניט געהאַט קיין כּוח צו ריידן קלאָר און אָפן. אָט איז אַ שטאָט, אַ ליידנדיקע, אַ ראַנגלענ־דיקע און מיר שטייען און וואַרטן ביז זיי וועלן אויסגיין. מיר רוען אין די כאַטעס, רוען אויף די פעלדער, אין די סעדער, מען ליגט ביים ווייסל־ברעג און מען ברענט זיך אויף דער זון. ניין! ניט אין יעפּימאָוון איז דאָס אַלץ אָפּהענגיק! מנחם דאַרף זיך ביי נאַכט אַריינשליידערן אין דעם צע־גאָסענעם קופּער פון דער ווייסל און דורכרייסן זיך צו זיין שטאָט. דורכ־שווימען די ווייסל מיט געווער. אַריינשלייכן זיך אין דער שטאָט און אומקומען אויף אירע חורבות. אָנשטאָט דעם טראָגט ער מיט הכנעה דעם סאָלדאַטסקן יאָך ווי עס טראָגט אים וואָלקאָוו, ווי לאַטישעוו, ווי דער אַלטער ראַביצעוו. ער פילט נאָך אַ דאַנקבאַרקייט צו דעם לאַנד וואָס האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו שלאָגן זיך מיטן דייטש, וואָס זי האָט אים באַקליידט מיט סאָלדאַטן־קליידער און ער איז איינער פון די זעלנער, ניט אַ פאַרשיקטער, אַ פאַרמישפּטער צו פינצטערן אין די שאַכ־טעס. אָטאָ די הכנעה האָט אים געדריקט אַלץ נידעריקער און נידעריקער.

ער האָט איבערגענומען ביי די רוסישע מענטשן די געפּענטעטע גלייכגילטיקייט, אַ גלייכגילטיקייט וואָס דערמאָנט אין אַ טייך וואָס שווימט געלאַסן אַ געקאָווּעטער אין ברעגן, אַ גלייכגילט פון אַ וואַלד וואָס אַ קוים־אָנזעעודיק ווינטל וויגט די ביימער שפּיצן, אין דער שטילקייט פון אַ פעלד, אין דער געדולדיקער פּיין פון אָקסן געשפּאַנטע וואָס גייען איבער אוּונטיקע פעלדער טריט ביי טריט...

די דאָזיקע גלייכגילטיקייט טוט אים וויי. זי נעמט אים צו דעם שלאָף און טרייבט אים פון איין אָרט צום אַנדערן.

ווידער נאַכט.

די דייטשן באָמבאַרדירן וואַרשע.

רויטע נעפּלען ווערן צעשניטן פון שאַרף־שנאָבלדיקע רויבפייגל טונקעלע, מיאוסע, מיט טויטע פליגל. נאָך יעדן דונער וואַקסן אויס שוואָמען, גראָע, געל־ראָזע און גרין־ווייסע. די שוואָמען מערן זיך. שוואָם נעבן שוואָם. די רויטע נעפּלען הילן זיי איין. דערנאָך קומען אָן ווינטן. זיי פאַלן אַראָפּ פון די הימלען און שלעפּן מיט זיך מיט די שוואַרצע וואָלקנס, די ראַנדן פון די וואָלקנס, זיי צינדן זיך אָן. צעקעמטע מיידלשע צעפּ פלאַטערן אין די ווינטן. זיי זינגען. דאָס איז אַ ווילדער געזאַנג, אַ געיאָמער. מען דערהערט אים ווען די רויבפייגל טויכן אונטער די פייער־האָריזאָנטן.

אין די דערפער איז שטיל. דער רעכטער ברעג ווייסל איז באַוואַכט. טריט פון אַ נאַכט־פּאַטראָל. אויפן טייכשפּיגל ווימלען שאָטנס, שלאַנגיקע שאָטנס.

— ווער גייט עס דאָרט?

— אַן אייגענער.

— שטיין!

אַ הייזעריקע שטים, אַ באַפעלערישע האָט זיך אָפּגעשלאָגן ווי עפּעס האַרטס און שווערס וואָלט פאַרזונקען געוואָרן.

— דאָס בין איך, פון פּאָלקאָווניק יעפימאָווס דיוויזיע.

אַ קליינער ליכט־פלעק שפּרינגט איבער זיין ברוסט, איבער די הענט און פאַרהאַלט זיך אויף מנחמס פּנים.

— אָ, דאָס איז דאָך דער יעוורעי... מיכאַיל ?... דו ביסט עס ?...

— איך.

— מיר דאַרפֿן דיך פֿאַרהאַלטן און צושטעלן אין שטאַב. ס׳איז פֿאַר־באָטן צו שפּאַצירן. נעכטן האָט מען פֿאַרהאַלטן עטלעכע איבערלויפֿער. גיי בעסער אַוועק אַליין.

אומעטום וואַך־פּאָסטנס.

ניט־ווייט שפּילט מען אויף אַ האַרמאָשקע און ס׳זינגען סאָלדאַטן. זיי זינגען דאָס ליד וועגן אַ פֿינצטערער נאַכט, וועגן אַ קינד וואָס שלאָפֿט רויִק אין וויגעלע. דאָס איז אַ האַרצשניידיק ליד.

מנחמס באַגלייטער שעפּטשען דעם ניגון.

— סטופּיי, מיכאַיִל, גיי אויף דיין נאַרע... וואָס וועלן מיר זיך אַרומשלעפּן צו נאַטשאַלסטוואָ... האָסט מזל, וואָס ביסט אַריינגעפֿאַלן אין מיינע הענט...

דאָס האָט גערעדט דער הייזעריקער.

ער איז אַוועק, מנחם, איבער די קליינע געסלעך. געגאַנגען לעבן שטעלער, לעבן הילצערנע פּלויטן, פֿאַרפּלאָנטערט זיך ביי קוסטעס און אַריינגעפֿאַלן אַ פֿאַרבלאָטיקטער, אין דער גרויסער כאַטע ווו ער האָט געהאַט זיין געלעגער. דאָס ליכט איז שוין פֿאַרלאָשן. אַלע שלאָפֿן. ער איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער. ווידער האָט ער דערזען דעם רויטן אָפּשיין פֿון שׂריפֿות. אַפֿילו דעמאָלס ווען ער האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן האָט ער געזען די פֿלאַמען. ער האָט זיך פֿון זיי ניט געקענט באַ־פֿרייען. ער האָט דאָס פֿייער געטראָגן אין זיך.

אויף פֿעלדער האַלב־פֿאַרוויסטע טרעפֿט מען אָפֿט אַ דאָרן־קוסט; אַ צעקראַמפּטער, מיט גרויע טונקעלע ריטלעך, שטעכיקע, מיט שאַרפֿע שפּיצן ווי פֿייגל־שפּאָנעס, מיט בלעטלעך אָרעמע, געל־זשאַווערדיקע, וואָס וואַקסן אַרויס צוקאָפּנס פֿון קוסט, און די טראָציקע צווייגלעך און ריטלעך זענען באַקעט. נאָר שטורעם־ווינטן קענען זיי צעוויגן. די גרעסטע טייל פֿון יאָר גליווערן זיי אין אַן אומהיימלעכער רויִקייט. אַזאַ זעלטענע רויִקייט בעת די ביימער־קרוינען הוידן זיך מיט גערויש. דערפֿאַר בלייבט דאָ דער

שפּעט־זומערגעוועב ביזן טיפן האַרבסט פאַרפלאָנטערט אין די צווייגלעך און די פעלד־שפּינען וועבן דאָ אויס די אויסטערלישסטע שפּין־געוועבן און הענגען אויף דינע זילבער־פעדעם.

די בעלי־חי מײַדן אויס דעם דאָרן־קוסט. זיי טרויען זיך ניט נאָענט פאַרבײַצוגיין און ווילן ניט באַרירן די אײַנגעטריקנטע טויטע שטעכיקע דאָרן־ריטלעך. דער דאָרן־קוסט איז אָבער ניט טויט. זײַנע וואָרצלען לעבן. אַפילו אין די צווייגלעך קרײַזט דער וואָרצל־זאַפט. דאָס איז גיכער ענלעך צו אַ פאַרטײַעטן דרימל, אַן אויסוואַרטן אויף עפּעס וואָס דאַרף קומען.

און עס טרעפט זיך: אין אַ פרילינג, אַ רייך־רעגנדיקן, אַ וואַרעמען, אָדער אין אַ האַרבסט אַפילו, ווען די זון איז מילד און גוט צו דער ערד, דערוואַכט פּלוצעם דער דאָרן־קוסט. עס צעבלי׳ען זיך די צווייגן, אַ פּאַספּאָר־גרינקייט לײַכט אין דער וויסטעניש, פייגל בלײַבן הענגען איבערן קוסט און גאַפן, אָרעמע און מידע פאַרבײַגייער בלײַבן פאַרחידושטע; איז דאָס אַ קוסט וואָס פון זײַן צוויט וועלן פּירות זײַן, אָדער דאָס בליט אַזוי דער גיפט, וואָס זײַנע ווילדע סם־יאַגדעס וועלן שפּרייטן פאַרוויסטונג און טויט?

דער דאָנער קאַזאַק אַנטיפּ, דער וואָס איז אין איינער פון די נעכט אַריבערגעלאָפן צו די דײַטשן איז געגליכן געווען צו אַזאַ דאָרן־קוסט פון די האַלב־פאַרוויסטעטע רוסישע דערפער.

הינטער וואַרשע, ניט ווײַט פון פלי־פעלד אָקענטשע, האָט זיך געפונען דער שטאַב פון די „וואָלאַסאָווצעס". דאָרט האָבן זיך אויך אויפגע־האַלטן די באַטאַליאָנען זייערע וואָס זענען אייליק פאָרמירט געוואָרן פון געפאַנגענע סאָוועטישע סאָלדאַטן. דאָס דאָזיקע „הילפסמיליטער" איז איינ־געגלידערט געוואָרן אין דער דײַטשישער אַרמיי. אין שפּיץ פון דאָזיקן מיליטער איז געשטאַנען אַ געוועזענער פאַרטיי־מענטש, אַ גענעראַל פון דער סאָוועטישער אַרמיי, דער וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער באַרימטער סאָוועטישער צוואַנציקסטער אַרמיי וואָס האָט פאַרטיידיקט מאָסקווע און דורך קאָנטער־אַטאַקעס פאַרנומען וואָלקאָלאַמסק. דערנאָך האָט ער אָנגע־פירט מיט דער צווייטער אַרמיי און אַרײַנגעפאַלן אין אַרומרינגלונג. אין

דער דייטשישער געפאַנגענשאַפט איז ער אַ געוויסע צייט געווען צוגעטיילט צו אַ דייטשישער מיליטערישער טראַנספּאָרט־אייַנהייט ווי אַ געוויינלעכער שאָפער. פלוצעם איז באַוווּסט געוואָרן, אַז דאָס איז אַ גענעראַל און זייַן נאָמען איז אַרויפגעשווומען אויף דער אייבערפלאַך.

ווען אַנטיפּ איז אַריבערגעלאָפן צו די דייטשן האָט ער שוין געוווּסט וועגן די דאָזיקע באַטאַליאָנען. ער האָט אויסבאַהאַלטן בייַ זיך אַן אויפרוף, וואָס די דייטשן האָבן געוואָרפן אויף די סאָוועטישע פּאָזיציעס. און אַז ער האָט דאָרט איבערגעלייענט דעם רוף פון רוסישן גענעראַל צו זייַנע ברידער רוסן, וועגן די קאָלכאָזן וואָס פאַרוויסטן ס׳לאַנד, וועגן די ליידן פון פאָלק, זענען זייַנע גרינע סאַזשלקע־אויגן טיפער אַרייַן אין די אויסהוילענישן. ער האָט אין יענע טעג ניט גערעדט נאָר געברומט אַ בייז און פאַרשטיקט ברומערייַ. אַזוי ברומען פּי ווען זיי רייַסן זיך פון ברענענדיקע שטאַלן. די שוואַרצע קודלעס פון זייַן פּנים, די וואָס האָבן זיך אַזוי געקרייזלט אַרום די אָנגעלאָפענע באַקן האָט ער שוין לאַנג געהאַט אָפּגעראַזירט. געבליבן זענען נאָר זייַנע שווערע ברעמען מיט לאַנגע האָר וואָס טייל פון זיי האָבן געגרייכט אַזש ביז די וויִעס און זיי האָבן אַזוי אַרום געשאַפן אַ נעץ אַרום זייַנע אויגן, און פון אונטער דער האָר־נעץ האָבן אַרויסגעקוקט מוטנע גרינע אויגן, קליינע און שיפלעכע. ערשט אָן דער באָרד האָט זיך אַנטפלעקט זייַן יונגשאַפט; די פולע באַקן זענען געוואָרן אויפגעיוירן און אין געשטעל זייַנעם, דעם אומגעלומפּערט־גרויסן, איז געווען פאַרטאַיעט גבורה. ער האָט די גבורה דערשטיקט מיט די נאָכהענגענדיקע הענט, פאַרהוילן איר דורך דעם געבויגענעם רוקן און אייַנגעצויגענע אַקסלען. אַז ער איז געגאַנגען האָט ער אומגעלומפּערט געטאָפּטשעט מיט די פיס און פון די קליידער און שיך האָבן זיך נאָכגעשלעפּט בענדלעך און צוויטן. ער האָט זיך ניט אַרייַנגעלאָזט אין קיין געשפּרעכן, אויסגעמיטן מענטשן, תמעוואַט־גלייכגילטיק געגלאָצט מיט די אויגן, דער ערשטער געשטעלט זיך אין דער ריי בייַם סאָלדאַטסקן קעסל. ער האָט געזשלאָקעט בראָנפן ווי וואַסער און קיין מאָל ניט שיכּור געוואָרן. נאָר אין דער פינצטערניש פון די נעכט איז זייַן געהער געוואָרן שאַרף און זייַן גלייכגילט און פאַרלאָרנקייט איז פאַרשווונדן. די אויגן האָבן

אומהיימלעך געלויכטן ווי ביי אַ קאַץ. אַז מען האָט זיך מיט אים אָנגעשטויסן אין דער פֿינצטערניש האָט ער געלאַכט מיט אַ שטום־געלעכטער. מען האָט דאָס דערקאָנט לויט די צוויי שורות בליאַסקנדיקע ציין. וועגן וואָס האָט דער צעוואַקסענער קאַזאַק געטראַכט אין די נעכט בעת ער איז געלעגן אַ פֿאַרהילטער אין וואָלקנס רויך? אפֿשר האָט ער געזען דעם שטילן כוטאָר פֿון זיין פֿאָטער, און אפֿשר די ווייס־געקאַלכטע הייזער פֿון די קאַזאַקישע דערפֿער? און אפֿשר דעם דאָן מיט די פֿאַרוואָלקנטע וואָסערן? אפֿשר האָט ער זיך געזען אין די סטעפּעס טרייבנדיק אַ טאַבון פֿערד אין אָוונטיקן האָריזאָנט אַריין? און אפֿשר האָט ער זיך דערמאָנט יענע נעכט, די צעזונגענע און פֿריילעכע אין בערעזענעם ווערדל? ניין. ער האָט זיין היים ניט געזען אין די דאָזיקע נעכט. ער האָט ניט געזען דעם טייך, ניט געהערט די ניגונים און ניט געזען דעם אָוונטיקן הימל איבער די סטעפּעס. ווייל אַ מענטש וואָס זעט אין די נעכט זיין היים הייבט זיך אויף אין דער פֿרי אַ געלייטערטער ווי די הימלען נאָך וואָלקנדיקע טעג און די גוטסקייט שיינט אַרויס פֿון זיינע אויגן. אַנטיפּ האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַ פֿאַרטונקלטער ווי אַ ברוך־וואָלקן וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף גאָטס ערד און וואָגלט אַ צעשליסענער און אומהיימלעכער.

אַנטיפּ האָט ניט געזען די היימישע פֿעלדער און ברויט־סטעפּעס, ניט דעם דאָן, ניט די געקאַלכטע שטוב. ער האָט נאָר געהערט דעם געיאָמער פֿון פֿעלדער פֿאַרוויסטע, דעם געפּייף פֿון מייז אין די ליידיקע סטאָדאָלעס און אָמבאַרן, דעם געסקריפּ פֿון געפּענטעטע פֿליגלען פֿון ווינטמילן. דעם געוואָי פֿון בוריאַן אויף די וועגן און דאָס געוויין פֿון סטעפּ־ווינטן אין גראָען פֿאָלין. ער האָט געהערט דעם געקרעכץ פֿון פֿויערים אויף וועגענער פֿאַרלאָרענע און דעם געשלוכץ פֿון פֿאַרטריבענע כוטאָר־איינוווינער, דעם געקלאַפּ פֿון רעדער אויף רעלסן.

אין די דאָזיקע נעכט איז נאָר געווען וואָס זיין געהער. עס איז ווידער געקומען דער ווינט פֿון אוראַל, דער האַרבסטיקער, דער וואָס איז פֿאַרפֿלאָכטן מיט בייטשן רעגן, דער, וואָס רייסט דעכער פֿון באַראַקן, דער שטורעם וואָס וויל איבערשרייען דעם געוואָי פֿון סירענעס און דאָס יאָמערן פֿון אייגענעם האַרצן.

און אַז אַנטיפּ האָט דאָס ערשטע מאָל דערהערט אַרטילעריש שיסעריי און דערזען די קליינע שוועבנדיקע וואַטע־וואָלקנדלעך פון די אויפרייסן און דערנאָך די בייזע, געדיכטע כמאַרעס רויך און ערד — האָט ער דער־וואַכט. זיין רוקן איז מיט אַ מאָל אויסגעגלייכט געוואָרן. די איינגעפאַלענע אויגן האָבן זיך צעעפנט. אויף דעם לויזן פּנים האָבן זיך צעשפּילט די מוסקלען און די שטערן־ווינקלען זענען געקנייטשט געוואָרן און ס׳האָבן זיך אָנגעזען טונקעלע אָדערן.

ווידער זענען צוריקגעקומען יענע טעג פון בירגער־קריג. אַ יונגער קאַזאַקישער רייטער איבער אומרויִקע סטעפּעס — — — אַן אַטריאַדן־פירער — — — אַ גערייטעריי איבער כוטאָרן — — — און שפּעטער, יאָרן פון נע־ונד — — — ווי ער וואָלט אַריינגעריטן מיטן „בולאַן״ אין אַ תהום — — —

אַ מענטש האָט דערוואַכט אין סאַמע האַרץ פון שטורעם. ער האָט זיך אויפגעוועקט אין מיטן פון דער שלאַכט. ער איז אויפגעהויבן געוואָרן פון תהום.

די סאָלדאַטן האָבן אים ניט דערקאַנט. איז דאָס אַנטיפּ? ער איז געגאַנגען אויבן־אָן. דער אויטאָמאַט אין זיינע הענט האָט אויסגעזען ווי אַ שפּילצייג. ער האָט געלאַכט מיט אַ צעעפנט מויל. געקלאַפּט אַלעמען איבער דעם רוקן. און אַז ער האָט דערזען כאַטשאַפּן איז ער אויפגעלייגט געוואָרן.

— געדענקסט מאַרפען? מיר זענען דאָך געווען שותּפים... קום, כאַטשאַפּ, וועלן מיר טרינקען פאַר איר געזונט...

דער פּאָליט־קאָמיסאַר האָט אויסגעסטערטשעט אַ פּאָר אויגן. דער גרוזינער האָט זיך געחידושט:

— ביסט שיכּור, אַנטיפּ.

— שיכּור בין איך ניט... אָבער מאַרפאַן דאַרפן מיר ניט פאַרגעסן...

ער האָט געלאַכט, אַנטיפּ. געלאַכט און פאַרלייגט די הענט אויפן בויך. כאַטשאַפּ איז אַוועק אַ בייזער.

אַפילו אָן שום ראַנגע, אָן יעדער אויסצייכענונג און אַנערקענונג פון די אָפיצירן האָבן אים די סאָלדאַטן באַדינט.

ביי דער ווייסל

יעדערער האָט געוואָלט זיין נאָענט צו אים, נעבן זיין געלעגער, נעבן אים אין אָקאָפּע. מען האָט זיך געטיילט מיט מאַכאָרקע, אויסגעהאַקט פאַר אים פייער פון קרעמען, גערייניקט זיין געווער. און אַנטיפּ האָט אַלעמען באַשאָנקען מיט אַ גוט־ברודערישן האַנט־דרוק.

און אין איינער פון די שטילע נעכט איז ער אַוועק און מער ניט צוריקגעקומען. אַנטיפּ איז אַריבערגעלאָפן צו די דייטשן. אַ קאַזאַק פון דאָנער סטעפּעס, אַ קוילנגרעבער, אַ פּאַרטיזאַנער פון זיין היים אין די שלום־צייטן, איז ער פון איר אַליין אַנטלאָפן, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, אין דער מלחמה־צייט.

ער איז געוואָרן אַ באַטאַליאָנען־פירער ביי די וולאַסאָווצעס. זיין געשטעל, זיין געזונטער געבוי און די גבורה וואָס האָט געשפּאַרט פון אים איז גלייך באַמערקט געוואָרן. ער וועט צעטרעטן די פּאָלין־פעלדער און אַריינרייסן זיך אין דעם היימישן כוטאָר ביים דאָן. מען האָט אים פאַרטריבן פון דאָרט אויף מיזרח און ער וועט צוריקקומען דורך מערב. די וועלט איז קיילעכדיק. אַזוי האָט געטראַכט דער אויפגעוואַכטער קאַזאַק, דער וואָס איז געגליכן געווען צום דאָרן־קוסט וואָס האָט אין סאַמע מיט פון הארבסט צעעפנט ווילדע סמיקע יאַגדע־בליטן.

אַנטיפּ איז אַרומגערינגלט געווען פון רוסן און אוקראַינער. פון געפאַנגענע זענען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דייטשישע מיטהעלפער. אין קליידער פון עסעס־לייט האָבן זיי אַרומגעגראַסירט אויף דער פּוילישער ערד און דערפילט אין זיך מאַכט. אַליין אָנגעשראָקענע און ניט־זיכערע מיט דער דייטשישער אַפּוטרופּסות, האָבן זיי געזייט שרעק און ניט־זיכערקייט איבער די פּוילישע שטעט און דערפער. זיי זענען באַפאַלן אין סאַמע מיטן טאָג די ציוויל־באַפעלקערונג, גערויבט, פאַרגוואַלדיקט און געמאָרדעט.

געווען צווישן אַנטיפּס מענטשן אַ געמיש פון פּרצופים; צעשיכורטע מיט נעז ווי קאַרטאָפל וואָס שיילן זיך, מיט פויגל־פּנימער און מיילער פון פוקסן; כיטראַקעס מיט געמאָרשטשעטע שטערנס, קליינע שמאָלע ווי אַ צונויפגעלייגטע האַרמאָשקע; געווען יונגע מיט שטרוי־טשופּרינעס, מיט

קינדערישע ליפּן און רויט־שיכּורע אויגן. געווען איינער מיט אַ לאַנג־אויסגעצויגן פּנים, אַ ביינערדיקס, מיט שפּיציקע אויערן און אַן אָדלער־נאָז — אַזאַ פּרצוף זעט מען נאָר ווען מ׳שפּיגלט זיך אין קרומע שפּיגלען. און איבער דעם גאַנצן אָנלויף האָט זיך אויסגעטיילט אַנטיפּ, דער וואָס איז פון אַלעמען געווען העכער מיט עטלעכע קעפּ.

דער תּמעוואַטער אוקראַינער פון וואָלין, פּראָקאָפּ, דער מיט שמאָלע איינגעצויגענע פּלייצעס, דער געבויגענער, מיט אַ גרויסן האַלדז־ביין, אַ באַטראַק ביי אַ פּוילישן אָסאַדניק, האָט אין יאָר 1939 אויפגענומען די רויטע אַרמיי און אין אַ וואָלינער שטעטל געוואָרן דער „גלאַוואַ" פון „סאָוויעט". „צוואַנציק יאָר בין איך געווען פאַרבונדן אין אַ זאַק ביז עס איז געקומען די טשירוואָנאַ אַרמיאַ, אויפגעבונדן דעם זאַק און איך בין אַרויס אויף דער פרייהייט. כאַי זשיווע באַטקאָ סטאַלין!" — דאָס איז געווען זיין רעדע צו דער באַפעלקערונג אַלס „גלאַוואַ" פון רויטן סאָוויעט. אין צוויי יאָר שפּעטער זענען אַריין די דייטשן. ער האָט דער ערשטער פּאָגראָמירט ייִדן און דערנאָך נעלם געוואָרן. — — —

געווען איז אין אַנטיפּס באַטאַליאָן דער יונגער שאַליוגין, אַ קאָמ־סאָמאָליעץ מיט ייִנגלישע ליפּן און אויגן אָנגעגאָסענע פון שיכּרות. ער איז בלינד נאָכגעגאַנגען יעדן עלטסטן און מיט פאַרלאָפענעם שוים אויף די ליפּן געוואָרפן זיך אויף זיינע קרבנות. דערנאָך איז ער געלעגן ווי אַ יונגער לאָשעק און אָפּגעגאַנגען אין אַנגסטן — אַ לאָשעק וואָס וויל לויפן אין די פוס־טריט פון אַ ווילד־צעבריקעוועט פערד.

דער געוועזענער פּאַרטיי־סעקרעטאַר ראָדין, פון וואָראָניעזש, האָט אין די נעכט געקלאָגט אויף זיינע אָפּגענאַרטע יאָרן.

— אַ גרויסע וועלט, אַ רייכע, אַ זאַטע, כ׳דערקען די זאַטקייט אַפילו איצט, אין מלחמה, און מיר? אוי, ווי אָפּגענאַרט. כ׳האָב אָפּגעלעבט אַ לעבן און ווער בין איך? וואָס איז מיין פאַך? גאָרנישט! אַ פּאַרטיי־בילעט איז געווען מיין דיפּלאָם! וואָס וועל איך טאָן אין אַ פרייער וועלט? אַ שטאָל־יונג! אַ פּאַראָבעק ביי אַ פּאָליאַק אָדער אַ קנעכט ביי אַ באַוער. ראָדין איז אַ רוס! אַן אמתער רוס! ער האָט קיין שלעכטס קיינעם ניט געטאָן...

און אַז ער איז שיכּור געוואָרן האָט מען געמוזט אַוועק פון באַראַק. ער האָט געוויינט, געריסן אויף זיך די קליידער און געזידלט זיך מיט די פינסטערסטע קללות.

דער רוסיפיצירטער פּאָליאַק באַרבאַריסקי, דער דאַרער, אויסגעצויגענער, מיטן לאַנגן פּרצוף און אָדלער־נאָז איז געווען אַ שוויגער. אין זיין גרעסטער שיכּרות האָט ער געשוויגן. ער האָט ניט אַרויסגעלאָזט אַפילו קיין קרעכץ. אויף זיין געלעגער איז ער געלעגן אין שינעל און געוויקלט זיך ווי אַ שלייען. ער האָט מיט די הענט אַרומגענומען די לאַנגע פיס, אָנגעשפּאַרט די גאָמבע אָן די קני און געשפּיגן אויפן סופיט, געשפּיגן מיט אַ געפייף וואָס איז צעשניטן געוואָרן פון די שיטערע ציין.

געבוירן געוואָרן ביי פּאַרשיקטע פּאָליאַקן אין וויטן סיביר. זיין היימלאַנד זענען ניט געווען די נידערונגען ביי דער ווייסל, נאָר די סטעפּעס, די אומענדלעכע, וואָס דאָס אויג קען ניט אַרומנעמען. די רעוואָלוציע האָט אים אַרויסגעהויבן און גלייך צוריק אַריינגעשליידערט אין די סיבירער טייגעס. ער האָט זיך געפּלאָנטערט אין דער פּאַרטיי, אין טשעקאַ־דינסט ערגעץ אין אַ וויסער פּראָסטיקער שטאָט: פּאַרשיקטע. קעלערן, קאָרידאָרן פינצטערע. קליידער מיט בלוט. בלוט און שניי. בראָנפן און שיכּרות. קאָשמאַרן־נעכט. אַ קאַלמיקיש ווייב האָט געוועט ערגעץ זיינע קינדער. אַלץ מישט זיך און פּלאָנטערט זיך. איין וועלט סיי די דייטשן סיי די רוסן. דאָס איז גאָטס באַשאַף. אַזאַ וועט די וועלט פאַרבלייבן. אויך ביים צאַר איז געווען סיביר. ס׳מוז אַזוי זיין. זיין האַנט ציטערט ניט ווען ער זשלאָקעט דעם „בימבער״ און זי ציטערט ניט ווען ער דריקט אויפן צינגל פון אויטאָמאַט, ניט ווען ער שליידערט גראַנאַטן אין קעלערן אָנגעפּראָפּטע מיט פרויען און קינדער... דאָס איז לעבן... אַזוי גייט ער אין אַ פינצטערן ראָד און קען ניט אַרויס פון אים. און אין מיט פון ראָד איז פייער.

אומעטום איז פול געווען מיט פּאַנאַסאָוון. אַ נידעריקער מיט אַ קאָפּ וואָס זיצט אויף די אַקסלען, מיט הענט קורצע און פינגער ווי אָפּגעהאַקטע, האָט זיך כוועדראַ פּאַנאַסאָוו געשאַרט אין אַלע ווינקלען און געפּלעמלט מיט די שטעכיקע אייגעלעך. אַז ער האָט געלאַכט איז זיין פעט פּנים

גלאַנציק געוואָרן ווי אַן אויסגעפּוצטער סאַמאָוואַר. אין זיין קיילעכדיקן פּרצוף איז געווען אי חניפה אי חוצפּה, אי גבורה און גלייכצייטיק פּחדנות. עפּעס אַן אויסמישעניש פון מענטש און חיה. ער איז ענלעך געווען צו אַ געפּאַשעטן חזיר וואָס איז לאַנג געווען פאַרשפּאַרט אין אַ שטאַל און איז פּלוצעם אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין. מען האָט קיין מאָל אויף אים ניט דערקענט קיין מידקייט, קיין כּעס, קיין טרויער און ניט קיין בענקשאַפט. אַז ער איז שיכּור געווען האָט ער געשמייכלט. כוועדראַ האָט שוין אַליין ניט געדענקט פון וואַנען ער שטאַמט, צי פון אַ דאָרף ביים דניעפּר אָדער גאָר פון פּאָלעסיע.

— און אפשר בין איך גאָרנישט כוועדראַ פּאַנאַסאָוו? ווער ווייס?

— האָט ער איינמאָל געזאָגט און געריבן איין דלאָניע אָן דער צווייטער.

— טאָ ווער ביסטו?

— פרעג דעם שד מיט די הערנער די געדרייטע וואָס באַשלאָפט דאָס מאַמעלע, די וואָלגע...

דער „געלערנטער" רוס איז געווען אין אַנטיפּס באַטאַליאָן יעגאָראָוו. אַ לערער פון אַן אָנפאַנג־שול אין קורסקער ראַיאָן. ער האָט דאָס איבער־געשריבן אַלע באַפעלן פון דעם הויפּטשטאַב פון וולאַסאָווס דיוויזיע מיט אַ געציקלטער האַנטשריפט, און אין די פּאָר טאָגס, בעת די אַפּעלן, פאַר־געלייענט די טאָג־נייעסן און פאַרשיידענע באַפעלן. ער איז געקומען אין געפּוצטע שיך, פאַרקעמט איז ער געווען מיט אַ שרונט אין מיטן קאָפּ און שטענדיק געהאַט אַן אויסגעראַזירטן קאַרק. די האָר האָט יעגאָראָוו אויס־געמאַסטיקירט מיט אַ גלאַנציקן פעטס און זיי זענען געלעגן צוגעפּרעסט צום הויכן שפּיציקן שאַרבן. ער האָט נאָר גערייכערט פּאַפּיראָסן מיט געלע מונדשטוקן און געחידושט זיך אַז מיט איין צי ברענט ער אויס אַ האַלבן פּאַפּיראָס. דאָס זענען אַוודאי פּאַפּיראָסן פאַר פרויען מיט קליינע מיילער...

האַלבע טעג איז ער געזעסן אין קליינעם שטאַב־צימערל און געפּיילט זיך די נעגל מיט אַ קליין פּיילעכל. ער האָט געכראַקעט לעבן טיש, געוואָרפן די פּאַפּיראָסן דורכן פענצטער און געשנייצט די נאָז מיט צוויי פינגער. בשעת די נאַכט־איבערפאַלן האָט ער ניט געזוכט קיין זייגערלעך, ניט קיין פינגערלעך פון גאָלד. ער האָט דאָס געשליידערט אין פּנים אַריין

פון די פאַרצווייפלטע און זיי פאַרגוואַלדיקט. צו מאָרגנס האָט ער זיך געפּיילט די נעגל, געשריבן בריוו פאַר סאָלדאַטן צו זייערע פרויען, בריוו וואָס זענען קיין מאָל ניט דערגאַנגען, אָבער זיי זענען געלעגן אין די טאַשן פון כּמעט יעדן וולאַסאָוויעץ.

דער יונגער שאַליוגין האָט אַלעמען באַדינט. ער האָט געפּאָלגט בלינדערהייט יעגאָראָוון, אַרומגעשלעפּט זיך מיט אים איבער די געסלעך און געקלאַפּט אין פאַרהעמערטע טירן:

— לאָזט אַריין נשמהלעך, ס׳איז יעגאָראָוו... פון שטאַב... — און שאַליוגין האָט זיך אַרומגעדרייט אויף וואַך אין דרויסן, ביז אַ צעשראָקענער פרויישער קאָפּ האָט אַרויסגעקוקט פון אַ פענצטער און יעגאָראָוו איז אַרויס אַ וואַקלדיקער. דעמאָלס האָט אים שאַליוגין פאַרפירט צו די קאַשאַרן און אַ גאַנצן וועג באַגלייט אים מיט קללות.

— דאַוואַי, זונעלע, דאַוואַי, נאָך. זשאַלעווע ניט קיין קללות. כ׳בין ווערט. אַז מיר וועלן אַריין קיין קורסק וועל איך דיר אַוועקגעבן מיין טאָכטער פאַר אַ ווייב... — האָט געריעדט יעגאָראָוו.

שאַליוגין האָט זיך געקענט אויסשמועסן מיט באַרבאַריסקין, געוווּסט ווען מ׳קען צוגיין צו אים נאָענט און צוזאַמען פאַררייכערן, און ווען ס׳איז געזינטער ניט צו ווייזן זיך אים פאַר די אויגן.

ראָדין איז געווען מיט אַלעמען באַפריינדעט. מען האָט אים באַ־דויערט פאַרוואָס ער איז אַריינגעפאַלן אַהער. — דיר איז דאָך דאָרט גוט געווען... געלעבט זיך ווי אין גן־עדן... — מען האָט נאָך איצט דרך־ארץ געהאַט פאַר דער מאַכט וואָס איז אַמאָל געלעגן אין ראָדינס הענט. אַ קלייניקייט: אַ פאַרטיי־סעקרעטאַר פון אַ ראַיאָן! דאָס האָט אים נאָך איצט דערהויבן. די געפאַלנקייט פאַר מאַכט, דער פּחד פאַר איר איז געווען אַזוי גרויס ביי די מענטשן אַז ראָדין האָט עס אָפּגעפילט אין זיין באַציִונג צו זיך. ווי חידושדיק ס׳זאָל ניט זיין, האָט ער זיך אַפילו אין אַנטיפּס באַטאַליאָן באַטראַכט ווי אַ וויכטיקער מענטש, אַן איינפלוסרייכער. ער איז עס נאָך אַנטיפּן געוואָרן די צווייטע האַגט. און אַנטיפּ אַליין האָט ראָדינען איינגעלאַדן אויף שמועסן, מען האָט צוזאַמען אין קאָרטן געשפּילט און צוזאַמען געטרינקען.

אַ בלינדע מאַכט האָט דאָרט באַפֿוילן און אַן ענלעכע בלינדע קאַפּריזנע מאַכט באַפֿעלט דאָ. און אומעטום שטעלסטו איין דעם קאָפּ. סיי דאָרט — אין דער היים, סיי דאָ — אין דער פֿרעמד. עס נאָגט עפּעס ביים האַרצן, אָט אָ די דאָזיקע פֿרעמדקייט. די היים ווייַנט אַרויס. כאָטש אַ הונגע־ריקע, אַן אָרעמע, אַ באַליידיקטע, אַ צעטראָטענע און דאָך איז עס אַ היים. עס רופֿן די פֿעלדער די רחבֿותדיקע מיט די ברוין־גרינלעכע געשלענגלטע גראָזן, און אויף די פֿעלדער — צעשפּרייטע סטאַדעס פֿי, שעפּסן און ציגן. עס רופֿן די וועלדער די סאָסנאָווע, די ראָשטשעס די אָלכאָווע און די הימלען די היימישע. עס מאַניען די וועגן די צעצווייגטע וואָס גאַלדיקן זיך צווישן פּאַשע־פֿעלדער און דערפֿער.

און די וואָס האָבן שוין די היימען אַרויסגעריסן פֿון זיך צוזאַמען מיט די הערצער, די האָבן הפֿקרדיק געהוליעט איבער דער טרויעריקער ווייסל־ערד דער געשענדטער צוזאַמען מיט די מחנות הײשעריקן, וואָס האָבן אין צוריקלויף פֿון מיזרח אַראָפּגעלאָזט זיך ווי אַ פֿינצטערע לאַווינע אויף דער דאָזיקער ערד.

טויט־פֿאַרוווּנדעטע, מיטן באַוווּסטזיין פֿון אומקום, האָבן די דייטשי־שע מחנות אויסגעגאָסן זייער צאָרן אויף דער שטאָט וואַרשע.

די דייטשן באָמבאַרדירן וואַרשע מיט אַן אַרטילעריש פֿייער פֿון שווערסטן קאַליבער, אַזאַ וואָס איז באַשטימט קעגן בעטאָן־פֿאַרפֿעסטיקונגען און פֿאָרטיפֿיקאַציעס.

די שטאָט ברענט!

דייטשישע רעפֿלעקטאָרן לויפֿן איבער דעם הימל. די קעגן־אַוויאַציע אַרטילעריע בושעוועט. קאָלירטע קוילן רייסן אויף אין די הייכן. אין די טונקעלע הימלען גיט זיך פּלוצעם אַ זילבער אַן עראָפּלאַן־פֿליגל. סעריעס קוילן ווי בייטשן קרעלן הענגען אַ ווילע — דאָס זענען קוילן פֿון שווער־מאַשין־געווער. דאָס שיסן די דייטשן צו אַ פֿייַנטלעכן עראָפּלאַן. אַן עראָפּלאַן וואָס וויל אַראָפּוואַרפֿן הילף די אויפֿשטענדלער.

אין איינער פֿון די נעכט האָט זיך מנחם אַנגעשטויסן, ניט ווייט פֿון די שייערן, אויף אַ פּאַליאַק אַ פֿישער.

בײ דער װײַסל

— דו ביסט אַ רוס? — האָט געפֿרעגט דער פֿישער.

— נײן.

— רעדסט פּויליש?

— איך שטאַם פֿון דאַנגען. כ׳בין אַ ייִד.

— אַ ייִד?

— מיט דיר קען איך רײדן... דו ביסט אַ ייִד... איך קום פֿון יענער זײַט... נעכטן בײַ נאַכט דורכגעשװוּמען די װײַסל. די שטאָט קומט אום. אײַערע זעט מען אומעטום... די לעבן־געבליבענע קומען אום... איצט לײדן מיר צוזאַמען... דײַנע ברידער קומען אום און דו שפּאַצירסט זיך דאָ אַרום אַזױ רויִק...

דער זילבענער פֿליגל פֿון עראָפּלאַן, װאָס האָט זיך געװיגט איבערן הימל, צװישן די סנאָפּעס רעפֿלעקטאָרן און גראַנאַטענע שטיקער װאָלקנס האָט זיך אָנגעצונדן. אַ בײטש רויך איז אויפֿגעװיקלט געװאָרן און באַלד דערנאָך פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ פֿײערזײַל.

דער פֿישער איז שטיל געװאָרן.

די װײַסל איז אַזױ נאָענט אַזש מען הערט װי די כװאַליעס שלאָגן זיך אָן ברעג.

דאָס געשעפּטש פֿון אומבאַקאַנטן פּאַליאַק האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם גערויש פֿון די װײַסל־װאַסערן.

— כ׳קען ניט פֿאַרשטײן... מען זאָגט אַז די רוסישע אַרמײ איז פֿול מיט ייִדן... אַז די אָפֿיצירן זענען ייִדן... אַז זײ װעלן ניט דערלאָזן אומצוברענגען די לעצטע ייִדן פֿון װאַרשע... אַז זײ פֿירן מלחמה צוליב די ייִדן... און דאָ איז אַלץ פֿאַרקערט... דו ביסט אַ ייִד... אַ ייִד אַ פּױלישער... דו שװײַגסט... דו ביסט רויִק...

מנחם איז אויפֿגעשפּרונגען. ער האָט אָנגעכאַפּט דעם פֿישער פֿאַר די הענט. ער האָט געזען אַ לענגלעך פּנים, מיט האַרטע, קאַנטיקע קנײטשן.

— שװײַג. איך קען ניט הערן. װער ביסטו, װאָס דו מאַנסט בײַ מיר מעשׂים?

דער פּאַליאַק האָט זיך דערשראָקן און געװאָלט אַװעקגײן.

— שרעק זיך ניט. כ׳װעל דיר גאָרנישט טאָן.

מנחם איז אַוועק. ער האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די שייערן, צווישן די הייזער. אַ קודלאַטער הונט איז אים באַפֿאַלן מיט אַ געבילעריי. ער האָט געטראָגן מיט זיך אַ שווערקייט, אַזאַ בלייערנע שווערקייט וואָס האָט אים געצויגן צו דער דאָזיקער ערד. ער האָט צונויפגעדריקט די ציין, צונויפגעדריקט די ליפּן ביז ווייטיק.

די רעפלעקטאָר־זיילן זענען איצט שאַרף, אַזוי ווי מעסערס צע־שניידן זיי די הימלען. עס האָט זיך אים געדוכט אַז ער פֿאַלט אַרויף מיט זיין גוף אויף דער ווייסער טויטער שאַרפקייט און דער גוף ווערט צע־שניטן. פון אים בלייבט נאָר אַ האַרץ, און דאָס האַרץ איז אויך צעשניטן געוואָרן דורך די בלענדיקע מעסערס און איין טייל האַרץ פֿאַלט פון די נאַכט־הימלען אויף דאָס ברענענדיקע וואַרשע און די אַנדער העלפֿט אויף די פינצטערע דערפער פון יענער זייט ווייסל ווו ס'רוען די סאָוועטישע פאָלקן. דערנאָך ווערט שטיל. עס ווערט פרידן אויף גאָטס וועלט.

ער האָט ניט געקאָנט אַוועק פון פישערס פאַרשאָטנט פנים.

— וואָס פאַרפאָלגסטו מיך?

קיינער ענטפערט ניט. נאָר אַ שאָטן פון אַ בוים איז אַריבערגעלאָפן אויף דער צווייטער זייט גאָס. אפשר איז דאָס פון ווינט וואָס איז אָנגעקומען פון דער ווייסל און וויגט דעם טאָפּאָל־שטאַם?

ווידער האַרמאָשקע־קלאַנגען. זיי טראָגן זיך פון אָפענעם פענצטער. אַ סאָלדאַט זינגט אַ טרויעריק ליד. מנחם הערט זיך איין אין שטילן געזאַנג:

אַלע פאָלקן גייען שוין אַהיים,
צוריק, צו דער אייגענער ערד.
נאָר מיין חבר איז געפאַלן —
און ליידיק שפּאַנט זיין פערד.

דאָס פאַרבלוטיקטע העמד
פירן מיר אין דאָרף פון ווייט,
צו זיין וויב פון פרעמד
מיט דעם טויטנס לעצטע רייד:

ביי דער ווייסל

זאָל מיין ווייב דאָס העמד,
דאָס פאַרבלוטיקטע וואַשן —
ניט ביי דער ברונעם,
ניט ביי דעם טייך —
נאָר מיט אירע טרערן די הייסע.

און טריקענען זאָל זי
דאָס העמד, מיין העמד —
ניט אויף דעם ווינט,
ניט אויף דער זון —
נאָר אויף אירע ברוסטן די ווייסע.

ביים הויכן פאַרקאַן גליוועט אַ שאָטן.

— העי, מיכאַ׳ל?

דאָס איז לאַטישעוו. ער פאַרברענגט עס דאָ מיט אַ באַביאַנקע.

— אַרויס זיך אָפּקילן פון דער כאַטע... און דו ביעס, שלעפּסט זיך אַרום ווי אַן אומרייניגער... ניט געקענט גיין אויף אַן אַנדער וועגל... צעפּושעסט נאָר צוויי יונגע מענטשן...

ער האָט געלאַכט, לאַטישעוו, געלאַכט אויפן קול. — אַנטלויף ניט... איך שפּאַס נאָר... קום אַהער, קוק אָן די באַבע... כאָטש ס׳איז טונקל... קום אַהער מיכאַ׳ל... דו ביסט דאָך ווי אַ פּאַליאַק אַ קשאַנדז...

פון אָפענעם פענצטער טראָגן זיך קולות.

— דער ראַזיאַנער דערלאַנגט איצט זיינע טשאַסטושקעס. אָט, אַ גבורה פון אַ זינגער.

לאַטישעוו האָט צוגעפּאַטשט מיט די הענט און צוגעטופּעט מיט די פיס נאָך יעדן רעפריין.

— וווּ ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן, מיכאַ׳ל? כ׳זע דיך ניט.

מנחם איז געשטאַנען אַ שווייגנדיקער. ער האָט געוואָלט אַוועק און ניט געקאָנט. אַזוי ווי אַ פלאַטער וואָס ציט זיך צום ליכט, אַזוי האָט אים געצויגן צו דער פינצטערניש פון דער ווייסל.

— זע נאָר, ווי שטאָלץ דאָס איז! עס פּאַסט דיר ניט? ווילסט ניט

אָנקוקן מיין נקבה? שעמסט זיך מיט לאַטישעוון?

מנחם האָט עפּעס אויסגעשטאַמלט. ער איז צוגעקומען צום פּאַרקן.

— אָ, איצט זע איך דיין פּאַנסקע צורה!

— דו ביסט שיכּור, לאַטישעוו...

די דיקע פּאָליאַטשקע האָט אַ כיקע־געטאָן מנחמען אין פּנים אַריין.

— דו, סאָלדאַט, פּלאָנטערסט זיך אומזיסט ביי די פיס. וואָס קוקסטו מיט די שליפּיעס?

די פּויערטע האָט שפּאָטיש געלאַכט.

לאַטישעוו איז אים פאַרלאָפן דעם וועג. עס האָט געטראָגן זיך פון אים אַ בראָנפן ריח.

— שטיי, מיכאַיל... שטיי...

צוויי הענט האָבן זיך איינגעצוואָנגט אַרום מנחמס האַלדז.

— לאָז אָפּ, לאַטישעוו.

זיי האָבן זיך געראַנגלט שטום. דער בראָנפן־ריח האָט מנחמען צע־רייצט.

אַ פּאַטראָל האָט זיך פאַרהאַלטן.

— וואָס איז דאָ געשען?

— גאָרנישט... גאָרנישט... טייבעלעך... — האָט געלאַכט לאַטישעוו... גאָרנישט... מיר פאַרמעסטן זיך נאָר אויף שפּאַס... סתּם אַזוי פון לאַנגווייל... דערוואַרעמען זיך אַ ביסעלע...

ביי נאַכט, אויפן געלעגער איז מנחם געזעסן מיט אַרויסגעזעצטע אויגן און געקוקט צום פענצטערל. מען הערט דעם ווינט אין די לאָזעס. אַ הונט בילט. דאָס איז דער שוואַרצער קודלאַטער הונט. אים דוכט זיך, אַז דער שאָטן האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיין גוף און וואָגלט אַרום צווישן די כאַטעס, צווישן די צוימען און גערטנער און דאָרט ראַנגלט ער זיך מיטן הונט. די פּלוצעמדיקע שטילקייט האָט אים נאָך וואַכער געמאַכט. ער איז צו צום פענצטער. דער פאַרטונקלטער ברעג איז נאָענט. אַזוי נאָענט אַז ער אונטערשיידט די קוסטעס. די ווייסל איז זילבערדיק, אַ פלאַמען־אָפּשיין וויגט זיך אויפן זילבער־שפּיגל. פון די קוסטעס אַרויס שיילט זיך אויס אַ שאָטן. ער שפּרייזט אַליין איבערן ברעג און פאַרקערעוועט

זיך צו די וואַסערן. ער שפּרייזט איבערן טייך און לאָזט ניט קיין סימנים נאָר אומרויִקע וועלן. ער גייט גלייך צום אַנדערן ברעג. דער שאָטן איז שוין אַריבער אַ האַלבן טייך. נאָך אַ ווײַלע און ער וועט דערגיין צום צווייטן ברעג. מנחמס בליק איז אָנגעשטרענגט. ער זעט דעם שאָטנזייל אויפהייבן זיך פון צווייטן ברעג. איצט שוועבט ער גלייך אויף די פלאַמענ־דיקע הייזער. באַלד וועט ער אויסגלייכן זיך מיט דעם רויטן ראַנד איבער די דעכער. ער וועט אַראָפּרייסן פון די הימלען די שנורלעך פייערדיקע קרעלן וואָס וואַקסן אויס יעדע רגע אין אַן אַנדער אָרט... וואָס זינגען די סאָלדאַטן אַזוי אומהיימלעך און טרויעריק?... פאַרוואָס גיט די האַרמאָשקע אַרויס אַזעלכע קלאָגנדיקע טענער?... ווער פויקט עס אין טויטע, אָנגע־צויגענע פעלן?... ווער האַמערט אים אין די שלייפן?... איז דאָס ס׳גע־פּענטעטע פערד?... נעם אַוועק דיין בייזן פּרצוף, דו, פישער פון דער ווייסל!... אָ, דער שאָטן מיינער איז צוריקגעקומען! ער גייט צו מיר... כ׳זע אים ביי די ברעגן. איך וועל אים אַנטקעגן גיין... אָ, שאָטן מיינער, דו ביסט שוין ביי דער שוועל... איך וועל דיר עפענען די טיר... קום אַריין... דו קומסט פון דאָרט. האָסטו געזען די גאַסן פון וואַרשע? האָסטו געטראָפן דאָרט מיינע ברידער? שאָטן מיינער, דערצייל, פאַר וואָס שוויגסטו?...

די דייטשן האָבן אויסגענוצט דאָס שטילשווייגן פון די סאָוועטישע פּאָזיציעס אויף יענער זייט ווייסל כדי צוצוגרייטן אַן אָנגריף.

די צווייטע דייטשישע אַרמיי איז פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט דער באַרימטער פאַנצער־דיוויזיע „הערמאַן גערינג" און „טאָטענקאָפּף". דער דייטשישער גענעראַל מאָדעל האָט אַטאַקירט דעם רעכטן פליגל פון ערשטן ווייסרוסישן פראָנט פון מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקי. ער האָט אָפּגעהאַלטן קליינע דערפאָלגן אין צפון פון וואַרשע, דאַקעגן דרום פון דער שטאָט האָבן די סאָוועטן אויפגעהאַלטן אַלע פּאָזיציעס. די וועגן דורך דער ווייסל, אויף דרום פון וואַרשע, זענען געבליבן אַן ענדערונגען, אַזוי ווי פריִער אין די הענט פון די רוסן. נאָך מערער דרומדיק, אין די געגנטן פון די שוויענטאָ־קזשיסקער בערג, איז די סאָוועטישע אַרמיי אַרויס אויף איבער פופציק קילאָמעטער מערב זייט פון דער ווייסל.

די אויפשטענדלער האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אויף הילף. זיי האָבן געוואַרט אויף די סאָוועטישע עראָפּלאַנען וואָס זאָלן אַראָפּוואַרפן געווער און שפּייז. וואַרשע האָט געגלויבט אַז די סאָוועטן וועלן אַ ליאַדע טאָג באָמבאַרדירן די דייטשישע לופט־פעלדער און די פייער־צענטערן וואָס באַשיסן די שטאָט מיט אַ פּאַרטיליקנדיק געווער. די הילף איז אָבער ניט געקומען. די עראָפּלאַנען וואָס האָבן זיך דורכגעריסן פון ענגלאַנד און פון אַן איטאַליענישן לופט־פּלאַץ האָבן ניט געקענט דורכמאַכן אַזאַ גרויסע שטרעקע ניט האַבנדיק וווּ צו לאַנדן. איינצלנע עראָפּלאַנען האָבן זיך יאָ דורכגעריסן. די סאָוועטישע הויפּט־קאָמאַנדירונג האָט ניט מסכּים געווען, אַז זיי זאָלן לאַנדן אויף אירע באַזעס.

נאָך דעם ווי די דייטשן זענען צפונדיק פון וואַרשע צוריקגעוואָרפן געוואָרן איז אויף ס׳ניי שטיל געוואָרן ביי דער ווייסל. די שטילקייט האָט זיך געשפּרייט נאָר אויפן רעכטן ברעג. ביי טאָג האָבן זיך רוסישע סאָלדאַטן געבאָדן אין דער ווייסל. טייל האָבן זיך געוואַרעמט אויפן זאַמדיקן ברעג. גרופּן האָבן מאַרשירט אָן געווער און געזונגען ווידער דאָס ליד אַז „רחבות־דיק איז מיין היימלאַנד, מיין טייערס״. איצט קען מען שוין דאָס דאָזיקע ליד זינגען. עס איז ניט דאָס יאָר 1941, ווען די דייטשן האָבן געהאַט פאַר־נומען גאַנץ אוקראַיִנע און געשטאַנען ביי דער הויפּטשטאָט מאָסקווע.

— עס איז איצט אַ צייט אַ קלאַפּ צו טאָן די גערמאַנצעס. די שטאָט ברענט. די פּאָליאַקן גיבן זיי ניט קיין רו. וואָס וואַרטן מיר?

מנחם האָט זיך איינגעקוקט אין פּנים פון אַ יונגן סערזשאַנט.

— וואָס וואַרטן מיר? — האָט מנחם נאָכגעזאָגט זיינע רייד.

— מען וואַרט אַז די שטאָט זאָל אויסשטאַרבן... אויסגיין... פון פייער און הונגער... אַז פון אַלעם זאָל ווערן חורבות... ס׳זאָל ווערן אַ טויטע שטאָט... מיר וועלן גיין איבער קברים...

ווער רעדט דאָס אַזוי?

— וואָס קוקסטו אויף מיר, סאָלדאַט?

עמעצער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרויפגעלייגט אויף מנחמס אַקסל אַ שווערע האַנט. ער האָט דערשפּירט, לויטן אָטעם, לויטן גלי פון די אויגן, אַז דאָס איז אַ ייִד.

די אַרומיקע האָבן ניט געהערט זייערע רייד. קיינער האָט ניט באַמערקט די בליקן פון די צוויי מענטשן ביי דער ווייסל.

אין אָוונט האָט אים דער זעלביקער סערזשאַנט אויפגעזוכט.

— דו ביסט אַ ייִד. כ׳ווייס דאָס. אַ סך זענען דאָ ייִדן. איינער דערזעט ניט דעם אַנדערן. איך בין אַ ייִד. איך קען ניט איינרוען. כ׳בין געבונדן. מיין היים ברענט.

פון פרעמדן ייִד האָט געשלאָגן אַ פייער. מנחם איז פאַרצערט געוואָרן אין דעם דאָזיקן פייער. ער איז געוואָרן קליין און נישטיק אין די אייגענע אויגן. ער וואָלט געוויינט, דאָס וואָלט אים לייכטער געמאַכט. אַ נעפּל איז אויף אים אַרויפגעפאַלן, אַ נעפּל ווי אַ געדיכטער שפּינגעוועבס וואָס פאַלט פון אַ פאַרלאָזענער וויסטיקער חורבה.

צו מאָרגנס האָט זיך מנחם געמאָלדן צום פּאָלקאָווניק יעפימאָוו. מען האָט אים גלייך ניט צוגעלאָזט צום פּאָלקאָווניק. כאַטשאַפּ האָט אים פריִער אויסגעפרעגט וואָס ער וויל.

— דו ביסט אַ סאָלדאַט, פריִער דאַרפסטו מעלדן דיין עלטסטן.

— כ׳ווייס דערפון. כ׳וויל אַז מען זאָל מיך שיקן ווי אַ פרייוויליקן אויף יענער זייט ווייסל...

כאַטשאַפּ איז אונטערגעשפּרונגען.

— אויף יענער זייט? וואָס פאַלט דיר איין? צו די פּאַליאַקן? די פאַררעטער!

— ניט צו די פּאַליאַקן... כ׳בין גרייט צו העלפן... איר וועט מיר געבן אויפגאַבן... מען שיקט דאָך פּאַראַשוטיסטן...

— הער, וואָס כ׳וויל דיר זאָגן, מיכאַיִל, געדענק כאַטשאַפּורידזעס רייד. איך קען דיך פון די שאַכטעס, רייד איך צו דיר ווי צו אַן אייגענעם. שוויַיג בעסער. רייד ניט מער. דאָס וואָס דו פאַרלאַנגסט איז פאַרדעכטיק.

— פאַרדעכטיק? — איז מנחם אויפגעשטאַנען. — פאַרדעכטיק? אין וואָס קאָן מען מיך פאַרדעכטיקן? אין וואָס? אין איבערלויפן? צו די פּאַליאַקן? צו די דייטשן? מיך?

כאַטשאַפּ האָט זיך צעלאַכט. ער האָט געלאַכט מיט אַן אָפן מויל און געמרוזשעט די אויגן.

— גוט! קענסט ריידן מיטן פּאָלקאָווניק.

ער געדענקט עס גוט, כאַטשאַפּ, מנחמס רייד ביי דער מיליטער־קאָמיסיע אין דער אוראַלער שאַכטע. ער געדענקט מנחמס געשפּאָטעריי. — גוט מיכאַיל! — איצט וועט אַרויסקומען דער שווינדל פון דעם ייִד. זאָל מען זען. זאָל עס זען יעפימאָוו...

דער שמועס מיטן פּאָלקאָווניק איז געווען אַ קורצער.

כאַטשאַפּ איז געשטאַנעןביים טיש און געפּויקט מיט אַ פינגער. ער האָט איבערגעוואַרט דעם טעלעפאָן־געשפּרעך וואָס עס האָט געפירט דער שטאַב־שעף. מנחם האָט געקוקט אויפן שאַרפן פּנים פון פּאָלקאָווניק.

— נו, דאַוואַיטיע... דערציילט...

ער האָט אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויפן בענקל און געגלעט די גע־מאַרשטשעטע כאָליעווע.

— מיכאַיל איסאַקאָוויטש, קענסט ריידן.

כאַטשאַפּ האָט גערעדט ווי צו זיך אַליין. זיין קול, אַ שטילס, האָט דערמאָנט אָן דעם געשפּרעך פון פישערס ביים טייך ווען ס'פּיקט זיך עפּעס. זיי האָבן מורא מיט גערייד איבערצושרעקן די פיש.

— איך שטאַם פון פּוילן. דערצויגן אין דער דאָזיקער שטאָט.

מנחם האָט אויסגעקערעוועט דאָס פּנים צו דער ווייסל.

— איך ווייס דאָס. מיר האָבן שוין דאָס געהערט. — איז אים כאַטשאַפּ אַריין אין די רייד.

— כ'קען ניט רויִק איינזיצן. די שטאָט ברענט. עפּעס וואָלט איך גע־קאָנט טאָן. כ'וויל העלפן. זאָגט מיר ווי אַזוי. דאָרטן זענען דאָ מיינע נאָענטע. שיקט מיך אויף אַן אויפגאַבע. עס איז מיר שווער דאָס שטילשווייגן. די גלייכגילט. ס'איז דאָך אַזוי נאָענט. זאָגט מיר, וואָס זאָל איך טאָן?

ער האָט ניט געקענט כאַפּן דעם אָטעם און אַ שלונג־געטאָן די לופט. ער האָט די הענט צונויפגעדריקט שטאַרקער צום גוף און געשטאַנען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. דאָס פּלוצעמדיקע אַוועקשטעלן זיך מיט שטייפע קני און צונויפגעפּרעסטע הענט מיט די האַנטפלאַכן צום קערפּער און אויס־געשטרעקטער ברוסט, דאָס האָט דערוועקט אין אים כּוח און אַוועקגענומען די ציטערניש פון האַרץ און די געבראָכנקייט פון דער שטים.

— כ'פֿאַרשטיי דיך... געדולד דאַרף מען האָבן... — האָט געזאָגט דער פֿאָלקאָווניק. פֿון יעדן באַוועג זײַנעם האָט מען געפֿילט אַ גלייכגילט. אין דער אָפֿענער טיר האָט זיך באַוויזן אַ פֿאַרבינדונגס־אָפֿיציר. יעפֿימאָוו האָט געמאַכט עטלעכע טריט און זיך אָפּגעשטעלט ביי מנחמען.

— דו זעסט דײַן היים און מיר זעען אונדזער היים... ס'איז אַן אונטערשייד... וועגן אַן אויפֿגאַבע פֿאַר דיר וועלן מיר נאָך אַ טראַכט טאָן.

דער טעלעפֿאָן האָט זיך צעקלונגען.

כאַטשאַפּ האָט געגעבן אַ צייכן אַז מנחם זאָל אַוועק.

דער פֿערמער פּויער, ניקאָליי ראַביצעוו, איז געגאַנגען איבער דער דאָרף־גאַס און געזונגען. ס'איז אים גוט ביי דער ווייסל. אַ גאַנצע נאַכט איז ער געלעגן אויפֿן פֿרישן היי. פֿאַר טאָג האָט ער געאַרבעט אין דער פֿעלד־קיך, געהאַקט האָלץ און באַקומען ערגעץ אַ פֿלאַש ריינעם ספּירט.

לאַטישעוו האָט זיך אַרײַנגעפּאַקט אויף דריי טעג אין אַרעסט. מען האָט אים געפֿונען אַ שיכּורן אין מיטן דאָרף.

— דו אָרעם קעפּעלע, דו נשמהלע טרויעריקס, וואָס האָסטו אַזעלכע שליפּיעס פֿאַרוואָלקנטע? וואָס פֿאַראַ טײַבעלע איז דיר ניט צוריקגעקומען אין טויבנשלאַק? וועלכער לאַשעק איז דיר פֿאַרלאָרן געוואָרן?

ער האָט געוויגט זײַן קײַלעכדיק פּנים, דאָס אָפּגעברענטע, מיט די מאָרשטשן.

ראַביצעוו האָט אָנגענומען מנחמען פֿאַר דער האַנט און אים געפֿירט צום שייער.

— דערכאַפּ דאָס נשמהלע, דאָס פֿאַראומערטע. דערוואַרעם דאָס הער־צעלע דאָס פֿאַרטרויערטע. דערפֿריי דײַנע אייגעלעך די ברונעמדיק־טיפֿע...

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּריטשע.

— נעם, מיכאַיל, גיב אַ זופּ. ס'ברענט דורך אַלע ווייטיקן. בלײַבסט ווי ניי־געבאָרן. דו ווילסט ניט? זאָגסט אָפּ? ניקאָליי ראַביצעוון זאָגסטו אָפּ. ווילסט ניט טרינקען. דו ביסט אַ פֿריץ? אַ פֿרעמדער ביסטו! דײַנע געענג זענען פֿון אַ פֿרעמדן! דו ביסט מיטן לשון פֿרעמד! דאָס לשון גיט דיך אויס! דו ביסט ניט קיין אייגענער!...

— לאָז, ראַביצעוו...

— טרינק. אַזוי איז גוט. הינטער פערם וויסטיקן די פעלדער. ס'איז חרוב געוואָרן מיין היים. פאַלין. פאַלין. ברויט פון לעביעדאַ. לעפּיאָשקעס פון פאַלין־קערנער. מוזשיקעס הונגעריקע, איבערגעשראָקענע. טרינק פאַר דעם אומגליקלעכן ראַביצעוו. דאָ עס איך דאָס ערשטע מאָל, נאָך אַזוי פיל יאָרעלעך ברויט צו דער זעט. ריינעם ברויט. כ'טרינק ריינעם ספּירט. בין פריי. טראָג לעדערנע שיך. לאָז עס אַזוי אָנהאַלטן, דאָ ביי דעם טייך. מען קאָרמעט צו דער זעט. דאָרט איז נישטאָ מיט וואָס צו הייצן... זע, וואָס מיינע שרייבט...

ער האָט געזוכט אין די קעשענעס דעם בריוו און אים ניט געקענט געפינען.

— נעם אַ טראָפּנדל. באַלד וועלן די גערמאַנצעס עפּנען אַ פייער. אַ קויל וועט צערייסן מיין האַרץ. און אויס מיט ניקאָליי ראַביצעוו... קיינער וועט ניט וויסן אַז אַזאַ האָט געלעבט אויף גאָטס אומגליקלעך וועלטעלע...

ראַביצעוו האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געוויגט זיך הין־און־צוריק.

פון דער רעכטער זייט ווייסל איז דער הימל ריין, אָן אַ וואָלקנדל. אַ ליכטיקע בלאָקייט. די לינקע זייט פון טייך איז פאַרוואָלקנט. די וואָלקנס ליגן נידעריק אויף דעם ברעג, אויף דער שטאָט. זיי ווערן אויפגעשניטן פון שוואַרצע בליצן און פון די תהומיקע כמאַרע־שפּאַלטן פויזן אַרויס שלאַנגען: רויט־געלע, פייערדיק־גאָלדיקע און ברוין־געפלעקטע.

דאָרט שפּרייט זיך וואַרשע.

ביי טאָג איז זי געפאַנגען פון די שוואַרצע בליצן, פון די אומרויִקע וואָלקנס, ביי נאַכט — פון רויטע ווינטן וואָס ראַנגלען זיך מיט די ווימל־דיקע פייער־שלאַנגען.

קאַפּיטל זיבן

אין האַלב־נאַכט אויפֿן אַכצנטן טאָג פֿון אויפֿשטאַנד אין וואַרשע האָט זיך אַן אור־2־עראָפּלאַן אַרויסגעשלייכט פֿון גרויע וואָלקנס און האַסטיק אַראָפּגעלאָזט זיך צום ווייסל־ברעג. איבערן טייך־פֿלאַך האָט זיך אַ גליטש־געטאָן אַ לענגלעכער שאָטן ווי דער רוקן פֿון אַ פֿיש וואָס איז אַרויפֿגע־קומען אויף די אייבערשטע וואַסערן. ניט ווייט איז פֿאַרגליווערט געוואָרן אַ רעפֿלעקטאָר. זיין ליכט האָט זיך צעשפּאָלטן אַזוי ווי ס׳וואָלט זיך געעפֿנט אַ שער. שמאָלע פּאַסן, שאַרפֿע, בלענדיקע האָבן אַ בליץ־געטאָן און פֿאַר־גאַנגען. דאָס זענען ראַקעטע־קוילן. מען דערקענט די ריכטונג צו וועלכער זיי טראָגן זיך.

אין סאָוועטישן עראָפּלאַן האָט זיך געפֿונען עמיליאַ און אַ ציוויל־געקליידטער מענטש. ער האָט גערעדט רוסיש און דייטש און זיך פֿאַר־געשטעלט ווי דער פֿאַרבינדונגס־לייטענאַנט זירקאָוו. דאָס איז געווען אַ שווייגנדיקער רוס פֿון אַ יאָר 35. עמיליאַ איז געזעסן הינטער דעם פּליִער און געגעבן צייכנס מיט דער האַנט. דער עראָפּלאַן איז שוין אַדורך וואַרשע און געגאַנגען צום מערב. פֿאַר אָקענטשע איז זירקאָוו אַראָפּגעשפּרונגען. עמיליאַ האָט געזען ווי דער פֿאַלשירם עפֿנט זיך און אַ ווייסער פֿלעק הענגט איבער דער פֿאַרטונקלטער ערד. דער עראָפּלאַן האָט געמאַכט אַ שאַרפֿן קרייז און צוריקגעפֿלויגן צו דער ווייסל. ווידער רעפֿלעקטאָר־שערן, בלענ־דיקע פֿעדעם פֿון אַ שיסעריי. הינטער דעם עראָפּלאַן שוואַרצט זיך די ווייסל. זי איז צעשניטן פֿון ליכטפּאַסן. איבער דעם טייך — אַן אָרעם. דאָס איז די קערבערדש־בריק. דער עראָפּלאַן האָט זיך אַ בויג־געטאָן מיטן שנאָבל אַראָפּ. עמעצער האָט אָנגענומען עמיליאַן פֿאַר דער האַנט. אַ טירל האָט זיך געעפֿנט. אַ שניידיקער ווינט פֿאַרהאַקט איר דעם אָטעם. די קני

ציטערן. זי פֿאַרשליסט די אויגן. די האַנט וואָס האָט איר געפֿירט צום טירל האָט איר אַ שטויס־געטאָן. זי שוועבט. פֿאַלט זי אַראָפּ אָדער דער ווינט טראָגט איר אין דער הייך? זי טרויט זיך ניט צו עפֿענען די אויגן. זי וויל עטעמען און קאָן ניט, ווי זי וואָלט געשליידערט געוואָרן אין אַ חלל אָן לופֿט. איצט וויגט זי זיך. אַזאַ געפֿיל האָט זי געהאַט אַלס קינד ווען מען האָט איר אַרויפֿגעזעצט אויף אַ קאַרוזעלע־פֿערדל. קאָפּשווינדלערישער פֿלי. מען קאָן ניט איינהאַלטן די צעווילדעוועטע הילצערנע פֿערדלעך. אַז זי האָט געעפֿנט די אויגן האָט זי זיך געפֿונען אין אַ פֿעלד. אַ נאַכט־פֿעלד. אַ טייל פֿון פֿאַראַשוט איז פֿאַרפּלאָנטערט אין קוסטעס. ניט ווייט טונקלען זיך מויערן. דאָס איז דער קעניגלעכער שלאָס ביי דער ווייסל, דער, וואָס שליסט אָפּ דעם צוגאַנג צו דער ווייסל־בריק. אויף דער בריק זענען די דייטשן.

עמיליאַ האָט זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פֿון פֿאַלשירם. איר פּנים איז צעריסן פֿון די צווייגן. זי גייט אין דער ריכטונג צום שלאָס. פֿון יענער זייט ווייסל ברענגט דער ווינט דעם אָטעם פֿון טוי־פֿעלדער. פֿון דער זייט ווייסל שפּרייט זיך אַ רויך־שלייער אַ בייסיקער. אַ רעפֿלעקטאָר האָט זיך פֿאַרהאַלטן אויפֿן טורעם פֿון שלאָס. דער זייגער ווייזט האַלב־צוועלף. פֿון יאָר 1939, ווען די דייטשן האָבן צעשטערט אַ טייל פֿון שלאָס, ווייזט אַלץ דער זייגער די זעלביקע שעה — האַלב צוועלף. ניט ווייט פֿון שלאָס טונקלט זיך די גאָטישע קאַטעדרע פֿון הייליקן יאַן. זי איז פֿאַרבונדן מיטן שלאָס דורך אַ לאַנגער און שמאָלער מויער. דאָרט געפֿינען זיך די אַרויס־געדרוקטע פֿאָסטנס פֿון די אויפֿשטענדלער.

צו מאָרגנס, נאָך דעם ווי עמיליאַ האָט איבערגעגעבעטיקט אין די חורבות פֿון שלאָס, איז זי אַוועק זוכן דעם שטאַב פֿון די אויפֿשטענדלער. זי האָט געדאַרפֿט איבערגעבן אַ באַריכט פֿון איר שליחות.

פֿאַר די סאָוועטן איז קלאָר געווען אַז דער אויפֿשטאַנד וועט דער־שטיקט ווערן. דאָס איז נאָר אַן ענין פֿון טעג. דערווייל בינדט דער אויפֿ־שטאַנד די דייטשישע קאָמוניקאַציע־אָדערן, צעשטערט די פּלענער פֿון פֿאַר־טיידיקן זיך קעגן דעם אָנגריף וואָס דערוואַרט זיי פֿון דער רוסישער זייט. דער דאָזיקער צושטאַנד דאַרף אָבער אָנגעהאַלטן ווערן. אין יענע טעג

האָבן זיך באַוויזן אין וואַרשע די סאָוועטישע פּאַראַשוטיסטן. טייל מאָל האָבן די עראָפּלאַנען געוואָרפן געווער און שפּייז. אין די נעכט האָבן זיך אין די פּאַרקן אויסגעלייגט פרויען מיט טאַשן־לעמפּלעך און געוואָרט אויפן געררויש פון די עראָפּלאַנען, און אַז ס׳האָט געגומען קרייזן, אין דער אָפּגערעדטער צייט, אַן עראָפּלאַן, האָבן זיך די לעמפּעלעך אָנגעצונדן אין דער פאָרעם פון אַ צלם.

די פּאַראַשוטיסטן האָבן געהאַט נאָר איין אויפגאַבע: אינפאָרמירן ווו ס׳געפינען זיך די פייער־נעסטן פון דער דייטשישער אַרטילעריע און אַז די סאָוועטישע אַרטילעריע וועט אָנהייבן טעטיק צו זיין — קאָריגירן איר פייער.

דער שטאָב פון די אויפשטענדלער איז פיל מאָל אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון איין אָרט אויפן צווייטן אין אַלטשטאָט. ווען עמיליאַ איז צוגעקומען צו אַלטשטאָט איז שוין געווען ניין אַזייגער. אין דער שעה האָבן די דייטשן אָנגעהויבן גראַד אַ קאָנצענטרירטע אַטאַקע אויף אַלטשטאָט. די געגנט איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ פייעררינג; פון ציטאַדעל, די געטאָ־חורבות ביז צום ווייסל־ברעג. עס זענען געגאַנגען די „טיגערס" די שווער־קאַליבערדיקע האַרמאַטן, דער געפּאַנצערטער צוג, מינע־וואַרפער און דער אַנפלי פון דער אַוויאַציע.

עס זענען מיט איין מאָל אויסגעבראָכן ריזיקע שריפות. דאָס אַרטילערישע פייער האָט געבושעוועט אָן איבעררייס.

עמיליאַ האָט זיך געטראָגן איבער די קליינע און שמאָלע אַלטשטאָט־געסלעך. זי איז אָפט צוגענאָגלט געוואָרן צו די באַריקאַדן, דורכגעשלייכט זיך דורך וואָלקנס רויך, געקראָכן אויף ציגלברוך, דורך פינצטערע קעלערן. זי האָט געשפּירט אויף איר פּנים די היץ פון שריפות.

צווישן חורבות, אין רויך, אָנגעשפּאַרט אויף אַ ביקס דרימלט אַ זעלנער. זי וועקט אים. דער סאָלדאַט עפנט די אויגן און זיינע ליפּן פּרעפּלען עפּעס. פון אַ טויער אַרויס לויפט אַ פרוי מיט פאַרבראָכענע הענט און שרייט. דאָס געשריי ווערט גלייך פאַרטויבט פון אַן אויפרייס. די מיטל־עלטערלעכע הילצערנע הייזער, די האַלב־געמויערטע, האַלב־הילצערנע פלאַקערן מיט אַ העליש פייער.

אין הויפּטשטאַב האָט מען עמיליאַן גלייך אויפגענומען. אַ פּאַרוואַנ־דיקטער אָפיציר, מיט אַן אָנגעהאַנגענער האַנט אויף דער ברוסט, האָט מיט די ציין אויפגעריסן דעם קאָנווערט.

„שלאָגט אייך ווי לאַנג עס איז נאָר מעגלעך. מיר וועלן אייך העלפן. אויב די איבערמאַכט פון די דייטשן וועט זיין אַ דערדריקנדיקע, רייסט זיך דורך דער ווייסל. מיר וועלן דעקן אייער דורכגאַנג מיט אַן אַרטילעריש פייער און מיט רויך־פאַרהאַנגען”.

אויף דער פּאָדלאָגע זענען געלעגן מענער אין מיליטערישע און ציווילע קליידער. זיי זענען אויפגעשטאַנען.

— מיר דאַרפן זיך דורכרייסן דורך דער ווייסל... פאַר וואָס טוען דאָס ניט די סאָוועטן? אויב דאָס איז מעגלעך פאַר אונדז איז עס דאָך טויזנט מאָל מעגלעכער פאַר זיי.

— די רוסן ווילן אונדז ניט באַגעגענען ווי זיגערס אין אויפשטאַנד, נאָר ווי אַנטלאָפענע פון אַן אויפשטאַנד...

אין יענע טעג איז עמיליאַ געשיקט געוואָרן אין מיטלשטאָט צום קאָמאַנדיר „מאָנטער”. זי האָט זיך אומבאַמערקט דורכגעגליטשט דורך פאַרלאָזטע באַריקאַדן, דורך די חורבות פון געטאָ און אונטער דער דעקונג פון אַ פינצטערער נאַכט דערשלאָגן זיך צו די אויפשטענדלער פון מיטל־שטאָט.

דער גאַנג איבער די חורבות, אין פינצטערניש, אין רויך־נעפּלען האָט ניט פאַרלאָשן דאָס ליכט פון אירע אויגן. איר פּנים — אַ מידס און אומרויִקס, מיט שאָטנס, מיט ציטערנדיקע ברעמען, מיט ליפּן פאַרטריקנטע איז באַלויכטן געוואָרן פון אַן אינעווייניקסט ליכט. דאָס ליכט האָט אַרויס־געשפּאַרט פון די גרויסע יידישע אויגן.

צוריקקערן זיך צו אַלטשטאָט איז שוין פאַר עמיליאַן ניט מעגלעך געווען. דער גאַנצער קוואַרטל צוזאַמען מיטן הויפּטשטאַב איז געווען אַרומ־גערינגלט פון די דייטשן. נאָר איין טייל פון רינג איז נאָך געווען אָפן — דאָס איז דער קליינער אָפּשטאַנד פון ווייסל־ברעג. דער דאָזיקער קורצער ווייסל־ברעג איז אָבער געווען איזאָלירט. פון יענער זייט טייך האָט זיך

געשפּרייט אַ טויטע שטילקייט. דאָרט רוען די סאָוועטישע זעלנער. איין וועג איז געבליבן — דאָס איז דער וועג פון די געטאָ־אויפשטענדלער — דורכרייסן זיך דורך די קאַנאַלן. אַ קנאַפּן מעת־לעת איז זי געגאַנגען דורך דעם פינצטערן קאַנאַלן־לאַבירינט.

ווי אַנדערש איז געווען איר גאַנג איצט. דעמאָלט, אין געטאָ, האָט זי געוואָגלט דורך די זעלביקע קאַנאַלן מיט די לעצטע יידישע אויפ־שטענדלער, איינזאַמע. מען האָט ניט געוווסט ווער ס׳וועט זיי דערוואַרטן, אפשר נאָר שאָטנס פון אומגעקומענע. זי איז געגאַנגען דעמאָלט ווי אַן אַנטרינענע פון אומקום — איצט גייט זי ווי אַ קורירערין וואָס דאַרף פאַרבינדן צוויי קעמפנדיקע איינהייטן. דעמאָלס האָט קיינער ניט געוואַרט אויף איר חוץ די קויל פון אַ דייטש — איצט וואַרטן אויף איר מענטשן פון הויפּטשטאַב.

מען איז געגאַנגען אין די קאַנאַלן אָן ליכט. מען האָט מורא געהאַט אַז דער אָפּשיין פון די קאַנאַל־עפענונגען זאָל ניט צוציִען די דייטשן.

אַ געשטאַנק פון אַלערליי אָפּפאַלן האָט אוממעגלעך געמאַכט דאָס רעגולערע אָטעמען. די אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן. אויף טייל ערטער, אין די קאַנאַלן, האָט מען געמוזט קריכן אויף אַלע פיר. די הענט און די קני זענען צעקאַלעטשעט געוואָרן פון גלאָז־שפּליטערס אין דער געדיכטער בלאָטע. טייל מאָל איז דאָס קלעפּיקע און אומריינע וואַסער דערגאַנגען ביזן פּאַס. אָפט איז מען אַריינגעפאַלן אין אַ קאַנאַל־לאַבירינט ווו עס האָט געבושעוועט אַ שטאַרקער שטראָם פון די אָפּפלוס־קאַנאַלן. צום הויפּט־קאַנאַל האָבן געפירט קליינע צופלוס־קאַנאַלן.

די זעלביקע פינצטערניש, די זעלביקע קאַנאַלן און דער זעלביקער וועג. און דורך די פאַרקראַטעוועטע קאַנאַל־אָפּפלוסן פאַלט דאָס אייגענע ליכט וואָס דעמאָלט. און דאָך איז אַלץ אַנדערש. נישטאָ די דריקנדיקע איינזאַמקייט. ווי דאָפּלט שווער עס איז דער טויט אין איינזאַמקייט. זי האָט צוריק באַקומען די וועלט — אָטאָ די פּוילישע הימלען, די ווייסל, די וואָס באַווינען דאָס דאָזיקע לאַנד. זי האָט דאָס אָפּגעפילט בשעת דעם דורכגיין דעם קורצן קאַנאַל־וועג וואָס איז באַלויכטן געווען פון אַ שיטער ליכט. ס׳ליכט איז געפאַלן פון אויבן ווי שטויב־סלופּעס. די קאַנאַל־וואַסערן

זענען אויף די ערטער געווען גרוי און דערנאָך איז די גרויקייט איבער־געגאַנגען אין אַ קלעפּיקן ברוין און דערנאָך אין אַ שוואַרצקייט.

הינטער עמיליאַן האָט געטאָפּטשעט אין די בלאָטעס דער שטאַבס־אָפיציר כזשאַנאָווסקי. אַז זי האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט מען אַלץ נאָך געהערט זיין פאַרשפּעטיקט טאָפּטשען און כלופּען אין דער קאַנאַל־בלאָטע.

פאַר יעדער פאַרקראַטעוועטער עפענונג איז עמיליאַ געבליבן אַ פאַר־גליווערטע אויפן אָרט און געוואַרט. זי האָט זיך ניט געקענט אויסקערעווען, אַזוי נידעריק איז געווען דער קאַנאַל. פון נאָענט, האָט זיך דערטראָגן דעם אָפיצירס קול. ס'האָט זיך געקייקלט צוזאַמען מיט די וואַסערן און אָפּ־געשלאָגן זיך אין די גליטשיקע ווענט. עטלעכע מאָל איז ער געפאַלן און געבליבן אויף די קני. איין מאָל האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ געוואָי ווי פון אַ חיה. אפשר איז עס געווען אַ שטילער זיפץ וואָס האָט אין דעם פוסטן לאַבירינט אַזוי אָפּגעשלאָגן זיך אומהיימלעך און אויסטערליש?

אַז זיי זענען אַרויס, אין אַלטשטאָט, איז שוין געווען פינצטערלעך.

כזשאַנאָווסקי איז געווען היסטעריש. אַז ס'איז געפאַלן פון אַ לאַמטערן אין קאַנאַל אַריין, דורך אַן עפענונג, דער אָפּשיין פון אַ רויט ליכט איז אים באַפאַלן אַ שיגעון. דאָס איז געווען אַ ווילדע פרייד וואָס ער זעט אויף ס'ניי ליכט פון לאַמטערנעס, וואָס ער פילט ריינע לופט פון דער פרייער וועלט. ער איז צוגעפאַלן צו דער עפענונג מיט אויסגעשטרעקטע הענט, געהויבן זיי צו די קראַטן, הענט ווי פליגל פון אַ פלעדערמויז; צעריסענע, פאַרוויקלטע מיט שמאַטעס, צעצויטלטע, פאַרבלאָטיקטע. ער האָט דערפילט עמיליאַן וואָס איז געזעסן מיטן פנים צום אָפּשיין פון ליכט. אין דער הייך האָבן זיך געפּאַרעט מענטשן. ס'האָט אָפּגעקלונגען דער שווערער אייזערנער קאַנאַל־דעק. באַלד וועלן זיך שטרעקן הענט און אַלעמען אַרויספּציִען. אין דער דאָזיקער רגע האָט זיך דער אָפיציר כזשאַ־נאָווסקי דערנענטערט, געזוכט עמיליאַס הענט, און די ליפּן זיינע זענען צוגעפאַלן צו אירע פאַרבלאָטיקטע פינגער, די פאַרווונדיקטע. און אַז מען האָט איר אַריינגעפירט אין אַ וואַש־צימער האָט זי באַמערקט אויף איר האַנט דעם איינציקן קליינעם ווייסן פלעק — דאָס זענען געווען כזשאַנאָווּ־סקיס ליפּן־אָפּדרוקן.

קיינער האָט נאָך ניט פאַרויסגעפילט אַז אין עטלעכע טעג שפּעטער וועלן זיך דורך דעם וועג ראַטעווען די אויפשטענדלער און מיט זייער שטאַב דורכגיין, אין איינע פון די נעכט, צו מיטלשטאָט, אַז זיי וועלן דורכגיין ממש הינטער דער געביידע פון דער הויפּט־קוואַרטיר פון געסטאַפּאָ אויף שוכאַ־אַליי — דאָס איז דער וועג וואָס עמיליאַ האָט אים די ערשטע געעפנט.

דער אַלטער מאַרק ליגט אין חורבות.

נישטאָ שוין מער די שיינע פאַרביקע אַלט־פּוילישע הייזער מיט די שמאָלע פענצטער און רויטלעך־גאָלדענע טורעמס. די חורבות זענען פאַר־הילט אין רויך און שטויב. פאַר טאָג טראָגן זיך די קנוילן רויך צו דער ווייסל און פאַרקנופּן זיך מיט די נידעריקע וואָלקנס איבערן טייך.

אויף יענער זייט טייך זעט מען די וועלדער פון וואַווער מיט דער גאַנצער אומגעגענט. — דאָרט געפינען זיך די סאָוועטישע דיוויזיעס.

דריי וואָכן הערשט דאָרט אַ גלייכגילטיקע שטילקייט.

איבער דעם געטאָ וואָיען דייטשישע ראַקעטעס. די אויפשטענדלער פאַרלאָזן אַלטשטאָט. דער שטאַב נידערט אַראָפּ צו די קאַנאַלן. זיי פאַר־זונקען אין חשבות אויף קראַשינסקי־פּלאַץ. די קאַנאַל־עפענונג איז פאַר־שטעלט מיט זעק זאַמד. אַ פאַר הונדערט מעטער פון דאַנען געפינען זיך דייטשן.

ווידער פירט עמיליאַ. זי שפּאַנט לעבן דעם הויפּט־קאָמענדאַנט פון אויפשטאַנד.

— פאַר מיר איז עס אַ המשך פון יענעם פּסח־טאָג אין געטאָ... איר האָט עפּעס אויך געלערנט פון ייִדישן אויפשטאַנד... איר גייט אויף די זעלביקע וועגן...

— זאָל דער גורל אונדזערער זיין אַ גליקלעכערער. — האָט ער אָפּגעענטפערט.

אַ גאַנצע קאָלאָנע גייט דורך די קאַנאַלן. מען האַלט זיך אָן אין שטריק. אויף טייל ערטער פאַלן וואַסער־קאַסקאַדן פון אייבערשטע צעריסענע רערן. הינטער די פיס וואַלגערן זיך גליטשיקע פיגורות פון קעץ און הינט. ווידער אַ טאָפּטשערײַ אין בלאָטעס, אין שוואַרצע וואַסערן. פאַרקראַטעוועט

ליכט שיט זיך פון אויבן ווי נאָדלען פאַרזשאַווערטע שטעכן זיי די פּנימער.

עמעצער איז געפאַלן.

אַ געשריי הילכט אָפּ. דערנאָך קייקלט זיך אַן עכאָ און ברעקלט זיך אַזוי לאַנג ביז עס פאַלט צו די געדיכטע בלאָטעס, די שוואַרצע, די קלעפּיקע.

בעת איינער פון עמיליאַס שליחותן איז זי אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן. דאָס איז געשען אין קראַשינסקי־גאָרטן. מען האָט איר געפירט ערגעץ. עס איז געווען אַ פינצטערע נאַכט אָן שטערן. ניט ווייט גייט אָן אַ שיסעריי. די קליינע דייטשישע וואַך פאַרהאַלט זיך ביי אַ מויער. דאָס איז דער רעגולערער נאַכט־איבערפאַל פון עטלעכע „שטוקאַס". זיי באָמבאַרדירן די געביידע פון באַנק פּאָלסקי. אויפן האַלב־צעשמעטערטן קופּאָל, צוגעטשעפּעט צו אַ שטאַנג פלאַטערט אַ צעשליסענע פאָן פון די אויפשטענדלער. אין דער פינצטער זעט עס אויס ווי אַ טונקל־פאַרבלוטיק־טער פליגל פון אַן אָדלער וואָס רייסט זיך צום לעצטן פלי.

עמיליאַ האָט זיך אַ ריס־געטאָן פון דער וואַנט. די שאָסן זענען געפאַלן לעבן איר. באַשטיוולטע טריט קלאַפּן הילכיק איבערן שטיין. זיי ווערן פאַרטויבט פון אַ געוואַי. דאָס איז אַ „ריטשנדיקע קו". באַלד וועט קומען דער אויפרייס. זי לויפט איבער גאַסן פאַרוויסטיקטע, זי לויפט לענגאויס מויערן און פאַלט נעבן אַן אויפגעבראָכענעם אייזערנעם טויער.

פאַר טאָג האָט זי דערשפּירט דאָס קאַלטע ווינטל פון דער ווייסל.

אין איינעם פון די טויערן האָט מען איר געגעבן צו טרינקען עפּעס הייס. זי איז געלעגן אויפן שטיין פון טרעפּ און געקוקט מיט רויט־פאַר־לאָפענע אויגן.

— ווו בין איך?

קיינער האָט איר ניט געענטפערט אויף דער שעפּטשעריי.

פון דער גאַס האָבן זיך געהערט דייטשישע קולות. אַ הייזעריק־טעמפּער געשריי און אַ ווילסט געלעכטער, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין אַ קייכן. דאָס אַלץ מישט זיך אויס מיט אַ שיסעריי.

פאַר נאַכט האָט זיך דער טויער צעפּראַלט.

שוואַרצע מונדירן. געשפּענסטער. שאָטנס. שטאָל און ניקל. לאָמפּן־געבלענד און צײַין־געבליאַסק. רעוועריי און דונערדיקער געשריי. אַן אויס־מישעניש — ווי אַן אומגעהייער וואָלט דאָס אַלץ צעקנאָטן, צעמישט, געפּלאָכטן און ווידער צעפּלאָכטן מיט שדישער רוגזה.

דערנאָך — לאַנגע רייען ציווילע מיט קלומעקלעך ציִען זיך איבער אויסגעשטאָרבענע און טויט־פּאַרוווּנדעטע גאַסן. מען גייט איבער נאַכטיקע שטיינער. אויף טייל ערטער לויכטן די טראַמוויי־רעלסן ווי די מעסערס. מען גייט שווייגנדיקע. נאָר אַ געטאָפּטשעריי פון טריט. אַ קינד וויינט. אַ שאָס. אַ שטויב־וואָלקנדל מיט פונקען. עמעצער האָט זיך אַראָפּגעזעצט און צוגעפּאַלן מיטן פּנים צום שאַרף פון די רעלסן.

און מיט אַ מאָל — אַ גרויס פעלד, אַ נאַקעטס, אַ זאַמדיקס, אַ צע־טראָטנס.

ביי די ראַנדן טונקלען זיך ביימער, פאַרהילטע אין נעפּלען. דאָס פעלד פאַלדעוועט זיך בערגלדיק. די נידערונגען זענען פאַרהוילן מיט שאָטנס. די הויכקייטן לויכטן מיט אַ געלער מוטנער שיין. דאָרט, ביי די הויכקייטן לויערט אַן אָפּריס. און פון יענער זייט בערגלדיקן אָפּריס שטייען נידעריקע באַראַקן מיט ליכטיקע פענצטער. שאַרף איז דאָס ליכט וואָס טראָגט זיך פון די באַראַק־פענצטער.

וואָס טוט זי, עמיליאַ, צווישן דעם המון אויף דעם נאַכט־פעלד?

מענטשן שטראָמען אַהער פון אַלע זייטן. באַלד וועט דאָס פעלד פול ווערן. זיי קומען אַן דורך דעם אָפּריס, דורך די וועגלעך צווישן די ביימער און קוסטעס, זיי גייען געבויגענע און ווי שאָטנס צעפּויזן זיי זיך און פלעכטן זיך ווידער צונויף.

וויסטיקע געשרייען פון סאָלדאַטן. אַ געפּייפעריי פון אַ צוג. אַ לאַנגער און אויסגעצויגן־מאָנאָטאָנער. דאָס געפּייפעריי דערמאָנט עמיליאַן אַן גאַוווער־פעדעם וואָס ציִען זיך פון הונגעריקע קעץ. אַזוי אָפּשטויסנדיק איז איר דאָס געפּייפעריי. — — — אין געטאָ־בונקער. אַ קאַץ איז געקומען פון דער פרייער וועלט. עמיליאַ עסט די לעצטע ברעקלעך און נעבן איר שטייט די קאַץ. די אויגן לויכטן. דאָס איז ס׳איינציקע ליכט אין דער פינצטערניש, די קאַץ יאָמערט שטיל. זי וויל אַ ברעקל ברויט. און מיט

אַ מאָל פּילט עמיליאַ אויף איר האַנט די גאוווער־פּעדעם פון דער קאַץ. זיי לויכטן אויף צוזאַמען מיט די קעצישע פּאַספּאַר־אויגן. — — און די פּעדעם וויקלען איר אַרום און ניט ווייט ווײַנען לאַקאַמאָטיוון. זיי יאָמערן, יאָמערן און מיט זיי יאָמערט מיט דאָס האַרץ.

— גוטע מענטשן, ווו זענען מיר? — קיינער ענטפערט ניט.

אַ ווינט טרייבט כמאַרעס שטויב. מען פאַלט מיט די פּנימער צום צעטראָטענעם גראָז. וואָס נענטער צו דער ערד איז בעסער. מען דאַרף איר פילן, די ערד. מען דאַרף אַריינעטעמען איר און זי ווערט נאָענט און אייגן. פאַרפירעריש איז דער הימל, אָבער די ערד איז ווי אַ מאַמע. זי טוליעט אַרום, זי נעמט אַרום מיט איר קילקייט און פרישקייט. זי גיט רו, אייביקע רו. גליקלעך איז דער ווערמען די ערד קען אַרומטוליען, אַרײַנ־נעמען אין גאַנצן צו זיך, ניט בלייבן ליגן אויף הפקר אונטער גאָטס הימלען אַז הינט זאָלן אַרומניוכען דיין טויט געביין. דער טויט קומט שטענדיק פון אויבן אָבער קיין מאָל ניט פון דער נידער. די ערד אויף וועלכער דו טרעטסט איז גוט צום אָרעמען מענטש אָבער דער הימל איבער די קעפּ איז בייז און צאָרנדיק.

נאָך האַלבער נאַכט, ווען עמיליאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט איז דאָס פעלד פול געווען מיט שאָטנס. אַזוי ווי אַ וואַלד אין ווינט מיט שטאַמען געבויגענע צום וואַלד־באָדן און ביימער־קעפּ צעשורפּעטע, אומרויִקע, אַזוי ווי אַן אַזערע אין אַ וויסטיקן ווינט, אַ שפּעט־האַרבסטיקן בעת צווישן די צעוויגטע כוואַליעס שפּרינגען אַרום שאָטנס וואָס פלעכטן זיך צוזאַמען און ווערן גלייך ווידער צעשליסן אויף פּיץ־פּיצלעך.

מען זעט ניט מער דאָס צעטאָפּטשעטע ברוינע גראָז, ניט די טונקעלע ביימער, ניט די זאַמד־אינדזלען ביי דעם אָפּריס — דאָס פעלד איז באַלייגט מיט טויזנטער מענטשן. פון איין ברעג ביזן צווייטן. זיי באַוועגן זיך און בלייבן אויף איין אָרט ווי די ווימלדיקע שאָטנס.

איבער די לאַנגע און באַלויכטענע באַראַקן האָט זיך אָנגעצונדן אַ ראַקעטע. דאָס ליכט גליטשט זיך איבערן פעלד.

אין דער פינצטערער מאַסע, אויפן פעלד, וואַנדערן אַרום קליינע פייערלעך. זיי צינדן זיך און פאַרגייען.

עמעצער שרייט. דאָס איז אַ געשריי פון אַן אוקראַינער. ערשט איצט באַמערקט עמיליאַ אַז דאָס פעלד איז באַוואַכט. אָפּטיילונגען אוקראַינער און רוסן אין עס־עס־קליידער היטן די וועגן. זיי נישטערן אַרום צווישן המון. דאָס בלענדן זיי יעדער רגע מיט די טאַשן־לעמפּלעך.

— ווו זענען מיר?

— דאָס איז זשעלאַנקי. — האָט מען געשעפּטשעט צו איר. — די דייטשן פאַרטרייבן גאַנצע גאַסן... זיי ליידיקן אויס די שטאָט... טרייבן די איינוווינער אין די פעלדער אַריין.

אַ שאַרף ליכט האָט זיך פאַרהאַלטן אויף עמיליאַס רוקן. זי האָט זיך איינגעבויגן מיטן פּנים צו דער ערד ווי מען וואָלט פּלוצעם אַרויפגעוואָרפן אויף איר אַ ריזיקע לאַסט. די לאַסט דריקט איר אַלץ מערער און מערער צו דער קילער זאַמדיקער ערד פון די מערב־ראַנדן ביי וואַרשע.

זירקאָוו האָט זיך געמאָלדן אין שטאַב פון „געהילפס־מיליטער״. אין זיין רשות האָבן זיך געפונען די בעסטע פּאַפּירן.

אין אָנפאַנג איז ער צוגעטיילט געוואָרן צו אַנטיפּס באַטאַליאָן און באַלד דערנאָך איז ער געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון אַ מיליטעריש בלעטל און דער פּראָפּאַגאַנדע־שעף פון אַן איינהייט.

זיין קענטעניש פון דייטש, די ברייטע ידיעות אין די באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע־דרכים, די באַהאַוונטקייט אין דעם קאַדרן־צוזאַמענשטעל פון די סאָוועטישע פירער — דאָס אַלץ האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט צו אים אויך מצד די דייטשן. דאָס איז געשען בליץ־שנעל. אָנגעהויבן האָט זיך עס דערמיט וואָס זירקאָווס ערשטער אַרטיקל אין אַ צייטונג וועגן יידן איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין די דייטשישע פראָנט־בלעטלעך און האָט אַרויסגערופן נייגעריקייט צו אים מצד דייטשן. ער האָט גערעדט פאַר אַן אָפיצירן־גרופּע וועגן אינערלעכן צושטאַנד פון רוסלאַנד, וועגן גורל וואָס ס׳דערוואַרט די געפאַנגענע מצד יידישע אָפיצירן פון דער רויטער אַרמיי.

זירקאָוו האָט זיך גלייך באַפריינדעט מיט אַנטיפּן. זיי האָבן זיך ניט געשיידט אַ גאַנצן טאָג. דער יונגער שאַליוגין איז געוואָרן זירקאָווס פּיירוויליקער באַדינער. כוועדראַ פּאַנאַסאָוו האָט אויפגעלעבט.

— אַ גראַמאָטנער, אַן אַלץ־ווייסער. ניט ווי דער יעגאָראָוו, דער באַבע־יעגער, מיט די געפּוצטע נעגל...

דער אוקראַיִנער פּראָקופּטשוק, דער אייביק זייטיקער האָט זיך גע־ריבן די הענט פאַר נחת: — באַלאַקאַיעט ער, דער זירקאָוו, אַזוי ווי אַ ציגיינער! אַ רוח אין זיין נשמהלע דאָס פּאָגאַנע! — און ער האָט זיך באַלעקט די ליפּן מיט אַ שפּיץ צונג.

ראָדין, דער געוועזענער פּאַרטיי־סעקרעטאַר האָט זיך געשאַרט ווי אַ שאָטן און געשוויגן. ער האָט אין דער שטיל געליטן וואָס דער ניי־געקומענער אָפיציר זירקאָוו האָט אים ניט ווי באַמערקט.

נאָר איינער פון אַנטיפּס מענטשן האָט זיך באַצויגן צו זירקאָוון מיט אומצוטרוי און פאַרדאַכט — דאָס איז געווען דער רוסיפיצירטער פּאָליאַק באַרבאַריסקי. ער איז געוואָרן אין דער לעצטער צייט איינגעבויגענער און די אָדלער־נאָז האָט אים פאַרשאָטנט דעם אונטערשטן טייל פון קרענקלעך־אויסגעצויגענעם פּנים.

אַרום די באַראַקן האָבן געווימלט די סאָלדאָטן אין עסעס־מונדירן, אָבער אָן די אַלע באַפּוצונגען, אָן די בלעכלעך, אָן די אָדלערס מיט צע־שפּרייטע פליגל ווי די פיילן.

טונקעלע שאָטנס, אַ שיכור געזאַנג, אַן אויסמישעניש פון רוסיש, אוקראַיִניש און אַ קאַרפּאַטישן דיאַלעקט, טעמפּע טריט, גלייכמאָסיקע, האַסטיקע פון אַ פאַרשפּעטיקטער קאָמפּאַניע. הונדערטער פיס האַקן אויס איין און איינציקן געקלאַפּ, אַ ריטמישן ווי מען וואָלט קלעצער געשפּאָלטן. און אין די שטאַב־צימערן — אַ טשאַד פון רויך; אַ געלער, אַ געדיכטער. אַ פּרצוף פון אַ דייטשישן אָפיציר אין אַ ראַם. אַ טעלעפאָן רייסט זיך שאַרף און בייז. עמעצער גייט גלייכגילטיק און שפּייט, דערנאָך בלאָזט ער אין טעלעפאָן־טרייבל אַריין. אין אַ זייטיקן חדר איז ליכטיק. אַ בלענדיקע ליכטיקייט. אַנטיפּ זיצט אָנגעשפּאַרט, און זיין פּנים, דאָס צעיוירענע, גלי־ווערט. זירקאָוו איז באַוועגלעך, זיין בליק דרינגט דורך אַלע ווינקעלעך.

היינט אין דער פרי האָט ער גערעדט צו עטלעכע קאָמפּאַניעס וואָס זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך די דייטשן קיין אַלטשטאָט. ער האָט גערעדט צו אייגענע, צו רוסן און אוקראַיִנער, צו די ברידער פון גרויסן

רוסלאַנד. דאָס רוסלאַנד וואָס וועט פריי ווערן פון פרעמדע, פון די וואָס האָבן אָפּגעמעקט דעם נאָמען „ראָסיי״. צוואַנציק יאָר איז דער דאָזיקער נאָמען ניטאָ אויף קיין שום מאַפּע. איצט רופן די יעוורעיסקע זשורנאַליסטן די רוסן צו קעמפן פאַר ראָסיי. איצט באַהאַלטן זיי זיך אויס אונטער רוסישע נעמען. רוסלאַנד איז אייביק. זי דאַרף גיין צוזאַמען מיט דייטש־לאַנד. רוסלאַנד דאַרף בלייבן אַזוי ווי זי איז געווען אַמאָל, פון ווייסן ים ביזן שוואַרצן, פון דער ווייסל ביז וולאַדיוואָסטאָק.

פאַרוואָס שאַרט זיך אַזוי דער באַרבאַריסקי ביי די ווענט און שטעכט אים דורך מיט די אויגן? דאָס איז ס׳ערשטע מאָל ווי זירקאָוו וואַגט צו ריידן וועגן רוסלאַנד אַזוי אָפן. מען קאָן עס שוין טאָן. די דייטשישע פאַרבינדונגס־אָפיצירן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין הויף גלאָצן טעמפּ אויף דעם נידעריקן ענערגישן רוסישן אָפיציר.

אין הויף איז שטיל געוואָרן. ס׳איז שוין נאָכן נאַכט־אַפּעל. מען הערט טריט פון דער וואַך.

אַנטיפּ איז אַ וואַקלדיקער צוגעגאַנגען צום פענצטער. ער איז הויך, ברייט און פאַרנעמט דאָס גאַנצע פענצטער. ער קוקט אין דער נאַכט אַריין. און אַז זירקאָוו האָט מיט אַ מאָל דערשפּירט אויף זיך דאָס רויע אָבער דורכדרינגענדיק־פאַרשעמישע פּנים פונעם דאָנער קאַזאַק, אַ פּנים פון אַ לייב וואָס גרייט זיך צום שפּרונג — איז ער אומהיימלעך אָפּגעטראָטן אויף צוריק.

— די פייערן שטאַרקן זיך... די שטאָט ברענט... און אַ וויאָרסט צוויי פון דאַנען שטייען די... — אַנטיפּ האָט ניט געוווּסט ווי אַזוי אָנצורופן דאָס סאָוועטישע מיליטער: „רוסן״ אָדער „באָלשעוויקעס״, און אפשר „דער פיינט״.

— זיי וועלן אַריבער די ווייסל, די סאָוועטן, עס איז קלאָר. די דייטשן פאַרשפּילן...

אין דער דאָזיקער נאַכט זענען אַרויסגערופן געוואָרן נאָך עטלעכע קאָמפּאַניעס פון וולאַסאָווס הילפסמיליטער. מען האָט זיי גלייך אַריינגע־פירט אין די שלאַכטן מיט די אויפשטענדלער. די באַראַקן האָבן זיך כּמעט

אויסגעליידיקט. געבליבן זענען שטאַב־מענטשן מיט קליינע וואַכפּאָסטנס. אויך אַנטיפּ און זירקאָוו זענען אַוועק קיין וואַרשע.

זירקאָווס אויפגאַבע איז איצט געווען אַ לייכטע. ער האָט געדאַרפט אָפּרייסן די באַטאַליאָנען פון דער דייטשישער קאָנטראָל, מאַכן זיי פאַר אומאָפּהענגיק.

— אַוודאי דאַרף מען אויסראָטן די פרעמדע פון רוסלאַנד, דער עיקר די זשידעס. אומעטום זענען זיי דאָ. זיי האָבן דעם קאָמוניזם באַשאַפן. אָבער איר ווילט אָנשטאָט זיי אַריינפירן די גערמאַנצעס! און איך וויל אַז רוסלאַנד זאָל זיין פריי און ניט האָבן קיין אָקופּאַנטן. די דייטשן פאַרשפּילן דאָך די מלחמה... מען דאַרף ווייזן אַז צווישן אונדז און זיי איז אַן אונטער־שייד... מיר פאַרלירן דאָך דעם מיזרח און דעם מערב...

אַנטיפּ האָט געטרונקען אין יענע טעג בראָנפן ווי וואַסער און איז, ווי זיין טבע, ניט שיכור געוואָרן. ער האָט אָבער געקוקט אויף אַלץ און אַלעמען מיט פאַרוואָסערטע אויגן.

די דייטשן האָבן געוווסט אַז צווישן די פרעמד־פעלקערדיקע דיוויזיעס קומט עפּעס פאָר. זיי האָבן דאָס דערקענט לויט דער דיסציפּלין וואָס האָט זיך געבראָכן, לויט דער שיכּרות און דער דעזערציע פון גאַנצע גרופּן. זיי זענען ממש ווי איינגעזונקען געוואָרן צווישן היימלאָזע, צווישן פאַרטריי־בענע און וואַלגערן זיך אַרום אין דערפער, אויף וועגן, אין וועלדער, זיי באַפאַלן די אינטענדאַנטור, די פאַרבינדונגס־פּאָסטנס, פּאָליציי־פּאָסטנס און אַפילו קליינע גאַרניזאָנען פון רעזערוו־מיליטער. דערפאַר האָבן די דייטשן געזוכט אַלע מיטלען אויפצוהאַלטן די דאָזיקע דיוויזיעס דורך אַריינפירן זיי אין די קאַמפן פון וואַרשע. מען האָט זיי אויסגענוצט, דער עיקר, ווי רעפּרעסיע־מיליטער קעגן דער ציוויל־באַפעלקערונג. דאָס וועט אַראָפּ־נעמען פון די דייטשן די אַחריות פאַר די מאַסן־דערשיסונגען, פאַר די שריפות, פאַר דער פאַרטיליקונג פון פרויען און קינדער. און אויב מען וועט אַמאָל מישפּטן, זאָלן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק ניט זיצן בלויז דייטשן נאָר אויך אַנדערע פעלקער, כּמעט אַלע פעלקער פון אייראָפּע.

אויף ביידע זייטן ווייסל זענען אַנטשטאַנען פּאַרטיזאַנער־גרופּן, ווילדע, הפקרדיקע, וואָס האָבן גראַסירט אויף די וועגן, אויסבאַהאַלטן זיך

אין וועלדער, אַריינגעריסן זיך אין פאַרוואָרפענע שטעטלעך און דאָרט געהפקרט מעת־לעתן גאַנצע. דאָס זענען געווען משונהדיקע באַנדעס וואָס האָבן געקעמפט קעגן אַלעמען; קעגן דייטשן, קעגן רוסן, קעגן די פּאָליאַקן, קעגן דער ציוויל־באַפעלקערונג און דערהויפּט — קעגן די לעצטע יידן. דאָס זענען געווען די שפּליטערס פון דייטשישן „הילפסמיליטער". די אַלע הפקר־גרופּן זענען געגליכן געווען צו גליענדיקע שטיקער זשאַר וואָס אַ שטורעם־ווינט צעטראָגט איבער פעלדער. ערגעץ ברענען וועלדער, כוטאָרן שטייען אין פייער, ס'ברעכן זיך די דעכער פון הייזער, פון שייערן און אַ בייזער געוויטער רייסט די פייערדיקע פליגל און טראָגט זיי צווישן כמאַרעס, צעשלייסט זיי אויף פּיצלעך און אַ שטיק פייער פאַלט אויף אַ סטויג היי — צינדט זיך אָן דער סטויג ווי אַ שייטער און די פינצטערניש קאָרטשעט זיך ווי אָקסן דערוואָרגענע.

— די דייטשן פאַרשפּילן. — האָט מען זיך געשושקעט צווישן די אוקראַינער.

— בערלין ווערט באָמבאַרדירט!

— אין פראַנקרייך האָט זיך עס שוין אָנגעהויבן!

— האָט ניט קיין מורא. די דייטשן האָבן אַ ביי געוווער! מ'וועט חרוב מאַכן די וועלט.

— זיי וועלן ניט פאַרשפּילן? אַזוי מיינסטו?

ווידער טיילט מען בראָנפן. פון באַראַק דערטראָגן זיך נאָר די קלעפּ פון אַ פּויק. אַז מען עפנט אַ טיר הערט מען אויך אַ טאַצן־געקלאַפּ פון אַ דזשאַז. איבערן אויסגעשטערנטן הימל טראָגן זיך דייטשישע עראָפּלאַנען. זיי פליען ווי צעפלאָשעטע פייגל. דער עראָפּלאַן־גערויש פרעסט צוזאַמען די הערצער. די לופט ציטערט. די ערד וואַקלט זיך. די מענטשן דערשפּירן דעם שוידער וואָס הייבט זיך אָן ביי די שלייף־אָדערן און לויפט דורך דעם גאַנצן קערפּער ביז צו די קנעכלען פון די פיס.

צעבראַסטעטע, וואַקלדיקע, מיט נעפלדיק־פאַרלאָפענע פּרצופים גייען זיי אין די הפקרדיקע נעכט.

— זיי זענען נאָך שטאַרק, די גערמאַנצעס, אַ רוח אין זייערע נשמהלעך...

— זיי האָבן געעפּנט פאַר אונדז די וועלט, אַרויסגעשלעפּט פון פערד־שטאַל... און אין די נעכטעלעך איז פריילעך...

אַנטיפּס באַטאַליאָן באַוואַכט אַ וויסט פעלד. דאָס איז זשעלאָנקי. טויזנטער פאַרטריבענע פּאַליאַקן וואַלגערן זיך אונטערן הימל. שוין די דריטע נאַכט. ס׳פּאַלט אַ רעגן, אַ שיפּלעכער. די דינע רעגן־פעדעם וויגט דער ווינט הין־און־קריק. אין פלוצעמדיקן ליכט פון רעפלעקטאָרן און טאַשן־לעמפּלעך גליִען אויף די רעגן־פעדעם. די טונקעלע בערג ווערן איינגעפּאַלן.

סאָלדאַטן שלאָגן זיך דורך אַ וועג צווישן די פאַרקנוילטע מענטשן־בערגלעך, פאַרהילטע אין פלעדן, אין מאַנטלען. זיי טרעטן מיט גלאַנציקע שטיוול אויף ווייכע, באַוועגלעכע גופים.

ניט ווייט רייסט זיך אַ דין פרויִיש קול און ווערט פלוצעם אָפּגעהאַקט אַזוי ווי אַ סטרונע, אַן אָנגעצויגענע, רייסט זיך איבער. אַפילו די רעגן־פעדעם האָבן זיך פאַרקנוילט נאָך דעם פרויִישן געיאָמער.

אַ שיכּור זינגט. דאָס איז אַ רוס. מען דערקאָנט לויטן געזאַנג. עמעצער לויכט נידעריק, נידעריק. אַ חלפימדיק ליכט פויזעט צווישן די פלעדן, צווישן די שוואַרצע מאַנטלען. הענט רייסן די דעקעס, שליידערן פלאַכטעס אויף די ווינטן. אַ פרוי פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים פאַרן ליכט מיט די הענט. דאָס ליכט גליווערט, דערנאָך גליטשט עס זיך איבער אַ גוף.

— קראַסאָטקעלע, וואָס באַהאַלטסטו דיין ראָזשע?

דאָס איז דער יונגער שאַליוגין. זיין פּנים איז אויפגעלאָפן און גלאַנצט. טראָפּנס רעגן רינען איבער זיין שטערן, איבער דער אַרויס־שטייענדיקער אייבערשטער ליפּ, איבער דער קאַנטיקער גאָמבע.

— וויַיז דיין פּרצוף! וויַיז!

ער רעדט הייזעריק. אַ שאָטן פויזעט אַוועק.

— ווער איז דאָס? זאָג!

אין אַ קאַלטער שטאָלענער לופּע בליצט אויף אַ פייערדיק אויג.

— מיין מאַן... מיין מאַן...

— דו העלד! רוק זיך איצט אָפּ פון דיין ווייב, אויב דיין לעבן איז דיר טייער!

שאַליוגין לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני.

— לאָז דיך אָנקוקן! ווייז די שליפּיעס! ווייז די מאָרדע! די ליפּן!

ער האָט אַוועקגעריסן אַ פּאָר פּרוויִשע הענט פון אַ פּנים און לאַנג אַריינגעלויכטן אין די אויגן. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט און איר אַ שטויס געטאָן.

— געגאַנגען! פּאָרויס!

אַליידיקער, אָפּגעריסענער אַרבל האָט געפלאַטערט ווי אַן אונטער־געבראָכענער פליגל.

— שאַליוגין! שאַליוגין!

ער האָט זיך פאַרהאַלטן.

פאַנאַסאָוו האָט אים אַריינגעלויכטן אין פּנים. הינטער פאַנאַסאָוון — עטלעכע סאָלדאַטן מיט אָנגעהאַנגענע קעסטלעך אויף די ברוסטן און אין די קעסטלעך קלימפּערט עפּעס. אויף די העלדזער הענגען רימענס און צו די רימענס זענען צוגעקניפּט פלעשער בראָנפן.

— שאַליוגין! וועסט זיך די ביינדעלעך אָפּדריקן... האָסט שוין קיין בעסערס ניט געפונען?...

מען ווײנט. אַ שיכּור זינגט.

ניטשע גאַלושקי, זאַווטראַ גאַלושקי,
פּריכאָדי מאַי מילינקי
נאַ מיאַכע פּאָדושקי — עך־עך־עך־או!!!

אָנשטאָט דעם רעפריין האָט זיך געעפנט אַ שיסעריי. שאַליוגין האָט געשלעפּט אַ שאָטן צום טאָל. דערנאָך האָט זיך פון דאָרט דערטראָגן אַ קורצער געשריי.

פאַנאַסאָוו האָט געריסן די פינגערלעך, די זייגערלעך, די קרעלן און זיי אַריינגעוואָרפן אין הילצערנעם קעסטל וואָס איז געהאַנגען אויף זיין האַלדז. פון צייט צו צייט האָט ער אַ זופּ געטאָן פון דער פלאַש. עס איז אים נאָך קיין מאָל ניט אַזוי גוט געווען ווי היינט. אַ פרייע וועלט. ער איז דער האַר פון דער פינצטערער נאַכט. דער צאַר פון וויסטיקן פעלד. פּראָקאָפּטשוק איז אומעטום געקומען דער לעצטער. ניט ווייט איז

אַן אַנגעלויף. אַ מאַן האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט. ער האָט געטריבן פון זיין פרוי די שיכּורע סאָלדאַטן. אַ יונגער אוקראַינער איז אים באַפאַלן און איינגעקלאַמערט זיך מיט די הענט אין האַלדז. די פרוי האָט ספּאַזמירט.

— וויפל זענען מיר?

— ניקיטאַ, צייל איבער, וויפל כלאָפּצעס זענען דאָ?

— הריצקאָ איז דער ערשטער! ס׳קומט אים! אָרדענונג מוז זיין!

ער האָט איר דער ערשטער דערזען.

אַ קינד יאָמערט. די מענטשן הילן זיך אונטער די נאַכט־הימלען און פאַלן־צו אַלץ נענטער צו דער פייכטער ערד.

— מאַ... מאַ... פאַרוואָס באַפאַלן זיי דער טשאָטשע? אַזוי פיל ווילן איר שלעכטס טאָן? פאַרוואָס שרייט זי ניט? זאָל זי שרייען! זאָל זי שרייען! איך וועל פאַר איר שרייען! מאַ — — —

אַ קינד טוליעט זיך צו אַ מאַמעס שויס.

ווידער אַ שאַרף ליכט. אַ געוואַי. אַ שיסעריי. שיכּורע געוואַלדן. שיכּורע געזאַנגען. דער רעגן איז אויך שיכּור, די רעפלעקטאָר־שיינען און אַפילו דער צעריסענער נאַכט־הימל איז אויך שיכּור.

— ליכטיקט עס שוין?

— עס איז ערשט נאָך האַלבער נאַכט.

עמיליאַ פיבערט. עס שוידערט איר. דאָס איז אַוודאי פון פייכטן ווינט, פון רעגן וואָס אָט פאַלט ער און אָט הערט ער אויף. זי איז אַליין אין דעם פעלד, אַליין אונטער גאָטס הפקרדיקן הימל.

די פאַרטריבענע פון וואַרשע רוען צוזאַמען מיט זייערע משפּחות. יעדע משפּחה אין איין קנויל. זי האָט זיך געוואָלט ערגעץ צוטוליען, האָט מען געהייסן זי זאָל זיך אָפּרוקן. זי איז יונג. זי איז שיין. די צע־הפקרטע סאָלדאַטן באַפאַלן פרויען. — איר וועט אונדז אַלעמען שטעלן אין אַ געפאַר. מ׳וועט אונדזערע מענער דערשיסן.

זי האָט מורא געהאַט זיך אויפצושטעלן. רעפלעקטאָרן בישטערן איבערן פעלד. דאָס איז אַ געקרייצט ליכט. פּאַס אויף פּאַס. זיי צעקרייצן דעם גוף, זיי צעפּאַלמעסן יעדן גליד. דערנאָך צעפויזן זיך שטיקער גוף איבערן פעלד און ס׳בלייבט נאָר דאָס נאַקעטע האַרץ.

ביי דער ווייסל

אַ נאַכט איז אַדורך.

פון טאָל זענען געקומען די פאַרשלעפּטע פרויען. זיי זענען געקומען מיט צעריסענע פּנימער, צעשויבערטע, מיט צעשליסענע קליידער. זיי האָבן זיך געוואַקלט, געפאַלן צו דער ערד.

פאַר טאָג האָט זיך עמיליאַ אויפגעהויבן. זי איז געגאַנגען איבערן פעלד. זי מוז אַוועק. זי וועט דאָ ניט בלייבן. איצט איז שטיל געוואָרן.

אָנגעשוואָלענע פּנימער פון פרויען, ניט געוואַשענע, פאַרבלאָטיקטע, פאַרבונדענע מיט טיכער, אַרויסגעזעצטע אויגן האָבן איר נאָכגעקוקט.

אַ סאָלדאַט האָט איר אַ שטויס־געטאָן.

— ניט אַרומקריכן.

זי האָט זיך צוגעזעצט צו אַ קליינער גרופּע מענטשן. מ׳האָט איר אָנגעקוקט מיט מיטלייד. עס איז שוין ליכטיק.

די וואַך טוישט זיך. זיי מאַרשירן אַוועק צו די באַראַקן וואָס אויף יענער זייט טאָל. שיכּורע, צעזונגענע, מיט קעסטלעך אויף די רוקנס, אויף די ברוסטן. אַ דייטש, מיט אַ שפּיצרוט אין די הענט, אין לאַקירטע שטיוול, מאַרשירט ביי דער זייט.

אין דער נידערונג, ביי די קוסטעס, די אויסגעטריקנטע מיט געקראַמפּטע צווייגן, זיצט אַ גרופּע הייליקע שוועסטער, די קאַרמעליטן, אין לאַנגע ברוינע קליידער.

אויף דער צווייטער זייט טאָל וואַכן די היטער. פון דאָרט זענען ביי נאַכט געפאַלן די רעפלעקטאָרן, פון דאָרט קומען די שיכּורע סאָלדאַטן.

און אַז ס׳איז ווידער צוגעפאַלן דער אָוונט האָט אַ פרוי געזאָגט צו עמיליאַן:

— זוכט אייך אַן אַנדער אָרט. מיר האָבן מורא.

— גייט צו די שוועסטער.

זי האָט געפּויזעט איבערן פעלד. די קאַרמעליטן־שוועסטער האָבן איר געגעבן אַ שלונג וואַסער, אַ דאַר שטיקל ברויט. און אַז ס׳איז פינצטער געוואָרן האָט איינע אַרויפגעוואָרפן אויף איר אַ טונקעלע דעק. דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט וואָס זי איז אָפּגעשלאָפן מיט אַ האַרטן שלאָף. שאָטנס האָבן אַרומגעפלאַטערט איבער די קעפּ ווי די קאָרשונס. אַ ליכט

האָט געשניטן איר לייב. דאָס איז גאָרנישט. זי האָט זיך איינגעוויקלט. דאָס געוואַנט איז שווער. ווער מורמלט עס אַזוי ניגונדיק? פאַרוואָס איז אַזוי שטיל? האָט מען אַלעמען דערוואָרגן?

פאַר טאָג האָבן געקנ׳צט די באַנעס. עמיליאַ איז געלעגן אַלץ מיטן פנים צו דער ערד. אַ גלח איז פאַרבייגעגאַנגען און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר קאָפּ. וואָס פּרעפּלט ער? ווען זי האָט זיך אָפּגעריסן פון דער ערד און אויפגעהויבן דאָס פנים צו טאָג־ליכט איז זי פאַרחידושט געוואָרן. זי האָט זיך דערזען אין אַ ברוין קלייד פון אַ קלויסטער־שוועסטער, אַ ברייטס, מיט טיפע פאַלדן.

פון טאָל דערגייט נאָך אַלץ דער גויאָמער. באַוואַקסענע מענער טראָגן אויף די הענט פרויען, פאַרבלאָטיקטע, האַלב־נאַקעטע, מיט שוים אויף די ליפן. אַרום וואַלגערן זיך הרוגים — דאָס זענען דערשאָסענע יונגע מענער וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט די פאַרגוואַלטיקער.

אַן עלטערער פּאַליאַק, אַ באַברילנטער, אַ געבויגענער האָט גערופן צום גלח.

— לאָמיר גיין צום שטאַב. וואָס שוויגן מיר. לאָמיר זיך פאַרקלאָגן. עס איז דאָ אַ גאָט, אַן אַלמעכטיקער.

אַ פרוי מיט צוויי פּיצלעך קינדער אויף די הענט איז צוגעקומען צו די באַנעס.

— דערבאַרעמדיקע. זעט ווי מען פייניקט אונדז. — זי האָט געוויזן די אויסגעבראָכענע פינגער, די צעביסענע און פאַרבלוטיקטע. — דאָס האָבן די פּאַגאַנעס אַראָפּגעריסן די רינגלעך מיינע. אַ, יעזו אַיטשע נאַש.

אַ יונגער מענטש, אפשר אין די דרייסיקער מיט אַ בלאָנד ניט־ראַזירט פנים איז געשטאַנען אַן איבערגעבויגענער איבער אַ פאַרחלשטער פרוי און געריסן זיך די האָר פון קאָפּ. ער האָט צעכראַסטעט דאָס העמד, געריסן שטיקער העמד און עס געשליידערט.

— דאָרט זיצט זייער עלטסטער, דער הערשער פון די באַנדעס.

— אָט, אין יענע באַראַקן!

— ער מוז אַוודאי ניט וויסן פון דער שאַנדע!

— לאָמיר גיין בעטן.

— אויב זיי ווילן יונגע פרויען צום פאַרווילן וועט מען זיי צו־שטעלן, אָבער ניט אויף אַזאַ אופן. ניט מאָרדן.

עמיליאַ האָט זיך איינגעקוקט אין פנים פון דער פרוי וואָס האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט. זי האָט דערזען לעבן זיך אַ דיקע גויע, אַ גוי־דערדיקע מיט פאַרגאָסענע אויגן.

פון פאָרנט איז געגאַנגען דער גלח. דאָס סקעלעטישע פנים האָט קיין צוק ניט געטאָן, נאָר די ליפּן האָבן געפּרעפּלט. נאָך אים איז געגאַנגען דער באַברילנטער מיט דער אַרויסשטאַרצנדיקער ליפּ — ווייזט אויס אַז דאָס איז אַ דאָקטאָר, מען דערקאָנט עס לויטן קליינעם האַנט־רענצל וואָס דער זקן לאָזט ניט אַרויס פון דער האַנט. נאָכן דאָקטאָר הינקט אַ מאַן אין אַ טונקעלן סורטוק מיט אַ ניקלענעם שטעקן.

— דערציילט אַלץ זייער עלטסטן. זיי זענען אויך מענטשן!

דער גלח האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן די קאַרמעליטן־שוועסטער.

— קומט מיט, שוועסטער.

אַ נאָנע האָט זיך גיך צוריקגעצויגן.

— איך וועל גיין. לאָזט מיך. לאָזט מיך! — האָט גערופן די דיקע פרוי מיט די שמאַנט־אויגן.

עמעצער האָט אָנגענומען עמיליאַן פאַרן אָרעם.

— לאָמיר גיין, שוועסטער, לאָמיר באַגלייטן די זקנים.

אַ ציטערניש איז איר דורך.

— גיין? וווהין? נאָך וואָס? צו וועמען? איך קען ניט... כ׳קען ניט...

עמיליאַ האָט ניט געקענט ריידן. די ציין האָבן זיך איינגעביסן אין די פאַרטריקנטע ליפּן.

— קום, שוועסטער, שרעק זיך ניט... דו גייסט מיטן פאָטער אַנדזשעי. דו גייסט מיט אונדז. שרעק זיך ניט. דיין פנים איז בלייך. דו שרעקסט זיך? טרייב דאָס פּחדנות...

— פּחדנות?...

זי האָט געשטעלט אייליקע טריט. נעבן איר וויגט זיך דאָס ביינער־דיק־לענגלעכע פנים פון דער הייליקער שוועסטער.

— ווי רופט מען דיך?
— עמיליאַ.
— דאָס איז אַ הייליקער נאָמען.
— דו זעסט מיר אויס פרעמד. ווו האָסטו זיך אויפגעהאַלטן?

ביי די קוסטעס האָבן די וואַכלייט פאַרהאַלטן די צוויי נאָנעס מיט די זקנים. אַן עלטסטער האָט שפּעטער באַפוילן דורכלאָזן זיי צום שטאַב.

אין הויף איז ציכטיק. די וועגלעך זענען אויסגעלייגט מיט אָפּגע־קאָלכטע שטיינער. דער אַריינגאַנג איז פאַרצוימט מיט שטאַכעטן, מיט בלומען־קוסטעס.

אויפגענומען דער דעלעגאַציע האָט אַנטיפּ. אין אַ זייטיקן צימער האָבן הויך גערעדט די עלטסטע. די טיר איז געווען אָפן און פון דאָרט האָט זיך געטראָגן אַ וואָלקן רויך פון מאַכאָרקע.

— פּאָלסקיע פּאַני, טשעהאָ?

ער האָט געלאַכט, אַנטיפּ, און ס׳האָט מיטגעלאַכט זיין געמאָרש־טשעטער שטערן. פון דעם קאַזאַק האָט זיך געטראָגן דער ריח פון אָדע־קאָלאָן. דער ריח האָט זיך אויסגעמישט מיטן טיטון, מיט דעם פּאָמאַדע־ריח פון פריש־געפּוצטע שטיוול.

דער אַלטער דאָקטאָר האָט זיך פאַרנייגט.

אַנטיפּ האָט אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויף דער שטול און געפּאַטשט מיט דער האַנט די גלאַנציקע כאָליאַווע. ער האָט הנאה־געהאַט, סיי פון דעם גלאַנץ פון דער כאָליאַווע, סיי פון די שטילע בעטנדיקע רייד פון פּאָליאַק. זיין פול פנים האָט זיך געשפּיגלט אין דעם שוואַרצן לעדער־שפּיגל.

— שאַליוגין. שאַליוגין.

אַ יונגער רוס, מיט אַ באַזויפטן פנים, מיט אויגן אַן שוואַרצאַפּלען און אַ רויט־קנאָכיקע נאָז איז אַריינגעקומען.

— ברענג אַריין שטולן.

דער אַלטער דאָקטאָר האָט גערעדט שטיל. דער גלח האָט צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ. עמיליאַס שרעק איז פאַרשוווּנדן. איר בליק איז שאַרף געוואָרן.

— ווייסט איר וואָס אייערע סאָלדאַטן טוען אין די נעכט? איז צו אייך ניט דערגאַנגען דאָס געוויין פון פרויען?

די פרויִשע שטים האָט צוגעצויגן צו זיך די נייגעריקייט פון די אָפיצירן פון יענער זייט אָפענע טיר. צוערשט האָט אַריינגעשטעלט זיין פּרצוף פּאַנאַסאָוו. לעבן אים האָט זיך געשאָטנט דער אויסגעצויגענער באַרבאַריסקי. יעגאָראָוו האָט געקוקט מיט שפּאָט. ער האָט פאַרלייגט די הענט אונטער די באַקעס און זיך שטיל אונטערגעפייפט.

— העי, אַפאַנאַסי. אַפאַנאַסי...

אַנטיפּ האָט גערופן אין צווייטן צימער אַריין. פּלוצעם האָט מען געמאַכט אַ וואַרע און אַ יונגער, ענערגישער רוס, אַוודאי אין די דרייסיקער האָט זיך דערנענטערט צום טיש. עמיליאַ איז שטיל געוואָרן. זי האָט זיך איינגעקלאַמערט מיטביידע הענט אָן דער שוועסטערס אָרעם און צוריק־געצויגן זיך אויף אַ טריט.

דאָס איז זירקאָוו! דער וואָס איז צוזאַמען מיט איר אַריבערגע־וואָרפן געוואָרן פון דער סאָוועטישער זייט. זי דערקענט אים. דאָס איז ער!

זי האָט געציטערט. איר שטים האָט געקלונגען קלאָר:

— די ליידן פון די פרויען איז ניט מעגלעך איבערצוגעבן מיט אַ מענטשלעכער שפּראַך. האָרדעס שיכּורים בושעווען. געשענדטע און טויטע. הונדערטער. טויזנטער. אָן אַ גאָט אין האַרצן. קומט צום טאָל וועט איר אַליין זען!

זירקאָוו האָט גענוי באַטראַכט די מענטשן פון דער דעלעגאַציע וואָס זענען געקומען זיך פאַרקלאָגן. ער האָט געקוקט אויף דער הייליקער שוועסטער וואָס רעדט אַזוי אָפן.

— דו באַליידיקסט. דו טראַכטסט אויס. האָסט אַ קראַנקע פאַנטאַזיע. אייערע פאַליאַקן בושעווען. אייערע רויב־באַנדעס ברענגען אום די שטאָט! אייער פאָלק איז פאַרווילדעוועט! צווישן אייך גראַסירן באַנדעס! — דאָס האָט גערעדט זירקאָוו.

אַנטיפּ האָט אַלץ כיטרע געשמייכלט.

— דאַ־דאַ דאַ־דאַ, אַפאַנאַסי זירקאָוו.

דאָס איז ער. דאָס איז דער זעלביקער.

— זאָג, ווער פון אונדזערע האָט געמאָרדעט, ווער? ווייז!

— אָט איז איינער! — האָט עמיליאַ אָנגעוויזן אויף שאַליוגינען. זירקאָוו איז אויפגעשפּרונגען.

— איז דאָס אמת, שאַליוגין?

— וואָס באַלטאַיעט זי... וואָס? און אַז מיר האָבן זיך פאַרווײלט מיט די קאָביטקעס די פּאַליאַטשקעס, טאָרן מיר ניט? — דער יונגער שיכּורער און צעהפקרטער רוס האָט געקוקט אויף זירקאָוון מיט אַן אַרויס־רופערישער חוצפּהדיקייט. ער האָט ד׳ערביי געקנעפּלט דעם טאַש פון נאַגאַן און געברומט. — כ׳וואָלט זיי דערשאָסן, די פּאַליאַקעס, די פּאַנעס, זיי ווערגן די באַביאַנקעס... זיי ווילן אַנטלויפן... זיי ווילן אונדז אויסמאָרדן סיי־ווי־סיי... אַז דער גערמאַניעץ וועט אַוועק וועלן זיי... וואָס זשאַלעוועט איר די נקבות?...

ער האָט גערעדט מיט שוים. געפּלאָנטערט זיך אין די רייד. אין דער רעכטער האַנט איז געלעגן דער נאַגאַן. ער האָט זיך מיט אים געשפּילט, געוואָרפן אים אין דער לופטן און צוריק אונטערגעכאַפּט. איצט איז די שיכּרות פון זיינע אויגן אַריין אין מויל, אין די הענט. זיי זענען געוואָרן אַזוי באַוועגלעך און אומרויִק אַזש ער האָט אַ זעץ־געטאָן מיטן נאַגאַן אין טיש און אויסגעדרייט זיך מיטן רוקן צו אַנטיפּן, צו זירקאָוון און זיך היסטעריש צעלאַכט.

— גיב דעם נאַגאַן — האָט געזאָגט זירקאָוו.

שאַליוגין האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן. דאָס יונגע, צעהיצטע פּנים איז פאַרקרימט געוואָרן, דער אונטערשטער קינבאַק איז שאַרף אָפּגעשטאַנען און די ליפּן האָבן מיטגעציטערט.

— ווער ביסטו דאָס אַז דו זאָלסט מיר באַפעלן?

ער איז צוגעלאָפן נאָענט צו זירקאָוון און געבליבן שטיין מיט אַן אַרויסגעשטעלטער ברוסט.

— שאַליוגין!

אַנטיפּס קול איז געפאַלן אַזוי ווי ס׳פאַלט אַ שטיין אין אַן אָזערע. צווערשט איז געקומען דער קלאַפּ אין וואַסער־שפּיגל און דערנאָך אַ גע־פּליעסק פון וועלן.

יעגאָראָוו האָט זיך פאַרטייעט, אָנגעכאַפּט שאַליוגינס האַנט און איר אַרונטערגעדרייט אונטערן רוקן.

— אָט איז דער נאַגאַן. — יעגאָראָוו האָט אַ וואָרף־געטאָן שאַליוגינס נאַגאַן צו אַנטיפּן. מען האָט אים אַרויסגעפירט אין הויף. זירקאָוו האָט געקוקט אין פענצטער אַריין. ס׳איז אַ זוניקער טאָג. אַרום שפּרייט זיך אַ פרישע גרינקייט. ווו איז אַנטיפּ? ווער איז דער אַלטער מיט די ברילן? ווי קאַנטיק עס איז אים דאָס פּנים פון דער הייליקער שוועסטער? זי קוקט אויף אים. ווי דורכדרינגענדיק עס איז איר בליק. גאָרנישט פון קיין נאָנע. פאַר וואָס זענען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן? ער איז אַליין געבליבן מיט די פּאַליאַקן.

— מיר וועלן באַשטראָפן. מיר זענען ניט קיין מערדער. איז מוזט אָבער ליידן. דאָס איז אייער שולד. ווען ניט די באַנדיטן. — ער האָט זיך אַרומגעקוקט. קיינער איז נישטאָ פון די אָפיצירן. וואָס זאָל ער זיי זאָגן? אין דרויסן איז שטיל, אַזוי שטיל ווי אויך דאָרט וואָלט פוסט געווען. ווי עס וואָלט ניט געווען קיין פאַרוויסט וואַרשע. ווי עס וואָלט ניט געווען זשעלאָנקי. — איר האָט געדאַרפט אָפּוואַרטן מיט דעם אויפשטאַנד... ניט אַרויסווייזן אייער פאַרריסנקייט... אייער גורל וואָלט געווען אַן אַנדערער... — ער איז שטיל געוואָרן. דאָס ערשטע מאָל ווי זירקאָוו פאַרלירט זיך. וואָס זאָל ער טאָן? פאַר וואָס ריידן זיי ניט? ער איז צוגעגאַנגען באָענט צום אַלטיטשקן מיטן דאָקטאָרישן רענצל, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן אַקסל.

— מיר זענען ניט קיין מערדער.

אין הויף האָט מען אויסגעשאָסן. דאָס איז געווען אַן איינציקער שאָס, אַ פאַראייַנזאַמטער. ביי די קוסטעס האָט זיך אָפּגעשלאָגן, מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג, אַן עכאָ. אַ לויזע שויב האָט אַ ציטער־געטאָן ווי ס׳וואָלט דורכגעפלויגן אַ ווילדע בין.

אַנטיפּ איז אַריינגעקומען אין צימער און נאָכלאָזיק אָוועקגעזעצט זיך אויבן אָן. ער איז געזעסן אַן איינגעבויגענער און ווי זיין שטייגער, געגלעט די שטיוול־כאַליעווע.

די פּאַליאַקן האָבן זיך צוריקגעצויגן אין ווינקל. עמיליאַ איז געבליבן

שטיין אויפֿן אָרט. זי איז איצט געווען נאָענט צום טיש, נאָענט צו זירקאָווען.

— איר קאָנט גיין. — האָט געזאָגט אַנטיפּ. — ס'וועט שוין זיין רו:יק — מיר באַוואַכן אייך, אָבער אייער גורל ליגט אין די הענט פֿון דער ווערמאַכט.

ווידער האָט עמיליאַ דערפֿילט דעם ריח פֿון אָדע־קאָלאָן. ,

אין הויף ליגט שאַליוגין אין אַ קאַלוזשע בלוט. זיין פּנים איז פֿאַר־ריסן און די אויגן פֿאַרלאָפֿן מיט בלוט. ער איז ענלעך צו אַן אַראָפּגעפֿאַ־לענעם קאָרשון וואָס אַן אַנדער רויבפֿויגל האָט אים אין מיטן פֿלי אויס־געפּיקט די אויגן און אַראָפּגעשליידערט פֿון די כמאַרעס.

יעגאָראָוו זיצט אין הויף אַ גלייכגילטיקער און פּוצט זיך די נעגל. זיין שפּיציקער שאַרבן מיט די צוגעפּרעסטע פּייכטע האָר, דער אויסגע־ראַזירטער קאַרק, די מוטנע וואַסער־אויגן, די פֿינגער, די דאַרע און אויס־געקרימטע — דאָס אַלץ האָט אים אויסגעטיילט פֿון די אַרומיקע.

פּראָקאָפּטשוק סאָפּעט שווער. ער איז איבערגעשראָקן און אומרו:יק. דאָס איז דער אומרו פֿון אַ הונט וואָס דערהערט אין די נעכט דעם געהויל פֿון סטייעס וועלף און דערשפּירט דעם ריח פֿון בלוט.

באַרבאַריסקי האָט פֿאַרלייגט די הענט אויפֿן רימען און זיך געוויגט. די צוויי פֿאָדערשטע ציין האָבן אונטערגעהויבן די אייבערשטע ליפּ און אַרויפֿגעצויגן אויף דעם לאַנגן פּנים אכזריותדיקייט. ס'האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך געגרייט איינצובייסן מיט זיי אין אַ פֿליישיקער מאַסע. אַ פּייכטקייט האָט געגלאַנצט פֿון דער געשפּאָלטענער ליפּ און פֿון די געלע ציין.

איין פּאַנאַסאָוו מיט דעם געפּאַשעטן חזיר־פּנים האָט געלאַכט.

— טשעהאַ? זונעלעך, וואָס טושעט איר? ניט געדאַרפֿט קריכן צו די נקבהלעך...

זירקאָוו האָט אַלעמען לאַנג באַטראַכט. ער איז נאָכגעגאַנגען דער דעלעגאַציע ביזן טויער. די וואַכלייט האָבן זיך אָפּגערוקט. און אַז ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיט די צוויי פֿרויען האָט ער אַ שעפּטשע־געטאָן:

— דערלויבט, איין רגע.

זיין האַנט איז געבליבן הענגען אויפֿן פּאַלב פֿון עמיליאַס אַרבל.

ער איז רויק. עמיליאַ דערקענט ניט קיין סימן וואָס זאָל אויסגעבן זירקאָווס כּוונות. דאָס פּנים איז קאַלט, אָן שום אויסדרוק. ניט קיין כּעס און ניט פאַרוווּנדערונג. דאָס איז אַ פּנים פון שטיין.

— איר זענט ניט אָנגעקומען אויף אייער באַשטימונג־אָרט. — האָט עמיליאַ געזאָגט.

דאָס איז געווען אַזוי אומדערוואַרט פאַר זירקאָוון אַזש ער האָט אויפגעשוידערט. ער איז זיכער געווען אַז עמיליא וועט ניט וואַגן דאָס צו זאָגן, אַז זי וועט ניט וואַגן געבן די קלענסטע אָנצוהערעניש אַז זי האָט אים שוין ערגעץ באַגעגנט. מיט זיין דורכדרינגענדיקן בליק און דערפאַרנ־קייט האָט ער גלייך, ביים ערשטן מאָל, דערקענט עמיליאַן. ער איז געווען זיכער אַז אויך זי דערמאָנט זיך דעם פלי אין אר־2־עראָפּלאַן. די דאָזיקע זיכערקייט האָט ער געהאַט בעת ער האָט גערעדט צו די פּאָליאַקן. דאָס איז געווען אַ פּאַטאַל פלאַפּלעריי. סתּם רייד. איצט איז ער אַנטפּלעקט געוואָרן. וועט זי דען שווייגן? זי וועט זיכער אויסדערציילן די מענטשן פון דער דעלעגאַציע. די טעג קומען עסעס־לייט דורכקאָנטראָלירן די מענטשן פון זשעלאָנקי. די יונגע פרויען וועלן פאַרשיקט ווערן אין טיפן דייטשלאַנד. זי וועט אויסגעבן.

— ווער זענט איר?

ער האָט געשטעלט די פראַגע אין אַזאַ טאָן וואָס האָט איר געגעבן צו פילן אַז ניט אין ענטפער גייט אים. ס'איז געווען אין דער פראַגע אַן אַרויסרוף, בייזקייט און שרעק. יאָ, ממש שרעק פאַר עמיליאַן.

זירקאָוו האָט זיך פאַרהאַלטן. די מענטשן זענען אַריבער דעם טאָל. פון דאַנען זעט מען דאָס פעלד מיט די טויזנטער מענטשן. אַ ריזיקער המון. מענטשן־פלעקן; באַוועגלעכע, פאַרביקע, טונקעלע, אַזוי ווי אַ טייך אין שטורעם ווען די כוואַליעס הוידן זיך און פאַלן מיט געפּאַטשעריי.

דער ווינט האָט געבראַכט אַ צעצויגענעם מענטשן־געזשום, אַ מאָנאָ־טאָנעם, אַזאַ וואָס עס קומט פון אַ זאַנגען־פעלד ווען ס'קלינגען אָפּ די קאָסעס און דער נאָכקלאַנג וויגט זיך אין חלל. און ווייטער פון פעלד, נאָך די קוסטעס, נאָך די ווערבעס, אויף יענער זייט מויער זעט מען וואַרשע. די שטאָט איז פאַרהילט אין וואָלקנס. היינט זענען זיי דורכזעעוודיקע ווי

די שלייערן פון אבלדיקע פרויען. וואַרשע האָט איצט אויסגעזען ווי אַ צמענטאַר, אַן אַלטער, אַ פאַרלאָזענער, וואָס איז אָפּגעפונען געוואָרן ערגעץ אין אַ וויסטער העק.

אַ גאַנצן אָוונט האָט זירקאָוו פאַרבראַכט מיט יעגאָראָוון און באַר־באַריסקין. זיי האָבן געשפּילט אין קאָרטן. אַנטיפּ איז אַרומגעלאָפן ווי אַ לייב אין שטייג.

— די סאָוועטן האָבן היינט באָמבאַרדירט דאָס דייטשישע פּליפעלד אָקענטשע. דאָס איז ניט־ווייט פון דאַנען. מען האָט געהערט די אויפרייסן.

— זיי וועלן אַריינקומען. — האָט געזאָגט יעגאָראָוו.

— ראַזיר אָפּ דעם קאַרק, זאָל ער זיין צוגעגרייט, די שטריק זאָל גוט ליגן אויף אים.

באַרבאַריסקי האָט געוואָלט פאַרדעקן מיט דער אייבערשטער ליפּ די רויב־ציין און ניט געקאָנט. זיין געלעכטער איז צערונען געוואָרן אויף זיין פּנים אַזוי ווי עס רינט אָפּ וואַסער פון אַ זיפּ.

די נאַכט איז אויף זשעלאַנקי געווען אַ שטילע. ביי אַנטיפּס פענצטער האָט געסקאַמלעט אַ הונט. אַ רעפלעקטאָר־שיין איז געפאַלן נידעריק ביז צו די קוסטעס. אין איין באַראַק־פענצטער איז שטאַרק ליכטיק. זירקאָוו האָט אויפגעמאַכט די טיר און אַרויס אין הויף.

יעגאָראָוו און באַרבאַריסקי זענען אַוועק. זייערע שאָטנס האָבן זיך נאָכגעוואָקלט נאָך זיי. צווישן די שאָטנס האָט זיך געפּלאָנטערט דער הונט. זיי זענען אַוועק קיין זשעלאַנקי.

פון וואַנען נעמען זיך פּלוצעם אַזוי פיל טונקעלע וואָלקנס?

זיי זענען נידעריק. ממש איבער די קעפּ. מען קאָן זיי אָנרירן מיט די הענט. זיי נידערן אַלץ מער און מער. באַלד וועלן זיי פאַלן אויף די אומגליקלעכע. די מענטשן וועלן דערוואָרגן ווערן. די ערד וועט זינקען. אַ ווינט רייסט די קוסטעס. עמעצער וויינט. ס'איז אַ געוויין ווי פון ווערבעס אויף אַ נאַקעט פעלד. אַ געוואַנט פלאַטערט אין ווינט. אפשר איז עס אַ פויגל, אַ שוואַרצער, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ניט ווייט פון דער ברענענדיקער שטאָט?

עס איז לויערנדיק שטיל. נאָך האַלב־נאַכט האָבן זיך ביים ראַנד פון פעלד נעבן די קוסטעס געצונדן קליינע פייערלעך. זיי זענען אומ־געריכט אויפגעשפּרונגען און אומגעריכט זיך פאַרלאָשן.

— אַדאַנק דיר, פאַר דער שטילקייט, דו אַלמעכטיקער, וואָס דו באַ־וויליקסט.

די שטילקייט איז שוין מער ניט איבערגעריסן געוואָרן ביז עס האָט געליכטיקט.

— אַ שטילע נאַכט געווען. די ערשטע שטילע נאַכט אויף זשעלאָנקי.

פאַר טאָג האָט מען געפונען אַ דערשאָסענע הייליקע שוועסטער.

— ס'איז געווען נאָך האַלבער נאַכט. אַ פאַראייִנצלנער שאָס און דערנאָך נאָך איינער.

די נאָנעס האָבן אויסגעגראָבן אַ קבר מיט די הענט. דער גלח האָט עפּעס געשעפּטשעט. מען האָט אַוועקגעשטעלט אַ קליינעם צלם פון ווערבע־ריטלעך און איינע האָט זיך דערמאָנט, אַז די דערשאָסענע האָט געהייסן עמיליאַ. דעם נאָמען האָט מען אָנגעשריבן אויף אַ קליין ברעטעלע און עס אָנגעבונדן ביי די ריטלעך.

אין דער צייט ווען אַנטיפּס מענטשן האָבן געבושעוועט אין די פאַר־נומענע קוואַרטאַלן פון וואַרשע און געמאָרדעט די ציוויל־באַפעלקערונג, האָט דאָס דייטשישע מיליטער אַטאַקירט די ראַיאָנען פון דער שטאָט וואָס גרענעצן זיך מיט דער ווייסל. דער ביי־ווייסל־ברעג איז באָמבאַרדירט געוואָרן פון דער לופט. די פלאַמען האָבן זיך געשפּיגלט אין טייך. דער גאַנצער ראַיאָן איז געווען פאַרהילט אין פייער. אַלטשטאָט איז שוין אין דייטשישע הענט. די דייטשן האָבן געהערשט איבער חורבות. פון די קעלערן־אַרויס האָבן זיי געטריבן די באַפעלקערונג אויף די פּאָזיציעס פון די אויפשטענדלער, אויף באַריקאַדן און קעגן־טאַנק־צוימען. דאָס פייער פון די אויפשטענדלער איז איינגעשטילט געוואָרן און אַ המון פרויען, קינדער, זקנים און יונגע מיידלעך זענען אַרויפגעפּאַלן אויף די צוימען און הינטער זיי האָבן זיך גערוקט די שטאָלענע טאַנק־פעסטונגען מיט דייטשן. די מענטשן זענען צעמאַרשטשעט געוואָרן אונטער די רעדער פון די טאַנקן,

זיי זענען געפאַלן אויף דעם אויפגעריסענעם ברוק. טייל זענען געלאָפן מיט צעשפרייטע הענט, מיט צעפלאָסענע האָר.

אויף דער ביי־ווייסל־ראַיאָן איז געפאַלן. די שטאָט האָט שוין ניט קיין ברויט. עס פעלט וואַסער. ביי די ברונעמער, וואָס זענען אין געאייל געגראָבן געוואָרן, זאַמלען זיך לאַנגע רייען. מען שעפּט פון דאָרט אַ מוטנע וואַסער. פרויען שלייכן זיך אין די קאַנאַוועס, לענגאויס די טראָטואַרן מיט עמערס, מיט טשייניקעס. עטלעכע מענער האָבן געבראַכט פון ערגעץ אַ צעריסן פערד. אַרום פערד דרייען זיך צענדליקער מיט פאַרבלוטיקטע מעסערס. דאָס טיילט מען זיך מיט פאַרציעס פלייש פאַר די שותּפותדיקע קיכן. אַן עלטערער מאַן האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ מעסערל און צע־שפרייט אויף דער ערד אַ צייטונג. מיט דעם קליינעם שטאָל שניידט ער פּיצלעך פלייש און וויקלט עס איין אין דער צייטונג. דאָס טויער איז איבערגעפולט מיט פרויען. אַלע אין קאָפּטיכלעך. די מענער זענען ניט ראַזירט, מיט רויט־אַרויסגעזעצטע אויגן.

מען האָט צעטראָגן ס׳גאַנצע פערד. אין טויער זענען נאָר געבליבן טונקעלע בלוט־פלעקן און רויטע ביינער. עמעצער שפּאַלט זיי מיט אַ האַק.

וואַרשע הונגערט. די עלעקטראָ־סטאַציע איז צעשטערט געוואָרן פון אַרטילערישן פייער. וואַרשע איז איינגעהילט אין פינצטערניש.

דייטשן רייסן זיך אַריין אין די קעלערן ווו ס׳ליגן פאַרוווּנדעטע און שיסן אַלעמען פון אַן אויטאָמאַטיש געווער. זיי נישטערן אין די ווינקעלעך. דאָס הילפס־מיליטער פאַרפּליִצט די פאַרשטעט. מען זאַמלט די ציוויל־באַפעלקערונג אויף פּלעצער, אויף מערק. מען שטעלט זיי אויס אין רייען. טויזנטער אויגן פון וואַכלייט זוכן, נישטערן, פאָרשן. צווישן די וואַכלייט: דייטשן, אוקראַינער, רוסן, ליטווינער, לעטן, אונגאַרער. מען זוכט ייִדן. ייִדישע פּנימער.

— דאָס איז אַ ייִד?

מען קאָנטראָלירט פּאַפּירן. דאָס געשעט בליץ־שנעל. אַ שאָס. נאָענט רוישט אַ מאָטאָר פון אַן אויטאָ. אַ קאַנטיקער פּרצוף פון אַ דייטש ווי אַ סקעלעט באַצויגן מיט בלעך קוקט פון אַן אָפענער מאַשין.

אין אַ ריי ווערט אַ טומל.

אַ פּרוי, אין די מיטעלע יאָרן שרייט. די וואַכלייט לויפן זיך צונויף.

— מיינע הערן. דאָס איזט יודע! איין יודע! פאַרוואָס זאָלן מיר צוליב אים ליידן. מען וועט נאָך אונדז חושד זיין אַז מיר באַהאַלטן אויס.

מען פירט אַרויס אַ צעטומלטן יונגן מענטש פון דער ריי.

— אַ חוצפה פון אַ זשיד איינצושטעלן דעם גאַנצן נאַראָד צוליב זיך. וויניק האָבן מיר געליטן.

— וואָס באַהאַלטן זיי זיך הינטער אונדזערע פּלייצעס?

— כ'האָב אַליין געזען אויסבאַהאַלטן זיך אין קאָשטשאָל פון הייליקן אַנטאָני, זשידעס, זיי האָבן געשאָסן אויף די הייליקע בילדער.

— ס'גראַסירן אויך דאָ אַרום זשידעס פון דער גאַנצער וועלט, אין דער אומגליקלעכער וואַרשע אונדזערער. פאַר זיי איז וואַרשע ניט הייליק.

— מען זאָגט, אַז די לאַגערן זענען פול מיט ייִדן פון דער גאַנצער וועלט.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס?

— מען ווייסט. וועלן די דייטשן פאַרשפּילן, וועט אַ זשידאָווסקע לאַווע פאַרפלייצן אונדזער היימלאַנד.

— זיי זענען אויך פול אויף יענער זייט ווייסל.

— ווו זענען זיי? — האָט זיך געחידושט אַ יונגע פרוי.

— ביי די סאָוועטן. דאָס איז אַ זשידאָווסקע כיטרעקייט וואָס די סאָוועטן שטייען ביי דער ווייסל. זיי נעמען נקמה אָן אונדז.

— רייד ניט קיין נאַרישקייטן.

— נאַרישקייטן? דאָס איז אמת! די מאַכט ביי די רוסן איז אין זשידאָווסקע הענט. אַלע אָפיצירן זייערע זענען ייִדן... כ'האָב וועגן דעם געלייענט...

אומעטום זענען זיי, די דייטשן. אויף אַלע ראָגן. זיי פאָרן פאַרביי שווייגנדיקע און אין די הענט — אויטאָמאַטן גרייטע, געלאָדענע.

ווידער אַן אָנפאַל פון דער דייטשישער אַוויאַציע, און אין רגעס שפּעטער — אַן אַרטילעריש פייער. אַ ייִדישע גרופּע וואָס האָט זיך אַרויס־געריסן פון אַלט־שטאָט פירט אַ שווערן קאַמף אויף נייוועלט. זיי בלייבן פאַרגליווערט בשעת דעם פאַרצווייפלטן געלויף פון ציוויל־פּאָליאַקן אויף

זייערע פּאָזיציעס, די וואָס ווערן געטריבן פון דייטשישע טאַנקן. זיי זעען שוין אַזוי באָענט.

— שיס! שיס!

דאָס איז ניט קיין געשריי. דאָס איז אַ קינזשאַל וואָס שטעכט דורך דאָס האַרץ און אַן אַדורכגעשטאָכנס צאַפּלט עס אַ צוגענאָגלטס צום שאַרף. הינטער די רוקנס פון די קינדער און פרויען זעט מען דייטשן?

— שיס! שיס!

איינער האָט אויסגעשאָסן. דאָס איז דער קאָמאַנדיר, אַ יונגער העל־האַריקער. נאָר דער, וועמען ס'איז געגעבן געוואָרן דער באַפעל, דער האָט אויסגעשאָסן אין אייגענעם האַרץ אַריין.

דער דייטשישער גענעראַל ראָר האָט זיך געוואָנדן צו די אויפ־שטענדלער. ער וועט פאַרזיכערן קאָמבאַטאַנטן־רעכט פאַר די אָנטיילנעמער אין אויפשטאַנד. דאָס דאָזיקע איז ער באַפולמעכטיקט פאַרצולייגן אין נאָמען פון פאָן־באַכן. צומאָרגנס האָט ער עס שריפטלעך פאָרגעשלאָגן און געפאָדערט אַ באַלדיקע תשובה.

אין דעם דאָזיקן טאָג איז פאָרגעקומען אַן אומדערוואַרטעט גע־שעעניש.

פון יענער זייט ווייסל האָבן זיך באַוויזן סאָוועטישע עראָפּלאַנען. זיי האָבן געקרייזט איבער דער שטאָט. און אין געציילטע רגעס שפּעטער האָט זיך דערטראָגן אַ גוואַלדיק אַרטילעריש פייער — די סאָוועטישע אַרטילעריע האָט זיך אָפּגערופן נאָך זעקס וואָכן שווייגן.

ניט דער דייטשישער גענעראַל ראָר און ניט זיין שעף פאָן־באַך האָבן באַקומען אַ תשובה אויף דער פאָדערונג פון קאַפּיטולאַציע.

עס האָט זיך געדוכט, אַז די אויסלייזונג פון דיליידן איז גאָר נאָענט, אַז זי קומט פון יענעם ברעג ווייסל.

אין איינער פון די דאָזיקע נעכט האָט זיך זשילין דערנענטערט צו דער ווייסל און אויף אַ קליין שיפל דורכגעשלייכט זיך אויפן צווייטן ברעג. ס'האָבן אים באַגלייט עטלעכע פאַרבינדונגס־מענטשן פון „מאָנטערס" שטאַב. זיי האָבן אים באַטראַכט ווי אַ וויכטיקן שליח וואָס וועט דערציילן דעם

אמת פון גרויסן קאַמף וואָס גייט נאָך אָן אין דער האַלב־פּאַרוויסטער שטאָט. זיין שיפּל איז רויִק דורכגעשווומען די ווייסל און דערשלאָגן זיך צו דער סאַסקער קעמפּע.

דער הונגער בושעוועט.

די דייטשן גייען פּאָרויס. זיי פירן אַריין נייע טאַנקן, זיי וואַרפן פּיעכאָטע אויף טשערניאַקאָוו, אויף זשאַליבאָזש. די אויפשטענדלער האָבן ניט קיין געווער.

די סאָוועטן דערלויבן שוין די אַלייִרטע צו לאַנדן אויף די פעלד־ פעלדער פון יענער זייט ווייסל. עס איז אָבער שוין שפּעט. 80 סאָוועטישע עראָפּלאַנען אַטאַקירן אַ גאַנצן טאָג פּראַגע. פּראַגע ברענט!

די דייטשן טרעטן אָפּ. זיי רייסן אויף די בריקן פון דער ווייסל. אין וואַרשע האַלטן זיך די אויפשטענדלער. זיי זענען שטאַרק אין מיטלשטאָט, אין מאָקאָטאָוו, אין זשאַליבאָזש, אין טשערניאַקאָוו. די סאָוועטן וואַרפן געווער און שפּייז.

סאָוועטישע פּאַראַשוטיסטן באַווייזן זיך אין פאַרשיידענע פּונקטן פון שטאָט. זיי זענען באַשטימט פון דער רוסישער קאָמאַנדירונג איבערצושיקן נאָך ידיעות פון אַרטילעריע־פייער. קיין אַנדערן שיפער האָבן זיי ניט. סוף סעפּטעמבער האָבן צוויי סאָוועטישע גרופּן פאָרסירט די ווייסל. דאָס זענען געווען פּוילישע אָפּטיילונגען, „בערלינגאָוועצעס״, גוט באַוואָפנטע, אונטער דער קאָמאַנדירונג פון אַ סאָוועטישן אָפיציר. פאַר טאָג האָבן זיי זיך אָבער צוריקגעצויגן אויפן מיזרח־ברעג פון דער ווייסל מיט גרויסע פאַרלוסטן.

די הילף וואָס ס'האָבן איצט געוואָרפן די אַלייִרטע פון מערב איז אַריינגעפאַלן ס'רוב אין דייטשישע הענט. די געגנטן פון דער שטאָט וואָס זענען געווען ביי די אויפשטענדלער, זענען איינגעשרומפּן געוואָרן.

און ווידער איז שטיל געוואָרן דער מיזרחדיקער ברעג פון דער ווייסל. די סאָוועטישע עראָפּלאַנען באַווייזן זיך מער ניט איבער דער שטאָט. די דייטשן הערשן אומגעשטערט איבער דעם הימל.

אַ טריקעניש איז באַפאַלן די גערטנער, די פעלדער און די וועלדער אַרום דער ווייסל. אַפילו דער הימל זעט אויס צו זיין אַ דאַרשטיקער. אַ געלקייט, אַ פלעקיקע, אַ זשאַווערדיקע האָט זיך געשפּרייט פון יענער זייט

טייך. די צווייגן האָבן געלעכצט נאָך פייכטקייט, די בלעטער זענען פאַר־וויקלט געוואָרן און ס'האָבן זיך אָנגעזען אָנגעדראָלענע ברוינע אָדערן. טייל שטאַמען האָבן זיך געשיילט, און אַ קאָרע, אַ ברוינע איז טראַנטעדיק געהאַנגען און געוויגט זיך אין מינדסטן ווינטל. און די מענטשן זענען אַרומ־געגאַנגען מיט אויגן אַרויסגעזעצטע, מיט ליפּן פאַרטריקנטע, מיט קינבאַקן פאַרשׂרפּהטע. זיי האָבן געקוקט צו די הימלען און געזען אויסטערלישע וואָלקנס, צעמאַרשטשעטע, צעפּיצלטע און פון הינטער די וואָלקנס זעט זיך אָן אַ הימל ווי דער דנאָ פון אַן אויסגעטריקנטן טייך — אַ צעלעכצטן, אַ צעשפּאָלטענעם. נאָר אין די נעכט האָט דעם הימל פאַרהילט אַ נעפּל און דער נעפּל האָט פאַרוויגט דאָס געוויין פון מענטשן און פון די חורבות.

די ווייסל־ברעגן האָבן זיך דערנענטערט. די וואַסערן זענען אָפּגע־פאַלן און ס'האָבן זיך אַרויסגעזען ליכטיקע זאַמד־אינדזלען. זיי זענען באַ־לויכטן געוואָרן פון אַ שפּעט־זומערדיקער זון, וואָס האָט געגאָלדיקט דעם זשוויר, די פלאַכע ווידמעס באַזיימטע מיט אַ זילבערנעם וואַסער־שטראָם. אין די נעכט האָבן זיך שאָטנס געשלייכט צווישן די אויסגעטריקנטע טראָסטניק־קוסטעס, צווישן די קאַרליק־קזשאַקעס און אַלערליי זילבער־גראָזן. עס איז ניט געפאַלן אויף זיי דאָס ליכט פון מילכוועג, ניט דער שטערן־שטויב וואָס האָט געליכטיקט איבער דער ווייסל.

אַרומגערינגלט אין דריי באַזונדערע רינגען ראַנגלען זיך די אויפ־שטענדלער פון וואַרשע. אָפּגעטיילטע פון זיך דורך דייטשיש מיליטער, דורך פייער־גרענעצן, רייסן זיך דורך איינצלנע פאַרבינדלערס דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן. מען שלאָגט זיך אין חורבות, צווישן וואָלקנס רויך שוואַרצגעקרייזלטע, צווישן פייער־צונגען זילבערדיק־רויטע. די גאַסן פאַרוואַנדלען זיך אין אַ בית־הקברות. אומעטום קברים. זיי ציִען זיך לענגאויס די הייזער, אין די הייף. מען גראָבט זיי אין געאייל, אונטערן דייטשישן פייער.

צינדבאָמבעס און מינעוואַרפער פאַרניכטן די מיטל־שטאָט. די דייטשן אַטאַקירן מאָקאָטאָוו. דער קאַמפּינאָסקער וואַלד ברענט. די געהילפס־דיוויזיעס ציִען זיך פון דאָרט צוריק אויף מערב. וואַרשע הונגערט. מאַמעס טוליען די עופעלעך צו די ליידיקע ברוסטן. מען זאַמלט איין דאָס וואַסער

פון די רעגנס. נאָר אויף דריי טעג וועלן סטייען די הונגער־פּאַרציעס.

די דייטשישע דיוויזיעס אין וואַרשע ווערן אָנגעפירט דורכן גענעראַל פאָן דעם באַך. אַ פּרייסישער יונקער, ברייטפּלייציק, הויך, מיט גאָלד־באַרעמטע ברילן. ער טראָגט אַן עסעס־מונדיר און אויפן האַלדז — אַן אייזערנעם קרייץ. ער וועט עס זיין דער באַזיגער פון דער אומגליקלעכער שלאַכט צווישן אַ שטאָט וואָס איז אויפגעשטאַנען און אַן אַרמיי וואָס איז געגאַנגען איינצונעמען די גאַנצע וועלט.

אין יענער נאַכט האָבן זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צו דער ווייסל קליינע גרופּעס יידן. דער גאַנצער ברעג איז באַזעצט פון דייטשן. זיי נישטערן אַרום מיט רעפלעקטאָרן איבער די פעלדער. דער ליכטפּאַס גליטשט זיך אויף דעם טייך, אויף די זאַמד־אינדזלען. די ווייסל איז פלאַך. די טריקעניש איז אויך באַפאַלן די גראָזן, זיי שאָרכן ביי יעדן ריר פון ווינטל. מען קאָן, אויף אַ טייל ערטער, דורכגיין דעם טייך.

דער צווייטער ברעג איז פאַרהילט אין חשכות. דער ברעג טונקלט זיך פון געדיכטע קוסטעס.

דאָס איז דער לעצטער טאָג פון דער פרייער וואַרשע.

עס גייען אָפּגעשליסענע, איינגעדאַרטע, פאַרהונגערטע מענטשן. אין צוויי אויפשטאַנדן האָבן זיי זיך באַטייליקט. דער אויפשטאַנד פון געטאָ, מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק, און דער אַלגעמיינער אויפשטאַנד — וואָס גייט איצט אויס. פאַרוואָס איז ער ניט געקומען צוזאַמען — דער אויפשטאַנד פון די געטאָ־קעמפער און פון די פּאַליאַקן?

די וואַסערן זענען וואַרעם. זיי פאַלן־צו מיט מילדקייט, מיט גוטסקייט. זיי היילן די פאַרוואונדעטע פיס. זיי נעמען אַרום מיט ליבשאַפט דעם גוף. די ווייכע, געשליפענע כוואַליעס פאַרוויגן. מען גייט צו דער טונקלעניש פון דעם מיזרח־ברעג.

אַ שוואַרצער פלעק הוידעט זיך אויף די גראָ־זילבערנע נאַכט־וואַסערן. אַ פּאַס ליכט נישטערט אין די ביימער־קרוינען. אַן איבערגעוועקטער פויגל האָט צעשניטן מיט זיין פלוצעמדיקן געשריי דעם מילכוועג. אַ ראַקעטע איז צעשאָטן געוואָרן איבערן קאָפּ. מיליאָנען פיש הייבן זיך אויף צו די אייבערשטע וואַסערן און שטעקן אַרויס אָפענע מיילער. זיי

זילבערן זיך די געעפנטע פיש־מײַלער און שלינגען איין דעם ראַקעטע־שטויב. ניין, דאָס זענען ניט קיין פיש. דאָס איז דער געפּליוך פון קוילן אין טייך.

עמעצער איז געפאַלן. מען האָט נאָר געזען ווי די וואַסערן פאַרמאַכן איבערן געפאַלענעם דעם שוואַרצן אָפּגרונט און אַ ליכטיקע זילבערנע וואַסער־פלאַכקייט ציטערט און קרייזט זיך אין שטערנליכט. דער טונקעלער פלעק האָט זיך צעוויגט. די לאַנגע שורה מענטשן האָט זיך פאַרוויקלט, פאַרפלאָנטערט. אַ מינע איז דורכגעפלויגן מיט אַ ווייסטיקן געוואַי. און נאָך דעם געוואַי איז געקומען אַ געהילך פון אַ שיסערײַ. די דייטשן האָבן געצילט צו די שוואַרצע קוסטעס, צו די ביימער־קרוינען.

ער וועט שוין מער ניט ליידן, דער יונגער ליכטיקער בחור פון נאָוואָליפּקע גאַס, דער זון פון ייִדישן שניידער. ער האָט אָוועקגעשאָנקען זיין גוף דער ווייסל, דעם פרייען טייך, ער האָט באַהערשט די ווייסל מיט זיין גוף. ער געהערט ניט צו קיינעם, דער דאָזיקער טייך, ניט צו די דייטשן און ניט צו די וואָס שטייען אַזוי רויִק און גלייכגילטיק אויף יענער זייט. דער טייך איז פריי. ער איז געפאַלן מיט דער ביקס. דאָס שטאָל וועט אים צונאָגלען צום באָדן. ס׳איז גוט צו בלייבן אויף דעם באָדן פון טייך. און זיין לעצט געשעפּטש איז געווען: זאָלן מיך די וואַסערן ניט אַרויס־שליידערן אויף די ברעגן פון דער ווייסל, ניט אויף דעם רעכטן ברעג און ניט אויף דעם לינקן ברעג. איך וויל בלייבן דאָ, צווישן הימל און וואַסער. נאָר די וווּנדערלעכע ווייסל איז גוט געווען צו אונדז, זי איז אונדז געווען ווי אַ מאַמע וואָס נעמט אַרום און פאַרהילט — — —

עס איז געפאַלן דאָס מיידל פון מוראַנאָוו מיטן ניט־ייִדישן נאָמען „יאַנקאַ" — די טאָכטער פון אַ פאַראַרעמטן סוחר. ערשט ווען זי איז אַרויפּ־געשווומען אַ טויט־פאַרווונדעטע אויף דער אייבערפלאַך האָבן זיך אירע גאָלדענע האָר צעפלאָכטן און אַריינגעפלאָכטן אין די ווייסל־כוואַליעס אַריין.

עס וועט שוין מער ניט דערגרייכן צו זיין ווייטער היים דער אומ־רויִקער סאַלאָניקער ייִד. ער וועט מער ניט זען די האַפן־געסלעך פון זיין שטאָט. ניט דער גרינער ים האָט אים פאַרוויגט, נאָר דער פרעמדער טייך וואָס הייסט — די ווייסל.

ביידע ברעגן האָבן געעפנט אַ פייער. מיזרח האָט געענטפערט דעם מערב. צווישן די ביימער בליצט. צעשאָטענע פייער־קרעלן לויפן איבערן טייך הין־און־צוריק און אין דער מיט פון טייך אַ שיפל מיט ייִדן. זיי קאָנען ניט פאָרויס און קאָנען ניט אָפּטרעטן. זיי געפינען זיך אין דער מיט פון דער צעהפקרטער פייער־נאַכט.

וואַרשע קאָן זיך שוין מער ניט פאַרטיידיקן. ווען ניט קומען קיין הילף באַלד, שוין, מוזן די אויפשטענדלער קאַפּיטולירן.

ס׳איז סוף סעפטעמבער 1944.

פון יענער זייט ווייסל שפרייט זיך אַ טויטע שטילקייט. דעם 2טן אָקטאָבער, אין דער פרי, באַווייזט זיך אַ דעלעגאַציע פון די אויפשטענדלער מיט אַ ווייסער פאָן ביי די דייטשישע פּאָזיציעס לעבן דער פּאָליטעכניק. אין אַ פּריצישן גוט פון אָזשאַראָוו, צען קילאָמעטער מערבדיק פון וואַרשע, געפינט זיך די הויפטקוואַרטיר פון גענעראַל פאָן דעם באַך. דאָרט ווערן אויפגענומען די פּאָליאַקן. זיי לייגן פאַר דעם באַפולמעכטיקונגס־בריוו אויף אָנצוהייבן די אונטערהאַנדלונגען פון קאַפּיטולאַציע. דער גענעראַל באַך שטעלט זיך פייערלעך אויף פון אָרט און מיט אים צוזאַמען הייבן זיך אויף אַלע אָנוועזנדיקע דייטשן. די פּאָליאַקן זענען איבעראַשט פון דעם דאָזיקן צערעמאָניאַל.

דעם 3טן אָקטאָבער איז שטיל געוואָרן.

63 טעג האָט זיך געראַנגלט פּוילנס הויפּט־שטאָט. טויזנטער מענטשן, אויסגעמאַטערטע, הונגעריקע, דערשלאָגענע האָבן זיך געלאָזט צו די אַרויסגאַנגען פון די פאַרבאַריקאַדירטע גאַסן. זיי זענען געקומען פון די חורבות, פון קעלערס, פון בונקערס. זיי האָבן מיט זיך געשלעפּט קליינע רעשטן פון אָפּגעראַטעוועטן פאַרמעגן, זיי האָבן געטראָגן אויף די הענט קראַנקע, פאַרווונדעטע און אָפּגעשוואַכטע. מאַמעס מיט זויגקינדער. זקנים אָנגעשפּאַרטע איינער אָן צווייטן. יונגע מענער מיט פאַרבלוטיקטע באַנדאַזשן. פרויען אין שוואַרצן. אַלע ווערן געפירט קיין פּרושקאָוו. די גאַסן זענען באַוואַכט: עסעס־מענער, געהילפס־מיליטער און פּאָליציי.

אַ פרוי, אַ ניט־שלעכט געקליידעטע, ווייזט אָן אויף אַ מאַן:

— דאָס איז אַ ייִד.

— דאָס איז דאָך דער דאָקטאָר פעליקס — חידושט זיך עמעצער.

אַ דייטש רופט אַרויס דעם מאַן פון דער ריי און דערשיסט אים. עמעצער שלעפט אים, אַ דערשאָסענעם שוין, צו די חורבות.

אַזוי איז אומגעקומען דער יונגער ייִדישער דאָקטאָר מיכאַיל לייפּונער. בעת די קאַמפן האָט ער געראַטעוועט פאַרשאָטענע פון אונטער די חורבות און זיי געגעבן די ערשטע הילף. „באַר אַ פּאָליאַק קאָן זיך אַזוי מקריב זיין" — האָט אים געזאָגט אַ פרוי וואָס ער האָט איר געראַטעוועט. איצט האָט אים אַן אַנדערע אויסגעגעבן.

עס זענען אומגעקומען דער העלדישער באָלעסלאַוו קראַוויעץ, דער אָפּיציר רישעק, די באַרימטע פּאָלאַ, די קעמפערין סטאַשאַ. — גיבורים פון ייִדישן וואַרשע.

טויזנטער אויגן האָבן איצט געגנישטערט אין די לאַנגע רייען ציווילע. ווער איז אַ ייִד? איצט קען מען ייִדן לייכט דערקענען. זיי טיילן זיך אויס פון המון דורך דעם אומענדלעכן טרויער, דורך דעם צווייפאַכיקן צער וואָס ליגט אויף זייערע פנימער. דורך אָט אַ די טיפע פאַראומערטע ייִדישע אויגן. זיי זענען איינזאַם אין דער מאַסע פּאָליאַקן. איינזאַמע צווישן דעם איינזאַמען פאָלק, דעם פאָלק וואָס גייט אַוועק אין אומבאַקאַנטן.

זיי זענען צווייפאַכיק געפאַנגען. דאָפּלט פאַרשפילטע; ווי פּאָליאַקן און ווי ייִדן. געפאַנגענע ביי די דייטשן און געפאַנגענע ביים געפאַנגענעם המון פּאָליאַקן. אָט קאָן זיך אויפהויבן אַ האַנט פון איינער פון די פרויען אין שוואַרצן, פון אַ מיד־און־מאַטן מענטשן און טייטלען: אַ ייִד! אַ ייִד!

זיי וואַלגערן זיך דערשאָסענע אין די זייטן פון וועג. מען שטויסט זיי אַוועק מיט די פיס.

„היט זיך פאַר פרעמדע! לאָזט ניט אַריין אין די רייען קיין ייִדן!" — הילכט אין אַ גוטן פּויליש דער הילכער פון אַ דייטשישן אויטאָ.

ווער רעדט דאָס? אַ דייטש? אַ פּאָליאַק?

— „איר וועט פאַראַנטוואָרטלעך זיין פאַר יעדן אויסבאַהאַלטענעם ייִד און באָלשעוויק". — פאַרוואָקסענע פנימער קוקן זיך איבער מיט פאַר־דאַכט. אַרום — חורבות. מען קלעטערט איבער שטיינער, איבער גזימסן. זשאַווערדיקע אייזנס. אויסגעברענטע שוואַרצע לעכער. אַ גיפסענער ביוסט

פון אַ יונגפרוי. ציגל. ווידער אייזנס. אַ שטיק טאַפּעטן־וואַנט, אַ ראָזלעכע מיט איילבערט־צווייגן. פאַרברענטע געהילצער — שוואַרצע, צעלעכערטע, צעשפּאָלטענע.

דער המון גייט און גייט. טייל טראָגן אויף די אָרעמס ווייסע פּאַסן, טייל שוואַרצע. דער הימל איז טיף, בלאָ. לייכטע וואָלקנס, פּוכיקע, שפּיגלען זיך אין דער ווייסל. דורך דעם המון לויפט אַ געשאָרך אַזוי ווי אַן אומרויִק ווינטל דורך אַ פעלד אַ צעטראָטנס ווו ס׳זענען דורכגעלאָפן האָרדעס צע־ווילדעוועטע פערד.

— וווּהין? וווּהין...

און מיט אַ מאָל — אַ דערלייכטערונג. זיי זוכן נאָר יידן און באָלשעוויקעס. זיי ווילן דאָס מאָל האַלטן וואָרט.

די שטילקייט לעכערט די אויערן. מען איז שוין פון איר אָפּגעוווינט. די שטילקייט באַאומרויִקט.

די ערשטע טעג פון אָקטאָבער זענען געווען רעגנדיקע, די פאַרטאָגנס — קילע, נעפלדיקע, מיט שווערע וואָלקנס וואָס האָבן געניִדערט צו די חורבות. אַרום מיטאָג־צייט איז תמיד געפאַלן אַ רעגן, אַ שיפּלעכער מיט דינע רעגן־פעדעם וואָס זענען ווי אַריינגעדרונגען אין די נשמות. איבער דעם ציגלברוך און אויפגעריסענעם ברוק האָבן די רעגן־פעדעם געוויקלט זיך ווי צעריסענע טעלעפאָן־דראָטן. ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָט אָנגעהאַלטן דער רעגן. דערנאָך איז אויפגעגאַנגען אַ לבנה מיט אַ משונה־דיק ליכט אַזאַ וואָס איז ענלעך געווען צו די אויגן פון פגירות.

די וואַסערן אין דער ווייסל האָבן זיך געמערט. מען האָט שוין מער ניט אָנגעזען די זאַמד־אינדזלען, ניט דעם זשוויר ביי די ברעגן. בייטאָג איז דאָס וואַסער געווען מוטנע און געל, ביינאַכט האָבן די וואַסערן אָנגענומען אַן אַש־קאָליר.

זשעלאַנקי איז ליידיק געוואָרן. די מענטשן זענען, נאָך לאַנגע טעג און נעכט פון וואַלגערן זיך אונטערן פרייען הימל, צעטריבן געוואָרן איבער די שכנותדיקע דערפער, און אַ טייל האָט געפונען די אייביקע רו אין דעם טאָל. דער ווינט האָט געטראָגן דעם שטויב פון די צעטראָטענע זאַמד־וועג־

לעך, די פּאַפּירלעך און אַלערליי צעריסענע קליידער, פּאַרטראָגן דאָס אַלץ צו די קוסטעס, דערנאָך האָט דער רעגן געשמיסן טעג און נעכט. די וואַסערן האָבן ווייך געמאַכט דעם באָדן און אין די פאַלדן פון צעטראָטענעם, אויסגעלאָשענעם פעלד, האָבן געגומען שפּראָצן גרעזלעך. אין די נעכט האָבן זיך פון דעם פעלד געטראָגן אומהיימלעכע בילערייען פון הינט. זיי האָבן געראַיעט אין טאָל, געגראָבן מיט די שאַרף־נעגלדיקע לאַפּעס און געניששטערט מיט הייסע נאָזלעכער, צעשוימטע, די ליימיקע ערד.

דאָס געבילעריי פון די טשאַטעס הינט אויף דעם הפקר־פעלד איז אויסגעמישט געוואָרן מיט דעם שיכּורן געזאַנג פון אַנטיפּס מענטשן. זייערע לידער האָבן זיך געקייקלט אין די רעגנדיקע נעכט נידעריק איבער דעם טויטן פעלד און פאַרפלאָנטערט זיך ביי די קוסטעס, געזונקען צום טאָל ביז ס׳איז געוואָרן איינס מיטן הינט־געהויל.

אַ שפּעט־זומערדיקע, רייפע און איבערגעזעטיקטע גרינקייט האָט זיך באַוויזן ביי דער ווייסל. טייל ביימער־שטאַמען זענען געווען צעבראָכן, צעשפּענט. מען האָט אַפילו אין די טונקעלע נעכט אָנגעזען דאָס בורשטינענע ביימער־פלייש. דערפאַר אָבער זענען די בלעטער געוואָרן גרויס און אָפן, געוועבדט מיט דער גאַנצער בלאַטפלאַך צום ליכט, אַזוי ווי יעדעס קעמערל באַזונדער וואָלט געוואָלט איינזאַפּן אין זיך די ליכטיקייט פון גאָטס וועלט, די וואָס האָט אויף ס׳ניי זיך אַנטפּלעקט.

אַנטיפּ איז אין די דאָזיקע רעגן־נעכט געזעסן מיט זירקאָוון און געשוויגן. דאָס איז געווען אַן אָנגעדראָלן שווייגן ווי פון אַ שווערן בוים ערב אַ שטורעם, וואָס איז פול מיט רעגן אין די צווייגן. באַלד וועלן זיך קייקלען שווערע טראָפּנס פון זיינע צעוויגטע בלעטער.

קיין שיכּרות נעמט אים ניט, דעם אַנטיפּן. די אויגן זיינע ווערן נאָר גלאָזיקער און פינקלען, און ער איז שלאָבערדיק און קאָרג אויף רייד.

אין די באַראַקן הוליעט מען. אונטער יעדן סאָלדאַטסקן בעטל ליגן אין די הילצערנע קעסטלעך גרויסע פאַרמעגנס; גאָלד־רינגלעך, זייגערס, אַלערליי צירונג. די קעסטלעך זענען געקאָוועט מיט בלעך און פאַרשלאָסן אויף שלעסער. דאָס איז דער שפּעט־זומער זייערער. אָנשטאָט איינצוזאַמלען אין קלוניע די גערעטעניש פון זומער, דעם שניט, די פּירות — זאַמלען זיי

אײן דעם רויב. זײ לאָזן זיך אַראָפּ אויף די קני צו די אײזן־באַשלאָגענע קעסטלעך און ביים קאַרגן ליכט פון טאַשן־לעמפּלעך ציילן זיי די גאָלד־רינגלעך. זיי ציילן אַזוי לאַנג ביז די שיכּרות שלאָגט זיי מיט בלינדקייט און עס נעמען שפּריצן פונקען, פון די פונקען ווערן פייערן. זיי פאַרהאַקן די קעסטלעך, קלימפּערן מיט די שליסלען און לאַכן און רעווען. זיי פאַלן זיך אין די אָרעמס אַריין, האַלדזן זיך, קושן זיך און דערנאָך ברעכן אויס אומגעריכט געשלעגן. סתּם אַזוי זיך, פון זאַטקייט, פון לאַנגווייל, פון גאַוװהדיקן געשטעל. ביז עס קומען אויף לאַסט־וועגענער דייטשישע זשאַנדאַמעריע און עפענען אַ שיסעריי אויף די צעהפקרטע און שיכּורע „הילפס־סאָלדאַטן".

פּאַר אַנטיפּן האָבן די דייטשן אָפּשיי. דער געשטעל זיינער, די קרייצן וואָס הענגען אויף זיין ברוסט, די וואָס ער האָט באַקומען פאַר גבֿורה, דאָס אַלץ רופט אַרויס דרך־ארץ.

ביי נאַכט האָט ער זיך צוגעשלעפּט צום פענצטער. ער איז געשטאַנען מיטן פּנים צו זשעלאַנקי. פון דעם פענצטער זעט מען אויך וואַרשע. די שטאָט איז שוין מער ניט פאַרהילט אין רויך־וואָלקנס. דער רעגן האָט פאַרלאָשן די לעצט־טליִענדיקע רויך־נעסטן. אַן אימהדיקע רו טראָגט זיך פון דער אָפּגעשטאָרבענער שטאָט. דאָס נאַכטיקע בילעריי פון די סטאַיעס הינט אין טאָל מאַכט נאָך די רויִקייט און שטילקייט פון די חורבֿות שאַרפער.

— זירקאָוו, וואָס שווייגסטו ווי אַ ניט־גוטער, ווי אַ דיאַוואָל. רייד עפּעס.

קיינער ענטפערט ניט.

פון די באַראַקן טראָגט זיך אַ הייזעריק קריגעריי, אַ בייז און פאַרעקשנט ווי מ׳וואָלט אַן אויפהער געזעגט ברעטער מיט טעמפּע זעגן.

— משוגענע הינט בילן אין טאָל. כ׳דערקאָן דאָס געביל פון משוגע־געוואָרענע... מ׳וואָלט זיי געדאַרפט אויסשיסן...

זירקאָוו איז אַרויס אין הויף. דער שאָטן איז אים פאַרויסגעלאָפן. ער איז אַריין אין באַראַק פון די סאָלדאַטן. דאָ האָט ער זיינע מענטשן. עס וועט לאַנג ניט דויערן. ער וועט זיי אַרויספירן ביז דער ווייסל. דאָרט וועט מען אויף אים וואַרטן.

אַנטיפּ איז שוין איצט ניט שעדלעך.

אַזוי ווי דער ווילדער קוסט וואָס האָט זיך פּלוצעם צעבליט מיט סם־פּרוכט אין דער מיט פון אַ פּאַרוויסטן סטעפּ איז ער געווען. די סמיקע פּרוכט האָט דער שטורעם צעטראָגן און דאָס גיפט האָבן וואַנדער־פייגל אויסגעפּיקט. איצט וואַלגערן זיי זיך, די פייגל, אין טאָל דערוואָרגענע און דערשטיקטע. נאָר לײדיקע צווייגן זענען געבליבן אויף דעם ווילדן קוסט, אויסגעקרימטע און שטעכיקע. די בלעטער, די גרויסע מיט זשאַווער־אָדערן טרייבט דער ווינט איבערן סטעפּ. די בעלי־חי, וואָס גייען דאָ דורך וועלן דעם קוסט ניט באַמערקן, בלויז די סמיקע וואָרצלען זיינע וועלן זיך קלאָ־מערן אין די ערד־טיפענישן.

איין גורל האָט געהאַט וואַרשע — אַזאַ גורל וואָס עס האָט געהאַט דאָס געטאָ. די לעצטע סימנים פון די געטאָ־מויערן זענען אויפגעבראָכן געוואָרן און חורבות מיט חורבות האָבן זיך פאַראייניקט. דער טויט האָט זיך דאָ פאַרברידערט, דער טויט פון געטאָ־קוואַרטאַל מיטן טויט פון מיטל־שטאָט, פון אַלט־שטאָט און מיט אַלע אומגעבראַכטע גאַסן.

„פאַר אונדזער און אייער פרייהייט" — האָבן געקרופן די ייִדן פון מוראַנאָוו, פון גענשע און מילע. אויף יענער זייט געטאָ־טויער האָט מען דעם רוף ניט געוואָלט הערן. דאָרט זענען געלאָפן טראַמווייען, דאָרט האָבן געשפּילט דזשאַז־אָרקעסטערס. דאָ האָט געברענט. דאָ איז חרוב געוואָרן הויז נאָך הויז.

איצט שפּרייטן זיך די חורבות איבער דער גאַנצער שטאָט. נישטאָ קיין גרענעץ. נישטאָ קיין מענטשן מער אין די קעלערן, אין די טויערן, הינטער די טרעפּ. וואַרשע איז פּוסט. סאָלדאַטן, הינט און מאַראָדערן נישטערן איבער דער טויטער שטאָט. עראָפּלאַנען פליִען נידעריק און בלייבן הענגען אין חלל. אַ טויב פלאַטערט איבער אַ באַרג מיט ציגל. די לעצטע טויב פון דער שטאָט.

די געטאָ־חורבות זענען אָבער ניט פאַרלאָזט. ערגעץ באַהאַלטן זיך אויס די לעצטע ייִדן. זיי זענען געבליבן אין דער שטאָט. זייער גורל איז פאַרבונדן מיט די פאַרוויסטע היימען. דאָס זענען די אָנטיילנעמער פון אויפשטאַנד. זיי קענען ניט אַוועק אין געפאַנגענשאַפט. זיי וועלן ניט קאַ־פּיטולירן.

ביי טאָג לויערן זיי צווישן דעם ציגלברוך, אין די שפּאַלטן, אין די לעכער. ביי נאַכט באַפאַלן זיי די קליינע דייטשישע פּאַטראָלן. זיי באַפאַלן מיט ליידיקע פויסטן.

ווער זענען די דאָזיקע ייִדן?

די פּאָליאַקן וואָס זענען אַוועק קיין פּרושקאָוו און דורכגעמאַרשירט דורך די חורבות פון געטאָ דערציילן, אַז דער עלטסטער פון די דאָזיקע ייִדן איז איינער אַ נידעריקער מאַן, אַ קרעמפּער, מיט אַ שוואַרץ־געקרייזל־טער באָרד און גרויסע תהומיק־שוואַרצע אויגן, אַ מענטש פון גרויסער גבורה וואָס קיין קויל נעמט אים ניט. גאַנץ וואַרשע קען אים. ער דערשיינט אין דער זעלביקער צייט אויף פאַרשיידענע ערטער און אין זיינע פּוסטריט גייט נאָך אַ הויכער מענטש מיט אַן איינגעפאַלן פּנים, אין אַ לאַנגן מאַנטל. דער מאַנטל זעט אויס ווי אַ רבניש קלייד. טייל זאָגן אַז דאָס איז אַ רבי און אַנדערע אַז דאָס איז אַ פּאָליאַק וואָס איז פאַרכּישופט געוואָרן פון ייִדס גבורה.

די דייטשן טרויען זיך ניט טיף אַריינצולאָזן אין דעם לאַבירינט פון די חורבות. זיי נישטערן דאָרט אַרום מיט יאַגד־הינט נאָר אין שיין פון טאָג, און די אויסשפּיר־עראָפּלאַנען קרייזן פריִער שעהן איבער דער וויס־טעניש.

אַנטיפּ האָט באַקומען אַ באַפעל אַרויסצופירן זיינע מענטשן צום ווייסל־ברעג. זיי האָבן שוין איצט ניט געהאַט וואָס צו טאָן, דאָס „הילפס־מיליטער", אין דער ליידיקער שטאָט און ניט אין די באַראַקן ביי זשעלאָנקי. אַנטיפּס באַטאַליאָנען האָבן געדאַרפט היטן אַ טייל פון ווייסלברעג, דרומ־דיק פון וואַרשע. די דייטשן זענען געווען זיכער מיט די דאָזיקע גרופּן. אַליין האָבן זיי זיך געשראָקן צו זיין נאָענט ביים ווייסלבערג. די באַפעס־טיקונגען זייערע זענען געלעגן עטלעכע צענדליקער קילאָמעטער פון דעם ברעג. דאָרט האָבן זיך געפונען די נעסטן פון אַרטילערישן פייער.

די דייטשישע קאָמאַנדירונג האָט אויסגערעכנט אויף אַן אָנגריף פון סאָוועטישן מיליטער. זי האָט געוווּסט, אַז דער אימפּעט פון אָנגריף וועט זיין אַזאַ שטאַרקער אַזש ער וועט זיך אַריבערטראָגן אויף דער צווייטער

זייט טייך און ס׳וועט ניט מעגלעך זיין אָפּצושלאָגן אים ביים ברעג. ערשט ווען די סאָוועטן וועלן אַריינגיין טיפער און וועלן אויסברייטערן דעם פּאַר־קאַפּטן פּלאַצדאַרם אויף דער צווייטער זייט טייך, וועט מעגלעך זיין זיי אָפּצוענטפערן. דער דייטשישער שטאַב האָט געוווּסט וועגן דעם פּיזישן געזעץ, אַז אויב ס׳שטויסן זיך אָן צוויי קעגנשטאַנדן מיט אימפּעט מוזן זיך פון דעם שטויסביידע קעגנשטאַנדן אַ ביסל דערווייטערן. אַז דער רוסישער אָנגריף וועט זיך אָנטרעפן אָן די באַפעסטיקונגען וואָס ליגן אַ צען־פופצן קילאָמעטער מערבדיק פון ברעג, וועלן די רוסן צוריקגעוואָרפן ווערן ווידער אויף דעם מיזרחדיקן ברעג מיט גרויסע פאַרלוסטן און די דייטשן וועלן בלייבן אויף זייערע פּאָזיציעס. עס איז אָבער געווען קלאָר, אַז דאָס וואָס די רוסן וועלן אָנטרעפן ביים ברעג וועט פאַרטיליקט ווערן. דערפאַר האָבן די דייטשן געשיקט האַרט צו דער ווייסל אַנטיפּס באַטאַליאָן.

די רוסן קאָנען פאַרסירן טייכן. זיי האָבן דאָס באַוויזן ביים דניעפּר דווקא אין די צייטן ווען די וואַסערן האָבן זיך צעגאָסן. זיי האָבן דעם דניעפּר פאָרסירט ממש פון גאַנג. אַנדערש איז מיט דער ווייסל. אויף טייל ערטער האָבן זיי עס דאָך באַוויזן. דער חידוש איז אָבער געווען אַ גרויסער, וואָס ביז איצט, האָבן זיי אַפילו ניט געמאַכט קיין ערנסטן פּרווו דעם טייך צו פאָרסירן. צוליב די דאָזיקע סיבות האָבן די דייטשן אויסגערעכנט, וועט פּאַסיק זיין צו האַלטן אויף דעם באַדראָטן אָפּשניט דאָס פרעמדע הילפס־מיליטער. זיי האָבן פשוט געוואָלט אַזוי אַרום פאַרשפּאָרן די לעבנס פון אייגענע, פון ריינע אַריער.

אין איינער פון די נעכט, ווען אַנטיפּס מענטשן זענען געשטאַנען גרייט אַרויסצוגיין צום ווייסלברעג, איז אָנגעקומען זירקאָוו. ער איז גע־קומען אַן אומרו:קער און געשפּאַנט ביי אַנטיפּס זייט. ראָדין איז געגאַנגען הינטער זייערע רוקנס. די דייטשישע וואַכלייט האָבן זיי באַגלייט ביז צו די טראַנשייען. דערנאָך זענען זיי אַוועק מיט אַ זייטיק וועגל וואָס האָט געפירט צו אַ פּריצישן הויף.

אין אַ קוסט האָט אויפגעבליצט אַ פלעמל און זיך באַלד פאַרלאָשן. אויף יענעם ברעג טייך, טיף אין די קעמפּעס, האָט עמעצער געוואָרפן אַ גרינע ראַקעטע.

זירקאָוו האָט אַ קוק־געטאָן אויפֿן זייגער.

אַנטיפּ איז אומרויִק געוואָרן. זיינע נאָזלעכער האָבן זיך צעשפּרייט ווי ביי אַן אָגער אין סטעפּ ווען ער דערשפּירט וועלף און די אויגן־ווייסלען האָבן אויפֿגעלויכטן ווי פּאָספאָר.

ווידער האָט אַ בלינצל־געטאָן צווישן די קוסטעס. ווידער אַ ראַקעטע איבער דער נאַכט־געדיכטעניש אויף יענער זייט. דאָס מאָל אַ רויטע.

— ניט צעגיין זיך אויף די פּאָזיציעס! וואַרטן אַ ווײַלע!

זירקאָווס קול האָט זיך געטראָגן אין דער נאַכט און ס׳האָבן אים איבערגעחזרט עטלעכע מענטשן. ער האָט אָנגענומען אַנטיפּן ביים אָרעם און געמיטלעך געפֿירט צום וועגל ווו ס׳זענען אַוועק די דייטשישע וואַכלייט.

— איין רגע, אַנטיפּ, ס׳איז דאָ אַ וויכטיקע ידיעה... וועסט פֿאַר־רייכערן ?...

זירקאָוו האָט אים דורכגעלאָזט צוויי טריט פֿאָרויס. ביי דעם אָלכע־קוסט האָט ער אַרויסגענומען דעם קליינעם רעוואָלווער פֿון טאַש און אויסגעשאָסן אויף אַנטיפּן, גלייך אין שאַרבן אַריין. אַנטיפּ האָט געוואָלט לויפֿן. ער איז אָבער אַרויפֿגעפֿאַלן אויף די קוסטעס. ראָדין האָט זיך אַרויפֿ־געוואָרפֿן אויף אַנטיפּן מיט דער גאַנצער וואָג פֿון זיין קערפּער.

דער שאָס איז געווען אַ דעמפּיקער, ווי ס׳וואָלט אין טייך אַ פּליעסק־געטאָן. פֿון אַלע זייטן האָבן זיך געשלייכט שאָטנס. זיי זענען געקומען פֿון צווישן די קוסטעס, פֿון די ביימער, פֿון באַוואַקסענעם ווייסל־ברעג. די רייע האָט זיך אַ וויג־געטאָן, אַזוי ווי אַ שלאַנג וואָס הייבט זיך אָן צו וויקלען.

— בלייבן אויף די ערטער! ניט ריידן! אויף די ערטער!

זירקאָוו האָט גערופֿן, באַפֿוילן.

די ריי האָט זיך אויסגעגלייכט. הונדערטער מענטשן. האַלב־פֿאַר־שאָטנטע.

— סאָלדאַטן! רוסישע מענטשן! אייער קאָמאַנדיר אַנטיפּ איז אַ פֿאַררעטער! ער האָט באַקומען זיין שטראָף! ער האָט פֿאַרראַטן אונדזער היימלאַנד! ער האָט זיך פֿאַרקויפֿט צום שונא און אייך אַלעמען פֿאַרקויפֿט! איר זענט דאָך רוסישע מענטשן, אוקראַיִנער! פֿון איצט וועט איר פֿאָלגן

מיין באַפעל! יעדער פּרווו פון אַ ווידערשטאַנד וועט דערשטיקט ווערן! איר זענט אַלע אַרומגערינגלט דורך אונדזערע פּאַראַשוטיסטן, וואָס סטאַלין אַליין האָט געשיקט!

עמעצער האָט געוואָלט אַרויס פון דער ריי און ער איז פּאַרגליווערט געוואָרן אויפן אָרט. עס האָבן זיך דערנענטערט שאָטנס. — פּאַראַשוטיסטן. פּאַראַשוטיסטן. — האָט מען געשעפּטשעט. די פרעמדע זענען געגאַנגען לענגאויס די רייען מיט אָנגעשטעלטע אויטאָמאַטן.

— פאָרויס! פאָרויס!

אַ שאָס. שאָטנס. אַ שטילקייט שפּרייט זיך. די שטילקייט אויף ביידע זייטן ווייסל.

קאַפּיטל אַכט

האַרבסט ביי דער ווייסל.

נעפּלדיקע פאַרטאָגן. עס טיילט זיך אויס פונעם זילבערנעפּל דער הויכער ברעג. דער שטילער און פאַרוואָלקנטער טייך שיידט זיך אָפּ פון הימל. באַלד וועלן די וואָלקנס אויפהייבן זייערע צעשוואומענע פּנימער צו דער בלאָקייט פון די הימלען.

האַרבסטיקע פעלדער, געזעטיקטע פון רעגנס. מידע קוסטעס: געל־בלעטערדיקע, מיט גראָזן אויסגעטריקנטע, אָפּגעבליאַקעוועטע ווי די שטרוי־דעכער פון כאַטעס, וועגן מיט בעריאָזעס ווייספלעקיקע און אַראָפּגעלאָזטע לאַנגע צווייגן ביז דער ערד וואָס וויגן זיך ווי צעפּ צעפלאָכטענע פון יונגע פויערטעס בעת זיי קניִען ביי אָזערעס און פּאַטשן אין וואַשברעטלעך די ווייסע געוואַנטער.

די רעדער־אָפּדרוקן זענען מיט וואַסער. צו פוסנס פון אַ קאַשטאַן־בוים ליגן אַראָפּגעפאַלענע העל־פּאָלירטע און ברוין־געפלעקטע קאַשטאַנעס. די ווערבעס זענען שוין נאַקעטע. די וואָלקנס ציִען אויף מערב. אומרויִקע פייגל קרייזן איבער אַ טאָפּאָל מיט אַן אויסטערליש געשריי.

דרימלענדיקע דערפער צווישן בלאָטיקע וועלדער, צווישן פייכטע אומעטיקע פלאַכן, צווישן די זייטיקע וועגן מיט האַלב־נאַקעטע קוסטעס. קלויסטער־שפּיצן מיט שאַרפע צלמים און פּאַסן פאַראַקערט פעלד, קליינעס פון פאַרשיידן־קאָלירקע פלעקן: פאַרוויאַנעט־געל, זאַפטיק־גרין פון ווינטער־פאַרזיי, טונקל־ברוין פון ערד פאַראַקערטע, גראָ־זילבערדיק פון קאָניטשינע — אָפּגעבליטע און געקאָסיעטע, און איבער דעם אַלעם שפּרייטן זיך גאָטס הימלען. טייל מאָל זענען זיי טיף־בלאָ, טייל מאָל וואַנדערן איבער דער הימל־בלאָקייט אומרויִקע וואָלקנס, נעפּלדיקע, זילבערדיק־פאַרקנויל־

טע, גראָ־אויסגעלאָשענע, טייל מאָל — כמאַרעס שאַרפֿע, צעשניטענע פֿון בליצן זיגזאַגישע, וואָס זענען אויס ווי שטיקער שוואַרצע נעכט.

שוין דעם דריטן טאָג ווי אויף אַ גרענעץ־וואָקזאַל ביי מיזרח־פּרייסן שטייען אויף זייטיקע רעלסן עטלעכע וואַגאָנען. דעם לאָקאָמאָטיוו האָבן צוגענומען די פֿראָנט־זעלנער און געלאָזט די וואַגאָנען אויף רעזערוו־רעלסן פֿון דעם קליינעם וואָקזאַלעכל.

גלייך דעם ערשטן פּאַר טאָג האָבן זיך צערוקט די שווערע טירן פֿון די לאַסט־וואַגאָנען און יונגע פּרויען, אויסגעצערטע, שלעכט־געקליידטע מיט גראָע קאָפּטיכלעך פֿאַרקנופּטע ביים האַלדז, איבערן שטערן, האָבן אַרויסגעקוקט פֿון די וואַגאָנען. טייל זענען אַראָפּגעשפּרונגען פֿון די הויכע וואַגאָן־טרעפּ און פֿאַרפֿירט געשפּרעכן מיט די רוסישע סאָלדאַטן.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן די סאָוועטישע אַרמיי־טיילן דער־אָבערט אַ דייטשישן וואָקזאַל־קנופּ און דאָרט פֿאַרכאַפּט פֿיר וואַגאָנען מיט פֿאַרשיקטע פּרויען, וואָס די אָפּטרעטנדיקע דייטשן האָבן געוואָלט אַרויס־פֿירן אין טיף דייטשלאַנד. דאָס זענען געווען פּרויען פֿון גאַנץ אייראָפּע. אַ גרויסער טייל פֿון זיי האָט אָבער געשטאַמט פֿון רוסלאַנד, פֿון די געביטן וואָס די דייטשן האָבן געהאַט אָקופּירט. פֿאַרהונגערטע, פֿאַרפּייניקטע, אָפּ־געריסענע זענען זיי געווען פֿאַרהעמערט אַ לאַנגע צייט אין די וואַגאָנען ביז עס איז אָנגעקומען די אומגעריכטע הילף. זיי האָבן אַפֿילו ניט געהאַט דעם כּוח צו פֿרייען זיך. מיט פֿאַרטריקנטע ליפּן, מיט פּנימער קנאָכיקע און הענט ציטערנדיקע, מיט די גופֿים איינגעפֿאַלענע, האָבן זיי באַגעגנט די באַפֿרייער. ס׳האָבן זיי געהיילט די האַרבסטיקע פּוילישע רחבֿותן די פֿרייע, די נעפּלדיקע, די מילדע, די שטילע דערפֿער, די שליאַכן און דער אָפֿענער הימל. די ערשטע פֿראָנט־זעלנער זענען געווען גוט צו זיי. מען האָט זיך געטיילט מיטן סאָלדאַטסקן עסן און אין אַ פֿאַרנאַכט האָט עמעצער געשפּילט אויף אַ האַרמאָשקע. ביי טאָג, אַז די זון האָט אויפֿגעשיינט האָבן זיי גע־קליבן די קליינע האַרבסט־בלימלעך און באַצירט די וואַגאָנען. זיי האָבן פֿאַרראָכטן די קליידער, פֿאַרקנופּט שענער די קאָפּטיכלעך, געשפּיגלט זיך אין די קליינע קלאָרע קאַלוזשעס ביי די רעלסן.

ביי דער ווייסל

אין איינעם פון די וואַגאָנען האָט זיך געפונען אַננאַ.

זי האָט געאַרבעט אין אַ דייטשישער פאַבריק. די אָסט־שקלאַפן האָבן געזאָלט עקוואַקויִרט ווערן צוזאַמען מיט דער פאַבריק אין היגטערלאַנד. אויפן וועג זענען זיי געבליבן שטעקן. דאָס איז געווען אין צפון־פּוילן ביי דער פּרייסישער גרענעץ. די רוסישע אַוויאַציע האָט צעשטערט אַ באַן־בריק. ביי נאַכט איז געקומען דער רוסישער אָנגריף.

איצט הערט מען שוין אַ געזאַנג אין די וואַגאָנען.

ביי טאָג שטייט אַננאַ נעבן אַ וואַגאָן־טיר מיט טרויעריק־פייכטע אויגן, אַזעלכע ווי די האַרבסטיקע פעלדער. זי קוקט צו די פלאַכן און עס ווילט זיך איר וויינען פון פרייד, פון טרויער, פון האָפענונג און פון אַן אומפאַרשטענדלעכן פּחד.

די וואַגאָנען זענען ברייט צעעפנט צום מיזרח. פון דאָרטן קומען אַן לייכטע וואָלקנס, ליכטיקע. דער האַרבסט־ווינט איז מילד. אַננאַ פילט אים אויפן פּנים. אַ גאַנצן טאָג שטייט זי ביי דער טיר פון וואַגאָן. זי טרויט זיך ניט אַראָפּצוגיין פון די טרעפּלעך. אַז זי שטייט ציטערן איר די קני. דאָס פּנים איז מיד, די העלע האָר, די קורץ־געשניטענע פאַלן איר אויפן שטערן.

— קום קלאַודיאַ, קום זע ווי שיין... אַזוי ווי אין דער היים...

זי וויל שמייכלען צו דער גוטער פויערים־טאָכטער וואָס רעדט צו איר. אָנשטאָט אַ געלעכטער קומט אַרויס אַ ליפּן־געציטער.

— קלאַודיאַ... קלאַודיאַ... — חזרט אַננאַ איבער איר פרעמדן נאָמען.

ס'איז שטיל. האַרבסטיק שטיל. מען הערט דעם ווינט אין פאַר־טריקנטע בלעטער, אַ געשאַרך ווי פון אַלטע זשאַווערדיקע בלעכן אויף דעכער פאַרוואָרלאָזטע, אַ שאַרף פויגל־געשריי.

דער פּראָנט האָט זיך דורך דאַנען דורכגעקייקלט ווי אַ דונער וואָס קייקלט זיך אַוועק העט־ווייט.

דאָרט איז די היים. מאָסקווע. די מאַמע. און דאָך וואָלט זי געוואָלט אַז עס זאָל נאָך דויערן דאָס וואַרטן אין די וואַגאָנען. זאָל מען אַזוי זיצן אויפן וואַקזאַלעכל ביי די פאַרראָסטעטע רעלסן, ביי די אָנשיטן פון דריבנעם שטיין אויף דעם באַן־פּלאַנט און הערן אין די נעכט דאָס רופן פון לאָקאָ־

מאַטיוון, דעם ווינט־געוואָי אין די אַלטע ווערבעס ביי די וועגן און צוימען, דאָס טרויעריקע געזאַנג פון דער אוקראַינערין און דעם געהעש פון שלאָף אין דער וואַגאָן־פינצטערניש. זאָל עס דויערן. עס איז איר אויסגעקומען ווי זי וואָלט לאַנג געווען אין חשכות, אַז זי איז געשלאָגן מיט בלינדקייט און מיט אַ מאָל האָבן שטאַרקע הענט איר אַ ריס־געטאָן און אַוועקגעטראָגן אין סאַמע מיט פון אַ זוניקן טאָג אויף אַ ריזיקן מאַרק. זי קען ניט שטעלן קיין טריט. אין די שוואַרצאַפּלען איז נאָך דאָ נאַכט. די פינצטערניש איז אין איר אַריין, זי שפּירט איר אין די פינגער־שפּיצן, אין דעם גאַנצן גוף, זי האָט מורא צו עפענען די אויגן, צו שטעלן אַ טריט כּדי ניט שפּרייטן אַרום זיך נאַכט.

זי האָט געהאַט שווערע חלומות. מען טרייבט איר איבער פעלדער און דערפער. אומעטום איז פוסט. זי קלאַפּט אין כאַטעס און קיינער עפנט איר ניט. די כאַטעס זענען פוסט. די פעלדער זענען פאַרלאָזט. זי וויל זיך דערשלאָגן צו דער היים — אַנטרונען די וואָקזאַלן. זי קאָן זיי ניט דער־גרייכן. זי זעט זיי, אָבער ווען זי דערנענטערט זיך — פאַרשווינדן זיי. זי לויפט נאָך אַ צוג. עמעצער פאַרשטעלט איר דעם וועג. אָ, גאָט, דאָס איז דאָך אַ מענטש! אַ לעבעדיקער מענטש... אַ סאָלדאַט... גוט וואָס זי האָט באַגעגנט אַן אייגענעם... העי, גוטער מענטש, רוסישער בירגער! זאָג מיר, וועלכער וועג פירט צו מיין היים?... דער מענטש האָט איר אָנגעקוקט. זי פאַלט. איר קול ווערט איינגעזאַפּט אין די גראָזן. דאָס איז דאָך זשילין!... אַוועק! אַוועק!...

ווידער איז אַדורך אַ טאָג.

פאַר די וואַגאָנען לייגן די פרויען פייערלעך און קאָכן עסן. די סאָלדאַטן ברענגען שפּייז. די פעלד־קיך איז אַוועק. אין די נעכט איז שוין קאַלט און ביי די פייערן וואַרעמען זיך די פרויען. ערשט אין די מיטאָג־שעהן באַווייזט זיך די האַרבסט־זון.

— ווי לאַנג וועט מען אונדז דאָ האַלטן?

— ווער ווייס.

אַ שיף־אויגיקער רוסישער זעלנער מיט אַ געל־געקאַרבט פּנים ווייזט שפּיציקע ציין.

— זעמליאַק, פון וואַנען שטאַמסטו? — רופט אַ פרוי.

— קאַזאַך... קאַזאַכסטאַן...

זיי לאַכן די פרויען. דאָס זענען די ערשטע געלעכטערס וואָס טראָגן זיך פון די וואַגאָנען. עמעצער האָט שוין באַקומען אַ קליין שפיגעלע. זיי קוקן זיך לאַנג אָן און שווייגן.

אַן אָפיציר האָט אין דער פרי געוואָרנט, אַז מען זאָל ניט אַוועקגיין פון די וואַגאָנען. אַ ליאַדע שעה וועט קומען אַ לאָקאָמאָטיוו און אַלעמען אַוועקפירן אין הינטערלאַנד, קיין מיזרח.

— דאָס איז פוילן — האָט אַננאַ געשעפטשעט און געקוקט צו די פעלדער, צו די וואַלד־פּאַסן, צו די וועגן. זי האָט געזען די טרויעריקע פוילישע הימלען אין האַרבסט און דאָרט איז אַרומגעשוועמען אַ פּנים, אַ ווייט־פאַרנעפּלט פּנים וואָס האָט אַרומגעוואַנדערט לאַנג אין די רוימען ביז עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצוקלאָרן פאַר אַננאַן מנחמס אויגן, די טיפע, די שוואַרצע, די אומרויקע.

— ווו געפינען מיר זיך? — האָט זי געפרעגט אַ זעלנער.

— ביי דער גרענעץ מיט די פּרייסן... דאָס איז נאָך פוילן... נאָר פון יענער זייט וואַלד איז שוין די גרענעץ...

— ס׳איז פון דאַנען ווייט קיין וואַרשע?

— ניט ווייט — האָט דער זעלנער געזאָגט.

זי איז פאַרקניפּט מיט דער דאָזיקער שטאָט דורך מנחמען. דאָס איז זיין אָפּשטאַם־אָרט.

— די שטאָט ברענט. כ׳בין געווען ביי דער ווייסל, דאָרט וועט ניט בלייבן קיין לעבעדיקער. דו ביסט פון וואַרשע?

— ניין. ניט פון וואַרשע. — האָט אַננאַ געזאָגט.

ביינאַכט האָט זי געוויינט.

פאַר וואָס וויינט אַננאַ? זי לעבט. די מלחמה וועט זיך ענדיקן. די פעלדער זענען איצט אַזוי פאַרנעפּלט. די נעפּלען קריכן אַריין אין די וואַגאָנען. זיי פאַרהילן אַלץ מיט שלייערן. די נעפּלען עסן אויס די אויגן און רינען אַריין אין גוף דורך אויגן־לעכער. אַ מידקייט באַפאַלט איר. זי ליגט אויף אַ בינטל שטרוי און אָטעמט שווער. ער, מנחם, האָט שוין קיין

היים אויך ניט... גאָרנישט... אַן איינזאַמער אויף דער טרויעריקער וועלט איז דער מנחם... זיין היים ברענט... און ווידער איז איר באַפאַלן אַ שווערער חלום. ווידער האָט זי געשריגן, געוואָרפן זיך אויפן געלעגער און געוויינט פון שלאָף דורך פאַרביסענע ליפּן. דאָס איז געווען אַ שטום געוויין פון אָפּגעהאַקטע, צעריסענע האַלדז־טענער.

אין האַלבנאַכט האָט אָנגעהויבן טריפן אַ האַרבסט־רעגן. אין וואַק־סענעם אָפּשיין פון ליכט־רעדער האָט מען געזען בולט די רעגן־טראָפּנס. די ליכט־רעדער האָבן זיך געהוידעט און די טראָפּנס האָבן זיך מיטגע־הוידעט. סאָלדאַטן זענען געלאָפן צו דער קליינער פאַרטונקלטער וואָקזאַל־געביידע. זיי זענען געשפּרונגען פון אַ לאַסט־צוג וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען.

אַ בידעריקע פּאַרע קנוילט זיך לענגאויס די וואַגאָנען. מענטשן וויקלען זיך אַרויס פון די קנוילן און פאַלן אַריין אין אַ לאַמטערן־ליכט.

אַ לאָקאָמאָטיוו פייפט. נאָענט הערט מען אַ געקלאַפּעריי אין רעלסן. מיט אַ מאָל ווערט שטיל. די לאָקאָמאָטיוו־פּאַרע איז צערונען געוואָרן און ס׳טיילן זיך אויס די וואַגאָנען, האַלב־באַלויכטענע מיט קליינע פענצטער־לעך, מיט צעעפנטע טירן. מען קלימפּערט מיט בלעכענע קעסעלעך. שאָטנס לויפן ביי פּלאַטפאָרמעס.

— בירגער, ווו זענען די קראַנען? ווו קען מען נעמען וואַסער?

עמעצער שרייט:

— וואָראָנין! וואָראָנין!

אַ סאָלדאַט גייט נעבן די וואַגאָנען און שרייט אַריין אין יעדער טיר: — וואָראָנין!

פון אַ וואַגאָן־אַרויס ענטפערט מען מיט אַ שאַרף קול:

— אַוועקגעפלויגן איז די וואָראָנע... כ׳האָב געהערט איר קראַקען!...

מען לאַכט הילכיק.

— גיב אַ האַנט — רופט איינער, אַ פייכטער, אין וואַגאָן אַריין — גיב אַ האַנט, וואָלאָדקאַ, הערסט ניט?

דער מענטש כאַפּט זיך אָן אין אַן אַרויסגעשטרעקטער האַנט און שפּרינגט אַרויף אויפן הויכן וואַגאָן־טרעפּל.

ביי דער ווייסל

א שטילע נאַכט.
כ׳בין איינער אַליין.
נאָר די שטערן שימערן
מיט אַ גרינעם שיין.

דאָס איינזאַמע שטילע געזאַנג ווערט איבערגעריסן פון אַ געלעכטער. מען צעוויקלט די רוקזעק. מען קניפּט די אַלערליי שטריקלעך ביז מען וויקלט אַרויס אַ פלעשל וואָדקע.

— ס׳נעמט דורך די ביינער, ערגער ווי אין אַ פראָסט.

— דאָס האַרץ צעגייט פון בענקשאַפט.

— טשודקין, זויף ניט אַליין! געדענק, דו סאָקאָליק...

מען ליגט דערנאָך מיט אָפענע אויגן צום קליינעם ליכט־פלעק פון וואַגאָן־פענצטערל. שוין וואָכן לאַנגע ווי מען שלעפּט זיך אַרום אויף די פרעמדע וועגן. אָט איז דער פראָנט און עס איז אַזוי שטיל. עס איז אומעטיק און לאַנגווייליק.

— מיר וועלן צוואַרטן, ברידערלעך. וואָס איז דאָס געאייל. דער־ווייל קאָרמעט מען.

— מ׳וועט אָפּוואַרטן ביז די פרעסטעלעך. דערנאָך וועט מען אַ שפּאַר־טאָן דעם גערמאַניעץ ביז בערלין.

אַ באַן־אַרבעטער קלאַפּט מיט אַ האַמער אין די רעדער. צוויי קלעפּ, ווידער צוויי קלעפּ, און ער דערווייטערט זיך אין דער רעגן־נאַכט אַריין.

— העי, וויפל וויאָרסטעלעך איז נאָך געבליבן ביז בערלין?...

מען לאַכט הייזעריק. עמעצער זידלט זיך.

— ניט־גוטע, שדים, וואָס לאָזט איר ניט שלאָפן אַ פּראַוואָסלאַוונעם.

אין שכנותדיקן וואַגאָן זינגט מען. מען זינגט הויך און דאָס געזאַנג טראָגט זיך פון וואַגאָן צו וואַגאָן. מען הערט ניט קיין ווערטער נאָר עפּעס אַ ריטמישן געברום און פון דעם געברום שניידט זיך אַרויס אַ שאַרף קול:

אויפן באַרג אַ קאַלינע —
אונטערן באַרג אַ מאַלינע!
אַ מויד מיט רויטהאָריקע צעפּ —
קומט מיר אַנטקעגן פון די טרעפּ.

— אַנגעזויפּן זיך. אַנטיכריסטן.

אַן אָפיציר קלאַפּט מיט די פויסטן אין דער טיר אַריין.

— מאַלטשאַט!

אַ סאָלדאַט פּראַלט אויף די אייזערנע טיר און שרייט: — וואָ־ראָ־נין!...

— צו אַלדי רוחות מיט דיין וואָראָנע! אוי, מאַמעלע, דו צאַריצע הימלישע, פאַלט מיר אַריין דער וואָראָנין אין די הענטעלעך — צערייס איך אים.

דער סאָלדאַט גייט לענגויס די וואַגאָנען און רופט אַלץ אויס דעם נאָמען. דאָס רופן דערווייטערט זיך פּאַמעלעך. און וויפל די סאָלדאַטן האָבן ניט געוואָלט, איז דער רוף אַריינגעדרונגען אין זיי ווי דער אָסיענדיקער רעגן אין דער פרעמדער „פּאָלשע".

אין אַ וואַגאָן האָט זיך פּלוצעם צעפּראַלט אַ טיר. דאָס שווערע טיר־אייזן האָט אַ סקריפּע־געטאָן. ביי דעם אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַן איינגעשרומפּענער נאַסער סאָלדאַט אין אַ שינעל וואָס איז אים אומגעלומפּערט געהאַנגען אויף די אַקסל. דאָס סאָלדאַטסקע היטל אַראָפּגערוקט ביז צו די ברעמען. די שפּיציקע גאָמבע — אַרויסגערוקט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ נאַכטפויגל.

— וואָס פּאָפּט איר דאָ, אָדלערלעך? — האָט ער שאַרף אויסגעפּייפט מיט די ציין — ניט ווייט שטייען פיר וואַגאָנען מיט באַביאָנקעס!... זיי גייען אויס נאָך אַ גוט וואָרטעלע... נאָך אַ גלעט איבער די קעפּעלעך... און איר? עך, מוזשיקעס!...

ער האָט געלאַכט. דאָס מויל איז אים גרויס געוואָרן, אויסגעקרימט און פון די ליפּן האָט געשלאָגן אַ שוים. ער האָט די פּיענע אָפּגעווישט מיט אַן אַרבל און געסאָפּעט.

— דוראַק... וואָס באַלטאַיעסטו?

— אַניט זאָל איך פּגרן. ס'איז אמת, איסטינאַיאַ פּראַוודאַ, קינדערלעך... אַליין מיט זיי גערעדט... זיי זענען מיך באַפאַלן די קראַסאַוויצעס...

איינער, וואָס איז געלעגן מיטן איבערגעדעקטן שינעל און אַראָפּגערוקטן היטל איבערן פּנים איז אויפגעשפּרונגען.

— קומט, לאָמיר גיין.

זיי זענען אַוועק. פון די איבעריקע וואַגאָנען האָבן אַרויסגעקוקט פאַרחידושטע סאָלדאַטן.

— קומט, צו־גאַסט, צו באַרישניעס. אַ גאַנצער טראַנספּאָרט.

— זיי שטייען, די אָרעמע, אויף די זייטיקע רעלסן.

מען איז געשפּרונגען איבער די באַן־פּלאַנטן, איבער די רעלסן־קלעצער. אַ סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען אויף שמירה האָט זיי לאַנג נאָכגעקוקט. פון אַלע זייטן זענען אָנגעקומען גרופּעס זעלנער.

— סיי ווי קאָן מען ניט שלאָפן אין אַזאַ נעכטעלע.

— לאָמיך אָנקוקן אַ ווייבערישע ראָזשע. שוין ס׳דריטע יאָר ווי כ׳האָב רעכט ניט אָנגעקוקט אַ באַביאָנקע...

— דער עשאַלאָן אונדזערער וועט אָפּגיין ערשט ביי טאָג.

— האָבן מיר אַ גאַנצע נאַכט פריי.

פון די פיר וואַגאָנען פאַלן קליינע ליכט־פאַסן, עס איז אַ שטילקייט פון אַ רעגנדיקער האַרבסט־נאַכט. מען הערט דעם רעגן־געקייקל אויף די וואַגאָן־דעכער, אויף די ווענט.

— טייבעלעך, איר זענט אַוודאי אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט?

אַ סאָלדאַטסקער געלעכטער, אַ ברוסטיקס, אַ כריפּעדיקס קייקלט זיך אין דער פינצטערניש און שלאָגט זיך אָן אין די קליינע וואַגאָן־פענצטער־לעך.

פון אַ טיר, אַן אָפּגעלענטע, קוקט עמעצער אַרויס. דאָס פּנים איז פאַרשאָטנט. הינטער דעם שאָטן — אַ ציטערנדיק ליכט.

— איר זענט רוסישע? — רופט אַ פרויען־שטים פון וואַגאָן.

— ווער דען זענען מיר, טאַטאַרן, טערקן?

— אמתע רוסן! — שרייען די סאָלדאַטן.

טירן האָבן זיך צעפּראַלט.

פון די וואַגאָנען טראָגט זיך אַ ריח פון טריקעניש, פון וואַרעמקייט. די זעלנער זענען צוגעקומען נענטער ביז צו די אַריינגענג. זייערע פּנימער — פייכטע, גלאַנציקע, צעהיצטע, מיט מיילער אויפגעעפנטע און נאָזלעכער צעשפּרייטע, זענען געווענדט צו די פרויען.

— ער האָט אייך געמוטשעט דער גערמאַניעץ?

די פרויען — צונויפגעדריקטע אויפן שטרוי, פאַרהילטע אין קאָצן, אין מאַנטלען, האָבן זיך פאַמעלעך אָנגעהויבן אויפצווזעצן. זיי האָבן דער־זען ביי די אָפענע טירן פייכטע פּנימער פון סאָלדאַטן.

— העי, באַרישניאַ, באַרישניאַ! קען מען אַריינגיין? דאָס רעגנדל שטאַרקט זיך. וואָס לאָזט איר מיך אין דרויסן? איז דיר ניט אַ שאָד אַ רוסישע נשמה?

אַ פרוי האָט זיך צעלאַכט.

אַן אויסגעצויגענער סאָלדאַט איז געבליבן אין דער טיר.

— שרעקט זיך ניט, פייגעלעך, כ'בין ניט קיין קאָרשון.

אין שכנותדיקן וואַגאָן האָט מען געקלאַפּט מיט די פויסטן אין דער טיר אַריין. אַ פרוייִש געשריי איז געבליבן הענגען אין דער נאַכט. אַ געלעכטער האָט זיך געקייקלט ווי אַ דונער.

— וואָס ביסטו אַזוי זויער? ווייז די שליפּיעס?

עמעצער האָט אַראָפּגעריסן דעם צודעק פון אַ פרוי. — לאָזט אייך אָנקוקן, וואָס זשאַלעוועט איר? וואָס זענט איר אַזוי זשעדנע? וואָס, מיר זענען ניט קיין רוסישע מענטשן? ציגיינער זענען מיר? אַזוי נעמט איר אויף קעמפער? די וואָס האָבן אייך באַפרייט?

אין די ענגע וואַגאָנען האָבן זיך אַריינגעשפּאַרט וואָס אַמאָל מערער סאָלדאַטן. טייל זענען געווען האַלב־שיכּור. צווישן די סאָלדאַטן איז אויס־געבראָכן אַ קריגעריי.

— זע נאָר ווי ער שטופּט דאָס זיין ראָזשע. וואָסי, מיין נשמה איז פון טראָטשינעס? איך בין דען פון ליים געקנאָטן? נעם אָוועק דיין פער־דישע מאָרדע!

דאָס קריגעריי איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער ביז עס האָט זיך מיט אַ מאָל אָפּגעהאַקט און אַ שווערע סאָלדאַטסקע פויסט האָט אַ פאָכע־געטאָן. עמעץ איז געפאַלן פון וואַגאָן־טיר אין דער פינצטערניש אַריין. אַ געיאָמער האָט אויפגעבראָכן די שטילקייט. דאָס האָט געשריגן דער סאָלדאַט וואָס איז געפאַלן מיטן פּנים אויף די רעלסן.

— צוליב נקבות האָט מען אַן אונדזעריקן צעשלאָגן.

— ווי די הייליקע זאַקאָנניצעס זענען זיי... הערט נאָר די קוויטשע־רייען... דעם אָנשטעל... דאָס איז די באַצאָלונג... פאַר די גערמאַנצעס האָבן זיי אוודאי געציטערט.

— זיי האָבן באַדינט די דייטשן... געשלאָפן מיט זיי... געלעבט מיט עסעס...

— מען ד׳ערקענט, ברודערל... דערפאַר האָט מען זיי געלאָזט לעבן... זעט, ווי גאָרדע זיי זענען.

— ס׳געפעלט זיי שוין ניט דער רוסישער מוזשיק... גיב זיי גער־מאַנסקע אָפיצירן...

— עפּנט! עפּנט! — האָט מען אַלץ געזעצט אין דעם אַנדערן וואַגאָן אַריין.

— אַליאָשקאַ. וואָס בעטסטו זיך? לאָמיר אויסזעצן די טיר. דאַוואַי! ראַזאָם!

פון די וואַגאָנען האָט זיך געטראָגן אַ וויסטיק געוויין.

אַ יונגע רוסישע פרוי איז געשטאַנען אין אַן אָפענער טיר און גערופן אין דער נאַכט אַריין:

— רוסישע מענטשן! רוסישע מענטשן! גייט אַוועק פון דאַנען! פאַרטרייבט די שיכּורים! רוסישע מענטשן, ראַטעוועט!

אין סאַמע מיט פון די געוויינען און הילפס־רופן האָט זיך געטראָגן אַ הפקרדיק ליד פון אַ סאָלדאַט. דאָס איז געווען אַ ווילדער סטעפּ־געוואַי, אַן אויפגעבונדענער, אַ צעוויגטער, וואָס מאַכט פול דעם גאַנצן סטעפּ מיט אימה, וואָס רודערט אויף די סטעפּ־פייגל, וואָס שלעפּט אַראָפּ די וואָלקנס און פאַרוואַנדלט אַלץ אין ערב־בראשיתדיקן כאָאָס.

אין די פרויען־וואַגאָנען האָבן זיך געצונדן ליכט. הונדערטער פלעמ־לעך, אומרויִקע, וואַנדערנדיקע, פלעמלעך פון קליינע צינד־מאַשינקעלעך און פון שוועבעלעך. די פלעמלעך האָבן זיך געלאָשן און ווידער אָנגעצונדן. זיי האָבן אויף רגעס באַלויכטן פייכטע הענט, טיילן פון קערפּער.

— לאָז דיך אָנקוקן. לאָז אַ גלעט טאָן דײַנע הענט. דיוושינאַ, קראַסאַוויצאַ...

צעקרימטע פינגער זענען געבליבן אין דער לופט. זיי האָבן זיך

פאַרטייעט אַזוי ווי ס׳פאַרטייעט זיך אַ שפּין וואָס קריכט אַרויס פון אַ פינצטערן שפּאַלט. די הענט האָבן אַ ריס־געטאָן דאָס קאַפּטיכל, דאָס קלייד.

אין ליכטשיין האָט זיך אַנטפּלעקט אַ נאַקעטער פרויען־שאַרבן. אַ קאָפּ אָן האָר.

אין דער זעלביקער רגע האָט זיך דערהערט אַ געשריי, אַזאַ שאַרפּס, אַזש ס׳האָט זיך געדוכט אַז די ערד איז צעפאַלן אין צוויי חלקים און די וואַגאָנען זינקען אין אַן אָפּגרונט אַריין.

דער רעגן איז שטאַרקער געוואָרן. די געשרייען זענען פאַרלאָרן־געגאַנגען אין די ווענט פון די וואַגאָנען. נאָר אַ הייזעריקער געיאָמער האָט זיך געטראָגן לענגויס די רעלסן ביז צום וואָקזאַל.

פון אַ פאַרקראַטעוועט פענצטערל רופט אַ פרוי:

— ראַ־טע־ע־ווע־ע־עט.

שאָטנס לויפן. מען שפּרינגט אין די וואַגאָנען. דאָס איז אַן אָפיציר מיט צוויי באַגלייטער. פון די פנימער קייקלען זיך וואַסער־טראָפּנס. מען לייכט מיט טאַשן־לעמפּלעך. אין די הענט גליווערן נאַגאַנען.

— אַרויס פון דאַנען! טראָגט אייך אָפּ! סאָלדאַטן, וואָס טוט איר דאָ? כ׳וועל שיסן!

אַ זעלנער האָט זיך אַרויסגעוויקלט פון די שאָטנס. ער שטייט אַ וואַקלדיקער און לאַכט. פּלוצעם האָט ער אַ שטויס געטאָן דעם אָפיציר מיטן אַקסל. ביידע פאַלן. ווידער געשרייען. איצט זענען דאָס פּרוויישע קולות. די שאָטנס אין די וואַגאָנען באַוועגן זיך. עטלעכע פרויען זענען אַרויסגעשפּרונגען פון די אָפענע טירן אין דער רעגנדיקער נאַכט אַריין. אַ שאָס. נאָך איינער. פון נאָענט ענטפערט מען אָפּ. אין דער פינצטערניש טיילט זיך אויס דאָס פייער פון דער לופע. מען שיסט פון רעוואָלווערן.

— עך, צוליב באַבעס נישטיקע געמאַכט אַזאַ טומל.

— די אָפיצירן נעמען זיך אַן פאַר זונות געמאַנסקע.

— זיי ווילן אַוודאי מיט זיי אַליין ליגן.

— אַלץ בעסערס נעמען זיי, די קאָמאַנדירן.

— געדאַרפט זיי לאָזן די ערשטע. אַזוי ווי ביי די קיך דער סאָל־דאַטסקער. דאָס אייבערשטע אַראָפּשעפּן...

— ניט אָפּטרעטן. האַלט זיך ברידער. אַנטלויף ניט געראַי...

פון דער פינצטערניש האָבן זיך אויסגעטיילט זעלנער. זיי זענען געקומען מיט אויטאָמאַטן און געריסן זיך צו די וואַגאָנען.

— מיר וועלן שיסן! — האָט געוואָרנט אַן עלטסטער. — צוריקגיין צו דעם עשאַלאָן!

אַ טייל איז אָפּגעטראָטן און די איבעריקע האָבן זיך געזאַמלט ביי די וואַגאָנען. אַ שיכּורער זעלנער איז געלעגן מיט אַ פאַרבלוטיקט פּנים. איינער פון די וואַכלייט האָט אַנגעשטעלט דעם אויטאָמאַט אויפן זעלנער.

— שיסט ניט. שיסט ניט. — האָט געבעטן אַ פרוי. — שיסט ניט. — זי האָט אָפּגעריסן אַ שטיק פון איר קלייד און אַרומגעווישט דאָס בלוט פון שיכּורס פּנים.

— מען וויל אייך שענדן און איר האָט נאָך רחמנות אויף זיי.

אין לעצטן וואַגאָן האָט לאַנג אָנגעהאַלטן אַ שיסעריי. דאָס האָבן די וואַכלייט געשאָסן אין דער לופט איבערצושרעקן די באַפאַלערס.

איינער איז געשטאַנען מיט אַן אויפגעריסענער רובאַשקע און אַנט־פּלעקט דאָס האַרץ.

— שיסט. אָט זענען מיינע וואונדן. פיר מאָל פאַרוואונדעט. געשלאָגן זיך ביי מאָסקווע. ביי טולע. ביי קורסק. פאַרוואונדעט געוואָרן ביי ברעסט. שיסט. סוואָלאָטשעס. אויף וועמען ווילט איר שיסן? אויף אַ פראָנטלער? זאָגט? דאָס איז די באַצאָלונג?

אַן אָפיציר האָט אים אַ שטויס־געטאָן מיט דער קאָלבע פון אויטאָ־מאַט.

— אַראָפּ! אַראָפּ פון וואַגאָן!

— שיס! כ׳וויל זען אויב דו וועסט דאָס טאָן! אויב דו וועסט שיסן אויף אַן אייגענעם! — דער זעלנער האָט זיך דערנענטערט מיט דער נאַקעטער ברוסט צום אָפיציר. — שיס! שיס!

איין רגע איז געבליבן. דער אָפיציר האָט אַרויסגעלאָזט אַ דעמפּיקן האַלדז־קול.

— שטיין בלייבן.

ס׳האָט אַ קלימפּער־געטאָן דער שלאָס.

דער זעלנער איז געגאַנגען גלייך אויפֿן אויסגעשטרעקטן אויטאָמאַט ווי אַ שוואַרצער וואָלקן וואָס שווימט אַרויף אויף דער לבנה.

אויפֿן אָפּיצירס ברוסט איז געהאַנגען אַ לאָמפּ. זי האָט געמאַכט אַ ליכט־ראָד אויף דעם האַרץ פֿון זעלנער. אין דעם ליכט האָט מען געזען אַ גרויסע רויטע שראַם. איין רגע איז געבליבן צום שאָס וואָס וועט באַלד פֿאַלן. דער אָפּיציר האָט געמאַכט אַ קליינעם שפּאַן אויף צוריק און אָנגע־טראָפֿן די וואַנט פֿון וואַגאָן. דער זעלנער האָט שוין ניט געקענט אַרויס פֿון דעם טויט־רינג. נאָך אַן אָטעם־פּויזע. באַלד וועט עס געשען. די רגע. פּלוצעם האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ פּרוי פֿון פֿאַרשאָטנטן וואַגאָן־ווינקל און אַ וואָרף־געטאָן זיך אויף דעם אַרויסגעשטרעקטן אויטאָמאַט. זי איז געבליבן הענגען צווישן אָפּיציר און זעלנער.

— שיסט ניט... שיסט ניט... טוט דאָס ניט...

זי האָט געשטאַמלט, גערעדט אין דער פֿינצטערניש אַריין, געבעטן זיך. זי האָט ניט געקענט וויינען, נאָר אָפּגעהאַקטע וויינענדיקע קלאַנגען האָבן צענומען די הערצער.

דאָס איז געווען אַננאַ סאַמועלאָוונאַ קאַרינאַ.

דער סאָלדאַט האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אויסגעקערעוועט זיך און איז אַוועק. ער איז פֿאַמעלעך אַראָפּ פֿון וואַגאָן און פֿאַרשוווּנדן אין דער נאַכט.

די שיסערייען האָבן זיך איינגעשטילט.

אין אַ וואָלקנדיקן פֿאַר טאָג זענען די פֿיר וואַגאָנען צוגעטשעפּעט געוואָרן צו אַ לאַסט־צוג וואָס איז געגאַנגען צום מיזרח.

אַננאַ ליגט אָן איינגעקאָרטשעטע און פֿאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט די הענט. זי וויינט ניט. זי האָט ניט קיין טרערן. די אויגן אירע זענען גרויס געוואָרן פֿון דער נעכטיקער נאַכט. די ווייסלען זענען אַרויס פֿון די אויגן־לעכער. זי קען אַזש ניט פֿאַרמאַכן די לעדלעך. זיי ציטערן. זאָל קיינער ניט זען איר פּנים.

נעכטן האָט זי זיך אָנגעקנוילט און געבליבן ליגן אויף דער פּאָדלאָגע פֿון וואַגאָן. זי האָט ניט געהאַט קיין כּוח צו ראַנגלען זיך. איר

האָט זיך געדוכט אַז אין אַן אורוואַלד האָט זיך צעבושעוועט אַ שטורעם, בליצן צערייסן די פינצטערע ביימער־קרוינען. די שטאַמען צעשפּענען זיך און אין דער מיט פון צעהפּקרטן וואַלד לויפט אַננאַ. לויף ניט קינד מיינס... לויף ניט... ועסט פון שטורעם ניט אַנטלויפן... נידער אַראָפּ צו די וואָרצלען... נידעריקער... אָט אַזוי... נעם אַרום דעם וואָרצל־געפלעכט און וואַרט איבער... עס וועט זיך אויסלייטערן... איז דאָס די שטים פון דער מאַמען? און אַזוי, אַ צוגעדריקטע צום דיל האָט זי דערהערט די געשרייען, די שיכּורע קולות, דאָס געוויין, די געלעכטערס און די שיסערייען. און אַז זי איז אויפגעשפּרונגען האָט זי דערזען אַ ליכט־ראָד, אַן אויפגעריסענע ברוסט מיט אַ שלעכט־פאַרהיילטער שראָם און אַ שוואַרצע לופע פון אַן אויטאָמאָט. איין רגע איז געבליבן. זי איז וואַך געוואָרן. דער קאַלטער שוידער פון שטאָל האָט איר געפּרעסט דעם שטערן. דאָס איז ניט קיין אורוואַלד. דאָס זענען מענטשן. לעבעדיקע מענטשן. זי האָט גערעדט צו די סאָלדאַטן, צו די אָפיצירן. זי האָט איינעם אָנגעכאַפּט פאַר די אַקסל און אַריינגעשריגן אין פּנים אַריין: באַדענק זיך, רוסישער מענטש! דו האָסט אַוודאי אויך אַ פרוי, וואָלסט געוואָלט, אַז זי זאָל איצט אַזוי באַפאַלן ווערן? גיב אַ טראַכט: דיין טאָכטער שלאָפט אין בעטעלע, דיין פרוי רוט. זיי מיינען אַז דו פאַרטיידיקסט די היים — און דו הפקרסט! וועסט זיי קענען קוקן אין פּנים אַריין נאָך דער מלחמה? זאָג! זאָג! דו וועסט זיי ניט קענען קוקן אין די אויגן אַריין.

אַ סאָלדאַט האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט געשעפּטשעט:

— ניט געוווּסט אַז ס׳זענען דאָ רוסישע... ניט געוווּסט... אַ משוגעת... אַנטשולדיקט...

איינער האָט זיך געקלאַפּט מיט די פויסטן אין האַרץ אַריין. — גיב מיר אין פּרצוף, דו טאָכטער רוסישע... גיב מיר מיטן קולאַק... מיט דער פויסט... כ׳בין ווערט... גיב מיר קלעפּ... נאַ, שלאָג! שלאָג! דאָס וועט מיר לייכטער מאַכן... פאַרוואָס שווייגסטו?... שלאָג...

דער זעלבער האָט אונטערגעשטעלט זיין פּנים און געוואַרט אויף אַ קלאַפּ. — נו, פּאַטש מיך אויס... פּאַטש... איך קאָן ניט אויסהאַלטן דיינע רייד...

דער צוג לויפט. עס איז שוין ליכטיק. דורך די טיר־שפּאַלטן זעט מען פעלדער. אַננאַ וויל ניט אַוועקנעמען די הענט פון פּנים. די רעדער קלאַפּן אין די רעלסן און איר גוף וויגט זיך מיטן ריטמישן געקלאַפּ.

מען רעדט צו איר. עמעצער גלעט איר די פינגער. דאָס איז אַ שטיל פרויען־געשעפּטש. זי הערט ניט קיין ווערטער נאָר זי פילט די וואַרעמקייט וואָס שלאָגט פון דער פרעמדערס שטילע רייד. דאָס געשעפּטש פילט אַננאַ אָפּ אין זיך. זי ציטערט מיט. די וואַרעמקייט פון דער פרעמדער גיט זיך איר איבער. ס'איז איר גוט. איצט הערט זי שוין ווערטער, אַזעלכע ווייטע און נאָענטע רייד. ווער רעדט דאָס צו איר? אַננאַ ציטערט. זי ציטערט מיט די פינגער אויפן פּנים. מען שעפּטשעט צו איר יידיש. אויף דעם לשון פון איר מאַמען. זי קען דאָס דאָזיקע לשון קוים פאַרשטיין. זי פילט עס אָבער אָפּ אַזוי ווי מען פילט דער מאַמעס ליפּן־געציטער. אירע פינגער האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין די מילדע פרעמדע הענט.

— רייד צו מיר... רייד צו מיר... כ'וויל הערן... איך מוז הערן... ס'היילט מיך... אַזוי רעדט מיין מאַמע... רייד צו מיר...

אַננאַ האָט זיך געבעטן ביי דער פרעמדער מיט די הענט, מיט די ליפּן די פאַרטריקנטע, מיט די גרויסע צעשראָקענע אויגן. זיי זענען אין די ווינקלען פייכט געווען און טרערן זענען געבליבן הענגען, טרערן ליכטיקע, ריינע, ווי פאַרטאָגיקע טוי־טראָפּנס.

דער אומגעריכטער געשעפּטש פון דער פרעמדער און די פאַרגלי־ווערטע טרערן אין די אויגן־ווינקלען האָבן איר דערלייזט. ווידער איז אויפגעשווומען די היים. די טרויעריקע און נאָענטע היים אין מאָסקווע. געבליבן איז נאָר דאָרט די אַלטע איינזאַמע מאַמע מיט די אָפּגעפרעמדטע איניקלעך. ווידער האָט זי דערהערט דעם געשעפּטש פון יענעם יידישן בחור אין פעלדשפּיטאַל הינטער מאָסקווע. אַן אומגעריכטער געפליסטער אין יידיש פון אַ צעפיבערטן — — —

די פרעמדע האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אַננאַן און האַלטנדיק זיך ביי די הענט האָבן זיי שווייגנדיקע געקוקט צו די האַרבסטיקע פעלדער, צו די געל־ברוינע, צו די גראָ־זילבערדיקע וואַלדפּאַסן, צו די ווערבעס און שוימענדיקע וואָלקנס די פּיאַלעטע.

ביי דער ווייסל

— דאָס איז פּוילן. — האָט אַננאַ געזאָגט.

זי האָט געזען מנחמען, אין די נעפּלדיקע פּאַרטראָגן איז ער איר אַנטקעגן־געגאַנגען פון די נידעריקע וואָלקנס אַרויס, פון די ווערבע־וועג־לעך, פון די טרויעריקע לאָנקעס. זי האָט אים געזען וואַנדערן ביי די וואָקזאַלן צווישן די סאָלדאַטן.

די סאָוועטן האָבן פאַרשטאַרקט די וואַך ביי דער ווייסל. פון יענער זייט טייך האָבן די דייטשן פאַרנומען דעם גאַנצן ווייסל־ברעג פון וואַרשע. איצט זענען געשטאַנען די צוויי פיינטלעכע אַרמייען איינע אַנטקעגן דער צווייטער, אָפּגעטיילט פון דעם טייך.

ביי נאַכט האָבן די רעפלעקטאָרן גענישטערט אין די וואָלקנס, גע־וויגט זיך איבער די אומרויִקע וואַסערן און געפלאַנטערט זיך ביי די קוסטעס פון ברעג. די ליכט־פּאַסן זענען געקומען פון ביידע זייטן טייך. טייל מאָל האָבן זיי זיך צונויפגעגאָסן, די קעגנאיבערדיקע רעפלעקטאָר־זיילן, און פאַרגליווערט געבליבן אין מיטן דער ווייסל ווי אַ לאַנג־דערטרונקען זעגל־שיפל וואָלט אומגעריכט אויפגעטויכט מיט ווייסע מתים און צעריסענעם ווייסן זעגל.

וואַרשע שטעלט נאָך אַ ווידערשטאַנד. מען הערט דאָס אַרטילערישע פייער. אין מיטלשטאָט ברענט. דאָס זענען די לעצטע גסיסה־צאַפּלענישן פון דער ראַנגלענדיקער שטאָט.

עס איז אַ ווינטיקע האַרבס־נאַכט ביי דער ווייסל. דער טייך איז אומרויִק. אין די קוסטעס ביים ברעג שאָרכט עס יעדע רגע. די ווייסל־כוואַליעס שלאָגן זיך אַוודאי אָן אין אַ קוסט, אַן אַרויסגעשוואָנקענעם מיט די וואָרצלען און די וואַסערן פּאַטשן אין ברעג.

מנחם האָט שמירה. ער גייט טריט־ביי־טריט. נאָך האַלבער נאַכט טוישט זיך די וואַך. הינטער אים גייט גריגאָרי לאַטישעוו.

דער טייך איז ברייט, פול מיט שאָטנס. וואַרשע זעט איצט אויס ווי אַ פאַרברענטע שיף וואָס וויגט זיך אויף וואַסערן און די מענטשן פון דער שיף זענען פאַרשוווּנדן אין די כוואַליעס. אין פּאָר טאָגס וואַרפט דער טייך אַרויס די דערטרונקענע. זיי ליגן אָנגעשוואָלענע ביים רעכטן ברעג אַזוי ווי די טונקעלע געהילצער.

פּלוצעם ברעכט אויס אַ שיסעריי. פון יענער זייט טייך קומען אָפּ־קלאַנגען פון ביקסן שאָסן. אין טייך פּליעסקעט ווי מען וואָלט געוואָרפן פיש־נעצן. דערנאָך ווערט שטיל. די ליכטוואָרפערס ווערן שאַרף. ס'איז אַזאַ שאַרפקייט וואָס קאָן דורכשניידן אַ מענטשישן גוף אויף צוויי העלפטן. באַענט הערט מען טריט. דאָס גייט מען ביים טייך, אָט, דאָרט, ביי די קוסטעס.

— סטאָי. סטאָי.

וואַכלייט לויפן צו די שאָטנס. די שאָטנס זינקען איין. זיי ווערן אומבאַוועגלעך ווי צוגעוואַקסענע צום ברעג.

ווידער אַנטלאָפענע פון דער שטאָט. אַ קליינע גרופּע מענטשן, צר־בויפגעדריקטע, זיי שטייען ציטערנדיקע און ס'רינט פון זיי וואַסער. אַ ליכט־ראָד היפּעט אַרום אויף זייערע פּנימער, אויף די הענט. ניט ווייט וויגט זיך אַ שוואַרץ פישער־שיפל, אַ ליידיקס און קלאַפּט זיך אָן אין ברעג.

ניט אַלע זענען דערשווומען. צוויי שיפלעך זענען אונטערגעגאַנגען. די מענטשן קוקן צום טייך. זיי זוכן אויפן פאַרשאָטנטן ברעג.

— ניט רירן זיך פון אָרט! שטיין בלייבן! אָפּגעבן דאָס געווער!

מנחם איז באַענט צוגעגאַנגען. ער האָט געוואָלט אַריינקוקן אין זייערע פּנימער, געוואָלט הערן אַ וואָרט.

מען וואָרט איצט אויף דער וואַך. און אַז די וואַכלייט וועלן קומען וועט מען די מענטשן אָוועקפירן אין שטאַב פון פּאָלק.

אַ לייטענאַנט טרעט ניט אָפּ פון די מענטשן. עס איז פאַרבאָטן מיט זיי צו ריידן. מנחם קאָן לאַנג ניט בלייבן שטיין.

— געגאַנגען! וואָס זוכסטו, סאָלדאַט?

דעם אָפּיצירס קול איז אַ באַפעלערישס. מאָרגן וועט מנחם גיין צום שטאַב. ער וועט זיך עפּעס דערוויסן פון כאַטשאַפּן. ער וועט לאַכן דער גרוזינער מיטן גרויסן מויל געלע ציין. — פּאַליאַקי פלאָכאָ דראַליס... פלאָכאָ, מיכאַיל... דערנאָך וועט ער ווערן ערנסט, דער כאַטשאַפּ און ווינקען מיטן לינקן אייגל. — יעווריעיס זוכסטו? האַ־האַ־הע... אַוודאי זענען זיי יעווריעיס... אויב ניט וואָלטן זיי דאָך ניט אַנטלאָפן... דאַ־דאַ, נאָר יעווריע־יעס אַנטלויפן... זיי האָבן מורא פאַרן גערמאַניעץ... אוי, ווען זיי האָבן ניט

קיין מורא, וואָלטן די יעוורעיעס די ערשטע געגאַנגען אין פּלען... מיר, רוסן האָבן מזל צו אייך... איר קאָנט ניט אַנטלויפן... דו האָסט זיך באַ־ליידיקט, מיכאַ:ל. עך, דו דוראַק איינער. דאָס מאַך איך דאָך שפּאָס. יעוו־רעיעס זענען אַ גוט פאָלק... אַ קלוג פאָלק... די רוסישע יעוורעיעס זענען אַנדערע... זיי זענען סאָוועטישע מענטשן... דו ביסט אַ פרעמדער, ווּעסט זיך אָבער אָננעמען מיט אונדזער סאָוועטישער קולטור. דאַ־דאַ...

מנחם האָט זיך געשראָקן פאַר כאַטשאַפּן, ער האָט געוווּסט אַז כאַטשאַפּ איז אַרומגערינגלט מיט זיינע מענטשן, מיט אַלערליי אונטער־טראָגערס, אַז ער האָט דאָ פאַרשפּרייט אַ גאַנצע נעץ פון אונטערהערער — און דאָך האָט עס ניט אָפּגעהאַלטן פון פירן מיט אים געשפּרעכן.

די וואָס זענען אַריבער אין די נעכט דעם טייך, זענען אויסגעפאָרשט געוואָרן און גלייך אַריבערגעשיקט אין אַ ספּעציעלן זאַמל־פונקט. מען האָט זיי געשיקט נאָר אין די נעכט מיט אַ פאַרגרעסערטער וואַך.

לענגויס דעם ברעג רוישן אַ גאַנצן טאָג די „מעסערס". זיי פלי:ען אומגעשטערט איבער דעם לינקן ברעג. די „יונקערס" קומען אָן פון מערב מיט שאַרף־געשניטענע פליגל. די „היינקלס" האָבן פאַרקיילעכדיקע פליגל. טייל מאָל הייבט זיך אויף פון די חורבות אָן איינצלנער „פאָקע־וואָלף".

איבערן רעכטן ברעג פון דער ווייסל נידערט אָן אר־2. ער פליט אַזוי שטיל און ס'דוכט זיך אַז ער הענגט איבער דעם טייך. פון מיזרח קומען אָן איינצלנע „איליושעס" און מיג־עראָפּלאַנען. זיי קרייזן ביי דעם שטילן ברעג און פאַרשווינדן דרומדיק הינטער די גרויע וואַלד־פאַסן.

דאָס זענען די טעגלעכע עראָפּלאַן־באַזוכן פון צוויי פיינטלעכע אַרמייען. דערנאָך ווערט שטיל. אַ האַרבסטיק־לאַנגווייליקע שטילקייט. גראָ־גרינע פעלדער אויף וועלכע עס טאָפּטשען בהמות. אַ פויער שטייט אומ־באַוועגלעך מיט אַ זאַק אָנגעטאָן אויפן קאָפּ. ס'וועט אַוודאי רעגענען, וועט אים דער זאַק באַשיצן פון רעגן און ווינט. אַ פאַרגעסענער סטאָג היי. אַ נאַקעט וועגל מיט קליינע קאַלוזשעס. אַ צעבראָכענער צוים נעבן אַ פאַרברענטער ווירטשאַפט. געבליבן איז נאָר דאָרט אַ הויכער קוימען און אַרום דעם פּלויט — נאַקעטע ווערבעס. אַ יונגע פויערטע גייט איבער די פעלדער. זי איז באָרוועס. דאָס קלייד איז פאַרבויגן ביז די קני, עס זאָל

ניט פייכט ווערן אין די גראָזן. די נאַקעטע פיס ליכטיקן ווי שטיקער זון. אַ קאַלב לויפט איבער דער דאָרפגאַס און פאַרשווינדט אין אַ הויף. די פויערטע וואָס איז אַוועק אין פעלד אַריין פירט איצט פאַרן ציימל אַ גע־פענטעט פערד. דאָס פערד היפּט מיט די פאָדערשטע פיס און קלאַפּט אין דער פייכטער ערד.

מנחם ליגט אין גרויסן שייער און קוקט דורך די שפּאַלטן צו די פעלדער. זיין אויג איז שאַרף. די גראָע נעפּל־וועלדער, די דאָזיקע האַרבסט־פעלדער, דער סטאָג היי, דער פויער אין ערב־רעגנדיקן פעלד מיטן זאַק איבערן קאָפּ, די פויערטע מיט די געזונטע באָרוועסע פיס, די פאַרברענטע זאַגראָדע — דאָס אַלץ ווערט אים אַזוי באַענט, אַזוי אייגן. דאָס ליכט דרינגט אַריין אין זיינע אויגן. ער פילט דעם טרויעריקן פוילישן האַרבסט אין זיך. ער עטעמט מיט דער פייכטעניש.

גריגאָרי לאַטישעוו האָט זיך פאַרבענקט נאָך זיין היים. אין טיפן רוסלאַנד, אין אַ דאָרף האָט ער אַ ווייב מיט קינדער. ער האָט זיי שוין ניט געזען יאָרן. די בענקשאַפט נאָך דער היים לאָזט אים איצט ניט רוען. פון זיין בוזעם־טאַש, ווו ער האַלט פאַרשיידענע צעטלען, האָט ער אַרויס־גענומען אַ קליין בילדל מיט איבערגעבראָכענע ראַנדן, אַ צעבויגנס, מיט ריצן, אַ פאַרגעלטס.

— דאָס איז מיין באַלעבאָסטע מיט די טעכטער, אין דער מיט בין איך אַליין...

מנחם האָט געזען אויפן בילדל דעם יונגן לאַטישעוו זיצן אויף אַן אונטערגעזעגטן שטאָם מיט אַ האַרמאָשקע אין די הענט און אויףביידע שויסן צוויי מיידעלעך מיט גרויסע שלייפן אין די האָר און הינטער אים — אַ יונגע פויערטע מיט אַ געבלימלט קאָפּטיכל און אַ לאָק אויפן שטערן.

ער האָט געשריבן בריוו. גרויסע אומגעלומפּערטע בריוו, מיט גרויסע בוכשטאַבן, מיט פלעקן פון טינט. ער האָט זיי געשיקט אויף לאַנגע אַדרעסן אַזש דער גאַנצער קאָנווערט איז באַשריבן געוואָרן: „פּאַר טאַטיאַנאַ גאַוור־ריליאָוונאַ לאַטישעוואַ פון דאָרף פּראַלוקי, קראַסנאָזאַוואָדסקי ראַיאָן, טשקאַ־לאָווער אָבלאַסט, פון קאָלכאָז אויפן נאָמען פון דער דריטער פּיאַטילעטקע. דאָס לאַנד — ס.ס.ס.ר.״.

ביי דער ווייסל

לאַטישעוו האָט איין מאָל מנהמען געוויזן אַ בריוו.

— זעסט ברודערל, מיין האַנטשריפט. אַ ביסל אָפּגעוווינט געוואָרן, לאַנג ניט געשריבן. איצט האָט מיך אַ בענקשאַפט אָנגעכאַפּט.

— דו וואָלסט נאָך געדאַרפט צושרייבן דעם נאָמען פון דעם קאָל־כאָזנעם בריגאַדיר — האָט געזאָגט אַ געוועזענער קאָלכאָזניק. — ס׳קען נאָך אָפּליגן דער בריוו אין קאָלכאָז אַ פּאָר וואָכן ביז מ׳וועט אים איר איבערגעבן. לאַטישעוו האָט געפירט זיין האַנט אויף דעם פייכטן שטערן.

— ס׳איז ניט געבליבן קיין פלאַץ אויפן קאָנווערט. אַלץ איז פאַר־נומען. איבערשרייבן אויף ס׳ניי איז אַ גרויסע האַרעוואַניע. אָפּגעמוטשעט זיך אַ האַלבן טאָג. זי וועט דעם בריוו באַקומען. דער פאָרזיצער פון קאָלכאָז איז וואַסקאַ טשירקין, אַן אייגענער, מיר זענען צוזאַמען געגאַנגען אויף יאַגד, ער וועט דעם בריוו אָפּגעבן...

דעם פאַרנאַכט איז ער ניט געגאַנגען צו דער פּאָליאַטשקע. זי האָט זיך געדרייט פאַר דעם שייער און געוואַרט אויף לאַטישעוון. ער האָט זיך איינגעגראָבן אין היי און שווער געאָטעמט. אַזוי ווי ס׳אָטעמען פערד אין די שטורעם־נעכט ביי פוסטע קאָריטעס.

מוסאַ האָט אים געטרייסלט.

— לאַטישעוו, לאַטישעוו.

— די כאַנדראַ איז אים באַפאַלן.

— לאַטישעוו, מען וואַרט אויף דיר. די פּאָליאַטשקע וואַרט.

ער איז אויפגעשפרונגען און געטרייסלט מוסאַן. ער האָט געוואָלט שרייען, בייזערן זיך און ניט געקאָנט.

— יעי באָגו, קוק אַרויס, וועסטו איר זען...

לאַטישעוו איז אַרויס פון שייער און זיך גלייך צוריקגעקערט.

— נעם מוסאַ דעם בריוו, גיב אים איבער אין שטאַב, פאַר דער פּאָסט. פאַרגעס ניט מוסאַ.

— זאָל ער אויך נעמען די פּאָליאַטשקע? זי וועט מיט אים גיין. — האָט עמעצער געזאָגט.

די סאָלדאַטן האָבן זיך צעלאַכט. נאָר לאַטישעוו איז געשטאַנען אַ פאַרכמורעטער.

— נעם איר, דו געלער טשאָרט, נעם איר, אַז זי וועט וועלן...

ער האָט זיך אָוועקגעוואָרפן אויפן שטרוי. — — אַ גרויס רוסיש דאָרף, מיט הויכע הילצערנע הייזער פון דיקע סאָסנעס. מיט גאַנעקעס, מיט הויכע טרעפלעך... אַ שורה ברונעמער אין מיטן דער דאָרפגאַס... ווייסע פאָרהאַנגלעך אין קליינע פענצטערלעך. אַ ליכטיק זאַמד אין מיטן דער ברייטער גאַס... די ברונעם־קאָרעטעס זענען פול מיט אַ בלאָ־וואַסער... אַ טשאַטע טויבן שוועבט איבערן דאָרף... הינער פיקן קערנער ביי אַן אויסגעשפאַנטן וואָגן... אַ ווייסע ציג קלעטערט מיט די פאָדערשטע פיס אויף אַ ווערבע. זי גריזשעט אַרום די ווייכע ווערבע־קאָרע... אַ טויער צע־פראַלט זיך מיט אַ סקריפּעריי... יונגע פויערטעס שפּאַרן פון דאָרט אַרויס, אין פאַרביקע סאַראַפאַנען, רויט־פּנימדיקע, העל־האָריקע, ליכטיק־אויגיקע, וויגנדיקע, צעזונגענע... דאָס פירט מען דעם זשעניך, גריגאָרי אַפאַנאַסיעוו לאַטישעוון. ער גייט און שפּילט אויף דער בייער גאַרמאַניע... דער ערשטער גאַרמאָניסט פון פראַלוקי... הינטער אים גייט זיין כלה טאַטיאַנע. — — —

אַזוי פיל יאָרעלעך זענען אַריבער. די קינדער זענען שוין אויס־געוואַקסן. זיי האָבן זיך געהאַדעוועט אָן אויפזיכט. אַליין איז ער געשלאָפן אין באַראַקן, אויף וואָקזאַלן, אין שאַכטעס. געשיקט אַמאָל אַ פּאָר רובל, אַ קורץ בריוול. טייל מאָל איז ס'ווייב געקומען צו אים, דורכמאַכנדיק שווערע נסיעות איבער די רחבותן פון רוסלאַנד. און איצט איז מלחמה.

— דו ווייסט, מיכאַיל. איך פאַרשטיי דיך איצט. דיין היים איז דאָרט, אויף יענער זייט טייך. מיין היים איז ווייט אין הינטערלאַנד. און איבער דעם אַלעם איז דאָ איין גרויסער הימל, אַ ניט־אָפּגעטיילטער, אַ הימל מיט וואָלקנס, מיט שטערן, מיט לבנה און דאָס זעלביקע ליכט פון דער זון באַלייכט אַלעמען. די מענטשן זענען אויך די זעלביקע. אַלעמענס טרערן זענען געזאַלצן און יעדנס בלוט איז רויט.

ער האָט גערעדט שטיל. טייל מאָל איז ער געבליבן אַן אומבאַ־וועגלעכער ווי ער וואָלט אויף עפּעס געוואַרט. מנחם האָט אָבער אַריינ־געגומען דעם קאָפּ אין ביידע הענט און געשוויגן. וואָס קאָן מען דען זאָגן אין די דאָזיקע האַרבסטיקע נעכט ביי דער טרויעריקער ווייסל? אים האָט זיך געדוכט אַז דאָס איז שוין ערגעץ־ווו געשען, מיט יאָרן צוריק. פון

ווייטן מיזרח זענען זיי אַנגעלאָפֿן אויף פֿלינקע פֿערד. זיי זענען געריטן מיט דער שנעלקייט פֿון ווינט. גאַנצע האַרדעס זענען אַנגעלאָפֿן, און אַלע אויף גלאַנציקע דין־פֿיסיקע פֿערד. און איינער אַ רייטער, אַ שיף־אייגיקער, האַלט אויף זיין רוקן אַ געבונדענעם מענטש. זיי רייטן לענגויס אַ טייך. די פֿערד קלאַפּן מיט די קאָפּעטעס אין וואַסער. ניט ווייט זעט מען אַ שטאָט. דער רייטער לויפֿט אַרויס פֿאַרנט מיטן פֿערד, ער שווימט אַריבער דעם טייך און לעבן אַ חורבה פֿון אַ הויז, אויף די פֿאַרוויסטע שוועלן וואַרפֿט ער אַראָפּ פֿון זיך דעם געבונדענעם מענטש. דאָס הויז ברענט. עמעצער רופֿט אים. דאָס איז זיין ברודער. ער קען זיך אָבער ניט רירן. מנחמען האָט באַגאָסן אַ קאַלטער שווייס. ער וויל אַרומווישן די טראָפּנס פֿון זיין פּנים און ער קאָן ניט. די הענט זענען פֿאַרקראַמפּט מיט שטריק, דער רייטער אַנטלויפֿט. ער הערט דאָס גאַלאָפּירן איבער ליידיקע פֿעלדער האַרבסטיק פֿאַרוויסטע. העי, גוטער מענטש, אַנטלויף ניט. אַנטלויף ניט. בינד מיר אויף די הענט. נאָר די הענט. רייטער. רייטער, ווער ביסטו? אַ גאָט, דאָס איז דאָך אַבילעוו! אַזאַ פּנים ווי אַבילעווס... העי, אַבילעוו, דו טאַטער פֿון אַ דאָרף ביי קאַזאַן... קום. העלף מיר. געדענקסט דאָך מיכאַילן, פֿון די עשאַלאָנען... אַבילעוו... וואָס וועל איך דאָ ליגן אַ געבונדענער? בעסער דו וועסט מיר אויסשטעכן די אויגן מיטן שפּיז, אַז איך זאָל ניט זען דאָס פּנים פֿון מיין ברענענדיקן ברודער. וואַרפֿט מיך בעסער אַריין אין די פֿלאַמען. פֿאַרטיליקט מיך. נאָר לאָזט מיך ניט ליגן אויף דער שוועל פֿון מיין היים אַ געבונדענער!...

לאַטישעווס אומעט און בענקשאַפֿט איז ניט תמיד אַרויסגעשווומען אויבן־אויף ווי די טונקעלע וואַסערן פֿון אַ טייך־דעק אין פֿאַרוואָלקנטע פֿאַרנאַכטן. עס זענען אים ווידער באַפֿאַלן די זאַרגלאָזע שעהן ווען ער האָט געטרונקען בראָנפֿן פֿון פֿלאַש און געזונגען אויסגעלאַסענע „טשאַס־טושקעס״. ראַביצעוו איז געוואָרן אין שייער אַן אָפֿטער גאַסט. דער פֿערמער פֿויער איז געקומען אין די פֿאַרנאַכטן אַן אויפֿגעלייגטער און געבראַכט פֿולע טאַשן מיט פֿאַרבייסעכץ. מען איז געזעסן אויף די בעטלעך, געקלאַפּט זיך אין די פֿולע גלעזער.

ער האָט געקענט טרינקען דער ראַביצעוו. נאָך יעדן טעפּל בראָנפֿן

האָט ער אַ וויש־געטאָן דאָס מויל מיט דער דלאָניע און געגלייזלט די אויגן.

— וואָס שיקלסטו, אַלטער, מיט די אויגן ווי אַן אויסגעקראָכענער האָן נאָך יעדן שלונג וואַסער?

אַן אויפגעבונדן געלעכטער האָט פול געמאַכט דעם שייער.

— מיכאַיל, שטעל אונטער דעם גאָרגל. עפּן דעם שלינגער. זעט נאָר ווי ער קרעמפּירט זיך, אַזוי ווי אַ באַרישניאַ — האָט געדופן לאַטישעוו.
— פאַרגיס די צרהלעך. מיט רוסן איז גוט צו טרינקען. נישטאָ קיין בעסערע מיטטרינקערס אויף דער גאַנצער וועלט. זיי וועלן דיר אַוועקגעבן דאָס נשמהלע. זיי וועלן דיר אַוועקשענקען דאָס האַרץ! אַפילו ניכטערע שוין, וועלן זיי אייביק געדענקען, אַז דו האָסט מיט זיי געטרונקען! ניט ווי די פּאָליאַקן, וואָס אַז דו טרינקסט מיט זיי — איז היט דיין גאָרגל, אַז זיי זאָלן דיר אים ניט איבערשניידן. זיי לאָפען שיכורעהייט מיט די שליפיעס אַזוי ווי משוגע־געוואָרענע הענער! מיכאַיל, קום אַהער, גוט איז צו זויפן מיט רוסישע מוזשיקעס — נאָר ביטער איז מיט זיי מלחמה צו האַלטן!...

לאַטישעוו האָט איבערגעקערט אַ פלאַש און געגאָסן אין מנחמס בלעכן טעפּל.

— געטוג.

— נו שווייג! ווער פרעגט דיך! איך באַפעל! איך בין דער גאַסט־געבער!

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן מוסאַ מיט אַ צייטונג אין דער האַנט.

— זעט... דאָ שרייבט מען וועגן אַנטיפּן... מען האָט אים דערשאָסן...

ער האָט געפּאַכעט מיט דער צייטונג, גערעדט אומפאַרשטענדלעכע רייד ביז לאַטישעוו האָט אים די צייטונג אַרויסגעריסן פון די הענט. אין דער סאָלדאַטישער פראָנט־צייטונג איז איבערגעגעבן געוואָרן אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זיך דורכגעריסן דורך דער ווייסל אַ גרויסע גרופּע רוסישע געפאַנגענע, וואָס די דייטשן האָבן זיי אויסגעניצט קעגן די אייגענע ברידער. בשעת דעם דורכגיין די ווייסל האָבן זיי באַשטראָפט דעם פאַר־רעטער אַנטיפּ וואָס האָט דעזערטירט פון דער אַרמיי הינטער מאָסקווע און פאַרקויפט זיין נשמה דעם טייוול. איצט האָט ער באַקומען זיין פאַר־דינטע שטראָף.

ביי דער ווייסל

לאַטישעוו האָט געלייענט פּאַמעלעך יעדעס וואָרט און בשעתן לייע־נען געפירט מיט דער לינקער האַנט איבערן שטערן.

— נו, גוט אים, דעם אַנטיפן, אַזאַ סוואָלאַטש.

ביינאַכט איז די קאָמפּאַניע געשטאַנען אויסגעשטעלט אויף דער דאָרף־גאַס און עטלעכע אָפיצירן האָבן געלייענט ביים ליכט פון אַ רע־פלעקטאָר באַפעלן פון שטאַב.

מען איז געגאַנגען דורך פעלדער דורכגעזאַפּטע מיט רעגן־וואַסערן, דורך זייטיקע וועגן.

— וואָס קריכט איר ווי בלינדע אָקסן? געלאָפן! געלאָפן!

מען איז געשפּרונגען איבער קאַנאַוועס, איבער קוסטעס און צוימען.

— גיכער! גיכער! ליידאַקעס צעבאַלעוועטע! שיכּורים! אָפּגע־ווינט זיך צו שטעלן אַ טריט! פויל געוואָרן! ווי פערד לאַנג ניט גע־שפּאַנטע!...

אַננאַ איז איבערגעשיקט געוואָרן קיין פּראַגע ביי וואַרשע.

נאָך דעם ווי די דאָזיקע פאָרשטאָט איז באַפרייט געוואָרן אין דער העלפט פון חודש סעפּטעמבער, האָט זיך דער גאַנצער רעכטער ווייסל־ברעג, אַזש ביז יאַבלאָננע געפונען אין סאָוועטישע הענט. די אינטענדאַנטור, די סאַנבאַטאַליאָנען און אַלערליי אַדמיניסטראַטיווע אָפּטיילונגען פון דער אַרמיי האָבן זיך אָנגעהויבן איינצולאָקירן אין פּראַגע. די פאָרשטאָט פון וואַרשע האָט ניט געליטן אַזוי ווי די איבעריקע פוילישע שטעט. די גאַסן זענען גיך אָפּגערייניקט געוואָרן, עטלעכע טראַמוויי־ליניעס זענען איינ־געשטעלט געוואָרן. אַ סך געביידעס זענען דאָ ליידיק געווען נאָכן אַנטלויפן פון די דייטשן.

אין איינעם פון די ניי־אַנטשטאַנענע מיליטערישע שפּיטאָלן, אויף די מיזרח־ראַנדן פון פּראַגע איז אַננאַ סאַמועלאָוונאַ קאָרינאַ באַשטימט געוואָרן אַלס דאָקטאָרין. די שול־געביידע איז ממש דורך געציילטע טעג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוסטער־שפּיטאָל. גרויסע לאַסט־וועגענער מיט אייזערנע בעטלעך, מיט מאַטראַצן, מיט בעט־וועש, אַ שטאַב פון באַדינער, פלעגערינס, סאַניטאַרינס. אַ קוך מיט אַ גרייטן פּערסאָנאַל און דאָקטוירים.

און מיט אַ טאָג־צוויי שפּעטער נאָכן איינאָרדנען דעם שפּיטאָל — אַ טראַנספּאָרט פאַרווונדעטע און קראַנקע פון די פּראָוויזאָרישע פעלד־שפּיטעלער, פון די קליינע צייטווייליקע לאַזאַרעטן וואָס זענען צעוואָרפן געווען איבער דעם מיזרחדיקן ווייסל־ברעג.

דער דאָזיקער ניי־אַנטשטאַנענער שפּיטאָל האָט געהערט צו דעם טייל פון דער אַרמיי צו וועלכן עס האָט אויך געהערט דער פּאָלקאָווניק יעפימאָוו, דער קאָמאַנדיר פון מנחמס פּאָלק.

ווידער האָט אַננאַ קאַרינאַ אָנגעטאָן דעם ווייסן כאַלאַט. עס איז איר אויסגעקומען אַז דאָס איז אַ חלום. זי האָט זיך אַלץ געזען אין די זומפּיקע פעלדער פון פּאָלעסיע, אין די חושכדיקע נעכט — אַ געיאָגטע פון דייטשן דורך וויסטיקע שטעגן און וואַלד־פּאַלאַנעס. כאַטעס פאַרברענטע. פויערים דערשראָקענע. וואַלד־יידן פאַרטריבענע, פאַרצווייפלטע, שטאַרבנדיקע. זי האָט דערזען זשילינען. איר אָטעם איז פאַרהאַקט געוואָרן און דאָס האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט ניט געקאָנט איינהאַלטן די גלייכוואָג. גע־וואָלט רייסן פון זיך דעם ווייסן דאָקטאָר־כאַלאַט, געוואָלט שרייען, נאָר אַן אָנמאַכט איז איר באַפאַלן, אַזאַ מידקייט וואָס האָט געליימט אירע הענט, אָפּגענומען דאָס לשון.

ס'איז שטיל אין לאַנגן שפּיטאָל־קאָרידאָר.

אַננאַ אין אַריין אין אַ גרויסן צימער. אַ טונקל ליכט פאַלט אויף צוויי שורות בעטן. די פענצטער זענען שוואַרץ. זי טראָגט שטעקשיך און גייט אויף די שפּיצן פינגער. דער ערשטער, ביי דער טיר עטעמט שווער. די קינבאַקן פון קראַנקן טונקלען זיך אַרויס, די פאַררויסענע נאָז מיט די נאָזלעכער בולטן זיך אַרויס פון זיין פּנים. אַננאַ קוקט אויף דעם טאָוול וואָס הענגט צו פוסנס פון קראַנקן. — זאַכאַרטשענקאָ — לייענט זי מיט די ליפּן. דערנאָך לייגט זי צו אירע פינגער צו זיין פּולס. דער קראַנקער עפנט לייכט, קוים צו מערקן אַ שמאָל שפּעלטל פון איין אויג און פאַרמאַכט עס צוריק. די ווונד זיינע איז אַ טיפע. אַ שפּליטער אין דער ברוסט. פאַרווונדעטע געוואָרן ביים דעראָבערן פּראַגע.

פון די פענצטער זעט מען די פאַרטונקלטע גאַס. איבער די דעכער הענגען וואָלקנס. האַרבסטיקע וואָלקנס וואָס צערינען אין דער פינצטערניש.

ערגעץ צאַפּלט אַ שטערן און קאָן זיך ניט פאַרלעשן. ווידער איז אויפגעשווומען זשילינס פּנים. זי טרייבט עס פון זיך. גראָד איצטער, ווען זי איז באַפרייט געוואָרן פון געפאַנגענשאַפט, ווען זי איז צוריק אין אַ שפּיטאָל איז צוריקגעקומען יענע נאַכט מיט זשילינען אַזוי שאַרף. איר איז אויסגעקומען אַז זי איז נענטער געוואָרן צו יענער פּאַסירונג און אַז מיט יעדער נאַכט ווערט זי נענטער צו דער גרויליקער איבערלעבעניש אין וואַלד. אַנטלויף. אַנטלויף. גיי אַוועק פון דאַנען. — האָט איר עמעצער ווי געשעפּטשעט אין אויער אַריין. — אומעטום וואַרט אויף דיר זשילין. ער איז דאָ. ער גייט דיר ווידער אַנטקעגן. וואַרף אַראָפּ דעם דאָקטאָר־כאַלאַט... מיש זיך אויס מיט די הימלאָזע, וואָס קומען איצט אין דער דאָזיקער פאַרשטאָט פון די לעכער אַרויס... מיש זיך אויס מיט די טרויעריקע יידן... דו באַגעגנסט דאָך זיי אויף די גאַסן פון פּראַגע... דו דערקענסט דאָך זיי לויט דעם טרויער... לויט דער פאַרלאָרנקייט... לויט דער איינזאַמקייט... זוך אַזוי ווי זיי אַ דאַך איבערן קאָפּ... זוך אַ שפּליטער פון דיין משפּחה... זוך... זוך... זוך אַננאַ, דו טאָכטער פון מאָסקווער ייִד סאַמועל קאָרין... קער זיך ניט צוריק צום נעכטן... וואָרעם דו ביסט פּונקט ווי זיי... עס וואַרטן אויף דיר הימלאָזע... און צווישן די הימלאָזע דער שוואַרץ־אויגיקער און שמאָלאַקסלדיקער ייִד מנחם...

— דאָקטאָר אַננאַ סאַמועלאָוונאַ...

ווער רופט עס איר? אַ קראַנקער? גוט, וואָס עמעצער רופט מיך. זי איז שרעקלעך דאַנקבאַר געווען דעם מענטשן פאַרן שטילן נאַכט־רוף. דאָס איז געווען די דאַנקבאַרקייט פון אַ מענטש וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ פינצטערן קעלער און קען ניט געפונען קיין ליכטיקע טרעפּ וואָס זאָלן אים פון דאָרט אַרויספירן און פּלוצעם עפנט עמעצער אַ טיר און ס׳פאַלט אַ שפּאַלט ליכט.

דער רוף „דאָקטאָר" איז געבליבן הענגען אין אַ ליכט־אָפּשיין. זי האָט דערזען אַ וואַכעדיק פּנים פון אַ קראַנקן.

— אָ, דאָס איז דאָך איסאַק פאַרבער.

אין איר אויסרוף איז געווען אַ טאָן פון חידוש. ער איז אַ ייִד, דער פאַרוווּנדעטער.

אַ סך ייִדן ליגן אין דעם שפּיטאָל. ביז איצט האָט זי זיך ניט פֿאַר־האַלטן אויף קיין איין רגע לענגער נעבן זיין בעט, כאָטש זי האָט עס געוואָלט טאָן. נאָר איין מאָל, פֿאַרבייגייענדיק, האָט אַננאַ אים געפֿרעגט: באַקומט איר בריוו פֿון דער היים? — זי האָט געזען ווי ער האָט פֿאַרשלאָסן די אויגן. — שטרענגט אייך ניט אָן. — פֿאַרבער האָט געציטערט מיט דער אונטערשטער ליפּ. זי פֿילט זיך נאָך איצט שולדיק פֿאַר דער דאָזיקער פֿראַגע.

— דאָקטאָר — שעפּטשעט ער.

אַננאַ האָט זיך צוגעבויגן און אָנגענומען זיין האַנט.

— פֿאַרוואָס שלאָפֿט איר ניט? עס איז דאָך שפּעט.

— כ׳בין אומרויִק.

— עס טוט אייך וויי?

— ניין.

— כ׳האָב אייך, ניט ווילנדיק וויי־געטאָן, געפֿרעגט אויב איר באַקומט בריוו פֿון דער היים. איצט פֿאַרשטיי איך אַלץ.

פֿאַרבער האָט געשוויגן.

אין הויף רוישט אַ לאַסטמאַשין. דאָס טויער סקריפּעט. מען הערט טריט פֿון דער וואַך. נאָענט האָט מען געעפֿנט אַ טיר.

— איך שטאַם פֿון אוקראַיִנע, פֿון דער שטאָט שפּאָלע. געווען ביזן קריג אַ לערער פֿון געשיכטע אין אַ מיטלשול. בין אַ קאַפּיטאַן פֿון אַ טאַנק־איינהייט. מיין גאַנצע משפּחה איז אומגעקומען. כ׳בין דרייסיק יאָר אַלט.

איצט האָבן אים שוין ניט געציטערט די ליפּן. ער האָט זיך אַ ביסל אונטערגעהויבן. אַננאַ האָט פֿאַרראַכטן דעם קישן.

— „פֿאַר שפּאָלע האָב איך באַצאָלט. פֿאַר נאָך אַזעלכע שפּאָלעס. מיר האָבן זיי אַרומגערינגלט, די דייטשן, ביים דניעפּר. זיי האָבן געהאַט נאָר צוויי וועגן: אין געפֿאַנגענשאַפֿט אָדער אין קבר אַריין. כ׳בין באַ־שטימט געוואָרן איבערצוגעבן די אַרומגערינגלטע דייטשן דעם פֿאָרשלאָג צו קאַפּיטולירן. דאָס איז געווען אָנהייב פֿעברואַר. כ׳האָב גערופֿן צו זיי אויף דייטש דורך אונדזערע הילכער, אָנגעזאָגט אַז אַ פּאַרלאַמענטאַריער וועט צו זיי אַרויס. זיי האָבן אָפּגעשטעלט דאָס פֿייער און געוואַרט. כ׳האָב

ניט געהאַט קיין חשק זיי צו זען פון דער נאָענט. באַפעל איז אָבער באַפעל. איך בין געווען אין שטאַב דער דייטש־קענער. זיי האָבן מיך אָפּגעוואַרט אויפן הפקר־שטח. מען האָט מיר פאַרבונדן די אויגן און געפירט. מען האָט מיך ערגעץ געלאָזט וואַרטן. עמעצער האָט עפּעס געשעפּטשעט. כ'האָב געשוויגן. דערנאָך האָט מען מיך אַרייַנגעזעצט אין אַ מאַשין. מען פירט מיך איבער אַ שאָסיי. שפּעטער דורך אַ דאָרף. אַ טירל סקריפּעט. מען פירט מיך אַריין אין אַ כאַטע מען נעמט מיר אַראָפּ דעם טוך פון די אויגן. די שטוב איז פול מיט דייטשישע אָפיצירן. איך גיב איבער דעם פאַרחתמעטן קאָנווערט. זיי לייענען אים. דער אולטימאַטום ענדיקט זיך מאָרגן 11 אַזייגער. כ'האָב זיך צוריקגעקערט צו אונדזערע פּאָזיציעס. פאַרן אויסגאַנג פון אולטימאַטום האָבן זיך אָפּגערופן די דייטשישע האַרמאַטן. פון צווי וועגן — אין געפאַנגענשאַפט אָדער אין קבר — האָבן זיי אויסגעקליבן דעם קבר".

אַננאַ האָט אים געוואָלט איבעררייסן.

— איר טאָרט זיך ניט אָנשטרענגען. עס מאַכט אייך מיד. ער האָט אָוועקגעלייגט זיינע פינגער אויף איר האַנט און פאַרגעזעצט:

— „דעם 17טן פעברואַר איז דאָס באַיקאָווע פעלד ביי קאָרסון פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין דעם קבר פון דייטשישע דיוויזיעס. אין אַ שניי־נעפּל האָבן זיך געצאַפּלט די צעשלאָגענע דייטשישע פּאָלקן זוכנדיק שוץ קעגן אונדזערע טאַנקען וואָס איך האָב זיי אַרייַנגעפירט פון אַלע זייטן. ווייסע שטורעם־ווינטן פון שניי האָבן אַלץ פאַרהילט. מען האָט נאָר געזען אויף עטלעכע טריט פון זיך. טאָלפּעס דייטשן זענען געזונקען אין שניי... זיי זענען געלאָפן גלייך אויפן פולעמיאָטן פייער... ס'האָט זיך געטראָגן איבערן פעלד אַ ווילדער געזעצט... מיט פּאַרטויבנדיקע שיסערייען און געפייף פון שניי־בוריאַן... ביינאַכט האָט זיך די שלאַכט פאַרשטאַרקט... דער געוואַי איז נאָך הילכיקער געוואָרן... אין די קאַמפן זענען אַרייַנגעטראָטן אַלץ נייע פּאָלקן. גענעראַל קאָניעוו האָט אַליין אָנ־געפירט מיט דער דאָזיקער שלאַכט... אויף זיין באַפעל האָבן אַ שפּאַר־געטאָן מיט אַ ברייטן פראָנט טאַנקן, און פון דער קעגנאיבערדיקער זייט פעלד האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן די קאַזאַקישע עסקאַדראָנען... פון לינקס זענען

אָנגעקומען דורך דעם שניי־שטורעם ריזיקע פאַנצער־מאַשינען... און אין דער רגע האָבן זיך אַריינגעריסן די קאָזאַקישע עסקאַדראָנען אויף פערד, גלייך אויף די דייטשן... די פערד האָבן געהירזשעט... ס'האָט אָפּגעהילכט דער נצחון־געשריי און ס'האָבן געבלענדט אין שניי די שפּיזן און די פאַר־בלוטיקטע שווערדן... צומאָרגנס האָט מאָסקווער ראַדיאָ געמאָלדן אַז אַ בריגאַדע פון דער אַכטער דייטשישער אַרמיי וואָס איז געווען אַרומגע־רינגלט ביים דניעפּער, איז צעגראַמירט געוואָרן. 52 טויזנט דייטשן זענען געפאַלן אין שלאַכט און 11 טויזנט האָבן זיך איבערגעגעבן אין געפאַנגענ־שאַפט". — — —

אַננאַ האָט אַרומגעווישט דעם שווייס פון פאַרבערס פּנים. ער זעט איצט אַנדערש אויס ווי פריִער. זיין ריידן האָט איר באַרויִקט און גע־שטאַרקט.

ס'איז נאָך האַלבער נאַכט. מען הערט שוין אַפילו ניט די טריט פון די וואַכליים. זיי שטייען אָנגעשפּאַרט ביי ווענט. אַ געדיכטע גראַקייט לאָזט זיך אַראָפּ פון די הימלען. מען זעט ניט קיין הייזער און ניט קיין וואָלקנס. וואָס טוט זי אַזוי שפּעט ביים פענצטער. אַזויפיל שעה איז נאָך געבליבן צו אַכט. אַכט אַזייגער דאַרף זי קומען אין אָפּעראַציע־זאַל. מען וועט אַרויסנעמען די שפּליטערס פון איסאַק פאַרבער. מען וועט דערנאָך אָפּערירן זאַכאַרטשענקאָן. זי איז ניט מיד. ס'איז איר גוט אין דעם דאָזיקן שפּיטאָל אין דער פאַרשטאָט פון וואַרשע. נעכטן האָט זי לאַנג געקוקט צו דער ווייסל, געזען די שטילע ברעגן פון דעם געל־מוטנעם טייך. אויף טייל ערטער זענען די וואַסערן טונקל־גראָ. וואַרשע איז נאָענט. איבער דער ווייסל טונקלען זיך די אויפגעריסענע בויגנס פון די בריקן. גוט וואָס זי איז אַזוי ווייט פון מאָסקווע. דאָס דערווייטערט איר פון יענער אַננאַ פון וואַלד און פון דער רעגנגאַכט אין די וואַגאָנען. זי האָט ליב די פרעמדע גאַסן פון פראַגע, די האַלב־לערע מיט אויפגעבראָכענע טויערן, צעשפּלי־טערטע גזימסן און צעהאַקטע פענצטער. שעהן איז זי אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און זיך איינגעהערט אין פּוילישן לשון, אויפגענומען די פרעמדע שפּראַך וואָס האָט איר אָפּגעקלונגען טייל־מאָל אַזוי נאָענט. איצט דערקענט זי שוין ווער פון די פאַרבייגייער עס איז אַ ייִד. זיי זענען אַזוי ווינציק. זי

קען זיי אונטערשיידן לויט די אויגן, לויט די טריט און לויט דעם צער וואָס זיי טראָגן אין די מידע פּנימער. ניט איין מאָל איז זי אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ פּנים וואָס איז איר אַנטקעגן־געגאַנגען. דאָס איז ער! עמעצער האָט איר נאָכגעקוקט, פאַרהאַלטן זיך. זעט אויס, אַז קיינעם פון זיי איז ניט איינגעפאַלן אַז די יונגע העל־האָריקע פרוי אין מיליטערישע קליידער פון אַ סאָוועטישן אָפיציר איז אַ ייִדישע.

אין צימערל איז קאַלט. די שויבן גראָען. זיי זענען פאַרלאָפן מיט גרויסע טראָפּנס. זיי טריפן ניט אַראָפּ. פון דער דרויסנדיקער גראָער שיין לייכטן זיי אַזוי ווי טרערן.

אַננאַ האָט זיך איבערגעדעקט מיטן שינעל. זי וועט שוין אַזוי איבערוואַרטן ביז פאַר טאָג. דער שלאָף האָט איר אָבער גובר געווען.

די דייטשישע עראָפּלאַנען באַווייזן זיך ניט מער זייט אייניקע טעג איבער דער ווייסל. פון גאַר ווייט הילכט אָפּ אַן עכאָ פון אַן אַרטילעריש שיסעריי. ביידע זייטן ברעג זענען באַוואַכט. ביי טאָג זעט מען די וואַכ־פּאָסטנס. מען זעט די זעלנער פון די צוויי פיינטלעכע אַרמייען ביי די קוסטעס, מען דערקענט די פּאָזיציעס לויט די העלע זאַמד־אָנשיטן. אויף טייל ערטער זענען זיי פאַרמאַסקירט מיט האַרבסטיקע צווייגן. אין די נעכט לויכטן אָפּט פייערלעך און פאַרלעשן זיך. אַ רעפלעקטאָר וויגט זיך אַזוי ווי די הימלען וואָלטן זיך געוואָלט מיט פּעכערס אָפּקילן. אָפּט מאָל טיילט זיך אָפּ אַ שטיק שוואַרצער נאַכט־וואָלקן און שווימט אויף מערב, ער נידערט צו דער ווייסל, און ווען ער דערגרייכט יענע זייט טייך, שיילן זיך פונעם וואָלקן אַרויס שוואַרצע פליגל פון אַ נאַכט־באָמבאַרדירער. ער פליט איצט איבער דעם מערב־ברעג און האָט שוין דערגרייכט אַלטשטאָט. אין דער נאַכט־שטילקייט הערט מען דעם מאָטאָר־געזשום. ער איז אַזאַ ווייטער און דאָך ציטערן מיטן געזשום די הערצער פון די וואַכפּאָסטנס אויף ביידע זייטן. דער עראָפּלאַן טראָגט זיך איבער די חורבות פון אַלט־שטאָט און באַלד וועט ער דערגרייכן דאָס געטאָ — דאָס טויטע האַרץ פון טויטן וואַרשע.

די זעניט־אַרטילעריע שווייגט.

דער אומרו פון דער נאַכט גיט זיך איבער ניט נאָר די וואַכלייט, נאָר אויך די קוסטעס, דיביימער, די וואָלקנס און דעם טייך.

אַזוי ווי פייגל דערשפּירן אין זייערע נעסטן דעם געפלאַטער פון אַ קאָרשון אונטער די וואָלקנס — אַזוי דערשפּירן סאָלדאַטן די סכּנה אין דעם געזשום פון אַן איינזאַמען עראָפּלאַן. די ווייסל ווערט אומרויִק. אַ שאָטן לויפט דורך דער ברייט פון טייך, דערנאָך פאַרקערעוועט דער שאָטן צוריק און קלאַמערט זיך ביים הויכן ברעג. אויף איין אָרט האָט זיך די ווייסל צעזילבערט. מען זעט די אומרויִקע וואַסערן, די גערונצלטע, ווי ס׳וואָלט אויף יענעם אָרט זיך איבערגעקערט אַ ריזיקער פיש מיטן בויך אַרויף און ס׳גלאַנצן דעם פישס העלע שיפּן.

מנחם גייט לענגויס דעם מיזרחדיקן ברעג. דער אויטאָמאַט הענגט אים אויפן אַקסל. ער שפּירט דעם דיסק ביים רוקן. ס׳איז קאַלט אין די נעכט ביי דער ווייסל. אַ פייכטער ווינט נעמט דורך ס׳געביין. ער האָט איינגעצויגן דעם שינעל און אויפגעשטעלט דעם קאָלנער.

— מיכאַיִל, בלייב שטיין. — האָט געזאָגט לאַטישעוו — קום אַהער, מיר וועלן פאַררייכערן.

— מ׳טאָר ניט. ס׳איז אַן אָפענער פּלאַץ.

— לאָמיר אַריין אין די קוסטעס.

לאַטישעווס שטים איז אַ ברוסטיקע. זיי האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אויף די קני.

— ס׳איז ניט ווייט צו די פּרעסטלעך...

אַ פלעמל האָט באַלויכטן לאַטישעווס גרויסע הענט און דאָס פּנים.

אַ סך גוטסקייט טראָגט דער דאָזיקער רוס — האָט מנחם געטראַכט.

— דו ביסט דאָך פון דער געגנט... זאָג, ווי אַזוי זענען דאָ די ווינטערס? קאַלטע? מיט אַ סך שניי? מיט זאַווייעס?...

זיי האָבן לאַנג גערעדט ביז עס זענען אויסגעגאַנגען די ציגאַרן. דערנאָך האָבן זיי ווידער פאַררייכערט.

דאָס איז געווען אַן אויסטערלישער שמועס, וואָס מנחם און לאַטישעוו האָבן צווישן זיך געפירט, אַ שמועס אַ כּאַאָטישער. געפרעגט האָט לאַטישעוו; וועגן די פעלדער, וועגן די וועלדער, וועגן די פּאָליאַקן, וועגן ייִדן. ער

האָט געוואָלט וויסן פאַרוואָס די דייטשן הרגענען אויס אַלע ייִדן.

— דו דערציילסט ניט אַלץ, מיכאַיִל, ניט אַלץ. עפּעס זאָגסטו מיר ניט. דו נאַרסט, ווילסט ניט זאָגן. די דייטשן דערציילן אויך ניט דעם אמת. זיי פאַררייִדן די ציין. זיי זאָגן עפּעס אַנדערש, זוכן אויס פאַרשיידענע מעשׂיות, אָבער דעם אמת פאַר וואָס זיי ברענגען אום ייִדן זאָגן זיי אויך ניט. מיין שׂכל זאָגט מיר, דער פּראָסטער מוזשיצקער שׂכל, אַז דאָ איז פאַראַן אַן אַנדער סיבה, זאָג, מיכאַיִל.

וויפל מנחם האָט אים ניט אויפגעקלערט, איז ער אַלץ געבליבן פאַר־עקשנט, דער לאַטישעוו, אין זיין אומגלויבן. — הרגענען מענטשן... סתם... ניין, ברודערל... עפּעס האָבן די ייִדן אָפּגעטאָן און זיי דערצאָרנט, די גערמאַנצעס...

ער איז געזעסן אַזוי אויף די קני, ניט באַרירנדיק מיט דעם געזעס די ערד. — דיין פאַלשע איז שיין, נאָר כ׳וואָלט דאָ ניט געבליבן. צופיל בלוט איז איינגעזאַפּט אין אייער ערד, אין די טייכן אייערע. דאָס בלוט פון דער ערד מאַכט אומרויִק די מענטשן, מאַכט ווילד זייערע אויגן. אַפילו די שטוב־חיות זענען דאָ אַנדערע ווי ביי אונדז. ביי אונדז, אין רוסלאַנד, זענען זיי מילדערע, נענטערע צום מענטש. דאָ זענען זיי נענטער צו די הפקרדיקע וואַלד־חיות. די הינט האָבן דאָ ניט איין מאָל גענישטערט צווישן געפאַלענע מענטשן, געלעקט זייער בלוט... די קראָען האָבן אויס־געפּיקט מענטשישע שוואַרצאַפּלען... הונדערטער דורות פון הינט און פייגל וועלן ירשנען די פאַרווילדקייט... ביי אונדז, אין ראָסיי, איז אַנדערש... ביי אונדז איז אַלץ ליכטיקער... קלאָרער...

— קום, לאָמיר אַרויס פון די קוסטעס — האָט מנחם געזאָגט.

זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט און זענען אַוועק האַרט מיטן ברעג. לאַטישעוו האָט גערעדט: — כ׳האָב אַמאָל באַקומען אַ וואָלפיכע־הונט. זי האָט זיך ביי מיר לאַנג געהאָדעוועט. איין מאָל בין איך אַוועק אויף יאַגד. כ׳האָב געהאַט אַ פרייען זונטיק. מיין הונט לויפט פאָרויס. זי איז פריילעך די וואָלפיכע. ביים ראַנד פון וואַלד האָב איך דערזען אַן אמתן וואָלף. כ׳האָב אויסגעשאָסן און ניט געטראָפן. מיין הינטיכע האָט זיך אַ טראָג־געטאָן צום וואַלד. ס׳איז אַריבער אַ שעה, צוויי — די הינטיכע איז ניט צוריקגעקומען.

כ׳בין אַוועק אַ היים אַ טרויעריקער. דאָס איז געווען ווי־עסנע. זומער בין איך גראָד פאַרבייגעגאַנגען דורכן וואַלד, האָב איך באַמערקט, ווי פון וואַלד־ראַנד זענען אַרויס צוויי וועלף. זיי האָבן פריילעך אַרומגעשפּרונגען און באַלד נעלם געוואָרן. כ׳האָב ניט געקאָנט רוען. עס איז מיר אויסגע־קומען אַז איינע פון די צוויי איז מיין הינטיכע. צומאָרגנס בין איך ווידער געקומען צום וואַלד־ראַנד. די וועלף זענען דאָ! כ׳האָב אויסגעשאָסן און אַוועקגעלייגט דעם וואָלף. כ׳האָב אָפּגעשינדן די פעל און געבראַכט איר אין דאָרף אַריין. אין האַרבסט בין איך געגאַנגען פאַרגרייטן האָלץ. טראַכט איך מיר: כ׳וועל אַ קוק־טאָן אויף דעם אָרט ווו כ׳האָב אָפּגעשונדן דעם וואָלף. אַז כ׳בין צוגעקומען האָב איך מיינע אויגן ניט געגלויבט; לעבן דעם סקעלעט פון וואָלף איז געלעגן מיין טויטע הינטיכע. אויף דער פעל האָט מען ניט געזען קיין סימנים פון אַ קויל און ניט קיין סימנים פון ווונדן. איצט איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן; נאָך דעם ווי איך האָב דעם וואָלף דערשאָסן האָט זיך אַוועקגעזעצט מיין הינטיכע ביים דערשאָסענעם וואָלף און פון אָרט ניט אָפּגעטראָטן ביז זי איז אויסגעגאַנגען פון הונגער. כ׳דערקאָן דאָס לויט דער איינגעפאַלנקייט פון דער הינטיכע. אָט, דאָס הייסט ליבע. ליבע צווישן חיות. דאָס קאָן נאָר פּאַסירן אויף אונדזער ערד... אין אונדזערע וועלדער און פעלדער... אין רוסישע... די בעלי־חי זענען אַנדערע, מיכאַ׳ל... אַנדערע ווי אין פּוילן... די מענטשן זענען ביי אייך אויך אַנדערע... זיי האָבן מוטנע אויגן אַזוי ווי די ווייסל וואָס געהערט איצט צו קיינעם ניט, ניט צו די גערמאַנצעס, ניט צו אונדז, ניט צו די פּאָליאַקן. זי איז אַ הפקר־טייך. איבער איר קיניגט דער טויט. קוק זיך צו, מיכאַ׳ל, וועסטו זען אין דער פינצטערניש ווי טויטע פליגל הענגען איבער די וואַסערן... קוק זיך צו... דאָ, אויף דער ערד, ווילט זיך שרייען, וויינען, צאָרענען — אויף אונדזער ערד מוזסטו זינגען! קענסט ניט זיצן אין די אָוונטן און שווייגן... איצט פאַרשטיי איך דיך, מיכאַ׳ל... איך פאַרשטיי... דו ביסט ניט קיין פּאָליאַק און ביסט ניט קיין רוס... דו קענסט ניט זינגען ווי אַן אונדזעריקער און קענסט ניט צאָרענען ווי אַ פּאָליאַק...

ער האָט נאָך אַ סך גערעדט, דער לאָטישעוו. מנחם איז געגאַנגען אַ שווייגנדיקער. ער האָט ניט געגלויבט, אַז דער דאָזיקער רוס טראָגט אין

זיך אַזאַ רייכע וועלט. אָט דער הויכער רוס, מיט די שיפּלעכע אויגן, גריבלדיק־רוי פּנים און ריזיקע הענט, מיט די אומגעלומפּערטע באַוועגונגען, דער וואָס פרייט זיך ווי אַ קינד מיט אַ ניקלנער צינד־מאַשינקעלע צו פּאַפּיראָסן ווען ער עפנט עס דורך אַ דרוק אין אייבערשטן דעקל, דער וואָס זיצט אַזוי אומבאַהאָלפן אין די פויערישע כאַטעס ביי פּאַליאַקן און טרינקט טיי פון אַ קופּערנעם שעפער, דער לאַטישעוו וואָס פּלאָנטערט זיך מיט די טריט ווען ער גייט אויף אַ שמאָל לייען־טעפּעכל און שעפּטשעט דערביי פּאַרטיידיקונגס ווערטער — אַז דער דאָזיקער רוס זאָל האָבן אין זיך אַזוי פיל ליבשאַפט צו גאָטס וועלט און צו אירע באַשעפענישן.

מנחם האָט אים ניט איין מאָל געזען אַ שיכּורן, אַ צעפלאָמטן, אַ בייזן; ווען ער האָט געדונערט מיט ביטערע קללות צו די הימלען, צו גאָטס מאַמעס־מאַמע און צום גאַנצן ערדישן באַשאַף. איצט איז ער אַן אַנדערער. דאָס זענען זיינע פּאַרוואָלקנטע שעהן נאָך וועלכע עס לייטערט זיך אויס. ניט שטענדיק איז דער הימל ריין. ס׳זענען אָבער פּאַראַן צייטן ווען אַ בלאָקייט ווי פון איין גאָס, אַ בלאָקייט אַ פּאַספּאָרדיקע באַדעקט אים פון ראַנד צו ראַנד. אַזאַ איז איצט לאַטישעוו אין מנחמס אויגן.

אין דעם טאָג, ווען אַננאַ האָט געדאַרפט דורכפירן די אָפּעראַציע איבער דעם קאַפּיטאַן איסאַק פאַרבער, איז זי געבליבן לענגער אין איר צימער. פאַר טאָג האָט זי זיך געפונען אין בעט, אין די קליידער, און ניט געקאָנט דערמאָנען זיך, וואָס עס איז נעכטן געשען, פאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי אַוועקגעוואָרפן אויפן געלעגער. זי האָט זיך אויפגעזעצט. די פרימאָרגן־קעלט פון האַלב־פּוסטן חדר האָט איר אַרומגענומען. אַננאַ האָט זיך דער־שראָקן פאַרן דריבנעם ציין־געציטער, אַזאַ דריבנער און גיכער ווי ס׳וואָלט זיך אַ שאָט־געטאָן אַ האָגל אויף שויבן.

מען קלאַפּט אין טיר. שטילע, איינצלנע קלעפּ. ס׳ציטערן איר די אַקסל. דער שינעל וואָרעמט ניט.

— אַננאַ סאַמועלאָוונאַ... אַננאַ סאַמועלאָוונאַ...

דאָס איז די הויפּט קראַנקן־שוועסטער, יעקאַטערינאַ יורעוונאַ.

— איין רגעלע... שוין...

די טיר האָט זיך לייכט געעפנט. די קראַנקן־שוועסטער איז הויך, ברייט. איר פּנים איז פריש ווי פון ווינט צעפּאַטשט, מיט אַ געזונטער רויט־קייט אויף די באַקן. זי לאַכט, און אין פּנים ווערן חן־גריבלעך. אַננאַ איז שטיל. דאָס פּנים — מיד. אַנשטאָט אַ שמייכל קומט אַרויס אויף איר פּנים אַ גרימאַסע. די ליפּן זענען בלייך.

— מען וואַרט שוין, אונטן, אין זאַל.

אַננאַ גייט איר נאָך. אין באָד־צימער וואַרפט זי פון זיך דעם שינעל, די קליידער. זי לאָזט אויף זיך קאַלטע שטראָמען וואַסער. זי וויל אָפּקילן דעם קאָפּ אין דעם קאַלטן וואַסער. דאָס ציטערניש שטאַרקט זיך און טרעט פּלוצעם אָפּ.

אין קאָרידאָר האָט זי זיך אָנגעטראָפן מיטן אַלטן דאָקטאָר, דעם פּאָליאַק לעשניאַק. די קראַנקע זענען שוין אין כירורגישן זאַל. עס זענען נאָך געבליבן עטלעכע פרייע מינוטן ביז די קראַנקן־שוועסטער וועט ענדיקן די צוגרייטונגען. אַננאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַ קליין טישעלע מיט ציַיטונגען. מען גריסט זיך צו איר. זי עפנט אַ צייטונג און לויפט מיטן בליק.

מיט אַ מאָל האָט זי זיך אַ טרייסל געטאָן. אותיות האָבן גענומען שווינדלען. זי האָט זיך אויפגעשטעלט. מען רעדט צו איר. דאָס איז דער דאָקטאָר לעשניאַק. די צייטונג צאַפּלט אין אירע הענט. זי לייענט צום הונדערטסטן מאָל אַ מיטטיילונג פון הויפּט־קאָמאַנדיר: „דער פּאָליט־קאָמיסאַר ניקאָליי פּיאָדאָראָוויטש זשילין איז דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פון פּאָלקאָווניק און עס איז אים צוגעטיילט געוואָרן אַן אויסצייכענונג פון סוּוואָראָוון פון ערשטן ראַנג פאַר באַזונדערע פאַרדינסטן ביים איינגעמען פּראַגע און פאַר די אָפּעראַציעס ביי דער ווייסל".

— אַננאַ סאַמועלאָוונאַ... וואָס איז אייך? אַננאַ?

— עס איז גאָרנישט... עס איז מיר ניט גוט...

זי איז געלאָפן איבערן קאָרידאָר, געלאָפן אויף די טרעפּ, אַריינגע־פאַלן צו זיך אין צימער און צוגעהאַקט די טיר אַזש ס'האָבן אָפּגעקלונגען די שויבן. דערנאָך איז זי געגאַנגען הין־און־צוריק.

אונטן, אין כירורגישן זאַל ליגט דער קראַנקער. צוערשט וועט מען

אָפּערירן דעם קאַפּיטאַן פּאַרבער. פון פענצטער זעט מען די ווייסל, מען זעט די טונקעלע וואַסערן. אין די וואַסערן שווימען וואָלקנס, שוואַרצע, געוויקלטע. פאַרוואָס שפּיגלען זיך די וואָלקנס אַזוי אומהיימלעך אין דעם טייך? עס קוקן אַריין באַקעטע צווייגן פון אַ הויכן קאַשטאַן־בוים. דער ווינט וויגט זיי און די צווייגן רירן אָן די שויבן. פון דעם באַריר יאָמערט עפּעס אין צימער. איר בעט איז צעוואָרפן. די ווייסע שאַנק — צעפּראַלט, און אויף דעם נאַכט־טישעלע ליגט איר אָונט־ברויט וואָס זי האָט נעכטן ניט פאַרזוכט.

ווידער טריט אויף די טרעפּ. דאָס זוכט מען איר. אָ, גאָט, וואָס געשעט מיט מיר? זי האָט געעפנט די טיר און עמעצן אַנטקעגן־געגאַנגען.

— יעקאַטערינאַ יורעוונאַ...

די קראַנקן־שוועסטער לאַכט ניט דאָס מאָל. זי איז טרויעריק.

— איר זענט קראַנק, אַננאַ?...

— ס'איז גאָרנישט...

און אַז אַננאַ איז אַריין אין כירורגישן זאַל האָבן שוין אַלע געוואַרט אויף איר. די ווייסקייט און די שטילקייט האָט איר באַרויִקט. דער דאָקטאָר לעשניאַק שעפּטשעט עפּעס אַזוי שטיל. זי דערקאָנט דאָס לויט זיינע אויגן. אַ סך מילדקייט האָט אין זיך דער אַלטיטשקער פּאָליאַק. זי האָט זיך איינ־געקוקט אין קראַנקנס פּנים. דאָס איז דאָך דער קאַפּיטאַן פּאַרבער. איר שטערן האָט זיך געקאַרבט. זי האָט זיך איבערגעבויגן און געקוקט אין פּאַרבערס גרויסע פייכטע ברוינע אויגן.

— האָסט מורא? האַלט זיך. עס איז אַ קלייניקייט. גיב אַ שמייכל, קאַפּיטאַן. עס וועט אַלץ דורכגיין גוט. איר זענט דאָך אַ סאָלדאַט? פאַרגעסט עס אויך איצטער ניט...

באַלד וועט מען פאַרדעקן זיין פּנים. נאָך אַ ווײַלע. די קאַרבן אויף אַננאַס שטערן ווערן אָנגעצויגן, שאַרף. זי דערפילט שוין דעם ריח פון כלאָראָפאָרם. אירע נאָזלעכער ציטערן. עס דערוואַכט אין איר דער כירורג. די ליפּן שליסן זיך. אַ קראַנקן־שוועסטער רופט איר. זי גייט מיט אויפגע־הויבענע הענט און עס דוכט זיך איר, אַז דאָס זענען פליגל ווייסע, נאָך ניט צענומענע, ווי פון אַ פויגל וואָס גרייט זיך צום גרויסן פלי.

ווידער איז צוגעפאַלן אַ נאַכט מיט אַ דראָבנעם רעגן. דער רעגן האָט אָנגעהויבן צו פאַלן צוזאַמען מיט דער טונקלעניש וואָס איז אָנגעשווומען פון דער ווייסל. אויף איינעם פון די דעכער רייסט דער ווינט לויזע בלעכן. זיי קלאַפּן אַ גאַנצן אָוונט און מאַכן פול אַננאַס צימער מיט אַ מאָנאָטאָנער בלעך־פּויקעריי. דער רעגן שלאָגט זיך אָפּ אָן די שויבן און מען הערט די טראָפּנס פאַלן. זי האָט געעפנט אַ בוך, געוואָלט לייענען און ניט געקאָנט. אין קאָרידאָר איז פּוסט. די קראַנקן־שוועסטער שלייכן אַרום אין שטעק־שיך. מען הערט נאָר אַ געסקריפּ פון אַ טיר, אַ שאַרן פון פיס און אַ הוסטן פון אַ קראַנקן.

אַננאַ קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. עס טרייבט איר פון צימער צו די קאָרידאָרן און פון די קאָרידאָרן ווידער אין איר צימער. זי האָט זיך פּלוצעם פאַרהאַלטן. מען הערט טריט. אפשר איז זשילין געקומען איר באַזוכן. ער איז אין פּראַגע! ער האָט זיך דערוווּסט אַננאַס אַדרעס. ער וואַרט אַוודאי אויף איר. זי איז געלאָפן צו די קאָרידאָרן, אַרומגעדרייט זיך איבער די זאַלן וווּ ס׳ליגן די קראַנקע. זי ווײַס אַוועק פון דאַנען. דאָ איז זשילין. זי וויל אים ניט זען. זי קען אים ניט זען.

אַננאַ האָט זיך פאַרהאַלטן ערשט ביי דער וואַך וואָס איז געשטאַנען אונטן, ביים אַרויסגאַנג פון שפּיטאָל. אַ דרימלדיקער זעלנער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געקוקט אויף דער דאָקטאָרין מיט גרויס חידוש. זי איז געשטאַנען אויף די טרעפּ אין ווייסן כאַלאַט מיט צעשויבערטע האָר. די קעלט און די פייכקייט פון דער גאַס וואָס האָט זיך אַריינבאַקומען אין דעם אונטערשטן קאָרידאָר האָבן איר ווי אויפגעוועקט.

— סאָלדאַט... האָט זיך קיינער ניט געפרעגט אויף מיר?...

אַננאַ האָט ניט דערקאָנט איר קול. זי איז נאָענט צו אַ געוויין.

— קיינער ניט, דאָקטאָר...

זי איז געלאָפן צו זיך אין צימער, האַסטיק צעפּראַלט די טיר, אָנגעצונדן דאָס ליכט. זאָל ליכטיק זיין. זי האָט פאַרהאַנגען דאָס פענצטער, פאַרמאַכט די טיר און אויסגעבעט דאָס געלעגער. אַננאַ איז בייז געוואָרן אויף זיך פאַר די מינוטן פון שרעק און געפאַלנקייט.

אין מיטן דער נאַכט איז זי אַראָפּ אין זאַל וווּ ס׳זענען געלעגן פאַרבער

און זאַכאַרטשענקאָ. זי איז געשטאַנען אָנגעבויגן איבער די בעטן און זיך איינגעהערט אין זייער שטילן רעגולערן אָטעמען. אַננאַ האָט געפילט ווי די שאַרפע, אָנגעצויגענע קאַרבן פון איר שטערן פאַרשווונדן. דער אומרו טרעט אָפּ. איצט איז זי אַן אַנדערע. זי וועט זיך מער ניט שרעקן פאַרן רעגן־געפּויק אויף די שויבן, ניט פאַרן בלעך־געקלאַפּ אויף די דעכער און ניט פאַרן אומבאַקאַנטן געשאָרך אין פינצטערן צימער.

אַננאַ האָט געטריבן פון זיך זשילינס פּנים, דאָס צעהיצטע, דאָס גליטשיקע, מיט די שטעכיקע אייגעלעך ווי די זריזע־בעכערלעך פון פאַר־טרוקנטע דערנער. זי האָט צוגעהאַלטן די אויערן ניט צו הערן דאָס געשריי פון שיכּורע סאָלדאַטן אויפן וואָקזאַל צווישן דעם געפּייף פון לאָקאָמאָטיוון, און דעם געראַנגל אין פינצטערע וואַגאָנען.

זי האָט זיך געשראָקן פאַרן שלאָף. אַננאַ האָט מורא געהאַט אַז זי וועט ווידער אַריינגעוועבט ווערן אין מיטן פון דער דאָזיקער הפקרדיקער נאַכט. און אַז זי איז איינגעשלאָפן האָט זיך אַ לויטערקייט געשפּרייט אויף איר פּנים.

פאַר טאָג האָט זי זיך אויפגעכאַפּט אַ באַרויקטע. בעתן פרימאָרגן־באַזוך ביי די קראַנקע איז איר געקומען אין זינען אַריין מנחם. זי איז דאָס מאָל זיכער געווען אַז ער לעבט. אַז ער איז דאָ ערגעץ נאָענט.

די האַלב־אויסגעליידיקטע פאַרשטאָט פּראַגע ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ מער באַפעלקערט. מען קומט אַהער פון די מיזרח־געביטן. מען אַנט־לויפט פון וואָלין — דאָרט רוען ניט די אוקראַינער. די „באַנדעראָווצעס" באַפאַלן רוסן, פּאָליאַקן און די לעבן־געבליבענע יידן. מען מאָרדעט אויף די וועגן, אין די צוגן, אויף די וואָקזאַלן און אַפילו אין די היימען. די באַ־פעלקערונג זוכט שוץ ביי די רוסישע גאַרניזאָנען און אַז זיי רוקן זיך צום מערב — גייען נאָך גאַנצע דערפער מיט פערד און בהמות, מיט ווייב און קינד. ס'שלעפּן זיך לאַנגע טאַבאָרן פון ציווילע אין די פּוסטריט פון דער פאָרויס־מאַרשירנדיקער אַרמיי ביז זיי בלייבן ערגעץ, די איבערגע־שראָקענע אויף וואָקזאַלן מיט האָב און גוטס.

ביי טאָג זענען די פּראַגער גאַסן איבערפולט. עס זוכן דאָ שוץ די

לעבן־געבליבענע ייִדן, נאָר־וואָס אַרויסגעקומענע אויף דער ליכטיקער שיין פון קעלערן, פון די אַלערליי באַהעלטענישן, פון וועלדער. מיט אויסגע־צערטע פּנימער, טונקעלע, געקנייטשטע, אַריינגעזעצטע אויגן, פאַרלאָר־שענע, אין קליידער אויסגעריבענע. עס וואָגלען איבער די גאַסן יונגע ייִדישע פרויען, טייל פון זיי טראָגן נאָך דעם אַרויפגעצוווּנגענעם גויִשן שטאָלץ, ביי אַ טייל הוידעט זיך נאָך אויף אַ קייטעלע אַ צלמל. אַלע האָבן זיי אין די טאַשן קריסטלעכע דאָקומענטן און מען רופט זיך נאָך אויף גויִשע נעמען. עס ווימלען דאָ אויף יעדן ראָג געוועזענע פּאָליציי־לייט, די וואָס האָבן געדינט דעם נאַצי; דאָרף־עלטסטע, בירגערמייסטערס, דייטשישע מיטהעלפער צו שחיטות, „שמאַלצאָווניקעס" — שאַנטאַזשיסטן. זיי זענען זיך אָנגעלאָפן ווי די קראָען פון גאַנץ מיזרח־פּוילן. אין דעם גרויסן המון פּלאָנטערן זיך אַרום פּאָזנער פּאָליאַקן וואָס זענען אין אָקופּאַציע־צייט געוואָרן פאָלקס־דייטשן, און פאַרנומען אין די מיזרח־שטעט פון פּוילן וויכטיקע דייטשע פּאָסטנס. ס'זענען זיך דאָ אָנגעלאָפן די שענקערס און רעסטאָראַציע־אייגנטימער פון די שטעטלעך אַרום דער ווייסל — די וואָס האָבן געהאַנדלט מיט די דייטשן און געמסרט ייִדן. עס זענען דאָ די אויס־געפּאַשעטע קאָלבאַס־סוחרים — די טרייע נאַצי־דינער. עס זענען געקומען מיט זייערע משפחות פּוילישע אַרבעטער, אָרעמע, אויסגעמאָגערטע, אָפּגע־ריסענע זוכן אַרבעט און אַ דאַך איבערן קאָפּ. עס האָבן געצויגן קיין פּראַגע די אַלע וואָס האָבן ניט באַוויזן אָפּצוטרעטן אויף דער לינקער זייט ווייסל צוזאַמען מיט די דייטשן. זיי האָבן געהאָפט אַז די היטלער־אַרמייען וועלן ווידער אַריין אין דער פאַרשטאָט. פון דערפער וואָס זענען פאַרוויסט געוואָרן אין די שלאַכטן זענען געקומען די פּויערים מיט ליידיקע זעק אונטער די אָרעמס. עס לאָקן זיי די ריזיקע פאַרמעגנס וואָס ליגן אין פּראַגע ממש אויבן־אויף. זיי דאַרפן זיין נאָענט פון וואַרשע — דאָרט האָבן די ייִדן פאַרגראָבן אונטער יעדן שטיין אוצרות גאַנצע. אַ ליאַדע טאָג וועט די סאָוועטישע אַרמיי אַריין אין דער הויפּט־שטאָט. פאַרן גאָלד וואָס מ'וועט געפינען אין די חורבות וועט מען קאָנען זיך אויסבויען נאָך בעסערע כאַטעס ווי די פריִערדיקע. ציגלנע, מיט בלעכערנע דעכער. זיי האָבן רעכט אויף דעם גאָלד. דאָס איז פּויליש גאָלד, פאַר וואָס זאָל עס אַריינפאַלן אין

פּרעמדע הענט, אין הענט פון אַזעלכע װאָס דאַרפן עס ניט, בפרט אַז זײערע װירטשאַפטן אין דאָרף זענען פאַרװיסט געװאָרן צוליב דער מלחמה — דאַרף די דאָזיקע מלחמה אָפּגעבן צוריק װאָס זי האָט צוגענומען.

בײַנאַכט זענען די גאַסן פּוסט. מען זעט ניט קײן לעבעדיקן מענטש. נאָר װאַכפּאָסטנס באַװײַזן זיך אויף די גאַסן־קרײצונגען. זײ קומען אָן אומגעריכט אין קלײנע געפּאַנצערטע אויטאָס.

טײל מאָל פלעגט מען געפינען אין די פינצטערע געסלעך, לעבן דעם װאָקזאַל, אַ דערמאָרדעטן רוסישן זעלנער. עס פלעגט אין יענע טעג טרעפן, אַז מען האָט דערשאָסן לעבן־געבליבענע ייִדן אין סאַמע מיטן טאָג. מען פלעגט דערשיסן ייִדן אויף די הינטערשטאָטישע װאָקזאַלן. אָפט מאָל איז אין מיטן טאָג אויסגעבראָכן אַ העפטיק שיסערײ. די שאָסן האָבן אָנגעהאַלטן אַ צײט־לאַנג ביז אַ געררויש פון אַ שװערן פּאַנצערװאָגן האָט אויפגעשװידערט די גאַסן.

גאַסן־פּרויען, געליבטע פון דײטשישע אָפיצירן — די װאָס האָבן זיך פאַרקויפט צו די אָקופּאַנטן — האָבן זיך אַרומגעדרײט אין פּראַגע. מען האָט זײ דערקענט לויט די פוטער־מאַנטלען, לויט דעם צירונג, לויט די גוטע קלײדער און פּרצופים אויסגעכאַליעטע און געפאַרבטע. זײ האָבן זיך איצט געהנדלט צו די רוסן, געזוכט די סאָװעטישע אָפיצירן און געדרײט זיך נעבן די געבײדעס װאָס זענען באַזעצט געװען פון דער סאָװעטישער אַרמײ. זײ האָבן שוין געקענט עטלעכע רוסישע װערטער מיט װעלכע זײ האָבן געמאַגיעט צו זיך.

דער פּאָלקאָװניק יעפּימאָװ האָט באַקומען אַ באַפעל אַריבערצופירן זײַן אײנהײט קײן פּראַגע. די קאָשאַרן זענען שוין געװען פאַרגרײט. זײ האָבן זיך געפונען ניט װײט פון װאָקזאַל. אַ לײדיקע פאַבריקס־געבײדע איז אויף גיך איבערגעאַרבעט געװאָרן אין אַ קאַזאַרמע.

לאַטישעװ האָט אויפגעלעבט. די פּאָליאַטשקע פון דאָרף האָט זיך אים דערעסן. איצט װעט ער פון איר פּטור װערן. ער װעט אײנשטײן אין אַ שטאָט. גאַטס װעלט איז שײן. די גאַסן זענען ברײטע, די הײזער — געמויערטע און מענטשן — אַ געװאַלד. די פּוילישע פּויערטע האָט אים אַ שטיק װעגס באַגלײט. זי האָט לכּבוד דער שײדונג אָנגעטאָן די זונטיק־

דיקע קליידער און אַריינגעפּלאָכטן אַ גרינע לענטע אין בלאָנדן גרעק.

יעפּימאָווס מענטשן זענען צוגעטיילט געוואָרן צו באַוואַכן די מיליטערישע אָביעקטן פון פּראַגע.

מנחם האָט איין נאַכט געהאַט שמירה אין אַ גרויסן האַלץ־לאַגער — דאָ האָבן די סאַפּיאָרן געגרייט אַ פּאָנטאָן־בריק צו דער ווייסל. דערנאָך האָט ער באַוואַכט לאַגערן פון אינטענדאַנטור, געביידעס פון מיליטער־פּאָסטנס, פון שטאַבן, אָן אָפיצירישע קאַנטינע. ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך אַ פאַרשלאָסענער, אַ שווייגנדיקער, מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און זיין בליק איז תּמיד געווען געוואָנדן צו יענער זייט ווייסל, תּמיד האָט ער געזוכט די קאָנטורן פון וואַרשע. טייל מאָל האָט ער געזען אַ נעפּלטוי איבער זיין היימשטאָט, טייל מאָל האָט זיך בולט אויסגעטיילט דער פאַר־וויסטער זאַמעק, די רויִנירטע אַלטשטאָט און טייל מאָל איז אים אויסגעקומען אַז וואַרשע לעבט, וואַרשע איז גאַנץ, אַז ס׳פלעמלען ליכטלעך אַזוי ווי שטערן, אַז מען דערוואַרט אים אויף יענער זייט, אַז עס איז גאָרנישט געשען, נאָר אַ וויסטער חלום איז עס געווען...

איין נאַכט האָט ער געהיט אַ מיליטערישן שפּיטאָל. דאָס איז געווען אַ קאַלטע רעגנדיקע האַרבסט־נאַכט. ער האָט ניט געקאָנט איינשטיין אויף איין אָרט. עס האָט אים געטריבן צו גיין אונטערן רעגן הין־און־צוריק. די גאַס איז פּוסט. ווייט־ווייט האָט מען אויסגעשאָסן. מען ענטפערט אָפּ מיט אַ גאַנצער סעריע. מנחם ציילט זיינע טריט. דאָס שפּיטאָל איז האַלב־פאַר־טונקלט. אויף דעם אייבערשטן שטאָק לייכט זיך אין עטלעכע פענצטער. אין איין פענצטער האָט זיך אָנגעצונדן אַ שאַרף ליכט. מען פאַרהענגט דאָס פענצטער מיט אַ טוך, ס׳זאָל ניט דורכלויכטן קיין שיין. די שטילקייט פון שפּיטאָל רופט אים. ער וועט אַריינגיין און אַ שמועס־טאָן מיט אַ מענטשן. ס׳איז טרויעריק צו שווייגן אין אַזאַ נאַכט. ער וועט ניט אויס־האַלטן די שטומקייט. זי דריקט אים. וויפל איז נאָך געבליבן ביז זעקס אין דער פרי? איצט איז איינס ביינאַכט. דער רעגן הערט ניט אויף. שיפּע רעגן־פעדעם בריִען אים דאָס פּנים. ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער. צוויי־הונדערט טריט ביז צום צוים און צוויי־הונדערט ביז די ביימער. אַ לאַסט־מאַשין האָט זיך פאַרהאַלטן. דער הויפּט־טויער עפנט זיך. מען טראָגט

עפעס אַראָפּ. מנחם גייט מיט געמאָסטענע טריט. די מאַשין איז אַוועק. מען האָט געבראַכט אַ פּאַרווונדעטן. ווער קאָן זיין דער פּאַרווונדעטער? זיכער אַ זעלנער פון דער וואַך וואָס איז באַפאַלן געוואָרן אין רוקן. אפשר אייגער פון די ציוויל־תושבים? ווי זעט ער אויס? און אפשר איז דאָס אַ מענטש וואָס האָט זיך דורכגעריסן פון יענער זייט ווייסל?

מנחם איז געבליבן ביי די טרעפּ. ער וועט אַריינגיין און פרעגן דעם סאָלדאַט וואָס שטייט ביי דער טיר. ווער זענען די קראַנקע וואָס ליגן אין דעם שפּיטאָל? פאַרוואָס איז אַזוי שטיל? שלאָפן דען אַלע? ניין, ניט אַלע שלאָפן. אָט צאַפּלט זיך אַן אומרויִק ליכט אין אַ פענצטער אויף דעם ערשטן שטאָק. ווער קאָן דאָס זיין וואָס צינדט נאָך האַלב נאַכט ליכט און לעשט עס אויס? אַ קראַנקן־שוועסטער? אַ פלעגערין? אַ דאָקטאָר?

— — — דאָס איז שוין אַזוי לאַנג, אַזוי ווייט פון דאַנען, ערגעץ ביי מאָסקווע. אַ יידישע דאָקטאָרין... זי בייגט זיך איבער זיין בעט. עס איז טונקל, אָבער אירע אויגן לייכטן. דערנאָך איז אַלץ פאַרדעקט געוואָרן מיט שניי... אויך דאָס בלוט ביי מאָסקווע איז פאַרדעקט געוואָרן מיט שניי, מיט אַ פוכיק־ווייסן שניי און נאָך דעם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די נאַכט, אַ חשכותדיקע, קלעפּיקע, פינצטערע נאַכט אין די אוראַלער שאַכטעס. איצט איז ער ווידער געקומען צו דער ווייסל. עס איז אָבער האַרבסט. שפּעטער האַרבסט.

עמעצער רופט. מען קאָנטראָלירט די וואַכפּאָסטנס.

מנחם דערקענט די שטאַב־מענטשן. אויך כאַטשאַפּ איז דאָ. פאַרן שפּיטאָל האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן. דער זייגער איז שוין פיר. ערגעץ קלינגט אין אַ קלויסטער. דאָס קלינגערייַ קומט פון נאָענטן קלויסטער. אַזאַ כריי־פּעדיקער געקלאַנג. ער לויפט פון די טרעפּ און מעלדט זיך:

— דער סאָלדאַט מיכאַיִל איסאַקאָוויטש איז אויף זיין פּאָסטן...

אָנשטאָט אַן ענטפער האָט זיך עמעצער בייזלעך צעברומט. די מאַשין איז פאַרשוווּנדן אין דער נאַכט. ווידער גייט ער ביז די ביימער און צוריק. הונדערט, הונדערט און צוואַנציק, צווייהונדערט טריט. עס איז גרויליק שטיל אויף ביידע זייטן ווייסל.

דאָ, אויף דער זייט ווייסל, איז עס די שטילקייט פון געזעטיקטע

וואָס כאַפּן אָפּ די אָטעמס נאָך אַזויפּיל נצחונות. דאָס איז די רויִקייט פון אַן אַרמיי וואָס ווייסט אַז זי האָט שוין מנצח געווען, דאָס איז די שטילקייט פון אַ בעל־חי וואָס איז זיכער אַז דער פאַנג איז זיינער.

אויף יענער זייט ווייסל איז עס אַ שטילקייט פון אַ צעווילדעוועטער חיה, אַ פאַרוווּנדעטע, אַן אָפּגעיִיעֶנדיקע אין בלוט וואָס אין שיכּרות פון אומקום פאַרצוקט זי אַלדאָס לעבעדיקע וואָס ס׳פאַלט נאָר אַריין אין אירע שפּאָנעס. דאָס איז די שטילקייט ווען דער קרבן ליגט שוין אַ דערוואָרגענער און איבער דעם קרבן סאָפּעט מיט סמיקער סלינע די חיה.

וואַרשע האָט קאַפּיטולירט.

די צוויי־חדשימדיקע קאַמפּן פון די אויפשטענדלער מיט די דייטשן האָבן זיך פאַרענדיקט. די געהיימע ראַדיאָ־סטאַציע רעדט צום לעצטן מאָל. ערגעץ אין מיטלשטאָט, אויפן בוידעם פון אַ פאַרוויסטער געביידע, צווישן אויפגעריסענע ווענט, אונטער איינגעפאַלענע טרעפּ רעדט אַ פרוי מיט אַ געבראָכענער שטים. די העשנדיקע רייד טראָגן זיך אין עטער.

„— — — וואַרשע גייט אונטער! הערט פעלקער פון מערב! עס קומט אום אַ שטאָט פון העלדן! פון דער שטאָט וועט בלייבן נאָר אַ זכר אויף וועלכן צוקונפטיקע דורות וועלן דאַרפן בויען אַ נייע שטאָט! עס שטאַרבן פון הונגער זקנים, קינדער, מאַמעס! דאָ רעדט די שטים פון אונטערגייענ־דיקן וואַרשע! מיר זענען געווען פריי צוויי חדשים. היינט גייען מיר ווידער אין געפאַנגענשאַפט... די דייטשן וועלן אָבער קיין מאָל ניט פאַרנעמען וואַרשע — ווייל וואַרשע עקסיסטירט מער ניט, ווייל דאָס וואָס איז געבליבן איז אַ באַרג חורבות...״

צומאָרגנס גייען מענטשן איבער דעם ציגלברוך. זיי קומען פון קעלערן, פון באַהעלטענישן, זיי גייען צווישן די חורבות פון דער אונטער־געגאַנגענער שטאָט. פרויען מיט קינדער אויף די הענט, זקנים פאַרזאָרשטע, מענער פאַרוווּנדעטע, ייִנגלעך וואָס האַלטן זיך ביי די הענט און עטעמען מיט פאַרברענטע ליפּן, זיי קוקן מיט גרויסע איבערגעשראָקענע אויגן. עס גייען יונגע מיידלעך, נאָך קינדער מיט צעפּ צעפלאָכטענע — און אַרום די רייען — דייטשן, דייטשן. הונדערטער, טויזנטער, מיט פּיסטאָלעטן, מיט

אויטאָמאַטן, מיט שפּיצרוטן. עמעצער לייגט זיך אַוועק אויף אַ שטיק גזימס און גראָבט איין דעם קאָפּ אין קאַלטן שטיין. אַ דייטש פאַרהאַלט זיך און קלימפּערט מיטן שלאָס פון אויטאָמאַט. ער לאָזט דורכגיין איין רייע, נאָך אַ רייע. באַלד וועט עס געשען. אומעטום צעוואָרפענע, צעטראָטענע באַ־ריקאַדן, האַלב־פאַרשאָטענע קעגן־טאַנק־קאַנאַוועס. מען פאַלט און מען הייבט זיך ווידער אויף. אַ יונגע פרוי פירט אַ זקן. די ברילן פאַלן אים אַראָפּ. ער וויל זיך איינבויגן. אַ דייטש האָט זיך פאַרמאָסטן מיט אַ שפּיצרוט.

פאַר אַ קלויסטער האָט זיך פאַרהאַלטן דער המון. מען טרייבט דאָרט אַריין די מענטשן. דער קלויסטער איז געבליבן אַליין אין אַ ים פון פאַר־וויסטונג. אַ טייל פון דאַך איז אויפגעריסן. די פאַרביקע וויטראַזשן זענען צעשטערט. עס זענען נאָר געבליבן שטיקלעך גלאָז אויף די צעבויגענע וויטראַזשן וועלכע זעען אויס ווי צעפּליקטע פישער־נעצן. די מענטשן זענען אַוועקגעפאַלן מידע אויפן קאַלטן שטיין. קינדער וויינען. מאַמעס טוליען זיי צו זיך מיט פאַרקראַמפּטע הענט. צופוסנס פון אַלטאַר ליגן פאַרחלשטע. די ענגשאַפט ווערט מיט יעדער רגע גרעסער. אַ זקן ספּאַזמירט. ער שלאָגט זיך מיטן קאָפּ אָן שטיין. די פרויען זענען געקליידט אין שוואַרץ. שוואַרצע קאָפּטיכלעך, שוואַרצע קליידער, טייל טראָגן אויף די אָרעמס שטיקער שוואַרץ־צעצויטלטע אָרעמבענדער. מיט אַ מאָל ווערט שטיל. אַן עסעסמאַן איז אַריין אין קלויסטער. ער איז אַרויף אויבן־אָן ביזן אַלטאַר. ער קוקט אויף די מענטשן מיט אַ פאַרשטיינערט פּנים.

— איר מוזט ליידן. דאָס האָבן געטאָן אייערע, זיי האָבן אַרויסגערופן דעם אויפשטאַנד, די אויסוווּרפן און באַנדיטן. די ייִדן האָבן דאָס געטאָן און דער גרעסטער אויסוווּרף איז ער! — און דער עסעסמאַן האָט אָנגעוויזן אויף דעם געקרייציקטן וואָס איז געהאַנגען אויבן־אָן ביים אַלטאַר אויף אַ גרויסן טונקעלן צלם. ער איז געהאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַן אָנגעטועטער אין דער דערנער־קרוין.

שטומע רייען אויפשטענדלער גייען צו די דייטשישע פּאָסטנס. טייל טראָגן אויף די אַקסל ביקסן מיט אַראָפּגעלאָזטע לופעס צו דער ערד. אויבן־אָן גייט אַן אָפיציר מיט אַ ווייסער פאָן. מיט עטלעכע רגעס פריִער זענען זיי געשטאַנען און געזונגען דעם פוילישן הימן. דאָס איז געווען אַ שטיל

געזאַנג וואָס איז אָפּט איבערגעריסן געוואָרן פון אַ האַלדז־געשטיק. אַ יונגער, מיט אַ פּנים פון אַ קינד, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און אַ קוש־געטאָן דעם ברוק. אַ גלח שעפּטשעט אַ תּפילה — ער בענטשט די אַוועקגייענדיקע אין אומבאַקאַנטן.

אין דער דאָזיקער נאַכט האָבן ייִדן געמאַכט פּרווון דורכצורייסן זיך די ווייסל און דערגרייכן פּראַגע. זיי זענען אָבער צוריקגעשטויסן געוואָרן פון ווייסל־ברעג דורך דער דייטשישער וואַך. טייל האָבן זיך געלאָזט אויף דרום מיט דעם ברעג, אָבער אומעטום האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף דייטשן. עס איז פאַר זיי געבליבן נאָר איין וועג — צוריק קיין וואַרשע, צו די חורבות פון געטאָ, און אויף די חורבות אויסוואַרטן אויף דעם אַריינמאַרש פון דער סאָוועטישער אַרמיי.

זייט דעם דערשטיקן דעם אויפשטאַנד פון ייִדן אין געטאָ, האָבן די דייטשן ניט געהאַט אַזעלכע גוטע מעגלעכקייטן צו פּאַרטיליקן לעבן־געבליבענע ייִדן ווי איצטער, בעת דער קאַפּיטולאַציע פון די פּאָליאַקן. איצט איז לייכט געווען צו אַנטדעקן די טויזנטער אויסבאַהאַלטענע, די פון די בונקערס און פון דער „אַרישער זייט". צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן געמוזט אַרויס פון די חורבות פון שטאָט, דורכמאַרשירן די פּלעצער, די פּאַרוויסטע גאַסן און גיין אין דער ריכטונג פון פּרושקאָוו. וואַרשע ווערט אויסגעליידיקט פון מענטשן. וואַרשע ווערט אָפּגעמעקט פון דער ערד. אַלע מוזן אַוועק. ווידער זענען אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין די אַלערליי שאַנטאַזשיסטן, די אַלערליי דייטשישע מיטהעלפער. זיי האָבן גע־נישטערט אין די רייען, געזוכט אין דעם המון. ייִדן. ייִדן. דאָס וואָרט איז געלעגן אויף אַלעמענס ליפּן. מען האָט זיך געקוקט אין די פּנימער אַריין מיט פאַרדאַכט. דאָס אַנטפּלעקן אַ ייִד אין המון איז אויפגענומען געוואָרן מיט גלייכגילט פון די אַרומיקע און אָפט מיט דערלייכטערונג. מען האָט זיך געפילט אַליין זיכערער. גוט וואָס די דייטשן האָבן נאָך אַלץ צו טאָן מיט זשידעס, וואָס זיי זענען מיט די זשידעס באַשעפטיקט. דאָס וועט אָפּווענדן דעם צאָרן וואָס ס׳טראָגן אין זיך די זיגער צום ווידערשפּעניקן. די געפאַלענע פּאָליאַקן האָבן זיך געטרייסט — דאָס איז געווען די טרייסט פון באַשפּיגענע און געטראָטענע, וואָס עס זענען דאָ נאָך מערער באַשפּי־

גענע און געטראָטענע — די וואָס מען דערשיסט גלייך אויפן אָרט. הייסט דאָס אַז אונדזערע יידן זענען ניט אַזוי גרויס, אַז דער דייטש ווייזט אַרויס צו אונדז, פּאָליאַקן, אַ לייטזעליקייט, אַז ער האָט אונדז ניט געשליידערט, ניט געקוקט אויף זיין זיג, צום סאַמע אָפּגרונט אין וועלכן ער שליידערט די ייִדן.

די איינציקע וואָס האָבן ניט געפֿאָלגט דעם באַפֿעל פֿון שטאַב פֿון די אויפשטענדלער אָפּצוגעבן דאָס געווער און אַוועקגיין אין געפֿאַנגענשאַפֿט זענען געווען די ייִדן. זיי האָבן אין די חורבות איינגעאָרדנט קליינע פּאַרפּעסטיקטע בונקערס און געהערשט אין די נעכט איבער דער וויסטעניש.

— שמעון גראָס וועט ניט אָפּטרעטן — האָבן גערעדט צווישן זיך די פּאָליאַקן — ער וועט בלייבן אויף די חורבות. זיי זענען געווען זיכער אַז ער לעבט, אַז ער איז דאָ אין וואַרשע און זאַמלט אַרום זיך לעבן־געבליבענע ייִדן, אויך די וואָס זענען באַפֿרייט געוואָרן אויף גענשאַ־גאַס פֿון דייטשישן לאַגער.

אויפן לײדיקן שטח פֿון געטאָ האָבן די אַלייִרטע אַראָפּגעוואָרפֿן, אין די לעצטע טעג פֿון אויפשטאַנד, זעק מיט עסן. דאָס איז שוין אָבער געווען אַ הפקר־שטח צו וועלכן די אויפשטענדלער האָבן ניט געקענט דערגרייכן. אין די נעכט האָבן די באַוואָפֿנטע ייִדן געזוכט צווישן די חורבות די זעק מיט פּראָוויאַנט. זיי האָבן עס געטאָן אין די פֿינצטערסטע נאַכט־שעהן. די זעק זענען געווען צעפֿליקט און די שפּייז־פּראָדוקטן צעשאָטן איבער דעם שטיין־ברוק. אויף טייל ערטער האָבן געטליִעט וואָלקנס רויך. מיט אַ טאָג פֿריִער האָבן דייטשישע עראָפּלאַנען געוואָרפֿן צינד־באָמבעס. זעט אויס אַז זיי האָבן באַמערקט סימנים פֿון די פּאַראַשוט־אַראָפּוואַרפֿן. די רויך־וואָלקנס האָבן איצט פֿאַרדעקט די באַוועגונגען פֿון די מענטשן און אונטערן רויך־פֿאָרהאַנג האָבן זיי צונויפֿגעקליבן די סוכאַרעס, די שאַכטלעך קאָנסערוון און זיי געזאַמלט אין די באַהעלטענישן.

וואַרשע האָט זיך אויסגעליידיקט פֿון איינוווינער. די דייטשישע עראָפּלאַנען זענען געפֿלויגן איבער דער שטאָט און אָבסערווירט דאָס אַוועקגיין פֿון דער באַפֿעלקערונג. זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט זיך נידעריק און געהאַנגען איבער דער שטאַרבנדיקער שטאָט.

ביינאַכט איז אויסגעבראָכן אַ שיסעריי ביי די ברעגן פון דער ווייסל. פון ביידע זייטן האָט מען זיך געוואָלט דורכרייסן. פון דער מערבדיקער זייט האָט ווידער געמאַכט אַ פּרוּוו אַ קליינע גרופּע, צווישן זיי ייִדן. זיי האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער ווייסל אַריין אויף פישער־שיפלעך. די דייטשן האָבן געעפנט אַ פייער. אין דער זעלביקער צייט האָט זיך געשלייכט אַ גרופּע פון דער פּראַגער זייט וואָס האָט געוואָלט דערשלאָגן זיך צום מערב־ברעג. די סאָוועטישע וואַך האָט געעפנט אויף זיי אַ שטאַרק פייער. דאָס זענען געווען די אַנטלויפערס פון דער סאָוועטישער זייט קיין וואַרשע. ס'שיסעריי האָט אָנגעהאַלטן ביז די שאָטנס אויף דער ווייסל זענען פאַר־שוווּנדן.

די דייטשן האָבן זיך אין די נעכט צוריקגעצויגן פון די חורבות. זיי האָבן נאָר באַוואַכט די הויפּט־אַרטעריעס דורך וועלכע עס איז דורכגע־גאַנגען דער וועג פון צפון וואַרשע קיין דרום און פון מערב ביז דעם ווייסל ברעג. דער איבעריקער שטח איז אין דער נאַכט געוואָרן הפקר. די גאַנצע וואַך איז קאָנצענטרירט געוואָרן, נאָכן דערשטיקן דעם אויפשטאַנד, ביי דעם ווייסל־ברעג. דאָס פרעמדע הילפס־מיליטער איז באַוואַכט געוואָרן פון עסעס־גרופּן. טייל באַטאַליאָנען פון די רוסישע און אוקראַיִנישע אַריבער־לויפערס און געפאַנגענע זענען אַנטוואָפנט געוואָרן און אָפּגעשיקט קיין דייטשלאַנד. די נייע יאָרגענג וואָס זענען נאָר־וואָס מאָביליזירט געוואָרן אין דייטשלאַנד, האָט מען איבערגעגעבן דאָס באַוואַכן די פאַרנומענע געביטן ביי דער ווייסל. אין וואַרשע האָבן זיי געזוכט מלחמה־שלל און שוין גאָר־נישט געטראָפן. די „וולאַסאָווצעס”, די „קאַמינשטשאַקעס” זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד, מיט אַלערליי ווערטזאַכן וואָס זיי האָבן אָנגעראַ־בעוועט ביי דער ציוויל־באַפעלקערונג. אין איינער פון יענע נעכט, נאָך דעם ווי עס איז פאַרשוווּנדן אַנטיפּס איינהייט, האָבן זיך אַריינגעריסן די יונגע מאָביליזירטע דייטשן אין די קאַשאַרן פון פרעמדן הילפס־מיליטער און מיט געווער אין די הענט אָפּגענומען דעם רויב און זיך מיט דעם פאַרמעגן אַליין געטיילט. אַ טייל פון הילפס־מיליטער האָט דעזערטירט. די באַנדעס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין דעם פּאַרוויסטן וואַרשע אין עסעס־קליידער, גענישטערט אויף די וועגן און אַז ס'האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט זענען

זיי באַפֿאַלן וואַכפּאָסטנס, באַפֿאַלן היימלאָזע, אַנטלויפֿנדיקע פֿון דייטשישע צעשיסונגען, באַפֿאַלן ייִדן, זיי האָבן געזויפֿן, געשיכּורט, פֿאַרגוואַלדיקט און אין שיסערייען מיט פּוילישע פּויערים זענען אַ סך פֿון זיי אומגעקומען. אַ טייל האָט זיך אָבער דורכגעריסן אַ וועג קיין דייטשלאַנד און אין דעם וואַנדערוועג געזייט פֿאַרוויסטונג און טויט. דאָס זענען געווען די מאַראָדערן פֿון דער דאָזיקער מלחמה.

עס האָבן זיך געשטעלט שיינע האַרבסט־טעג — די געשענקטע טעג פֿון גאָלדענעם פּוילישן האַרבסט. פֿאַר טאָג איז די ווייסל ווי געשליפֿענער בורשטין און אין די אָוונטן — ווי גרינער פֿאָספֿאָר. די הימלען זענען הויך און דורכזעעוודיק און עס דוכט זיך, אַז דאָס מענטשישע אויג איז בּיכולת איצט צו זען אָזש דעם זיבעטן הימל, גענוג נאָר אויפֿצוהייבן דעם קאָפּ צו גאָטס הייכן.

פֿאַר מנחמען זענען דאָס אָבער געווען טרויעריקע קאַזאַרמע־טעג. אפֿשר די טרויעריקסטע זייט ער האָט ווידער דערזען די ווייסל.

— דאָרט האָט זיך אַלץ געענדיקט. — האָט אים נעכטן עמעצער אַרייַנגעשעפּטשעט אין אויער און באַרירט מנחמס אַקסל. יענעמס ציטערנ־דיקע שטים וויברירט נאָך איצט אין מנחמען. ער פֿילט איר ווי מען פֿילט דעם געציטער פֿון מוסקלען נאָך אַן אויפֿרייס.

און אַז ער האָט געהערט דאָס ווייטע נאַכט־שיסעריי פֿון יענער זייט ווייסל איז אים אויסגעקומען אַז דאָס פֿייער איז געצילט אין זיין האַרץ אַריין. איצט קומען דאָרט אום נאָר ייִדן, די וואָס זענען פֿון דער שטאָט ניט אָפּגעטראָטן. דאָרט שטאַרבן ייִדן. אויף די וואַכפּאָסטנס איז ער אַרומגע־גאַנגען אַן אָנגעשפּיצטער. ער האָט געדריקט ביז ווייטיק דעם אויטאָמאַט און פֿאַרביסן די ליפּן. אויף דעם געלעגער איז ער געווען אומרויִק. ער האָט זיך מער ניט צוגעהערט צו די געשפּרעכן פֿון די סאָלדאַטן אויף די פּריטשעס ערב דעם איינשלאָפֿן, ניט מיטגעלאַכט, און אַז אין די פֿרייע שעהן האָבן זיך קאָמפּאַניעס זעלנער געלאָזט צו די זייטיקע פּראַגער געסלעך מיט אַ האַרמאָשקע איז מנחם געבליבן אַליין אין דער קאַזאַרמע.

— מיכאַיִלן איז באַפֿאַלן דער ניט־גוטער — האָט געזאָגט לאַטישעוו.

— וואָס טרויערסטו זונעלע? אַזעלכע באַביאָנקעס גאָלדענע און דו?

אַזוי האָבן זיך געצויגן טעג.

מען האָט אָנגעהויבן מנחמען אויסצומיידן.

— לאָזט אים, ער טרייבט אָן אויף אונדז אַזאַ אומעט אַזש ס'ווילט זיך וויינען.

ער איז געשטאַנען איינער אַליין און געקוקט צו די פּאַרנאַכטיקע הימלען. אַ טשאַטשע פייגל האָט זיך געטראָגן פון מיזרח קיין מערב. די טשאַטשע איז געפלויגן נידעריק איבער די דעכער. עס האָט אויסגעזען ווי אַ שוואַרצע כמאַרע וואָלט צעפיצלט געוואָרן פון אַ בייזן שטורעם. די שוואַרצע פייגל האָבן אָנגעיאָגט אַן אומעט וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אימה. עס האָט געשראָקן די נאַכט וואָס דאַרף צופאַלן איבער דער ווייסל.

ער איז איינזאַם געווען סוף האַרבסט ביי דער ווייסל, איינזאַם אין די קאַשאַרן און נאָך איינזאַמער אין די שמירה־נעכט.

אין די טעג האָט ער געצייכנט. דאָס איז געווען אַן אימפּעטיק צייכענען אויף אַלערליי פּאַפּירן וואָס זענען אים נאָר אַריינגעפאַלן אין די הענט. ער האָט געצייכנט מיט בליי, מיט אַ פּען, מיט שטיקער קויל. די סאָלדאַטן פלעגן אים אַרומרינגלען און קוקן אויף די האַסטיקע און קורצע שטריכן, אויף די אָפּגעהאַקטע, צעריסענע, און פון די אַלע צייכנס האָט זיך מיט אַ מאָל אויסגעפורעמט אַ פּנים, אַזאַ היימיש און אייגן פּנים.

— עך, פאַטערלעך הייליקע, ווי אַזוי ער מאַכט דאָס ? ווי סקלאַדנע. וואָס פאַראַ הענט דער מיכאַיל האָט, אַזעלכע טייוולשע.

נאָר אין די ערשטע טעג האָבן זיי אים אַזוי באַוווּנדערט, דערנאָך איז ער געזעסן אַליין און געצייכנט. אָט איז די ווייסל מיט די אָרעמס פון אויפגעריסענע בריקן און ווי פון אַ נעפּל שיילט זיך אַרויס די שטאָט. ס'איז פאַר טאָג, דער טייך איז קלאָר, דער הימל הויך, ריין. אויף אַ צווייטער צייכענונג זעט מען די ווייסל ביינאַכט, אַ צעשניטענע פון רעפלעקטאָרן, איין ברעג איז פאַרטונקלט מיט קוסטעס, מיט גראָזן ; דער צווייטער ברעג איז באַלויכטן פון פלאַמען. און אָט איז ווידער די ווייסל — אַן אויפגערודערטע, אַן אויפגעשטורעמטע, ווי די וואַסערן וואָלטן זיך געריסן צו די הימלען. און אָט זענען ביימער מיט צעריסענע קרוינען, מיט צע־

שפּאַלטענע שטאַמען, ערגעץ איז געבליבן אַן איינזאַמער אַקער אויף אַ פעלד. דער אַקער איז שוין האַלב־פאַרוואַקסן מיט בוריאַן. און ווידער חורבות, חורבות פון גאַסן, פון מערק, דענקמעלער צעוואָרפענע, באַריקאַדן צעטראָטענע, לעצטע פאַרטיידיקער — — אַ גראַנאַט־שליידערער מיט אַ יידיש פּנים אין אַלטשטאָט — — אַ יידיש מיידל אַ געטאָ־קעמפערין, איצט שלייכט זי אין אַ וויסטעניש פון אויסגעברענטע הייזער — — און באַלד, נאָך דער צייכענונג, גאָר עפּעס אַנדערש: דער מיזרח־ברעג פון דער ווייסל — סאָוועטישע סאָלדאַטן באָדן זיך אין טייך — — — מען שפּילט אויף אַ האַרמאָשקע — — אַ קאַווקאַזער טאַנצט — — אין די קאַשאַרן אויף די פּריטשעס — — אַ געמיטלעכער שמועס פון צוויי זעלנער — — סאָלדאַטן אין פויערישע כאַטעס — — אַ יונגע פויערטע מיט רוסישע זעלנער — — צעשמייכלטע פּנימער — — און מיט אַ מאָל אַ צייכענונג פון פּוילנס באַטשנע וועגן, די בלאָטיקע, די מיט ווערבעס און איבער זיי אַ שאָטן פון אַ ייד. — — טשאַטעס קראָען איבער טרויעריקע הימלען — — יידישע גאַסן פון וואַרשע — — די שמאָלע מילע — — אַ גאַסן־פאַרקויפער — — אַ ייִנגל אַ בייגל־הענדלער — — און די אַלע צייכענונגען מישן זיך אויס מיט פּנימער, צענדליקער פּנימער פון רוסן; אָט איז אַבילעוו, ראַביצעוו, מוסאַ און אָט דאָס פּנים פון כאַטשאַפּן מיט די שטעכיקע אויגן.

ווידער רעגנדיקע טעג. טעג מיט נעפּלען אין די פאַרטאָגנס, מיט נעפּלען אין די פאַרנאַכטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שפּעטע האַרבסט־ווינטן, די לעצטע קליאַן־בלעטער, די ברוין־רויטע האָט דער ווינט געטריבן איבער די וועגן. די קוסטעס, די וועלדלעך — אַלץ איז געוואָרן גראָ און נעפּלדיק־לייכט. געדוכט האָט זיך אַז אָט־אָ די אומעטיקע גראָקייט וועט צערונען ווערן אַזוי ווי די וואָלקנס און עס וועט בלייבן נאָר אַ חלל. ניט קיין ערד און ניט קיין הימל, ניט קיין וואָלקן און ניט קיין טייך, נאָר אַן אויסמישעניש וואָס האָט ניט קיין נאָמען.

אין דעצעמבער זענען געפאַלן שנייען. צוערשט אַ פייכטער געלער שניי וואָס איז גלייך צעטייעט געוואָרן. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די קעלטן. ווידער שנייען אויסגעמישטע מיט בייסיקע דריבנע רעגנס. אין פאַרטאָגס איז די ערד פאַרצויגן געווען מיט אַ גלאָזיק אייז, אַ בלאָלעך־

גראָער, אַ געשליפענער. אין די מיטאָג־שעהן האָט געטייעט.

אין יאַנואַר האָבן זיך געשטעלט פרעסט און עס זענען געפאַלן פוכיקע שנייען.

די ווייסל־ברעגן זענען נענטער געוואָרן. די שניי־ווייסקייט האָט זיי דערנענטערט.

אין אַזאַ יאַנואַר־טאָג האָט מנחמס איינהייט דערגרייכט וואַרשע.

עס האָט געבושעוועט אַ שניי־זאַווערוכע. די שאַרפע שנייען האָבן געבריט דאָס פּנים און געפּראַשעט די אויגן.

די חורבות פון דער שטאָט זענען געלעגן אונטערן שניי. אַפילו די אויסגעקרימטע שוואַרצע אייזנס, די סטערטשנדיקע זיילן, די אויסגעבערענטע פענצטער־לעכער און די הפקרדיקע טירן ווי די היילן אין בערג, האָבן איצט קיינעם ניט געשראָקן. די זאַווערוכע האָט דאָס אַלץ אויסגעמישט מיט די הימלען, מיט דער פאַרשנייטער ערד, מיט די פאַרשנייטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער דער טויטער און ווייסער שטאָט.

מנחם גייט מיט אויפגעריסענע אויגן. די שנייעלעך טייען ניט אויף זיינע ליפּן, ניט אויף דעם פּנים. עס ווייעט פון אים מיט קעלט. אים דוכט זיך, אַז ער איז אַ שפּליטער פון אַן אייז־קריע וואָס דער שטראָם טראָגט איבער אַ הפקר־טייך.

דאָס אַרטילערישע פייער ווערט נענטער און נענטער. פון יענע זייט חורבות טראָגט זיך אַ דראָבנע פויקעריי אַזוי ווי פון ווערבלען. ווייסע שאָטנס, באַוועגלעכע, פאַלן צו דער ווייסקייט פון די חורבות.

ווער גייט עס אים אַנטקעגן מיט אַ ווערבל־פויקעריי? אָ, ווי נאָענט עס איז שוין די פויקעריי! ווו זענען די אייגענע? לאַטישעוו גריגאָרי, ווו ביסטו? וואָלקאָוו, רוף זיך אָפּ! וואָס שווייגסטו, ראַביצעוו? — — —

מנחם קען ניט פאַרשליסן די אויגן. זיי טוען אים וויי. די שניי־נאָדלען שטעכן אים אויס די שוואַרצאַפּלען. ער גייט אָבער אַלץ פאָרויס. עמעצער שרייט. מען לויפט אים נאָך. ער קען זיך אָבער ניט אומקערן און ניט אָפּשטעלן. — — —

ניין, דאָס איז ניט קיין געשריי פון אייגענע, דאָס איז דאָס געוואָר פון דער שניי־זאַווערוכע — — —

קיינער רופט אים ניט, קיינער לויפט אים ניט נאָך. דאָס לויפן אַזוי די שאָטנס אין שניי — ווייסע שאָטנס פון אַ ווייסער שטאָט. — — —

— מי—כאַ—אַ—אַ—י—ל — — — —

ווער רופט מיך? ווער? פון וואַנען נעמען זיך פלוצעם וואָלקנס אַזוי נידעריק איבער דעם קאָפּ? איז דער הימל אַראָפּגעפאַלן? איז עס אפשר נאָר אַ נעפּל? בליצט עס דען אין אַ שניי־שטורעם? ווער וויל דאָס צערייסן די ווייסע שטילקייט איבער מיין קאָפּ? — — —

מנחם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ קליין פאַרשנייט בערגל. דער־נאָך האָט ער זיך אַראָפּגעקייקלט פון בערגל און געבליבן ליגן צווישן פאַרשנייטע שטיינער. מיט די הענט האָט ער אַוועקגעשאַרט דעם שניי און דערפילט שפּליטערס פון גזימסן. ער האָט געריסן דעם שניי און געוואָרפן אים אָן אַ זייט. עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אים אַ גיפּסענער קראַנץ פון בלעטער אויף אַ זייל. זיינע פינגער זענען פאַרהילצערט געוואָרן. ער האָט מיט די פינגער־שפּיצן באַרירט די בלעטער און עס איז אים אויסגעקומען אַז זיי וואַרעמען אים. דערנאָך האָט ער געהערט ווי זיינע פינגער פויקן־אָפּ אין שטיין. און עס איז אים געוואָרן אויסטערליש גוט. — — —

— — — פון אוראַלער שאָכטעס לויפט אַ צוג. ער לויפט איבער פאַרשנייטע פעלדער. נאָך מיטאָג טייעט דער שניי — — — פון אַ בוים טריפן טראָפּנס, דער שניי אַרום בוים ווערט פול מיט געלע פּאָקן־גריבלעך — — — מאַרפאַ מיטן ווייסן שאַל דרייט זיך איינע אַליין אַרום אויפן אוראַלער וואָקזאַל — — — כאַטשאַפּ לאַכט מיטן זשאַווערדיקן פּרצוף. אַנטיפּ איז פאַרכמורעט און פון זיינע שפּיזיקע אויגן לויערן אַרויס היענעס — — — אַבילעוו וויינט אין די נעכטעלעך. ער וועט שוין מער ניט זען זיין ווייב פון דאָרף שאַרינינאָוו נעבן קאַזאַן און ניט די דריטע כאַטע זיינע פון עק דאָרף — — — ראַביצעוו וועט ניט צוריקקומען צו זיין דאָרף לעבן פּערם און לאַטישעוו וועט פאַרלאָרן גיין אויף די פרעמדע פּוילישע פעלדער — — — מנחם קוקט אַרויס פון צוג וואָס לויפט פון אוראַל צום פראָנט. ער האָט אויסגעטרונקען מיט שאַריפּיגען — — — העי, איר אָרעמע און אומגליקלעכע, וואָס אייער חלום איז צו הערן דאָס זידן פון היימישן סאַמאָוואַר! — — — פּאַד גאָראָדאָם וואַרשאַוואַי — — — ווער זינגט דאָס

אין מיטן דער שניי־וויוגע? לאָזט מיך דאָ, אויף די חורבות! וווהין פירט איר מיך... איך בין דאָך ענדלעך אָנגעקומען אויפן אָרט... פון דאַנען בין איך געלאָפן אין דער וועלט אַריין... פון דאַנען האָט מען מיך פאַרטריבן... דאָ איז מיר גוט, צווישן די גזימסן אונטערגעבעט מיט שניי אויף היימישער ערד... נעמט אַוועק די נעפּלען פון מיינע אויגן, פאַרטרייבט די כמאַרעס! ווי נידעריק זיי שפּרייטן זיך... פון וואַנען דער טונקעלער פלעק אויפן שניי? איז דאָס בלוט! — — —

אין פּראַגער שפּיטאָל.

עמעצער רעדט צו מנחמען. דאָס איז אַזאַ ווייטע שטים ווי זי וואָלט געקומען פון יענער זייט טייך, ווי מען וואָלט גערעדט צו אים אין אַ חלום. ער פילט נאָר גוטע און מילדע הענט אויף זיין שטערן. מען האָט זיך איבערגעבויגן איבער זיין בעט. אַרום איז שטיל. מען שעפּטשעט צו אים, דאָס איז אַ חלום. דער חלום איז אַזוי ווייט. הינטער מאָסקווע. אין אַ דאָרף אַ פאַרשנייטן. ער וועט ניט עפענען די אויגן. ער האָט מורא אַז עס וועט פאַרשווינדן די זעונג. זאָל עס דויערן. זאָל עס אָנהאַלטן. דאָס איז אַנבאַ. דאָס איז איר קול.

מיט אַ מאָל איז געוואָרן ליכטיק. מנחמען איז אויסגעקומען אַז די בלעטער אויף דעם גזימס וואָס ער האָט אויסגעגראָבן פון שניי ווערן וואָס אַ מאָל גרינער און גרינער.

ביכער פון זעלבן מחבר

1. די שטילקייט מאַנט, לידער, לאָדזש, 1945
2. ירושה, לידער, רעגענסבורג, 1947
3. אדם באהל, סיפורים, עם עובד, תל־אביב, 1952
4. אויפגעוואַכטע ערד, דערציילונגען, פאַרלאַג „די גאָלדענע קייט״, תל־אביב, 1953
5. בכפר נטוש, רומן, פאַרלאַג קיבוץ המאוחד, תל־אביב, 1953
   „ „ „ ספריה לעם, צווייטע אויפלאַגע, 1956
6. אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף, ראָמאַן, פאַרלאַג „קיום״ בוענאָס־איירעס, 1954
7. בשערי מוסקווה, פאַרלאַג עיינות, תל־אביב 1955
8. En una aldea abandonada (שפּאַניש), ראָמאַן, בוענאָס־איירעס, 1956
9. ביי די טויערן פון מאָסקווע, פאַרלאַג, יידישער קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1956
10. נאַכט איבער גלושינאָ, פאַרלאַג, פּרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב, 1957